This material was made publicly available by the

# Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

**https://yiddish-culture.com**

© The Heritage Projects Foundation

*This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:*

info@yiddish-culture.com

**© The Heritage Projects Foundation**

# סאָוועטיש

8 1972

# היימלאַנד

# סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כּודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון ס ס ס ר

דערשײַנט פֿון 1961

פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

אויגוסט

8

1972

БИБЛИОТЕКА
ДОМА ЕВРЕЙСКОЙ КНИГИ
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

# אינהאַלט


זײַט

מאַזי קאַבריאַנסקי. וועלוועלע גאוריִעלס (לעבנס־געשיכטע אין דרײַ אקטן). צייכענונגען פון ה. אינגער 3

## פון דער הײַנטצײַטיקער ייִסראָעל־ליטעראַטור

רוט לעווין. צי שווײַגן די מוזעס? 37
אריע דעקער. געווען איז מילכאָמע און אנד. לידער 45
יעהודע אמיכײַ. אוי, שטאַרבן וויל איך אין מײַן אייגן בעט. — לויט דער פולער שטרענגקײַט — מאָס פון גנאָד (לידער) 46
אווראַאַם כאַלפי. דאָס פײַער שעפּטשעט. — די ליד וועגן האַרבסט און בוים (לידער) 47
מייער וויזילטיר. ראַיִסע מאַרקאָווגע (ליד) 48
מאָרדכע אַווי־שאול. די גאָלדענע סאַזשלקע. — א מאָדנער הונט. — דער קוילן־ברענער (דערציילונגען) 49
אמאָס אָז. מײַן מיכאָעל (א פראַגמענט) 67
עפראַיִם אײַזיקאָוויטש. ווי שיין וואָלט געווען (ליד) 75
מאָשע באַרזילײַ. דאָס פאַרלוירענע קאָל (ליד) 75
אמיר גילבאָא. צווישן מײַנע דערנער. — אומעטום (לידער) 76
יאַקאָוו ראַטבליט. צום זון (ליד) 77
יעשוע שפּיגל. די יערושע (דערציילונג) 78
ייִצכאָק אָרפּאַז. די געזעגעניש באַם ברעג (פראַגמענטן פונעם בוך „דאַניִעלס רײַזע") 84
אכיִעס נויף. צו מײַנע פרײַנט־אַראַבער (ליד) 92
אנאַדאַט עלדאַן. דײַן הויז רויִנירט (ליד) 92
יאָנאַטאַן געפּען. א טרויעריקע ליד 93
אייבי. „צו אלע אומעטן..." (ליד) 93
כאַנאַך לעווין. שיינע מינוטן. — די צען געבאָטן... (לידער) 94

---

שמועל גאָרדאָן. אפן גליטש (דערציילונג. סאָף). צייכענונגען פון וו. לעווינזאָן 95
אווראָם גאָנטאַר. א שטערן אין יאַם און אנד. לידער 140
כאַיִם מעלאַמוד. מאָל אָן דײַן זיידן... טריבונע פון לעבן 144
מאָטל גרוביאַן. לעצטע לידער 155
שיקע דריז. דורך זיבן טויטן (וועגן מאָטל גרוביאַן) 160
מוישע אלטמאַן. געזאַנג אין שטורעם 162

## ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפיע.
## פראַגן פון קונסט

אַרן ווערגעליס. די ייִדישע ליטעראַטור טאָר מער ניט זײַן קיין פעלד פאַר דעם קאַלטן קריג 165
קורצע רעצענזיעס 173
יורי גערטשוק. מייער אַקסעלראָדס שאַפונגס־וועג 177
עס ווערט פאַרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָנגעהויבן. אלפרעד גראַנט (פּאַריזש). די צײַט וועט באַווײַזן 182
דאָס איז טשיקאַווע. יאַנקעוו גינעווסקי. טולפּאַנען צופוסנס פונעם לעניִן־דענקמאָל 184
פאַרשיידנס 186
כראָניק 183, 185, 188, 189
פון אונדזער פּאָטאָ־אַרכיוו 190
נאָטיצן אפן קאַלענדאַר 192



הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

אי. באָרוכאָוויטש,
א. גאָנטאַר, ש. גאָרדאָן,
ט. גען, נ. לוריע, מ. לעוו,
כ. מאַלטינסקי, ב. מילער,
כ. מעלאַמוד, ס. פריי.

פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר

י. טשיטשעלניצקי

אַלי קאַבריאַנסקי

# וועלוועלע גאָווריִעלס

## לעבנס־געשיכטע אין דריי אקטן

**פּערזאָנען:**

וועלוועלע גאָווריִעלס, 63 יאָר.

בערטע, 40 יאָר } זײַנע טעכטער.
גוסטע, 39 יאָר }

אַרקאַדי — גוסטעס מאַן, 42 יאָר.

בערטשיק — זייער זון, 18 יאָר.

מומע סאָסיע — א שכיינע, 56 יאָר.

עטעלע — איר אייניקל, 17 יאָר.

סימכע — אַרבעט צוזאַמען מיט וועלוועלע גאָווריִעלס, 45 יאָר.

דאָנוש — א יוגאָסלאַווישער סטודענט, 18 יאָר.

## ערשטער אקט

א גרויסער צימער אין אַן אַלט פּילשטאָקיק הויז. אינעם רעכטן ווינקל — א קאַמין, אין־מיטן צימער שטייט א גרויסער טיש אויף דיקע געטאָקטע פיס. אַרום טיש — בענקלעך מיט הויכע ווענטלעך. אין צימער איז נאָך פאַראַן א שראַנק, אַן עטאַזשערקע. צווישן דעם דאָזיקן אַלטמאָדישן מעבל האָבן ווי פאַרבלאָנדזשעט צוויי מאָדערנע נידעריקע שטולן, א זשורנאַל־טישל, וואָס איז פאַרוואַלגערט מיט ביכער, העפטן. צווישן די אַלע זאַכן שטייט א מאַגניטאָפאָן. אין איין שטול זיצט בערטשיק, אויף זײַנע אונטערגעשטעלטע קני ליגט א דיקער העפט, אין וועלכן ער שרײַבט עפּעס אַרײַן. ער ברומט מיט א ניגנדל מאַ־טעמאַטישע טערמינען. פאָרזיכטיק עפנט זיך די זײַטיקע טיר, און עס גייט אַרײַן וועלווע־לע גאָווריִעלס. ער איז אין אויסגעפּרעסטע הויזן, אָבער אָן א פּידזשאַק. דער זשי־ליעט האָט שטײַף אײַנגעצויגן זײַן קערפּער. וועלוול לאָזט זיך אויף די שפּיץ פינגער צום בענקל, וואָס שטייט לעם דער עטאַזשערקע. דאָרטן אויפן ווענטל פונעם בענקל הענגט זײַן פּידזשאַק.

**בערטשיק.** זיידע, מיינסט, איך האָב ניט געהערט ווי דו ביסט אַרײַנגעגאַנגען?

**וועלוול.** זאָל זײַן שטיל, טו זיך דײַן אַרבעט, איך גיי באַלד אַוועק.

**בערטשיק.** א קלוגיטשקער, ווויל מאַכן די פּלייטע. (לאָזט זיך גיין צום זיידן.) און אַז איך וויל אויף דיר א קוק געבן, איך האָב דאָך אַזוי לאַנג דיך ניט געזען.

וועלוול. אוי־וואַ, ניט געזען עפּשער אַ שאָ מיט אַנדערהאַלבן מינוט. האָסט שוין פאַר־
געסן, אַז הײַנט אינדערפרי האָב איך דיך אוועקגעלייגט אָף ביידע לאָפּעטקעס?

בערטשיק. דו מיך? און ווער האָט זיך באַ מיר געבעטן, כ׳זאָל אים אַפּלאָזן? ווער האָט
געשריגן, אַז מע גיט זיך אונטער?

וועלוול. נו, שאַ, שאַ, דו ביסט מיך בײַגעקומען, דו. זאָג מיר בעסער, האָסט מײַן פינ־
גערוט אין ערגעץ ניט באַגעגנט?

בערטשיק. וואָס דאַרפסטו דעם פינגערוט, הײַנט איז דאָך אַ פרײַער טאָג?

וועלוול. אַפילו ווען איך גיי אין טעאַטער, האָב איך ליב, אַז דער מאַזיק זאָל ליגן באַ
מיר דאָ אין זשיליעט־קעשענע, און אויב ניט, בין איך ניט מיט אַלעמען. איך פיל, אַז עפּעס
גייט מיר אָפּ. (זוכט אין די זשיליעט־קעשענעס און געפינט דעם פינגערוט אין דער רעכטער
הויזן־קעשענע.) אָט איז ער, דער דיבעק־שעבעדיבעק. איך לייג אים טאָמיד אַהער (ווײַזט אָף
דער זשיליעט־קעשענע), און ער, דער אַקשן, קריכט איבער אין די הויזן־קעשענעס, זוכט אַ
גראַמע וווינונג. נו, געגנוג צו פּלוידערן. מיט דער צונג וועסטו קיין פּוטער ניט אויסשלאָגן.
בערטשיק, נעם זיך בעסער צום לערנען...

בערטשיק. דער קאָפּ איז מיר שוין געשוואָלן געוואָרן, מיר ווײַזט זיך אויס, אַז די
ציפערן זײַנען געזאַלצן, געפעפערט און די איקסן מיט די איגרעקן זײַנען זיך צעלאָפן און מיר
קלעקט קיין צײַט ניט צונויפקלײַבן זיי.

וועלוול. אַ פוילער האָט שטענדיק קיין צײַט ניט. בערטשיק, פאָלג מיך און טרייסל
אויס די שטיינער פון די אַרבל, אַניט וועסטו זען דעם אינסטיטוט ווי דײַנע אויערן.

בערטשיק. אָבער ס׳איז דאָך שווער מיט רוכעס, זיידע.

וועלוול. דיר ווײַזט זיך אויס, אַז אין דײַנע יאָרן איז מיר געווען גרינגער. איך האָב
שוין דעמלט געדאַרפט צושנײַדן אַ גאַרניטער, די אַרבל זאָלן זיך אַרײַנפּאַסן אין דער פּאַכווע
אָן אַ מינדסט קנייטשעלע, און איך האָב אַלץ געטאָן אָפּן אויג.

בערטשיק. צוגעגלײַכט אָן אַרבל צו אָן אופגאַבע, וואָס
דאַרף באַווײַזן, ווו עס געפינט זיך אַ נײַער, ניט קיין אַנטדעק־
טער שטערן.

וועלוול. נעם זיך נאָר ניט איבער, טאַטע מײַנער, דו
זאָלסט וויסן זײַן, אַז אַ פוסטער זאַנג פאַרײַסט דעם קאָפּ צום
הימל, דו גיי בעסער האַרט באַ דער ערד, רעד ווינציקער, וועסטו
מער הערן.

בערטשיק. ווען דער טאַטע זאָל זײַן אין דער היים,
וואָלט ער מיר געהאָלפן, דאַרף ער גאָר אײנמיטנדערינען אוועק־
פאָרן. ער וואָלט געקענט אָפּלייגן די קאָמאַנדירונג אָף אַן אַנ־
דערס מאָל.

וועלוול. מיינסט, אַז דײַן טאַטן וועט זײַן דאַרטן גרינג?
ער דאַרף פאַרטיידיקן אַ פאַרברעכער, וואָס האָט אָנגעטאָן אַזוי־
פיל שאָדן דער מעלוכע, אַז אים קומט דווירעס זײַן.

בערטשיק. איך ווייס. אָבער פון זינט דער טאַטע איז
אין דער היים ניטאָ, ווײַזט זיך מיר אויס און עפּשער כאָלעמט
זיך מיר, אַז ער גאַנוועט זיך אַרײַן אין שלאָפצימער, זאָגט גאַרניט און גייט אַרויס צוריק.
נאָר ווען איך עפן אוף די אויגן, זע איך גאָר, ווי דו, זיידע, שטייסט לעם מײַן בעט. זאָג דעם
עמעס, איך בין טאַקע ענלעך אָף דײַן דאָווידן, צי עפּשער ווײַזט זיך דיר אויס, אַז דאָס שלאָפט
דײַן זון, ניט דײַן אייניקל.

וועלוול. יאָ, טאַטע מײַנער, ס׳איז אַ וווּנד, וואָס יאָטרעט זיך און וויל ניט פאַרהיילט
ווערן. די באָבע דײַנע האָט ניט געקענט איבערלעבן די צאָרעס. איז ווען איך ווייס כאָטש,
ווו דײַן פעטער דאָוויד איז געפאַלן! וווהין מיר האָבן ניט געשריבן, איז דער ענטפער געווען
איינער און דער זעלבער: „פּראָפּאַל בעז וועסטי“. און מיר גלייבט זיך עפּעס ניט, מיר ווײַזט
זיך אַלץ אויס, אַז...

בערטשיק. ס׳איז דאָך אַזויפיל יאָרן אוועק. ווען דער פעטער דאָוויד זאָל לעבן, וואָלט
ער זיך שוין פון לאַנג אָנגערופן.

וועלוול. איז זאָל מען מיר ווײַזן, ווו עס ליגן זײַנע ביינער.

בערטשיק. וואַרט אויס, אָט וועל איך אָפּגעבן די עקזאַמענעס, וועלן מיר צופאָרן אין
יענעם יישעוו, פונוואַנען דער פעטער דאָוויד האָט געשריבן דעם לעצטן בריוו.

וועלוול. איך בין שוין ניט איין מאָל געווען אין יענע מעקוימעס. פון הינטער קראָקעוו האָט ער אָנגעשריבן דעם לעצטן בריוו. דאָרט איז פאַראַן אָן א שיר קוואָרים, דענקמעלער, אָבער אונדזער דאַווידס קייוועֶר איז דאָרט ניטאָ.

בערטשיק. מיר וועלן דאַרפֿן נאָכאַמאָל צופֿאָרן אַהין, אָט וועסטו זען, מיר וועלן זיך עפּעס דערוויסן. זאָרג זיך ניט. (ער נעמט אַראָפּ דעם פּידזשאַק פֿונעם בענקל און העלפט וועלוולען אַרײַנקריכן אין די אַרבל.) אַנו, זיידע, לאָמיר זיך דערמאָנען דאָס לידעלע, וואָס דו האָסט מיך געלערנט. (זינגט.)

נו, איז וואָס זשע, אַז ס'איז ווינטער,
אַז אין שטוב איז קאַלט?
ניט געזאָרגט זיך, פֿריילעך, קינדער!
מ'איז דאָך ניט אין וואַלד.

(בערטשיק באַגלייט דעם זיידן צו דער טיר, גייענדיק, זינגען זיי שוין ביידע.)

זינג איך סײַוויסיי באַם נייען,
וויינען — ניט קעדײַ!
זאָל דאָס רעדעלע זיך דרייען,
אַלץ וועט גיין פֿאַרבײַ[1]. (וועלוול אָפּ.)

בערטשיק (קערט זיך אום צו זײַן טיש). א מאָדנער מענטש מײַן זיידע, ער האָט מיר אײַנגערעדט, אַז א פּוילער טוט צוויי מאָל און א קאַרגער צאָלט רעבע־געלט... (באַ בערטשיקן טוט א בליץ א געדאַנק.) דאַכט זיך, אַז דער ענטפֿער איז דאָ! (הייבט אָן אָפּגיך שרײַבן מיט א פֿינגער אינדערלופֿטן, ווי אַף א טאָוול.) אָט איז זי געלייזט, די אויפֿגאַבע. וואָס האָט געזאָגט, אַז וועלוועלע גאָווריַעלס אייניקל האָט א פֿאַרשטאָפּטן קאָפּ? אויב אַזוי, קומט מיר דאָך א קליין האַפּסאָקעלע, איצט וועלן די איקסן מיט די איגרעקן כאַפּן באַ מיר א טענצל. (שליסט אײַן דעם מאַגניטאָפֿאָן. ער זעצט זיך אַרײַן אין א שטול. אין טאַקט פֿונעם טשאַרלסטאָן גייען אַוועק אין גאַנג דעם באַכערס קני און אויך די עלנבויגנס.)

עס עפֿנט זיך די טיר, און עס באַווײַזט זיך א קאָפּ מיט צוויי ווײַסע סטענגעס אין די האָר. באַלד שפּרינגט טעטעלע אַרויס אַף דער בינע, טאַנצנדיק, דערנעענטערט זי זיך צו בערטשיקס טישל. טעטעלע שליסט אויס דעם מאַגניטאָפֿאָן. א פֿאַרוווּנדערטער קוקט זיך בערטשיק אַרום. דערזען דאָס מיידל, כאַפּט ער זיך אויף פֿון אָרט און צעשמייכלט זיך. ער טוט א ווונק צו איר, און זי ענטפֿערט אים אויך מיט א ווונק.

טעטעלע. דאָס ייִנגעלע איז, נעבעך, מיד. נימעס געוואָרן לערנען?

בערטשיק. ניין, ניט נימעס, מיר קומט מאַכן אָן איבעררײַס. איך דאַרף צונויפֿנעמען די געדאַנקען און זיי דורכשמועסן מיט א לידעלע.

טעטעלע. דערפֿאַר הייבט מען אויף א געפֿילדער איבער דער גאַנצער שטוב? מיינסט, איך דאַרף זיך ניט גרייטן צו די עקזאַמענעס? צי עפּשער טראַכסטו, אַז איך וואָלט ניט געוואָלט בעסער כאַפּן א טענצל, איידער זיצן און לערנען?

בערטשיק. עפּעס זע איך ניט, אַז דו זאָלסט זײַן שטאַרק אויפֿגעלייגט. עפּשער ביסטו די נאַכט שלעכט געשלאָפֿן?

טעטעלע. גוט געשלאָפֿן!

בערטשיק. פֿאַרוואָס זשע איז באַ דיר אַזאַ זויערע צורע?

טעטעלע. ווען דו האָסט אַזאַ באָבע, ווי איך, וואָלסטו שוין פֿאַרגעסן אין שלאָפֿן, דאָס גאַנצע לעבן וואָלט דיר נימעס־אומאָוועס געוואָרן.

בערטשיק. די באָבע האָט באַליידיקט טעטעלע־בלעטעלע? ווײַזט נאָר אַהער מײַן פֿאַנצער, מײַן שווערד! וועל איך גיין ווײַזן דער באָבע ווו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט.

טעטעלע. אױ־וואָ, אויך מיר א ריטער, ער ווייסט, נעבעך, ניט, אַז מײַן באָבע וויל נאָר, איך זאָל צונעמען די דאָקומענטן פֿונעם פֿיזקולטור־אינסטיטוט. זי זאָגט, אַז לויפֿן, שפּרינגען, גיין מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף דאַרף מען קיין אינסטיטוט ניט קאָנטשען. זי טײַנעט, אַז איך בין ניט קראַנק אָנקומען אין מעד־אינסטיטוט און זײַן א דאָקטער, ווי גוסטע וואָלאַדימיראָוונע, ווי דײַן מאַמע, הייסט עס.

---

[1] פֿון א. גאָנטאַרס ליד „די ליד פֿון א שנײַדער". מוזיק פֿון ל. יאַמפּאָלסקי („סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 11, 1970).

בערטשיק. אַ, מײַן מאמע איז אַ מענטש! אַנהייב פרילינג האָט זי מיר פּלוצעם פאַר־געלייגט, איך זאָל קומען צו איר אין שפּיטאָל, ווען זי מיר ווײַזן, ווי מע אָפּעריִרט.

עטעלע. האָסטו מיט דײַנע אייגענע אויגן געזען, ווי מע צעשנײַדט אַ מענטשן?

בערטשיק. ניט דאָס איז וויכטיק. איך האָב זיך דעמלט דערוווּסט, וועל מײַן מאמע איז, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי וויל, איך זאָל אויך ווערן אַ דאָקטער. עטעלע, ווען איך בין אַף דײַן אָרט, וואָלט איך אומבאַדינגט אַרײַנגעטראָטן אין מעד־אינסטיטוט.

עטעלע. און איך האָב געמיינט, אַז דו פאַרשטייסט, אַז קינסטלערישע גימנאַסטיק איז מײַן גאַנץ לעבן? דײַן מאמע איז טאַקע אַ מענטש, זי האָט געייצעט מײַן באָבען מיר ניט שטערן, זיך ניט אַרײַנמישן אין די דאָזיקע זאַכן.

בערטשיק. איך מיש זיך דען?..

עטעלע. דו ביסט ערגער פון מײַן באָבען. וויל זי, זאָגט זי, אַז איך בין ניט קליין זיך לערנען אַף אַ יוריסט און זײַן אַן אַדוואָקאַט, ווי דײַן טאַטע. די באָבע האָט מיר אַפילע אײַנ־גערעדט, אַז בא מיר איז דער צונג אַף שרײַפּעלעך און איך וועל גוט קאָנען האָקן אַ טשײַניק. ווי קאָן דאָס זײַן אַ צונג אַף שרײַפּעלעך?

בערטשיק (נעמט זי אָן פאַר די הענט העכער די עלנבויגנס). אַנו, עפן נאָר דײַן מײַלכל. (עטעלע ווײַזט בלויז אַ שפּיץ צונג.) ניין, קיין שרײַפּעלעך זעט מען ניט, נאָר אַ שאַרף פּײַלעכל יאָ, דאָס מעגסטו גלייבן דײַן אַלטן גוטנפרײַנט...

עטעלע. אויך מיר אַ גוטערפרײַנט! (דרייט זיך אויס פון זײַנע הענט.) ווען מיר זײַנען געגאַנגען אין ערשטן קלאַס, דעמלט ביסטו טאַקע געווען מײַן בעסטער כאַווער. געדענקסט, ווי מיר פלעגן זיך נעמען פאַר די הענטלעך און לויפן פײַל־אויסן־בויגן אין שול אַרײַן?

בערטשיק. פאַראַיאָרן, ווען דו ביסט שלאָף געווען, געדענק איך, האָסטו געוואָלט, אַז נאָר איך זאָל זײַן לעם דיר, האָסט ניט באַדאַרפט ניט די באָבע, ניט די מאמע דײַנע. האָסט געזאָגט, אַלע זאָלן העדן, אַז בלויז צוליב מיר ווילסטו געזונט ווערן.

עטעלע. איך געדענק זייער גוט. (זי גייט צו צו בערטשיקן.) איך האָב מיטן פינגער אַלעמאָל אָט אַזוי צוגעמאַכט דײַן רעכט אויג, נאָכדעם דאָס לינקע. (טוליעט זיך צו צו אים.)

בערטשיק. וואָס זשע הייסט עס? ווײַזט אויס, פון גרויס היץ ביסטו דעמלט געווען פאַרטראַגן, האָסט ניט געוווּסט, וואָס דו רעדסט און וואָס דו טוסט. (ער נעמט זי אַרום.) שאַ נאָר, עטעלע־בלעטעלע, טאָמער איז דײַן באָבע גערעכט? דײַן צונג איז, ווײַזט אויס, אַף שרײַפּעלעך, און עפשער אָט דאָס הייסט טאַקע האָקן אַ טשײַניק?

עטעלע. כאַ־כאַ־כאַ! אוי, מע קאָן פון אים ניט אויסהאַלטן.

בערטשיק. פאַרשטייט זיך, אַז מע הייבט אָן פירן באַקאַנטשאַפט מיט אויסלענדישע סטודענטן, פאַרגעסט מען אַפילע אין דער אייגענער מאמע.

עטעלע. וואָס טראַכסטו אויס?

בערטשיק. מיינסט, איך האָב ניט געזען? זאָג, ווער האָט דיך נעכטן באַגלייט ביז צו דער טיר?

עטעלע. אוי, אוי, אַ נעבעכל, ער מאַכט זיך, אַז ער האָט ניט דערקענט דאַנושן, פונקט ווי איך וואָלט אים ניט באַקאַנט מיטן יוגאָסלאַווישן סטודענט פונעם פיזקולטור־אינסטיטוט. זאָג, באַקאַנט דיך, צי ניט?

בערטשיק. נו, גוט, באַקאַנט.

עטעלע. און נעכטן נאָכן עקזאַמען האָט דאַנוש מיך געבעטן, איך זאָל מיט אים גיין זוכן זײַנע קרוויוים.

בערטשיק. אַ, אויב אַזוי!..

עטעלע. דו הער אויס, וואָס דאַנוש האָט מיר דערציילט. זײַן פאָטער, אַ רוסישער אָפיצער, שטאַמט פון אונדזער שטאָט. בעשאַס דער מילכאָמע איז ער אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן אין געפאַנגענשאַפט, מע האָט אים געבראַכט צו פירן קיין יוגאָסלאַוויע. דאָרטן אין לאַגער האָט ער אָרגאַניזירט אַן אונטערערדישע גרופּע און סאָפּקאָלסאָף זיך אַרויסגעריסן פונעם לאַגער און זיך פאַרייניקט מיט די אָרטיקע פּאַרטיזאַנער.

בערטשיק. איך האָב ערגעץ געלייענט אַזאַ געשיכטע.

עטעלע. קאָן זײַן. הער ווײַטער. אין איינעם אַ דאָרף האָט דער רוסישער אָפיצער באַגעגנט אַ מיידל, זיי האָבן זיך פאַרליבט, כאַסענע געהאַט, און איידער דאַנוש איז געבוירן געוואָרן, איז זײַן פאָטער, דער רוסישער אָפיצער, אומגעקומען אין אַ שלאַכט. ווען דאַנוש איז אַלט געווען אַכט יאָר, איז זײַן מוטער געשטאָרבן. דערפאַר טאַקע איז דער באַכער גע־קומען אַהער זיך לערנען, ער וויל געפינען זײַנע אייגענע.

בערטשיק. איז אַנשטאָט אָפּזוכן זײַנע קרוויוים האָט דאַנוש דיך געפונען?

עטעלע. בערטשיק, אויב דו שפּאַסט ניט, וויל איך, דו זאָלסט אופהערן אַזוינס ריידן. דו זאָגסט מיר צו?

בערטשיק. נו, גוט, מיר וועלן זען, וואָס וועט זײַן ווײַטער. (עס דערהערט זיך פון־דערווײַטנס סימכעס באַליבט לידל.)

עטעלע. דו הערסט, בערטשיק, סימכע גייט. זײַן באַליבט לידעלע גייט אים נאָך פוסטריט. (זינגט: „איך רו ניט באַטאָג און רו ניט באַנאַכט”.)

בערטשיק. דו ווייסט, אַז סעמיאָן אָסקאַראָוויטש איז פאַרליבט אין מײַן מומע בערטע?

עטעלע. אײַ, גיי זיך, דײַן סעמיאָן אָסקאַראָוויטש איז אַן אַלטער באָכער און האַלט זײַן ליבע באַהאַלטן אין אַ בוזעם־קעשענע.

בערטשיק. פונוואַנען ווייסטו?

עטעלע. פאַרוואָס זשע דערקלערט ער זיך ניט דער מומע בערטען, פאַרוואָס האָבן זיי ניט חאַסענע?

בערטשיק. ער האָט זיך שוין ניט איין מאָל דערקלערט, און די מומע מײַנע איז קאַלט, ווי די לעוואָנע אין אַ ווינטערדיקער נאַכט, זי קאָן ניט פאַרגעסן דעם מאַן אירן, וואָס איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע.

עטעלע. אַ מאָדנער מענטש איז דײַן מומע. מײַן באָבע דערציילט, אַז בערטע וואָלאָדימיראָוונע האָט אָפּגעלעבט מיט איר מאַן סאַכאַקל קנאַפּע צוויי יאָר, און פון דעמאָלט איז שוין אַדורך אַזאַ צײַט.

בערטשיק. אַ גרויסע ליבע קאָן געדויערן אַ גאַנץ לעבן. דו פרעג מיך, וועל איך דיר דערציילן.

עטעלע. אוי, גאָט מײַנער, ער שטופּט זיך אויך אין קאָן.

אַף דער שוועל באַווײַזט זיך סימכע. אַ ציכטיקער מענטש, שוין אין די יאָרן, נאָר ער האַלט זיך פאַר אַ יונגן באָכער.

סימכע. אַ גרוס, טײַבעלעך מײַנע.

בערטשיק, עטעלע. סאַליוט, סעמיאָן אָסקאַראָוויטש.

(זיי גייען אים אַנטקעגן. נעמענדיק סימכען אונטער די אָרעמס, פירן זיי אים אַף דער מיט פון דער בינע.)

סימכע. אָנשטאָט לערנען וואָרקעט מען, ווי די טײַבעלעך? ווער עקזאַמען, וואָס עקזאַמען? (באַפרײַט זיך פון זייערע הענט, לאָזט זיך גיין צו בערטעס צימער.)

בערטשיק. סעמיאָן אָסקאַראָוויטש, די מומע בערטע איז קראַנק אַף אַן אַנגינע, כאָטש דעם דאָקטער לאָזט זי צו זיך קיינעם ניט אַרײַן.

סימכע. מיילע, איך זע, טײַבעלעך מײַנע, אַז בא אײַך זײַנען אויסגעוואַקסן פליגעלעך און איר ביידע קאָנט זיך שוין לאָזן פליִען אין די ווײַטע ווײַטן.

בערטשיק. ווער לאָזט אײַך ניט פליִען, סעמיאָן אָסקאַראָוויטש, בא אײַך זײַנען דאָך די פליגל שטאַרק, ווי בא אַן אָדלער?

סימכע. וואָס פאַר אַן אָדלער בין איך? איך בין אַ פּאָשעטער סנאַבזשענעץ אַף דער ניי־פאַבריק. אַמאָל האָב איך געטרוימט צו ווערן אַן אַקטיאָר, איך האָב שטענדיק ליב געהאַט זינגען. (זינגט.)

איך רו ניט באַטאָג און רו ניט באַנאַכט,<br>די ליד איז אַ לייטער — דעם הימל דערלאַנגען,<br>איך בין, מײַנע פרײַנט, ניט פאַר אײַך געדאַכט,<br>אַ פויגל, געשטראָפט און געקרוינט מיט געזאַנגען.

ווען דאָרטן איך בין, ווען איך בין אין דעם רוים,<br>ציט מיך צוריק, און די ליד איז אַ לייטער.<br>איך גיב זיך אַ ניידער — ניט וואָרפן דעם בוים,<br>ניט פליִען צום מילך־וועג איך גיב זיך אַ ניידער.

אלע. נאָר ווידער איך רו ניט באַטאָג און באַנאַכט
און נאָכאַמאָל וויל איך דעם הימל דערלאַנגען.
איך בין, מײַנע פרײַנט, ניט פאַר אײַך געדאַכט,
א פויגל געשטראָפּט און געקרוינט מיט געזאַנגען[1].

סימכע. מײַן פאָטער, אַלעווהאַשאָלעם, דער באַוווסטער שוישפּילער, האָט פאַרויסגעזען, אַז איך וועל קאָנען זײַן סײַ א קאָמיקער, סײַ א טראַגיקער אויף דער ייִדישער בינע. האָט אינמיטנדערינען היטלערן זיך פאַרגלוסט אָנהייבן א מילכאָמע, און אָנשטאָט גרייטן די ראָל פון אוריִעל אַקאָסטאַ האָב איך גענומען די ביקס אין האַנט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן גאָר אַן אַנדער טעאַטער. וואָסי, איך וואָלט ניט געקאָנט אָפּשפּילן שימעלע סאָראָקער? (אין איין אויגנבליק באַווײַזט סימכע, ווי דער שנײַדער זוכט א נאָדל אין לאַץ, געפינט זי קלוימערשט און הייבט אָן אַרײַנציִען א פאָדעם. דערבײַ זינגט ער.)

אָט אַזוי נייט א שנײַדער, אָט אַזוי נייט ער דאָך.

בערטשיק, עטעלע. נייט און נייט א גאַנצע וואָך,
פאַרדינט א גילדן מיט א לאָך.

סימכע. איצט שפּיל איך גאָר אַן אַנדער ראָל. אַשטייגער, וועלוועלע גאַוריִעלס, דער מײַסטער פון אַטעליע, דאַרף האָבן אונטערשלאַק, אָדער אויף דער גאַנצער ניי־פאַבריק איז ניטאָ קיין נאָדלען כאָטש אויף א מויצע. ווערט סעמיאָן אָסקאַראָוויטש א לויפער, א דרייער. שטעלט זיך פאָר, טײַבעלעך מײַנע, ווי איך פלי אַרײַן אין קאָנטאָר פון „סנאַבסביט" און איך קום אַרײַן אין קאַבינעט צו יעווע באָריסאָוונע. א העפלעכן גוטמאָרגן טראָג איך איר אונטער מאַמעש אויף א טעלערל און הייב אָן פון פאָצן־זײַט בעזע האַלאָשן (סימכע גייט אַרײַן אין דער ראָל): „יעווּעטשקע באָריסאָוונע, טײַערע מײַנע, הײַנט שײַנט איר ווי די זון, אײַערע אויגן קאָנען פאַרקישעפן דעם דענישן פּרינץ פון דער טראַגעדיע „אָטעלאָ". איר מיט אײַער שמייכעלע קאָנט אײַנעמען די גאַנצע וועלט". איך רעד און רעד, און זי הייבט אַפילע ניט אויף דעם קאָפּ. זי פרעגט בלויז: „סעמיאָן אָסקאַראָוויטש, איר זײַט שוין געקומען צאַפּן בלוט? זאָגט, וואָס דאַרפט איר". ענטפער איך: „נאָדעלעך דאַרף איך". צעשרײַט זי זיך אויף מיר: „ווידעראַמאָל? וואָס טוט איר מיט די נאָדלען, וויל איך וויסן?" זאָג איך שטילערהייט: „מיר פּרעגלען זיי אויף געגנדזענער שמאַלץ, דערצו באַשיט מען מיט א ביסעלע זאַלץ, און עס באַקומט זיך אַזאַ געשמאַקער מײַכל, אַז מע קאָן פּלאַצן פאַר טײַנעגו!" עס נעמט זי אָבער סײַוויי ניט. זי גיט מיר צו וויסן, אַז אונדזער פאַבריק האָט שוין אויסגעשעפּט אַלע פאָנדן, און שיקט מיך צום שעף.

בערטשיק. איז דאָך גוט!

עטעלע. דער שעף איז דאָך ניט אַזאַ בייזער, ווי די דאָזיקע מאַכעשייפע.

סימכע. דער שעף איז אָבער ניטאָ, און אויב ער איז יאָ דאָ, נעמט ער ניט אויף. נאָר איך ווער ניט ניספּאָעל. מע לאָזט ניט אַרײַן צו אים דורך דער רעכטער טיר, גיי איך אַרײַן דורך דער לינקער, און איך דערציייל דעם שעף א מײַסע, אַז די מיידלעך, די נייטערנס אונדזערע, מוז מען דרינגענדיק מאַכן נאָדל־טעראַפּיע, און אויב ער וועט מיר ניט אַרויסהעלפן, וועל איך מוזן בלײַבן נעכטיקן בײַ אים אין קאַבינעט, ווײַל טאָמער וועל איך קומען אויף דער פאַבריק א ליידיקער, וועט מען פון מיר מאַכן טואַלעטנע זייף.

בערטשיק. האָט איר באַם שעף גאָרנישט ניט געפּועלט?

סימכע. געפּועלט, אָנשטאָט טויזנט נאָדלען האָט ער מיר אויסגעשריבן נאָר פינף הונדערט.

עטעלע. האָט איר דאָך גוט אָפּגעשפּילט אײַער ראָל.

סימכע. איין ראָל? צוויי ראָלן מיטאַמאָל! א כאַניפעניק בין איך געווען — איינס, א ליגנער — צוויי. אָבער אַז איך פאָר מיר אַהיים פון דער אַרבעט, און אַפילע ווען איך זיץ אין טראַמווײַ, שטעלט זיך מיר פאָר, ווי דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, איך גיי אַרויס אויף דער בינע און הייב אָן:

נאָר ווידער איך רו ניט באַטאָג און באַנאַכט,
און נאָכאַמאָל וויל איך דעם הימל דערלאַנגען.

בערטשיק און עטעלע העלפן מיט.

---

[1] „איך רו ניט". ווערטער פון א. ווערגעליס, מוזיק פון ל. יאַמפּאָלסקי („סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 7, 1971).

איך בין, מײַנע פּרינץ, ניט פּאַר אײַך געדאַכט,
אַ פֿויגל געשטראָפֿט און געקרוינט מיט געזאַנגען.

עטעלע מיט בערטשיקן גייען אַ טאַנץ. אין אַ ווײַלע אַרום דערהערט זיך סאָסיעס קאָל:
„עטעלע, ווו ביסטו ערגעץ?".

עטעלע. אוי, מײַן באָבע גייט! ווו באַהאַלט מען זיך?

סימכע טוליעט זי צו צו דער וואַנט לעם דער אַרײַנגאַנג־טיר און פֿאַרשטעלט זי מיט זײַן קערפּער. ווען עס גייט אַרײַן סאָסיע, אַ ייִדענע ברייטער ווי לענגער, שלײַכט זיך עטעלע אַרויס דורך דער טיר, וועלכע די באָבע האָט געלאָזט אָפֿן.

סאָסיע. ווו איז זי ערגעץ, דער מאַזיק מײַנער? וואַרט, וואַרט, איך וועל דיר ווײַזן. סעמיאָן אָסקאַראָוויטש, האָסט ניט געזען מײַן אייניקל?

סימכע. פֿריִער אַ ביסל, ווען איך בין אַהער געגאַנגען, האָב איך באַגעגנט עטעלען אין קאָרידאָר. זי איז געפֿלויגן פֿײַל־אויסן־בויגן אַראָפּ פֿון די טרעפּ.

סאָסיע. פֿליִען האָט זי זיך גוט אויסגעלערנט, און ניט נאָר פֿליִען, זי קאָן אַפֿילע גיין אָף די הענט בעסער, ווי איך אָף די פֿיס. (שטעלט זיך אָפּ לעם בערטשיקן.) און דו, כאָכעם באַלײַלע, שטייסט, ווי אַ טאָם! ווו איז די כאַוועריטע דײַנע?

בערטשיק. איך האָב זי הײַנט אַפֿילע אין די אויגן ניט געזען.

סאָסיע. גאָט די נעשאָמע שולדיק, סע ווייסט פֿון גאָרניט. (שפּאַנט אַרום איבער דער בינע, זוכט אין יעדן ווינקל. סימכע כאַפּט זיך אַרײַן צו בערטען אין צימער, בערטשיק נעמט מיט זיך אַ פּאָר ביכער פֿון טישל און גאַנוועט זיך אויך אַרויס. סאָסיע קוקט זיך אַרום.) טו נאָר אַ קוק, מע איז אַלע אויסגערונען געוואָרן. אוי, מאַמזיירים, מײַן עטעלע מיינט, אַז איר באָבען האָט מען אויסגעפּלאַכטן פֿון אַ קול־שטרוי, איר ווײַזט זיך אויס, אַז איך פֿאַרשטיי גאָרניט. איך האָב אָבער אַ גוטן סימען: דאָס מאַנטעלע הענגט דאָך אין שראַנק. אײַ, אַ געזונט איר אין די ביינדעלעך, מײַן אייניקל וויל טאָן דער באָבען אָף צולאָכעס. סײַווי וועל איך זי געפֿינען. (לאָזט זיך גיין, באַגעגנט זיך מיט וועלוועלען.)

וועלוול. מומע סאָסיע, וואָס זײַנט איר אַזוי צעפֿורעמט? ווער האָט עס אײַך אָנגעטראָטן אָפֿן פֿוס?

סאָסיע. אײַך איז גוט צו לאַכן. אײַער בערטשיק גרייט זיך אַרײַנטרעטן אין פּאָלי־טעכניטשעסקע, און מײַן עטעלע וואָס? גימנאַסטיק האָט זיך איר פֿאַרגלוסט.

וועלוול. זי האָט אין וועמען געראָטן צו זײַן, אַז די באָבע אירע איז אַ פֿאַרברענטע פֿיזקולטורניצע...

סאָסיע. איך בעט אײַך, הערט שוין אויף!

וועלוול. וואָס זשע מיינט איר, ס'איז אַ סאָד? אײַך דאַכט זיך, אַז מע ווייסט ניט, אַז יעדער אינדערפֿרי פֿאַרמאַכט איר זיך אין צימער און שליסט אײַן די ראַדיאָ. איך האָב אַליין געזען, ווי איר זײַט געווען פֿאַרפּוצט אין די טרוסיקעס און נאָך, דאַרטן, מיט וואָס מע דאַרף, און האָט געמאַכט „פּריזשקי נאַ מעסטע" (פּאַטשט אין די דלאָניעס.) כלאָפּאָק, כלאָפּאָק, כלאָ־פּאָק, כלאָפּאָק.

סאָסיע. אַ ווייטעק איז מיר, איר האָט מיך געזען אין דעם דאָזיקן הוילעך און איר זײַט ניט בלינד געוואָרן?

וועלוול. באַ מיר איז דאָס ניט קיין נאָווינע, דאַמען בין איך, אַדאַנק גאָט, ניט זשעדנע. יעדן טאָג צאַפּן זיי מיר אָפּ עמערווײַז בלוט. איינע וויל, איך זאָל איר אופֿנייען אַ מאַנטעלע, עס זאָל זינגען אָף איר; אַ צווייטע וויל, מע זאָל איר אופֿנייען אַ פּידזשאַקעלע, מע זאָל דאָס בײַכעלע ניט באַמערקן. אַלע ווילן זײַן שלאַנק.

סאָסיע. און איר זאָגט אַלעמען צו אַ פֿולע וואָך, און דאָס מאַנטעלע נייט זיך נאָך.

וועלוול. וואָס זשע דען האָט איר געמיינט? מאַכן אַ שטיקל אַרבעט איז אַלציינס, ווי אָפּקאָכן אַ פֿאַרברענטע זראַזע. וואָס שמעקט מיט רויך? אַבי די סאַרוועריען איז זאַט פֿון אַ לעק און פֿון אַ שמעק.

סאָסיע. איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך בין ניט קיין סאַרווערן, נאָר אַ שעף־פּאָווער אין אַ גאָרקיך, פֿון מײַנע מײַכאָלים לעקט מען די פֿינגער.

וועלוול. וואָס זשע נעמט איר זיך צום האַרצן? פּאָלגט מיך, פּאַר אײַער אייניקל זאָרגט זיך ניט. אַז עטעלע וועט ענדיקן דעם פֿיזקולטור־אינסטיטוט, וועט זי פֿון אײַך מאַכן אַן איי־דעלע דאַמע.

סאָסיע. אײַך קומט דאָך צו אַ פּוד געזונט, אַז איר קאָנט פֿון יענעם כויזעק מאַכן.

וועלוול. פּע, סאָסיע דאַווידאָוונע, איר זײַט דאָך אַ קלוגע ייִדענע. שוין זשע פּאַר־

שטייט איר ניט, וואָס איז אַזוינס כויזעק און וואָס איז אַ שפּאַס? (שטעלט איר אונטער אַ בענקל. סאָסיע זעצט זיך אַנידער.) איר זאָלט וויסן זײַן, שכיינע מײַנע, אַז אַלץ איינײַנעם איז ניטאָ בא קיינעם. איר זאָלט אַפילע זײַן מיט צען קעפּ, וועט איר סײַווי דעם קוימען אַפּן דאַך ניט איבערשפּרינגען.

סאָסיע (קאָן ניט אײַנזיצן אַפּן בענקל). אָדער איר שפּאַסט, אָדער איר קומט אָפּ מיט אַ גלײַכווערטל. באַ אײַך אין שטוב איז, קיין אײַנהאָרע, שאָלעם־וועשאָלווע, איר פאַרמאָגט אַ טאָכטער — אַ שטיק גאָלד, אײַער גוסטע איז אַ דאָקטער, מיט אַ שעם אין שטאָט, און אַז איר מאַן, אַרקאַדי אַראָנאָוויטש, טרעט אַרויס אָף אַ געריכט, שיט זיך פּערל פון זײַן מויל. בערטע איז אַן עקאָנאָמיסט אָף דער פאַבריק. נו, און אַזאַ יינגל, ווי בערטשיק, מעג מען ווינטשן אַלע ליבע. ניין, וועלוועלע גאָוריזעלס האָט ניט וואָס צו זינדיקן.

וועלוול. כאָלילע, איך זינדיק ניט. נאָר איר, מומע סאָסיע, קאָנט אויך ניט האָבן קיין טײַנעס צו גאָט. אײַער טאָכטער און דער איידעם אײַערער זײַנען געניטע געאָלאָגן, מע אַרבעט איינײַנעם, מע האָט זיך ליב סאַקאָנעס־נעפּאָשעס.

סאָסיע. וואָס קומט מיר אַרויס, אַז קימאַט אַ קײַלעכדיק יאָר זײַנען זיי ניטאָ אין דער היים. שטענדיק איז מען אין וועג.

וועלוול. וואָס זשע ווילט איר? ווער עס וואַנדערט, דער טראָגט קיין שטוב ניט מיט זיך.

סאָסיע. און אַז מע דאַרף אַ טעכטערל אַרופירן אָף אַ וועג, זײַנען טאַטע־מאַמע גאָר אין דער היים ניטאָ. און דו, די באָבע, ווער צעריסן אָף שטיקער. איר מיינט עפּשער, אַז איך האָב זיי ניט געשריבן וועגן זייער אַנטיקל? געשריבן. האָט מיר מײַן „ביידעמל" געענטפערט, אַז עטעלע איז שוין אַ דערוואַקסענע און זי ווייסט, וואָס זי טוט. ווי געפעלט עס אײַך, האַ? (עס טוט זי אַ הייב פון אָרט.) ווייסט איר גאָר וואָס, וואָלאַדימיר גאָווריל‌אָוויטש, קומט אַרײַן צו מיר, פּרוווט איר זיך דורכריידן מיט מײַן מאַזיק. פאַר אײַך האָט זי דרעכצ־רעץ, אײַך וועט זי פאָלגן.

וועלוול. לאָזט עטעלען צורו.

סאָסיע. איך בעט אײַך, וועלוועלע גאָוריזעלס, עפּעס זײַט איר דאָך מײַן האַרציקער שאָכן. (נעמט אים אונטערן אָרעם,ביידע אָפּ.)

אײַנגעהילט אין אַ פלעד גייט אַרײַן בערטע, נאָך איר — סימכע.

סימכע. בערטע וואָלאַדימיראָוונע, איר זײַט נאָך קראַנק, איר דאַרפט זײַן געהיט. (וויל זי נעמען אונטערן אָרעם.)

בערטע. מע דאַרף ניט, סימכע, בעסער האַלט זיך פונדערווײַטן.

סימכע. אַהאַ, שוין אַ היפּשע צײַט, ווי איר האַלט מיך פונדערווײַטן.

בערטע. וואָס זשע דען האָט איר געוואָלט, איך זאָל אײַך אָנשטעקן מיט אַן אַנגינע?

סימכע. באַומרויִקט זיך ניט, קיין שלאָפּקײַט שטייט צו מיר ניט צו, איך האָב ניט קיין טעווע זיך פאַרקילן. אַז איך געדענק גאָרניט, ווען בין איך געלעגן צו בעט.

בערטע. זײַט איר דאָך אַ גליקלעכער מענטש.

סימכע. אָבער פון זינט איך האָב אײַך דערקענט, בין איך שלאָף געוואָרן אָף אַלע אייוורים...

בערטע. ווידעראַמאָל דאָס זעלבע. סימכע טײַערער, מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגערעדט?

סימכע. איך שווײַג, איך זאָג גאָרניט, דאָס האָט זיך צופעליק אַרויסגעכאַפּט פון מויל. איך וויל בלויז געבן צו פאַרשטיין, אַז אַ מענטש האָט אַ האַרץ און דאָס דאָזיקע קליינע נעפּעשל פּילט, עס נאָגט, ס'פאַרשטייט, ווי אַ דערוואַקסענער, האָט אַפילע אַ טרוים און שטרעבט צו אַ קליין שטיקעלע גליק, דערבײַ מוטשעט עס אַזוי, אַז מע קאָן אויסגיין.

בערטע. אין וואָס פאַר אַ קאָמעדיע האָט איר אויסגעלייענט די דאָזיקע ווערטער?

סימכע. צום באַדויערן, איז עס מײַן אייגענע דראַמע.

בערטע. אַז ווו איר גייט און ווו איר שטייט, ווילט איר שפּילן טעאַטער.

סימכע. געפונען אָף מיר אַ כיסאָרן. וואָס איך זאָל אײַך ניט זאָגן, וואָרנט איר מיך באַלד: „סימכע, גייט ניט אַרײַן אין דער ראָל, סימכע, שפּילט ניט קיין טעאַטער", איז ווען איך זאָל אײַך שווערן, אַז איך האָב אײַך ליב און קאָן אָן אײַך ניט לעבן, ווען איך פאַל צו אײַערע פיס און בעט אײַך ראַכמים, איר זאָלט ראַכמאָנעס האָבן אָף מײַן צעבראָכן האַרץ, אָ, דעמלט וואָלט איר אַפילע געמעגט מיר ווײַזן אָף דער טיר. וואָס קומט מיר דערפאַר, וואָס איך האָב אַמאָל געטרוימט ווערן אַן אַקטיאָר? איך בין ווי יענער וואַנדערער, וואָס האָט געבלאָנדזשעט איבערן וואַלד אין אַ ווינטער־נאַכט.

בערטע. וואָס פאַר אַ נאַכט, וואָס פאַר אַ וואַלד?

**ס י מ כ ע.** דער וואַלד איז טויט, מע זעט אפילע קיין כּײַעס ניט, בלויז דערפּרוירענע ביימער שטייען שטום, שניי איז ביזן האַלדז. אַ פאַרשמאַכטער, דערפרוירן ביז די ביינער, גייט דער וואַנדערער און גייט, די קויכעס פאַרלאָזן אים שוין, דער אַנגעלאָפענער ווינט האָט אים אומגעוואַלגערט פון די פיס, ער איז ניט בעקוייעך אופצושטיין, ער פילט, ס'איז זײַן לעצטע שאָ, קוים־קוים האָט ער אונטערגעהויבן דעם קאָפּ. פּלוצעם האָט ער באַמערקט, אַ פײַערל בלינצלט פונדערווײַטנס. צונויפגענומען די לעצטע קויכעס, האָט דער וואַנדערער אָף אַלע פיר געפויזעט צו יענעם פײַערל, ער האָט געמיינט, אַז דאָרטן אינעם שטיבל וועט ער זיך דערוואַרעמען, מענטשן וועלן אים דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער. ענדלעך, מיט גרויס מאַטערניש האָט דער וואַנדערער דערגרייכט צום פײַערל. ווען ער איז אָבער אַרײַנגעפאַלן אין שטיבל, איז דאָרטן קיינער ניט געווען. דער זעלבער ווינט האָט דאָרטן געוויִעט, דער פראָסט איז נאָך שטאַרקער געווען ווי אין דרויסן, און די וואַסער פאַרפרוירן, האַרט ווי אַ שטיין. (פּאוזע.)

**ב ע ר ט ע.** איר האָט געמעגט בעסער זינגען אַ ליד, איידער דערציילן אַזאַ טרויעריקע מײַסע.

**ס י מ כ ע.** איר מיינט, אַז איך זינג אַמאָל, איז אַ סימען, אַז מיר איז פריילעך אָפן האַרצן? קום איך אַהיים, דריי איך זיך אַרום איינער אַליין איבערן צימערל, קיינער שטערט מיר ניט צו טרוימען. איך טראַכט מיר פון וואָס איך וויל. ניט אַלעמאָל דערלויב איך זיך קומען אַהער. איך וויל זיך ניט וואַרפן אײַך אין די אויגן, און אַז איך קום שוין, פאַרנעם איך זיך מיט בערטשיקן, אָדער איך שפּיל אַ שאָך מיט אײַער פאָטער. מיר איז גענוג, אַז איך זע אײַך.

**ב ע ר ט ע.** סימכע, איר האָט, ווײַזט אויס, פאַרגעסן, אַז בא מיר אין האַרצן האָט זיך פאַרקליבן אַ מענטש, וואָס וויל קיינעם ניט אָפּטרעטן זײַן אָרט. און נאָך דאַרפט איר פאַר־געדענקען — אָף אונדזער דאָר איז אויסגעפאַלן אַזאַ גורל. קיין יונגע האָבן מיר ניט באַוויזן צו ווערן, און אַלטע וועלן מיר שוין זײַן ביז...

**ס י מ כ ע.** ע, זאָגט ניט, בערטע וואָלאַדימיראָוונע. אין אַן אַלטן אויוון ברענט אויך אַ גוט פײַער, און מיר זײַנען דאָך ניט קיין זקיינים, צו די גראָוע האָר האָבן מיר גענוג צײַט.

**ב ע ר ט ע** (שמייכלט ווייטעקדיק). אוי, סימכע, סימכע, וואָס טראַכט איר זיך? איר פאַר־געסט ווו איר זײַט אין דער וועלט.

**ס י מ כ ע.** אַלעמאָל מאַכט איר פון מיר אויסצודרייען. איבער דעם האָט אײַער פאָטער אופגעהערט מיט מיר שפּילן אין שאָך. אַרקאַדי אַראַנאָוויטש איז אויך אָף מיר אָנגעצונדן. הײַנט אינדערפרי האָב איך אים באַגעגנט, זיך באַגריסט מיט אים, און ער האָט מיר אפילע ניט געענטפערט. עפּעס האָט איר אָנגערעדט אָף מיר, זאָגט דעם עמעס?

**ב ע ר ט ע** (אויסער־זיך). נו, מײַן פרײַנט, איך מוז אײַך זאָגן, אַז איר קאָנט אויסטראַכטן אַזאַ באָבעמײַסע אָף צו כידעשן זיך. זאָגט מיר, איך בעט אײַך, ווי קאָן עס געמאָלט זײַן? שוין צוויי וואָכן, זינט אַרקאַדי איז אוועקגעפאָרן אין אַ קאָמאַנדירונג, און איר ווילט מיר אײַנריידן, אַז איר האָט אים הײַנט געזען.

**ס י מ כ ע.** וואָס פאַרא צוויי וואָכן? הײַנט האָב איך אים געזען, און פריִער מיט עטלעכע טעג האָב איך אים אויך באַגעגנט אין דעם זעלבן קאַפע, ווו איך דערנער זיך. ווען ער האָט אָפּגעגעסן וועטשערע, איז ער צוגעגאַנגען צו מײַן טישל. (טוט זיך אַ כאַפּ.) אוי, וואָס טו איך, איך טאָר דאָך ניט דערציילן...

**ב ע ר ט ע.** וואָס טאָרט איר ניט דערציילן?

**ס י מ כ ע** (שווײַגט).

**ב ע ר ט ע.** אַהאַ, איר זעט, איך האָב אײַך געפּאַקט בא דער האַנט!

**ס י מ כ ע.** וואָס געפּאַקט? אַרקאַדי האָט בא מיר גענומען דאָס וואָרט, איך זאָל קיינעם ניט דערציילן, אַז איך האָב אים געזען.

**ב ע ר ט ע** (ווערט דערציטערט, זי פילט ניט, ווי דער פּלעד פאַלט אַראָפּ פון אירע אַקסל. סימכע הייבט אוף די שאַל, הילט אײַן בערטען און נעמט ניט צו די הענט פון אירע אַקסל. בערטע טוליעט זיך צו צו סימכען. אין אירע אויגן איז צו מערקן, אַז זי שטויסט זיך עפּעס אָן. מיטביידע הענט טוט זי אַ שאַר איבערן פּאָנעם). בערטשיק, אוי, בערטשיק! און דער טאַטע וועט עס ניט אויסהאַלטן.

**ס י מ כ ע.** וואָס רעדט איר, בערטע טײַערע? פאַרלירט ניט דעם מוט, עס טרעפט זיך אַמאָל. אויב אַרקאַדי מיט גוסטען האָבן זיך צעוואָרטלט, וועט מען זיך איבערבעטן.

**ב ע ר ט ע.** איר קענט ניט מײַן שוועסטער, סימכע.

סימכע פירט זי צו צום שטול.

ס י מ כ ע. עפשער וועט איר בעסער גיין זיך אנידערלייגן, איך זײַט נאָך שוואַך, קומט, איך בעט אײַך.

ב ע ר ט ע. ניין, כ'וועל זיך דאָ צוזעצן (זי טוט א גלעט סימכעס האנט, מיט וועלכער ער האלט זי אונטער.) א דאנק אײַך, סימכע. (זי זעצט זיך. פּאוזע.)

ס י מ כ ע. איר ווילט איצט בלײַבן אליין? וועל איך גיין.

ב ע ר ט ע. גייט און פארגעסט ניט, אז מיר זײַנען שטענדיק גערן אײַך זען.

ס י מ כ ע. א דאנק פאר א גוט וואָרט. זײַט געזונט, בערטע טײַערע. (טוט זיך א נייג, גייט לאנגזאם ארויס. זײַן באליבט לידל גייט אים נאָך.)

בערטע זיצט א ווײַלע מיט פארמאכטע אויגן. פלוצעם טוט זי זיך א הייב אוף און לאָזט זיך גיין. אפן וועג טראכט זי איבער און קערט זיך אום צוריק. דערזעען ארײַנגיין דעם פאָטער, בלײַבט זי א דערשראָקענע שטיין.

וו ע ל וו ל. בערטע, וואָס איז מיט דיר?

ב ע ר ט ע. גאָרניט, גאָרניט. (קערעוועט זיך אָפּ, הילט זיך אײַן אינעם פלעד.) עפּעס איז מיר קאלט געוואָרן, איך ווייס אליין ניט וואָס.

וו ע ל וו ל. עפשער האָסטו ניט באדארפט אופשטיין. גיי לייג זיך אנידער.

ב ע ר ט ע. איך וויל ניט ליגן. איך בין געזונט. (פּאוזע.) איך האָב געוואָלט דיך עפּעס פרעגן, טאטע. זאָג מיר, ארקאדי האָט זיך מיט דיר געזעגנט, ווען ער איז אוועקגעפאָרן?

וו ע ל וו ל. ניין, ער האָט שטארק געײַלט. גוסטע אליין האָט אים אפילע דעם טשעמאָדאן אפן וואָקזאל אָפּגעפירט. וואָסי דען? (זוכט אין די זשילעט־קעשענעס, געפינט דעם פינגערוט, הייבט אָן אים אָנטאָן פון איין פינגער אפן צווייטן.) עפּעס איז געשען מיט ארקאדין?

ב ע ר ט ע. ארקאדי איז אין ערגעץ ניט געפאָרן.

וו ע ל וו ל. וואָס הייסט, ווו זשע איז ער? און גוסטע ווייסט וועגן דעם?

ב ע ר ט ע. איצט דערמאָן איך זיך שוין. אינעם טאָג, ווען ארקאדי איז קלוימערשט אוועקגעפאָרן, איז גוסטע געוועזן שטארק צערודערט. איך האָב לויט אירע אויגן פארשטאנען, אז עפּעס איז מיט איר פאָרגעקומען. ווען איך האָב זי געפרעגט, וואָס איז געשען, האָט זי אוועקגעמאכט מיט דער האנט, געפונען א טערעץ, זי האָט עפּעס געזאָגט וועגן ניט קיין געלונגענער אָפּעראציע. אין אזעלכע פאלן, ווייס איך דאָך, אז מע דארף זי ניט טשעפּען.

וו ע ל וו ל. פאַרט, וואָס זשע האָט זיך געטראָפן?

ב ע ר ט ע. איך ווייס אליין ניט. ווײַזט אויס, זיי האָבן זיך צעווערטלט, און ניט אף קאטאָוועס.

וו ע ל וו ל. צעווערטלט. ביסט א מייוון, קונדייסים, שטיפערס, אף איין מינוט זיך צע־בוטשקעט. נאָכדעם וועלן זיי מאכן אוווער־פּאוווער, לאָמיר ביידע זײַן כאוווער? געפונען א צײַט, ווען זיך קריגן. בערטשיק גרייט זיך צו עקזאמענעס, מעשוגע זײַנען זיי צי וואָס?

ב ע ר ט ע. אוי, טאטע, גוסטע איז ניט מעשוגע, און ארקאדי איז ניט קיין שטיפער. (עס דערהערט זיך גוסטעס געלעכטער.)

וו ע ל וו ל. גוסטע גייט. דו מיש זיך ניט, איך וועל מיט איר אליין ריידן. דו הערסט, וואָס איך זאָג?

לאכנדיק גייט ארײַן ג ו ס ט ע. זי איז פארפּאליעט. אפן קאָפּ — דאָס ווײַסע שפּיטאָל־היטעלע. אף דער האנט — א רעגנמאנטל. גוסטע בלײַבט שטיין לעבן דער שוועל.

ג ו ס ט ע. טוט נאָר א קוק אף מיר, כאַ־כאַ־כאַ! אזוי מיט דעם הוט בין איך געפאָרן אהיים, כאַ־כאַ־כאַ! גוט, וואָס כ'האָב דעם כאלאט ניט פארגעסן אויסטאָן. די מומע סאָסיע זאָגט, אז איך בין ענלעך אף א שעף־פּאָוואר. כאַ־כאַ־כאַ! (טוט א וואָרף דעם רעגנמאנטל אף א בענקל, שלעפּט אראָפּ דאָס היטעלע פונעם קאָפּ, דער שווערער צאָפּ צעוויקלט זיך און פויזעט אראָפּ אף דער פּלייצע. צונויפקלײַבנדיק די האָרנאָדלען, קוקט גוסטע מיט כשאד אפן טאטן און אף דער שוועסטער. קאָנטיק, זי הייבט עפּעס אָן פארשטיין. גוסטע לאָזט זיך גיין צו בערטען). דו פילסט זיך שוין בעסער? וואָלסט געמעגט ארויסגיין פון שטוב. ס'איז א גוטער דרויסן. אוי, עפּעס געפעלסטו מיר ניט! ביסט אזוי בלאס. וואָס שווײַגסטו? (זי כאַפּט א קוק אפן פאָטער, לאָזט זיך גיין צו אים.) און דו, טאטע, ווי קומט עס, דער שניפּס זאָל זײַן בא דיר אף א זײַט? (זי נעמט פאריכטן דעם שניפּס, טוליעט זיך צו צו אים.) איך האָב זיך נאָך דיר פארבענקט, מיר דאכט, אז איך האָב דיך א גאנצע אייביקײַט ניט געזען. וואָסי, מיר ווײַזט זיך אויס, אז דו ביסט עפּעס אָנגעבלאָזן אף מיר?

וועלוול (גלעט איר דעם אקסל). דיר ווײַזט זיך טאקע אויס. ווען דו טוסט בעסער א קוק אף זיך מיט מײַנע אויגן, וואָלסטו געזען, אז דו אליין ביסט די לעצטע צײַט ניט מיט אלעמען. וואָס איז, טאָכטער מײַנע, ווײַזט אויס, דו באקומסט ניט קיין בריוו פון ארקאדין?

גוסטע. פארקערט, ערשט נעכטן האָט ער מיר געקלונגען אף דער ארבעט.

וועלוול. פונוואנען האָט ער דיר געקלונגען?

גוסטע. פון כארקאָוו.

וועלוול. אזש פון כארקאָוו?

בערטע. (וויל עפּעס זאָגן, נאָר דעם פאָטערס שטרענגער בליק שטעלט זי אָפּ).

וועלוול. און מיר האָט מען געזאָגט, אז מע האָט ארקאדין הײַנט געזען דאָ אין שטאָט. איך מיין, אז עס קאָן ניט זײַן? אפילע ווען ער קומט צו פאָרן אף איין שאָ, וואָלט ער דאָך אף א רעגעלע ארײַנגעשפּרונגען אהיים א קוק געבן, וואָס מאכט דער זון, וואָס טוט די פרוי זײַנע.

בערטע. אוי, טאטע, הער אוף מוטשען, זאָג גלײַך...

וועלוול. איך האָב דאָך דיר געהייסן שווײַגן. (פּאוזע.)

גוסטע. איר ווייסט שוין?

וועלוול. ניין, ניין, מיר וויסן גאָרניט, מיר זײַנען דאָ פרעמדע מענטשן אין שטוב. מיר האָבן בלויז געהערט, אז ארקאדי באהאלט זיך אויס פון אונדז. איך וויל וויסן, פאר־וואָס קומט ער ניט אהיים?

גוסטע. ארקאדי וועט אהער אין שטוב מער קיינמאָל ניט קומען.

וועלוול (דערשטוינט. פּלוצעם טוט ער א שלײַדער דעם פינגערוט). פארוואָס?

בערטע בײַסט די ליפּן, וויל עפּעס זאָגן, נאָר זי האָט מוירע, זי זאָל זיך ניט צעוויינען.

וועלוול. נו, און בערטשיק ווייסט וועגן דעם? ער האָט אײַך געגעבן די האסקאָמע אָפּ־שפּילן א געט?

גוסטע. בערטשיק טאָר ניט וויסן. איך בעט אײַך, טײַערע מײַנע, מאכט ניט קיין טומל, בערטשיק דארף איצט זײַן אינגאנצן רויִק. נאָך אלע עקזאמענעס וועל איך אים אלץ דער־ציילן, ער וועט מיך פארשטיין. (מיט ציטער אין קאָל.) ער איז שוין ניט קיין קליינינקער, ער וועט ניט פארורטיילן מײַן באשלוס. ער ווייסט דאָך פון גאָרניט, און מיך האָט עס שוין פון לאנג געמוטשעט. איך האָב מיט אלע מײַנע כושים געפילט, אז צווישן מיר און ארקאדין האָט זיך אויסגעבילדעט א טיפער אָפּגרונט. איך האָב געפילט און ניט געוואָלט גלייבן...

וועלוול. עפּשער ווײַזט זיך דיר אויס, האָסט א טאָעס, טאָכטער מײַנע, האָסט זיך צו־געײַלט מיט דײַן באשלוס. געדענקסט, איך האָב אמאָל דיך געוואָרנט: אז בא אונדז איז פאראן א גלײַכווערטל — גיין אונטער דער כופּע איז ניט ארונטערקריכן אונטער א דעכל איבער־ווארטן, ביז דער רעגן וועט אופהערן. קוים האָסטו כאסענע געהאט, דארפסטו קאָנען איבער־קומען סײַ א גוטע שאָ, סײַ א שלעכטן טאָג. האָסטו געזען אזעלעכס, א נײַע מאָדע געוואָרן — באלד עפּעס, צעגייט מען זיך, מע צעפּאָרט זיך. און איר, קינדער, שלאָגט זיך קאָפּ־אָן־וואנט אָן א טאטן אָדער אָן א מאמען.

גוסטע. בערטשיק נייטיקט זיך שוין ניט אין קיין טאטן, מיר וועלן אונדזער שטעטל באשטיין אָן ארקאדין.

בערטע. האָסט א טאָעס, גוסטע, בערטשיק האָט זייער ליב דעם פאָטער, מיין ניט, אז מיט דײַן זון וועסטו גלאט אזוי אָפּקומען. געדענק, דו קענסט פארלירןביידן — אי ארקאדין, אי בערטשיקן. וויאזוי האָסטו געקאָנט אָפּטאָן אזא זאך און זיך ניט האלטן קיין אייצע מיט אונדז? וואָס זײַנען מיר, פרעמדע? מע האָט באדארפט גוט אויסקלאָרן, עפּשער וואָלטן מיר געפונען אן אנדער אויסוועג.

וועלוול. מע האָט קיין צײַט ניט, הענדעם־פּענדעם אָפּגעשניטן א פּאָלע און פּאָר ווײַ־טער. ניט בא וועלוועלע גאָוורי׳עלס דארף זיך אזוינס טרעפן, ניין! אף דיר האָב איך זיך ניט גערי׳כט, טאָכטער מײַנע.

גוסטע (אנטשיידן). איך זע, איר זײַט גרייט מיך דוירעס זײַן. איר ווילט מיך מיש־פּעטן, איינצײַטיק פארטיידיקן ארקאדין, דעם אדוואָקאט, וואָס נייטיקט זיך לאכלוטן ניט אין

אײַער שוך. איז הערט זשע מיך אויס. איך פֿאַרלאָז זיך אױף אײַך ביידן, ווי־אַזוי איר וועט פּאַסקענען, אַזוי וועט עס זײַן (האַסטיק שטעלט זי אַרויס איין בענקל, נאָכדעם אַ צווייטס). זעצט זיך אַנידער, איך בעט אײַך.

וועלוול. נישקאָשע, מיר וועלן הערן שטייענדיק.

גוסטע. ניין, ריכטער דאַרפֿן זיצן, און דער שולדיקער מוז שטיין. (באַפֿוילעריש.) זעצט זיך!

אַן אומרויִקע לאָזט זיך אַראָפּ בערטע אױף אַ בענקל, וועלוול זעצט זיך אַפֿריִער אױף איין שטול, נאָכדעם אױפֿן צווייטן.

גוסטע (איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם). קימאַט שוין צוויי יאָר פֿיל איך, אַז מיט אַרקאַדין איז עפּעס פֿאָרגעקומען. איך האָב אָנגעהויבן באַמערקן, אַז ער איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. ער האָט גענומען מיר פֿאָרוואַרפֿן, אַז איך טראַכט נאָר וועגן דער אַרבעט און די שטוב האָב איך אָפּגעלאָזט, פֿאַרגעסן, אַז איך האָב אַ מאַן מיט אַ זון. אַפֿילו אױף בערטשיקן האָט אַרקאַדי געפֿונען כעסרוינעס, קלוימערשט, אַ ייִנגל שלאָגט זיך אָפּ פֿון די הענט, צו פֿרי אָנגעהויבן שפּילן אַ ליבע מיט מיידלעך. ניט איין מאָל האָט בערטשיק מיך געפֿרעגט: „מאַמע, וואָס איז עס פֿאָרגעקומען מיטן טאַטן?...” און איך האָב פֿאַרענטפֿערט אַרקאַדין, איך האָב געזאָגט דעם זון, אַז דער טאַטע אַרבעט שווער, די נערוון... און אַז בערטשיק דאַרף אים ניט האָבן קיין פֿאַריבל. און איך אַליין, בײַ זיך אין האַרצן, האָב בערטשיקן אָפּגעגעבן גערעכט, ווײַל איך האָב געפֿילט דאָס זעלבע. איך האָב טאָג און נאַכט געטראַכט: וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט אַרקאַדין? איינציײַטיק אַליין זיך אײַנגערעדט: עפּשער אַז מע ווערט עלטער, ווערט מען אָפּגעקילט איינס צום אַנדערן, אַפֿילו צו אַן אייגענעם זון אויך. אָבער איך האָב געצווייפֿלט, ווײַל עס פֿלעגט זיך אָפֿט טרעפֿן, ווען אַרקאַדי פֿלעגט שפּעט קומען אַהיים, איז ער געווען מילד סײַ צו מיר, סײַ צו בערטשיקן, געווען אַזוי גוט, אַפֿילו צו גוט, פּונקט ווי עפּעס אַ שולדיקער, וואָס וויל פֿאַרגלעטן זײַנע זינד.

וועלוול. נו, איז וואָס דערפֿון געדרונגען, טאָכטער מײַנע?

גוסטע. וואַרט אַ ווײַלע. הער אויס ביזן סאָף. (זי מאַכט עטלעכע שפּאַן און שטעלט זיך אָפּ.) אַ־דאָ פֿריִער מיט אַ צוויי כאָדאָשים האָט די גיכע הילף געבראַכט צו אונדז אין שפּיטאָל אַ קראַנקן מיט אַ דיִאַגנאָז — אַפּענדיציט. ווען איך האָב אים אָבער גענומען אױפֿן טיש, איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז מע מוז אים דרינגענדיק מאַכן גאָר אַן אַנדער אָפּעראַציע. איך האָב געפֿרעגט באַם שלאָפֿן, צי זאָלן מיר אַרויסרופֿן די פֿרוי אָדער זײַנע אייגענע, האָט ער אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז אים איז אַלצאיינס, צי ער וועט בלײַבן לעבן, צי ניט. איך האָב דערפֿילט אַ גוואַלדיקן מיטלײַד צו דעם דאָזיקן מענטשן. די אָפּעראַציע איז געווען אַ געלונגענע. ווען דער מענטש האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַריכטן, האָט ער מיר אײנמאָל פֿאַרגעבן אַ פֿראַגע: „דאָקטער, דער אַדוואָקאַט אַרקאַדי אַראָנאָוויטש איז אײַער מאַן?” איך האָב אים, נאַטירלעך, געפֿרעגט, פֿונוואַנען ער קען אַרקאַדין. יענער האָט עפּעס זיך אָנגעהויבן קנייטשן, געזאָגט, אַז אַרקאַדי האָט אַמאָל אױף אַ געריכט פֿאַרטיידיקט זײַנעם אַ כאַווער, אויך אַ שאָפֿער... אינעם טאָג, ווען דער קראַנקער האָט באַדאַרפֿט זיך אויסשרײַבן פֿון שפּיטאָל, איז ער אַרײַנגעגאַנגען צו מיר אין קאַבינעט זיך געזעגענען. שוין נאָכן געזעגענען איז ער געבליבן שטיין און מיט שולדיקע אויגן געקוקט אױף מיר. איך זע, ער וויל מיר עפּעס זאָגן. האָב איך אים געבעטן זיך זעצן, נאָר ער האָט, אָפּווישנדיק דעם פֿײַכטן שטערן מיט אַ טיכעלע, גלײַך אָנגעהויבן: „דאָקטער, אַנטשולדיקט מיר, איך האָב אײַך ניט געוואָלט פֿאַרשאַפֿן קיין פּײַן, נאָר אַנדערש קאָן איך ניט, איך מוז אײַך דערציילן. איך קאָן ניט באַהאַלטן פֿון אײַך, איך וויל ניט, איר זאָלט לעבן אין טאָעס. צום באַדויערן, זײַנען מיר מיט אײַך „קרויווים”. איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס מיינט ער. און ער האָט קוים פֿאַרגעזעצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ: „דאָקטער, זײַט וויסן, אַז אײַער מאַן איז שוין אַ לאַנגע צײַט פֿאַרבונדן מיט מײַן געוועזענער פֿרוי” (גוסטע איז אַ ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן, טרערן האָבן זי גענומען ווערגן, אָבער זי האָט זיך גלײַך גענומען אין די הענט.) איר פֿאַרשטייט, דער מענטש האָט זיך אָנגעהויבן בײַ מיר בעטן: „דאָקטער, איר זײַט טויזנט מאָל בעסער פֿון איר, זי איז בלויז אַ ביסל ייִנגער פֿון אײַך, און זי קאָן זיך דרייען אױפֿן קאָרעק, נאָר זי איז ניט ווערט מיט אײַך צו שטיין אױף איין ברעט. זי איז אַן אויסוווּרף, אַ צויג. ווען מיט מיר האָט געטראָפֿן דער אומגליק, דאָס האָב איך אַליין צעקאַליעטשעט אַ מענטשן, ניט קיין כאַווער. איך בין אױף קיין האָר ניט שולדיק געווען, און אײַער מאַן, וועלכן מײַן פֿרוי האָט גענומען אױף צו פֿאַרטיידיקן מיך, האָט ניט געקאָנט דערווײַזן מײַן אומשולד, און עפּשער האָט ער ניט געוואָלט, ווײַל צו יענער צײַט האָט ער זיך שוין געהאַט פֿאַרבונדן מיט איר. זי האָט זיך אַפֿילו צוגעײַלט מיר שיקן אַ געט אין לאַגער, זי

האָט געמיינט, אַז אָט באַלד וועט אַרקאַדי אַראַנאָוויטש מיט איר כאַסענע האָבן. אָבער ער כאַפּט זיך ניט, איך קען אים שוין אַ ביסל...״ שטעלט אײַך פֿאָר, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט מיר געעפֿנט די אויגן, מיר איז אַלץ קלאָר געוואָרן. אין יענער רגע איז מיר אַ שווערער שטיין אַראָפּ פֿונעם האַרצן, איך האָב זיך דערוווּסט, ווו איך בין אין דער וועלט. (פּאַוזע.) איך ווייס ניט, ווו האָבן זיך צו מיר דעמלט גענומען די קויכעס, איך האָב אַפֿילו געהאַט די האַזע פֿרעגן דעם דאָזיקן מענטשן, צי האָט ער ניט קעגן, איך זאָל אַרקאַדין באַלד אַרויסרופֿן אין שפּיטאָל. ער האָט מיר געענטפֿערט, אַז צוליב מיר וועט ער טאָן אַלץ, וואָס איך וועל אים הייסן. (זי כאַפּט איבער דעם אָטעם, גלײַכט זיך אויס.) איך האָב אָנגעקלונגען אַרקאַדין, אים געזאָגט, ער זאָל טייקעף קומען אין שפּיטאָל מיך אָפּפֿירן אַהיים, ווײַל איך פֿיל זיך זייער שלעכט. ס׳איז ניט אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן. ווען אַרקאַדי איז אַרײַן אין קאַבינעט און דערזען דעם שאָפֿער, איז ער געוואָרן בלאַס, ווי די וואַנט, ער האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען. איך האָב זיך געזעגנט מיט מײַן כוילע, אים אָפּגעדאַנקט פֿאַר אַלץ. (גוסטע האָט לאַנגזאַם גענומען שפּרײַזן לענגאויס דעם טיש, אָפּגעשטעלט זיך לעבן יעדן בענקל.) איך האָב אַרקאַדין געוואָרנט — פֿון דער מינוט אָן איז ער אינגאַנצן פֿרײַ און זאָל ער וויסן, אַז איך וויל ניט, זײַן פֿוס זאָל איבערטרעטן אונדזער שוועל. איך האָב אים בלויז געבעטן, ער זאָל נעמען אַ קאָמאַנדירונג אָדער גיין אין אורלויב. איך זאָל קאָנען זאָגן בערטשיקן, אַלעמען, אַז אַרקאַדי איז דרינגענדיק אַוועקגעפֿאָרן, מע זאָל ניט וויסן, וואָס צווישן אונדז איז פֿאָרגעקומען. (שפּטשענדיק מיט אַ הייזעריק קאָל). זעט איר דאָך, אַפֿילו די ביטע מײַנע האָט ער אויך ניט אויסגעפֿילט. (זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און מיט ביידע הענט זיך אײַנגעקלאַמערט אין אַ ווענטל פֿון אַ בענקל. דורך די צוגעמאַכטע אויגן זײַנען אַרויסגערונען צוויי דורכזיכטיקע טרערן. בערטע האָט זיך אַ הייב געטאָן פֿון אָרט, צוגעלאָפֿן צו דער שוועסטער, זי אײַנגעהילט אין שאַל, ביידע האָבן זיך שטאַרק אַרומגענומען. וועלוול האָט זיך פּלוצעם אופגעכאַפּט פֿון אָרט, פּונקט ווי אַ שוידערלעכער כאָלעם האָט אים אופגעוועקט פֿון שלאָף. אַ דערשלאָגענער און אַ דערצאָרנטער האָט ער גענומען זוכן אין די זשילעט־קעשענקעס.)

וועלוול. ווו איז ערגעץ מײַן פֿינגערוט? (ווייטעקדיק, אַף אַ קאָל.) קינדער מײַנע, איך ווייסט ניט, ווו איז אַהינגעקומען מײַן פֿינגערוט?

פֿאָרהאַנג

## צווייטער אַקט

א סקווער. אונטער צעוואַקסענעביימער — בענק. אַף איינער פֿון זיי זיצט טעטלע. לעם איר, אָנגעשפּאַרט אין ווענטל פֿון דער באַנק, שטייט בערטשיק. בערטשיק מיט טעטלען שפּירן נאָך דאַנושן, וואָס שפּאַנט אַן אופגערעגטער הין און צוריק, ברומענדיק דעם ניגון פֿון „קאַטיושאַ״. פּלוצעם בלײַבט ער שטיין, טוט אַ קוק אַפֿן זייגער און לאָזט זיך נאָכאַמאָל גיין, אונטערפֿײַפֿנדיק דעם זעלבן ניגן.

בערטשיק. דאַנוש, פֿאָלג מיך, זעץ זיך אַנידער, הער אויף רייצן די נערוון. סעמיאָן אָסקאַראָוויטש קאָן פֿאַרשפּעטיקן, נאָר קומען וועט ער אומבאַדינגט.

טעטלע. קוים האָט סימכע צוגעזאָגט ברענגען די אַדרעסן פֿון אַלע גאַווריליאָווס, וואָס וווינען באַ אונדז אין שטאָט, וועט ער ברענגען.

דאַנוש (בלײַבט שטיין). וועער דאַרף אַ סאַך אַדרעסן, פֿון אַלע גאַווריליאָווס... איינעם דאַרף מען געפֿינען.

טעטלע. איין־און־איינציקן, ווילסטו זאָגן?

דאַנוש. יאָ. ווען סעמיאָן אָסקאַראָוויטש געפֿינט מײַן זיידנס אַדרעס, וואָלט געוועזן וווּל.

בערטשיק. אַז מיר וועלן האָבן די אַדרעסן, וועלן מיר אומבאַדינגט אָפּזוכן דעם גאַווריליאָוו, וואָס דו דאַרפֿסט. איך ווייס נאָר ניט, וועער פֿון אונדז וועט קומען דער ערשטער צו דײַן זיידן.

דאַנוש. איך מיט טעטלען זײַנען שוין געגאַנגען אַף איין אַדרעס, אַף אַ צווייטן אַדרעס, געפֿרעגט: דאָ וווינט גאַווריליאָוו? — דאָ. גאַווריליאָוו איז דאָ פֿאַראַן, מײַנע אייגענע זײַנען ניטאָ.

טעטלע. געדולד, דאַנוש, געדולד.

דאַנוש. אָפּטימיזם, געדולד, אײַ, וווּל. איך האָב שוין ניט איין מאָל געזוכט. כ׳בין נאָך אַ קליין יינגעלע געווען, מײַן מוטער האָט מיך געבראַכט צום בראָדער־קייווער. דעמלט איז נאָך קיין דענקמאָל ניט געשטאַנען, בלויז בלומען אַף אַ באָרג זײַנען געוואַקסן. מײַן מאַמע האָט

איך בין, מײַנע פרײַנט, ניט פאר אײַך געדאכט,
א פויגל געשטראָפּט און געקרוינט מיט געזאנגען.

עטעלע מיט בערטשיקן גייען א טאנץ. אין א ווײַלע ארום דערהערט זיך סאָסיעס קאָל: „עטעלע, ווו ביסטו ערגעץ?".

עטעלע. אוי, מײַן באָבע גייט! ווו באַהאלט מען זיך?

סימכע טוליעט זי צו צו דער וואנט לעם דער ארײַנגאנג־טיר און פארשטעלט זי מיט זײַן קערפער. ווען עס גייט ארײַן סאָסיע, א ייִדענע ברייטער ווי לענגער, שלײַכט זיך עטעלע ארויס דורך דער טיר, וועלכע די באָבע האָט געלאָזט אָפן.

סאָסיע. ווו איז זי ערגעץ, דער מאזיק מײַנער? וואַרט, וואַרט, איך וועל דיר ווײַזן. סעמיאָן אָסקאַראָוויטש, האָסט ניט געזען מײַן אייניקל?

סימכע. פריִער א ביסל, ווען איך בין אהער געגאנגען, האָב איך באגעגנט עטעלען אין קאָרידאָר. זי איז געפלויגן פײַל־אויסן־בויגן אראָפּ פון די טרעפּ.

סאָסיע. פליִען האָט זי זיך גוט אויסגעלערנט, און ניט נאָר פליִען, זי קאָן אפילע גיין אף די הענט בעסער, ווי איך אף די פיס. (שטעלט זיך אָפּ לעם בערטשיקן.) און דו, כאַכעם באַלײַלע, שטייסט, ווי א טאַם! ווו איז די כאָוערטע דײַנע?

בערטשיק. איך האָב זי הײַנט אפילע אין די אויגן ניט געזען.

סאָסיע. גאָט די נעשאָמע שולדיק, סע ווייסט פון גאָרניט. (שפּאַנט ארום איבער דער בינע, זוכט אין יעדן ווינקל. סימכע כאַפּט זיך ארײַן צו בערטען אין צימער, בערטשיק נעמט מיט זיך א פּאָר ביכער פון טישל און גאַנוועט זיך אויך ארויס. סאָסיע קוקט זיך ארום.) טו נאָר א קוק, מע איז אלע אויסגערונען געוואָרן. אוי, מאַמזיירים, מײַן עטעלע מיינט, אַז איר באַבען האָט מען אויסגעפּלאָכטן פון א קול שטרוי, איר ווײַזט זיך אויס, אַז איך פארשטיי גאָרניט. איך האָב אָבער א גוטן סימען: דאָס מאַנטעלע הענגט דאָך אין שראַנק. אײַ, א געזונט איר אין די ביינדעלעך, מײַן אייניקל וויל טאָן דער באַבען אף צולאָכעס. סײַווי וועל איך זי געפינען. (לאָזט זיך גיין, באגעגנט זיך מיט וועלוועלן.)

וועלוועל. מומע סאָסיע, וואָס זײַנט איר אזוי צעפורעמט? ווער האָט עס אײַך אָנגעטראָטן אפן פוס?

סאָסיע. אײַך איז גוט צו לאַכן. אײַער בערטשיק גרייט זיך ארײַנטרעטן אין פּאָלי־טעכניטשעסקע, און מײַן עטעלע וואָס? גימנאַסטיק האָט זיך איר פארגלוסט.

וועלוועל. זי האָט אין וועמען געראָטן צו זײַן, אַז די באָבע אירע איז א פארברענטע פיזקולטורניצע...

סאָסיע. איך בעט אײַך, הערט שוין אויף!

וועלוועל. וואָס זשע מיינט איר, ס'איז א סאָד? אײַך דאַכט זיך, אַז מע ווייסט ניט, אַז יעדער אינדערפרי פארמאַכט איר זיך אין צימער און שליסט אײַן די ראַדיאָ. איך האָב אליין געזען, ווי איר זײַט געווען פארפּוצט אין די טרוסיקעס און נאָך, דאַרטן, מיט וואָס מע דאַרף, און האָט געמאַכט „פּריזשקי נאַ מעסטע" (פּאַטשט אין די דלאָניעס.) כלאָפּאַק, כלאָפּאַק, כלאָ־פּאַק, כלאָפּאַק.

סאָסיע. א ווייטעק איז מיר, איר האָט מיך געזען אין דעם דאַזיקן הוילעך און איר זײַט ניט בלינד געוואָרן?

וועלוועל. באַ מיר איז דאָס ניט קיין נאָווינע, דאַמען בין איך, אַדאַנק גאָט, ניט זשעדנע. יעדן טאָג צאַפּן זיי מיר אָפּ עמערווײַז בלוט. איינע וויל, איך זאָל איר אופּנייען א מאַנטעלע, עס זאָל זינגען אף איר; א צווייטע וויל, מע זאָל איר אופּנייען א פּידזשאַקעלע, מע זאָל דאָס בײַכעלע ניט באַמערקן. אלע ווילן זײַן שלאַנק.

סאָסיע. און איר זאָגט אלעמען צו א פולע וואָך, און דאָס מאַנטעלע נייט זיך נאָך.

וועלוועל. וואָס זשע דען האָט איר געמיינט? מאַכן א שטיקל אַרבעט איז אַלציינס, ווי אָפּקאָכן א פארברענטע זראַזע, וואָס שמעקט מיט רויך? אַבי די סאָרוועדן איז זאַט פון א לעק און פון א שמעק.

סאָסיע. איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך בין ניט קיין סאָרוועדן, נאָר א שעף־פּאָוער אין א גאָרקיך, פון מײַנע מייכאָלים לעקט מען די פינגער.

וועלוועל. וואָס זשע נעמט איר זיך צום האַרצן? פּאָלגט מיך, פאַר אײַער אייניקל זאָרגט זיך ניט. אַז עטעלע וועט ענדיקן דעם פיזקולטור־אינסטיטוט, וועט זי פון אײַך מאַכן אַן אײַ־דעלע דאַמע.

סאָסיע. אײַך קומט דאָך צו א פּוד געזונט, אַז איר קאָנט פון יענעמס כויזעק מאַכן.

וועלוועל. פּע, סאָסיע דאַווידאָווונע, איר זײַט דאָך א קלוגע ייִדענע. שוין זשע פּאַר־

בערטשיק. ווען דאַנוש האָט כאָטש עפּעס א סימען, מיר זאָלן קאָנען דערוויַיזן די גאָורילאַוס...

דאַנוש. א סימען, יאָ? מיַין טאַטע איז געווען ערן־בירגער פון אונדזער שטאָט, באַלוינט מיט א פּאַרטיזאַן־אָרדען.

בערטשיק. און דער אָרדען ווו איז?

דאַנוש. דער אָרדען? אין דער היים.

עטעלע. און דאָס אָרדען־ביכעלע האָט זיך פאַרהיט?

דאַנוש. פאַרהיט? פאַרשטייט זיך, יאָ.

בערטשיק. דאַרף דאָך אין ביכעלע זיַין אַנגעשריבן שוואַרץ אף וויַיס גאָורילאַוס נאָמען און פאָטער־נאָמען.

דאַנוש. דאָרטן איז אַנגעשריבן: רוסישער קאָמיסאַר „דאַד גאָורילאָוו".

בערטשיק. איך פאַרשטיי ניט, איך פאַרשטיי גאָרניט.

דאַנוש. פאַרוואָס? בלויז איין דאָקומענט האָט זיך פאַרהיט, מיַין פאָטערס פּאַרטיי־בילעט. א קויל האָט געטראָפן אין ביכעלע, יאָ? אַלץ איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט, גאָרניט האָט מען ניט געקענט איבערלייענען. די פאָטאָ האָט מען קוים אָפּגעראַטעוועט. איך האָב גע־מאַכט פון איר א גרויסן פּאָרטרעט. ווען מיר ווערט אומעטיק, שווער אפן האַרצן, קוק איך אין מיַין טאַטנס אויגן, אף זיַין געזיכט.

עטעלע. דו האָסט דיַין פאָטערס פאָטאָגראַפיע?

בערטשיק. וואָס זשע שוויַיגסטו?

דאַנוש. איך שוויַיג ניט, איך זאָג. אָט זעט. (וויל צעשפּיליען דעם פּידזשאַק און אַרויס־נעמען די פאָטאָ פון דער בוזעם־קעשענע, נאָר אין דער רגע דערהערט זיך סימכעס באַליבט ניגנדל.)

עטעלע. שאַ, שטילער, סעמיאָן אָסקאַראָוויטש גייט.

דאַנוש. אָסקאַראָוויטש? איַי, גוט! (פאַרשפּיליעט צוריק דאָס פּידזשאַקל, לאָזט זיך גיין באַגעגענען סימכען.)

סימכע. סאַליוט, שפּערלעך, איך בין דאָ. (פּאַטש מיט א טיכעלע, ווישט דאָס פּיַיכטע פּאָנעם.) פו, הייס, מע קאָן צעשמאָלצן ווערן, ווי געגנדזענע שמאַלץ.

דאַנוש. נו, נו, די אַדרעסן געבראַכט, סעמיאָן אָסקאַראָוויטש?

סימכע. כאַפּ ניט, יינגעלע. (זעצט זיך אנידער אף דער באַנק. אַלע רינגלען אים אַרום.) אַזוי גיך ברענגט מען אַלע אַדרעסן. די „ספּראַוואָטשנע" האָט צייַט. איך וועג יעדער מינוט אף דער וואָג, און זיי, די מיידעלעך, איַילן ניט — זיי ווילן וויסן, וויאַזוי הייסט גאָורילאָוו, וויאַזוי איז זיַין פאָטער־נאָמען און וויפל איז ער אַלט.

עטעלע. א כאָכמע, ווען מיר זאָלן קאָנען ענטפערן אף אַזעלכע פראַגן, וואָלטן מיר זיך עפּשער באַגאַנגען אָן אַיַערע מיידעלעך.

דאַנוש (מאַכט אוועק מיט דער האַנט). היי, ניט גוט. און איך, ווילדער קאָפּ, האָב גע־מיינט...

בערטשיק. איך האָב דאָך געזאָגט.

סימכע. כאַפּט ניט. (נעמט אַרויס פון קעשענע צעטעלעך.) זעקס אַדרעסן האָב איך דאָך געבראַכט. נאָכדעם וועט מען מיר געבן די איבעריקע. אויב מיר וועלן צווישן די זעקס ניט געפינען דעם גאָורילאָוון, וואָס מיר זוכן.

בערטשיק. דאַרף מען ניט האַיען קיין צייַט, געַנומען די אַדרעסן און געגאַנגען...

סימכע. כאַפּ ניט, פאַרייַנוועגס בין איך שוין בא דריַי גאָורילאַווס געווען.

דאַנוש. נו?

סימכע. אף דעם גאָורילאָוו, וואָס דו דאַרפסט, האָב איך ניט אָנגעטראָפן. איין גאָורי־לאָוו האָט לויט דעם עלטער ניט באַוויזן זיַין אף דער מילכאָמע.

עטעלע. איז עפּשער זיַין טאַטע, צי א פעטער?

סימכע. זיַין טאַטע איז יאָ געווען אפן פראָנט, זיך אומגעקערט, עמעס, אָן א פוס, נאָר ער פילט זיך ניט שלעכט.

בערטשיק. און די איבעריקע צוויי אַדרעסן, וואָס האָבן באַוויזן?

סימכע. דאָס זעלבע, וואָס דער ערשטער.

דאַנוש. איַי, שלעכט, ביז גאָר שלעכט!

סימכע. שאַ, דער הימל איז נאָך ניט בא דער ערד. מיר וועלן באַלד צעטיילן די גע־בליבענע דריַי אַדרעסן. (קוקט אף די צעטעלעך.) דאָ איז פאַראַן א גאָורילאָוו, וואָס וווינט אין סוויאַטאָשינע, דעם דאָזיקן וויַיטן אַדרעס נעם איך אף זיך, מאָרגן וועל איך זיַין אין יענע

מעקוימעס. די איבעריקע צוויי נאט אײַך. איין גאווריליאָוו וווינט אף סאקסאגאנסקע, דער צווייטער — אפן שעווטשענקאָ־בולוואר.

בערטשיק. גוט, איך מיט דאָנושן וועלן גיין אף סאקסאַ־גאנסקע, און עטעלע וועט צושפרינגען אפן בולוואר שעווטשענקאָ.

דאָנוש. ניין, עטעלע וועט גיין מיט מיר, און דו, בער־טשיק, שפרינג צו אליין אפן בולוואר.

בערטשיק. לאָמיר פרעגן עטעלען.

דאָנוש (גייט צו צום מיידל). איך וועל שטארק בעטן עטעלען, זי איז א מאזלדיקע, זי וועט געפינען, זאָל זי גיין מיט מיר.



עטעלע (קוקט א פארלוירענע אף בערטשיקן). מיר וועלן צוליב טאָן דאָנושן. יאָ, בערטשיק, ער איז דאָך אונדזער גאסט.

בערטשיק (נאָך א לאנגער פאוזע). א, יאָ.

דאָנוש (נעמט עטעלען אונטערן אָרעם, וויל זי אפגיך אוועקפירן, זי זאָל ניט איבערטראכטן, נאָר עטעלע אײַלט ניט, גייט לאנגזאם, קוקט זיך אלץ אום צו בערטשיקן).

סימכע. דעם אדרעס האָט איר דאָך פארגעסן נעמען! (גיט דאָנושן דאָס צעטעלע.)

עטעלע. בערטשיק, מיר וועלן זיך באגעגענען אפן זעלבן אָרט. ווער עס וועט פריִער קומען, דער וועט צוווארטן. גוט, בערטשיק?

בערטשיק (טוט א שאָקל מיטן קאָפּ).

דאָנוש, עטעלע — אָפּ.

סימכע. בערטשיק, וואָס ביסטו שטיין געבליבן מיט ביידע פיס אף דער ערד? דיר איז דאָך בעסער. דער שעווטשענקאָ־בולוואר איז אָט דאָ ניט ווײַט. (דערלאנגט בערטשיקן דאָס צעטעלע, ניט קוקנדיק אים אין די אויגן, גייט סימכע אוועק.)

בערטשיק לאָזט זיך שפאנען מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ. א ווײַלע איז די בינע פוסט. עס באווײַזט זיך ארקאדי, ער קוקט אין דער זײַט, וווהין בערטשיק איז אוועק

ארקאדי. בערטשיק, ביזוואנען וועל איך זיך דארפן אויסבאהאלטן פון מײַן זון? ס'איז נאָך גוט, וואָס ער האָט מיך ניט באמערקט. וואָס האָט דאָ געטאָן מײַן ייִנגעלע? עטעלע דרייט מיטן רעדל, און סימכע, דער האָצמאך, איז אויך אינמיטן. און ווער איז דער אומבאקאנטער באָכער? די דאָזיקע מײַסע איז מיר לאכלוטן ניט געפעלן. עפשער האָט בערטשיק געווארט דאָ אפן זיידן? ער ווייסט גוט, אז זײַן זיידע גייט מיט דעם דאָזיקן סקווער אף דער ארבעט און פון דער ארבעט. איצט בין איך געקומען אהער באגעגענען מײַן שווער וועלוועלע גאווריִעלס. צײַט זיך דורכריידן מיט אים. ביזוואנען איז דער שיר צו בלאָנקען, ווי א פאריאָגטער הונט? (טוט א קוק אפן זייגער.) מײַן שווער לאָזט אף זיך לאנג ווארטן, ווײַזט אויס, א דאמע האָט אים פארהאלטן מיט א פרימערקע. שא, דאכט זיך, אז ער גייט. (ארקאדי ווערט צע־טומלט, ווייסט ניט, וווהין זיך אהינטאָן. ענדלעך זעצט ער זיך אוועק אף א באנק, פארווארפט איין פוס אפן אנדערן.) ניין, אזוי טויג ניט. (כאפט זיך אוף פון אָרט.) וועלוועלע גאווריִעלס איז ניט קיין נעכטיקער, ער וועט באלד פארשטיין, אז איך ווארט דאָ אף אים, די באגעגעניש דארף דאָך זײַן א צופעליקע. (באהאלט זיך הינטער א בוים. ווען עס קומט ארײַן וועלוול, לאָזט זיך ארקאדי אײַליק אים אנטקעגן.)

ארקאדי. א, וולאדימיר גאווריליאָוויטש!

וועלוול. ארקאדי? ווי קומסטו אהער?

ארקאדי. דאָס לויף איך אין יורקאָנסולטאציע. (ביידע קוקן איינס אפן אנדערן.) גוט, וואָס איך האָב אײַך באגעגנט. איך האָב אײַך טאקע געוואָלט זען.

וועלוול. און איך האָב געמיינט... (באטראכט ארקאדין פון קאָפּ ביז די פיס.) ווי קומט עס, דו זאָלסט אָנטאָן אזא לאבסערדאק, איין פאָלע איז בלינד, די צווייטע קרום און די לאצן הינקען אף ביידע פיס.

ארקאדי. כא־כא־כא, וואָס רעדט איר, וולאדימיר גאווריליאָוויטש, דאָס איז דאָך א פראנצויזישער אָנצוג. ווי קומט עס, איר זאָלט ניט וויסן?

וועלוול. שיק־מאַדערן, ווי זאָגט בערטשיק. און איך פאַרשטיי שוין גאָרניט, געוואָרן אויוועררבאַטל אַף דער עלטער, נײַע מאָדעס האָבן זיך באַוויזן, אַז עס ברעכט דער מויער, עס טוט זיך מײַסים, מע קערט וועלטן, איך אַהער, דו אַהין.

אַרקאַדי. וואָס ווילט איר מיט דעם זאָגן?

וועלוול. זאָגן וויל איך גאָרניט, איך וויל נאָר פרעגן בא דיר, ווען ביסטו עס געקומען צו פאָרן? ווײַזט אויס, גאַנצפרי מיט דער ראַשטשינע. זאָג זשע מיר, אַרקאַדי, ווי־אַזוי ביסטו אַהער דערפאָרן — מיט דער אַקס, צי גלאַט מיט די אייגענע ראַגלאַיִם?

אַרקאַדי. איר ווייסט שוין?

וועלוול. וואָס זשע דען האָסטו געמיינט, דער סאָד וועט דערטרונקען ווערן אין אַ בעכער ווײַן? בא מיר אין שטוב שווימט דער עמעס אַרוף ווי בוימל אַף וואַסער.

אַרקאַדי. און בערטשיק ווייסט שוין אויך?

וועלוול. גאָט באַהיט, בערטשיק דאַרף אָפּגעבן נאָך איין עקזאַמען, נאָכדעם וועט מען אים שוין אַלץ דערציילן.

אַרקאַדי. מע דאַרף זיך ניט אײַלן, פאָלגט מיך, מע דאַרף אים קלאָל ניט דערציילן. איך מיין, אַז גוסטע וועט זיך אַ ביסל באַרויִקן, וועלן מיר זיך איבערבעטן. צוליב וואָס דאַרף מען אומזיסט און אומנישט טראַוומירן אַזאַ טײַערער ייִנגל? איך גלייב ניט, מיר זאָלן אָפּדערעסן זיך דאַרפן פאַנאַנדערגיין מיט גוסטען.

וועלוול. דו ביסט אין דעם זיכער?

אַרקאַדי. מער ווי זיכער.

וועלוול. ווי קומט עס צו דיר, אַרקאַדי, ביסט דאָך ניט קיין הינקענדיקער שנײַדער? האָסט אָפּגעלעבט מיט אַ ווײַב אַזויפיל יאָרן און קענסט זי אַדהײַנט ניט.

אַרקאַדי. וואָרט אַ ווײַלע...

וועלוול. וואָס דאַרף איך וואַרטן, איך אַליין האָב זיך אין דיר אָפּגענאַרט. דאַכט זיך, ניט איין טאָג ווינען מיר מיט דיר אונטער איין דאַך, מע קאָן זאָגן, אַז מיר האָבן צוזאַמען אופגעגעסן מער פון אַ פּוד זאַלץ, און איך האָב דיך באַצײַטנס ניט צעקײַט.

אַרקאַדי. ע, וולאַדימיר גאַווריליאָוויטש, איר ווילט אויך זיך מיט מיר צעקריגן? אײַלט זיך ניט. איר זײַט דאָך ניט קיין נאַר און ניט געראָטן אין די ריכטער פון די אוראַלטע צײַטן. אָט וועל איך אײַך דערציילן וועגן זיי אַן עמעסע געשיכטע, איר מעגט זי אויסהערן. נאָך אין טויזנט פיר הונדערט פיר־און־זיבעציקסטן יאָר איז אין באַזעל פאָרגעקומען אַ גרויסער פּראָצעס. מע האָט באַשולדיקט אַ האָן, אַז ער האָט געלייגט אַן איי.

וועלוול. אַ האָן אַן איי? קאַ־קאַ־קאַ!

אַרקאַדי. לאַכט ניט, דער געריכט האָט דעם האָן פאַרמישפּעט צום טויט, און מע האָט אים געקעפּט.

וועלוול. אײַ, אײַ, אײַ, געקעפּט דעם האָן. אָפּגעשלאָגן קאַפּאָרעס מיט אַ בראָכע, צי אָן אַ בראָכע?

אַרקאַדי. דאָס ווייס איך שוין ניט.

וועלוול. ע, אַ יוריסט דאַרף אַלץ וויסן.

אַרקאַדי. בא יוריסטן איז פאַראַן אַ געזעץ ניט מאַכן קיין שום אויספירן, ניט אַרויסטראָגן קיין אורטייל, ביז מע הערט ניט אויס ביידע צדאָדים.

וועלוול. אַדראַבע, לאָמיך הערן. האַלעווײַ דו זאָלסט זײַן דער גערעכטער, האַלעווײַ זאָל איך דאַרפן מײַן טאָכטער אַרײַנטיילן, אַז זי זאָל געדענקען ביז די גרינע בעזעמלעך.

אַרקאַדי. איז לאָמיר זיך טאַקע אַנידערזעצן. (אַרקאַדי נעמט דעם שווער אונטער דער האַנט, פירט אים צו צו אַ באַנק. וועלוול זעצט זיך אַנידער. אַרקאַדי מאָסטעט זיך אײַן, פאַרוואָרפט ביידע הענט אין די זײַטן איבערן ווענטל פון דער באַנק.) וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, טײַערער וולאַדימיר גאַווריליאָוויטש? ס'איז גאָרניט פריילעך אַף דער נעשאָמע, אַז מע פאַרלירט אַ היים, די פאַמיליע. איר פאַרשטייט, איך בענק אַפילע נאָך דער מומע סאָסיע. איר וועט מיר גלייבן, אַז פאַר דער דאָזיקער צײַט בין איך באַנאַכט ניט איין מאָל געקומען אַ קוק געבן אַף די פענצטער פון אונדזער שטוב. איך האָב זיך לאַנג אַרומגעדרייט אין דרויסן, געזען, ווי אין בערטשיקס צימערל לײַכט זיך, ווײַזט אויס, ער האָט געלערנט. און איך בין ניט אַוועקגעגאַנגען, ביז מײַן ייִנגעלע האָט ניט פאַרלאָשן די שײַן. איינמאָל האָט זיך מיר אַזוי געוואָלט אַרופלויפן אַף די טרעפּ, אָנקלאַפּן אין טיר און אַרויסרופן בערטשיקן. איך האָב באַדאַרפט זײַן פון שטאָל, קעדיי צוימען זיך. (פּאַוזע.) איך האָב געוואָלט אײַך זען, פאַר אַזויפיל יאָרן האָב איך זיך צוגעוווינט צו אײַך ווי צו אַן אייגענעם פאָטער.

וועלוול (שווײַגט, שאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ).

אַרקאַדי. איר מיינט טאַקע, אַז מיר האָבן זיך צופעליק דאָ באַגעגנט? איך בין געגאַנ־געַן אין סקווער, ווײַל איך ווייס, אַז בערטשיק פלעגט לויפן אַהער באַגעגענען דעם זיידן. וולאַדימיר גאַווריליאַוויטש, איך פאַרשטיי דאָך, איר זײַט אין שטוב דער ראָש. איך האָב ניט איין מאָל געטראַכט: ווי קומט עס, אַ מענטש אָן בילדונג און איר האָט געהאַט סייכל ווי צו נעמען אין די הענט אַלעמען, די גאַנצע שטוב.

וועלוול. בלויז דו, אַרקאַדי, האָסט זיך אָפּגעשלאָגן פון די דאָזיקע הענט.

אַרקאַדי. וואַרט אַ ווײַלע. איר וועט נאָך צײַט האָבן מיך מוסרן. איז אָט, אַז איר זאָגט אַ וואָרט, איז עס פאַר אַלע אַנײַערע קינדער הייליק. די גאַנצע מישפּאָכע פאָלגט אײַך. דעריבער ווײַזט זיך מיר אויס, אַז איר קאָנט באַ גוסטען פויעלן, וואָס איר וועט וועלן.

וועלוול. מאָלט אײַך, נו, מײַן גוסטע איז אַ האַרט ניסל. אויב דו האָסט ניט פאַרגעסן, אַרקאַדי, בין איך ניט שטאַרק געוועזן קאַנטעט מיט איר אויסוואַל. האָט עס דען מיר געהאָלפן? גוסטע האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, עמעס, ניט אַלע מאָל ווייסט זי, וואָס זי טוט.

אַרקאַדי. אָט דאָס מיין איך טאַקע, איר דאַרפט געבן צו פאַרשטיין אײַער טאָכטער, אַז אַ מענטש איז ניט מער, ווי זאָגט איר, אַ באַסער־וועדאָם. יעדער איינער, אַפילו דער גרעסטער כאָכעם און דער פאַרזיכטיקסטער פאַרשוין, קאָן גיין און פאַלן אויפן גלײַכן וועג. דעריבער איז וואָס? דאַרף מען אים דערפאַר צעטאַפּטשען מיט די פיס?

וועלוול. כאָלילע, אָבער אַז דער דאָזיקער כאָכעם איז ניט געפאַלן אויפן גלײַכן וועג, נאָר פרײַוויליק אַרײַנגעשפּאַנט אין אַ בלאָטיקער קאַליוזשע, ווילסטו, איך זאָל אים אַרויס־שלעפּן פון דאָרטן, אַרומוואַשן און אים אויסטריקענען?

אַרקאַדי. וולאַדימיר גאַווריליאַוויטש, איך לייקן דאָך ניט, איך בין שולדיק, כ׳בין גרייט זיך אַליין צערײַסן אויף שטיקער. אָבער אַז דער פאַרברעכער איז זיך מודיע, קומט דאָך אים אַ האַלבע שטראָף. און לאָמיר ריידן אָפן — איך איינער בין דער זינדיקער? הײַנטיקע צײַטן, טוט אַ קוק אויפן ערשטן יונגנמאַן, וואָס איר וועט באַגעגענען, זאָלט איר וויסן זײַן, אַז ער האָט געזינדיקט. און אַמאָליקע יאָרן פלעגט זיך דען ניט מאַכן? אַ באַווײַבטער האָט זיך דען קיינמאָל ניט אַרײַנגעפּאַקט צו אַ יונגער מאַכעשייפע אין דער נעץ? עס טרעפט זיך אַמאָל אין לעבן, ביפראַט איך בין זיך מודיע, איך האָב געטאָן אַ גרויסע אַוולע, איך קאָן זיך אַליין ניט מויכל זײַן.

וועלוול. אַ ראַכמאָנעס אויף דיר, מע דאַרף דיך מיימעסן.

אַרקאַדי. מיך אַרט ניט, מיימעסט, טוט מיט מיר וואָס איר ווילט, אַבי זאָל זיך גוסטע באַרויקן, און זאָל מען אויפהערן טומלען.

וועלוול. גוט, שטעל זיך פאַר אויף איין מינוט, אַז דו ביסט אויף גוסטעס אָרט און זי האָט געפּונען עפּעס אַ פּיפּיקן יונגערמאַנטשיק, פאַראַטן דיך, פאַראַטן דעם זון דײַנעם.

אַרקאַדי. צוליב וואָס אַזעלכע ווערטער, פאַראַטן, פאַראַטן גאָר!

וועלוול. וועל איך דיר מיט פּאַשעטע ווערטער דערקלערן. (הייבט זיך אויף פון דער באַנק.) זאָל זיך דיר אויסדאַכטן — ניט דו האָסט זיך אַרײַנגעליאַפּעט אין דעם שאָפערס ווײַב, נאָר גוסטע האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ ליבע מיטן שאָפער. ווי וואָלסטו זיך געפילט און וואָס וואָלסטו געטאָן?

אַרקאַדי. וואָס? (פּאַוזע.) פרײַער פאַר אַלץ וואָלט איך ניט דערלאָזט, בערטשיק זאָל בלײַבן אַ יאָסעם, איך וואָלט געבעטן גוסטען, זי זאָל פאַרגעסן אין איר פּיפּיקן יונגערמאַנטשיק, און אין קיין שום פאַל ניט דערלאָזט, אונדזער פאַמיליע זאָל זיך צעפאַלן. קיינער וואָלט באַ מיר גאָרניט געוווּסט. איך וואָלט גוסטען, צוליב בערטשיקן, אַלץ מויכל געוועזן.

וועלוול. אין דעם פאַל וועט גוסטע קיינעם ניט צוליב טאָן, אַפילו איר אייגענעם זון.

אַרקאַדי. אַז איר וועט וועלן, וועט זי מיר מויכל זײַן. די ערשטע צײַט וועט איר עפּשער זײַן שווער, אָבער איך וועל אַלץ טאָן, זי זאָל פאַרגעסן. איך וועל זי אָפּהיטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, איך וועל איר פאַרלויפן אַלע וועגן. אָן גוסטען וועל איך ניט קאָנען לעבן, ניט קאָנען, איר פאַרשטייט, וולאַדימיר גאַווריליאַוויטש?

וועלוול. וועגן דעם האָסטו פרײַער געדאַרפט טראַכטן.

אַרקאַדי. אײַך איז אַלציינס, איר קלערט בלויז וועגן אײַער דאַווידן. גוסטע גייט אײַך ניט אָן און איך אוודע ניט, איר האַלט זיך באַ דעם געדאַנק, אַז אײַער זון לעבט. איך וויל אײַך ניט זאַלצן אויף די ווונדן, נאָר...

וועלוול. וואָס זשע, דו ווייסט עפּעס?

אַרקאַדי. כאָלילע, איך ווייס גאָרניט, נאָר ווער עס קאָן אַנאַליזירן אַלע אומשטענדן, אָפּוועגן אַלץ אויף אַ פּינקטלעכער וואָג און באַקלערן מיט אַ לויטערן קאָפּ, קאָן קומען צו אַ ריכטיקן אויספיר. (לייגט אַנידער זײַן האַנט אויף וועלוולס אַקסל.) וולאַדימיר גאַווריליאַוויטש,

טייַערער מייַנער, איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך דאַרף בּאַ קיינעם קיין סייכל ניט לייַען, מיר, אַדוואָקאַטן, זעען אַף אַ סאַך, אַ סאַך מייַלן פאָרויס. ערשטנס, דאַרפט איר זייַן גרייט אָפן סאַמע ערגסטן. עס קאָן זיך זייער טרעפן, אַז אייַער זון איז אומגעקומען און מע ווייסט ניט, ווו זייַן געביין איז. ס'איז דאָך געווען אַזאַ גרויזאַמע מילכאָמע.

וועלוול. עמעס, געווען, און די דאָזיקע גרויזאַמע מילכאָמע האָט אייניקע מענטשן גאָר ניט אָנגעלערנט.

ארקאדי. נאָר מע דאַרף ניט פאַרלירן די האָפענונג. פאַרוואָס זאָלן מיר מיט אייַך ניט אַ קלער טאָן, אַז דאָוויד איז אַרייַנגעפאַלן צו די דייַטשן אין געפאַנגענשאַפט און דאָרטן האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ רוסישן. איך ווייס אַ סאַך אַזעלכע פאַלן. ניט איין ייִדן האָט זיך אייַנגעגעבן אַף אַזאַ אופן צו ראַטעווען. איך פאַרשטיי, אַז מע האָט אייַער זון געוואָרפן פון איין לאַגער אין אַ צווייטן. און צום סאָף, לאָמיר זאָגן, האָט מען אים איבערגעפעקלט קיין פראַנקרייַך.

וועלוול. נו, איז וואָס?

ארקאדי. וואָס הייסט „נו איז וואָס"? איז ער דאָך געבליבן לעבן.

וועלוול. און מייַן דאָוויד וואָלט ביז איצט געשוויגן, ניט געגעבן צו וויסן וועגן זיך?

ארקאדי. איי, וולאַדימיר גאַווריל**אָ**וויטש, זייַט איר אַ נאַיִווער מענטש. ערשטנס, ווייסט איר בעסער פון מיר דאָס ווערטל „דאַלי אָטשי, דאַלי סערדצע". און, צווייטנס, דאַרף מען דאָך פאַרשטיין, אַז די אַמעריקאַנער האָבן באַפרייַט דאָווידן, זיי האָבן אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויב ער וועט זיך אומקערן פון געפאַנגענשאַפט אַהיים, וועט מען אים קיין גלעט איבערן קעפל ניט געבן. און מע האָט ניט באַדאַרפט קיין סאַך אייַנרעדן אייַער זון, ער זאָל פאָרן קיין אַמעריקע. דאָרטן האָט מען אים געהאָלפן זיך אייַנאָרדענען, כאַסענע האָבן. עס קאָן זיך מאַכן, אַז ער האָט שוין קינדער און איר קענט אַפילע ניט אייַערע אייניקלעך. אייַער דאָווידל מאַכט דאָרטן ביזנעס און איז אָלרייַט.

וועלוול. אַ־אַ־אַ... (שאַרט אַראָפּ אַרקאַדיס האַנט פונעם אַקסל, לאָזט זיך גיין, זוכנדיק דעם פינגערוט אין קעשענע.) און איך האָב ניט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ פאַרשוין מייַן אײדעם איז... (קערעוועט זיך האַסטיק אויס צו אַרקאַדין.) אויב אַזוי, גיב זשע מיר צו פאַרשטיין, אַדוואָקאַט מייַנער. מיילע, דעמלט האָט דאָוויד מוירע געהאַט זיך אָפּרופן, אָבער איצט איז דאָך עפּעס אַנדערש, איצט וואָלט ער געמעגט געבן צו וויסן וועגן זיך, אַפילע דיר, דעם אַדוואָקאַט, וואָלט עס ניט געשאַט.

ארקאדי. וואָס זשע מיינט איר, נאָך אַ כוידעש, נאָך אַ טאָג, איך בין זיכער, אַז אייַער זון וועט זיך ווי אַ טוריסטל אַראָפּכאַפּן אַהער קיין רוסלאַנד, ער הייסט שוין ניט דאָוויד, קאָן זייַן די פאַמיליע איז בּאַ אים גאָר אַן אַנדערע, און אין איינעם אַ שיינעם טאָג וועט זיך צו אונדז אין שטוב אַרייַנשטעקן, לאָמיר זאָגן, אייַערער אַ פּלעמעניק פון אַמעריקע. כוץ אונדז וועט קיינער ניט וויסן, אַז דאָס איז דאָווידל. איי, וולאַדימיר גאַווריל**אָ**וויטש, זייַט איר אַ פּראַקטישער מענטש. איך פיל, אַז אייַער טרוים וועט מעקוייעם ווערן. יאָ, יאָ, מיר וועלן פּראַווען אַזאַ באַגעגעניש...

וועלוול. אוי, אַרקאַדי, אַרקאַדי, איך האָב מיט דיר גוט געטראָפן.

בּיידע שווייַגן אַ ווייַלע. לויט וועלוולס אויגן פאַרשטייט אַרקאַדי, אַז די שפּיל איז צום טייַוול.

ארקאדי. אַלזאָ, מיט וואָס פאַרענדיקן מיר אונדזער שמועס?

וועלוול. מיט דעם, וואָס מיר האָבן אָנגעהויבן.

ארקאדי. אַזוי? (רוקט אַרייַן די הענט אין די הויזן־קעשענעס, באַטראַכט וועלוולען פונעם קאָפּ ביז די פיס.) הייסט עס, וועלוועלע גאַוורי:עלס וויל מיט מיר אַנהייבן אַ מילכאָמע?

וועלוול. זאָלן שוין שיידים מיט דיר מילכאָמע האַלטן.

ארקאדי. וואָס זשע מיינט איר, אַרקאַדי איז אַזאַ ייִנגעלע, וואָס גייט אַ שטומער אַוועק פון וועג? ערשטנס, שטעל איך אייַך צו וויסן, אַז בערטשיקן וועל איך קיינעם ניט אָפּגעבן. בערטשיק וועט גיין מיט מיר.

וועלוול. גראַד דאָ האָסטו אַ טאָעס.

ארקאדי. איך האָב נאָך קיינמאָל אין מייַן לעבן קיין טאָעס ניט געהאַט. איך ווייס ניט, צי אייַך און גוסטען, און אַפילע בערטען, וועט זייַן שטאַרק אָנגענעם, אַז בערטשיק וועט פאַר־לאָזן די מאַמע, די מומע מיטן זיידן אינאיינעם. איך שטעל זיך גאָר ניט פאָר, אַז אייַך אַלעמען וועט זייַן באַקוועם, אַז מיר וועלן אָנהייבן זיך טיילן סייַ מיט דער דירע, סייַ מיטן מעבל, מיט אַלע בעבעכעס, ביז יעדער קלייניקייַט. איר ווייסט דאָך, צום געריכט דאַרף איך ווייַט ניט

גיין. און איר דארפט וויסן, אז ארקאדי איז אזא אדוואָקאַט, אז זעלטן ווען ער פארשפּילט אַ פּראָצעס. איך וועל אָפן געריכט דערוויַיזן, אז בערטשיק טאָר זיך ניט דערציִען בא אַזעלכע מענטשן, ווי איר זיַיט, ווי אײַער גוסטע איז.

וועלוול. דו וואַגסט נאָך ריידן! דו ביסט דער מענטש, וואָס קאָן דערציִען אַ זון? ווילסט אים אויסשמירן אין דער בלאָטע, אין וועלכער דו ביסט אויסגעוויילקט אָף דורך און דורך. דאָס וועל איך שוין ניט דערלאָזן.

ארקאדי. וועלוועלע גאָווריִעלס. איר האָט בא מיר אַ מאַמאָשעס, איך קאָן דאָך פון אײַך מאַכן טיל־טעל.

וועלוול. איצט האָב איך פאַר דיר קיין מוירע ניט, דײַנע קסאָווימלעך, דײַנע יעדידע־בריוועלעך האָבן איצט קיין שום ווערט ניט, און האָב מיר אַ גוטן טאָמיד. (לאָזט זיך גיין.)

ארקאדי. וואַרט אַ ווײַלע, איך דאַרף אײַך נאָך עפּעס זאָגן.

וועלוול. דו האָסט שוין מיר אַלץ געזאָגט. איך האָב מער ניט קיין צײַט. די קינדער וועלן אָף מיר וואַרטן, ווייסט דאָך, בא מיר אין שטוב פאַרשפּעטיקט קיינער ניט צום וואַרמעס. (וועלוול האַסטיק אָפּ.)

ארקאדי (בלײַבט שטיין אַ דערשלאָגענער). קיינער פאַרשפּעטיקט ניט צום וואַרמעס... וואָס זשע טוט מען? (לאָזט זיך גיין. מיטאַמאָל קומט אים אָן אַנטקעגן בערטשיק.)

בערטשיק. טאַטע, דו! אוי, טאַטע. (לויפט צו צו ארקאַדין, ביידע נעמען זיך שטאַרק אַרום.)

ארקאדי. ייִנגעלע מײַנס, בערטשיק, טײַערער. (קושט אים, דריקט אים צו זיך.) איך האָב אַזוי געבענקט נאָך דיר, זון מײַנער. (באַטראַכט אים פון אויבן ביז אַראָפּ.) מיר ווײַזט זיך אויס, דו ביסט אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַזאַ באַכער.

בערטשיק. אַנו, אַנו, לאָמיר זיך נאָר אַ מעסט געבן. מיר האָבן זיך שוין לאַנג מיט דיר ניט געמאָסטן. (ביידע שטעלן זיך אַנידער פּאָנעם צו פּאָנעם.)

ארקאדי. ערשט ניט לאַנג געווען אַ קליין ייִנגעלע, איצט יאָגסטו איבער דעם טאַטן דײַנעם.

בערטשיק. ביסט שוין געווען אין דער היים, געזען די מאַמע?

ארקאדי. ניין, דאָס בין איך נאַרוואָס געקומען. איך דאַרף אַרײַנלויפן אַהער אין געריכט. איך גלייב ניט מײַנע אויגן, אַז איך זע דיך. בערטשיק טײַערער, מיר איז קיינמאָל אַזוי שווער ניט געווען אָן דיר.

בערטשיק. און איך האָב שוין קיין קויעך ניט געהאַט אָף דיר צו וואַרטן. יעדער נאַכט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער דײַנע טריט אָף די טרעפּ. איך פלעג אַראָפּשפּרינגען פונעם געלעגער און לויפן דיר עפענען, געוואָרט, דו זאָלסט אַנקלינגען, נאָר דאָס גלעקל האָט געשוויגן, פלעג איך אוועק צוריק. אָבער איצט זע איך דיך, טאַטע. אוי, איז גוט, וואָס דו ביסט געקומען! דו ווייסט, איך האָב שוין אָפּגעגעבן דרײַ עקזאַמענעס, באַקומען דרײַ פּיאַטאַק־לעך. מיר איז געבליבן נאָך איין עקזאַמען, מאָרגן וועט זײַן מײַן אַנטשיידענע שלאַכט.

ארקאדי. און דו לויפסט איצט אַרום, גרייטסט זיך גאָרניט. ווי קומט עס צו דיר, בערטשיק?

בערטשיק. זאָרג זיך ניט, טאַטע, איך האָב אַלץ געטאָן, איך זאָל ניט דורכפאַלן.

ארקאדי. ווי זשע קומסטו אַהער אין סקווער?

בערטשיק. דאָ דאַרף איך זיך באַגעגענען מיט עטעלען און מיט דאַנושן.

ארקאדי. ווער איז דער דאַנוש?

בערטשיק. אַ, דו קענסט אים ניט? דאָס איז אַ יוגאָסלאַווישער באַכער, וואָס קומט אָן אינאיינעם מיט עטעלען אין פיזקולטור־אינסטיטוט. וואַרט נאָר אויס, טאַטע, דו דאַרפסט אונדז געבן אָן אייצע. יאָ, דו וועסט אונדז טאַקע העלפן.

ארקאדי. מיט וואָס קאָן איך אײַך העלפן?

בערטשיק. פאַרשטייסט, דאַנושעס פאָטער, אַ רוסישער אָפיצער פון אונדזער שטאָט, איז געווען אַ פּאַרטיזאַן אין יוגאָסלאַוויע, און דאָרטן האָט ער כאַסענע געהאַט. אין אַ שלאַכט מיט די פאַשיסטן איז ער אומגעקומען און האָט זײַן זון ניט באַוויזן צו זען. די מוטער האָט דערציילט דאַנושן, אַז דאָ אין שטאָט דאַרפן זיך געפינען זייערע קרויווים, וויל דאַנוש זיי געפינען, נאָר ער ווייסט בלויז, אַז זײַן טאַטן האָט מען גערופן דאַד גאַווריִלאָוו.

ארקאדי. נו, איז וואָס? ערשטנס, דאַרף מען אויסקלײַבן אין טעלעפאָן־ביכל אַלע גאַווריִלאָווס און זיי אָנקלינגען. אויב איר וועט ניט אָנטרעפן אָף דעם, וואָס איר זוכט, דעמלט דאַרף מען זיך ווענדן אין דער ספּראַוואָטשנע.

בערטשיק. זע נאַר, און מיר האָבן זיך גאָר ניט אַנגעשטויסן א קוק געבן אין טעלע־פאָן־ביכל. יאָ, איך האָב דיר גאָר פארגעסן זאָגן, דאַנוש האָט זײַן פּאַטערס פאָטאָגראַפיע.

אַרקאַדי. איז דאָך זייער גוט. זאָל דאַנוש אַרײַנגיין אין א רעדאַקציע דערציילן אַלץ ווי ס'איז געווען, זאָל מען וועגן דעם אָנשרײַבן אין צײַטונג, אָפּדרוקן זײַן פּאַטערס פאָטאָ. אויב גאַוורילאָווס קרוויים לעבן, וועלן זיי אומבאַדינגט זיך אָנרופן.

בערטשיק. ביסט געגערעכט, איך האָב געוווּסט, אַז דו וועסט אונדז העלפן. (טוליעט זיך צו אַרקאַדין.) זייער גוט, אויסגעצייכנט. מיר וועלן צוּוואַרטן אָף טעטעלען און אָף דאַנושן, נאָכדעם וועלן מיר גיין אהיים, מירן אַקוראַט באַווײַזן צום וואַרמעס. ניין, פריִער וועלן מיר דער מאַמען קויפן בלומען, נאָכדעם וועלן מיר מיט זיך פאַרכאַפּן א פלעשעלע ווײַן, לעקאָוועד דײַן אומקערן זיך. אוי וועט זײַן א סימכע אין שטוב!

אַרקאַדי (קוקט אָפן זייגער). אױ־וואַ, איך האָב זיך מיט דיר דאָ פארעדט, איך מוז דאָך צוגיין אין געריכט, דאָרטן וואַרט מען אָף מיר.

בערטשיק. וועסט באַווײַזן, מיר וועלן נעמען א טאַקסי.

אַרקאַדי. ניין, ניין, איך קאָן ניט וואַרטן, בערטשיק טײַערער.

בערטשיק. נו, גוט, וועלן מיר שוין גיין. טעטעלע מיט דאַנושן וועלן אַליין טרעפן אהיים. (נעמט אָן אַרקאַדין פאַר דער האַנט.) קום, וועסטו זיך זען מיט דער מאַמען, אָפּעסן וואַרמעס, נאָכדעם קאָנסטו זיך גיין וווּהין דו דאַרפסט.

אַרקאַדי. איך וועל פאַרשפּעטיקן, איך וועל ניט באַווײַזן...

בערטשיק. באַווײַזן, באַווײַזן, איך וועל סײַווי דיך ניט אָפּלאָזן. אין געריכט איז שוין קיינער ניטאָ, דער אַרבעטסטאָג האָט זיך שוין פון לאַנג געענדיקט.

אַרקאַדי. ביסט א נאַר, ייִנגעלע מײַנס, אין געריכט ענדיקט זיך ניט די אַרבעט צו דער שאָ. דו פאַרשטייסט, דאָרטן וואַרט מען אָף מיר.

בערטשיק. איך וויל ניט פאַרשטיין. קום ביסטו געקומען צו פאָרן, דאַרפסטו פריִער זיך ווײַזן אין שטוב, נאָכדעם וועסטו גיין וווּהין דו דאַרפסט. קום, קום, טאַטע.

אַרקאַדי (אָף א קאָל). ניין, זאָגט מען דיר.

בערטשיק (דערשראָקן). וואָס הייסטו!

אַרקאַדי. איך וועל אהיים זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן. (לאָזט זיך אַוועקגיין.)

בערטשיק (דערשיטערט). פאַרוואָס? פאַרוואָס?!

אַרקאַדי. פרעג בא דײַן מאַמען, זאָל זי דיר דערציילן. (האַסטיק אָפּ.)

בערטשיק (בלײַבט שטיין פאַרגליווערט. מיטאַמאָל כאַפּט ער זיך אויף, ווי פון שלאָף. טוט א געשריי). טאַטע, וואַרט אויס! (לאָזט זיך לויפן, שטעלט זיך אָפּ.) וואָס דאַרף איך פרעגן בא דער מאַמען? הייסט עס, אַז די מאַמע איז שולדיק... ניין, צום אַלעם ערשט וועל איך גיין צו איר. אָ, איך וועל שוין בא איר פרעגן... (לאָזט זיך גיין. טעטעלע מיט דאַנושן קומען אים אָן אַנטקעגן).

טעטעלע. בערטשיק, וווּהין לויפסטו, וואַרט א ווײַלע.

בערטשיק. אַנטשולדיק מיר, איך קאָן ניט וואַרטן, איך מוז לויפן אהיים, איך מוז.

טעטעלע. בערטשיק, נו, איין מינוט, בערטשיק.

בערטשיק אָפּ. טעטעלע מיט דאַנושן בלײַבן שטיין, פאַרלוירענע קוקן זיי זיך איבער. פינצטער.

דער זעלבער צימער, וואָס אין ערשטן אַקט. בערטע גרייט צום טיש. עס קומט אַרײַן גוסטע.

גוסטע. דער טאַטע איז נאָך ניט געקומען?

בערטע. ניטאָ נאָך. און בערטשיק איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן.

גוסטע. בערטשיק איז אויך ניטאָ? ווו זשע קאָן ער זײַן?

בערטע. איך ווייס אַפילע ניט וואָס דיר צו זאָגן.

גוסטע. מאָרגן איז דאָך דער לעצטער עקזאַמען, און ער... עפּשער האָט ער זיך עפּעס דערוווּסט? מיך הייבט עס אָן באַאומרויִקן.

בערטע. מאַך זיך ניט נאַריש, אומזיסט דאַרף מען זיך ניט לייגן קיין שטיינער אָפן האַרצן.

גוסטע. בערטשיק האָט דיר ניט געזאָגט, וווּהין ער גייט? עפּשער ווייסט טעטעלע, ווו ער איז? (זי לאָזט זיך גיין.)

בערטע. וואַרט צו, גוסטע, האָסט אהין ניט וואָס צו גיין, איך בין נאַרוואָס געווען בא דער מומע סאָסיע, דאָרט איז אין שטוב קיינער נישטאָ.

גוסטע (קאָן ניט אײַנשטײן אַף קײן אָרט). איך פֿאַרשטײ ניט, דו ביסט דאָך געװען אין דער הײם, פֿאַרװאָס האָסטו ניט געפֿרעגט בערטשיקן, װוּהין ער גײט?

בערטע. איך װײס אַלײן ניט. ער האָט זיך אונטערגעגאַנװעט, מיך אַ קוש געגעבן. האָב איך שױן אין אַלץ פֿאַרגעסן. ער איז, װײַזט אױס, אין אינסטיטוט אַף אַ קאָנסולטאַציע, ער װעט באַלד קומען, זאָרג זיך ניט.

גוסטע. אָבער ס'איז דאָך צײַט עסן װאַרמעס, בערטשיק האָט ניט קײן טעװע צו פֿאַר־שפּעטיקן.

בערטע. און דער טאַטע? קײנער פֿון אונדז איז דאָך אַזױ ניט פּינקטלעך װי ער. זעסטו דאָך, דער טאַטע איז אױך ניטאָ.

גוסטע. אָן גײט ער, דאַכט זיך.

װעלװל (קומט אַרײַן, טוט אױס די שליאַפּע און הענגט זי אױף אַף איר אָרט). נו, גוסטע, אַ גרוס דיר פֿון דײַן מאַנדל־בײגעלע.

גוסטע. האָסט אים געזען?

װעלװל. ניט נאָר געזען, נאָר זיך דורכגעשמועסט מיט אים װי עס דאַרף צו זײַן.

בערטע. װאָס האָסטו געהאַט מיט אים צו רײדן?

גוסטע. װאָס װיל ער?

װעלװל. ער װיל אײן קלײניקײַט, ער װיל, איך זאָל באַ דיר פּועלן, דו זאָלסט זיך מיט אים איבערבעטן.

גוסטע. און דו ביסט גרײט אים צו העלפֿן?

װעלװל. אַ מענטש האָט דאָך כאַראַקטער, אַ מענטש שלאָגט זיך אַלכעט, זאָגט צו, אַז ער װעט דיר אָפּהיטן װי דאָס אױג אין קאָפּ. ער װיל ניט, בערטשיק זאָל בלײַבן אַ יאַסעם, ער האָט מאַמעש געשװױרן, אַז ער װעט אָן דיר ניט קאָנען לעבן.

גוסטע. און דו, אַ באַרעמהאַרציקער, װילסט אים גלײבן? ע, טאַטע, זײַן אַ גוטינקער איז לײַכטער, װי זײַן אַ גערעכטער.

בערטע. טאַטע, איך פֿאַרשטײ דיך ניט, ביסט געקומען זאַלצן אַף די װוּנדן, צי װאָס?

װעלװל. אַ טאַטע זאַלצט ניט אַף די קינדערס װוּנדן, אַ טאַטע װיל, עס זאָל זײַן באַ זײַנע קינדער שאָלעם־װעשאַלװע...

גוסטע. און נאָך אַזאַ געטרײַער פֿאָטער, װי װעלװעלע גאַװריִעלס, װאָס װיל ניט לײַדן קײן ביזױנעס. אים שטײט ניט אָן, אַז באַ אים אין דער מישפּאָכע זאָל זיך טרעפֿן אַזאַ מיִעסע זאַך. אַ קלײניקײַט, די טאָכטער דאַרף זיך פֿאַנאַנדערגײן מיטן מאַן. זי װעט בלײַבן אַן אַגונע, װאָס װעט, נעבעך, מוזן זיך אָנידערזעצן אַפֿן טאַטנס קאָפּ.

װעלװל. אַז איר זײַט געזעסן אַף מײַן קאָפּ, איז מיר אַ סאַך גרינגער געװען, און כאָטש דעמלט האָב איך ניט געפֿראַװעט אַלעמאָל קײן גריסאַרטיקע מאָלצײַטן, דאָך איז מיר אַ סאַך פֿרײלעכער געװען אַפֿן האַרצן. איצט זײַט איר געקומען צו אַ טאַכלעס און נײטיקט זיך לאָכ־לוטן ניט אינעם טאַטנס הילף. איר האָט, אַדאַנק גאָט, אַלײן קרעפֿטיקע פּלײצעס. אָבער ניט בלױז מיטן שטיקל ברױט לעבט דער מענטש.

גוסטע. יאָ, ביסט גערעכט, נאָר אַף דײַנע קינדער האָסטו זיך ניט װאָס צו קלאָגן. קאָנסט עפּשער זאָגן, אַז מיר האָבן דיך ניט געאַכטעט? האָבן מיר דען פֿאַרגעסן, אַז אַלע יאָרן האָסטו געהאָרעװעט באַטאָג און באַנאַכט, קעדײ אונדז ברענגען צו אַ טאַכלעס? נײן, ניט נאָר דערפֿאַר האָבן מיר דיר געקוקט אין די אױגן, נאָר װײַל מיר האָבן געװוּסט, אַז דו ביסט אונדזער געטרײַער פֿרײַנט און דו דאַרפֿסט באַ קײנעם קײן סײכל ניט לײַען, דערפֿאַר מוזסטו דאָך פֿאַרשטײן, טאַטע, אַז באַ אַ פֿרױ װערט רײַף דער כאַראַקטער ניט דעמלט, װען די ליבע הײבט זיך אָן, נאָר װען זי ענדיקט זיך. איך לײקן ניט, אַרקאַדין האָב איך ליב געהאַט, און איצט איז ער מיר נימעס־אומאָװעס. און איך װעל קײנמאָל ניט האַנדלען מיט מײַן געװיסן. ערשט איצט האָב איך דערפֿילט, אַז מיר איז צוגעקומען עפּעס אַזױנס, װאָס איז װיכטיקער פֿון מײַנע פּערזענלעכע געפֿילן. פֿון מײַנע הענט, פֿון מײַן געניטקײַט און פֿאַרשטאַנד איז אָפּטמאָל אָפּהענגיק אַ מענטשנס לעבן. װער קאָן זײַן גלײַך צו מיר, װען איך דערזע, אַז דער כױלע, װאָס איז אָפּגעלעגן אַ שטיק צײַט אונטערן מעסער, האָט געעפֿנט די אױגן. נײן, טאַטע, דו װעסט זיך מיט מיר ניט שעמען. ס'װעט דיר ניט זײַן קײן ביזאָיען פֿאַר מיר.

װעלװל. גוט, איך פֿאַרשטײ אַלץ, מאַסקים מיט דיר, טאָכטער מײַנע, מאַסקים. איך װײס אָבער ניט, צי בערטשיק װעט דיך װעלן פֿאַרשטײן. ער איז נאָך יונג, און זײַן סײכל װעט אַף אַזעלכע זאַכן ניט פֿאַרטראָגן. אַרקאַדי האָט מיך געװאָרנט, אַז ער װעט בערטשיקן צונעמען באַ אונדז, ער איז זיכער, אַז בערטשיק װעט גײן מיט אים.

בערטע. אױ, װײ איז מיר!

וועלוול. נאָך מער, ארקאַדי האָט געדראָעט, אַז ער וועט מיט אונדז אלעמען אַנהייבן אזא מילכאָמע...

גוסטע (שווײַגט. בערטע ברעכט די פינגער).

וועלוול. און אַף ארקאַדין מעגסטו זיך פאַרלאָזן. אין דער הינזיכט וועט ער האלטן וואָרט. איצט זאָג מיר, דו וועסט קאָנען איבערטראָגן, אַז אונדזער שטוב זאָל פאַריאָסעמט ווערן, ס'זאָל ווערן פוסט אין יעדער ווינקל? מיר וועלן אלע קאָנען איבערלעבן, אַז מיר זאָלן ניט הערן בערטשיקס אָטעם, זײַן געלעכטער? ווי דו ווילסט זיך, נאָר איך וועל ניט אויסהאלטן...

בערטע. און איך בין דען אויסגעהאַקט פון שטיין? אויב בערטשיק וועט אוועקגיין פון שטוב, וועל איך אנטלויפן, וווּהין די אויגן וועלן טראָגן.

גוסטע. און איך וועל אין ערגעץ ניט אנטלויפן. איך וועל אַלץ קאָנען אויסהאלטן!

וועלוול. זאָג מיר, וואָס וועסטו טאָן, אַז בערטשיק וועט פאַלן צו דײַנע פיס, בעטן דיך ראַכמים, דו זאָלסט מויכל זײַן דעם טאַטן זײַנעם, וועסטו קאָנען אָפּזאָגן דײַן זון? ניין, דערפאַר מיין איך, עפשער דאַרף מען באַצײַטנס באַטראַכטן און ניט מאַכן קיין לײַטישן געלעכטער. ביז בערטשיק ווייסט פון גאָרניט, וועג אָפּ, באַקלער גוט, געפינען אין זיך מוט, און...

גוסטע. אוי, טאַטע, הער אוף פון מיר שנײַדן שטיקער, טו מיט מיר וואָס דו ווילסט, נאָר כ'וועל דאָס האַרץ ניט קאָנען צווינגען. ס'איז אַלצײַנס, ווי דו זאָלסט הייסן, מע זאָל מיר אָפּהאַקן די הענט, מע זאָל אַרויסרײַסן מײַן נעשאָמע...

בערטע. גוסטע, וואָס רעדסטו, באַטראַכט זיך גוט, מײַנסט, אַז בלײַבן איינע אליין איז אַזאַ גוטער מײַכל. אוי איז ביטער און פינצטער, שוועסטער מײַנע! פרעג מיך, איך ווייס דעם טאַם זייער גוט.

גוסטע. ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך וועל בלײַבן איינע אליין? דו און דער טאַטע זײַט מיר פרעמדע? און די מענטשן, וואָס וואַרטן אַף מיר דאָרטן אין שפּיטאָל? ניין! איך וועל קיינמאָל ניט בלײַבן איינזאַם, אפילע ווען בערטשיק וועט מיך פאַרלאָזן.

וועלוול. אַ געזונט דיר אין די ביינער, גוסטע טײַערע, איך האָב דיך פאַרהערט, אויסגעפּרוווט. וועלווועלע גאַווריעלס טאָכטער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. זאָל זײַן גענוג, און מער זאָל וועגן דעם קיין רייד ניט זײַן בײַ אונדז אין שטוב. (פּאַוזע.) וואָס זשע שטייען מיר? זעצט זיך צום טיש, דאַכט זיך, ס'איז שוין צײַט עסן וואַרמעס.

בערטע. נו, און אַף בערטשיקן וועלן מיר ניט וואַרטן?

וועלוול. בערטשיק איז געוויס דאָרט בײַ עטעלען, טו אים אַ רוף.

גוסטע. בערטשיק איז אין דער היים ניטאָ.

וועלוול. ניטאָ? (הייבט אָן שאַרן איבער די זשילעט-קעשענעס.) ניט גוט. בערטשיק זאָל פאַרשפּעטיקן? דאָס געפעלט מיר עפּעס ניט.

אלע קוקן זיך איבער שווײַגנדיק. מיטאַמאָל דערהערט זיך אַ שטאַרקער קלאַפּ פון דער דרויסנדיקער טיר און בערטשיקס קאָל: „מומע סאָסיע, איר ווייסט ניט, מײַן מאַמע איז אין דער היים?"

בערטע. אוי, בערטשיק גייט!

אלע ווערן צעטומלט, גוסטע קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. וועלוול נעמט זי אָן פאַר די אַקסל.

וועלוול. קום, בערטשיק ווייסט שוין אַלץ. אַף דער הייסער מינוט דאַרפסטו זיך אים ניט וואַרפן אין די אויגן. אַרקאַדי האָט אים שוין גוט אַרומגעאַרבעט. (גוסטע ווערט זיך, וויל ניט גיין.) פאָלג מיך, קום, איך וועל פריִער אַליין מיט אים ריידן. (ער פירט זי אַוועק אין בערטעס צימער און פאַרמאַכט נאָך איר די טיר.)

אַ צעשטריטער רײַסט זיך בערטשיק אַרײַן אַף דער בינע, ער קוקט פריִער אַף בערטען, נאָכדעם אַף וועלוולען.

בערטשיק. ווו איז די מאַמע? די מאַמע איז אין דער היים ניטאָ?

וועלוול. בערטשיק, וואָס איז מיט דיר? ווען האָט מען עס געהערט, דו זאָלסט אַזוי ריידן?

בערטשיק. וואָס זשע ווילסטו, זיידע, איך זאָל קריכן אַף די קני? איר וועט הינטער מײַנע פּלייצעס טאָן דער רועך ווייסט וואָס? ווו איז די מאַמע?

וועלוול. די מאַמע איז אין דער היים ניטאָ.

בערטשיק. ס'אַ ליגן, איך האָב נאַרוואָס געקלונגען אין שפּיטאָל, מע האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז אַוועקגעגאַנגען אַהיים. געגוג מיך צו נאַרן, גענוג.

וועלוול (טוט אַ קלאַפּ אין טיש). שטיל זאָל זײַן!

בערטשיק. איך וועל שוין מער שטיל ניט זײַן. פאַרוואָס האָט איר פון מיר באַהאַלטן? אפילו איצט ווילט איר מיר ניט זאָגן, ווו איז די מאַמע. (לאָזט זיך גיין צו בערטעס צימער, דאָרטן שטייט בערטע אַף דער וואַך. וועלוול נעמט אָן בערטשיקן פאַר דער האַנט.)

בערטע. בערטשיק, ייִנגעלע מײַנס, באַרויִק זיך!

וועלוול. וואָס דאַרפסטו די מאַמע?

בערטשיק. איך וויל בא איר פרעגן, פאַרוואָס טאָר דער טאַטע ניט קומען אַהיים?

וועלוול. בלויז דאָס? קום, וועל איך דיר זאָגן. קום, איך וועל דיר אַלץ דערציילן.

בערטשיק. ניין. איך וויל דאָס הערן פון דער מאַמעס מויל. (וויל זיך דורכרײַסן צו דער טיר, נאָר וועלוול נעמט אים אַרום.)

וועלוול. קום, וועל איך דיר דערציילן, וועגן דעם דאַרפן מיר ריידן אויג־אַף־אויג. קום! (מיט גוואַלד פירט ער אַוועק בערטשיקן צו זיך אין צימער.)

וי אַ פאַרשטיינטע בלײַבט בערטע שטיין אַף דער בינע. אין אַ ווײַלע אַרום דערהערט זיך בערטשיקס קול: „עס קאָן ניט זײַן!". בערטע פאַרשטעלט זיך די אויערן און צעוויינט זיך שטילערהייט. ענדלעך לאָזט זי זיך לויפן אין צימער, ווו גוסטע געפינט זיך. אַ ווײַלע איז אַף דער בינע קיינער ניטאָ. עס קומט אַרײַן גוסטע, מיט אַלע קויכעס באַמיט זי זיך זײַן רויק, דאָך פּלאָנטערן זיך אירע פיס. זי שטעלט זיך אָפּ אַף אַ ווײַלע און גייט ווײַטער. עס באַווײַזט זיך בערטשיק, ער איז דערצאָרנט. האַלטנדיק מיטביידע הענט דעם קאָפּ, זעט ער ניט, ווי די מוטער איז דערציטערט געוואָרן. מיטאַמאָל דערזעט ער זי.

בערטשיק. מאַמע, טײַערע מײַנע (גייט צו איר צו, נעמט אָן אירע ביידע הענט און הייבט זי אָן קושן.) מאַמע, ערגער זיך ניט, באַרויִק זיך. איך וועל דיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן, דו ביסט די בעסטע מאַמע אַף דער גאַנצער וועלט. זאָרג זיך ניט, איך וועל מאָרגן אָפּגעבן דעם עקזאַמען, אָפּגעבן גוט, וואָס בעסער קאָן גאָר ניט זײַן. מירן זיך באַגיין אָן אים, איאָ, מאַמע? (ביידע נעמען זיך אַרום.) מע דאַרף ניט, מאַמע. ער איז ניט ווערט דײַנע טרערן, ער איז ניט ווערט!

אַף דער שוועל פון דער טיר באַווײַזט זיך וועלוול.

גוסטע. ייִנגעלע, האַרציקער מײַנער!

פאָרהאַנג

# דריטער אַקט

אין אַ האַלבער שאָ אַרום. דער זעלבער צימער. דער טיש איז געדעקט. קענטיק, אַז קיינער האָט זיך ניט צוגערירט צום עסן. פאָרזיכטיק גייט אַרײַן עטעלע. נאָך איר — דאַנוש. עטעלע גייט צו צו בערטעס טיר, קלאַפּט אָן.

עטעלע. בערטשיק, אַ, בערטשיק, דו ביסט אין דער היים? (פּאַוזע.)

דאַנוש. ניטאָ בערטשיק, ניטאָ?

עטעלע. מע דאַרף אויסוואַרטן. דאַכט זיך, בערטשיק איז דאָרטן, באַם זיידן. ווײַזט אויס, די מאַמע און די מומע בערטע זײַנען אויך דאָרטן. איך פאַרשטיי ניט, וואָס קומט דאָ פאָר.

דאַנוש. אײַ, ניט גוט, מיר טוט באַנק. שטאַרק ג־ט אָנגענעם. בערטשיק איז אַף מיר באַליידיקט, וואָס דו ביסט מיט מיר געגאַנגען? מיר געפעלט בערטשיק, עטעלע, נאָר אַלציינס. איך וועל בערטשיקן דערקלערן. בא אונדז, אין מײַן לאַנד, טאָר מען ניט אָפּשלאָגן אַ קאַלע. אײַ, דאָס איז גרויסער פאַרברעכן, יאָ?

עטעלע (אײַנהאַלטנדיק דעם געלעכטער). איך אַ קאַלע? כאַ־כאַ־כאַ, אויך מיר אַ קאַלע...

דאַנוש. נו, נו, איך האָב געמיינט גוטעפרײַנט, נו, כאַווערטע און נאָכדעם, שפּעטער, אַ קאַלע, יאָ? איך האָב אויך איבערגעלאָזט אין דער היים אַ כאַווערטע, ניין, אַ געליבטע, אײַ, אַ נעשאָמע! מיר האָבן צוזאַמען געלערנט, מיר האָבן שפּאַצירט, יאָ? לידער געזונגען. אײַ, ווי שיין זי זינגט, און שפּילט אַף אַ גיטאַרע, יאָ?

**טעלע.** פאַרוואָס זשע האָסטו זי איבערגעלאָזט, ניט געבראַכט מיט זיך?

**דאַנוש.** זי איז אָנגעקומען לערנען אין אַ טעאַטער־סטודיאָ, זי האָט צוגעזאָגט אַף מיר וואַרטן.

**טעלע.** מײַן באָבע זאָגט, אַז צוזאָגן און ליב האָבן קאָסט קיין געלט ניט.

**דאַנוש.** אײַ, ניין, באַ אונדז קאָסט דער עמעס בלוט. געלט איז בלאָטע, דאָס וואָרט איז הייליק.

**טעלע.** ווער ס'איז ערלעך, דער האַלט וואָרט, זאָגט מײַן באָבע. דאַכט זיך, אָן גייט זי אַפּדערעמעסן.

עס גייט אַרײַן **סאָסיע.**

**סאָסיע.** טעלע, דו ביסט דאָ, און איך זוך דיך. (קוקט מיט כשאַד אַף דאַנושן, רעדט צו טעלען שטילערהייט.) ווער איז דער שלימאַזל? יאָ, ווײַזט אויס, מיט בערטשיקן האָט זי שוין אָפּגעשלאָגן הוישײַנעס.

**טעלע.** איך פאַרשטיי ניט, וואָס רעדסטו דאָרטן, באָבע.

**סאָסיע** (שעפּטשענדיק). איך פרעג, ווער איז דער באָכער?

**טעלע** (הויך אַף אַ קאָל). ווייסט ניט, ווער דאָס איז? דאַנוש, קום אַהער, באַקען זיך מיט מײַן באָבען.

**דאַנוש** (גייט צו צו סאָסיען, פאַרנייגט זיך, שטרעקט אויס די האַנט). דאַד גאַווריילאָוו פון יוגאָסלאַוויע.

**סאָסיע.** קלאַרע דאַווידאָוונע. (צו טעלען.) ווי קומט ער אַהער?

**טעלע.** ער וועט זיך לערנען צוזאַמען מיט מיר אין פיזקולטור־אינסטיטוט.

**סאָסיע.** אַ גליק האָט מיך געטראָפן. פאַר אַ ייִנגל איז אַזאַ אינסטיטוט צו דערלײַדן, אָבער פאַר אַ מיידל... אַז אָך און ווי איז צו מײַנע סאָנים. נישקאָשע, האָסט גוט צופרידנ־געשטעלט די באָבע דײַנע, נאָר מיילע, נעם דײַן נײַעם כאַווער און גייט עסן וואַרמעס. שוין צײַט אַמאָל עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן?

**טעלע.** דאַנוש, מײַן באָבע לאַדט אונדז אײַן עסן מיטיק. איך בין טאַקע שטאַרק הונ־געריק, און דו?

**דאַנוש.** הונגעריק, יאָ?

**טעלע.** קום זשע, דאַנוש.

**סאָסיע.** טעלע, אײַל ניט. זאָלסט נאָר ניט פאַרגעסן צעוואַשן דאָס געפעס. זאָלסט זיך מאַטרײַעך זײַן און אַליין אָנוואַרעמען דאָס צווייטע געריכט, אַף דער באָבען האָסטו מער זיך ניט וואָס צו פאַרלאָזן. ניט געוואָלט מיך פאָלגן, וועל איך איצט מיט דיר לערנען באַלעק. יאָ, איז וואָס זשע דאַרפסטו נאָך טאָן? אַהאַ, ווען דו וועסט רייניקן די קאַסטריולעס, זאָלסטו, לעמאַנהאַשעם, ניט פאַרגעסן אָנטאָן דאָס פאַרטעכל, ווײַל איצט איז ניטאָ ווער סע זאָל דיר וואַשן די קאָפּטעלעך מיט די קליידעלעך.

**טעלע.** גוט, באָבע, אַ דאַנק, באָבע. לאָמיך דערפאַר דיך אַ קוש געבן. (שפּרינגט צו צו סאָסיען, נעמט זי אַרום, טוט זי אַ קוש, און אײַניינוועגס שעפּטשעט זי איר אַרײַן אין אויער.) באָבע, אויב דו הייסט קלאַרע, וויאַזוי זשע דאַרף מען מיך רופן? אַדיע, קלאַרע דאַווידאָוונע! (טעלע נעמט דאַנושן אונטערן אָרעם, ביידע אָפּ.)

**סאָסיע.** אײַ, אַ פעפערל, שוין איינמאָל אַ פעפערל! געוואַקסן באַם טאַטן אין גאָרטן. דער טאַטע מיט די ביינער, מיר זאָל זײַן פאַר איר און פאַר איר מאַמע. טעלע האָט אירס אויסגעפירט. וואָס האָב איך איינע אַליין געקאָנט טאָן? ווי זאָגט מײַן שאַכן וועלוועלע גאַווריזעלס: „לויפן אָן אָן אָטעם — וועסטו אָניאָגן אָן אומגליק, גיין פּאַוואָליע — וועט אַ צאָרע דיך דעריאָגן". נאָר מיילע, קיינער זאָל קיין ערגערע צאָרעס ניט האָבן. איך ווייס ניט, פאַר־וואָס איז הײַנט דאָ אַזוי שטיל? אויב מע האָט דאָ אין שטוב פאַרגעסן עסן מיטיק, איז עס ניט אומזיסט. וואָס האָט בערטשיק אַזאַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר, פאַרשטיי איך ניט. (עס הערט זיך סימכעס ניגנדל.) אָ, אַז מע דערמאָנט מאַשיעכן, איז גערעכטן דער טשאָלנט אין אויוון. איך האָב טאַקע נאַרוואָס אַ טראַכט געטאָן וועגן סימכען. ווײַזט אויס, ער וועט מיר עפּעס זאָגן. (עפנט די טיר.) קומט אַרײַן, סעמיאָן אַסקראַאָוויטש.

**סימכע.** אַהאַ, דאָס זײַט איר, מומע סאָסיע?

**סאָסיע.** וואָס איז דער אַהאַ? איך פאַרשטיי, דו וואָלסט אַ שענערן געגעץ געטאָן, ווען עס באַגעגנט דיך זי. (טוט אַ ווונק אַף בערטעס טיר.)

**סימכע.** פאַרקערט, איך בין זייער צופרידן, וואָס איך זע אײַך און כ'קאָן אײַך אָפּגעבן

א גוט־העלף, אײַך צווױנטשעווען, איר זאָלט זיך אַ ביסעלע פּאָפּראָווען, אַ קאַפּעטשקע פּולער ווערן, האַקלאַל, וואַקסן ברײַטער ווי לענגער.

ס אָ ס י ע. בײַס זיך אָפּ די צונג! איך בעט גאָט, ער זאָל מיך מאַכן אַ ביסעלע מאָגערער, און ער...

ס י מ כ ע. גאָט וועט אײַך דאָ גאַרניט העלפן, ווײַל אַפּילע אײַערע טפילעס זײַנען גע־פּרעגלט אַף גענדזענער שמאַלץ, זיי זײַנען פעט און שמעקן טאַם־גאַניידן. נאָר ווען איר קענט אַ יענץ לידעלע?

ס אָ ס י ע. וואָס פאַר אַ לידעלע, לאָמיך נאָר הערן.

ס י מ כ ע. ס'איז שוין איינמאָל אַ לידעלע! (זינגט.)

איי דו, דו, דו, דו, דו, דו,
ווו זשע ביסטו, גאַטעניו?

ס אָ ס י ע. און אַז איך וועל שוין קענען דאָס דאַזיקע לידעלע, וועט דער אייבערשטער מיר העלפן אָפּצאַפּן אַ ביסל פעטקײַט?

ס י מ כ ע. העלפן דאַרפט איר זיך אַליין. ערשטנס, מוזט איר אָפּהיטן די דיעטע, ווי דאָס אויג אין קאָפּ. אָט טוט אַ קוק אַף מיר, איך האָב זיך מײַנע אייגענע מײַכאָלים...

ס אָ ס י ע. אַז אָך און וויי איז די מײַכאָלים, וואָס אַן אַלטער באָכער קוויקט זיך מיט זיי.

ס י מ כ ע. פאָלגט מיך, מומע סאָסיע, אויב איר ווילט אָפּצאַפּן אַ ביסל שמאַלץ, טאָרט איר זיך מיט גאָרניט ניט קוויקן און פון גאַרניט ניט האָבן האַנאָע.

ס אָ ס י ע. וואָס זשע, די מינוט זיך אַנידערלייגן אין קייווער לעבעדיקערהייט?

ס י מ כ ע. גאָט באַהיט, אויב איר ווילט אײַנדערעמעסן ווערן אַן אײַדעלע דאַמע, וועל איך אײַך געבן אַ גוטע אייצע.

ס אָ ס י ע. פאַר געבן אַ גוטע אייצע וועט די צונג ניט אָפּגעדאַרט ווערן.

ס י מ כ ע. איז הערט מיט קאָפּ. ערשטנס, זאָגט מיר, מומע סאָסיע, וואָסער האָט איר ליב?

ס אָ ס י ע. וואָס איז שײַעך ליב האָבן וואָסער? אַז מע איז דאָרשטיק, טרינקט מען אַ קאַפּעטשקעלע, נאָר אַז ס'איז אַ גרויסע היץ אין דרויסן, נעמט מען מער מיט אַ ביסל אין מויל אַרײַן. נאָר זײַ וויסן, אַז מײַן דאָקטער האָט מיר טויזנט מאָל אָנגעזאָגט, איך זאָל, לע־מאַנהאַשעם, וואָס ווינציקער טרינקען וואַסער, ווײַל אַן עמער וואָסער איז געגליכן צו אַ פונט פוטער. און אַז מע פויקט זיך אָן אַפּילע מיט איין בוטעלע ביר, ווײַל דאָס הערצעלע אויך ניט לײַדן.

ס י מ כ ע. ווייסט איר דאָך, וואָס מע מעג און וואָס מע טאָר ניט. אָבער שטעלט אײַך פאָר, מומע סאָסיע, אַז אײַך האָט זיך פאַרגלוסט אַ שטיקל געפילטע פיש.

ס אָ ס י ע. אײַ, אַ שטיקעלע פיש...

ס י מ כ ע. און מע האָט אײַך אונטערגעטראָגן אַף אַ טעלערל אַ געשמאַקן געפרעגלטן קאָפּ פון אַ זילבערנעם קאַרפּ, און עס גייט אײַך אויס דער כּ׳עס דעם דאַזיקן קאָפּ אַרומאָר־בעטן, אויסשמאָטשקען יעדער ביינדעלע, איז פאָלגט מיך, האַלט זיך אײַן. איידער זיך צורירן צו דעם פיש, איז בעסער געבן אַ טרונק וואַסער.

ס אָ ס י ע. געפרעגלטע פיש דאַרפן קיין וואָסער ניט האָבן.

ס י מ כ ע. און אַ קאַפּעלע מאַשקע איז דען שלעכט?

ס אָ ס יע. ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ס'איז שלעכט?

ס י מ כ ע. אָדער זאָל זיך אײַך אײַנוווײַזן, לעמאַשל, אַז איר, מומע סאָסיע, טוט אַ טראַכט וועגן אַן עסיקפלייש? דאַרף באַ אײַך געדוירן אָפּקאָכן אַן עסיקפלייש מיט פלוימען?

ס אָ ס י ע. מיט פלוימען...

ס י מ כ ע. און דער דאַזיקער עסיקפלייש שמעקט, אַז עס צעגייט זיך אין אַלע איוורים. דערצו האָט איר באַצײַטנס צוגעגרייט אַ ווײַסן פרישן קוילעטש, וואָס איז נאָך אַ ביסעלע וואַרעם, מאַמעש ער אָטעמט.

ס אָ ס י ע. יאָ, אָטעמט מאַמעש.

ס י מ כ ע. און איר טוט אַ רײַס אָפּ אַ שטיק פרישן קוילעטש און טונקט אים אײַן אינעם מעכײַעדיקן געשמאַקן געדיכטן פעטן ראָסל, קאָן מען דאָך פּלאַצן פאַר...

ס אָ ס י ע. אוי, גאַזלען, הער שוין אויף, פערעאָדעם, אַניט וועט די סלינע מיך דערוואָרגן.

ס י מ כ ע. אָ, אָט דאָס מיינט מען טאַקע. איר מוזט זיך באַנוגענען בלויז מיט אַראָפּשלינגען די סלינע און אַ זופּ טאָן אַ קאַפּעטשקעלע וואַסער.

ס אָ ס י ע. איך קאָן אַפּילע קיין טראָפּן וואָסער אין מויל ניט נעמען.

ס י מ כ ע. איז ניט גוט. וואָס זשע דען, דערצו איז פאַראַן אַן אייצע. ווינטער, צום

בײַשפּיל, נעמט מען אָן א שיסל שניי אין דרויסן, זומער־צײַט גרייט מען צו אין אײַז־קעלטער א שטיקל אײַז, סײַ דעם שניי און סײַ דאָס אײַז דאַרף מען אָנרײַבן אָף א ריבאײַזן. די דאָזיקע קאַשע מוז מען אָנוואַרעמען אָף א הייסער סקאָווראָדע. דאַרף איך אײַך זאָגן, מומע סאָסיע, אַז קיין עסיקפּלייש דאַרף מען שוין ניט האָבן.

ס אָ ס י ע. און דו האָסט אמאָל פּאַרזוכט דאָס דאָזיקע מײַכל?

ס י מ כ ע. פּאַרזוכט.

ס אָ ס י ע. און די צונג איז בא דיר ניט־אָפּגעפרוירן געוואָרן?

ס י מ כ ע. ניין.

ס אָ ס י ע. און קיין קאַטער האָסטו אויך ניט באַקומען?

ס י מ כ ע. גאָט באַהיט.

ס אָ ס י ע. מע האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז דו ביסט א פּאַרשלעפּטע קרענק. ביסט א ביסעלע געראָטן אין מײַן שאַכן. וועלוועלע גאָוורילאָוויטש קומט אָפּ מיט א גלײַכוואָרטל, און דו האָסט ליב אָפּקנאַקן א לידעלע און דערציילן באַבעמײַסעס.

ס י מ כ ע. סאָסיע דאַווידאָווונע, מומינקע סאָסיע, אויב ניט זינגען און ניט שפּאַסן, דאַרף מען זיך אויסגראָבן א גרוב אָדער זיך אופהענגען אָף א דין שטריקעלע.

אומגעריכט קומט ארײַן ו ע ל ו ו ל. לאָזט זיך גיין צו סימכען.

ו ע ל ו ו ל. דאַכט זיך, איך האָב דיר שוין איין מאָל געזאָגט: דער, וואָס קאָן ניט אויס־קומען מיט קיין מענטשן, דעם דאַרף מען טרײַבן אין דער טשערעדע.

ס י מ כ ע (א פאַרלוירענער). גאָט איז מיט אײַך, וואָלאָדימיר גאַווריִלאָוויטש, ווער האָט אײַך געזאָגט, אַז איך קאָן ניט אויסקומען מיט קיין מענטשן?

ו ע ל ו ו ל. ניט דיך מיינט מען, סימכע. איך זאָל דאָס האָבן צו גאָט, וואָס איך האָב צו דיר. פאַראַן אָבער געגונג מעיוכאָסים, וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן, ווען מע האָט אופּ־געהערט טיילן יושער.

ס אָ ס י ע. איך זע, וואָלאָדימיר גאַווריִלאָוויטש, איר ווילט באַזאָרגן די גאַנצע וועלט מיט גוטע מענטשן.

ו ע ל ו ו ל. דאָס איז ניט אין מײַנע קויכעס, נאָר איך גלייב, אַז די וועלט אליין וועט זיך אָפּרייניקן פונעם ביסל מיסט. איך וויל אײַך דערציילן גאָר אַן אַנדער מײַסע. הײַנט טאָקע האָט דער דאָזיקער מענטש, מישטיינסגעזאָגט, מיר געוואָלט אײַנרעדן, אַז גאָר אינגיכן וועט זיך עפענען די טיר און מײַן דאָוויד וועט זיך ארײַנשטעלן אהער אין שטוב ארײַן.

ס אָ ס י ע. ווידעראַמאָל דאָס זעלבע, שאַכן געטרייער, האָט ראַכמאָנעס אָף זיך אליין און אָף אײַערע קינדער.

ו ע ל ו ו ל. אײַ, מומע סאָסיע, איר קאָנט ניט לײַדן, טאַ־מער וויל א מענטש זיך לייגן פייגעלעך אין בוזעם? וואָס אַרט אײַך, אַז איך וויל א ביסעלע גלייבן אין דערינען? איך פאַרשטיי — א פרעמדע צאַרע מעג מען ארײַנוואַרפן אין טײַך ארײַן און זאָל זי צעגיין, ווי זאַלץ אין וואַסער. אָבער אַן אייגענער אומגליק איז שווער מיט רוכעס, און מע קאָן פון אים ניט פּאַטער ווערן, כאָטש גיב אים א קרענק. און דאָ וויל מען מיר אײַנרעדן, אַז מײַן זון לעבט, אים איז אַלרײַט און ער שוויַגט, פאַרגעסן טאַטע־מאַמע. איז דאָך צוויי מאָל א ווייטעק.

ס אָ ס י ע. איר הערט, שאַכן מײַנער, איך האָב געמיינט, אַז איר זײַט א קלוגער מענטש.

ו ע ל ו ו ל. אויב אַלע וועלן זײַן קלוגע, ווער זשע וועט זײַן דער נאַר?

ס י מ כ ע. איר געדענקט, וואָלאָדימיר גאַווריִלאָוויטש, איר אליין האָט מיר אמאָל געזאָגט, אַז זשאַווער עסט אײַזן און צאַרעס עסן דאָס האַרץ. קיינער הייסט אײַך ניט אַרויסוואַרפן פונעם קאָפּ דעם אָנדענק פון אײַער זון. איך האָב דען פאַרגעסן אין מײַנע עלטערן? יעדער יאָרצײַט פּאָר איך אין שטעטל. מיינט איר עפּשער, איך אייגער קום אָף קיִווער־אָוועס? הונדערטער מענטשן קלײַבן זיך צונויף אין איינעם און דעם זעלבן טאָג. נאָר זיצן שיווע א גאַנץ לעבן?! ניטאָ יענע ליכט, וואָס זאָל קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן.

ו ע ל ו ו ל. איך בין דען שולדיק, אַז איך הער מײַן דאָווידס געלעכטער. עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז ער יאָגט מיך אָן מיט מײַן מאַנטל אין האַנט, וואַרפט אים אַרום אָף מײַנע

פלייצעס און זאָגט: „טאַטע, טו אָן, ס'איז דאָך קאַלט אין דרויסן". און אַפּטמאָל שטעלט זיך מיר פֿאַר, אַז מײַן זון גאַנוועט זיך אַרײַן צו מיר אין אַטעליע, זעצט זיך אַנידער אַפֿן טיש מיט פּאַרלייגטע פּיס, ווי אַן אַמאָליקער שנײַדער פֿלעגט עס טאָן, זעצט זיך אַנידער אַפֿן טיש לעם מיר און זאָגט בעזע האַלאָשן: „טאַטע, האָב אַף מיר ניט קיין פּאַריבל, איך ווייס, דו האָסט געוואָלט, איך זאָל האָבן אַ מעלאָכע אין דער האַנט. איך געדענק, אַז דו און דער זיידע גאַווריִעל און אונדזערע אורזיידעס זײַנען געווען שנײַדער, בלויז איך איינער פֿונעם שייוועט שער־און־אײַזן בין געוואָרן אַ לערער. האָב זשע קיין פּאַריבל ניט, טאַטע".

עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר, עס קומט אַרײַן ד אַ נ ו ש, וואָס בלײַבט שטיין אַף דער שוועל.

ד אַ נ ו ש. איך בעט זייער מיר אַנטשולדיקן. זאָגט, איך בעט אײַך, בערטשיק איז אין דער היים?

דערזען דעם אַרײַנגעקומענעם, ווערט וועלוול דערשיטערט.

ו ע ל ו ו ל. אוי־ווי, זעט נאָר זעט, דאַווידל? דאַוויד מיט די ביינער! סאָסיע, סימכע, וואָס שטייט איר, וואָס שווײַגט איר?

דערשראָקענע ווייסן סימכע מיט סאָסיען ניט וואָס צו טאָן. וועלוול קאָן זיך ניט רירן פֿון אָרט. ער צעשרײַט זיך.

ו ע ל ו ו ל. גוסטע, בערטע, קומט אַהער גיכער!

דערשראָקענע לויפֿן אַרײַן ג ו ס ט ע מיט ב ע ר ט ע ן.

ג ו ס ט ע, ב ע ר ט ע. וואָס איז געשען, וואָס איז מיט דיר, טאַטע?!

ו ע ל ו ו ל. קוקט אַהין. (ווײַזט אַף דאַנושן.) אונדזער דאַווידל איז געקומען, איר דער־קענט אים ניט? (לאָזט זיך מיטאַמאָל האַסטיק גיין, אָפּשלײַדערנדיק אַ בענקל אין אַ זײַט. גוסטע מיט בערטען פֿאַרשטעלן אים דעם וועג.)

ג ו ס ט ע. וואָס רעדסטו, טאַטע, באַרויִק זיך. דאָס איז דאָך אַ פֿרעמדער יינגל. ווען דאַוויד איז אוועק אַף דער מילכאָמע, איז ער שוין געווען אַ דערוואַקסענער מענטש...

ב ע ר ט ע. און דאָס איז בערטשיקס אַ כאַווער, פֿאַרשטייסט, בערטשיקס אַ כאַווער.

בערטע ווײַזט מיט דער האַנט, מע זאָל אַרויספֿירן דאַנושן. סימכע מיט סאָסיען באַגלייטן אַרויס דעם אַף טויט דערשראָקענעם באָכער.

ו ע ל ו ו ל. אײַ, אײַ, אײַ! (בערטע מיט גוסטען נעמען וועלוולען אונטער די הענט, אָבער עס איז אומעגלעך אים רירן פֿון אָרט, ענדלעך מאַכן זיי אַלע דרײַ עטלעכע שפּאַן. קוקנדיק אַף ביידע טעכטער, שאָקלט וועלוול באַדויערנדיק מיטן קאָפּ... בלײַבט שטיין, קערעוועט זיך אויס צו דער טיר.) ניטאָ קיינער, ווײַזט אויס, דאַווידס שאָטן איז דאָרטן געשטאַנען.

ג ו ס ט ע. קיין שום שאָטן, בערטשיקס כאַווער, אַ באָכער פֿון יוגאָסלאַוויע.

ב ע ר ט ע. ער האָט זיך דערשראָקן פֿאַר דײַן געשריי און איז אוועקגעגאַנגען.

ג ו ס ט ע. וואָס דיר קאָן זיך אויסווײַזן!

ו ע ל ו ו ל. ניין, מיר האָט זיך גאָרניט אויסגעוויזן, דער באָכער איז ענלעך אַף דאַווידן, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט.

גוסטע. דו טראַכסט צופֿיל וועגן דײַן זון, דערפֿאַר ווײַזט זיך דיר אויס, אַז יעדער איי־נער איז ענלעך אַף אים.

ו ע ל ו ו ל. וואָס ווילט איר מיר אײַנרעדן? איך האָב דאָך געזען דאַווידס לעבעדיקע אויגן.

ג ו ס ט ע. אוי, טאַטע, ביסט ניט געזונט, איך וועל מוזן אַרויסרופֿן אַ דאָקטער.

ו ע ל ו ו ל. כאַ־כאַ־כאַ (באַפֿרײַט זיך פֿון זייערע הענט, לאָזט זיך אַליין שפּאַנען איבער דער שטוב.) זי וויל רופֿן אַ דאָקטער, און אַליין ביסטו קליין מיך היילן? (בלײַבט שטיין.) וואָס זשע, אַזאַ מעסוקענער כוילע בין איך? צי עפּשער האָב איך זיך געקויפֿט אַ קרענק פֿאַר אייגענעם געלט? אַ־אַ־אַ, איך פֿאַרשטיי שוין, דו מיינסט, איך האָב פֿאַרלוירן די נײַנטע קלעפּקע איניינעם מיטן אײַזערנעם רייפֿל פֿון דער דייזשקע?

ג ו ס ט ע. איך מיין גאָרניט, איך וווּנדער זיך בלויז, וויאַזוי קאָנסטו גאָר אַזוינס טראַכטן? אונדזער דאַוויד וואָלט איצט אַלט געווען העכער פֿערציק יאָר, און דו האָסט אין אַ יינגל דערקענט דײַן זון. וואָס וואָלסטו געקלערט, ווען איך זאָג דיר אַזאַ זאַך?

וועלוול שווײַגט, קוקט פֿאַרצווייפֿלט אַף גוסטען.

ב ע ר ט ע. דו ביסט מיד, טאַטע, בעסער זעץ זיך אַנידער.

ג ו ס ט ע. בערטע איז גערעכט, דו דאַרפֿסט זיך אָפּרוען, פֿאָלג מיך, גיי לייג זיך צו. הײַנט איז באַ דיר אַ שווערער טאָג, טאַטע.

װעלװל. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז דער שװערער טאָג האָט זיך נאָך ניט געענדיקט, דער שװערער טאָג הייבט זיך ערשט אָן. (צעלאַכט זיך פּלוצעם.) װעלװעלע גאַװריִעלס, האָסט פאַרלױרן אַ ראָד פונעם װאָגן? װאָס קוקט איר אַזױ אױף מיר? עס טאָר זיך מיר שױן גאָרניט אױסדאַכטן?

בערטע. טו אונדז צוליב און גיי לייג זיך צו.

װעלװל. גוט, איך װעל אײַך פאָלגן, איך װעל גיין זיך אַנידערלייגן. נאָר מיינט ניט, אַז ליגנדיק װעט מיר װערן גרינגער. (נעמט אַרױס דעם פינגערוט פון קעשענקעלע, טוט אים אָן אױפן פינגער, באַטראַכט אים פון אַלע זײַטן.) בלײַבן איינער אַליין מיט דעם דאָזיקן אָקשן. װיפל מאָל איך רעד ניט צו דעם מאַזיק, איז אַזױ װי צו דער װאַנט, שװײַגט װי אַ טאָם.

גוסטע. שױן צײַט, דו זאָלסט זיך צעשיידן מיט דײַן פינגערוט.

װעלװל. דאָס װעל איך אײַך דאַפקע ניט צוליב טאָן. איך װעל איבערלאָזן אַ צװאָוע, איר זאָלט מיר אַהין מיטגעבן אַ שער, אַ נאָדל־פאָדעם און לעמאַנהאַשעם ניט פאַרגעסן אַרײַנלייגן דעם פינגערוט, װײַל אָן אים בין איך אױס מענטש.

בערטע. נו, און אינעם אײַזן האָסטו גאָר פאַרגעסן?

װעלװל. אױף יענער־װעלט זײַנען פאַראַן גענוג פאָלגוטשעס, װאָס דאַרפן פאַרפרעסן אַלע כעסרוינעס פון זייער אַרבעט, זאָלן זיי זיך זאָרגן פאַרן אײַזן. װילט איר, הייסט עס, איך זאָל גיין זיך אַנידערלייגן? נו, גוט.

גוסטע. קום, טײַערער, װעל איך גיין מיט דיר. איך װעל אַ ביסל זיצן לעם דײַן געלעגער, װעסטו מיר דערציילן דעם זיידן גאַװריִעלס מײַסעלע. דו געדענקסט, טאַטע: האָט דער װײַסער בער פאַרבלאָנדזשעט אין אַ שניי־מידבער, אַרום־און־אַרום איז װײַס, דערפאַר קאָן דער בייזער יעגער ניט טרעפן אינעם װײַסן בער, איבער דעם האָט דער װײַסער בער געלעבט אײביק.

װעלװל. װילסט מיר פאַרגרינגערן מײַנע יעסורים? נו, גוט, קום. עפשער װעל איך טאַקע כאַפּן אַ דרעמל (נעמט גוסטען אונטערן אָרעם, ביידע שפּאַנען לאַנגזאַם, בערטע באַגלייט זיי ביז דער טיר.)

װעלװל און גוסטע אָפּ. עס לאָזט זיך הערן סימכעס באַליבט לידעלע. װען סימכע קומט אַרײַן, שטייט בערטע נאָך אַלץ אַ פאַרטראַכטע בײַ דער טיר.

בערטע. איר קומט שטענדיק צו דער צײַט.

סימכע. אַ האַרץ פילט אַ האַרץ. איך װייס אָבער ניט, צי מיט מײַן קומען װעל איך אײַך עפּעס פאַרגרינגערן.

בערטע. אַ גוטערפרײַנט מאַכט קיינמאָל ניט שװער דעם געמיט. (זי גייט צו נאָענט צו סימכען.) איר װייסט, סימכע, איך אַליין האָב זיך געכאַפּט בײַ דעם געדאַנק, אַז אײַך קאָן איך אַמאָל דערציילן מער װי מײַן שװעסטער. (זי לאָזט זיך גיין צום זשורנאַל־טישל.) איר פאַרשטייט, איך האָב מוירע פאַר מײַן טאַטן, צופיל דײַגעס האָבן זיך פּלוצעם אָנגעװאָלגערט אױף זײַנע פּלייצעס. װער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז אַרקאַדי זאָל אָפּטאָן אַזאַ זאַך? (זי זעצט זיך אַנידער אין אַ שטול.) איך אַליין בין געװױנט צו אַרקאַדין, װי צו אַן אײגענעם ברודער. איך שטעל זיך גאָר ניט פאָר, װי װעלן מיר זיך באַגיין אָן אים. (זי װײַזט מיט דער האַנט אױפן צװייטן שטול, סימכע זעצט זיך אַנידער.)

סימכע. ס׳װעט דורכגיין אַ שטיקל צײַט, און גוסטע װעט אים עפּשער מויכל זײַן?

בערטע. איר מיינט, אַז מע מעג אים מויכל זײַן?

סימכע. איך מיין גאָרניט, נאָר װען איך בין אױף גוסטעס אָרט, װאָלט איך אים איבערגעלאָזט אַלץ מיט אַלעמען און װאָלט אַװעק אין עק װעלט. נאָר אַ מאַנצבל איז איין זאַך, און אַ פרױ איז עפּעס אַנדערש.

בערטע. איר װילט זאָגן, אַז אַ פרױ איז אַ שװאַכע באַשעפעניש?

סימכע. כאָלילע, אַ פרױ פאַרמאָגט אַ װייך האַרץ, אַ פרױ איז אַ גוטע און אַ מילדע.

בערטע. דערפאַר מעג מען זי טאַפּטשען מיט די פיס? אָבער מיינט ניט, אַז מײַן שװעסטער איז אַזאַ גוטע. איר װייך האַרץ איז פאַרשטיינערט געװאָרן, און איך בין איר מאַמעש מעקאַנע, װאָס זי האָט געקאָנט מיט איין מאָל אױסשנײַדן דאָס געשװילעכץ. מײַן פאָטער לעבט מער איבער פון אונדז אַלעמען, דערצו טראָגט ער זיך אַרום מיט אַ כאָלעם, ער װאַרט, זײַן זון זאָל אים אָנקלאַפּן אין טיר. מײַן טאַטע גלייבט אין טכיִעס־האַמייסים. ער איז דערגאַנגען דערצו, אַז אין אַ פרעמד יִינגל האָט ער דערקענט זײַן זון.

סימכע. און מיר װײַזט זיך אױס, אַז דאָס, װאָס אײַער פאָטער האָט אינעם פרעמדן באָכער דערקענט זײַן זון, איז ער ניט אינגאַנצן אומגערעכט.

ב ע ר ט ע. איר, סימכע, זײַט, דאַכט מיר, אויך ניט מיט אַלעמען.

ס י מ כ ע. איר קאָנט מיר זאָגן, וואָס איר ווילט, נאָר הערט מיך אויס ביזן סאָף.

ב ע ר ט ע. גוט, ביטע, ביטע, נאָר איין באַקאַשע האָב איך צו אײַך: דאָס מאָל זאָלט איר מיר ניט אָנזאָגן קיין שלעכטע בסורע.

ס י מ כ ע. כאַלילע, איך ווייסט, אַז אַט דעם דאָזיקן באַ־כערס טאַטע איז געווען אונדזער אַ בען־איר און ער איז אומ־געקומען אין יוגאָסלאַוויע. איצט קערט דאַנוש וועלטן, קעדיי צו געפינען דעם פאַטערס עלטערן.

ב ע ר ט ע (אומגעדולדיק). איך ווייס, איך ווייס, עפּעס האָט בערטשיק דערציילט. מיר איז אַפילע באַוווּסט, אַז איר זײַט אויך אין זייער קאָמפּאַניע.

ס י מ כ ע. און איר האָט ניט אַ קלאָרער געטאָן, ווי קומט צו דעם דאָזיקן באָכער די פאַמיליע גאַווריליאַוו?

ב ע ר ט ע. איר זײַט אַ מאָדנע מענטש. גאַווריליאַוס, פּעטראָווס, איוואַנאָווס איז אומעטום פאַראַן אָן אַ שיר, איז וואָס דערפון געדרונגען, סימכע?

ס י מ כ ע. און מיר ווײַזט זיך אויס, אַז בײַס אײַער דאַ־ווידן איז אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, האָט ער געמוזט בײַטן זײַן פאַמיליע, מע זאָל ניט וויסן, אַז ער איז אַ ייִד. ניט אומזיסט האָט ער אויסגעקליבן דעם זיידנס נאָמען. טראָגן אַ פרעמדן נאָמען איז ניט פון די לײַכטע זאַכן, מע קאָן אַמאָל פאַרגעסן, אַז מ'האָט זיך אַ נאָמען געגעבן פּעטראָוו צי איוואַנאָוו, און זיך ניט אָנרופן, ווען מע רופט דיך אויס. נאָר אַז מע רופט אויס גאַווריליאַוו! דאָס איז אַן אַנדער זאַך: דעם זיידנס נאָמען פאַרגעסט מען ניט, ער איז גוט אײַנגעקריצט אין זיקאָרן. דערפאַר האָט דאַוויד זיך געקאָנט אַ נאָמען געבן גאַווריליאַוו און ניט איוואַנאָוו צי פּעטראָוו.

ב ע ר ט ע. נו, גוט, אַף איין מינוט קאָן מען זיך אַזוינס פאָרשטעלן.

ס י מ כ ע. ניט נאָר פאָרשטעלן, דער סייכל איז זיך מיסכּײַעוו. ווען איך וואָלט זײַן אַף אײַער ברודערס אָרט, וואָלט איך געטאָן דאָס זעלבע. פאַרוואָס דאַרפט איר גאָר מיינען, אַז אײַער פאָטער איז ניט מיט אַלעמען? ניין, ניט אומזיסט האָט ער דערזען די ענלעכקײַט צווישן זײַן זון און דאַנושן.

ב ע ר ט ע. וואָס זשע ווילט איר מיר אײַנרעדן, אַז מײַן ברודער האָט דאָרטן געפּראַוועט אַ כאַסענע און האָט...

ס י מ כ ע. קיין שום כאַסענע. נאָר ליב באַקומען אַ מיידל, וואָס איז אים געווען איבערגע־געבן מיט לײַב־און־לעבן, וואָס האָט אים עפּשער געראַטעוועט פונעם טויט, האָט אײַער ברו־דער געמעגט?

ב ע ר ט ע. אַזעלכע מײַסעס קאָנען זיך טרעפן בלויז אין קינאָ אָדער אין אַ ראָמאַן.

ס י מ כ ע. און אין לעבן ניט? אָט האָט זיך דאָך אַזוינס געטראָפן מיט דאַנושעס עלטערן. מיר פאַרזונגלעך האָט זיך אַלעמאָל אויסגעוויזן, אַז דאַנוש איז זייער ענלעך אַף אײַער בער־טשיקן. טעטלע האָט מיר אויך געזאָגט דאָס זעלבע.

ב ע ר ט ע. פאַרוואָס האָב איך עס ניט באַמערקט?

ס י מ כ ע. ווען האָט איר געקאָנט באַמערקן, אַז איר זײַט געווען אופגערעגט, דערשראָקן, און איר האָט אין זינען געהאַט בלויז באַרוּיִקן אײַער פאָטער? איר האָט פּאַשעט ניט באַמערקט דעם באָכער. ווען איר קוקט זיך גוט צו צו אים...

ב ע ר ט ע. אײַ, גייט שוין, גייט, סימכע! (זי הייבט זיך אוף פונעם אָרט.) איר פאַנטאַזירט. איר ווייסט שוין אַליין ניט, וואָס איר רעדט, איר ווייסט ניט.

ס י מ כ ע. אָבער זאָגט ניט, אַז דאָ שפּיל איך אויך טעאַטער, און מיינט ניט, אַז איך בין ניט מיט אַלעמען.

ב ע ר ט ע. ניין, דאָס מיין איך ניט. ניין, דאָס מאָל שפּילט איר ניט. איך זע, איר ווילט מיט אַלע כּושים, אַז דאַנוש זאָל זײַן אונדזער דאַווידס זון. איך פיל, אַז איר באַמיט זיך מיט אַלע קויכעס פאַרנעמען אַ שטיקעלע אָרט אין מײַן האַרצן.

ס י מ כ ע. איך לייקן ניט. אויב דאָס וועט זיך מיר אײַנגעבן, וועל איך זײַן דער גליקלעכ־סטער מענטש אַף דער וועלט. איר פאַרשטייט, בערטע טײַערע, ווען איך האָב דעמלט גענומען

ארויסבאגלייטן דאַנושן פון שטוב, האָט ער אַף מיר אַזאַ קוק געגעבן, ווי ער וואָלט פרעגן, פאַרוואָס טרײַבט מען אים ארויס, און אין דער רעגע האָב איך אין זײַנע שווארצאַפּלען דערזען אײַערע קליינישקע שפּיגעלעך, איך האָב דערקענט אײַערע אויגן.

ב ע ר ט ע. וואָס זשע שטייען מיר? לאָמיר גיין, איך וויל אַף אים אַ קוק טאָן. דאַנוש איז בא טעטלען, יאָ?

ס י מ כ ע. דאַנוש איז בא עטעלען ניטאָ. איך האָב אים געוואָלט פארהאַלטן, האָט ער זיך אויסגעריסן פון די הענט. מיר ווײַזט זיך אויס, אַז דער באַכער האָט אפילע געלאָזט אַ טרער.

ב ע ר ט ע. וואָס זשע טוט מען? כוץ אלעמען, דאַרף מען אים דאָך געבן צו פאַרשטיין, אַז קיינער האָט אים ניט געמיינט באַליידיקן און איך וויל אים טאַקע זען.

ס י מ כ ע. בערטשיק ווייסט, ווו דאַנוש געפינט זיך.

ב ע ר ט ע. בערטשיקן דאַרף מען איצט ניט טשעפּען, ער איז שטאַרק דערצאָרנט.

ס י מ כ ע. וועל איך בעטן עטעלען, זי ווייסט, ווו מע קאָן געפינען דאַנושן. ווייסט איר וואָס? איך וועל פאָרן מיט איר, איך וועל נעמען אַ טאַקסי.

ב ע ר ט ע. יאָ, יאָ.

ס י מ כ ע. אָבער איר זאָגט מיר צו, אַז איר וועט זײַן רויק?

בערטע באַגלייט אים צו דער טיר.

ב ע ר ט ע. איך וועל מיט אומגעדולד וואַרטן אַף אײַך אַלעמען.

ס י מ כ ע אָפּ. בערטע שטעלט איבער די בענקלעך, זי רוקט זיי אַהער און אַהין. ג ו ס ט ע, וואָס איז נאָרוואָס ארײַנגעגאַנגען, קוקט עס צו.

ג ו ס ט ע. וואָס איז מיט דיר, בערטע, וואָס ביסטו צעטראָגן?

ב ע ר ט ע. זע נאָר, איך האָב גאָרניט געהערט, ווי דו ביסט ארײַנגעקומען. (זי ווײַזט אַפן טיש.) טו נאָר אַ קוק, מיר האָבן הײַנט אפילע פארגעסן אין מיטיק.

ג ו ס ט ע. דו פאַרעדט מיר ניט די ציין. פון ווען אָן האָסטו אָנגעהויבן אויסבאַהאַלטן פון מיר?

ב ע ר ט ע. וואָס באַהאַלט איך דאָרטן, סימכע איז דאָ געוועזן. קענסט ניט סימכען? ווייסט דען ניט זײַנע טײַנעס? דאָס זעלבע לידעלע זינגט ער. סימכע איז אַ שפּיל־פייגעלע...

ג ו ס ט ע. ע־ע־ע, בערטע. סימכע האָט ניט פאַרדינט, דו זאָלסט אַזוינס וועגן אים ריידן. (גייט צו נעענטער צו דער שוועסטער, קוקט איר ארײַן אין די אויגן.) איאָ, ניט פאַרדינט, זאָג.

ב ע ר ט ע (שאָקלט מיטן קאָפּ אַף „יאָ״). דער טאַטע איז אַנשלאָפן געוואָרן?

ג ו ס ט ע. דאָרט איז בערטשיק מיט אים. דער טאַטע קאָן ניט אַנשלאָפן ווערן, ער איז אַזוי געוואָרן נערוועז. מע מוז בא אים פועלן, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. גענוג פונזײַנעטוועגן, גענוג.

ב ע ר ט ע. זאָל ער כאָטש נעמען אורלויב אַף אַ כוידעש. מע דאַרף אים קריגן אַ פּוטיאָווקע אין אַ סאַנאַטאָריע, זאָל ער זיך אונטערהיילן אַ ביסל.

ג ו ס ט ע. אין אורלויב וועט ער גיין, נאָר פאָרן וויל ער גאָר אַהין, פונוואַנען דאָוויד האָט דעם לעצטן בריוו געשריבן. דער טאַטע מיינט, אַז דאָרטן וועט ער זיך עפּעס פאָרט דערוויסן.

ב ע ר ט ע. עס קאָן זיך מאַכן, ער זאָל אַהין ניט דאַרפן פאָרן.

ג ו ס ט ע. פאַרוואָס וועט ער ניט דאַרפן פאָרן אַהין?

ב ע ר ט ע. איך וויל דיר עפּעס זאָגן, נאָר איך בעט דיך, דו זאָלסט פון מיר ניט מאַכן אויסצודרייען. פאַרשטייסט, סימכע זאָגט, ניין, סימכע קלערט אַזוי, אַז דער דאַזיקער באַכער האָט עפּעס אַ שײַכעס צו אונדזער דאָווידן.

ג ו ס ט ע. איך פאַרשטיי גאָרניט. דו קאָנסט מיר זאָגן אַזוי, אַז איך זאָל עפּעס וויסן פון דײַנע רייד?

ב ע ר ט ע. סימכע זאָגט, אַז דאַנוש איז שטאַרק ענלעך אַף אונדזער בערטשיקן, און בערטשיק, ווייסטו דאָך, איז דאָוויד, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. קומט אויס, אַז דער טאַטע איז ניט אינגאַנצן אומגערעכט.

ג ו ס ט ע. דו מיינסט אַזוי?

ב ע ר ט ע. עטעלע האָט אויך געזאָגט, אַז דאַנוש און בערטשיק זײַנען ווי צוויי ברידער.

גוסטע. וואָס דאַרפֿן מיר הערן, וואָס עמעצער רעדט, מיר האָבן קיין אויגן ניט, צי מיר פֿאַרשטייען שוין גאָרניט? מע מוז א קוק געבן אַפֿן באַכער. ווו איז ער? ער איז דאָך געווען בא אונדז אין שטוב? מע דאַרף אים זען, און זאָלן זיך אונדז אופֿהערן כאַלעמען פּוסטע כאַלוימעס. (אופגערעגט.) ווו זשע איז ער?

בערטע. ער וועט באַלד זײַן דאָ. סימכע מיט עטעלען זײַנען אַוועקגעפֿאָרן נאָך אים.

אן אומעטיקער קומט אַרײַן בערטשיק.

גוסטע. דו הערסט, בערטשיק, מע זאָגט, אז דו ביסט שטאַרק ענלעך אַף דײַן כאַוער פֿון יוגאָסלאַוויע. ס'איז אן עמעס?

בערטשיק. איך ווייס ניט, מאַמע. עטעלע האָט מיר אויך געזאָגט דאָס זעלבע. וואָס איז דען?

בערטע. נו, דער זיידע האָט דאָך אין דאַנושן דערקענט אונדזער דאָווידן.

בערטשיק. אָט דאָס איז דאָ געווען דער טומל, דער געשריי? ווו זשע איז דאַנוש? ער האָט דאָך זײַן פֿאָטערס פֿאָטאָ.

גוסטע. און דו האָסט געזען די דאָזיקע פֿאָטאָגראַפֿיע?

בערטשיק. ערשט הײַנט האָט ער געוואָלט זי אונדז ווײַזן, נאָר איך געדענק שוין ניט, וואָס האָט עס אים איבערגעשלאָגן. איך האָב געטראַכט, אז איך וועל נאָך באַווײַזן א קוק געבן. הער נאָר, עס קאָן זיך גאָר מאַכן, אז מײַן זיידע, וועלוועלע גאַווריִעלס, איז דער דאָזיקער גאַוורילאָוו, וואָס מיר זוכן. ווייסטו וואָס, מאַמע, איך וועל צולויפֿן ברענגען דאַנושן. איך וועל א קוק געבן, צי דאַנושעס פֿאָטאָ איז ענלעך אַף דער פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אונדזער דאָווידן. איך וועל גיין, יאָ, מאַמע?

בערטע. מע דאַרף ניט, סימכע מיט עטעלען זײַנען אַוועקגעפֿאָרן נאָך דאַנושן, זיי דאַרפֿן שוין באַלד קומען.

בערטשיק. איז דאָך זייער גוט. (לאָזט זיך גיין.)

גוסטע. וואַרט, בערטשיק, ווילסט גיין זאָגן דעם זיידן? זאָלסט ניט וואָגן. ביז מיר וועלן זיך גענוי ניט דערוויסן אַלץ, דאַרף דער זיידע אַפֿילע זיך ניט אָנשטויסן.

בערטשיק. ניין, איך וועל דעם זיידן גאָרנישט ניט דערציילן. איין מינוטקעלע, מאַמע, אַנטשולדיק מיר. (בערטשיק אָפּ.)

גוסטע. מע דאַרף ניט טומלען. איך גלייב נאָך ניט, איך גלייב אין גאָרניט, נאָר דאָס האַרץ נאָגט אזוי.

בערטע. און מיר איז קאַלט, איך קאָן זיך קיין אָרט ניט געפֿינען.

גוסטע. בערטע, נעם זיך אין די הענט, דער טאַטע וועט אַף דיר א קוק געבן, וועט ער באַלד פֿאַרשטיין, עס וועלן זיך ווידעראַמאָל צעשפּילן זײַנע נערוון.

בערטע. דו שטעלסט זיך פֿאָר, גוסטע, אויב עס זאָל זײַן אן עמעס?

גוסטע. איך ווייס גאָרניט. דערווײַל וויל איך זיך גאָרניט פֿאָרשטעלן.

בערטשיק גייט אַרײַן, האַלטנדיק אין דער האַנט א פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס איז אײַנגעפּאַסט אין א שוואַרץ הילצערן ראַמעל.

בערטשיק. דער זיידע שלאָפֿט, ער כאַפּט א געשמאַקן כראָפּע.

גוסטע. בערטשיק, צוליב וואָס האָסטו אַהער געבראַכט דאָווידס פֿאָטאָגראַפֿיע?

בערטשיק (זוכט מיט די אויגן). ווו שטעלט מען זי אַנידער, זי זאָל זיך וואַרפֿן אין די אויגן?

בערטע. טראָג שוין אָפּ צוריק. טאָמער וועט דער זיידע דערזען, אז דאָווידס פֿאָטאָ איז ניט געשטאַנען פֿון זײַן טיש, וועלן מיר אַלע דאַרפֿן אַנטלויפֿן פֿון דער שטוב. טראָג אָפּ צוריק...

בערטשיק. מומעלע בערטע, מאַך ניט קיין פּאַניקע, מע דאַרף אויספּרוּוון דאַנושן. מיר וועלן זען, אויב ער וועט דערקענען עפּעס אין פֿעטער דאָווידן. אויב ער וועט זיך נאָר אָפּ־שטעלן לעם דער פֿאָטאָגראַפֿיע, וועט זײַן דער בעסטער סימען.

גוסטע. בערטשיק איז גערעכט, דאָס וועט זײַן דער בעסטער סימען.

בערטשיק (א צופֿרידענער, שטעלט ער אַנידער די פֿאָטאָגראַפֿיע אַפֿן מיט טיש צווישן געפֿעס). אָט דאָ, מיין איך, וועט זײַן גוט, איאָ?

בערטע. א מאַשל־קאַפּאַשל, ווו האָסטו געזען, א פֿאָטאָגראַפֿיע זאָל שטיין צווישן טע־לער, גאָפּל און לעפֿל? ס'איז א ווייסטער ביזאָיען.

גוסטע. עפּשער דאָרטן, אַפֿן קאַמין?

בערטשיק. ס'איז צו ווײַט, עס טויג ניט.

גוסטע. ווייסטו גאָר וואָס? (זי גייט צו צו דער טעטאַזשערקע, נעמט אַראָפּ פון דער פּאַליצע אַרקאַדיס פּאַטאָ.) איך מיין, דעם פּאָרטרעט מעג מען שוין אַראָפּנעמען פונדאַנען, דאָס וועט זיין דאָס בעסטע אַרט פאַר דאַווידן. ווי מיינסטו, בערטשיק?

בערטשיק (שווייגט).

גוסטע וואַרט אויף אַן ענטפער. ענדלעך גייט בערטשיק לאַנגזאַם צו דער עטאַזשערקע און שטעלט אַוועק דאַווידס פּאַטאָ אויף דעם באַפּרייטן אָרט. אין צימער הערשט אַן אומהיימ־לעכע שטילקייט. אַרקאַדיס פּאָרטרעט לייגט גוסטע אַריין אין שופלאָד פון בערטשיקס שרייבטיש.

גוסטע. אָ, בערטשיק, איצט זע איך טאַקע, אַז דו ביסט זייער ענלעך אויף אונדזער דאַווידן.

בערטשיק. קאָן מען האָפן, אַז ווען איך וועל עלטער ווערן, וועל איך אויסזען ווי אַן עמעסער מאַנצבל?

בערטע. אוי, גאָט מיינער, און איצט איז דען דאָ אַ סאַך אַזעלכע טייערע יינגלעך, ווי דו! (זי נעמט אַרום בערטשיקן.)

בערטשיק. מומעלע בערטע, דו שאַצסט מיך איבער. און צי איך בין ענלעך אויפן פעטער דאַווידן, ווייס איך ניט, נאָר איך זע, אַז דער פעטער דאַוויד איז זייער ענלעך אויף מיין זיידן וועלוועלע גאַווריִעלס. אַט זאָל ער אַליין אַ קוק געבן. ווו איז ער ערגעץ?

גוסטע. שאַ, שטילער, בערטשיק, וועסט דאָך אים אויפוועקן.

וועלוול (באַוויַזט זיך אין דער אָפענער טיר). איך שלאָף ניט. איר מיינט, אויב בער־טשיק האָט אייך געזאָגט, אַז איך כראָפּע, איז עס טוירעס לאָקשן? איך האָב אַלץ געהערט, איך האָב געזען, ווי בערטשיק האָט גענומען דאַווידס קאַרטע...

בערטע. דו פאַרשטייסט, טאַטע, עס קאָן זיך טרעפן, אַז...

וועלוול. איך ווייס אַלץ. יאָ, עס קאָן זיך מאַכן, אַז דער באָכער איז אונדזער דאַווידס זון. אָנו, ריבוינעשעלוילעם, באַוויַז אַ נעס, וועל איך טאַקע זען, וואָס דו קאָנסט אויפטאָן.

גוסטע. אָבער, טאַטע, איך בעט דיך זייער...

וועלוול. דו בעט מיך ניט, איך ווייס, וואָס דו ווילסט מיך בעטן. דו ווילסט, איך זאָל זיין פּולקום רויִק. וועל איך דיר צוליב טאָן, נאָר אַפּריִער טו אַ קוק אויף זיך, טאָכטער מיינע, און אויף דיין שוועסטער, בעסער טוט אַכטונג אויף זיך אַליין, מיך האָט איר ניט וואָס צו היטן. איך האַלט זיך אין די הענט, ווייל דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז אַלע מיינע מוקעס וועלן זיך היינט ענדיקן. ניט אומזיסט האָב איך אינעם יינגל דערקענט אונדזער דאַווידן. פאַר מיר איז קלאָר ווי דער טאָג, און סימכע איז אויך ניט קיין פּוסטע קיילע, ער איז אָבער געפאַלן אויפן סייכל, און איר האָט געוואָלט מיך פאַרשרייען, געמאַכט פון מיר אַ לעמעשקע, כאַ־כאַ־כאַ. בערטע, טאָכטער, דו וועסט סימכען מוזן באַלוינען מיט דיין האָסקאָמע, עפּשער וועלן מיר נאָך היינט דאַרפן פאַרוואָן צוויי סימכעס מיטאַמאָל, האַ? (פּאַוזע.) אויב איר שווייגט, איז אַ סימען, אַז איר זייט מאַסקים, איז דאָך צוויי מאָל גוט. נישקאָשע, וועלוועלע גאַווריִעלס וועט שוין ווייסן וואָס צו טאָן און וואָס צו פאַרוואָן (אַ צופרידענער שפּרייזט ער איבערן צימער, באַ אַלעמען ווערט אַ גוטע שטימונג.)

בערטשיק. זיידע, קלעזמער זיינען אויך פאַראַן. דאָנוש שפּילט זייער גוט אויף אַ גיטאַרע.

וועלוול. פריי זיך, טאַטע מיינער, דו האָסט געפונען אַ שוועסטערקינד, וועסט אַפילע אים מעגן רעכענען פאַר אַן אייגענעם ברודער, און איך וועל האָבן צוויי אייניקלעך, איינער בעסער פונעם צווייטן. בערטשיק, וועסט אים זינגען די לידער, וועלכע איך האָב דיך געלערנט. האָסט ניט פאַרגעסן, זינו מיינער. (זינגט.)

אַט אַזוי נייט אַ שניידער, אַט אַזוי נייט ער דאָך.

בערטשיק. נייט און נייט אַ גאַנצע וואָך.

וועלוול, בערטשיק. פאַרדינט אַ גילדן מיט אַ לאָך.

גוסטע (שלאָגט זיי איבער). זונטיק בולבעס, מאָנטיק בולבעס.

בערטע מיט גוסטען. מיטוואָך און דאָנערשטיק בולבעס.

ווען אַלע ווערן אַנשוויגן, צעזינגט זיך בערטשיק טרוימעריש.

גיי איך מיר אַרויס אויפן גאַנעקל דאָס שטעטעלע באַקוקן,
פּלוצעם פליט דורך אַ קליין פייגעלע און טוט זיך צו מיר בוקן.

**וועלוול.** דאָס פייגעלע האָט ניט אומזיסט זיך געבוקט צו אונדז, קינדער מײַנע, עס האָט אונדז געבראַכט צו טראָגן די גוטע בסורע, ס'האָט אָנגעזאָגט, אַז אונדזער דאָוויד האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט א זייכער אף דער ערד. וועלוועלע גאָווריִעלס שייוועט וועט ניט אונטערגיין, ער וועט לעבן און וועט זיך מערן.

עס דערהערט זיך סימכעס לידעלע.

**בערטע.** שטיל זאָל זײַן, סימכע גייט, זיי גייען אַלע, זיי גייען (ווערט צעטראָגן, ווייסט ניט ווו צו פארנעמען אַן אָרט. ענדלעך שפּאַרט זי זיך אָן אין קאַמין.)

גוסטע קלאַמערט זיך אײַן מיט ביידע הענט אין א ווענטל פון א בענקל. אין וועלוולס געזיכט איז צו זען, אַז ער האָט געפונען וואָס ער האָט געזוכט אין זשיליעט־קעשענע. בערטשיק פאַרנעמט אַן אָרט לעבן דער עטאַזשערקע.

**בערטע.** וואָס טוסטו, בערטשיק? פאַרשטעלסט דאָך די גאַנצע עטאַזשערקע, דאָנוש וועט גאָרניט זען. קום אהער, גיכער.

**בערטשיק** (לאָזט זיך גיין, שטעלט זיך אָפּ לעבן קאַמין). איצט שטער איך קיינעם ניט?

אַלע זײַנען אָנגעשטרענגט, מע קוקט אומרוִק אף דער טיר. דאָנוש רײַסט זיך אַרײַן אף דער בינע, נאָך אים — טעטעלע און סימכע. אין דער אָפענער טיר בלײַבט שטיין די מומע סאָסיע, זי ווייסט נאָך ניט, וואָס דאָ קומט פאָר. דאָנוש איז צעטראָגן, ער ווייסט ניט, צו וועמען פריִער צוגיין, ער איז אי באַגײַסטערט, אי צעטומלט, ער טוט א קוק אף בערטשיקן, זוכט בא אים הילף.

**דאָנוש.** בערטשיק, קום אהער, בערטשיק.

**בערטשיק** (טוט א וואָרף מיטן קאָפּ אין דער זײַט פון דער עטאַזשערקע, ווי איינער רעדט: קוק בעסער אהין. דער באָכער קוקט אין יענער זײַט, נאָר ער ווײַזט ניט אַרויס קיין שום אינטערעס. בערטע מיט גוסטען קוקן אָנגעשטרענגט אף דאָנושן.)

**בערטע.** גוסטע, ענלעך ווי איין קאָפּ וואַסער.

**גוסטע.** ענלעך? (ניט דרייסט.) דאַכט זיך, אַז יאָ.

**דאָנוש** (עס ווערט אים היימלעכער. וועלוולס גוטמוטיקער שמייכל האָט אים דערוואַרעמט, א צעטראָגענער נעמט ער צעשפּיליען דאָס פּידזשאַקל אף צו באַווײַזן די פאָטאָגראַפיע). אָט באַלד, איין רעגעלע. (זײַנע הענט ציטערן.) דאָס איז מײַן טאַטנס פאָטאָ, דאָ, היי, ניט געזאָרגט, באַלד באַווײַז איך.

**וועלוול.** באַרוִק זיך, קינד מײַנס, כאַפּ זיך ניט, מע דאַרף ניט זוכן. בעסער טו א קוק אהין (ווײַזט אף דער עטאַזשערקע), וועסטו באַלד דערקענען. איאָ, מײַן דאָווידס געזיכט איז ענלעך אף דײַן פאָטאָגראַפיע? גיי, גיי, טו א קוק, וועסטו זען, גיי, האָב קיין מוירע ניט.

**דאָנוש** (לאָזט זיך גיין. אים גייען נאָך אַלע ווי אין א כאָלעם. מיטאַמאָל בלײַבט דאָנוש שטיין).

**וועלוול.** איאָ, דערקענט, דערקענט, האַ?

דאָנוש צעשפּיליעט דאָס פּידזשאַקל, נעמט אַרויס די פאָטאָגראַפיע פון דער בוזעם־קעשענע.

**וועלוול** (שרײַט אויס). דערקענט, זאָג שוין, דערקענט, זאָג!

**דאָנוש** (שווײַגט. שאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ אף ניין).

עס ווערט מוירעדיק שטיל אף דער בינע. מע הערט בלויז וועלוולס געציילטע טריט. וועלוול איז צוגעגאַנגען צו דאָנושן, אָנגענומען זײַן האַנט, א קוק געטאָן אף דער פאָטאָגראַפיע און צוריק אָפּגעלאָזט דאָנושעס האַנט, וואָס האָט אין אָנמאַכט זיך אַראָפּגעלאָזט. אף דער בינע ווערט טונקל, פּונקט ווי די פאַרגייענדיקע זון זאָל אויסלעשן אירע שטראַלן, מע זעט ניט קיין מענטשן, מע זעט בלויז, ווי אײַנגעהויקערטע שאָטנס שטייען פאַרגלייווערט. אין דער שוידערלעכער שטילקײַט דערהערט זיך דאָנושעס שטיל געוויין.

**פאָרהאַנג.**

רוטלעווין

# צי שווײַגן די מוזעס?

מיט וואָס איז באַשעפּטיקט די ליטעראַטור פון ייִסראָעל אין די לעצטע יאָרן? וויִאַזוי רעאַגירן די שרײַבער פון ייִסראָעל אַף דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע, אַף דער אָפיציִעלער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וועלכע זעצט פאָר די אָקופּאַציע פון פרעמדע שטעטאָכים און זאָגט זיך אָפּ פון א גערעכטן שאָלעם?

אָט די צוויי פראַגן פאַרגיט מען אונדז אַף שריט און טריט, און ענטפערן אַף זיי איז ניט אַזוי לײַכט.

קוידעמקאָל איז שווער צו ענטפערן אַף די פראַגן דערפאַר, ווײַל אונדזער ליטעראַטור, אונדזער קולטור און אונדזערע שרײַבער לעבן איבער א קריזיס, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן ניט אין 1967, נאָר אין סאָף פון די פופציקער יאָרן. אַגעוו, איז עס פאָרגעקומען אין רעזולטאַט פון אַן אַנדער אומגערעכטער מילכאָמע, וועלכע עס האָבן צעבונדן די הערשנדיקע קרײַזן קעגן די אַראַבישע לענדער, — פון דער סינײַער אַגרעסיע פון 1956. די צווייטע אומגערעכטע מילכאָמע (פון 1967) און די פאַרפאָלגונגען פונעם שכײנעסדיקן פאָלק אַף די פאַרכאַפּטע שטעטאָכים האָבן בלויז פאַרשאַרפט דעם דאָזיקן קריזיס.

## דער כאַראַקטער און דער טאָך פונעם קריזיס

אינקורצן קאָן מען וועגן דעם קריזיס זאָגן פאָלגנדיקס. צום סאָף פון די 50־ער יאָרן איז די ליטעראַטור פון ייִסראָעל, דערין אויך די דראַמאַטורגיע, געגאַנגען אַפּן וועג פון רעאַליסטישער שילדערונג פון דער ייִסראָעל־געזעלשאַפט. א גרויסע צאָל שרײַבער און פאַרלאַגן האָבן געהערט צו די אַרבעטער־פּאַרטייען. די מילכאָמע פון 1956 האָט מיטגעווירקט, אַז די סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען זאָלן זיך א קער טאָן אַף רעכטס. גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז גלײַכצײַטיק מיט דעם האָבן אופגעהויבן דעם קאָפּ און זײַנען געוואָרן זייער אַקטיוו די בורזשואַזע קריטיקער, וועלכע האָבן דערקלערט א מילכאָמע דעם רעאַליזם אין דער ליטעראַטור, אָנרופנדיק אים „נאַטוראַליזם“. אין דער זעלבער צײַט זײַנען פון מײַרעוו אַרײַנגעדרונגען אין ייִסראָעל די אידייען פון אַבסורד, אַוואַנגאַרד, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע פּאָפּוליאַריזירונג פון קאַפקאַיִזם. א גרויסער טייל פילצוזאָגנדיקע שרײַבער זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג: פון איין זײַט, די דערווײַטערונג פון זייערע פּאַרטייען פון די אידעאַלן פון סאָציִאַליזם (זאָל זײַן רעפאָרמיסטישן און אָפּאָרטוניסטישן) — האָט גע... פון דער צווייטער זײַט, דער דרוק פון דער בורזשואַזער קריטיק, וועלכע האָט געפאָדערט אין נאָמען פון „מאָדערניזם“ פאַרוואַלירן די אידייען, דערווײַטערן זיך פון „נאַטוראַליזם“. בעהאַדראָגעדיק, אונטערן דרוק פון די ווירקונגען, האָט זיך אַנטוויקלט די מאָדערניסטישע פּאָעזיע, פול מיט פּעסימיזם און פאַרנעפּלטקײַט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דער ראָמאַן און די נאָוועלע האָבן אַזוי גיך ניט געקענט זיך איבערבויען. דאָס דערקלערט זיך מיטן אינערלעכן ווידערשטאַנד פונעם עצעם זשאַנער. אין רעזולטאַט פון דעם איז די ייִסראָעלדיקע פּראָזע אַרײַנגעפאַלן אין א שאַרפן קריזיס, די ייִסראָעלדיקע דראַמאַטורגיע, וועלכע איז נאָך געווען זייער יונג, האָט ניט געקענט קאָנקורירן מיטן מײַרעוודיקן „אַוואַנגאַרד“, וועלכער האָט פאַרפלייצט אונדזערע טעאַטערן. און אָנשטאָט דעם, זי זאָל זיך אַנטוויקלען ווײַטער, האָט זי אָנגעהויבן גויסעסן — די טעאַטערן פלעגן זיך פּאָשעט אָפּזאָגן פון דער מער־

הײַנט ייִסראָעלדיקע פּיעסן און יאָגן זיך נאָך בעקעטן, איאָנעסקאָ און אַנד.

דער רעזולטאַט פון אַזאַ דערשײַנונג, וועלכע האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט אין די 60־ער יאָרן, איז געווען אַ לאָגיש־באַגרינדעטער: די לייענער האָבן זיך אָנגעהויבן דערווײַטערן פון די ייִסראָעלדיקע ביכער, און די צושויער האָבן זיך דערווײַטערט פון די טעאַטערן „האַבימאַ“, „האַקאַמערי“, וועלכע זײַנען אין די 50־ער יאָרן געווען באַליבט און פּאָפּולער אַדאַנק דעם אויסוואַל פון רעאַליסטישע ייִסראָעלדיקע פּיעסן, פּראָגרעסיווע אויסלענדישע פּיעסן, און אַדאַנק זייער יונגן, רעאַליסטישן סטיל.

וואָס ווײַטער, איז די צאָל לייענער אין ייִסראָעל געוואָרן אַלץ קלענער, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס צו די 60־ער יאָרן זײַנען שוין בא אונדז געווען עטלעכע דוירעס, וועמענס מוטערשפּראַך איז העברעיִש. אַזוי האָט מען געצאָלט פאַרן דערווײַטערן זיך פון דעם לעבן, פאַרן קאָפּירן דעם פאַרשיפרירטן סימבאָליזם אין פּאָעזיע, פאַרן שטראָם קאַפקאַיִסטישע ניט־באַארבעטע עלעמענטן אין דער פּראָזע.

## ווער זײַנען די פאַרלעגער, ווער צאָלט?

אויסער דעם אויבנגעזאָגטן, און עפּשער פריִער פאַר אַלץ, דאַרף געזאָגט ווערן וועגן דער סאָציִאַל־עקאָנאָמישער באַזע פון דער קולטור אין ייִסראָעל. דאָס איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַ קולטור, וועלכע בויט זיך און עקזיסטירט אַף קאַפּיטאַליסטישע יעסוידעס, דה. אַלע פאַרלאַגן, טעאַטערן, קינאָ־אונטערנעמונגען — אַלץ געפינט זיך אין די הענט פון פּריוואַטע אונטערנעמער, אָדער זיי געהערן צו געוויסע פּאַרטייען (די אָנפירנדיקע „אַרבעטס־פּאַרטיי“ מאַכט דעם אָנשטעל, אַז איר פאַרלאַג עקזיסטירט אַף די מיטלען פון די פּראָפאַריינען). אַלע קולטור־אינסטיטוציעס זײַנען געצוווּנגען עקזיסטירן לויט די קלאָלים פון „פרײַען מאַרק“. און אויב איין טעאַטער — „האַבימאַ“ — באַקומט די לעצטע צײַט אַ מאַטעריעלע שטיצע פון דער רעגירונג, איז עס פאַקטיש בלויז אַ סימבאָלישע שטיצע.

אַזוי אַרום, האָט דער קריזיס אין די 60־ער יאָרן אויפגעהערט צו טראָגן בלויז אַן אַבסטראַקטן כאַראַקטער. די טעאַטערן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע רעפּערטואַר־טראַדיציעס, און צוגלײַך מיט „אַוואַנגאַרדיסטישע“ פּיעסן האָבן זיי גענומען שטעלן באַנאַלע קאָמעדיעס, קעדיי אָנפילן די קאַסע, קעדיי האָבן אַ מעגלעכקײַט צו עקזיסטירן. ניט געקוקט אַף דעם, האָט דער פּראָפאַריין־צענטער אין 1970 געמוזט פאַרמאַכן זײַן טעאַטער „האָויהעל“, וועלכער האָט עקזיסטירט העכער 40 יאָר און האָט פאַר דער צײַט פון זײַן עקזיסטענץ געשטעלט ניט ווייניק אינטערעסאַנטע פּיעסן.

פאַרלאַגן, וועלכע זײַנען געווען באַרימט מיט זייערע גוטע טראַדיציעס, האָבן אָנגעהויבן שטעלן דעם טראָפּ אַף איבערזעצונגען פון לײַכטע ראָמאַנען פון מײַרעוו. בלויז איין פאַרלאַג פון די פּראָפאַריינען „אַם אָוועד“ זעצט פאָר אַרויסצוגעבן ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור. אַזאַ פאַרלאַג, לעמאָשל, ווי „סיפּריִאַט פּאָאַלים“ האָט אויפגעהערט צו דרוקן איבערזעצונגען פון דער קלאַסיק. אַזוי אַרום האָט דער דאָזיקער פאַרלאַג, וועלכער האָט אַרײַנגעטראָגן אַ היפּשן בײַטראָג אין אונדזער קולטור, קימאַט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

וואָס ווײַטער, ווערט אַלץ שאַרפער די פּראָבלעם פון אַרויסגעבן ווערק, וועלכע זײַנען געשאַפן געוואָרן אין ייִסראָעל.

וואָס זשע קוקן די צושויער און וואָס לייענען די לייענער? אָנשטאָט גיין אין טעאַטער, באַנוגענען זיך די צושויער מיט קינאָ. עס האָבן זיך באַוויזן אַ סאַך פּריוואַטע, פאַרדעכטיקע פאַרלאַגן, וועלכע דרוקן שפּיאָנישע, גאַנגסטערישע און עראָטיש־פּאָרנאָגראַפישע „ליטעראַטור“ — איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן, אָדער פאַר די מער „ערנסטע“ לייענער — מעלאָדראַמאַטישע ראָמאַנען, ווי „דעזירע“, „אַנזשעליקע“ אאַוו.; מע דרוקט אויך „וויסנשאַפטלעכע“ ביכער אַף סעקסועלע טעמעס; נאָכן זעקסטאָגיקן קריג האָבן די זעלבע פאַרלאַגן פאַרפלייצט דעם מאַרק מיט „אַלבאָמען“ וועגן דאַיאַנען, וועגן די בליץ־ניצכוינעס, וועגן ראָמאַנטיק פון מילכאָמע.

עס וועט זײַן באַרעכטיקט די פראַגע: צי איז עס אַלץ ניט פאַרבונדן מיט דער פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג, וועלכע האָט זיך קיינמאָל ניט פאַרנומען ניט מיט פראַגן פון קולטור און ניט מיטן דערציִען די יוגנט אין הומאַניסטישן גײַסט? צי איז עס ניט פאַרבונדן מיטן קעסיידערדיקן העכערן די פּרײַזן אַף דאָס סאַמע נייטיקע, קעדיי צו פינאַנסירן די מילכאָמע און פאַרשיידענע אַוואַנטיורעס? געוויס איז עס פאַרבונדן, נאָר דאָס איז אַ באַזונדער טעמע.

און איצט, נאָך דעם קורצן פאָרוואָרט, וועלן מיר איבערגיין צו אונדזער טעמע.

## ווען עס דונערן האַרמאַטן...

ווי עס איז שוין אויבן געווען דערמאָנט, האָט די מילכאָמע פון 1967 פאַרשאַרפט און פאַרטיפערט דעם קריזיס אין דער קולטור. נאָך מער — זי האָט זיך שווער אָפּגערופן אַף אונד־

זער גאַנצן קולטורעלן לעבן, און מער פון אַלץ האָט געליטן די ליטעראַטור.

אין האַרבסט 1971 האָט דער פּראָפעסיאָנעלער פאַרבאַנד פון די פאַרלעגער אין ייִשׂראל אָפּיציעל געמאָלדן, אַז דער פאַרקויף פון העברעיִשע ביכער האָט זיך פאַרקלענערט (פאַר איין יאָר) אויף 50 פּראָצענט. אַגעוו, האָט די קאָמוניסטישע פראַקציע פון קנעסעט פאָרגעלייגט אײַנצושליסן די פראַגע אין טאָג־סיידער פון דער קנעסעט, נאָר מיט דער מערהייט שטימען (מיט די שטימען פון די דעפּוטאַטן, וועלכע זײַנען פאַרנומען מיט מילכאָמע און אָקופּאַציע) איז די פראַגע געוועזן אויסגעשלאָסן פון דער טאָג־אָרדענונג.

אין ייִשׂראל איז ניטאָ קיין איין דעמאָקראַט, קיין איין קאָמוניסט, קיין איין הומאַניסט, וואָס זײַן האַרץ זאָל זיך ניט באַגיסן מיט בלוט, צוקוקנדיק דאָס אַלץ. עס גייט דאָך א רייד וועגן גײַסטיקער שפּײַז פאַרן פאָלק, און אין דער ערשטער ריי פאַר דער יוגנט, אין איצטיקן מאָמענט און אין דער צוקונפט. וויאַזוי־אַרום וועלן גאַנצע דורות קענען שעפּן פון די קוואַלן פון שעקספּירס ווערק, פון טשעכאָווס, באַלזאַקס אאוו.? צווישן דער יוגנט איז פאַראַן בלויז א קליינע צאָל אַזוינע, וועלכע באַהערשן פרעמדשפּראַכן אין אַזאַ מאָס, זיי זאָלן פאַרשטיין די ווערק פון דער וועלט־קלאַסיק. וויאַזוי וועלן יונגע דורות קענען באַרײַכערן זייער נעשאָמע, אויב זיי וועלן ניט זײַן באַקאַנט מיט דער וועלט־קלאַסיק, מיט אירע אַלמענטשלעכע אוצרעס? וויאַזוי וועלן זיי לעבן און פאַרשטיין דאָס לעבן אָן דער ליטעראַטור פונעם אייגענעם לאַנד, וועלכע וואָלט זיי געהאָלפן פאַרשטיין זיך זעלבסט, די ווירקלעכקייַט, די איבערלעבונגען און פריידן פון די אײַנוווינער פונעם לאַנד — ייִדן און אַראַבער?

## צי איז אין אַלץ שולדיק בלויז די טעלעוויזיע?

לויט ווי עס איז אומעטום אָנגענומען אין די לעצטע יאָרצענדליקער, באַשולדיקן א סאַך פון אונדז די טעלעוויזיע אין דעם, וואָס עס איז קלענער געוואָרן דער אינטערעס צום בוך. טעלעוויזיע האָט זיך באַוויזן אין ייִשׂראל אין יאָר 1968. ס'איז קיין צווייפל ניט, אַז די טעלעוויזיע דערוויַטערט א סאַך מענטשן פון טעאַטער, קינאָ, פונעם בוך. די הויפּט־סיבע דערפון טראָגט אָן עקאָנאָמישן כאַראַקטער: בילעטן אין טעאַטער זײַנען טײַער, דאָס זעלבע — די פּרײַז פאַר ביכער. און כוץ אַלעמען, קלערט יעדערער: עפּשער ווײַזט מען אין טעאַטער אָן אומעטיקן „אַוואַנגאַרד"? עפּשער איז די דיכטערישע זאַמלונג פול מיט ניט קיין פאַרשטענדלעכע מאָדערניסטישע לידער?

נו, און ווי האַלט עס מיט די ייִשׂראלדיקע טראַנסליאַציעס דורך דער טעלעוויזיע, צי פּראָפּאַגאַנדירן זיי קולטור? יאָ, איין מאָל אין כוידעש קאָן מען זען שעקספּירס א ספּעקטאַקל (אויף ענגליש), אָדער הערן אַן איטאַליענישע אָפּערע. די איבעריקע טעג, אַלס צוגאָב צו דער פּאָליטישער „שפּײַז פאַר די מויכעס" (די טעלעוויזיע אין ייִשׂראל געהערט דער מעלוכע), קאָן מען דרײַ־פיר מאָל אין וואָך קוקן פאַרעלטערטע אַמעריקאַנער דעטעקטיוון, פון וועלכע די מערהייַט איז געווענדט קעגן סאָוועטנפאַרבאַנד און קעגן דער „קאָמוניסטישער אונטערײַסערישער טעטיקייַט".

עס קומט, אַזוי־אַרום, פאַר א פּראָצעס פון אויסבילדונג פון צוויי קולטורעלע סוויוועס, וועלכע זײַנען דיאַמעטראַל קעגנזעצלעך איינע דער צווייטער: די מינדערהייַט, וועלכע לייענט די בעסטע ליטעראַטור אויף ענגליש, פראַנצויזיש, רוסיש און אַנדערע שפּראַכן, וועלכע באַזוכט בלויז געציילטע קינאָטעאַטערן, וווּ עס ווערן געוויזן גוטע קינסטלערישע פילמען (צום באַדויערן, בלויז פון מײַרעוו); און די איבערוועגנדיקע מערהייַט מענטשן (הויפּטזאַכלעך פונעם יונגן דאָר), וועלכע לייענען איבערזעצונגען פון שונד־ראָמאַנען, פּאָרנאָגראַפישע „ווערק", וועלכע קוקן אין טעלעוויזיע דורכויסיקע מיליטערישע פּאַראַדן און גאַנגסטערישע פילמען, הערן רעאַקציאָנערע רעדנער. אַזאַ פּראָצעס באַאומרויִקט די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע קרײַזן פונעם לאַנד.

## די מוזעס שווײַגן ניט

וועגן דעם אַלעם שרײַבט מען, וועגן דעם רעדט מען, נאָר די בירגער פון ייִשׂראל זײַנען די לעצטע יאָרן דעריקער פאַרנומען מיט דעם, וואָס איז הײַנט־צו־טאָג דאָס וויכטיקסטע: מיט דער מילכאָמע. די גאַנצע צײַט לויערט די געפאַר, אַז זי וועט זיך ווידער אָנהייבן. די מויכעס פון די אָפּיציעלע קלאַל־טוער זײַנען פאַרנומען מיט געדאַנקען וועגן פרעמדע שעטאָכים, וועלכע מע וויל ניט אומקערן, מיטן טעראָר פון די מיליטערישע באַאַמטע אויף די פאַרכאַפּטע טעריטאָריעס.

די פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג כאַפּט אַרום אַלץ מער און מער דענקענדיקע מענטשן. ס'איז קעדײַ אונטערשטרײַכן, אַז באַגלײַך מיט די קאָמוניסטן און אַנדערע לינקע גרופּירונגען טרעטן אַרויס אַקטיוו פּראָפעסאָרן פון אוניווערסיטעטן, אַרטיסטן, מאָלער, מענטשן פון פרײַע פּראָפעסיעס,

דערין א סאַך פּראַזאַיִקער און פּאָעטן. ניט געקוקט אַף דער קעסיידערדיקער „רייניקונג פון די מויכעס", ניט געקוקט אַפן קריזיס, — שווײַגן ניט די מוזעס אין ייִשׂראל. די ערנסטלעכע שפּעפער קענען ניט שווײַגן, ווען עס דונערן האַרמאַטן. די מוזעס אין אַזאַ צײַט ווערן קעמפּעריש. אַזוי פלעגט זײַן שטענדיק און אומעטום, אַזוי איז אויך די זאַכלאַגע אין ייִשׂראל.

איך וועל ברענגען אייניקע בײַשפּילן. בײַם דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע האָט זיך געדוכט, אַז נאָר די קאָמוניסטן פאַרשטייען דעם שרעקלעכן ווילקיר, די אומדערטערעכטיקײַט און דעם שוידער פון דער מילכאָמע. שאַוויניסטן פון פאַרשיידענע קאָלירן האָבן פאַרשיקערטע געפײַערט דעם ניצאָכן. נאָר עס איז נאָך ניט דורכגעגאַנגען קיין וואָך, זינט עס האָט זיך געענדיקט די מילכאָמע, ווי פון האַנט צו האַנט האָט מען איבערגעגעבן א דערשיטערנדיקן אָפּענעם בריוו פונעם שרײַבער און זשורנאַליסט אמאָס קענאַן (דער בריוו איז ניט געווען פּובליקירט אין דער פּרעסע). דער אווטאָר האָט באַשריבן דאָס, וואָס ער האָט געזען און וואָס ער האָט איבערגעלעבט. פאַר די אויגן פון די ייִשׂראלדיקע סאָלדאַטן האָט די קאָמאַנדשאַפט מיט גוואַלד אַרויסגעטריבן פון די הײַזער די אײַנוווינער פון דרײַ דערפער אינעם ראַיאָן לאַטרון. עס איז פון זיי געבליבן קיין סאַריד־אופאַליט.

אין אויגוסט 1967 האָט זיך אין דער צײַטונג פון דער פירנדיקער פּאַרטיי באַוויזן אַן אַרטיקל אונטערן קעפּל „מאָשע דאַיאַן און דער לעבנס־רוים". דער אווטאָר — אמאָס אָז — א יונגער באַגאַבטער פּראַזאַיִקער, א מיטגליד פון יענער פּאַרטיי און א מיטגליד פון איינעם פון אירע קיבוצים, איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן מאָשע דאַיאַנס מעלדונג, אַז ייִשׂראל נייטיקט זיך אין „לעבנס־רוים". אמאָס אָז איז אופגעבראַכט און דערשיטערט פון דעם, וואָס דאַיאַן כאַזערט איבער דעם נאַציסטישן לאָזונג, כאָטש אינעם ערשטן טאָג פון דער מילכאָמע האָט ער און אַנדערע מעלוכע־אָנפירער פּראָקלאַמירט: „מיר ווילן ניט פאַרכאַפּן קיין פרעמדע שטעטאָכים".

נאָך איין בײַשפּיל: אין דעקאַבער 1967 איז אין דער צײַטונג „האַארעץ" געווען פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל „צו די באַזינגער פון אַנעקסיעס". דער אווטאָר פון דעם לײַדנשאַפטלעכן אַרטיקל, וועלכער דערציילט מיט גרויס ווייטעק און אַנטוישונג וועגן די פאַרגעקומענע געשעענישן, איז געווען דער בעסטער פּראַזאַיִקער פון די 50־ער יאָרן ס. איזהאַר (ס'איז קעדײַ צו באַמערקן, אַז ביז דער לעצטער צײַט איז ער געווען א דעפּוטאַט פון קנעסעט, פון בען־גוריאָנס פראַקציע). אינעם אַרטיקל רופט ס. איזהאַר ניט אָן קיין נעמען, ס'איז אָבער קלאָר, אַז ער מיינט די שריפטשטעלער נ. אַלטערמאַן און מ. שאַמיר, וועלכע זײַנען נאָך דער מילכאָמע געוואָרן פאַרברענטע אָנהענגער פון אַנעקסירן אַלע פאַרכאַפּטע שטעטאָכים. אין אַרטיקל פילט זיך די אופגעבראַכטקײַט פונעם שרײַבער, וועלכער האָט זײַן גאַנץ לעבן געגלייבט אינעם „ליבעראַלן, הומאַניסטישן ציִיוניזם". אין סאַמע אָנהייב פון די 50־ער יאָרן האָט ער אָנגעשריבן זײַנע באַרימט געוואָרענע דערציילונגען „כירבאַט כיזאַ" און „א געפאַנגענער", אין וועלכע ער טאַדלט די ראַסיסטישע באַציִונג צו די אַראַבער.

דאָס איז געווען דער אָנהייב. הײַנט־צו־טאָג איז שווער אויסרעכענען אַלץ, וואָס עס האָבן אָנגעשריבן א גרויסע צאָל שרײַבער פון ייִשׂראל קעגן דעם שעקער און ציניזם פון דער מאַכט, קעגן דעם ראַסיסטישן ווילקיר אַף די פאַרכאַפּטע שטעטאָכים, קעגן דעם פּראָצעס פון דעמאָראַליזאַציע אין ייִשׂראל גופע, וועלכער איז אַרויסגערופן פון אָט דער פּאָליטיק.

דאָס איז די שטים פון דעמאָקראַטישע, קריטיש־דענקענדיקע מענטשן, וועלכע האָבן ערנסטלעך און לײַדנשאַפטלעך זיך אָפּגערופן אַף די געשעענישן.

א גרויסע צאָל פּאָעטן און פּראַזאַיִקער לעבן איבער אומרו און פאַרלאָרנקײַט. אַזוי, לעמאָשל, האָט אַזאַ פּאָעט, ווי ס. איזהאַר, אופגעהערט לעצטנס צו דרוקן זײַנע לידער. איינער פון די בעסטע פּאָעטן י. אַמיכײַ האָט זיך אַרײַנגעלאָזן אין סימבאָליזם, און נאָר איין מאָל (אין 1968) האָט ער פאַרעפנטלעכט ניט קיין גרויסע ליד וועגן דעם, אַז דער מענטש איז ניט קיין פערד און דאָס מענטשלעכע בלוט — ניט קיין אוראַלטע שטיינער. דאָס איז געווען אַן ענטפער אַף די אויסגעשפּראָכן מיליטאַריסטישע, מיסטישע לידער פון או.־צ. גרינבערג.

מעגלעך, אַז צוליב דעם געמיט־צושטאַנד פון אָט די שרײַבער זײַנען אין ייִשׂראל אין די לעצטע יאָרן אַרויסגעלאָזט געוואָרן א סאַך ווייניקער ווערק, איידער פריִער, כאָטש אייניקע דערקלערן עס מיט דעם, וואָס די ביכער בלײַבן ליגן אַף די פּאָליצעס, זיי ווערן ניט אויסגעפאַרקויפט, און דערפאַר האָבן די פאַרלאַגן מוירע אַרויסגעבן ביכער אַפן אייגענעם כעזשבן.

ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, איז באַלערעוודיק דער פאַקט, וואָס ניט געקוקט אַף אַלע שוועריקײַטן, איז דאָך א גרויסער טייל פון די שרײַבער געבליבן טעטיק, זיי שווײַגן ניט. באַזונדערס די לעצטע פּאָר יאָר האָבן פיל שרײַבער פון דער הומאַניסטישער און פּאַציפיסטישער ריכטונג באַנומען פּאָלגנדעס: עס זײַנען פאַראַן פאַרשלאָגן פון עגיפּטן צו שליסן א שטאַנד־

האפטיקן שאָלעם, נאָר די רעגירונג פון ייִשׂראָעל זאָגט זיך אָפּ פון דעם און פאַרפעסטיקט איר הערשאַפט אין די פאַרכאַפּטע שטעטכים; קיין שום „ליבעראַלע אָקופּאַציע" איז ניט מעגלעך, מיט יעדן טאָג ווערט זי אַלץ מער אכזריעס־דיק; די מילכאָמע האָט אומגעהייער פאַרגרע־סערט די רײַכטימער פון די קאַפּיטאַליסטן און פון א געוויסער קאַטעגאָריע מעלוכע־באַאַמ־טע — די קאָרופּציע אין די דאָזיקע קרײַזן האָט אָנגענומען שווידערלעכע פאָרמען; א מאַסע אַר־בעטנדיקע לעבט אין דאַכקעס (לויט די אָפּי־ציִעלע אָנגאַבן פונעם ייִשׂראָעלדיקן באַנק פאַרן 1971 יאָר לעבן 25 פּראָצענט פון דער באַפעל־קערונג, דאָס הייסט 600.000 מענטשן, אונטער דער „ליניע פון אָרעמקייט").

א גרויסער טייל יוגנטלעכע איז פאַר־צווייפלט, גלייבט ניט די אָנפירנדיקע רעגי־רונגס־קרײַזן, פּראָטעסטירט אָף פאַרשיידענע אופאַנים. מע מעג דען שווײַגן און פאַרשליסן זיך אין אייגענעם טרויער?

פאַר די ליטעראַטאָרן שטייט די פראַגע: אין אזא צײַט — צי קאָן מען זיך נעמען פאַר אָן ערנסטן ראָמאַן אָדער פאַר א דערהויבענער פּאָעמע? און אָף וואָס פאַר אן אופן איז בעסער פון אַלץ אויסצודריקן די געפילן פון צאַרן, אופגעבראַכטקייט, די שרעק פאַרן לעבן פון די מענטשן און פאַר זייער צוקונפט, — די געפילן, וועלכע דערוועקן זיך יעדן טאָג, ווי נאָר דו לייענסט איבער די פרימאָרגנדיקע צײַטונגען.

און יענע שרײַבער, וועמען דער געוויסן דער־לויבט ניט אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט, זיך פאַרשליסן אין די אייגענע דאַלעדאַמעס אָדער אין הערמעטישן „אַלמענטשלעכן" פּעסי־מיזם, — האָבן געפונען נײַע וועגן, נײַע אויס־דרוק־פאָרמען, נײַע סינטעטישע זשאַנרען.

אלס בײַשפּיל קאָן דינען דער ראָמאַן פונעם שרײַבער ע. בען־עזער „מענטשן פון סדוים", וועלכן דער אויטאָר האָט, ווײַזט אויס, געשריבן ביז דער מילכאָמע. און א מערקווירדיקע דער־שײַנונג: אינעם בוך איז פאַראַן א קאַפּיטל, וועלכער איז ניט פאַרבונדן מיט דער סוזשעט־טישער קאַנווע. אין איר ווערט אופריכטיק באַ־וויזן, וויאַזוי א יוגנטלעכער פון ייִשׂראָעל ווערט פאַרוואַנדלט אין א ברוטאַלן מיליטאַריסט... אין דער דערציילונג פונעם ייִשׂראָעלדיקן שרײַבער י. אָרפּאַז „דאַניִעלס נעסיִעס" ווערט באַשריבן דאָס לעבן פון א יוגנטלעכן, וועלכער האָט זיך אומגעקערט אהיים נאָך דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע. ער לאָזט איבער זײַן מוטער, צע־רײַסט די באַציִונגען מיט זײַן געליבטער, מיט דער גאַנצער וועלט, גייט אוועק פון אַלעמען און באַהאַלט זיך אין היילן אָפן ברעג פון יאַם. אינגאַנצן גענומען איז עס א סימבאָליסטישע, מאָדערניסטישע דערציילונג. די ערשטע קאַ־פיטלען זײַנען אָבער רעאַליסטישע. זיי זײַנען אזוי ווי א ליכטיקער דורכגאַנג אין א פינצטע־רער הייל. מיט עקל און פאַרביטערטקייט באַשרײַבט א געוויינלעכער יוגנטלעכער דעם גורל פון פאַרכאַפּן א פרעמדע שטאָט (ראַמאַ־לע) אין צײַט פון דער מילכאָמע.

א.־ב. יעהושוא, וועלכער איז אין די 60־ער יאָרן באַוווּסט געוואָרן מיט זײַנע צוויי זאַמלונגען סיוּרעאַליסטישע דערציילונגען, האָט אין 1971 אָפּגעדרוקט אין דער בײַלאַגע צום „האַאַרעץ" א גרעסערע דערציילונג „דער אָנהייב פונעם זומער פון 1971 יאָר". דאָס איז א רעאַליסטיש ווערק וועגן דעם גורל פון אַן אַלטן לערער, וועלכער האָט באַקומען א ידיִע, אַז עס איז אומגעקומען זײַן איינציקער זון. אין גרעסערן פּלאַן ווערט אָנשוילעך און איבערצײַגעוודיק באַוויזן די אָנגעשטרענגטע לאַגע אין ייִשׂראָעל אין אָט דער שווערער צײַט.

## א נײַער זשאַנער

פיל ייִשׂראָעלדיקע שרײַבער טרעטן אַרויס אין דער טעגלעכער פּרעסע, אין וועכנטלעכע אויסגאַבעס מיט אַרטיקלען, פאַרצייכענונגען, דערציילונגען, סאַטירישע סקיצן, געווידמעט אַקטועלע פראַגן פונעם איצטיקן לעבן אין לאַנד. באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן האָט זיך באַ־וויזן א גרויסע צאָל פּובליציסטישע און סאַטי־רישע לידער.

דאָ איז צום אָרט זיך אָפּשטעלן אָף אזא אינ־טערעסאַנטן פאַקט. די אַבסאָליוטע מערהײַט פון די פּראָטעסטירנדיקע ייִשׂראָעלדיקע שרײַ־בער זײַנען געבוירענע אין ייִשׂראָעל. זייער היימלאַנד איז ייִשׂראָעל, אָבער ניט די פאַר־כאַפּטע אַראַבישע שטעטכים. זיי קוקן אָף דער ייִשׂראָעלדיקער געזעלשאַפט מיט ניכטערנע אויגן, ניט אַלע אָפן זעלבן אופן, אָבער קרי־טיש און מיט אומרו, אָן די קאָמפּלעקסן פון די ציִעניסטן און קאָלעראַליי רענעגאַטן, וועלכע לויבן צוויִעסדיק די געזעלשאַפטלעכע אָרדע־נונג אין דער מעדינע, פאַרשווײַגנדיק איר בור־זשואַזן קלאַסן־כאַראַקטער.

די קריטיש־דענקענדיקע שרײַבער זעען — וואָס ווײַטער, אַלץ דײַטלעכער — דעם טאָך פון דער ייִשׂראָעל־געזעלשאַפט, און זיי קעמפן קעגן אירע פאַרקריפּלטע פאָרמען. זייער אָפּט ווערן אָנגעווענדט בענעגייע זיי רעדיפּעס. אזוי, לע־מאָשל, איז דער פּריִער פּאָפּולערער סאַטירי־קער דאַן בען־אַמאָץ, וועלכער האָט לעצטנס פאַרנומען אַן עקסטרעם־קריטישע פּאָזיציע, פאַרטריבן געוואָרן פון דער ראַדיאָ און שפּע־טער אויך פון דער טעלעוויזיע, דערפאַר וואָס

ער האָט געפּרוּווט קריטיקירן אייניקע העסלעכע אַספּעקטן פון דער אָפּיציעלער פּאָליטיק.

די יונגע פּייזקע זיווע יאַריוו, וועלכע האָט געשריבן שאַרפע אָפּאָזיציאָנעל-געשטימטע סאַטירישע פאַרצייכענונגען, האָט די רעדאַקציע „יעדיאָט אַכראָנאָט“ אינעם פאַריקן יאָר „פאַרשיקט“ אַף לאַנג קיין אויסלאַנד.

די שאָוויניסטישע צײַטונגען אַנטזאָגן זיך צו דרוקן אייניקע ניט לויבאַרע פאַר זיי ווערק. די אויטאָרן פון די דאָזיקע ווערק זײַנען געצוווּנגען פאַרעפנטלעכן זיי אַפן אייגענעם כעזשבן.

א באַדײַטנדיקע צאָל שרײַבער באַטייליקן זיך אין מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס, וועלכע עס אָרגאַניזירן די לינקע פּאַרטייען און גרופּעס; זיי פאָדערן עפנטלעך שאָלעם, שרײַבן אונטער פּראָטעסט-פּעטיציעס דער רעגירונג.

שרײַבער-קאָמוניסטן נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַט דער ליטעראַריש-פּובליציסטישער טעטיקײַט. מ. אַווי-שאול דרוקט זײַנע פּלאַמיקע פּובליציסטישע לידער און אַרטיקלען; ע. כאַביבי (דעפּוטאַט פון קנעסעט, מיטגליד פון פּאָליטביוראָ פון דער קאָמפּאַרטיי) האָט ניט לאַנג צוריק פאַרעפנטלעכט זײַן „סעקסטעט פון דער מילכאָמע“ — זעקס אינטערעסאַנטע דערציילונגען וועגן דעם גורל פון די פּאַלעסטינער אַראַבער נאָך דער מילכאָמע; א. דעקער דרוקט זײַנע לירישע לידער, וועלכע זײַנען פול מיט גלויבן אינעם זיג פונעם מענטשלעכן סייכל; מ. באַרזילײַ טאַדלט אין זײַנע לידער די, וועלכע פאַרפאָלגן די אַראַבישע באַפעלקערונג; מ. דיגאַ שעפּט דעם מאַטעריאַל פאַר זײַנע דערציילונגען אין די סאַמע טיפענישן פון אונדזער לעבן; די אַראַבישע פּאָעטן ס. על-קאַסעם, ט. זיאַד, ס. דזשובראַן, י. אַבאַסי — מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — שרײַבן אין זייערע לידער וועגן דער טראַגעדיע פונעם אַראַבישן פאָלק, וועגן דער נייטיקײַט צו פאַרייניקן די פּראָגרעסיווע קויכעס פון ייִסראָעל און פון די אַראַבישע לענדער אין קאַמף קעגן דעם ווילקיר און דעספּאָטיזם, פאַר פרײַנטשאַפט צווישן ביידע פעלקער. זייערע לידער זײַנען פּאָפּולער סײַ אין ייִסראָעל, סײַ צווישן די פּראָגרעסיווע שיכטן פון די אַראַבישע לענדער.

דער אויטאָר פון דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אויסצוגן פון איר נײַעם בוך „דער האַרבסט פון כעזשבן-האַנעפעש“. אָנגעשריבן אין א ליריש-פּובליציסטישער פאָרם, דערציילט דער בוך וועגן פּערזענלעכע געזעלשאַפטלעכע אופטרייסלונגען אין די לעצטע יאָרן.

ניט געקוקט אַף דער שווערער לאַנגדויערנדיקער קראַנקײַט, האָט אַלעקסאַנדער פּען אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן געזוכט קעסיידער נײַע וועגן אין דער פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע פון ייִסראָעל. דערפאַר טאַקע ציט צו זײַן אינטערנאַציאָנאַליסטישע, נאָוואַטאָרישע דיכטונג אַלץ מער אָנהענגער צווישן דער יוגנט.

## יונגע און אַרנטלעכע

צו די אַכרײַעספּולע שרײַבער פונעם עלטערן דאָר — קאָמוניסטן און ניט-קאָמוניסטן — שליסן זיך אָן אין די לעצטע יאָרן אויך יונגע. דאָס זײַנען מערסטנטייל באַגאַבטע פּאָעטן, זיי פאַרמאָגן זייער אייגענעם, נײַעם סטיל, די שפּראַך זייערע איז יונג, פּראָסט און אָנגעגליט, נאָענט צו דער רייד-שפּראַך. מ. וויזילטירס לידער פאַרכאַפּן מיט זייער לײַדנשאַפטלעכן אויסגעשריי. די לידער פון יעווי (י. בען-יעהודע) לייענט מען אַף פּראָטעסט-מיטינגען קעגן מילכאָמע. כאַנאָך לעווין וידמעט זײַן שאַפונג דער טעאַטער-סאַטירע. זײַנע רעוויו „דו, איך און די קומענדיקע מילכאָמע“ (1968) און „קעטשאָפּ“ (1969) זײַנען געווען זייער פּאָפּולער צווישן דער יוגנט און צווישן דער אינטעליגענץ פון דער קריטישער ריכטונג. זײַן לעצטער רעוויו „די קיניגן פון דעם וואַנע-צימער“ איז אופגענומען געוואָרן ווי א פּאָליטישע געשעעניש. די סאַטירישע לידער פון דעם רעוויו זײַנען אויסגענוצט געוואָרן ווי לאָזונגען אין קאַמף קעגן מעיעריזם-דאַיאַניזם. אונטערן דרוק פון די רעכטע אָנפירנדיקע קרײַזן איז דער ספּעקטאַקל אויסגעשלאָסן געוואָרן פונעם רעפּערטואַר. דאָס האָט אַרויסגערופן א געזעלשאַפטלעכן סקאַנדאַל, עס האָבן פּראָטעסטירט סײַ די צושויער, סײַ די אַרטיסטן. יאַ. ראַטבליט, אַן אָפּיצער, אַן אינוואַליד פון דער לעצטער מילכאָמע, איז געוואָרן פּאָפּולער אַדאַנק זײַן ליד „שאָלעם“. דאָס איז געווען די ערשטע ליד, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט, אַז פאַרן שאָלעם דאַרף מען קעמפן, עס מוז אָפּגעשטעלט ווערן די אומזיניקע בלוט-פאַרגיסונג. יאַ. ראַטבליט זעצט פאָר דרוקן (אין „האַאַרעץ“) זײַנע לידער און נאָטיצן קעגן דער אָפּיציעלער פּאָליטיק בענוגייע דער פרידלעכער רעגולירונג פונעם קאָנפליקט. פּאַציפיסטישע לידער שרײַבט לעצטנס דער יונגער פּאָעט-פּובליציסט י. געפען. דער יונגער דראַמאַטורג י. מונדי, וועלכער איז אַן אָנהענגער פון דער אַבסורד-שול, האָט אָנגעשריבן און געשטעלט דעם ספּעקטאַקל „אַלץ דרייט זיך“ — א טרויעריקע אויסגאַנגסלאָזע פּיעסע וועגן דעם אַכזאָריעסדיקן מיליטאַריסטישן טאָך פונעם ציוניזם.

פרעגט זיך: ווי איז עס מעגלעך, וואָס אייניקע בורזשואַזע רעכטע צײַטונגען לאָזן אָן אָרט (אַמאָל אַפילע גאַנצע זײַטן) פאַר די

שרייַבער פון פּראָטעסט? דער ענטפער אויף דער פראגע איז זייער א פּאָשעטער: די אייגנטימער פון די צייַטונגען ווייסן, אז פרייַטיק קויפן א סאך מענטשן זייער צייַטונג נאָר, אָדער איבערהויפּט, צוליב דעם, קעדיי איבערלייענען לידער, סאטירישע מאטעריאלן און דערציילונגען פון די שרייַבער פון פּראָטעסט.

פון דעם פאקט איז צו זען, וויפל קריטיש־געשטימטע מענטשן, וועלכע טרוימען וועגן שאָלעם און גערעכטיקייַט, לעבן בא אונדז אין לאנד.

די ליטעראריש־פּובליציסטישע טעטיקייַט פון די קעמפער פאר שאָלעם, די נייַע געזעלשאפט־לעך־אקטועלע זשאנרען אין דער ליטעראטור פילן אויס זייער א וויכטיקע אופגאבע: זיי פירן א קאמף פארן עמעס, פאר גערעכטיקייַט, א קאמף פאר די מויכעס, וועלכע ווערן אלע טאָג אָנגעשטאָפּט מיט שאָוויניסטישע מאטעריאלן פון די צייַטונגען, מיט מיליטאריסטישע רעדעס פון די מיניסטאָרן, מיט אונטערהעצערישע טראנסליאציעס דורך ראדיאָ און טעלעוויזיע.

אָרנטלעכע שרייַבער פון ייִסראָעל קלערן ניט אין די טעג וועגן דער אומשטערבלעכקייַט פון זייערע ווערק, זיי טראכטן וועגן דעם גוירל פון זייער לאנד, פון זייער פאָלק, וועגן זייער אייגענעם כויוו און וועגן זייער געוויסן.

מיר זייַנען אָבער זיכער, אז די ווערק פון אָט די שרייַבער וועט מען לייענען אויך אין א סאך יאָרן ארום. מע וועט זיי לייענען מיט אינטערעס און מיט דאנקבארקייַט דערפאר, וואָס די בעסטע קויכעס פון דער ליטעראטור פון ייִסראָעל האָבן ניט געשוויגן, ניט באהאלטן זיך אין סימבאָלן, א גרויסע צאָל שרייַבער האָבן געשטעלט זייער פּען צו דינסט דעם שאָלעם און גערעכטיקייַט.

איז דען ניט פאראן קיין באזונדערע — סייַ פּאטריאָטישע, סייַ אלגעמיין־מענטשלעכע — שיינקייַט אין דער דאָזיקער ליטעראריש־פּובליציסטישער טעטיקייַט אין אזוינע גרויזאמע טעג, ווען אין דער מעדינע לאָזט זיך פילן די העסלעכע אָקופּאציע און עס שרייַען צום געוויסן די ליידן פון ייִדן און אראבער?

פון איוועריט — דווירע גראָזאָווסקע

---

## זיי אליין זאָגן עס

# א קיצווע־פּאָנד פאר ייִדישע שרייַבער...

מאָרדכע שטריגלער איז א ציִעניסט און א ייִדישער שרייַבער. אין אן ארטיקל „אויף ליטעראַרישע טעמעס" באוויינט ער דעם טרויעריקן מאצעוו פון דעם אָנגעקומענעם ייִדישן שרייַבער אין ייִסראָעל, וועלכער געפינט ניט פאר זיך קיין שום מעגלעכקייַט צו קאָנען לעבן פון זייַן שרייַבערישן בארוף. שטריגלער טרייסט דעם ייִדישן שרייַבער דערמיט, וואָס דעם העברעיִשן שרייַבער איז אויך ניטאָ וואָס מעקאנע זייַן: „דאָס ראָוו העברעיִשע שרייַבער לעבט אליין אין קלעם פון גוואלדיק־באגרענעצטע לייענער־האָריזאָנטן". ער האלט, אז דאָס אָנקומען אין ייִסראָעל פון אייניקע ייִדישע שרייַבער וועט אומפארמייַדלעך שאפן א „היפשע צאָל שווערע טראגעדיעס". דעריבער וואָרנט שטריגלער די ייִדישע שרייַבער פאר דער געפאר, וואָס עס דראָעט זיי מיצאד דער אומפאראנטוואָרטלעכער ציִעניסטישער אליִא־פּאָליטיק.

זייַן געדאנק באשטעטיקט ער מיט א ציטאט פון אן ארבעט, פארעפנטלעכט אין דעם וואָכנבלאט „אות" (וואָס עס גיט ארויס די פאראייניקטע ארבעטער־פּארטיי), פון דעם העברעיִשן שרייַבער אהוד בען עזער אונטערן קאָפּ: „צו א שרייַבער, וואָס האָט אוילע געוועזן פון רוסלאנד".

דאָס ארטיקל פון אהוד בען עזער איז בעעמעס א ניכטערע און געוואגטע שטים פון א פרייַנטלעכן העברעיִשן קאָלעגע. ער ווייַזט אָן מיט דער גאנצער קלאָרקייַט, אז ייִדישע שרייַבער האָבן גאָרניט וואָס צו דערווארטן אין דער מעדינע. ניטאָ דאָרט פאר זיי קיין שום מעגלעכקייַט פאָרצוזעצן ווייַטער די ליטעראַרישע שעפערישקייַט.

ער שרייַבט:

„איווריט איז א שווערע שפּראך, דאָס לאָשן פון א קליין פאָלק; א שפּראך, אין וועלכער אויך שרייַבער, וועלכע האָבן זי אייַנגעזאפּט מיט דער מוטערס מילך, האָבן שוועריקייַטן צו שרייַבן אין איר. די צאָל לייענער פון דער העברעיִשער ליטעראטור איז קליין, ביז צום דערשרעקן זיך. די העברעיִשע ליטעראטור האָט ניט קיין שום מאָדערנע אופגאבע. זי איז ניט קיין פאָן פאר קיין שום געזעלשאפטלעכער זאך; פאר קיין שום פּראָטעסט, פאר קיין שום דעמאָנסטראציע. דאָס איז א זייער לאָקאלע ליטעראטור; און דער גוירל פון דעם ייִדישן פאָלק אינטערעסירט קימאט ניט די העברעיִשע שרייַבער".

די הייַנטיקע הערשנדיקע ייִסראָעל־געזעלשאפט איז פייַנטלעך צו די ייִדישע שרייַבער און קינסטלער, פייַנטלעך צום אינהאלט און טאָך פון זייער ליטעראַרישן שאפן, פייַנטלעך צו דער גאנצער ייִדישער ליטעראטור, וועלכע דריקט אויס פאָלקס־לעבן, פאָלקס־כאלוימעס וועגן א סאָציִאל־יוישערדיק לעבן.

און ווי א פארגיטיקונג פאר די שרייַבער, וועלכע זייַנען שוין דאָ אין ייִסראָעל און קאָנען ווייַטער דאָרט ניט אָנגיין מיט זייער ליטעראַרישער שעפערישקייַט און זייַנען געבליבן פארשטומט, גייַסטיק אומפּראָדוקטיוו, זייַנען אויך געבליבן אָן פּארנאָסע, אָן מעגלעכקייַטן צום לעבן, — האָבן די הערשנדיקע ציִעניסטישע אינסטאנצן ארויסגעוויזן צו זיי — צו דער גרופּע ייִדישע שרייַבער, אָנגעקומענע פון ראטנפארבאנד — א ייִדישע ראכמאָנעס־ברידערלעכקייַט... מ'האָט מיט א סאך אייַלעניש גענומען אָרגאניזירן פאר זיי אן אינטערנאציִאָנאלן קיצווע־פּאָנד.

קיין הונגער וועלן זיי טאקע ניט לייַדן, די גרופּע שרייַבער פון ראטנפארבאנד אין ייִסראָעל, אָבער אז די פארברעכערישע ציִעניסטישע אליִא־פּאָליטיק האָט זיי דערפירט צו ליטעראַרישער, קינסטלערישער טויטקייַט און צו לעבן פון קיצווע, דאָס איז דער ביטערער, טרויעריקער עמעס.

פּ. ט.

העברעישע, יידישע און אראבישע אויסגאבעס
פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון יִשׂראל.




דאָס „שוואַרצע בוך", וואָס איז דערשינען
אין טעל־אוויוו. אין אים זײַנען פאַרעפנטלעכט
דאָקומענטן, שריפטלעכע געוויס־איידעס וועגן
דעם פאַרטרײַבן די אַראַבער פון ראַפיאַך.

א דעמאָנסטראַציע פון די „שוואַרצע פּאַנ־
טערן" אין ירושלים.

## געווען איז מילכאָמע

זון איז געווען
און הימל,
געווען זײַנען ל׳וואַניקע נעכט
און א בונטער שטערן-געווימל,
און גאַסן,
מיט נעאָן באַלויכטן,
און רייכעס פון בערג,
און דאָס מורמלען פון יאַם,

און סודיעס פון ליבע,
און געווען איז
ער.
און געווען איז
מילכאָמע...
איז מילכאָמע געווען,
איז מילכאָמע געווען,
איז מילכאָמע געווען...

## כ׳האָב געזען די אויגן

געזען האָב איך אויגן, אויגן
פון א באַלאַגערטער שטאָט —
זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט
שמייכלען.

זיי האָבן ניט געקאָנט, ווי ליפּן,
שעפּטשענדיק שרייען
און לאַכן
אין טיפן אומעט.

און מײַנע אויגן האָב איך ניט געזען
אין דער שטאָט דער באַלאַגערטער,
צוגעדעקט האָט זיי די אָנמאַכט
און די שאַנד...

געזען האָב איך אויגן, אויגן
אין דער באַלאַגערטער שטאָט.

געזען האָב איך אויגן פון קינדער,
קינדער
אין דער באַלאַגערטער שטאָט —

די אויגן פון דער פאַרכאַפּטער שטאָט,
זיי גייען מיר נאָך פוסטריט.

## איך בין שיר ניט געוואָרן דערשטיקט

איך בין שיר ניט געוואָרן דערשטיקט
פון דער גליטשיקער העפלעכקײַט
פון די, וואָס ווייסן
(ווי קאָן מען דען ניט וויסן דאָס,
וואָס איז זיי גוט באַוווּסט?).

ווי וועלן זיי מיר קוקן אין די אויגן,
ווען קומען וועט דער טאָג,
וואָס אומבאַדינגט מוז קומען,
ווען זייערע ווערטער
וועלן פליסן, ווי א שטראָם,
וועגן די ווייען זייערע
און העלדישקײַט זייערער?

פון איוּוריט — מאַטל טאַלאַליעווסקי

## אוי, שטארבן וויל איך אין מײַן אייגן בעט

א נאכט א גאנצע שפאנט דאָס כאַיל פון גילגאָל,
קעדיי דערגיין צום שלאכט, צום פײַער־טאָל.
דאָרט טויטע אף דער ערד מײַן בליק מיט גרויל דערזעט.
אוי, שטארבן וויל איך אין מײַן אייגן בעט.

די אויגן זייערע, ווי טאנקען־ליוקן שמאָל.
כ׳בין ראק אין מינדערהײַט, זיי זײַנען אָן א צאָל.
כ׳בין שולדיק זיי... מיך שלעפּן צום פארהער מע וועט,
נאָר שטארבן וויל איך אין מײַן אייגן בעט.

זון אין גיוואָן, בלײַב שטיין, אנטבלויז מיט שײַן
די לײַט, וואָס אָרדענען א בלוט־באָד איין.
קאָן זײַן, ניט זען כ׳וועל, ווי מײַן פרוי מע מיימעסט, טרעט,
נאָר איך וויל שטארבן אין מײַן אייגן בעט.

ס׳איז שימענס גווורע אין די לאנגע שווארצע האָר,
און מיך מ׳האָט אָפּגעשוירן, זײַן א העלד כ׳זאָל נאָר,
געלערנט, וויאזוי כ׳זאָל שטײַפער האלטן דעם באגנעט.
אוי, שטארבן וויל איך אין מײַן אייגן בעט.

איך זע, אז לעבן קען מען, אײַנאָרדנען זיך, איך גלייב,
אויב ס׳איז קיין פלאץ ניטאָ, אין פיסק באַם לייב.
מיך ארט ניט, שטארבן איינזאם כ׳זאָל, אזוינס געשעט,
נאָר שטארבן וויל איך אין מײַן אייגן בעט.

## לויט דער פולער שטרענגקײַט — מאָס פון גנאָד

נו, צייל זיי איבער,
דו קענסט זיי איבערציילן, זאג? —
זיי זײַנען ניט ווי זאמד באם ברעג פון יאם
און ניט ווי שטערן אָן א צאָל —
זיי זײַנען ווי די מענטשן איינזאמע
אין גאס, באם ווינקל־ראָג.
דו צייל זיי איבער און באטראכט,
זיי קוקן אפן הימל דורכן דאך
צעלעכערטן.
דו גיי ארויס פון צווישן די רוינען
און קער זיך אום. וווהין
זיך וועסט צוריקערן, בארעכן נאָר?
נו, צייל זיי איבער, ווײַל די מעסלעסן זייערע —
אין טרוימען און כאלוימעס,
זיי שפאנען איבער גאס ארום מיט האָפענונגען —
ווונדן אָפענע,
וואָס ווייטעקן אין דער נעשאָמע שטום.
דו צייל זיי איבער,
צו פרי זיך אויסגעלערנט האָבן זיי
פאנאנדערקלײַבן

דעם שוידערלעכן אופשריפט אף דער וואנט
און לייענען און שרײַבן
אף ווענט אף פרעמדע, און די סודע־כאָסענקע
ווערט פאָרגעזעצט אין גליוווער־שווײַגן...
דו צייל זיי איבער און וועסט זיך איבערצײַגן,
זיי האָבן שוין דאָס בלוט און כאַעס
אויסגעשעפט,
געבליבן איז שוין קנאָפ,
ווי נאָך א ריזיקאלער אָפּעראציע,
ווען מאָט איז שוין דער מענטש, קוים וואָס
ער לעבט,
צעשלאָגן און צעקלאָפּט,
ווי צען טויזנט מאָן.
ווײַל ווער ז׳דער ריכטער?
און וואָס באטײַט דער מישפּעט?
דער געבאָט? —
בלויז אין דעם פולן זין פון נאכט
און גאנצער שטרענגקײַט — מאָס פון גנאָד.

פון איווריט — כאַים מאלטינסקי

## דאָס פּײַער שעפּטשעט

דאָס פּײַער שעפּטשעט: צינד!
דאָס פּײַער יאָמערט: צינד!
דאָס פּײַער פאַרברענט
דאָס בלוט.
און איך ווייס ניט, צי בין איך שלעכט, צי גוט.
דאָס פּײַער — אין אויסזען פון מענטשן.

דאָס פּײַער לעקט די ווענט פון מײַן הויז
און ווילדעוועט אין א שטורמישן טאַנץ,
ווער וועט מיטזינגען די פּײַער־ליד בא
מײַן שויס
אינעם האַמוין מיט שטומע העלדזוער?

דאָס פּײַער שעפּטשעט: גוט.

דאָס פּײַער יאָמערט: שלעכט.
אָ, גאָט פון פּײַער, גיב מאַכט
פאַרברענען דעם פלאַם פון דער סרייפע.

## די ליד וועגן הארבסט און בוים

אַלץ, וואָס הייסט „איך", איז ניט מײַנס.
איך גיי דורך א גאַס, וואָס איז אָפּגעגעבן דעם ווילקיר
פון יעדן, וואָס וועט צעטרעטן מיך אין זײַן הארצן.
בלויז א קליין פייגעלע, וואָס איז געוואָרן א כויזעק־זאַך
אַף די ליפּן פון שטאַרקפליגלדיקע, זינגט איר ליד,
זינגט איר ליד אַף מײַן אַקסל.

א הארבסטיקער בלאַט פאַלט אַף מײַן פליך,
ס'איז דאָך הארבסט אין בוים, און ס'פאַלן בלעטער.
אָנגעטאָן אין יאָמטעוו־קלייד, פּײַער איך
און ווייס ניט, וואָס איז דאָס פאַר א יאָמטעוו —
עפּשער מײַן ליידיקגייעריי אָן א ציל, אָן א צוועק?

און נאָר דאָס קליינע פייגעלע, וואָס איז געוואָרן א כויזעק־זאַך
אַף די לעפצן פון די שטאַרקפליגלדיקע,
און נאָר די הארבסטיקע בלעטער
באַגלייטן מיך,
וווהין איך זאָל ניט גיין...

פון איוורית — ריווע באַליאַסנע

# ראַיסע מאַרקאָװנע

איך אַלײן אַ כאָכעם בין אַ קנאַפּער, נאָר מײַן מאַמע —
אַ באַרדאַס, אַן אײַישעס־כאַיל פֿון דער שטאָט זשיטאָמיר,
װוּ געבױרן איז זי און געװאַקסן און פֿונװאַנען
מיטן כאָסן אַ װאַזװוראַך ט׳זי געמאַכט אַף צאָפֿן,
ס׳טוט אַזױ אַ שמײכל װעגן זיך אַ פֿרױ — אַ זקײנע,
װעלכע האָט ניט מערער, װי צװײ רעגעס קױעך
אין אַ מעסלעס.
כ׳זע די שװעסטער מײַנע אינעם דימיען
מיט די אױסגעװעבטע אױגן, װאָס דערמאָנען
ס׳ביטער דורכגעלעבטע לעבן.
די בײדע שװעסטער מײַנע... נאָר מײַן טאַטע
געקוקט האָט העכער איבער זײ, דערװאַרט אַ זון,
און װען אַ זון געבױרן איז, געלאָזט זיך טאַנצן, װי אַ בער,
אַן אימפּעטפּולן טאַנץ אַ רוסישן.
ער איז געװען אַ װוילער מענטש, מײַן טאַטע.
געװען אַ ביסל אַ קאָלבױניק, נאָר געהאָרעװעט אַ סאַך,
און טאַנצן ליב געהאַט און הערן פֿאַטעפֿאָן־פּלאַסטינקעס,
פֿון אַ גלעזל מאַשקע זיך ניט אָפּגעזאָגט.
אָבער אַז מע האָט אים מאָביליזירט אַף דער מילכאָמע,
אַ זאָג געטאָן מיט אַ פֿאַרשטיקטן קאָל:
„איך װעל זיך ניט צוריקקערן". אַזױ געשען איז...
און װילט איר זיך דערקונדיקן, פֿרעגט באַ דער מאַמען,
מיט פֿאַרכט געטראָגן האָט זי צװאַנציק יאָר
איר בלײַענדע אַלמאָנעשאַפֿט.
און אױב ער זאָל אַפֿילע הײַנט איר אָנקלינגען,
װעט שטיל די מאַמע עפֿענען די טיר,
טאָן אַ געשרײ און רויִק זאָגן אים:
— כ׳בין ריין לעגאַבע דיר,
װי נעכטן...
און ריין לעגאַבע זיך מײַן מאַמע זײַן װעט ביסקל סאָף.
און נאַכט נאָך נאַכט אַזױ,
און אָװנט נאָך אַן אָװנט —
צװאַנציק יאָר אַלמאָנעשאַפֿט...
פֿינף און פֿערציק יאָר עס האָט מײַן מאַמען,
װי פֿרישע װײנטן צאָפּנדיקע רוסישע,
אַרומגעװײעט די באָלשעװיסטישע רעװאָליוציע,
און ס׳איז איר נאָענט רוסלאַנד,
און אַלע מאָל, װען זי דערמאָנט ראַסײע,
דערפֿיל איך דאַן, װי ליב איך האָב
דאָס אָרט פֿון מײַן געבױרן —
דעם קרימער פֿלאַץ אין מאָסקװע.

פֿון איװריט — כאַיִם מאַלטינסקי, הירש רעלעס

# די גאָלדענע סאַזשלקע

איך האָב געקוקט אַף דעם גלאַנצנדיקן קופּערנעם טאַץ, ער האָט צוגעצויגן מײַן בליק. דער האַגאַם אַף אַן אָפּשטאַנד פון עטלעכע טריט האָב איך זיך ניט געקאָנט פּאַנאַנדערקלײַבן, אין וואָס, אײַגנטלעך, שטעקט די קראַפט פון זײַן צויבער.

עס איז געווען עלף אַזייגער — דאָס דאָרף איז געווען פאַרשלאָפן, פון טאָל האָט זיך ניט דערטראָגן קיין שום קלאַנג, אויב ניט רעכענען דעם צוויטשער פון א נאַכט־פויגל, וואָס האָט צעריסן די שטילקייט; באַלד איז דער פויגל אַנטרונען, אַנשוויגן געוואָרן. מיר זײַנען געבליבן זאַלבעדריט.

נוזהאַ האָט צוגערוקט דאָס טישל, וואָס אַף דעם איז געווען דער בלאַנקענדיקער קופּער־נער טאַץ, א רויטלעכער שימער האָט זיך פון אים צעגאָסן אין אַרום. איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט זיך עטוואָס אָנבייגן און אײַנטוקן מײַנע פינגער אין זײַן קילקייט.

— א גאָלדענע סאַזשלקע, — האָב איך געזאָגט.

— ער איז מיר טײַערער פון גאָלד, — האָט געענטפערט דער דאָרף־סטאַראָסטע.

איך האָב א ביסל אָפּגערוקט מײַן פאָטעל, קעדיי צו באַשיצן מײַנע אויגן פון דער בלענדנדיקער שײַן פונעם „ליוקס”, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם טאַץ, ער איז איצט געווען ענלעך צו א שיסל מיט האָניק.

— מײַן זיידנס פאָטער פלעגט טרינקען קאַפע, אונטערגעטראָגן אַף דעם דאָזיקן טאַץ, — האָט נוזהאַ דערקלערט, ווי זי וואָלט געהאָלפן דעם דאָרף־סטאַראָסטע באַם אויסטײַטשן, פאַר־וואָס איז אים דער טאַץ אַזוי טײַער, — און ער האָט אים אויסגעפּאַרטיקט מיט זײַנע אייגענע הענט.

— אַן אויסגעצייכנטער מײַסטער געווען, — האָב איך באַמערקט.

— יאָ, — האָט געענטפערט דער דאָרף־סטאַראָסטע, — ער האָט די קונסט פון קופּערשטיך געלערנט אין דאַמעשעק. פון ווײַטע לענדער פלעגן צו אים קומען ליבהאָבער פון זעלטענע קופּערנע קיילים.

דער אַלטער איז אַנשוויגן געוואָרן, דאָס אייניקל האָט געבראַכט די קאַפע־קאַן און אָנגע־גאָסן אין אונדזערע קריגעלעך. דער ערשטער האָט גענומען טרינקען דער סטאַראָסטע.

א שטילקייט האָט אַרומגעכאַפּט דאָס הויז. דאַן האָט דער אַלטער אָנגעהויבן דערציילן די געשיכטע פון דעם קופּערנעם טאַץ.

ווען ער איז באַפרײַט געוואָרן פון זײַן טפיסע אין קוימאַס־האַקאַרקאַ, האָט ער דאָ אַלץ געטראָפן אין פולער אומאָרדענונג. דער קאַמאַד איז געווען ליידיק, דאָס געפעס צעזייט און צעשפּרייט, דאָס מעבל און די טעפּיכער זײַנען נעלעם געוואָרן. אויך דער קופּערנער טאַץ איז פאַרשוווּנדן. נאָר ווער האָט דעמלט געקענט טראַכטן וועגן פאַרלאָרענע כפייצים, ווען ס'איז ניט קלאָר געווען, וואָס איז געשען מיט דער מישפּאָכע? נוזהאַס עלטערן מיט די קינדער זײַנען בעכיפּאָזן אַוועקגעפאָרן אין שטאָט, ווו ס'איז געווען „זיכערער”... אַוועק, און ניטאָ, קיין זייכער פון זיי.

— און נוזהאַ? — האָב איך געפרעגט.

— זי איז מיט אייניקע פרײַנט אַריבער די גרענעץ, נאָר גאָר גיך איז זי פון זיי אַנטלאָפן און זיך צוריקגעקערט אַהיים.

כאַדאָשים זײַנען אַוועק, דער אַלטער איז נאָך אַלץ געווען פאַרזונקען אין מאָרעשכוירע, יעדער טאָג האָט געבראַכט מיט זיך נײַע איבערלעבונגען. דאָך האָט פון צײַט צו צײַט דורך די וואָלקנס זיך דורכגעשלאָגן די דערמאָנונג וועגן דעם קופּערנעם טאַץ. איינמאָל, ווען דער אַלטער איז געווען אין דער שטאָט צ., האָט ער באַזוכט איינס א געסל, „ניט ווײַט פון דעם בייס־קנעסעס פון א יִדישן הייליקן”, א געסל, וואָס איז באַוווּסט געווען מיט זײַנע קלייטן און

קלייטלעך, — איז אַט דאָרט געווען אַ קלייט, אין וועלכער ס'איז געווען אופגעזאמלט קאָלע מינע אלטווארג, אָפגענוצטע קיילים, צווישן זיי פון קופער און פון בלײַ, בעכערס, לײַכטער, שיסלען. די בעסערע כפייצים זײַנען געווען אויסגעשטעלט אַף ספּעציעלע פּאָליצעס, און אַלדאָס איבעריקע איז געווען הויפנווײַז צוואָרפן. דאָ האָט ער זיך פארהאַלטן און זיך דערמאָנט אָן דעם טאָג. „אהאלאן וועסאהאלאן, יאַ־שייך", — האָט געזאָגט צו אים דער סויכער מיט אַ שײַנענדיקן פּאָנעם. איז דער אַלטער ארײַן, גענומען זוכן צווישן די קיילים, געטאַפּט, גענישטערט און דערבײַ בעאַלאַכסן געוואָרפן אַ בליק אַף דעם קרעמער — אים האָט זיך געדאַכט, אַז יענער ווייסט שוין, צוליב וואָס ער איז אהער געקומען.

— דעם טאָג האָב איך ניט געפונען. נאָר פון יענעם טאָג אָן האָב איך שוין פארלאָרן יעדע רו. איך פלעג זיך דערמאָנען יעדעס שטריכעלע, יעדעס שטרײַפעלע פון זײַן אָרנאַמענט. באַנאַכט אַף מײַן געלעגער פלעגן זיי מיך פאַרפאָלגן. ס'פלעגט טרעפן ניט איין מאָל, אַז איך פלעג זיך אופכאַפּן פון שלאָף, אופשפּרינגען, אָנצינדן ליכט און זיך לאָזן זוכן אין אַלע צימערן, טאָמער האָט ער זיך ערגעץ־ווו פאַרוואַלגערט. איינמאָל האָב איך געזען אַ מעשונע־מאָדנעם כאָלעם: עפּעס אַ ריזיק באַשעפעניש איז ארײַן אין צימער, זײַן געשטאַלט איז געווען מעטושטעש... איך בין געזעסן לעבן דעם טיש, געפּרוּווט שרײַבן אַ בריוו, געשריבן און געמעקט, דאָס פּאַפּיר איז געווען פאַרפולט מיט צייכנס, קאָטשערעס און לאָפּעטעס, מעשונעדיקע צורעס. אָן איימע איז אַף מיר אָנגעפאַלן פון מײַן אייגענער אָנמעכטיקײַט, איך האָב ניט געוווּסט, וועמען איך וויל שרײַבן און אין וועלכער שפּראַך. איך האָב געוואָרפן פאַרזיכטיקע בליקן אַף דעם ריז. זײַן פּאָנעם איז ניט געווען קענטיק, נאָר איך האָב קלאָר געזען, ווי ער האַלט אין זײַנע הענט דעם קופערנעם טאָץ. אַף דעם טאָץ זײַנען געזעסן, געשטאַנען, געלעגן מענטשן, מענער, פרויען, קינדער. איך האָב זיך אופגעהויבן פון טיש, געוואָלט צו אים צוגיין, און... איך האָב זיך אופגעכאַפּט.

איך בין געשטאַנען אינמיטן צימער, אַרום — אַ טיפע כאָשכעס, און נאָר דער דיל איז באַגאָסן מיט דער לעוואָנע־שײַן. עלנט בין איך געווען, איינזאַם. פּלוצעם האָט זיך מיר גענורמען דאַכטן, אַז איך הער אַ שאָרך הינטער דער דרויסן־טיר. איך האָב אָנגעצונדן אַ ליכט און זיך געלאָזט צו דער טיר. אַף דער שוועל איז געשטאַנען נוזהאַ. איך האָב מוירע געהאַט איר זאָגן אַ וואָרט, איר געשטאַלט זאָל זיך ניט צעווייען, עס זאָל זיך ניט ארויסווײַזן, אַז זי איז גאָר ניט קיין באַסערוועדאַם, נאָר בלויז אַ כאָלעם. זי איז אָבער געפאַלן מיר אַף דעם האַלדז.

פון דעמלט אָן פלעג איך יעדעס מאָל, ווען איך פלעג קומען צו פאָרן אין דער אָדער יענער שטאָט, אומגיין פון קלייט צו קלייט און בא יעדער געלעגנהײַט אַלץ געזוכט דעם קופערנעם טאָץ. אָבער אומזיסט. אַ שטיקל צײַט האָב איך אין דעם טאָץ פאַרגעסן. דאָס האַרץ איז דערצו ניט געלעגן. נוזהאַ איז ארײַנגעפאַלן אין די הענט פון דער מאַכט, מע האָט זי ארעסטירט, און איך בין געווען פאַרנומען מיט איר באַפרײַונג, — וועמען זײַנען געלעגן אין קאָפּ די פאַרלאָרענע כפייצים?! — און נאָכדעם, דאַכט מיר, האָב איך פאַרלאָרן יעדע האָפענונג דעם טאָץ צו געפינען.

ס'איז אוועק אַ צײַט, און אַט אין איינעם אַ פרימאָרגן זיץ איך מיר אין דעם דאָזיקן צימער און הער, עמעצער קלאַפּט אין דער טיר. אופגעעפנט. עס איז ארײַן דער אַרבעטער פון דער קעלטערײַ, און הינטער אים, זע איך, שטייט אָן אומבאַקאַנטער מאַן, אַ ייִד. ער האָט געמאַכט אייניקע טריט און האָט שווײַגנדיק גענומען אָנקוקן מיך, נוזהאַן, גענוי באַטראַכטן דעם צימער. מיך האָט אָנגעכאַפּט אַ ציטער, דאָס האַרץ האָט זיך בא מיר אָפגעריסן. איך האָב אַ קוק געטאָן אַף נוזהאַן. זי איז געוואָרן בלייך ווי די וואַנט. איך האָב ווידער אַ קוק געטאָן אַף דעם מאַן, מיר האָט זיך געדאַכט, ער וויל עפּעס זאָגן, ער איז אָבער געבליבן שטום. און באַלד איז ער אוועק, פּונקט אַזוי אומדערוואַרט, ווי ער איז ארײַן. אָן אַ גרוס און אָן אַ זײַ־געזונט. אינגיכן אָבער איז ער צוריקגעקומען, און אין זײַנע הענט האָט ער געהאַלטן דעם קופערנעם טאָץ. איך האָב זיך אַ לאָז געטאָן צו אים. זײַנע הענט האָבן געציטערט. קוקט ער אַף מיר, קלײַבט זיך עפּעס זאָגן, נאָר מע הערט קיין איינציקן קלאַנג. און דאַן האָט ער מיר שווײַגנדיק אויסגעשטרעקט דעם טאָץ, און זײַנע הענט האָבן נאָך שטאַרקער גענומען ציטערן. עמעס, מײַנע הענט האָבן אויך געציטערט, און מײַן מויל איז אויך געווען פאַרריגלט. און אַט האַלט איך שוין דעם טאָץ אין מײַנע הענט. אַ רעגע האָבן מײַנע הענט און זײַנע געציטערט צוזאַמען, ביז מיר האָבן דעם טאָץ אוועקגעלייגט אַפן טיש.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט. מײַנע אויגן בלאָנקען נאָך די אויגן פון דעם אוירעך, און מײַנע הענט גלעטן דעם טאָץ. האָט איר ווען געהערט אַזאַ מין געשיכטע?

— ניט געהערט, — האָב איך, שעפּטשענדיק, געענטפערט, — נו און דער מאַן האָט ענד־לעך עפּעס־וואָס געזאָגט?

— יאָ. ער האָט דערציילט, אַז דעם דאָזיקן טאַץ האָט ער געבראַכט אַלס געשענק זײַן יונגער פרוי. עס איז געווען דעמלט. דעמלט. די פרוי האָט דעם טאַץ פאַרשטעקט אין אַ ווינקל פונעם צימער. „איך האָב אָף דיר געוואַרט, און ניט אָף קיין רויב”, — האָט זי געזאָגט. איז דער טאַץ אַזוי געשטאַנען אינעם ווינקל פונעם צימער, און יעדן טאָג האָט זי אים געפּוצט און געשײַערט. פלעגן קומען געסט, פלעגן אָנקוקן דעם טאַץ און זיך וווּנדערן: פאַרוואָס עפּעס שטייט ער פאַרשטעקט אין אַ ווינקל? מע דאַרף קויפן אַ טישל, האָבן זיי געייעצט, און אוועק־שטעלן אָף אים דעם טאַץ, וועט ער דאָך פאַרשײַנען דעם צימער. „ס׳איז רויב”, — האָט די פרוי אָף דעם געענטפערט. האָבן זיי זי מעשונע אָנגעקוקט: מענטשן זײַנען אומגעקומען, אונדזערע טײַערע כאַווײרים זײַנען געפאַלן אין שלאַכט, און זי רעדט גאָר וועגן רויב.

איז דער מאַן אופגעבראַכט געוואָרן און האָט אַרויסגעשטעלט דעם טאַץ אָף העפקער הינטער דער טיר. האָבן די שכיינים אומגעקערט די אווידע. האָט ער געוואָלט שענקען דעם טאַץ עמעצן פון זײַנע פרײַנט, האָט די פרוי ניט דערלויבט. פון דעם טאָג אָן האָט זי דעם טאַץ ניט אַרויסגעלאָזט פונעם אויג. ענדלעך איז זי קראַנק געוואָרן, זיך געררירט פונעם זינען. שאָענלאַנג פלעגט זי זיצן און שײַערן דעם טאַץ. עס פלעגט זיך איר דאַכטן, אַז ס׳זײַנען דאָ אָף דעם טאַץ בלוט־פלעקן. איר פלעגט שײַנען, אַז זי זעט אין דער טיף פון דער סאַזשלקע טויטע קערפּערס פון הארוגים, און הונגעריקע פישלעך צופּן זייער פלייש. זי האָט געפּרוווט אָף די פישלעך אָנשרײַען, ריידן מיט זיי, אָפּטרײַבן זיי, נאָר ס׳האָט גאָרניט געהאָלפן. אָף מאָרגן זײַנען זיי ווידער געקומען און ווידער געצופּט דאָס פלייש. האָט זי געוואָלט זיי פאַנ־גען, האָבן זיי זיך אַרויסגעריסן און ווידער געקומען און ווידער געהריזעט די מייסים. האָט איר ווען געהערט אַזאַ מין געשיכטע?

— מעגלעך, איך האָב עטוואָס ענלעכס געהערט... נו און ווי איז מיט דער אומגליקלעכער פרוי? האָט זי זיך אויסגעהיילט פון אירע קאָשמאַרן?

דער דאָרף־סטאַראָסטע האָט געשוויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך אויסדרייען פון אַן ענטפער. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער, ווי אופגעוועקט פון דרעמל, געגומען ווײַטער דערציילן:

— איינמאָל, האַלבע נאַכט האָט דער יונגערמאַן אַרויסגעגאַנווּעט דעם קופּערנעם טאַץ, וועלכער איז געשטאַנען לעבן דעם בעט פון זײַן פרוי, און האָט אינדערפרי אָנגעקלאַפּט אין מײַן טיר. דאָ, אין דעם צימער, זײַנען מיר ביידע געזעסן, און ער האָט דערציילט. און אַ ביסל שפּעטער איז ער אין איינעם אַ טאָג געקומען ווידער, נאָר דאָסמאָל האָט ער מיטגע־בראַכט זײַן פרוי. זי זאָל זען דעם טאַץ אָף זײַן אָרט. עס איז געווען אַ קליינע פרוי, מיט אַ געזיכט, ווײַס ווי מילך, און דורכזיכטיק, ווי דער וואָלקן אין פרימאָרגן. איך, אַן אַלטער מאַן, וואָס האָב זיך געגוג אָנגעליטן אין מײַן לעבן, האָב קיינמאָל ניט געווויינט... דאָ אָבער האָב איך ניט אויסגעהאַלטן, מײַנע אויגן זײַנען פאַרלאָפן מיט טרערן. וואָס זײַנען עס געווען פאַרא טרערן? האָב איך עמעצן באַקלאָגט? האָב איך געיווּולט? איך בין נאָר בעקוויעך געווען אַרויס־צושטאַמלען, זיך ווענדנדיק צו נוזהאַן: „נעם זי אַרום, טאָכטער מײַנע!”.

נוזהאַ האָט זי אַרומגעכאַפּט, האָט געגומען קושן איר מילך־ווײַס געזיכט, און דאַן האָב איך דערזען די האַנט פון דער פרוי: עס איז אָף איר אויסגעקריצט געווען אַ בלויער נומער. טאַטוירט. האָט איר ווען געהערט אַזאַ מין געשיכטע?

עס איז שווער געווען זיך אַרויסצורײַסן פון דער שטילקײַט, וואָס האָט געהערשט אין צימער. ענדלעך האָב איך זי צעשטערט. איך האָב אויסגעדריקט מײַן פאַרלאַנג אָנצוקוקן דעם קופּערנעם טאַץ פון דער נאָענט.

מײַנע אויגן האָבן נײַגעריק זיך פאַרהאַלטן אָף די אויסגעקריצטע אָרנאַמענטן: פישעלעך, גאָלדענע און זילבערנע פישעלעך. אַ טייל פון זיי איז געווען אײַנגראַווירט אין דעם מעשע־נעם טאַץ, און די אַנדערע זײַנען געווען אַזוי פײַן אויסגעטאַקט, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיי טראָגן זיך, ווי אָף וועלן, ווונדערלעך געקרײַזלטע, אויסגעצירטע מיט אויסטערלישע אַראַ־בעסקן. אָף די ראַנדן פון דער קיילע זײַנען געווען אויסגעשניטן פויגלען אָף דינע פיסלעך, אייניקע פון זיי האָבן געזוכט שפּײַז צווישן די וואַסער־געוויקסן, אַנדערע האָבן אויסגעשפּרייט די פליגל, ווי צום פליִען.

און אינדערמיט — אַ קרײַז אין אַ קרײַז, ווי אַ גלאַטער שפּיגל, וואָס פלאַטערט פון אַ לײַכט ווינטל. און צוויי שילפן פון גומי־פּאַפּירוס נייגן זיך איבער אים בעאַלאַכסן איינער קעגן דעם צווייטן, און זייער געבליט איז געשניצט מיט די פײַנסטע, דין־דינסטע שטרײַפן, אינקרוסטירט אין זילבער.

איך האָב געקוקט און זיך געכידעשט.

# אַ מאָדנער הונט

בייסן ארויסגיין פונעם אווטאָבוס, ווען ס'איז אונדז אויסגעקומען מאכמעס דער שרעקלעכער געדרענגעניש אַרײַנטרעטן אין אַ שווערן גערענגל, זײַנען מיר געווען געגליכן צו מענטשן מיט געבונדענע הענט און פיס, וואָס שלאָגן זיך דורך צו דער טיר מיט דער הילף פון די אַקסלען, עלנבויגנס און היפטן. אלע האָבן מיר זיך מאמעש געבאָדן אינעם אייגענעם שוויס.

— ווארט צו אַ ווײַלע, — האָט געזאָגט די מומע מיריאַם, ווען מיר זײַנען געשטאַנען אַפן ראַנד פונעם שאָסיי, — לאָזט מיך אַ ביסל זיך אָפּעטעמען.

נאָר אויך איצט איז אונדז ניט געוואָרן גרינגער; כאָטש ס'איז שוין געווען גענוג שפּעט, איז נאָך געשטאַנען אַ שרעקלעכע היץ. דאָס העמד האָט זיך געקלעפּט צום לײַב, ווי אַ מיִעסע קליפּע. קימאַט אלע, וואָס זײַנען ארויס פון אווטאָבוס, האָבן פאַרקערעוועט צו דעם וויסטן שעטעך, וואָס האָט זיך געצויגן רעכטס פונעם שאָסיי, אין דער ריכטונג צו דער מאַבאַרא, די מערהײַט פון זיי — ארבעטער, וואָס קערן זיך אום אַהיים נאָך דער ארבעט אין שטאָט אָדער אין די נאָענטע מאָשאווים, צווישן זיי מידע פרויען, וואָס האָבן זיך קוים־קוים געשלעפּט אַהיים מיט די שווערע קוישן אין די הענט, הויז־ארבעטערנס און אופּראַמערנס אין פאַרשיידענע אַנשטאַלטן.

אַהאַראָן איז געווען אַ הויכער באָכער, אַ יאָר אַכט און צוואַנציק אַלט, אָנגעטאָן אין כאַקי־קליידער. אַף זײַן גימנאַסטיאָרקע האָט מען געקאָנט זען פיל קאַלך־פלעקן. אויגן האָט ער געהאַט פון אַ קינד — לאַכנדיקע, בלויע. מיר זײַנען מיט אים צוזאַמען געקומען צו פאָרן אַהער, אים צו באַזוכן אין זײַן הויז, וואָס איז געשטאַנען אין עק פון דער מאַבאַרא. ער האָט געשפּאַנט גיך, און מיר האָבן זיך קוים נאָך אים געצויגן.

— זעט איר, פעטער, דאָרט, הינטער דעם גרינס, דאָרט לעבן אונדזערע שוועסטערקינדער, סאַכאַקל צוויי הונדערט מעטער פון אונדזער הויז, — האָט געזאָגט אַהאַראָן, — דאָס גרינס, דאָס איז אַ ציטרוסן־פלאַנטאַציע. ריכטיקער, געווען אַ ציטרוסן־פלאַנטאַציע.

— ווע מענס פלאַנטאַציע?

— אַ פאַרלאָזט פאַרמעגן. אונדז האָט אָפּגעגליקט. ווען מיר האָבן באַפרײַט ביר־שאַריף, און די אַראַבער האָבן געמאַכט פּלייטע...

— מיר האָבן באַפרײַט — וואָס?

— נו, דאָס דאָרף.

— אַהאַ, איך פאַרשטיי. איז דאָ רויִק?

— אַבסאָליוט רויִק.

— און זיי באַזוכן אײַך גאָרניט?

— ווער „זיי"?

— די גרענעץ־פאַרלעצער.

— לא ינום ולא יישן שומר ישראל, — האָט אַהאַראָן געענטפערט מיט אַ פּאַסעק. — וואָס האָבן זיי דאָ צו טאָן? — ער האָט געוויזן מיט די פינגער אַף די כורוועס דאָרעם־מיזרעכדיק פון די באַראַקן. ווי דורך אַ גרוי־רויטן שלייער האָבן זיך געזען בערגלעך ציגל, אומגעוואָרפענע ווענט. אייניקע רויִנען האָבן אויסגעזען ווי אומגעוואַלגערטע גיגאַנטישע סטאַטועס. די זילבער־שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון האָבן מיט ווייכע פּאַסטעל־פאַרבן געצייכנט אַף די כורוועס אויסטערלישע מיניִאַטיורן פון פעסטונגען מיט טעמפּל־שפּיצן, טורעמס און טורעמלעך אין גײַסט פון די אַלטע לעגענדעס.

— דאָרט איז געווען אַ דאָרף, — האָט ער געזאָגט.

אַף דעם פאַרלאָזענעם פעלד איז אַפילע קיין זייכער ניט געווען פון וועלכע־ניט־איז קרײַטעכצער. נאָר אויסגעטריקנטע, צעטראָטענע וואָרצלען האָבן ארויסגעשטאַרצט פון דער האַרטער, זיך שפּאַלטנדיקער רויטערד — סימאָנים פון פלאַנצונגען, וואָס הונדערטער פּאָר מענטשלעכע פיס האָבן זיי געטאָפּטשעט.

מיר זײַנען צוגעקומען צו די הילצערנע באַראַקן. צוויי־דרײַ לאַנגע, אַפּדערגיך אויפגעשטעלטע געבײַדעס זײַנען געשטאַנען וויזאַווי צו אַ ריי אײַזערנע באַראַקן, וואָס האָבן געבלישטשעט אַף דער זון. אין דער טאָג־היץ, וועלכע האָט זיך אַוונט־צו נאָך מער געשטאַרקט, האָט דאָס דאָזיקע באַווינטע ווינקל געהודיעט פון פיל מענטשן. נאָר אַ קליינער טייל פון זיי

איז געגאנגען אין א באשטימטער ריכטונג — דער פרויען־שטראָם, וואָס איז ארויס פון אווטאָבוס, איז געווען געגליכן צו א פילפאַרביקער ריטשקע, וואָס טיילט זיך אויס צווישן דעם רוישיקן מענטשן־געווימל. די מערהייט האָט זיך אומגעטראָגן אהער־אהין, פארשוויצטע, פארמאַטערטע פון דער היץ, געפאַכעט מיט די נאָזטיכלעך. ס'איז קענטיק געווען, אז זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון די אָנגעגליטע פון דער זון וווינונגען און גיריק ארויסגעקוקט אף דעם קילנדיקן מיִרעוו־ווינטל, וואָס האָט זיך נאָך אלץ געזאמט. כאָפּטעס קינדער האָבן זיך געוואַלגערט אף דער ערד לענגויס די הילצערנע באַראַקן.

— פארנאכט איז דאָ שטענדיק אזוי, — האָט אהאראָן געזאָגט, — א יאַריד פון מענטשן אָן ארבעט און אפילו אָן לופט צום עטעמען.

קליינהענדלער זיַינען געשטאַנען לעבן זייערע סכוירעס, וועלכע זיַינען געווען אויסגעלייגט אפן באָדן. אייניקע האָבן געהאנדלט מיט זיסקיַיטן אָדער מיט קערלעך, אנדערע האָבן זיך אָנגעשלאָגן מיט דעם רעשטל היימישן האָב־און־גוטס, אפילו מיט פאַטעלן, העגליַיכטער — „מעציִעס”. שוכוואַרג, רעגנמאַנטלען, וועש. א שיינע, הויכוואוקסיקע שוואַרצהאַריקע פרוי מיט א פאַרברוינטן געזיכט, א יאָר פערציק אלט, האָט פארקויפט אירע בעסטע קליידער: גלעזערנע פערל פינקלען אף א זיַידן קלייד. „פיר לירעס! פיר לירעס!” — האָט זי ווידער און ווידער אויסגערופן, מיד און טרויעריק.

— און א הונט האָבן מיר אויך, — האָט געזאָגט אהאראָן, ווי ער וואָלט פאַרגעזעצט אָן אָנגעהויבענעם געשפּרעך.

— עפּעס א ווילער קעלעוו?

— א מאָדנער קעלעוו. צוליב דעם אליין איז אים קעדיַי צו האָדעווען. איר האָט נאָך אזא הונט ניט געזען.

— וואָס זשע איז אין אים מאָדנע? — האָב איך געפרעגט סטאַם, פון איידלקיַיט־וועגן.

אהאראָן אָבער האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן מיַין פראַגע און זיך צערעדט:

— וואָס איז מאָדנע? אלץ. וויַיזט אויס, אָן אראַבישער הונט. מיר האָבן אים טאַקע דאָרט געפונען. ער האָט ניט געוואָלט אוועקגיין פונעם איַינגעזעסענעם אָרט. די ארבעטער, וואָס האָבן געבויט די מאַבאַרא, האָבן אים וויפל מאָל פארטריבן, נאָר יעדעס מאָל האָט ער זיך אומגעקערט צוריק. ווען איך באַזיץ זיַין שפּראַך, וואָלט איך אים געפרעגט: וואָס ווילסטו? פאַרוואָס ביסטו דאָ פארבליבן? עפּעס איז ער א מין אַגענט, א מין אַפּעטראָפּעס. אנדערע הינט פירן זיך אנדערש. זיי בלאָנקען אום איבער די דערפער. געהערן ניט צו קיינעם, פאַרוואַרלאָזטע הינט. דער איז אָבער פון אָן אנדער מין. אויך מיר האָבן אים געפרוווט פאַריאָגן, נאָר ער איז צוריק געקומען. עפּשער דאַרף מען פון אים פאַטער ווערן? — האָב איך געזאָגט. נאָר ווען איך בין צו אים צוגעגאנגען מיט דעם האלדזבאנד, האָט ער אליין אויסגעשטרעקט דעם האלדז, ווי ער וואָלט אף דעם געוואַרט. א כיטרע באַשעפעניש!

— וואָס הייסט „א כיטרע באַשעפעניש”?

— א פוקס, זאָג איך איַיך, פעטער. שטייט שוויַיגנדיק, קוקט דיך אָן לאַנג און ניַיגעריק. קוקסטו אויך אף אים, אָבער פונוויַיטן. פּלוצעם צינדט ער זיך אָן, טוט זיך א וואָרף צו דיר, אז אָט צעריַיסט ער די קייט, צו וועלכער ער איז צוגעשמידט, ווי איינער, וואָס איז אראָפּ פון זינען.

די מומע מיריאַם האָט זיך צעלאַכט:

— אזא איז די טעווע פון וואכט־הינט. צוערשט קוקן זיי דיך אָן און נאָכדעם וואַרפן זיי זיך אף דיר אַרויף.

— ניין, ניין, — האָט אהאראָן געזאָגט, — רייִשיס־קאָל, פירן זיי זיך קלאָל ניט אזוי אויף. זיי הייבן אָן בילן, נאָך איידער איר האָט זיך צו זיי דערנעענטערט. באַ דעם דאָזיקן אָבער איז דאָ עפּעס אזוינס...

— בעקיצער, דו האָסט אָן אויסגעצייכנטן וואכט־הונט, — האָב איך באַמערקט.

— ניט געַיילט. ס'איז גאָרניט אזוי. אף אים טאָר מען זיך ניט פארלאָזן. זיַין בילעריַי, לעמאָשל. עפּעס א מעשונעדיק בילן. אמאָל איז עס געגליַיכן צו א דווערנדיקן שאַלן פון א דונער, וואָס אין זיַין באַס־רעגיסטער לאָזט זיך שפּירן א טיפע באַליידיקונג. און אָט רייַסט זיך דער דונער איבער, און ס'דערהערט זיך א כליפּען, א יאָמערן. ער וויינט, דער הונט, ווי א מענטש... און ס'טרעפט אויך אזוי: קוקט אף דיר, ווי געזאָגט, מיט ניַיגער, ווי ער וואָלט דיך בוידעק געווען מיט זיַינע רויטע אויגן. און פּלוצעם — א שפּרונג אף צוריק, ווי ער וואָלט אנגסט געקראָגן, און דו ווייסט ניט פאַר וועמען און פאַר וואָס. דו האָסט דאָך אים גאָרנישט געטאָן. עפּעס א געדאַנק האָט אים דערשראָקן. ער ווענדט אָפּ דעם בליק פון דיר און זינקט איַין אין זיַינע מאכשאָוועס.

— האָסט מער ניט וואָס צו טאָן, ווי טראַכטן וועגן דעם, — האָב איך אומגעדולדיק געזאָגט.

— איר האָט אַ טאָעס, — האָט אהאראָן געזאָגט אַ ביסל באַליידיקט, — ווען מע ווייסט דאָס אַלץ ניט, איז, נאַטירלעך, שווער צו גלייבן. עס זײַנען דאָ באַ דעם הונט מידעס פון אַ מענטשן.

פון הינטער אַ זאַמדיקן בערגל האָט זיך באַוויזן דאָס הויז.

— אַ געוויינלעך אַראַביש הויז, אַ הויז פון אַן אַראַבישן פעלאַך, — האָב איך געזאָגט, — דו האָסט עס, מיסטאָמע, אַ ביסל איבערגעבויט?

— יאָ. עס איז איצט ענלעך צו אַ קינד פון אַ געמישטן פּאָרפּאָלק, — האָט אהאראָן געענטפערט, — ניט דאָס און ניט יענץ. אינווייניק איז נאָך צו דערלײַדן. נאָר אויסווייניק?! מע צעראַבעוועט מיר אַלע מײַנע בוי־מאַטעריאַלן... אַז איך האָב דערזען, וואָס די שכנים האָבן אָפּגעטאָן מיט דער דראָט־אָפּצאַמונג, וואָס איך האָב אופגעשטעלט, האָב איך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַוועק אין שטאָט זוכן זיך אַרבעט. מע דאַרף דאָך פון עפּעס לעבן, ניט עמעס?

די דראָטענע אָפּצאַמונג איז ווירקלעך געווען קימאַט אינגאַנצן אומגעוואָרפן, אַ טייל שטאַנגען — אַרויסגעריסן. אינווייניק, באַם אַרײַנגאַנג, זײַנען סטאָסנווײַז געלעגן בלאָקן, ברעטער, ציגל. אין אַ זאַקוטעק, וואָס איז געווען באַזונדער אָפּגעצאַמט, האָבן אומגעבלאָנקעט עטלעכע באַליידיקטע קאַטשקעס, זײַנען אומגעלאָפן אייניקע קראָליקלעך, און אַ צוויי־דרײַ הינער האָבן זיך געריזעט אין זאַמד. פונעם עק הויז האָט אונדז מיט אַ מעויעמדיק־ווילד רעווען באַגריסט אַן אייזל. דאָס גאַנצע אויסזען פונעם הויז האָט אַרויסגערופן אַ פאַרלעגנהייט: ווי סע וואָלטן זיך ניט געביטן זײַנע באַלעבאַטים. אַ הויז פון אַן אַראַבישן פעלאַך מיט קליינע ענדערונגען אין די איינצלהײַטן פון דער הויז־אײַנריכטונג.

און אָט איז דער הונט. ער האָט זיך אָף קיין רעגע ניט געלאָזט וואַרטן און האָט גלײַך גענומען צאַרנדיק בילן, דערבײַ האָט ער אָנגעצויגן די קייט ביז דערשטיקט צו ווערן. נאָר אָף וויפל דער עק פון דער קייט איז געווען צוגעפעסטיקט צו אַ רונג, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אָף אַ גראָבן אײַזערנעם דראָט, וועלכער האָט זיך בעאַלאַכסן געצויגן דורך דעם הויף, האָט ער געהאַט געגנוג פלאַץ זיך פרײַ צו באַוועגן. מיט אַ הייזעריקער שטים האָט ער אויסגעגאָסן זײַן קאַס אָף די געקומענע. דער הונט איז געווען רויט, ווי די היגע רויטערד. זײַן האַרבע, פאַראָסטעטע פעל האָט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געפילט אָף זיך די באַרשט. ביידע זײַנע אויערן האָבן געשטאַרצט ווי צוויי פײַערדיקע הערנער.

— פּערע! פּערע! שאַ! שטיל! — האָט אהאראָן געפּרוווט אים באַרויִקן.

נאָר אומזיסט. ער האָט זיך געוואָרפן, געווילדעוועט מיט קאַס און צאָרן, געשפּרונגען, געהאַפּעט, געריזעט די ערד.

אָף דער טיר האָט זיך באַוויזן דווירע, אהאראָנס ווײַב, אַ שוואַרצכיינעוודיקע פרוי. באַלד איז אונדז אַנטקעגן געקומען צו לויפן אַ קינד פון צוויי אָדער צוויי מיט אַ האַלב יאָר. דער הונט האָט עס דערזען און איז גלײַך אָפּגעטראָטן, אין בוכשטעבלעכן זין פונעם וואָרט. ער האָט זיך ניט געצערטלט, ניט געלאַשטשעט, ווי עס טוען געוויינלעך הינט, קעדיי נויסע־כיין זײַן באַ די בעני־באַיִס. ער איז אָפּגעטראָטן, אָנגעבויגן דעם קאָפּ און געלאָזט פרײַ דעם וועג מיט אַ מין זשעסט פון דערעכערעץ. פּלוצעם איז ער ווי אַנטרונען געוואָרן. ס'האָט זיך גלײַך אײַנגעשטעלט אַ שטילקײַט. דער הונט איז אַוועק צום עק שטוב, זיך אַוועקגעלייגט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער וואַנט.

— געזען? — האָט אהאראָן געפרעגט. — כ'האָב מיך דערמאָנט אַזאַ מין פאַל. איינמאָל האָט ער געכאַפּט אַ קראָליקל, וואָס איז, ווי מע זאָגט, אַליין אַרײַנגעפאַלן אים אין די ציין אַרײַן. האָט ער עס זאָרגזאַם געהאַלטן אין מויל און פּאַוואָליע, ווי אַ טײַערע מאַטאָנע, אונטערגעטראָגן טירצען. ער האָט עס אַרויסגעלאָזט פון צווישן די ציין נאָר דאַן, ווען דאָס קינד האָט צו דעם אויסגעצויגן אירע הענטעלעך.

איך האָב פאַרווונדערט אָנגעקוקט אהאראָנען. מיר האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז זײַן לויִיקײַט איז אַ פאַלשע, אַז ער רעדט דאָס אַלץ נאָר מיט דעם ציל אָפּצווווענדן די אָרכים פון שווערע און פינצטערע איניאָנים. אָבער די מומע מיריאַם האָט אַ זאָג געטאָן:

— הער נאָר, אהאראָן, איז דער הונט צופעליק ניט אַ באָקי אין הילכעס אַלגעברע?

— צופעליק ניט, — האָט אהאראָן געזאָגט, — ווײַל ער איז אַ דאָרפישער הונט: ניט שטודירט אין די שולן.

מיר זײַנען שוין געווען אָף דער שוועל פונעם הויז, ווען אהאראָן האָט פּלוצעם אויסגעשריִען:

— גיט נאָר א קוק אויף אים אצינד! טירצעלע, וואָס מאַכט פּערע?

— ער לאַכט, — האָט געענטפערט דאָס מיידעלע און גענומען פּאַטשן מיט די הענטעלעך.

און ווירקלעך, דער הונט האָט געלאַכט, ניט אויף א קאָל, נאַטירלעך, ער האָט געשמייכלט.

— ווי לאַכט ער, טירצעלע? — האָט דער גליקלעכער פאָטער געפרעגט.

— אָט אזוי, — האָט געענטפערט די קליינע און האָט דערביי געמאַכט א לעכערלעכע מינע. איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר דעם קינדס אויסזען אין דעם מאָמענט האָט בא מיר ארויס־גערופן טרויער, עס איז געווען ענלעך צו א קליינעם דרעסירטן באַלכיי, צו עפּעס א מין ליליפוט — א קלאָון, וואָס רופט ארויס ראַכמאָנעס...

— אהאראָן, איך בעט דיך, הער אויף, — האָט געזאָגט דווירע האַלב מיט טרויער, האַלב מיט פאַרביטערונג.

— וואָס איז געשען? וואָס? עס זיינען דאָ בא אונדז היינט אָרכים, איז עפּשער מעגלעך אָן מאַכלויקעס?

— און אָן איזדיעקעווען זיך איבער דעם הונט... — דווירע האָט זיך געווענדט צו אונדז: — ער מיינט, אז דער הונט פילט גאָרנישט.

— פאַרקערט, דווירע, פונקט פאַרקערט. דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט דערווייזן, אז דער דאַזיקער הונט איז א באַזונדער מין הונט.

אז מיר זיינען אריין, האָט אונדז מעקאַבל־פּאָנעם געווען די ביינהאַשמאָשעסדיקע טונקל־קייט. מע האָט אָנגעצונדן דאָס קעראָסין־לעמפּל, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. דווירע האָט גענומען גרייטן צום טיש. אהאראָן האָט שוין געגעסן אָוונטברויט פריער. ער האָט נאָר גע־וואַשן די הענט, און אין דער צייט, ווען דווירע האָט זיך פאַרנומען מיט אונטערטראָגן דאָס עסן, האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צו דעם זעלבן איניין, עפּעס א מין דיבעק איז אין אים אריין.

— ווייסט איר, פאַרוואָס זי רעדט מיט אזא פאַרדראָס? אויב איר ווילט וויסן, איז דווירע פאַרליבט אין דעם הונט. איך בעט אייך, פּעטער, זייט א ריכטער צווישן אונדז.

מיר איז קלאָר געוואָרן, אז דווירעס פאַרביטערונג איז פיל טיפער, ווי זי האָט זיך אַנט־פּלעקט.

— צווישן מאַן און ווייב בין איך קיין ריכטער, — האָב איך געענטפערט.

— ניט צווישן מאַן און ווייב, פּעטער! צווישן מיר און דעם הונט.

— האָסט דאָך אליין געזאָגט, אז ס'זיינען בא אים דאָ מידעס פון א מענטשן!

עס איז אויסגעבראָכן א געלעכטער. בלויז דווירע האָט ניט געלאַכט. זי האָט געגרונצלט דעם שטערן. א רעגע איז זי ווי פאַרגליווערט געוואָרן אין דער מיט פון צימער מיט עפּעס א שיסל אין די הענט און אראָפּגעלאָזט די אויגן צום דיל. מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש. באַם עק טיש איז אויף א קישעלע געזעסן טירצע. זי האָט אָן אָן אופהער געפּלאַפּלט. ס'איז אין איר געווען עטוואָס פאַרשטייטס פונעם פאָטער, כאָטש אויסערלעך איז זי מער ענלעך געווען צו דער מוטער.

— בא פערען וועלן קיינמאָל ניט זיין קיין קינדער, ווייל ער איז א הונט, — האָט זי געזאָגט.

— מע זאָגט „הינטעלעך", — האָט פאַריכט דער פאָטער.

— ניין, הינטעלעך זיינען דאָ נאָר בא דער צויג. ניט עמעס, מאַמע?

פון דרויסן האָט זיך געלאָזט הערן א צעצויגן ברומען, עפּעס א מין אומצופרידן־טרויעריק ברילן.

— פערען איז אומעטיק, — האָט געזאָגט טירצע, — ס'איז דערפאַר, וואָס ער האָט ניט קיין זיידן. ניט עמעס, מאַמע?

איך האָב געמאַכט א פּרווו איבערצופירן דעם שמועס אויף אן אנדער טעמע.

— דערציייל, אהאראָן, ווי ביסטו געקומען צו דעם דאָזיקן הויז? — פרעג איך אים. — איז דען די מאַבאַרא א פּאַסיק אָרט פאַר אן אַלטגעזעסענעם טוישעוו?

— איך בין געווען באַשעפטיקט אין דער בויונג פון דער מאַבאַרא. מיר האָבן אופגע־שטעלט די אייזערנע קאַרקאַסן, די הילצערנע באַראַקן. און דאָ האָב איך דערזען דאָס דאָזיקע הויז, און עס איז מיר געפעלן געוואָרן. איך ווייס אליין ניט פאַרוואָס. קיינער האָט דאָ ניט געוואָלט וווינען. איר קענט זיך ניט פאָרשטעלן, סאַרא שרעקלעכער שמוץ דאָ איז געווען. מיך האָט עס ניט אָפּגעשטעלט. איך האָב גענומען דאָס הויז. געטראַכט האָב איך: איך וועל דאָ זיין א באַלעבאָס פאַר זיך, איך וועל האָבן א שטיקל ערד. פאַרוואָס ניט? יענער פּעלאַך איז, וואָר־שיינלעך, געווען אן ארענדאַטאָר בא אן עפענדי, ווייל דאָס הויז געפינט זיך גענוג ווייט פון

דאָרף. די אפּעטראָפּסים־פאַרוואַלטונג האָט זיך ערשט שפּעטער אָן מיר דערמאָנט. זי וועט נאָך באַ מיר מאָנען דירעגעלט. דאָס באַטייַט...

— נאָר דאָ איז באַ דיר נאָך אַלץ געגנוג פאַרנאַכלעסיקט.

— איר האָט קיין באַגריף ניט, וויפל איך האָב אין דעם הויז אַרייַנגעלייגט. דאָס גאַנצע געלט, וואָס איך האָב באַקומען פאַר מייַן דירע אין דער מאָשאַווע. גיט נאָר אַ טראַכט: טינגעלט, קאַלכן... די קיך, דאָס באָד־צימער. איך האָב שוין אופגעאַקערט די ערד פאַר אַ גאָרטן, געקליבן זיך פאַרזייען גרינס. און דאַן האָבן די שכיינים אָנגעהויבן אַרויסצורייַסן די שטאַנגען פון דער אָפּצאַמונג. פאַרוואָס? זיי האָבן דאָך אייגענע גערטנער אין דער מאַבאַראַ, מיט פּאָמידאָרן, בלומען. ווייַל מייַנס, האָבן זיי געהאַלטן, איז העפקער, קיינעמס ניט. האָב איך דאַן אַלץ פאַרלאָזט. בין איך דען בעקויעך געווען מילכאָמע האַלטן מיט אַ גאַנצער מאַבאַראַ! העפּקער איז העפקער. און דווירע? זי אויך. כאָטש ס׳איז איר שווער געווען אָף דעם צו אייַנגיין... די ערשטע צייַט האָט זי אין די נעכט געהאַט גרויס אַנגסט. בייזע רוכעס האָבן זיך איר געכאָלעמט, געשפּענסטער, מייסים. וואָס זאָגט איר אָף דעם, פּעטער? זי האָט די לאָדן און די טירן פאַריגלט אָף זיבן שלעסער. אַפילע דעם הונט האָט זי געוואָלט אַרייַנברענגען אין שטוב. נו, איז וואָס? ווי איר זעט, האָט מיט אונדז גאָרניט פּאַסירט.

— נו און אַצינד?

— איצט פאַרשליסן מיר זיך אויך: אָבער נאָר דאַן, ווען מיר גייען שלאָפן. וואָס איז דען? אַלע פאַרשליסן זיך אַפּדערנאַכט.

עפּעס אַ מין וואָלקן האָט זיך אָנגערוקט אָף אהאַראָנס שטערן. זייַנע אויגן האָבן זיך באַדעקט מיט אַ נעפּל.

— ווייסט איר, פּעטער, — האָט ער פאָרגעזעצט, — ראָמאַנטיק איז אַ ווילע זאַך. אָבער מיט אַ מאָס. מייַן פרוי גלייבט אין רוכעס.

פונעם לעמפּל האָט געטראָגן מיט קעראָסין. עס האָט אַזוי שוואַך געלויכטן, אַז ס׳איז שווער געווען צו דערקענען די כפּייצים, וואָס זייַנען געלעגן אין ווינקל פון צימער.

— דו רעדסט נאַרישקייַטן! — האָט אויסגעשריִען דווירע. אין איר קורצער רעפּליק האָט זיך געלאָזט שפּירן גרויס ערגערניש, קימאַט סינע. אהאַראָן אָבער האָט נאָך מער זי געגנומען רייצן. אונדז איז עס, באַטירלעך, געווען זייער ניט צום האַרצן.

— איר האָט געהערט, פּעטער, ווי זי איז אופגעבראַכט געוואָרן איבער דעם הונט? אַ מענטש אַ זייַטיקן קאָן זיך אַמאָל דאַכטן, אַז זי שרעקט זיך פאַר דעם הונט. זי האַלט, אַז ער פאַרפּאָלגט אונדז, הערט אונטער אונדזערע סוידעס. זי האָט אים ליב און האָט פאַר אים מוירע.

— דו האָסט דאָך געזאָגט, אַז ער איז אַ מין פּייַנטלעכער אַגענט.

— יאָ, אָבער ניט קיין רועך!

— אַ רועך? — האָב איך געזאָגט. — אין דעם פאַל איז עס גאָר קיין איניען פון אָבערגלויבן. באַ אַזאַ טונקעלער אָונטיקער שייַן איז דאָס גאָר קיין כידעש ניט.

— אוואַדע וואָלט בעסער געווען, ווען מע פירט אונדז דורך עלעקטרישע באַלויכטונג, — האָט אהאַראָן געזאָגט מיט אַ זיפץ, — אין די אָוונטן, ווען איך בין ניטאָ אין דער היים אָדער ווען איך קום שפּעט אַהיים, זאָג איך איר, זי זאָל פאַרבעטן צו זיך אַ שכיינע. איז זי אָבער אייַנגעשפּאַרט. ניין, בעשום־אויפן, ניין.

דווירע האָט דערלאַנגט קאַווע. אַן אָנגענעמער אַראָמאַט האָט אָנגעפילט דעם צימער. זי איז אָבער געווען פאַרזונקען אין אַ דריקנדיקן שווייַגן. אַ טיפער קאַרב האָט זיך געבילדעט צווישן אירע אויגן.

— הערט איר, רוכעס דאַרף מען אויך קענען באַגרייַפן. ווי, לעמאָשל, אין אָט דער לעגענדע, — האָב איך אַ זאָג געטאָן, קעדיי אַ ביסל צו צעזייען די שפּאַנונג. — אַ מייַסע מיט אַ מיילעך, וואָס האָט אייַנגענומען אַ גרויסע שטאָט, אַ הויפּטשטאָט, און זיך באַזעצט אינעם פּאַלאַץ, אין וועלכן ס׳האָט געלעבט זייַן סוינע. פלעגט צו אים יעדע נאַכט אין כאָלעם קומען אַ גדיין[1], זיך קלאָגן אים אין אויער אַרייַן, דרייען אים אַ מויעך און אָפּטרייַבן דעם שלאָף פון זייַנע אויגן. האָט זיך דער מיילעך דערשראָקן, אַזש אַראָפּ פון פּאָנעם. און באַפוילן האָט ער, מע זאָל אים אַראָפּברענגען די בעסטע קישעפמאַכער און צויבערער פון זייַן לאַנד, זיי זאָלן אים העלפן געפינען אַ טיקן. זייַנען זיי געקומען און האָבן אים אַזוי געזאָגט: „ווי נאָר דער גדיין וועט זיך באַווייַזן, שרייַ אין אים אַרייַן: „אַ פייַל דיר אין די אויגן, אַ פייַל פון לייט אין די אויגן דייַנע!”

איז דער גדיין אין דער קומענדיקער נאַכט ווידער געקומען דעם קייסער צו כאָלעם, נאָר

---

[1] אַ היימישער רועך, וואָס איז אָף דער וואַך פון שאָלעם־באַיִס.

די צונג האָט זיך בא דעם מײַלעך געגומען פּלאָנטערן, און ער האָט אויסגעשריִען: „א פּײַל מיר אין די אויגן, א פּײַל פון ליליט אין די אויגן מײַנע!" האָט זיך דער גדיין צוגעזעצט אַף זײַן בעט און גענומען זיך קלאָגן אים אין אויער אַרײַן און זיך אפילו ניט געקליבן אוועקצוגיין. איז דער קייסער נאָך מער צערודערט געוואָרן און האָט ניט געקאָנט קומען צו־זיך אפילו אין פרימאָרגן. א גאַנצן טאָג האָבן אים די קני געציטערט. דאָס זעלבע איז געשען אויך אין דער קומענדיקער נאַכט. פאַרטאָג איז זײַן פּאָנעם געווען ענלעך צו דעם פּאָנעם פון א באַרמינען. האָט ער געזאָגט צו די קישעפמאַכער און צויבערער: „כלעבן, איר זײַט אַלע קיין צעבראָכענעם גראָשן ניט ווערט! ס'איז א מיצווע אײַך צו פאַריאָגן אין דער ווּיסטער וועלט אַרײַן!"

איז דאָרט געווען אַן אַלטיטשקע, ניט קיין קישעפמאַכערן און ניט קיין צויבערן, פּאַשעט דעם קייסערס פלעגערין. האָט זי צום קייסער געזאָגט: „לאַנג לעבן וועט דער מײַלעך! ווען ס'וועט צו דיר קומען דער גדיין, הייב זיך אוף פון בעט, נעם דעם לאָמפּ, וואָס שטייט היינטערן פאַרהאַנג, און שטעל אים אוועק אַפן טיש, דאַן זאָג דעם גדיין אזוי: „ביסט מײַן גאַסט, ביסט מײַן גאַסט!"

א גאַנצע נאַכט זײַנען די הויף־לײַט ניט געשלאָפן מאַכמעס דער גרויסער זאָרג איבער דעם קיניג און זײַן כאָלעם. אַף מאָרגן האָבן אַלע צויבערער מיט גרויס אײמע און מוירע אַרויסגעקוקט אַף דעם מײַלעך. און דער קייסער איז אַרײַן אין סאַלאָן, זיך אוועקגעזעצט אַף דעם טראָן, און זײַן פּאָנעם האָט געשײַנט ווי די זון, גאָר אזוי ווי אין די פריערדיקע צײַטן.

איך האָב געענדיקט. ס'איז געוואָרן שטיל אין צימער. עס האָט זיך געהערט נאָר דאָס קלאַפּן פונעם לעפעלע און דער גרילץ פון דער גריל אין פינצטערן ווינקל. די מעדרעש־לעגענדע האָט די צוהערער ניט פריילעכער געמאַכט, פאַרקערט, די שטימונג איז, דאַכט זיך, געוואָרן נאָך מער געדריקט.

— דער פעטער האָט געפונען א צײַט אַף צו דערציילן מעדרעש־מײַסעס, — האָט אַרויסגעמורמלט אהאראָן.

— עמעצער גייט אַרום אין הויף, — האָב איך א זאָג געטאָן צו זיך אַליין, ווײַל איך האָב דערהערט א מין שליאָפּען זיך פון באָרוועסע פיס. אויך אַף די געזיכטער פון די איבעריקע, וואָס זײַנען געזעסן באַם טיש, האָט מען געקענט מערקן אַן אַנגעשטרענגט צוהערן זיך. איך האָב זיך דערמאָנט אַן דעם הונט אַף דער קייט. אויב עמעץ א פרעמדער איז אַרײַן, וועט ער געוויס אים באַפאַלן מיט זײַן בילערײַ. עמעס, ער איז ניט גלײַך צו אַנדערע הינט. איך האָב זיך אַנגעבויגן צו דער טיר און געהיים, אז קיינער זאָל ניט וויסן, גענומען זיך אײַנקוקן. איך האָב דערזען א נאַקעטן בוים, וואָס האָט זיך דײַטלעך אויסגעטיילט אַפן הינטערגרונט פונעם הימל. זײַנע סטאַרטשענדיקע צווײַגן האָבן אַף דעם טונקעלן גרוי אויסגעזען ווי גרויסע שוואַרצע אויסגעשטרעקטע הענט. איך האָב א קוק געטאָן אַף דווירען. זי איז געווען זייער באַטריבט. די ליפּן פאַרביסן. אין דעם מאָמענט האָט דער הונט שטיל, קוים צו הערן, גענומען ברילן.

— ער בענקט, — האָט געזאָגט די מומע מיריאַם.

באַלד האָט זיך דערהערט טירצעס געשריי:

— זיידע! זיידע!

אַלע האָבן זיך אויסגעקערט צום קינד. פון אים — צו דער טיר. איר געשריי האָט געשטאַרקט מײַן כשאַד, אז באָרוועסע פיס טרעטן אום אין הויף. דווירעס געזיכט איז געווען ווי פאַרגליווערט. בלויז זי אַליין האָט זיך קלאָל ניט אומגעקוקט צום קינד.

— זיידע! זיידע! — האָט טירצע ווידער פריידיק אויסגעשריִען און אָנגעוויזן אַף דער טיר, אַנטקעגן וועלכער זי איז געזעסן.

פאַר דער טיר האָט דורכגעשמוגלט עמעצנס א שאָטן, עפּעס א מין געשפּענסט אין דער פינצטערניש. אויבן האָט א בלאַנק געטאָן א ווײַסער פלעק. עפּשער האָט זיך די לעוואָנע דורכגעריסן צווישן וואָלקנס?

— וואָס איז מיט דיר, טירצע? ווער אַנשוויגן! — האָט דער פאָטער אַף איר אָנגעשריִען. אינעם זעלבן מאָמענט האָט ער זיך א צי געטאָן צום שיידל און אַרויסגעצויגן פון דאָרט דעם רעוואָלווער.

— אהאראָן, ביסט אַראָפּ פון זינען?! — האָט דווירע גענומען שרײַען. — וואָס קוקסטו אַף מיר מיט דײַנע גאַזלאָנישע אויגן?! אָט אזוי „באַרויקט" ער מיך. יעדע נאַכט שרעקט ער מיך אזוי. מיך, מיך! — אין דער שײַן פונעם לאָמפּ איז איר פּאָנעם געווען געל ווי וואַקס, די ליפּן האָבן געציטערט.

א שטראָם קאַלטע לופט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין צימער און האָט צעבראָכן אַף ברעק־לעך די אָנגעזאַמלטע פאַרן טאָג היץ. דווירע האָט גענומען דאָס קינד אַף די הענט. די קליינע איז זיך פאַרגאַנגען אין געוויין און האָט כליפּענדיק געמורמלט: „זיי־דע, זיי־דע״.

אהאַראָן איז פּלוצעם אופגעשפּרונגען, ווי ס'וואָלט אין אים אַרײַן א רוּעך. זײַן געזיכט האָט זיך אויסגעקרימט, די אויגן זײַנען אַרויס פון די אויגנלעכער, ער האָט גענומען שרײַען:

— טײַערער מײַנער! מײַן גאַסט ביסטו! מײַן גאַסט ביסטו!

מיר האָבן אים אַלע אָנגעקוקט מיט שרעק. און פּלוצעם, אָן קיין שום איבערגאַנג, איז ער זיך פאַרגאַנגען אין א שטורמישן, היסטערישן געלעכטער, צו וועלכן, האָט זיך געדאַכט, וועט קיינמאָל ניט זײַן קיין ענדע. א געלעכטער פון איינעם, וואָס זײַן זינען האָט זיך גערירט. איך האָב צוגענומען פון אים דעם לאָמפּ.

און אַזוי אומדערוואַרט, ווי ער איז אויסגעבראָכן, אַזוי האָט זיך דער געלעכטער פּלוצעם איבערגעריסן, ווי מע וואָלט אים אָפּגעשניטן מיט א מעסער. זײַן געזיכט איז געוואָרן ערנסט, ער האָט אַרומגעכאַפּט דעם קאָפּ מיט בײדע הענט, און זײַנע ליפּן האָבן געפּליסטערט:

— זײַט מיר מוחל!..

מיר האָבן זיך געזעגנט, באַטריבטע, פאַרזאָרגטע, טרויעריקע.

אין דרויסן האָט געהערשט א שטילקייט. בלויז פונדערווײַטנס, פון דער זײַט פון דער מאַבאַרע, האָבן זיך געהערט פריילעכע שטימען פון שפּילנדיקע קינדער.

— איך וועל אײַך באַגלייטן צום אויטאָבוס, — האָט געזאָגט אהאַראָן.

ווען מיר זײַנען אַרויס, האָט ער צוגעלויכטן מיט א טאַש־לאַמטערן.

— איך ווייס, — האָט ער געזאָגט, — אַז מיר וועלן מוזן פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע אָרט. דווירע וועט ניט אויסהאַלטן. איר האָט געקאָנט זען, ווי נערוועז זי איז. אין די נעכט ווײנט זי פון שלאָף. וועקט די קליינע. מע קאָן פון זיי דול ווערן... „זיידע, זיידעו!״, „דער הונט האָט קיין זיידן ניט, איז ער טרויעריק?״ איר האָט געהערט? דעם זיידן האָט זי געזען אין ירושאַ־לאַיִם. זײַן באָרד האָט אַף איר געמאַכט א שטאַרקן רושעם... ווײ, ווײ, וואָס פאַר א נאַכט עס שטייט מיר נאָך פאָר! אין די נעכט פאַרפאָלגן זי, דווירען, קאָלע מינע זעונגען, קאַשמאַרן. דער אַראַבער, זאָגט זי, דער פעלאַך, וואָס האָט דאָ געוווינט, באַזוכט, זאָגט זי, פון צײַט צו צײַט דעם הויף אין דער שטיל, פאַרבאָרגן. ער קומט פון יענער זײַט גרענעץ, בלאָנדזשעט אום אין הויף, נישטערט, שמועסט מיטן הונט און גייט צוריק אַוועק... זי קוקט אַרויס אין פענצטער דורך דעם לאָדן און זעט עס אַלץ... דאַן וועקט זי מיך, איך גיי אַרויס: קיינער ניטאָ. דער זינען רירט זיך. איר ווייסט, איך זוך זיך אַרבעט אין בייר־שעווע... פּערע! פּערע! — האָט ער גענומען רופן. — פּערע!

מיר זײַנען געשטאַנען אין דרויסן, פאַר דער טיר.

פּערע האָט זיך ניט גערירט פון אָרט: די קייט האָט ניט געקלונגען. אהאַראָן האָט מיט זײַן לאַמטערן באַלויכטן דאָס הויז־ווינקל.

— דער הונט איז ניטאָ, — האָט ער א זאָג געטאָן שעפּטשענדיק.

— ער איז דאָך געווען אַף דער קייט, — האָב איך געזאָגט.

— יאָ, אַף דער קייט געווען. א מאָדנער הונט, — האָט געענטפערט אהאַראָן.

# דער קוילן־ברענער

זאָלן אַנדערע ריידן וועגן זייער שאַנד,
איך וועל פון מײַן שאַנד דערציילן.

ב ע ר כ א ט

האַלבע נאַכט האָט מיך דער דאָרף־עלטסטער באַגלייט צום שלאָפצימער, און איך האָב זיך געלייגט אַף מײַן געלעגער. מע קאָן זאָגן, אַז דער שלאָף איז פון מיר פאַרוואָגלט געוואָרן, און עפּשער האָב איך אַליין פאַרטריבן דעם שלאָף פון מײַנע אויגן, ווײַל איך האָב מיך גע־נומען צוהערן צו דער שטילקייט פונעם דאָרף, צו דעם דויפּעק פון זײַן האַרצן.

ווען עס האָט גענומען שאַרן אף טאָג, בין איך אַרויס אף דעם פּלאַטשיקן דאַך. איך האָב אַ קוק געטאָן אַראָפּ און דערזען צוויי מיידלעך, צוויי סילועטן, וואָס האָבן זיך באַוועגט ווי אין אַ טאַנץ, געשוועבט ווי פעלד־באַבעלעך, וואָס האָבן באַהאַלטן אונטער די וויִעס די שטראַלן פון פרימאָרגן, — און דאָך אַזוינע רעאַלע, מאַמאַשעסדיקע!

עס האָט זיך גדעכט, איך דאַרף זיך נאָר אַ ביסל אָנבייגן איבער די פּאַרענטשעס, וועל איך דערהערן זייער סוידעספּול שעפּטשען. איינע האָט געטראָגן אַן עמער אפן קאָפּ, די צווייטע — אַ קרוג אפן אַקסל. ווי שיין האָט זיך אויסגעבויגן איר עלנבויגן מיט די ברייטע אַרבלראַנדן אפן פאָן פון דער שוואַרצער וואַנט, וואָס אַנטקעגן! זיי זײַנען געגאַנגען צום קוואַל. די העכערע האָט גערעדט מיט אַ שטים, וועלכע האָט דערמאָנט דאָס געהיימניספולע פּליסטערן פון קאַיאַר, די קלענערע האָט געענטפערט מיט אַ שטיל געלעכטערל, וואָס איז געווען ענלעך צו דעם צוויטשער פון אַ פויגל.

עס שמעקט מיט שפּײַז־גראָזן. דער גאַליל וואַרט אף דעם פרימאָרגן.

דאָס דאָרף געפינט זיך אין אַן אײַנגעפּליושטשעטן טאָל. דער מיזרעכדיקער און דער מײַרעוודיקער קאַנטן פונעם טאָל זײַנען עטוואָס העכער ווי די אַנדערע. דאָס הויז פונעם דאָרף־סטאַראָסטע געפינט זיך אינעם מיזרעכדיקן עק. צאָפן־צו פון אים געפינט זיך אַ פּלייטים־לאַגער. ווײַט פונדאַנען, אין דער מײַרעוודיקער זײַט פונעם דאָרף, האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט וויכטיקע געשעענישן. ווען זיי האָבן זיך אָנגעהויבן, ווייס איך ניט. מײַן אופמערקזאַמקייט האָבן זיי צוגעצויגן ערשט מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער.

■

אינעם מײַרעוודיקן עק, אַרום דעם שוואַרצן שאַסיי.

אַ פריִע שאָ, דאָס ליכט האָט זיך ערשט גענומען דורכזײַען דורך דער לופט. די שטערן בלינצלען נאָך, נאָר זיי ווערן אַלץ בלאַסער, כאָטש די זון האָט זיך פאַרזאַמט אף אַ מערכעק פון עטלעכע מײַלן מיזרעכדיק פון באַרג. דער מאָרגנשטערן האָט זיך אײַנגעקרעטט — מאַכמעס דעם, וואָס עס האָט אויסגעפּעלט אַ וואָרעמער לעוווש — אין אַ דאַמף־דינעם שלייער, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַ סאַרפּעדיק־הייסן טאָג. דאָס דאָרף איז נאָך אַלץ געווען פאַרהילט אין דער שויס פון אַ ווייך־צאַרטן נעפּל.

דער אַלטער קוילן־ברענער איז געפאַלן אף די קני ביט ווײַט פונעם שאָסיי, גענייגט זיך, געבוקט זיך, צוויי מאָל צוגעפאַלן צו דער ערד, נאָכדעם לאַנגזאַם זיך אויסגעגלײַכט; אויסגעשטרעקט די הענט צום טאָל.

הינטער אים, פון צאָפן־זײַט, האָט זיך מיט אַ ראָש געטראָגן אַ מאַשין, איר ליאַרעם האָט צעטרייסלט די סאָפּנאַכטיקע שטילקײַט. דער מאָרגנשטערן האָט זיך עטוואָס אַנטבלויזט און באַלד זיך צוגעײַלט זיך ווידער צו פאַרדעקן מיט דעם וואָל פון די וואָלקנס, פון וועלכע ער האָט זיך גאָר גיך ווידער אַרויסגעגליטשט. דער רויש האָט זיך דערנעענטערט. די שטערן האָבן זיך אויסגעלאָשן. רעדער פון אַ טראַקטאָר זײַנען צוגעפאָרן צו אַן איילבערטן־בערגל און דאָרט זיך אָפּגעשטעלט.

איז ווידער געוואָרן שטיל. נאָר אונטן, אין דאָרף, האָבן זיך אופגעעפנט צוויי־דרײַ לאָדן, אָדער טירן, און אף דעם באַרג, פון צווישן די פּליטים־באַראַקן האָט זיך געלאָזט הערן אַן איינזאַם קרייען פון אַ האָן.

ווען דער אַלטער קוילן־ברענער האָט זיך אויסגעגלײַכט, זײַנען הינטער אים שוין געשטאַנען צוויי באַכערים, איינער פון זיי האָט נאָך באַוויזן אָנצוקוקן דעם באָרוועסן פוס פונעם אַלטן, בייס ער האָט געקניט. דער פוס איז געווען פאַרהאַרטעוועט, ווי די פּאַדעשווע פון אַ סאַנדאַל, די פּיאַטע איז געווען ענלעך צו דעם וואָרצל פון אַ סוקעוואַטן בוים.

איצט האָט דער אַלטער אופגעהויבן זײַנע הענט, ווי אַ בויגן לעגאַבע זײַנע קני, זיך אָפּגעבויגן. ער האָט טפילע געטאָן.

דער באָכער האָט געמאַכט איין שפּאַן פאָרויס און האָט זיך אָפּגעשטעלט אַרום אַ קליינער שוואַרצער פעלד־פלאַש. ער האָט זיך פון דער נאָענט גענומען אײַנקוקן אינעם אַלטן, לייענען די שטריכן אף זײַן פּאָנעם — מעגלעך, קעדיי אופצוּוועקן אין זיכּאָרן אַ באַקאַנט אָדער ענלעכן געשטאַלט, אָדער קעדיי צו פאַרקריצן דאָס דאָזיקע געשטאַלט אינעם לועך פון זײַן האַרצן, איידער זיי וועלן זיך צעשיידן.

— נו, וואָס וועט זײַן דער סאָף? אַן אייסעק מיט אַ גאָטספּאַרכטיקן מאַן אין עלטער פון אַכציק אָדער הונדערט יאָר! — האָט ער אַליין צו זיך אומגעדולדיק גערעדט.

דערווײַל איז זײַן כאַווער אַרײַן אין בײַדל, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט פיר שטאַנגען, פאַרצויגן מיט א צודעק, אופגעגנייט פון זעק. ער האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן א טאַבו־רעט, ווי ס׳פּאַסירט געוויינלעך, ווען מען צילט אָן דעם בליק אין איין ריכטונג און מע זעט ניט, וואָס טוט זיך אונטער די פיס. ער האָט זיך געשטעלט אַף דער ראַגזשע און פון דאָרט אַרויסגעקוקט צו דעם הײַזל, וואָס איז געשטאַנען פאַר אים. עס איז געווען פון אַלטע ברע־טער, אויסגעלייגט מיט אָפּגעריבענע שטיקער בלעך. דאָ און דאָרט האָבן פון דעם הילצערנעם קאַרקאַס אַרויסגעשטאַרטשעט זעק, שטיקער שוואַרצע פילץ. ער האָט געקוקט, געקוקט און אַלץ געטראַכט: איז די דאָזיקע וווינונג אַזאַ געווען פון סאַמע אָנהייב, אָדער זי האָט באַקומען דעם דאָזיקן אויסזען אין מעשעך פון דער צײַט. ער האָט אויסגעצויגן זײַן אונטערשטע ליפּ. די טיר פון הײַזל איז געווען אָפן, פון דאָרט האָט א הויך געטאָן מיט כאַשכעס. בא דער טיר איז פּלוצעם דערשינען א ווײַסע ציג. רעכטס פונעם הײַזל, גאָר נאָענט צו דעם בײַדל, וואָס אַף די פיר שטאַנגען, האָט זיך א וואָרף געטאָן אין די אויגן א מעשונעדיק געבײַ — די פאָרם פון אַן אונטערגעהאַקטן קאָנוס, לעגאַמרע געשלאָסן, אָן א טיר אַף אַרײַנגיין. געבויט פון דיקע צווײַגן אָדער האָלץ־שײַטלעך. פון באָדן ביז א העלפט פון דער הייך בעערעך איז דער קאָנוס געווען באַדעקט מיט ליים. עס איז קענטיק געווען, אַז די אַרבעט האָט זיך איבערגעריסן אינ־דערמיט.

— ס׳איז בא אים דאָ, בא דעם אַלטן, א גאַנצער מאַיאָנטעק, — האָט א זאָג געטאָן דער גאַסט, זייער א הויכער באָכער. — ריישיס־קאָל, דאָס הויז, אַנטשולדיקט, דער פּאַלאַץ! הײַנט דאָס בײַדל, אַנטשולדיקט, די זומער־וווינונג! און לעסאָף די דאָזיקע אייגנאַרטיקע פעסטונג... א מין טערמיטן־נעסט, פאַרשלאָסן און פאַריגלט, אָן טיר־און־טויער...

עס איז געווען א באָכער מיט א געלבלעך פּאָנעם, זײַן גוף איז געווען אויסערגעוויינלעך לאַנג, די פיס מאָגערע, דאַרע, אַזאַ אויך דאָס פּאָנעם. דאָס מויל — ביז צום לאַכן קליין, ווי באַם פײַפן — אויסער די מינוטן, ווען ער פלעגט אויסציִען זײַן אונטערשטע ליפּ. ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צום כאַווער, וואָס איז געשטאַנען הינטער אים, און געזאָגט:

— וואָס זאָל דאָס באַטײַטן, הא, אַמי? דו ווייסט ניט, וואָס איז עס אַזוינס? — ער האָט געמיינט דעם קאָנוס.

פון דער זײַט פון טאָל, אַריבער די דאָרפס־הײַזער, האָט זיך געלאָזט הערן א שעפּטשען, נאָכדעם א געשריי, א הינט־בילערײַ, א בולקעניש פון וואַסער, א געשפּרעך.

אַמיכי האָט די פראַגע פון זײַן כאַווער ניט געהערט.

דער אַלטער האָט זיך ווידער אופגעשטעלט, זײַנע הענט זײַנען געווען אויסגעשטרעקט צו דאָרעם. פון רעכטס האָט זיך אַרײַנגעריסן א ראָזע שײַן, די וואָלקנס, וועלכע האָבן זיך גע־טראָגן איבער די איילבערטן־פּלאַנטאַציעס, זײַנען באַלויכטן געוואָרן פונעם פײַער פון א ווײַ־טער סריפע. מיטן אָנקום פון פרימאָרגן האָבן זיך די שאָרכן געשטאַרקט.

— אַסמע, — האָט געזאָגט אַמיכי.

דער צווייטער באָכער האָט אַלץ געפּאָרשט דעם קאָנוס, געזוכט אַן אַרײַנגאַנג.

דער זאָקן האָט געקניט, דאָס לעצטע מאָל זיך אויסגעצויגן אַף דעם באָדן. אַמיכי האָט ווידער אָנגעקוקט זײַנע פיס. פּלוצעם האָט ער צוגעמאַכט די אויגן, ענערגיש א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אָפּגעטריבן פון זיך א באַשטימטן געדאַנק. דער זאָקן האָט געענדיקט דעם רעליגיִעזן צערעמאָניִאַל, אופגעהויבן פונעם באָדן זײַנע זאַכן, גענומען א שלונג וואַסער פון דער קיילע. אַף זײַן דלאָניע האָט זיך געשלענגלט א בײַטשל הילצערנע קאָרעלן, וועלכע זײַנען שוואַרץ געוואָרן פון אָפטן געברויך.

— אַסמע! — האָט ווידער געזאָגט אַמיכי.

שטרײַפן גאָלד אַף די איילבערט־ביימער האָבן אויסגעזען ווי אײַנגעפּאַסט אין די באַזיל־בערטע בלעטער.

— סאַבאַך אַנור![1] — האָט געזאָגט דער אַלטער.

— אַסמע!, — האָט אַמי געזאָגט צום דריטן מאָל. — אינטי מין הוין![2]

דער אַלטער האָט א קנייטש געטאָן די ברעמען און געענטפערט:

— מין הוין, מין הוין[3].

ער האָט איבערגעטראָגן די פעלד־פלאַש פון רעכטס אַף לינקס, אומגעדרייט די האַנט אין

---

[1] א גוטן פרימאָרגן!

[2] דו פונדאַנען! (ער האָט געמיינט זאָגן: „דו דאַרפסט אַוועק פונדאַנען”).

[3] פונדאַנען! פונדאַנען! (ער האָט פאַרשטאַנען דאָס פאַרקריפּלט אַראַביש ריידן פון די באָכערים לויט זייער עכטן פיירעש און האָט דעריבער געענטפערט: „איך בין פונדאַנען”, דה. איך וווין דאָ).

דער ריכטונג פון די שטאנגען, פונעם הײַזל, אָנגעצייכנט א קרײַז אין דער לופט, ווי ער וואָלט געזאָגט: דאָס אלץ געהערט איינציק און אליין מיר. דער קרײַז האָט זיך ביסלעכווײַז אײַנגעשרומפּן, ס׳איז פון אים געוואָרן א ספּיראלער שטרײַף און באלד שוין בלויז א פּונקט, די גרייס ווי א נאָגל.

אמי האָט זיך אויסגעדרייט צום טראקטאָר, אָנגעוויזן אף אים:

— האדא טראקטאָר! — און מיט רוגזע צוגעגעבן: — אינטי מין הוין.

דער זאָקן האָט אים אָנגעקוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן. איז צו אים ניט דערגאנגען דער באטײַט פון די דאָזיקע ווערטער?

— שמוליק! — האָט אמי געזאָגט צו זײַן כאווער.

אָבער שמוליק איז שוין איבערגעגאנגען דעם שאָסיי און זיך אָפּגעשטעלט לעבן א פּײַנעם אײַזערנעם טויער, אף וועלכן ס׳איז געהאנגען אן אייגנארטיקער שלאָס. א נידעריקע געמויערטע וואנט האָט ארומגערינגלט א פעלד, וואָס איז געווען באדעקט מיט גראָז און קוסטעס. דאָ און דאָרט האָבן זיך געזען איינצלנע מאצייוועס, ווי אויך ברוכשטיקער פון דעם מין, וואָס איז זייער טײַער יעדן ליבהאָבער פון אלטערטימלעכקײַטן. שמוליק האָט אויסגעצויגן זײַן אונטערשטע ליפּ און א צי געטאָן די אקסלען ארופצו.

— שמוליק! — האָט געזאָגט אמי. — עפּשער וועסטו אזוי גוט זײַן...

— נו, נו, — האָט געשריִען שמוליק, — אויצרעס! סארא אויסטערלישער שלאָס!

פון דער אנדערער זײַט פונעם ארומגעצוימטן שעטעך איז אף א מערכעק ניט מער פון דרײַסיק טריט געשטאנען א ווײַס הויז. א דאָרפס־מאן, א פּעסטער, א ברייטפּלייציקער, האָט זיך דאָרט שוין פון לאנג באוויזן, ער האָט אָנגעקוקט דעם געקומענעם נײַגעריקן באָכער. פון הויז איז ארויס א פרוי און זיך גענומען אייסעקן מיט דעם הויז־געשיר. פון דאָרף זײַנען געקומען צוויי־דרײַ מיידלעך מיט עמער אין די הענט, זיי זײַנען, ווײַזט אויס, געגאנגען אין דער ריכטונג צום בייס־האקוואָרעס, נאָר, דערזעענדיק די פרעמדע לײַט, זײַנען זיי אוועק רונד־ארום דעם פּארקן.

שמוליק האָט מיט שנעלע טריט זיך דערנעענטערט צו דעם הויז, איז צוגעגאנגען צום דאָרפס־מאן און הויך, אף א קאָל, זיך געגריסט:

— שאלאָם! קען איווריט?

— שאלאָם! קען, — האָט יענער געענטפערט.

עס איז קלאָר געווען, אז דער איניען, צוליב וועלכן זיי ביידע זײַנען אהער געקומען, איז ניט געווען קיין זייער אײַליקער.

— מיך רופט מען שמוליק.

— מיך רופט מען איבראהים, — האָט דער פעלאך מיט א שמייכל געענטפערט.

— דאן זאָגט מיר, איבראהים, וואָס איז דאָס פאר אן אײַנריכטונג אָט דאָרט, ווו דער אלטער שטייט? — האָט ער געפרעגט און דערבײַ צוזיפגעלייגט די הענט אין דער פאָרם פון א בויגן.

— דאָס איז אן אײַנריכטונג פאר קוילן. דער אלטער מאכט דאָרט קוילן.

— א, איך פארשטיי.

עס האָט זיך ווידער דערהערט אמיס קאָל. שמוליק האָט דערזען, אז ער האָט קיין אנדער ברייַרע ניט, האָט ער איבערגעלאָזט דעם פעלאך און זיך ניט גערן אומגעקערט צו זײַן כאווער.

— עפּשער וועסטו אים דערקלערן דעם איניען?

שמוליק האָט ניט געענטפערט אף זײַן פראגע. ער האָט געזאָגט:

— אמי, דו ווייסט, וואָס דאָס איז? ס׳איז אן אויוון. אן אויוון אף צו ברענען האָלץ־קוילן.

זיי זײַנען ארײַן אין בײַדל. דער אלטער האָט זיי געבעטן זיך זעצן אף די טאבורעטקעס, נאָכדעם האָט ער זיך אליין געזעצט. די ציג האָט טייקעף פארלאָזט איר פּאָסטן בא דער טיר און האָט זיך אוועקגעלייגט לעבן איינעם פון די שטאנגען.

שמוליק האָט צוגערוקט זײַן טאבורעט צום אלטן, אזוי נאָענט, אז זײַנע קני האָבן זיך אָנגערירט אָן די קני פונעם אלטן. ער האָט זיך אָנגעהאלטן אָנעם ארבל פון זײַן קומבאז און אָנגעהויבן, ווי א מענטש א געניטער אין הילכעס דערעכערעץ:

— אינטי, שו אסמאך, יא־שייך?[1]

— אנא? אבו־כאליל.

— מין ווין אינטי? אובאלדעק שו איסמי?[2]

---

[1] דו, ווי הייסטו, אלטער? [2] פונוואנען ביסטו? ווי הייסט דאָס אָרט?

— דזשוליס.

— דזשוליס! — שמוליק האָט אויסגעדריקט זײַן פרייד. — קאַריוו מין הוין?[1]

— ניין, — האָט געענטפערט דער אַלטער, — מיש קאַריוו, בעיִד, ג׳ענעוו איל מג׳דל[2].

— א, מיגדאל! — האָט געזאָגט שמוליק מיט אַן אָפּגעשוואַכטער שטים, ווי ער וואָלט אויסגעהערט א גרויזאַמען גזר־דין. — אסמע, יאַ־אבו־כאַליל! האדא טראַקטאָר טרטרטרטררר — אף דעם געזיכט זײַנעם האָבן זיך געוועקסלט שרעק און צאָרן. — אינטי מין הוין לאזים... פאַהים אינטי? לאזים יאַללאַ, יאַ — טײַערער! הונאַק — ער האָט אָנגעוויזן אף דער שכונה, וואָס אין מיזרעך, — לאַל — ג׳וואַל, פאַהים?[3]

אַז ער האָט געענדיקט זײַן רעדע, האָט ער מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזט די הענט, א דריי געטאָן מיטן קאָפּ אף רעכטס און אף לינקס, א צי געטאָן די אַקסלען אַרופּצו, א הייב געטאָן די ברעמען — אין די אַלע טנועס האָבן געפונען אַן אויסדרוק סײַ די אַנטוישונג אין זײַן קענען די אַראַבישע שפּראַך, סײַ די פאַרלעגנהייט מאַכמעס דער נייטיקייט אָנצוזאָגן דעם אַלטן די שווערע גזירע.

דערווײַל זײַנען צוגעקומען נאָך מיידלעך, וואָס זייער ציל איז געווען דער קוואַל. פון פאַרשיידענע זײַטן זײַנען זיי געקומען. איינע פון זיי האָט זיך אָפּגעשטעלט, געגומען זיך צורערן, א ווײַלע זיך געיישעוועט מיט זיך אַליין און באַלד ענערגיש זיך אויסגעדרייט און אַ־ליק זיך צוריקגעקערט אין דאָרף.

פון די הײַזער אין דאָרף, פון די הויפן זײַנען דאָ און דאָרט אופגעגאַנגען צום הימל קרויזן רויך. פון הויז צו הויז האָט מען זיך גענומען איבעררייידן. אין די שמאָלע געסעלעך, וואָס זײַנען געווען ענלעך צו באַרג־שפּאַלטן, האָבן זיך גענומען באַווײַזן איינצלנע פוסגייער. דאָס דאָרף האָט אופגעוואַכט צו באַגעגענען דעם טאָג.

אבו־כאַליל האָט א קוק געטאָן אףביידע באָכערים, אף איינעם, אף דעם צווייטן, אף דעם טראַקטאָר, וואָס איז געשטאַנען צווישן די איילבערט־ביימער, באַלד ווידער אף די באָכערים, האָט צונויפגעפלאָכטן די פינגער פון די הענט און האָט גאָרנישט געזאָגט. די הויט פון זײַן טיף געגרונצלט פּאָנעם, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען פון געברענטער בעריאָזע, איז געוואָרן עטוואָס בלאַסער. ענדלעך האָט ער מיט א גאַנץ קנאַפּער פאַרווונדערונג געפרעגט:

— אַנאַ?

— אינטי, אינטי! — האָט שמוליק באַשטעטיקט. — אינטי לאזים מין הוין.

— מין הוין? — האָט געפרעגט אבו־כאַליל.

— מין הוין! — האָט געזאָגט שמוליק.

אבו־כאַליל האָט געשוויגן. אף זײַן אָדערדיקער דלאָניע האָבן זיך געשוואַרצט די קאַרעלן. זײַן געזיכט איז שווײַגנדיק געווען געריכטעט צו דעם רוים צווישן די צוויי באָכערים, זײַן בליק איז געפאַלן אפן ליידיקן כאַלעל אָדער אף דעם באַוואָלטן אויוון, וואָס זײַן אַרבעט איז איבערגעריסן געוואָרן סאַמע אינדערמיט. די שוואַרצאַפּלען האָבן געשטאַרצט, די באָרד אַפילע איז ווי געוואָרן האַרבער, — זי איז געווען באַשאָטן מיט אַש. דער אַש האָט זיך פאַרשפּרייט אף די באַקן, ברעמען, אף דעם שטערן. די זון האָט געשײַנט, און אבו־כאַליל איז געוואָרן אַלץ בלאַסער און בלאַסער, עס איז געווען א מאָדנע בלאַסקײַט. די באָכערים האָבן געוואַרט. פּאַשעט אָפּגעוואַרט. זיי האָבן געזען, ווי די שוואַרצאַפּלען אין דעם זאַקנס אויגן ווערן אַלץ ווייכער, ווי עס שפּרייט זיך אף זיי אויס אַזאַ גלאַנצנדיקע פײַכטקײַט. ווער ווייסט, עפּשער האָבן זיי זיך צעפינקלט, אָנגעצונדן אף א רעגע, איידער זיי וועלן אײַנגאַנצן אויסגעלאָשן ווערן? איז וואָס, אָנטרעטן אף דעם הייסן אַש? אונטער דעם אַש האָבן אָפּגעגליט מיבוטן, יאָרן, זעכציק יאָר פון זײַן לעבן און עפּשער זיבעציק אָדער אַכציק, דאָס גאַנצע לעבן פון אבו־כאַליל. זײַן קאָפּ איז איצט אָנגעבויגן, ווי ער וואָלט אַרײַנגעקוקט אין זיך אַליין, אין דעם אינערן פון זײַן לעבן.

פּלוצעם האָט ער שטיל גענומען שעפּטשען מיט א הייזעריקער שטים, נאָר דײַטלעך אַרטיקולירט יעדעס וואָרט:

— מאַאַליש, כאַלאַס[4].

הייסט דאָס, ער האָט פאַרשטאַנען. געזאָגט „אָמיין”.

די באָכערים זײַנען ווי פאַרגליוועט געוואָרן אף זייערע טאַבורעטן. קענטיק, זיי האָבן דערגרייכט זייער ציל. האָט דען דער אַלטער ניט געזאָגט „א סאָף”? איז וואָס זשע וואַרטן

[1] נאָענט פונדאַנען? [2] ניט נאָענט, ווײַט, נאָענט צו מיגדאל (געמיינט מיגדאל — אשקעלאָן). [3] דו דאַרפסט פונדאַנען אוועקגיין. אהין — צום באַרג, פאַרשטאַנען? [4] גאָרנישט, א סאָף.

זיי? דער אלטער דאַרף זיך רירן פונדאַנען, דאַרף באַפּרײַען... דאָס אַרט. זיי וועלן אים העלפֿן אוועקנעמען די בעבעכעס... און די דאָרפֿסלײַט וועלן געוויס אים העלפֿן זיי איבערצופֿירן.

הינטער דעם קוילן־ברענער איז געשטאַנען דער פעלאַך איבראַהים.

— וואָס דאַרפֿט איר דאָ? — האָט ער געפֿרעגט. איצט אָבער האָט ער שוין ניט געשמייכלט.

— וואָס מיר דאַרפֿן?.. וואָס מיר דאַרפֿן, פֿרײַנט מײַנער, דאַכט מיר, ביסטו ניט אימשטאַנד... — שמוליק האָט געוואָלט לעצאַנעס טרײַבן. אָבער — ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן פעלאַך און איז אַנשוויגן געוואָרן.

— צו וואָס זײַט איר אַהער געקומען? — האָט דער פעלאַך ווידער געפֿרעגט.

— פּאַשעט, אופֿצואַקערן דאָ דעם שטעך, פֿאַרשטייסט? דער אלטער האָט געזאָלט באַקומען אַ בריוו וועגן דעם. ער קען לייענען?

דער פעלאַך האָט אַ ריב געטאָן זײַן קין און געזאָגט:

— זאָל איך דער קאָפּ ניט ווי טאָן, צי קען דער אלטער איוּוריט אָדער ניט.

שמוליק האָט אוועקגעלייגט זײַן האַנט אויף דעם פעלאַכס אַקסל און אַ זאָג געטאָן צו זיך: בעסער וועל איך פֿאַרשווײַגן זײַן שטאָך.

— עפּשער ווילסטו אים העלפֿן, — האָט צוגעגעבן שמוליק, — ער זאָל קענען מיטנעמען זײַן געצעלט און אַלע זײַנע זאַכן אַהין, אויף דעם באַרג? עפּשער זײַנען דאָ פֿאַראַנען מענטשן, וואָס וועלן אים העלפֿן? מיר וועלן אים אויך באַהילפֿיק זײַן, מיר האָבן דאָ דעם טראַקטאָר. ווען ס'מאַכט זיך דערצו אַ וואָגן...

— וואָס עפּעס אויפֿן באַרג?

— דו פֿאַרשטייסט ניט, פֿרײַנט מײַנער?

— איך פֿאַרשטיי זייער גוט. דער אלטער פֿאַרשטייט אויך. און דאָך, פֿאַרוואָס עפּעס אויפֿן באַרג?

שמוליק האָט אַ קוק געטאָן אויף אַמין, ווי ער וואָלט געוואָרט, יענער זאָל ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע. זאָל אים אַמי דערקלערן. אַמי האָט אָבער געשוויגן, די אויגן אַראָפּגעלאָזט צום באָדן, זײַנע שוואַרצאַפּלען פֿאַרזונקען טיף, טיף... עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער אַליין איז שוין דאָ ניט פֿאַראַנען, די נעשאָמע בלויז פֿאָלגט נאָך די אויגן, נידעריקער, נידעריקער, נידעריקער.

— וואָס האָסטו געפֿרעגט? — האָט זיך שמוליק ווידער געווענדט צום פעלאַך.

— עפּשער דאַרף ער דאָ געבראַכט ווערן צו קוורעז? — האָט דער פעלאַך געזאָגט.

— וועגער רעדסט פֿון אַזעלכע זאַכן, פֿרײַנט מײַנער! — האָט שמוליק צעטומלט געזאָגט. — מיר זײַנען דען קוואָרעס־לײַט? אַרבעטער זײַנען מיר.

— דער אלטער האָט עס מיר געזאָגט, — האָט דער פעלאַך ערנסט געזאָגט, — מע זאָל אים דאָ מעקאַבער זײַן...

זײַן בליק איז געוועזן שוועער און בייז. ער איז געבליבן שטיין, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַ לייזונג פֿון דער אַנגערירטער פֿראַגע. ווען ער האָט דערזען, אַז דער באַכער קלײַבט זיך ניט אַרײַנטראָגן אַ קלאַרקײַט אין דעם איניען, האָט ער אָנגעוויזן אויף יענער זײַט שאַסיי, צו דער געמויערטער וואַנט, און געזאָגט מיט אַ זאַכלעכן טאָן:

— אויף יענער זײַט וועט אים אומעגלעך זײַן צו באַגראָבן. דאָרט איז אַ ייִדישער בייס־האַקוואָרעס.

— אויף אַן עמעס?

— אויף אַן עמעס. אַ פֿאַרצײַטיקער. איך ווייס עס. איך בין אַ וועכטער. איך באַקום צען לירעס פֿונעם רעליגיע־מיניסטער, יעדן כוידעש. דאָס איז אַ הייליק אָרט.

— אַ הייליק אָרט?

— יאָ.

קענטיק, אַז אין דעם איניען וועגן דער קוורע איז מען געקומען צו אַ העסקעם. מע האָט זיך דעריבער געקאָנט דערלויבן דאָ ריידן וועגן אַנדערע איניאָנים. אָבער אַמי, ווי ער וואָלט גאָרניט געהערט, וועגן וואָס ס'איז דאָ גערעדט געוואָרן, האָט זיך פּלוצעם צו שמוליקן געווענדט וועגן גאָר אַן אַנדער פֿראַגע:

— וואָס האָסטו געזאָגט? אַן איוויון?

עס האָט אויסגעזען, אַז די דרײַ מענטשן ריידן אויף אַ מאָדנער שפּראַך. די זעלבע ווערטער האָבן בײַ יעדן פֿון זיי געהאַט אַן אַנדער פּיירעש, אונטער דעם ווערטער־צודעק האָט זיך בײַ יעדן געשפּירט אַן אַנדער קאַוואָנע.

— איך? — האָט זיך געוווּנדערט שמוליק.

— יאָ, יאָ, דו.

שמוליק האָט צוגעמאַכט די אויגן און געענטפערט:

— ריכטיק, איך האָב געזאָגט. אָבער דאָס איז אַן אויוון אַף ברענען קוילן.

— דאַרפסט מיר גאָרנישט ניט זאָגן, שמוליק, — האָט אים אַמי באַרויִקט.

— דו ווייסט וואָס? — (שמוליק האָט אים פאַרגאַפט אָנגעקוקט.) — דו ווייסט וואָס? — האָט אַמי געזאָגט. — פּאָשעט, איך קען ניט. דו פאַרשטייסט? איך קען ניט! איך קע־ע־ן נ־י־ט.

אַמיס פּאָנעם איז געווען בלאַס, ווי דאָס געזיכט פון אַבו־כאַליל. שמוליק האָט ניט גע־פרעגט, וואָס קאָן ניט אַמי. ער האָט געוווּסט. אים איז פּלוצעם אַבסאָליוט קלאָר געוואָרן, וואָס איז אויסן געווען אים צו זאָגן זײַן פרײַנט. די זון איז דערשינען אין איר פולער פּראַכט. זי האָט אַראָפּגעקוקט פונעם שפּיץ באַרג, פונעם דאַך פון עפּעס אַ הײַזל, אַזאַ ווי אַבו־כאַלילס. זי האָט פון אויבן אַראָפּגעקוקט אַף אַמיכי דעם טראַקטאָריסט, וועלכער איז ניט אימשטאַנד געווען אויסצופילן דאָס, וואָס מע האָט אים באַופטראָגט. די זון האָט אויך צוגעזען, ווי דער אַש האָט זיך אויסגעשאָטן אַף דעם זאָקנס באָרד, אַף זײַן פּאָנעם, אַצינד האָט זיך דער אַש געזילבערט, און אַמיכין איז אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז ער געפינט זיך אין אַ שווערער פאַר־לעגנהײַט.

אַף יענער זײַט שאָסיי זײַנען געשטאַנען מענטשן, דאָרפסלײַט. און פונעם בערגל זײַנען אַראָפּגעלאָפן מענטשן, צווישן זיי קינדער, פרויען, גרופּנווײַז. זיי זײַנען געשטאַנען לענגאויס דעם שאָסיי און לעבן דעם פּאַרקן פון בעסוילעם, אַנטקעגן דעם הײַזל און דעם בײַדל פון אַבו־כאַליל — זיי אַלע האָבן געשוויגן, אָפּגעוואַרט. פונקט אַזוי, ווי עס האָבן געשוויגן די דאָזיקע דרײַ מענטשן, אַזוי האָט געשוויגן דער גאַנצער אוילעם.

עס איז געווען אַ שווער שווײַגן. אַמי האָט דערפילט, אַז ער דאַרף, ער מוז אַוועק פון־דאַנען. די זון איז שוין געווען אַף אַ מערכעק פון לעפּאָכעס צוויי שפּאַן איבער דעם דאַך פונעם הײַזל, וואָס אַפן שפּיץ באַרג. אַמיכי האָט דערזען די דאָרפסלײַט, אים האָט זיך פאַר־וואָלט זיי עפּעס זאָגן, פּאָשעטע ווערטער, אַזעלכע ווי „איך קאָן ניט". ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אַ קוק געטאָן אַף אַבו־כאַלילס הענט.

— שמוליק, — האָט אַמי שטיל געזאָגט, — הער מיך אויס. ווען ער האָט טפילע געטאָן, האָב איך געזען זײַנע פּיס. און איך האָב זיך אַליין געפרעגט. ניין, איך ווייס שוין ניט, וואָס האָב איך זיך אַליין געפרעגט. נאָכדעם האָב איך וועגן דעם מער ניט געוואָלט טראַכטן. אַוואַדע אַ נאַרישע פראַגע, ניט עמעס? און נאָר דאַן האָב איך אים געזאָגט: „אינטי מין הוין" — דו דאַרפסט אַוועק פונדאַנען. און נאָך האָב איך אים געוואָלט זאָגן: אַסמע, אַללאַ נאַרט דיך אָפּ, אַללאַ איז גאָרנישט, ס'איז שעקער. מיר, ייִדן, זײַנען דערפאַרן אין דעם איניען.

אַמי האָט גערעדט אַזוי שטיל, אַז שמוליק איז מעכוּיעוו געווען צולייגן דעם אויער צו זײַן מויל. ער האָט ניט געוואָגט אים בעטן, ער זאָל ריידן העכער. אַמי איז געווען אַ געלער, אַפילע זײַן בלאַסקײַט איז געווען געלבלעך, באַזונדערס אַף דער זונענשײַן. אַ פּײַער־לאָקן איז אַרויס פון זײַן שטערן, זײַן געזיכט איז אָבער פאַרבליבן געל.

— דאַן האָב איך דיר געזאָגט: „עפּשער וועסטו אים דערקלערן דעם אײַסעק?" און באַלד האָב איך ווידער זיך אַליין געפרעגט. יאָ, איצט ווייס איך שוין, וואָס איך האָב זיך אַליין געפרעגט. איך האָב געפרעגט: „ווּ וועט דער אַלטער אויסציִען זײַנע פּיס?" ניט אַף אַ קאָל, כאָלילע, באַ זיך אַליין געפרעגט. איך האָב געטראַכט פון קאָלע מינע זאַכן, נאָר דיר האָב איך בלויז געזאָגט, זאָלסט אים דערקלערן דעם איניען. און דאַן ווייסטו, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט? דו האָסט געזאָגט: „ס'איז אַן אויוון". נאַטירלעך, האָסטו ניט געקאָנט וויסן, וואָס עס האָט זיך געבאָמבלט באַ מיר אין קאָפּ. דו וועסט מיר מויכל זײַן. האָסטו אים דערקלערט דעם איניען. צום סאָף האָט איר זיך צערעדט, און איך האָב געהערט. „עפּשער דאַרף ער דאָ געבראַכט ווערן צו קווּרע?" דו ווייסט, עס איז באַ מיר דאָ אַזאַ קראַנקײַט, איך האָב דיר וועגן דעם ניט דערציילט. איך האָב ניט ליב זיך אָפּווענדן פון ווערטער... צום בײַשפּיל, דו קאָנסט אַ זאָג טאָן דעם מיידל דײַנעם: „ווען וועלן מיר זיך טרעפן?" איך האָב עס געהערט. טייקעף באַפאַלט מיך אַ שלאַל מיט מאַכשאָוועס, און איך פרעג מיך אַליין: „ווען וועלן מיר זיך טרעפן?" אָדער, לעמאָשל, אַזוינס: דו זאָגסט אין עס־צימער: „דערלאַנגט מיר, ביטע, די זאַלץ". דערמאָן איך זיך גלײַך, ווי דער זיידע מײַנער פלעגט זיך בעטן באַ דער באָבען, זי זאָל אים דערלאַנגען די זאַלץ. די באָבע אָבער פלעגט אים ענטפערן: „זאַלץ איז דיר שעדלעך!" ווײַל באַ מײַן זיידן איז געווען אַן עקזעמע אַף דעם פוס. אַן עקזעמע. טיפּשעס! וואָס? פאַראַן וועגן וואָס צו טראַכטן? וועגן אַן עקזעמע אַף דעם זיידנס פוס. אַ געלעכטער־זאַך! פּלוצעם אָבער זאָגסטו: „ס'איז אַן אויוון". פאַרשטייסט מיך?

מיר פֿאַרמאָגן דאָך אַ קויעך־האַדימיען, ניט עמעס? איך ווייס ניט, וואָס מיט זיי ביידן איז געשען, מיט דעם זיידן און דער באָבען? עפּשער האָט מען זיי פֿאַרברענט. און עפּשער האָט מען זיי אומגעבראַכט נאָך אויף דעם וועג אַהין. ער איז ניט געווען קיין קוילן־ברענער, זיי זיכער. אַפֿילע ניט ענלעך אויף אַזאַ איינעם. ער איז געווען עפּעס אַ מין שפּינאָזע. שטעל דיך פֿאָר, אי אַ פֿילאָסאָף, אי אַ שלייפֿער פֿון גלעזלעך פֿאַר ברילן. אַ גרויסער לעץ געווען. אַ קליין יידל, לעבן דער באָבען האָט ער אויסגעזען ווי אַ שרעטעלע. אַ מאָגער בערדל איז בײַ אים געווען, אויף אַ האָר ניט ענלעך צו אָט דעם־אָ קוילן־ברענער. ער איז אַפֿילע אַן אַפּיקוירעס געווען. אים האָט גאָט אָפּגענאַרט.

דער זיידע האָט ליב געהאַט צו זאָגן: „אַלץ הענגט אָפּ פֿון די ברילן, מיט וועלכע דער מענטש קוקט אויף דער וועלט”. עס איז געוואָרן אַ גלײַכוואָרטל אין דער מישפּאָכע. דו פֿאַרשטייסט מיך? איך האָב אַ טראַכט געטאָן: מיט וועלכע ברילן קוקט ער אויף מיר אַצינד? שמוליק, דו הערסט מיך? און פּלוצעם, אין דעם מאָמענט, איז מיר קלאָר געוואָרן, ווי אַזוי דער זיידע איז געשטאָרבן. איך האָב אים באַשײַמפּערלעך דערזען מיט מײַנע אויגן טאַקע דעמלט, ווען דו האָסט גערעדט מיט אָט דעם קוילן־ברענער. אַ מאָדנע זאַך, ניט עמעס? אַלץ הענגט אָפּ פֿון די ברילן, מיט וועלכע דער מענטש קוקט אויף דער וועלט. ער זעט דאַן פֿיל צווישן זיך ענלעכע מענטשן. ענלעכע און פֿאַרשיידענע. יאָ, פֿאַרשיידענע און ענלעכע. איך האָב אים דערזען, דעם קליינעם שפּינאָזע, אַ נאַקעטן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, ווי ער שטייט אויף די קני אויפֿן ראַנד פֿון אַ טיפֿער, טיפֿער גרוב. איך האָב דערזען זײַנע פֿיס, צעריסן און צענעריקט זײַנען זיי געווען. בלוט און ערד האָבן זיך אויף זיי אויסגעמישט. הינטער אים זײַנען געשטאַנען די ראָצכים. קענסט מיך פֿרעגן: פֿאַרוואָס בין איך ניט אויפֿגעשפּרונגען אים צו ראַטעווען? איך ווייס ניט. מעגלעך, אַז שווערע שטיינער האָבן געפּענטעט מײַנע פֿיס, און עפּשער בין איך אַליין פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטיין, אַ פֿאַרפֿלאָנצטן אין אַ שטייניקן באָדן... וואַרט צו, וואַרט אָפּ אַ ווײַלע, באַלד וועט קומען דער סאָף — באַלד וועט דער זיידע צודעקן די אויגן מיט דער ערד, באַלד וועט מען אים אַרײַנשטופּן אין גרוב אַרײַן — און דאַן וואָס? וואָס טראַכסטו, שמוליק, זאָג מיר דעם עמעס, לייקן ניט...

שמוליקס קליינע אייגעלעך האָבן זיך פֿון שרעק ברייט צעעפֿנט. ער האָט אָנגעכאַפּט אַמיס האַנט. זײַן מויעך האָט געדלובעט איין געדאַנק: אַמי, אַמי, אַנטלויפֿן פֿונדאַנען! ער האָט געעפֿנט דאָס מויל, געוואָלט עפּעס זאָגן, באַרויִקן אַמיס געמיט. ער האָט אָבער ניט באַוויזן. אַמי האָט פּלוצעם אַרויסגעצויגן זײַן האַנט.

עס איז אין אָט דער רגע עפּעס אַראָפּגעפֿאַלן אונטער דעם פֿאָרהאַנג, וואָס אויף די פֿיר שטאַנגען.

אַבו־כאַליל האָט זיך אַראָפּגערוקט פֿון זײַן טאַבורעט, ניט מיטאַמאָל, נאָר פּאַוואָליע, פּאַוואָליע. ס'איז ניט קלאָר געווען, עפּשער האָט זיך אים געוואָלט זיך צולייגן אויף דער ערד. ער האָט זיך אָנגעלענט אויף זײַן עלנבויגן, האָט עטוואָס אויפֿגעהויבן זײַן לינקע האַנט, אַ ווונק געטאָן צום הויכן פּעלאָך, צו איבראַהימען. יענער האָט זיך צו אים אָנגעבויגן, האָט אויפֿגעהויבן דעם אַלטנס קאָפּ, צוגעלייגט דעם אויער צו זײַן מויל, צו הערן, וואָס ער וויל אים אײַנרוימען. פּונקט אַזוי ווי שמוליק האָט זיך צוגעהערט צו אַמיס רייד.

גלײַך נאָכדעם איז דער פּעלאָך אַוועק צום הײַזל און האָט פֿון דאָרט אַרויסגעטראָגן אַ קליין קעסטל. שוואַרץ איז געווען דאָס קעסטל, פֿול מיט שפּאַלטן. דאָ און דאָרט האָבן זיך געזען אויף אים רויטע פֿינטעלעך, וואָס זײַנען געווען אָפּגעבליאַקעוועט אָדער אָפּגעריבן, די פֿאַרב איז קימאַט אומעטום געווען אַראָפּגעשיילט.

איבראַהים האָט אַוועקגעלייגט דאָס קעסטל אויף דער ערד און עס אויפֿגעעפֿנט. אַבו־כאַליל האָט מיט אַ ציטעריקער האַנט גענומען זיך ריִען אין דעם. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון דאָרט פֿאַרשיידענע כּפֿייצים: אַ צונויפֿגעדרייטן גאַרטל, אַן אָפּגענוצט טיכל, אַ קליינע טיי־קאַן, אַ צעבראָכענע ליולקע — דאָס אַלץ האָט ער אַרויסגעוואָרפֿן אויף דער ערד, ווי אומנוצלעכע זאַכן. לעסאָף האָט ער געפֿונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. די זאַך איז געווען פֿאַרוויקלט אין אַ שטיקל לײַוונט. איבראַהים האָט עס גענומען אין דער האַנט. דער אַלטער האָט קלאַנגלאָז אָנגעוויזן אויף שמוליקן. ווען שמוליק האָט גענומען פֿון איבראַהימס האַנט דעם כייפעץ, האָט זיך דער אַלטער באַרויִקט. ער איז געלעגן אויף דער ערד און זיך פֿאַרגאַנגען אין הוסטן.

צוויי מענטשן האָבן אים אויפֿגעהויבן, אַרײַנגעטראָגן אין הײַזל.

שמוליק האָט פֿאַנאַנדערגעוויקלט דעם לײַוונט און דערזען אַ בוך: אַ העברעיִשן סייפֿער. ער האָט דעם בוך אַ בלעטער געטאָן און גענומען לייענען:

„בלויז אַנדערהאלבן מיניאָנים עלטערע מיספּאלעלים, פון די, וועלכע זײַנען געווען געטרײַ דעם נאָווי, זײַנען דאָ פארבליבן אינעם דאָרף־שטעטל, אין וועלכן עס האָבן פריִער געוווינט מער ווי צוויי טויזנט נעפאשעס... זײַנען אהער געקומען הונדערט מישפּאָכעס פון רומענישע אײַנוואנדערער. זיי האָבן זיך געראטעוועט פון דער גרויזאמער שווערד, אָף זייערע אויגן זײַנען אין די בראנד־אויוונס פארברענט געוואָרן זייערע קרויווים, זייער גוטס האָט מען אוועקגערויבט, זייערע ווױנונגען צעשטערט. מיט ניסים האָבן זיי זיך אָפּגעראטעוועט פון טויט. הויל און נאקעט, ווי זיי שטייען און גייען, זײַנען זיי צוגעקומען צו די ברעגן פונעם לאַנד... זיי זײַנען אוועקגעפאָרן קיין ל., זיך באזעצט אָף איר ערד, אין אירע הײַזער און ווײַנגערטנער. נאָך די מאטערנישן אין פארשיידענע לאגערן איז זיי דאָ גוט...

...דאָס אלץ איז זיי, די אוילים, אויסגעפאלן אומדערווארט. די קנאפּע טוירע־קענער צווישן זיי האָבן ציטירט די ווערטער פון דער ביבל: „אויסגעהאקטע גריבער, וועלכע דו האָסט ניט געהאקט, ווײַנגערטנער און אײלבערט־ביימער, וועלכע דו האָסט ניט געפלאנצט". דער שטאָלץ פון די נײַע אײַנוווינער איז געווען די גערעטעניש פון די פעלדער, פון די יונגע יאָריקע סעדער, די פרוכט פון זייער מי..."

— ס'איז ניקער, אז דער מעכאבער שרײַבט פאר דער היסטאָריע, — האָט שמוליק געזאָגט, — ער וועגט אָפּ זײַנע ווערטער אָף די וואָגשאָלן פון גערעכטיקײַט — איינס קעגן דעם אנדערן. אָ, ווי וויכטיק איז דער כוש פאר גערעכטיקײַט פאר א געשיכטע־שרײַבער!

אמי האָט געשוויגן. שמוליק האָט גענומען ווײַטער בלעטערן דאָס ביכל. זײַן אופמערקזאמקײַט האָבן צוגעצויגן אייניקע עכט פּאָעטישע שורעס.

ער האָט געלייענט:

„פּרעכטיק זײַנען אויך איצט די גערטנער און פלאנטאציעס, וואָס עס האָבן אין זייער צײַט פארפלאנצט די אראבישע טוישווים... די מערהײַט פון זיי זײַנען געווען קריסטן... שיין און געראם זײַנען זייערע ווױנונגען, ארומגערינגלט מיט גערטנער, ווו ס'זײַנען דאָ אויבס־ביימער, דעקאָראטיווע ביימער... בא הײַנטיקן טאָג ווױנען דאָ הונדערט ייִדישע מישפּאָכעס... די שארף פון דער גאָרטן־שער האָט זיך האיאָר ניט צוגערירט צו זייערע פּרעכטיקע ווײַנשטאָקן. זיי זײַנען בעשעפע אָנגעלאָדן מיט הענגלעך ווײַנטרויבן. זיי, די, וואָס האָבן זיך דאָ באזעצט, שטאָלצירן מיט דער דאָזיקער פּיירע. גרויס פארגעניגן האָבן זיי אויך פון די אבריקאָסן־ און פלוימען־ביימער".

— הער אוף, הער אוף, — האָט זיך געבעטן אמי. — הער אוף! — האָט ער פלוצעם א געשריי געטאָן.

שמוליק האָט פארמאכט דעם בוך. זיך אָפּגעשטעלט אָף דעם שארבלאט.

— „מי בז ליום קטנות!"[1], — האָט ער איבערגעלייענט. א בעעמעס פײַנער נאָמען פאר א פארכאפּנדיקן בוך, וואָס זײַן מעליצע איז צוגענגלעך, דו נידערסט גלײַך אראָפּ...

— גענוג, גענוג, שמוליק, גענוג! — האָט זיך געבעטן אמי.

— יאָ, גענוג, גענוג. און אָט איז א ווידמונג מיט דער פאקסימילע פון דעם היסטאָריקער, דעם רײַזנדער:

„מײַן פרײַנט, דעם אלטגעזעסענעם טוישעוו אבו־כאליל, אלס אָנדענק פון דעם ברויט און די אײלבערטן, וואָס איך האָב געגעסן אין זײַן הויז אין דזשוליס מיט פערציק יאָר צוריק, ווען איך האָב זיך געראטעוועט פון די טערקן. זאָל אים גאָט דערמאָנען צו גוטן!

דער מעכאבער".

פון הײַזל איז ארויס איבראהים. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבןביידע באָכערים, זיך אומגעוועגדט צו דעם שאָסיי און געזאָגט:

— ער האָט אײַך צוגעזאָגט לאנג לעבן...

**פון איווריט** — ארן ראסקין

[1] א באוווסט ביבליש ווערטל, וואָס באטײַט: מע דארף זיך ניט שעמען מיט קליינלעכע טאָגטעגלעכע שווארצע ארבעטן, ווײַל אָן זיי איז ניט מעגלעך קיין שום ווירקלעך גרויסער אופטו.

# מײַן מיכאָעל

(א פראגמענט)

דאדאסעס הויז־ארבעטערן סימכא האָט אופגעהאנגען דאָס בעטגעוואנט אפן פענצטער, קעדיי עס אויסלופטערן. איך בין בייסמײַסע געזעסן אין פאָטעל. מײַנע האָר זײַנען געווען צעשויבערט... מיכאָעל איז ארויס אין פראָדוקטן־קלייט קויפן ברויט, קעז, איילבערטן אף דעם טאלאָן, וואָס איך האָב אים געגעבן. הײַנט איז בא אים א פרײַער טאָג. פאר דעם שפיגל, וואָס אין קאָרידאָר, שטייט יאִיר, ער שויבערט זײַן טשופרינע, קעמט זי צו און שויבערט ווידער. לעסאָף פרווט ער אויס דעם שפיגל מיט פארשיידענע מינע האוויַעס.

סימכא קלאפט אויס דעם מאטראץ. איך קוק זיך צו און זע א טײַך פון גאָלד־קערנדלעך, וואָס קלעטערן לענגויס א זונען־שטראל, וועלכער פירט צום פענצטער. איך פיל א שוואכקײַט אין גאנצן קערפער. קיינע יעסורים, קיין בענקשאפט. אין קאָפ איז דאָ נאָר איין געדאנק א פוילער, א מעטושטעשער: קויפן אין דער נאָענטסטער צײַט א גרויסן און שיינעם פערסישן טעפיך.

מע האָט אָנגעקלונגען. יאִיר עפנט די טיר, דער פאָסט־טרעגער האלט א בריוו, נאָר ער וויל אים ניט אָפגעבן דעם קינד, ווײַל ס'איז נייטיק א כסימע. דערווײַל קומט אָן מיכאָעל, ער קלעטערט אף די טרעפ מיט דעם פראָוויזיע־קויש אין די הענט. ער נעמט באם פאָסט־טרעגער די „פאָוועסטקע" און כאסמעט זיך אונטער. אז ער גייט ארײַן אין צימער, איז זײַן פאָנעם באטריבט און יאָמטעוודיק.

מיט קנאפע ווערטער דערקלערט מיר מיכאָעל, אז קיין שום מילכאָמע קאָן זיך ניט ציִען מער פון דרײַ וואָכן. נאטירלעך, עס גייט א רייד וועגן א לאָקאלער מילכאָמע. די צײַטן האָבן זיך געענדערט. דאָס יאָר אכט און פערציק וועט זיך מער ניט אומקערן. דאָס גלײַכגעוויכט צווישן די גרויסע בלאָקן איז זייער ניט סטאביל. איצט האָט זיך אף א קורצער צײַט געשאפן א גליקלעכע געלעגנהײַט. ניין, די דאָזיקע מילכאָמע וועט זיך בעשום־אויפן לאנג ניט ציִען. אגעוו, ער דינט דאָך אין א פארבינדונגס־טייל. ניט קיין פליִער און ניט קיין פאראשורטיסט. איז צו וואָס איז דאָס געוויין? אין א פאָר טעג ארום וועט ער זיך אומקערן און וועט מיר ברענגען אלס מאטאָנע אן אָריגינעלן פינגאן. ער האָט דאָך געזאָגט אין א שפאס. פארוואָס זשע וויין איך? אז ער וועט זיך אומקערן, וועלן מיר זיך אוועקלאָזן אין א פארווײַלונגס־רײַזע, ווי ער האָט מיר צוגעזאָגט. מיר וועלן באזוכן דעם אייבערשטן גאליל, אָדער איילאט. צי דען קלײַב איך זיך אים צו באקלאָגן? פאָשעט, ער וועט אוועקפאָרן און גאָר אינגיכן צוריק קומען. עפשער האָט ער א טאָעס אין אלע זײַנע האשאָרעס? עפשער זײַנען עס בלויז גרויסע מיליטערישע מאנעוורעס און גאָר קיין מילכאָמע? אז ס'וועט נאָר מעגלעך זײַן, וועט ער מיר שיקן בריוו פון וועג. קיין איין מאָל, כאנע, איז אונדז ניט אויסגעפאלן די געלעגנהײַט זיך איבערצושרײַבן. עמעס, ער וויל מיך קלאל ניט שפײַזן מיט אילוזיעס, בעסער, זי זאָל עס וויסן פון פריִער, קיין מײַסטער אף בריוו שרײַבן איז ער ניט. באלד וועט ער זיך אָנטאָן, פארפאקעווען זײַן מיליטערישן רוקזאק. עפשער זאָל ער א קלינג טאָן קיין נויף־הארים און בעטן די מאמע, זי זאָל אהער קומען און זײַן דאָ, ביז ער וועט זיך אומקערן?

ווי מאָדנע פילט ער זיך אין די כאקי־קליידער. ער איז גאָר ניט דיקער געוואָרן פאר דער צײַט. דערמאָן זיך, כאנע, ווי דער טאטע, אָלעווהאשאָלעם, האָט אויסגעזען, אז ער האָט אָנגעטאָן דעם ווערכטער־אָנצוג אף זײַן פיזשאַמע, ווען ער האָט זיך געשפילט מיט יאִירן. א מין לײַכטזיניקײַט! ער דארף בא מיר בעטן

אנטשולדיקונג. קלאָר, אַז ער האָט ניט געטאָרט וועגן דעם דערמאָנען דאפקע אצינד. צוליב זײַן נארישקייט האָט ער פארשאפן ווייטעק אונדז ביידן. מע טאָר ניט, כאנע, זוכן אין יעדן וואָרט א סימבאָל. רייד זײַנען בעסאכאקל בלויז רייד. ווערטער. ניט מער. דאָ, אין שופלאָד, לאָזט ער מיר איבער הונדערט לירעס. און דאָ, אַף א פאפירל, וואָס ליגט אונטער דער וואזע, איז פארשריבן זײַן מיליטערישער נומער און דער נומער פון זײַן טייל. פאר וואסער, עלעקטרע און גאז האָט ער באצאָלט אָנהייב כוידעש. די מילכאָמע וועט זײַן זייער א קורצע. אזוי, וויל ער זאָגן, לאָזט זיך דרינגען פון דער פּאָליטישער לאָגיק, די אמעריקאנער זײַנען דאָך... נאָר איצט איז עס ניט וויכטיק. קוק אַף מיר ניט, כאנע, מיט אזוינע אויגן. דו פארשאפסט שמערצן זיך אליין. מיר אויך. האדאסעס הויז־ארבעטערן סימכא וועט ארבעטן בא אונדז, ביז איך וועל זיך אומקערן. איך וועל אָנקלינגען האדאסען. איך וועל אויך אָנקלינגען סארע זעלדין. ווידער קוקסטו אַף מיר אזוי. איך בין אין דעם ניט שולדיק, כאנע. איך בין דאָך ניט קיין פליִער און ניט קיין פאראשוטיסט. ווו ליגט מײַן מיליטערישער סוויטער?

א דאנק. יאָ. איך וועל אויך מיטנעמען א שאל. די נעכט זײַנען קילע. זאָג מיר דעם עמעס, כאנע, ווי זע איך אויס אין די דאָזיקע קליידער? ווי א פראָפעסאָר אַף א פורים־פײַערלעכקײַט. גוילעם־גלאנץ — סערזשאנט אין פארבינדונגס־מיליטער. איך האָב געשפאסט, כאנע. אָנשטאָט צו לאכן, וויינסטו גאָר. הער אוף צו וויינען. איך פאָר דאָך ניט גלאט אזוי די צײַט צו פארטרײַבן. וויין ניט. דו פארשאפסט אומזיסטע ליידן. איך וועל וועגן אײַך טראכטן. איך וועל שיקן בריוו, אויב ס׳וועט זײַן א נאָרמאלע פּאָסט־פארבינדונג. איך וועל זײַן פּאָרזיכטיק. דו אויך... ניין, כאנע. דאפקע איצט איז ניט קעדײַ צו ריידן וועגן געפילן. דער סענטימענט ברענגט בלויז ליידן. און איך... איך בין ניט קיין פליִער און ניט קיין פאראַשוטיסט. איך האָב דאָס דיר שוין געזאָגט עטלעכע מאָל. עס ווילט זיך מיר צוריק קומענדיק טרעפן דיך געזונט און לוסטיק. איך וויל האָפן, אַז דו וועסט ניט דערלאָזן קיינע שלעכטע מאכשאָוועס וועגן מיר, ווען איך וועל זײַן ווײַט פון דער היים. אויך איך וועל טראכטן וועגן דיר נאָר גוטס. מיר שיידן זיך דאָך ניט אַף לאנג.

ווי איך וואָלט געוועזן נאָר א מאכשאָווע אין זײַן הארצן. ווי קאָן עמעצער האָפן צו זײַן מער ווי נאָר א מאכשאָווע אינעם הארצן פון א צוויטן. איך בין אָבער א רעאליטעט, מיכאָעל. ניט בלויז א מאכשאָווע אין דײַן הארצן. האדאסעס הויז־ארבעטערן שטעלט איבער די קיילים אין דער קיך. זי זינגט שטילערהייט פאר זיך לידער פון שאָשאנא דאמארי...

איך ליג אין בעט. איך האַלט דעם ראָמאן פון דזשאָן סטיינבעק, וואָס מײַן בעסטע כאַווערטע האדאסע האָט מיר נעכטן געבראכט, ווען זי איז געקומען מיך געוואָר ווערן. איך לייען ניט. מײַנע קאלטע פיס זײַנען ווי צוגעקלעפּט צו דער גומי־פלאש, וואָס איז פול מיט ווארעם וואסער. איך ליג שטיל, מיט געעפנטע אויגן. יאִיר איז אוועק אין קינדערגאָרטן. פון מיכאָעלן איז נאָך ניטאָ און האָט ניט געקאָנט זײַן קיין שום יעדיִע. פארבײַ דעם הויז פּאָרט דורך דאָס קעראָסין־פורל. דאָס גלעקל קלינגט אין דער האנט פונעם פורמאן. יערושאָלאִים איז אופגעוואכט. א פליג שלאָגט זיך אין דער פענצטער־שויב. א פליג, ניט קיין צייכן, ניט קיין אָס. א פליג. איך בין ניט דאָרשטיק. איך באמערק, אַז דאָס בוך אין מײַן האנט איז גענוג אָפּגענוצט. די וואזע שטייט אַף איר אָרט, אונטער איר ליגט דאָס פאפירל, אַף וועלכן מיכאָעל האָט פארשריבן זײַן מיליטערישן נומער און דעם נומער פון זײַן טייל. דער הער גליק זיצט זיך אין זײַן קלייטל און קוקט ארײַן אין „האצופע". אין שטאָט הוליעט א קאלטער הארבסטיקער ווינט.

נײַן אזייגער האָט די ראדיאָ געמאָלדן:

די צאהאל־קויכעס זײַנען הײַנט אין אָוונט ארײַנגעטראָטן אין מידבער סינײַ, האָבן באַהערשט קונטילע און ראס־אן־נאקאב און האָבן פארנומען פּאָזיציעס בא נאכעל, זעכציק קילאָמעטער מיזרעכדיק פונעם סועצער קאנאל. א מיליטערישער קאָמענטאטאָר קלערט אוף. פון פּאָליטישן שטאנדפּונקט. די שלאכטן דויערן. א גראָבע פארלעצונג פון נאוויגאציע־רעכט. דער מאָראלישער פאקטאָר. טעראָר און דיווערסיעס. פרויען און קינדער — שוצלאָז. די שפּאנונג שטארקט זיך. אומשולדיקע טוישווים. די געזעלשאפטלעכע מיינונג אין לאנד און אין דער וועלט. אין טאָך — א פארטיידיקונגס־אקציע. רוִיק דאָס געמיט. ניט אומבלאָנקען. ניט מאכן קיינע זאפּאסן. אויספילן אלע פאראָרדענונגען. דאָס גאנצע לאנד — א פראָנט. דאָס גאנצע פאָלק — מיליטער. אין פאל, ווען ס׳וועט געגעבן ווערן אָן אָפּגעהאקטער סיגנאל. לעסאָטע וויקלען זיך פאנאנדער די געשעענישן לויט דעם פון פריִער אָנגעמערקטן פּלאן.

נײַן מיט א פערטל:

דער וואָפנשטילשטאנד־העסקעם איז טויט און וועט שוין קיינמאָל צו טכיִע ניט קומען. אונדזערע קויכעס באוועגן זיך האסטיק פאָרויס. דער ווידערשטאנד ווערט אלץ שוואכער און איז אינגאנצן אײַנגעבראָכן.

ביז צען דרײַסיק האָט די ראַדיאָ איבערגע־
געבן מאַרש־לידער, וועלכע האָבן מיר דער־
מאָנט מײַנע יוגנט־יאָרן: פון דאן ביז בייר־
שעווע, מיר וועלן דיך ניט פארגעסן, גלייב,
דער טאָג וועט קומען.

פארוואָס זאָל איך גלייבן? און אויב איר וועט
ניט פארגעסן, איז וואָס דערפון?

צען דרײַסיק:

מידבער סיניַי. די היסטאָרישע וויג פון ייִדישן
פאָלק.

אנטקעגן איז אויסגעשפּרייט יערושאָלאַיִם.
איך באמי זיך ווי ווײַט מעגלעך זיך האלטן
ווירדיק. איך בין פארטיפט. האָט מיכאָעל ניט
פארגעסן מיטצונעמען די טאבלעטקעס פון
ברענען אפן הארצן. ער איז אקוראט, שטענדיק
זיבער. פינף יאָרן זײַנען אוועק אין טענץ און
אף דעם זעקסטן — שאָלעם, טײַבעלע, טײַערע.

„גוט־מאָרגן, מאדאם גאָנען”.

„גוט־מאָרגן, דאָקטאָר אורבאך”.

„מיר זײַנען נאָך אלץ אופגערעגט, מאדאם
גאָנען?”

„די היץ איז שוין געפאלן, דאָקטאָר אורבאך.
אין צוויי־דרײַ טעג ארום האָף איך צו זײַן
געזונט ווי טאָמיד”.

„ווי טאָמיד, מאדאם גאָנען, ווי טאָמיד איז
אין א געוויסער מאָס אן אבסטראקטער אויס־
דרוק. איז דער הער גאָנען אָפּוועזנד?”

„מײַן מאן איז מאָביליזירט, דאָקטאָר אורבאך.
מײַן מאן געפינט זיך, ווײַזט אויס, אין מידבער
סיניַי, איך האָב נאָך ביז איצט ניט באקומען
קיין שום יעדיִע פון מײַן מאן”.

„מערקווירדיקע טעג זײַנען עס, מאדאם גאָ־
נען, פאטאלע טעג, אין אזוינע טעג איז שווער
זיך אײַנהאלטן פון ביבלישע מאכשאָוועס. איז
דער האלדז בא אונדז נאָך אלץ רויט? לאָמיר
א קוק טאָן אינעווייניק, וועלן מיר זען. ניט גוט,
זייער ניט גוט האָט איר געהאנדלט, ווען איר
האָט אינמיטן ווינטער אויסגעגאָסן אף זיך
קאלטע וואסער. ס'קאָן געמאָלט זײַן, אז דורך
צערייצן דעם גוף קאָן מען בארויקן די נעשאָ־
מע. אנטשולדיקט, אין וועלכן געביט ספּעציאַ־
ליזירט זיך דער דאָקטאָר גאָנען? ביִאָלאָגיע?
געאָלאָגיע? אנטשולדיקט, מיר האָבן א טאָעס
געהאט. אָפּטימיסטישע נײַס דערגייען צו אונדז
פון די פראָנטן: די ענגלענדער און די פראנ־
צויזן וועלן אויך צוזאמען מיט אונדז קעמפן
קעגן די מוסולמענער. די ראַדיאָ האָט זיי הײַנט
אפילע אָנגערופן: פארבינדעטע. קימאט ווי אין
אייראָפּע. און דאָך, מאדאם גאָנען, איז דאָ עט־
וואָס פאוסטישעס אין דעם דאָזיקן קריג. נעענ־
טער פון אלעמען צום עמעס איז דאפקע געווען
די קליינע גרעטכען. ווי געטרײַ איז זי געווען
און גאָר ניט נאַיִוו, ווי מע איז געווינט וועגן
איר צו שרײַבן. ביטע, מאדאם, גיט מיר אײַער
האנט. ס'איז נייטיק אויסמעסטן דעם בלוטדרוק.
פּאָשעט קאָנטראָלירן. ס'וועט אבסאָליוט ניט וויי
טאָן. א מענטאלישער דעפעקט לאָזט זיך שווער
אנטפלעקן בא פיל ייִדן. מיר זײַנען ניט מע־
סוגל פײַנט צו האָבן אונדזערע סאָנים. א מין
זעלישע אומאָרדענונג. אָט האָט דאָס ייִסראָעל־
מיליטער נעכטן מיט דער הילף פון פּאנצער
אײַנגענומען דעם בארג סיניַי. קימאט אפּאָקא־
ליפּסיס, וואָלט איך געזאָגט. אַבער נאָר קימאט.
איך בעט גרויס אנטשולדיקונג, וואָס איך בין
געצווונגען זיך דערקונדיקן איבער א זייער
אינטימער פראגע. איז בא אײַך לעצטנס, מאַ־
דאם, ניט פארלעצט געוואָרן די רעגולערקײַט
אין די מאָנאטלעכע ציקלען? ניין, זייער גוט.
א סימען, אז אײַער קערפער וויל זיך ניט באַ־
טייליקן אין דער דראמע. הייסט עס, אײַער מאן
פארנעמט זיך מיט געאָלאָגיע און ניט מיט
אנטראָפּאָלאָגיע. מיר האָבן געהאט א קליינעם
טאָעס. מיר דארפן פאָרזעצן אונדזער אָפּרו נאָך
א פּאָר טעג. פיל אָפּרוען, זייער פיל. ווייניקער
טראכטן. דער שלאָף איז די סאמע בעסטע רע־
פוע. אין א געוויסער מאָס איז דער שלאָף אויך
דער סאמע נאטירלעכער צושטאנד באם
מענטשן. די קאָפּווייטעקן דארפן אונדז ניט
אָפּשרעקן. קעגן דער מיגרענע וועלן מיר ארויס
באוואָפנט מיט אספּירין. די מיגרענע איז ניט
קיין זעלבשטענדיקע קראנקײַט. אגעוו, א
מענטש שטארבט ניט אזוי גיך, ווי עס
דאכט אונדז אין עקסטרעמע פאלן. א רעפוע
שליימע”.

דער דאָקטאָר אורבאך איז אוועק, און סימ־
כא, די הויז־ארבעטערן, איז געקומען. זי האָט
אויסגעטאָן דעם מאנטל און זיך געשטעלט וואָ־
רעמען די הענט באם אויוון. זי האָט געפרעגט,
וואָס מאכט די מאדאם. איך האָב זי געפרעגט,
וואָס הערט זיך נײַס בא מײַן כאווערטע הא־
דאסע. סימכא האָט אינדערפרי געלייענט אין
דער צײַטונג „כיירוט”, אז די אראבער האָבן
פארשפילט און מיר האָבן געזיגט. זייער רעכט
אף זיי: וויפל קאָן מען לײַדן און שווײַגן?

סימכא איז אוועק אין דער קיך. אופגעזאָדן
די מילך. נאָכדעם האָט זי געעפנט דאָס פענצ־
טער אין ארבעטס־צימער, קעדיי אויסלופטערן
די דירע. א קוואַליע קאלטע, בײַסנדיקע לופט
האָט ארײַנגעשטראָמט פון דרויסן. סימכא האָט
גערייניקט די גלאָז־שויבן מיט דער הילף פון
א שאָב־אײַזן און אלטע צײַטונגען. מיט א
שמאטע האָט זי אָפּגעראָמט דעם שטויב פונעם
מעבל. נאָכדעם האָט זי זיך אראָפּגעכאפּט אין
פּראָדוקטן־קלייט. ווען זי איז צוריקגעקומען,
האָט זי געוואוסט צו דערציילן, אז אן אראבישע
מיליטערישע שיף איז לעבעדיקערהייט פאר־

ברענט געוואָרן אין יאַם באַ כייפֿאַ. דאַרף זי אַצינד אָנהייבן פּרעסן?

מיר איז הײַנט אָנגענעם אין אַלע גלידער. איך בין קראַנק. איך דאַרף זיך ניט צופֿיל פֿאַרטיפֿן. פֿאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט אינמיטן יאַם, דאָס אַלץ איז שוין געווען אין דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהײַט, און ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל.

„מאַדאַם איז הײַנט זייער בלאַס", — האָט גע־זאָגט די פֿאַרזאָרגטע סימכאַ. „דער הער האָט פֿאַרן אוועקפֿאָר מיר אָנגעזאָגט, אַז מע דאַרף מיט דער מאַדאַם וואָס ווייניקער ריידן וועגן איר געזונט".

„רעד צו מיר, סימכאַ, — האָב איך זיך גע־בעטן, — דערצייל וועגן זיך. רעד די גאַנצע צײַט. שווײַג ניט".

סימכאַ איז נאָך ניט פֿאַרהייראַטעט, זי איז שוין אָבער פֿאַרקנאַסט. ווען איר באַשערטער, בכאָר, וועט זיך אומקערן פֿון פֿראָנט, וועלן זיי קויפֿן א דירע אין דער נײַער שכונה בייס־מאַזמיל. פֿרילינג־צײַט וועלן זיי כאַסענע האָבן. בכאָר פֿאַרמאָגט היפּשע אָפּשפּאָרונגען. ער אַר־בעט אַלס שאָפֿער פֿון א טאַקסי „קעשער". דער באָכער איז א ביסל א שעמעוודיקער, אָבער א דערצויגענער. סימכאַ האָט באַמערקט, אַז פֿיל פֿון אירע כאַווערטעס האָבן כאַסענע געהאַט פֿאַר באָכערים, וואָס זײַנען ענלעך אַף דעם פֿאָטער. בכאָר איז אויך ענלעך אַף סימ־כאַס פֿאָטער. אַנומלטן האָט זי געלייענט אַן אויפֿקלערונג אין דער צײַטונג „פֿאַר דער פֿרוי": דער כאָסן גייט אַף דעם וועג פֿונעם פֿאָטער. אויב מע האָט עמעצן ליב, וויל מען, ער זאָל לעכאָלהאָפּאָכעס ענלעך זײַן אַף דעם, וועמען מע האָט פֿריִער געליבט. ס'איז לעכערלעך. זי האָט געוואַרט און געוואַרט, ביז דאָס פּרעסל וועט זיך אָנוואָרעמען, און האָט לעגאַמרע פֿאַר־געסן, אַז אין יערושאָלאַיִם איז דאָ אַן איבע־רײַס אין דער באַזאָרגונג מיט עלעקטרישער ענערגיע.

איך האָב פֿאַר זיך געטראַכט:

אין איינער א דערציילונג פֿון סאָמערסעט מאָעם אָדער סטעפֿאַן צווייג איז דאָ א געשיכטע וועגן איינעם א יונגנמאַן. ער איז געקומען פֿון א פּראָווינציִעלער קליינשטאָט און האָט זיך גע־לאָזט שפּילן אַף דער רולעטקע אין איינעם אַן אינטערנאַציִאָנאַלן קאַזינאָ. שוין באַם סאַמע אָנהייב האָט ער פֿאַרשפּילט צוויי דריטל פֿון זײַן געלט. ער האָט אויסגערעכנט, אַז די פֿאַר־בליבענע סומע וועט אים קוים קלעקן אַף באַ־צאָלן פֿאַר דעם גאַסט־הויז און אַף צו קויפֿן א באַן־בילעט, קעדיי אָן בושע אוועקצופֿאָרן פֿונ־דאַנען. עס איז געווען צוויי שאָ פֿאַרן אָנקומען פֿון פֿרימאָרגן. האָט דעם יונגן באָכער געקלעקט מוט זיך אוועקמאַכן פֿונדאַנען? די העל־באַלויכ־טענע רעדער דרייען זיך, די פּראַכטיקע הענג־לײַכטער שימערירן, ווער ווייסט, עפּשער וואַרט אַף אים דאָס גרויסע געווינס דאַפֿקע צום סאָף פֿונעם קומענדיקן קאָן? אָט האָט דאָך דער זון פֿון א שייך פֿון איינעם א פֿירשטנטום, וועל־כער זיצט אַנטקעגן אים, אַראָפּגעכאַפּט מיט איין מאָל גאַנצע צען טויזנט. ניין, באַ אים וועט ניט קלעקן קיין מוט אופֿצוהייבן זיך און אוועק־גיין פֿונדאַנען. און דעריקער דערפֿאַר, ווײַל אָט יענע אַלטע בריטישע לעדי האָט אַף אים פֿון סאַמע אָנהייב אָונט אויסגעגלאָצט אירע אוהוי־אויגן פֿון אונטער די פּענסנע, זי וועט דאָך אים געוויס, ווען ער וועט אוועקגיין, באַגלייטן מיט א בליק, וואָס איז פֿול מיט קאַלטן כויזעק. און אַפֿן גאַס שיט א שניי און וועט אַזוי שיטן ביזן סאָף פֿון דער נאַכט. און לײַכט געדעמפּט הערט זיך אין דרויסן דער רויש פֿונעם שטורמישן יאַם. ניין, דער יונגערמאַן איז ניט אימשטאַנד זיך אופֿהייבן און אוועקגיין. פֿאַר דעם לעצט ביסל געלט וועט ער דעראָבערן די לעצטע זשעטאָנען, וועט מיט געוואַלד צומאַכן די אויגן און וועט זיי ווידער צעעפֿענען. וועט זיי צעע־פֿענען און באַלד זיך פֿאַרזשמורעווען פֿון דער שנײַדנדיקער ליכט. און דער יאַם אין דרויסן רוישט ווי א דערוואָרגענער אין דער נאַכט, און דער שניי פֿאַלט און פֿאַלט.

מיר זײַנען פֿאַרהייראַטעט מער פֿון זעקס יאָר. ווען דיר קומט אויס צוליב אַרבעט־אָנגעלעגנ־הײַטן אַרויספֿאָרן קיין טעל־אָוויוו, ביסטו זיך נויהעג אומצוקערן אהיים אינעם זעלבן אָונט. מער ווי אַף צוויי נעכט האָבן מיר זיך קיינמאָל ניט צעשיידט פֿון דער כאַסענע אָן. זעקס יאָר, אַז מיר זײַנען מאַן און ווײַב און וווינען אין אָט דער דירע, און איך ווייס ביז איצט ניט, ווי עפֿנט מען און ווי פֿאַרמאַכט מען די לאָדן. דאָס איז געווען דײַן מעלאָכע. איך האָב געטראַכט וועגן דיר. דו האָסט גוט געוווּסט, אַז אוועק ביסטו אַף דער מילכאָמע און ניט אַף מאַנעווו־רעס, א מילכאָמע מיט מיצראַיִם און ניט אין מיזרעך. א מילכאָמע ניט אַף לאַנג. דאָס אַלץ האָסטו דורכגעטראַכט מיט דער הילף פֿון אַן אינערלעכן פֿינקטלעכן מעכאַניזם, וואָס העלפֿט דיר אָן אופֿהער אויסצופֿילן אומזיכטיקע קאָפּ־אַרבעט.

אינדערפֿרי בין איך געזעסן אין פֿאָטעל און איבערגעניין די אַרבל־קנעפּלעך פֿון דײַן שוואַרצן אַנצוג לויט דער מאָדערנער מאָדע. בייסמײַסע האָב איך זיך אַליין געפֿרעגט, וועל־כער גלאָק פֿון ניט־דורכזיכטיקן גלאָז האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף אונדז ביידן, קעדיי אָפּצושיידן

אונדזער לעבן פון זאַכן, ערטער, מענטשן, דייעס. כ'וויל זאָגן, מיכאַעל, עס זײַנען דאָ פרײַנט, עס זײַנען דאָ באַזוכער פון אונדזער הויז, ס'זײַנען דאָ קאָלעגן, שכיינים, קרויווים, אָבער ווען זיי זיצן אין גאַסט־צימער און ריידן צו אונדז, זײַנען זייערע רייד שטענדיק געדעמפּט, און שולדיק אין דעם איז דאָס גלאָז, וואָס איז אַפילו ניט דורכזיכטיק. לויט דעם אויסדרוק פון פּאָנעם גיט זיך מיר אײַן טיילווײַז צו טרעפן זייער עמעסע קאַוואָנע. טיילמאָל צעשמעלצן זיך זייערע געשטאַלטן: מאַסיוון אָן קאָנקרעטע שטריכן. איך נייטיק זיך אין זאַכן, ערטער, מענטשן, דייעס, קעדיי אויסצוהאַלטן. און דיר, מיכאַעל, איז עס גענוג אָדער ניט? ווי קאָן איך עס וויסן? עס טרעפט דאָך אָפּט, אַז דו ביסט טרויעריק. איז דיר גענוג אָדער ניט גענוג? און אויב איך וועל שטאַרבן? אָדער דו וועסט שטאַרבן? איך האַלט נאָך אַלץ באַם אַרײַנפיר, באַ דער האקדאָמע. איך האַלט נאָך אַלץ אין אײַנבאַזורן די פאַרפּלאָנטערטע פליכט, וועלכע איך וועל דאַרפן אויספּילן ערשט אין דער קומענדיקער צײַט. איך זאַמל. גרייט זיך. געוווין זיך צו. ווען וועט זיך אָנהייבן די נעסיִע, מיכאַעל? איך בין שוין מיד פון וואַרטן. דו שפּאַרסט אָן דײַנע עלנבויגנס אויף דעם רודער, דרעמלסט אָדער טראַכסט? איך קאָן עס ניט וויסן. ביסט שטענדיק רויִק און גלײַכמעסיק. פאָר, מיכאַעל, פאָר אַרויס, איך בין שוין לאַנג גרייט.

סימכאַ האָט געבראַכט יאָזרן פון קינדערגאָרטן. די פינגער פונעם יינגל זײַנען געווען בלאָ פון קעלט. אין גאַס האָבן זיי באַגעגנט דעם פּאָסט־טרעגער און באַקומען באַ אים א מיליטעריש פּאָסט־קאַרטל פון מידבער סינײַ: מײַן ברודער אימאַנועל איז מיר מודיִע, אַז עס איז באַ אים אַלץ אין אָרדענונג און אַז עס איז מיט אים פיל ווונדער געשען. דאָס קומענדיקע קאַרטל וועט ער אונדז אַרויסשיקן פון קאַיִר, דער הויפּטשטאָט פון מיצראַיִם. ער האָפט, אַז מיר דאָ, אין ירושאָלאַיִם, לעבן און זײַנען געזונט. מיכאַעלן האָט ער אין ערגעץ ניט באַגעגנט: דער מידבער איז גרויס, אין פאַרגלײַך מיט אים זעט אונדזער נעגעוו אויס, ווי א קליינער זאַמד־פּלאַץ. צי געדענקסטו, כאַנע, די נעסיִע אין יעריכאָ, מיט דעם טאַטן, ווען מיר זײַנען געווען קינדער? דאָס קומענדיקע מאָל וועלן מיר זיך א לאָז טאָן צום יאַרדן. עפּשער וועט זיך ווידער מאַכן א געלעגנהײַט אַראָפּצוכאַפּן זיך קיין יעריכאָ. אימאַנועל בעט א קוש טאָן פונזײַנעטוועגן יאָזרן. זאָל ער וואַקסן און זײַן א גוטער כאַיאַל. מיט ליבע און קאָוועד פונעם פעטער אימאַנועל.

פון מיכאַעלן האָבן מיר קיין שום ידיִעה ניט באַקומען.

אין מײַן פאַרשטעלונג:

אין דער פײַערשײַן פונעם פאַרבינדונגס־אַפּאַראַט איז זײַן געזיכט ווי אויסגעשניצט און דריקט אויס א מידע אַכרײַעס. זײַנע אַקסלען זײַנען געראונדעט. זײַנע ליפּן זײַנען פעסט באַהאַפטן. ער זיצט אָנגעבויגן צום אַפּאַראַט. פאַרטיפט. אָן סאָפּעק קערט ער אויס זײַן רוקן, א קוק צו טאָן אויף דעם לעוואָנע־סערפּ, וואָס שווימט דאָרט אויבן אין הימל א בלאַסער און פאַרלעצטער.

צוויי אָרכים זײַנען פאַרנאַכט־צו געקומען מיך געוואָר ווערן: מיטיק־צײַט האָבן זיך אויף דער טורעם־גאַס געטראָפן דער הער קאַדישמאַן און דער הער גליק. דער הער קאַדישמאַן האָט זיך דערוווּסט פונעם הער גליק, אַז מאַדאַם גאָנען איז קראַנק און אַז דער הער גאָנען איז מאָביליזירט אויף פראָנט. האָבן זיי זיך צונויפגערעדט, אַז טאַקע אין דעם זעלבן אָוונט וועלן זיי מיך באַזוכן און פאַרלייגן זייער הילף. זײַנען זיי ביידע צוזאַמען געקומען מיך געוואָר ווערן: ווען עס קומט יעדער פון זיי באַזונדער, וואָלט שוין געווען גענוג שפּײַז פאַר בייזע צינגער.

דער הער גליק האָט געזאָגט:

„מאַדאַם גאָנען, אײַך איז אוואדע זייער שווער. די טעג זײַנען אָנגעשטרענגטע, די לופט איז קיל, און איר זײַט איין־אַליין".

אין דער זעלבער צײַט האָט הער קאַדישמאַן מיט זײַנע גרויסע שוואַכע פינגער באַטאַפּט דאָס קריגעלע טיי, וואָס איז געשטאַנען צוקאָפּנס פון מײַן בעט.

„אָפּגעקילט, — האָט ער געזאָגט מיט צאַר, — אַבסאָליוט קאַלט. עפּשער וועט מאַדאַם גאָנען מיר דערלויבן זיך אַרײַנרײַסן אין קיך, זיך אַרײַנרײַסן, נאַטירלעך, אין גענדזנפּיסלעך, און צוגרייטן פאַר איר פרישע טיי?"

„פאַרקערט, — האָב איך געזאָגט, — מיר איז נייטיק אַראָפּגיין פון בעט. גלײַך טו איך אָן דעם כאַלאַט און וועל אײַך מעכאַבעד זײַן מיט קאַפּע און קאַקאַאָ".

„כאַסוועכאַלילע, מאַדאַם גאָנען. באַהיט אײַך גאָט, כאַסוועכאַלילע", — האָט זיך דערשראָקן דער הער גליק. א בליצשנעלער נערוועזער ציטער האָט א פלאַטער געטאָן אויף זײַנע ליפּן. ער איז געווען ענלעך צו א קליין העזל, וועלכער שפּיצט זיך אָן, ווען ער דערהערט פרעמדע קולעס.

דער הער קאַדישמאַן האָט אַרויסגעוויזן פאַרינטערעסירטקײַט:

„און וואָס שרײַבט אונדזער פרײַנט פון די פראָנטן?"

„קיין שום בריוו איז נאָך ביז איצט צו אונדז ניט דערגאנגען", — האָב איך געענטפערט מיט א שמייכל.

„די שלאַכטן האָבן זיך שוין פאַרענדיקט, — האָט געזאָגט הער קאַדישמאַן, און זײַן פּאָנעם האָט דערבײַ געשײַנט פון פרייד, — די שלאַכטן האָבן זיך פאַרענדיקט און אין מידבר־כּוירייוו זײַנען שוין מער ניטאָ קיין סאָנים".

„עפשער וועט איר, הער קאַדישמאַן, זיך מאַטריזיען זײַן און מאַכן ליכט, — האָב איך געבעטן, — ס'איז באַ אײַך פון לינקס. פאַרוואָס זאָלן מיר אַלע זיצן אין דער פינצטער".

דער הער גליק האָט מיטן פינגער א קניפּ געטאָן די אונטערליפּ, ער האָט מיט די אויגן ווי באַגלייט דעם גאנג פון עלעקטרישן שטראָם פונעם אײַנשאַלטער ביז דער מענוירע, וואָס אין דער סטעליע. עפשער האָט ער זיך פלוצעם דערפילט אלס אומנוצלעך? דאָס האָט זיך געפילט אין זײַן פראַגע:

„עפשער קאָן איך אויך מיט עפּעס־וואָס באַהילפיק זײַן דער מאַדאַם?"

„א דאַנק, טײַערער הער גליק, איך נייטיק זיך ניט אין הילף".

און פלוצעם איז מיר אײַנגעפאַלן צוצוגעבן:

„אײַך איז אויך אוואַדע שווער, הער גליק, אָן אײַער פרוי, אַזוי... איין־אַליין?"

דער הער קאַדישמאַן האָט זיך א ווײַלע פאַרהאַלטן באַ דעם אײַנשאַלטער, ווי ער וואָלט געצווייפלט אינעם רעזולטאַט און וואָלט געווען ניט זיכער אין א פולער האַצלאָכע. באַלד האָט ער זיך אומגעקערט און זיך געזעצט. דער הער קאַדישמאַן איז געזעסן שווער און האָט דערמאָנט א מין אוראַלטע באַשעפעניש, וואָס איז שווערלײַביק און קליינקעפּיק. מיר האָט זיך א וואָרף געטאָן אין די אויגן עטוואָס מאַנגאָלישעס אין זײַן געזיכט: ברייטע, פלאַטשיקע באַקנביינער, א געמיש פון גראָבע און זייער פײַנע געזיכט־שטריכן, א טאַטערישער קאָפּ.

„מאַדאַם גאָנען", — האָט געזאָגט הער קאַדישמאַן נאָכדעם ווי ער האָט זיך וואַגיק אײַנגעזעצט, „מאַדאַם גאָנען, אין די דאָזיקע גרויסע טעג טראַכט איך אָפט וועגן דעם, אז כאָטש זיוו זשאַבאָטינסקיס טאַלמידים האָט מען פאַרשטויסן אין הינטערגרונט, פײַערט דאָך זײַן לערע באַ הײַנטיקן טאָג א גרויסן ניצאָכן, גאָר א גרויסן ניצאָכן".

אין זײַנע רייד האָט זיך געפילט עפּעס א מין אינערלעכע אײַנגעהאַלטענע צערייצטקייט: עס האָט אים לאַנג געקלעמט, און נאָך א דויערנדיקער קלעמעניש איז געקומען די קאָמפּענסאַציע. אַזוי האָב איך פאַר זיך איבערזעצט פון טאַטעריש אין מײַן שפּראַך. קעדיי ניט צו באַליידיקן אים מיט מײַן שווײַגן, האָב איך געזאָגט:

„די צײַט וועט באַווײַזן".

„די צײַט האָט שוין באַוויזן. קלאָרע דיבורים זאָגן אונדז די דאָזיקע טעג", — האָט הער קאַדישמאַן טריומפירט, זײַן מאָדנע פּאָנעם האָט געוויוולט.

ער האָט פאַרגעזעצט:

„מעדינאַס יִיסראָעל וועט פון איצט אָן ענדערן איר געשטאַלט. ענדלעך איז די האַק באַ אונדז אין די הענט. עס איז געקומען די צײַט פאַר דעם גוי צו יאָמערן און צו פרעגן, אויב ס'איז דאָ גערעכטיקײַט אויף דער וועלט און ווען וועט די גערעכטיקײַט קומען. גענוג צו זײַן אָן עלנט שעפּעלע אָדער א שעפּס צווישן זיבעציק וועלף אָדער א שאָף לישכיטע. גענוג. לעבסטו מיט וועלף, ווערסטו אליין א וואָלף. עס ווערט פאַרווירקלעכט דאָס אַלץ, וואָס זשאַבאָטינסקי האָט פאַרגעזען אין זײַן נעווייזשן ראָמאַן „שימשאָן". האָט מאַדאַם געלייענט דאָס בוך „שימשאָן" אין קרופּעניקס פלינקער איבערזעצונג? עס לוינט זיך, עס לוינט זייער עס איבערצולייענען, מאַדאַם גאָנען. און דאַפקע אַצינד, ווען אונדזערע טײַלן פאַרפלאַנצן פאַרעס אַנטלויפנדיקע כאַיאָלעס, און דער יאַם שפּאַלט זיך ניט פאַר די מיצרישע רעשאָיִם".

„פאַרוואָס זיצט איר ביידע אין די מאַנטלען? אָט שטיי איך אויף, צינד אָן דעם אויוון, מאַך טיי. טוט אויס, ביטע, די מאַנטלען".

דער הער גליק האָט זיך גלײַך אופגעשטעלט, ווי איינער, וואָס האָט באַקומען אָן אויסרייד:

„ניין, ניין, מאַדאַם גאָנען. ניט נייטיק... מיר זײַנען דאָך... געקומען בלויז מעקײַעם צו זײַן די מיצווע פון ביקער־כוילים. מיר גייען באַלד אוועק, מע דאַרף ניט אופשטיין, ניט נייטיק אָנצינדן דעם אויוון".

דער הער קאַדישמאַן:

„איך גיי אויך באַלד אוועק. איך בין געגאַנגען אָף א זיצונג פון קאָמיטעט און בין אונטערוועגס פאַרגאַנגען א פרעג טאָן, מיט וואָס קאָן איך דער מאַדאַם העלפן".

„העלפן, הער קאַדישמאַן?"

„עפשער איז וואָס נייטיק? עפשער דאַרף מען עפּעס שאַפן אין דער אָדער יענער קאַנטאָר, אָדער..."

„איך דאַנק אײַך פאַר אײַער גוטער קאַוואָנע, הער קאַדישמאַן. איר זײַט א דזשענטלמען פון יענעם מין, וואָס האַלט שוין, ליידער, אין פאַרשווינדן".

זײַן דינאַזאַווער־געזיכט האָט אופגעשטראַלט. ער האָט צוגעזאָגט:

„מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועל איך ווידער ארײַנקומען, קעדיי זיך צו דערוויסן, וואָס שרײַבט אונדזער פרײַנט".

„קומט אַרײַן, הער קאַדישמאַן, — האָב איך געזאָגט, ווי כ׳וואָלט פון אים געשפּעט. — מיכאָעל מײַנער איבעראַשט מיך מיט דעם אויסוואַל פון זײַנע פרײַנט“.

דער הער קאַדישמאַן האָט ענערגיש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

„איצט, ווען די מאַדאַם האָט מיך בעפּייִרעש אײַנגעלאַדן, וועל איך אַוואַדע קומען“.

דער הער גליק האָט געזאָגט:

„אַ רעפֿוּאָ שלײמע און גיכע דער מאַדאַם. עפּשער וועל איך אײַך קאָנען העלפֿן מיט עפּעס, אויספֿילן אַ שליכעס, אײַנקויפֿן פֿאַר אײַך אין קלייט? עפּשער נייטיקט זיך די מאַדאַם אין עפּעס?“

„זייער וויל פֿון אײַער זײַט, טײַערער הער גליק“, — האָב איך געזאָגט. ער האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין באַטראַכטן זײַן צעקנייטשטן הוט. געוואָרן שטיל. ביידע עלטערע מאַנצבילען זײַנען איצט געשטאַנען האַרט לעבן דעם אַרויסגאַנג, ווי ווײַט מעגלעך דערווײַטערט פֿונעם אָרט, וווּ ס׳איז געשטאַנען מײַן בעט. דער הער גליק האָט אַנטפּלעקט און באַזײַטיקט אַ ווײַסן פֿאָדעם פֿון דעם הער קאַדישמאַנס מאַנטל. עס האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל פֿון דרויסן און איז גלײַך שטיל געוואָרן. פֿון דער קיך האָט זיך געלאָזט הערן דאָס הודזשען פֿונעם עלעקטרישן קיל־שראַנק, זײַן מאָטאָר האָט זיך פֿלוצעם אָנגענומען מיט נײַע קויכעס. עס האָט זיך צו מיר ווידער אומגעקערט דאָס לויטער־קלאָרע, רויִקע געפֿיל, אַז אינגיכן וועל איך שטאַרבן. ווי טרויעריק איז דאָך דער דאָזיקער געדאַנק! אַ פֿרוי, וואָס געפֿינט זיך אין גלײַכגעוויכט, איז ניט גלײַכגילטיק צו איר טויט. איך און דער טויט זײַנען גלײַכגילטיק. נאָענטע און פֿרעמדע, ווײַטע באַקאַנטע, וואָס האָבן צווישן זיך קיינע באַציִונגען. איך האָב דערפֿילט, אַז איך מוז זיך טייקעף פֿון דעם אָפּווענדן, אַז איך טאָר זיך איצט ניט צעשיידן מיט די פֿרײַנט, אַז איך דאַרף זיי ניט לאָזן אַוועקגיין. מעגלעך, אַז שוין הײַנט באַנאַכט וועלן אָנקומען די ערשטע רעגנס. איך בין דאָך נאָך ניט אַזוי אַלט. איך באַהערש נאָך די פֿייִקײַט זיך זאָרגן וועגן מײַן אויסזען. איך דאַרף זיך טייקעף אויפֿהייבן, אָנטאָן דעם כאַלאַט, צוגרייטן קאַפֿע, קאַקאַאָ, אונטערטראָגן קוכן, דיסקוטירן, זײַן פֿאַרינטערעסירט, פֿאַרינטערעסירן. איך בין אויך גענוג געבילדעט און האָב מײַן דייע און מײַן שטאַנדפּונקט. איך האָב דערפֿילט אַ ספּאַזם אין האַלדז.

איך האָב געזאָגט: „איר אײַלט זיך זייער?“

דער הער קאַדישמאַן האָט געענטפֿערט:

„צום באַדויערן, מוז איך גיין, דער הער גליק קאָן זיך פֿאַרהאַלטן, אויב ער וויל“.

דער הער גליק האָט אַרומגעוויקלט דעם האַלדז מיט אַ דיקער שאַל.

פֿאַרהאַלט זיך אַ ווײַלע, אַלטע ברידער, מע טאָר זי ניט לאָזן אַליין, זעצט זיך צו. טוט אויס אײַערע מאַנטלען. רוט זיך אָפּ. מיר וועלן האַלטן וויקוכים וועגן פּאָליטיק און וועגן אַנדערע זאַכן. מיר וועלן זיך טיילן מיט אונדזערע מיינונגען מיקויעך פֿראַגן פֿון רעליגיע און גערעכטיקײַט. מיר וועלן זײַן מונטער און פֿרײַנטלעך. מיר וועלן טרינקען צוזאַמען. גייט ניט אַוועק. זי האָט מוירע צו בלײַבן אַליין אינעם הויז. פֿאַרלאָזט זי ניט.

„אַ גיכע גענעזונג דער מאַדאַם גאָנצן און אַ רויִקע נאַכט“.

„איר גייט שוין אַוועק? איך וואַרף אָף אײַך אָן אָן אומעט“.

„כאַסוועשאָלעם, כאָלילע־וועכאַס“, — האָבן זיי ביידע צעטומלט געענטפֿערט.

די טנועס פֿון די דאָזיקע צוויי מענער זײַנען אינערטע, ווײַל זיי זײַנען איינזאַמע עלטערע מענטשן און זײַנען ניט געוווינט מעוואַקער צו זײַן קראַנקע פֿרויען.

„די גאַס איז ליידיק פֿון מענטשן“, — האָב איך געזאָגט.

„אַ רעפֿוּאָ שלײמע“, — האָט געענטפֿערט הער קאַדישמאַן. ער האָט אַנגערוקט זײַן הוט אָף דעם געראָנצלטן שטערן, ווי ער וואָלט פּלוצעם פֿאַרשטעקט אַ פֿענצטער.

און דער הער גליק האָט, אַרויסגייענדיק, געזאָגט:

„זאָל זיך די מאַדאַם ניט אײַלן אויפֿשטיין פֿון בעט. עס איז ניטאָ קיין גרונט פֿאַר זאָרג. עס וועט זײַן גוט. אַלץ וועט זיך, ווי מע זאָגט, אומקערן אָף זײַן אָרט. יאָ. די מאַדאַם שמייכלט, ווי אָנגענעם ס׳איז צו זען זי שמייכלען“.

די אָרכים זײַנען אַרויס.

איך האָב טייקעף אײַנגעשלאָסן די ראַדיאָ. איך האָב פֿאַרריכט די קאָלדרע. בין איך דען קראַנק מיט אַן אָנשטעקנדיקער קראַנקײַט? פֿאַרוואָס זשע האָבן ביידע אַלטע פֿרײַנט פֿאַרגעסן מיר דריקן די האַנט סײַ באַם קומען, סײַ באַם אַוועקגיין?

די ראַדיאָ האָט מודיִע געווען, אַז דאָס אײַנעמען דעם האַלב־אינדזל איז פֿאַרענדיקט. דער פֿאַרטיידיקונגס־מיניסטער האָט געמאָלדן, אַז דער אינדזל יאָטוואָט, וואָס מע האָט אים פֿריִער גערופֿן טיראַן, געהערט שוין ווידער דער מאַלכוס יִיסראָעל. כאַנע גאָנצן וועט זיך אומקערן אין איבון אַזולאַי. אָבער מיר שטרעבן צו שאָלעם, האָט דערקלערט דער מיניסטער מיט דעם אים אייגנטימלעכן רייד־ניגן. ווען די קראַפֿט פֿון פֿאַרשטאַנד וועט אין אַראַבישן לאַ־

גער גויוער זײַן די פֿינצטערע מילכאָמע־אײַנסטינקטן, וועט קומען דער געגאַרטער שאָלעם.

די קיפּאַריסן אין דער שכונה סאַנהעדריע בייגן זיך פֿון ווינט, בייגן זיך און נייגן זיך. לויט מײַן אָרעמען סייכל נאָך, איז יעדע עלאַסטישקייט אַ קישעף, זי שטראָמט, זי איז קאַלט און רויִק גלײַכצײַטיק. מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין אַ ווינטער־טאָג, אינעם בנין פֿון טעראַ־סאַנטאַ, האָב איך פֿאַרנאָטירט אײניקע גאַנץ טרויעריקע געדאַנקען, וועלכע ס׳האָט אַרויסגעזאָגט דער פּראָפֿעסאָר פֿון העברעיִשער ליטעראַטור: פֿון אווראָם מאַפּו ביז פּערעץ סמאָלענסקין האָט די העברעיִשע האַסקאָלע־באַוועגונג דורכגעמאַכט שווערע אינערלעכע פּראָצעסן, אַ קריזיס פֿון אַנטוישונג און אויסניכטערונג. עס ווערן צעשמעטערט און פֿאַרניכטעט כאַלוימעס, און מענטשן מיט אײדעלע נעשאָמעס ווערן צעבראָכן, נאָר גיבן זיך ניט אונטער. דײַנע צעשטערער און רויִנירער, האָט געזאָגט דער פּראָפֿעסאָר, זײַנען פֿון דיר אַרויס. מע קאָן עס פֿאַרשטיין צווײדײַטיק: די האַסקאָלע־באַוועגונג האָט פֿון אָנהייב אָן געלאָזט פֿון זיך אַרויסוואַקסן געדאַנקען, וועלכע האָבן זי נאָכדעם כאָרעוו געמאַכט. אין אַ צײַט אַרום זײַנען פֿיל פֿון זיי, און דאַפֿקע די בעסערע, אוועק זיך פֿאַרטערן אַף פֿרעמדע פֿעלדער. אַ טראַגישע פֿיגור איז געווען דער קריטיקער אווראָם־אורי קאָווּנער. ער איז געווען געגליכן צו אַ סקאָרפּיִאָן, וואָס לאָזט אַרײַן דעם שטעכל אין זײַן אייגענעם לײַב, ווען די פֿײַער־קרײַזן שליסן זיך איבער אים. אין די זיבעציקער — אַכציקער יאָרן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט איז אַנטשטאַנען דאָס דאָזיקע דריקנדיקע געפֿיל פֿון אַ פּאַרקישעפּטן קרײַז. ווען ניט די פּילצאָליקע מילכאָמע־האַלטער און באַלע־כאַלוימעס, די רעאַליסטן, וואָס האָבן ווידערשפּעניקט דער רעאַליטעט, וואָלטן מיר קיין טקומע ניט געהאַט און וואָלטן קימאַט פֿאַרשניטן געוואָרן. אָבער גרויסע מײַסים טוען אויף שטענדיק דאַפֿקע די באַלע־כאַלוימעס, האָט געענדיקט דער פּראָפֿעסאָר. איך האָב עס ניט פֿאַרגעסן. ווי פֿיל איבערזעצונג־אַרבעט וואַרט אַף מיר. אויך דאָס בין איך גענייגט צו איבערגיסן אין מײַן שפּראַך. איך וויל ניט שטאַרבן. מאַדאַם כאַנע גרינבאַום־גאָנען, ראַשעטייוועס ח״ג, האַלעווײַ זאָלן אַלע לעבנס־טעג פֿון דער מאַדאַם זײַן גאָלע יאָמטעוויטעג[1]. שוין אַ צײַט, אַז ס׳איז געשטאָרבן מײַן פֿרײַנט, דער גוטער ביבליאָטעקער פֿון טעראַ־סאַנטאַ, וועלכער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן הוט אַפֿן קאָפּ און האָט ליב געהאַט זיך איבערוואַרפֿן מיט מיר מיט גראַמאַטישע וויצן. געבליבן ווערטער. איך בין מיד פֿון ווערטער.

אינדערפֿרי האָט די ראַדיאָ געמאָלדן, אַז די נײַנטע מיליטערישע טייל האָט אײַנגענומען די קאַנאָנען־פּאָזיציעס, וואָס אַף די ברעגעס פֿון שלוימע־אײַנגוס. די לאַנגדויערנדיקע יאָמבלאָקאַדע איז צעשמעטערט געוואָרן אַף ברעגעלעך. נײַע האָריזאָנטן עפֿענען זיך פֿאַר אונדז פֿון הײַנטיקן טאָג.

אויך דער דאָקטאָר אורבאַך איז דעם פֿרימאָרגן דערשינען ווי אַן אָנזאָגער פֿון גוטע בסורעס. ער האָט אויסגעשפּרייט אַף זײַן פּאָנעם זײַן טרויעריקן און מיטפֿילנדיקן שמייכל, אַ פּאָר מאָל אַ צי געטאָן מיט זײַנע קלײנטשינקע אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך מיט ביטל באַצויגן צו זײַנע אייגענע ווערטער:

„מיר מעגן שוין זיך דערלויבן אַ ביסל זיך דורכגיין, אַ ביסל אויך זיך מיט עפּעס באַשעפֿטיקן. מיט איין באַדינג: אויסמײַדן יעטווידע זעלישע אָנשטרענגונג און ניט פֿאַרמאַטערן דעם האַלדז. און אויך ביטנײַ, אַז מיר ווילן לעבן בעשאָלעם מיט די אָביעקטיווע פֿאַקטאָרן. אַ רעפֿוע שליימע״.

דאָס ערשטע מאָל, זינט מיכאָעל איז מאָביליזירט געוואָרן, בין איך אופֿגעשטאַנען און אַרויס אין דרויסן. עס איז געווען אַן ענדערונג אין מײַן לעבן. עפּעס, ווי עס וואָלט זיך פּלוצעם איבערגעריסן אַ הויכער דורכדרינגלעכער מוזיקאַלישער קלאַנג. עפּעס ווי עס וואָלט צו פֿאַרנאַכט־צו אײַנגעשטילט אַ מאָטאָר, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג אין הויף געשריִען. דעם גאַנצן טאָג האָט זיך דער קלאַנג ניט געשפּירט, נאָר דאַן, ווען ער האָט זיך איבערגעריסן, האָט מען אים דײַטלעך דערפֿילט: אַ פּלוצעמדיקע שטילקייט. געווען און אופֿגעהערט. אופֿגעהערט — הייסט עס געווען.

איך האָב אָפּגעשיקט די הויז־אַרבעטערן. אָנגעשריבן אַ באַרויִקנדיקן בריוו מײַן מוטער און מײַן שוועגערן אין קיבוץ נויף־האַרים. געבאַקן גאָמלקעס. באַטאָג האָב איך טעלעפֿאָנירט אינעם ביוראָ פֿונעם מיליטערישן קאָמענדאַנט פֿון דער שטאָט ירושאָלאַיִם. איך האָב אים געבעטן מיר מודיִע זײַן, ווו געפֿינט זיך די טייל, אין וועלכער ס׳דינט מיכאָעל. מע האָט זיך איידל אויסגעדרייט פֿון אַ דירעקטן ענטפֿער: די גרעסטע טייל פֿון די מיליטער־קויכעס איז נאָך אין באַוועגונג. די פּאָסט־פֿאַרבינדונג איז ניט קיין סטאַבילע. ס׳איז ניטאָ קיין גרונט זיך צו באַומרויִקן. דער נאָמען מיכאָעל גאָנען פֿיגורירט ניט אין קיין אײנער פֿון די רעשימעס.

איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אַן אומזיסטע טירכע. ווען איך האָב זיך אומגעקערט פֿון אַפּטייק, האָב איך אין פּאָסט־קעסטל געטראָפֿן אַ בריוו פֿון מיכאָעלן.

פֿון איוריט — אַרן ראַסקין

[1] אַ ווערטער־שפּיל: חג איז אין איוריט יאָמטעוו.

עפראַים איַזיקאָוויטש

## ווי שיין וואָלט געווען

ווי שיין וואָלט געווען —
די נאכט זאָל פארגיין, און פון איר לעצטן פלאַטער
זאָל א שטראַל זיך אָפּטיילן בא אונדזערע טירן,
ווו שווער איז דער אָטעם און אלץ איז פארמאַטערט.

ווי שיין וואָלט געווען —
פרעמד זאָלן דיר ווערן דייַגעס און זאָרגן,
און א פעדעמל שיַין אַף א טראָפּעלע טוי
זאָל דיר קומען אנטקעגן אין העלן פרימאָרגן!

ווי שיין וואָלט געווען —
פאַר דיר און פאַר אים און פאַר יענעם
דער עמעס זאָל אופוועקן די וועלט,
וואָס מוטשעט דערוויַל זיך אין גענעם!

ווי שיין וואָלט געווען! ווי שיין וואָלט געווען!

מאָשע באַרזיליַי

## דאָס פארלוירענע קאָל

טויזנט קוילעס פון כוישעך די אויערן מיַינע פארטויבן:
א דונער פון שטרענגע באַפעלן,
זיך ריַיסן שראַפּנעלן
און באָמבעס, וואָס קוויטשען און פּלאַצן
און זיַילן מיט ערד אופגעהויבן,
און זיסער געמורמל פון ליבע
אין גאָרטן, וואָס גאַנץ איז געבליבן,
דאָס רעווען, דאָס ווילדע געפּילדער
פון גריַיפנדן כאַיל
מיט שפּיזן מיט בלאַנקע, וואָס וואַרפן אָן איימע און פּאַכעד,
דאָס היימישע, נאָ׳נטע, דאָס צאַרטע, ווי סאַמעט, קאָל פון א מאַמען,
ס׳געיאָמער, געוואַי פון צעדרויבלטן ליַיב,
וואָס גייט אָפּ מיט בלוט און צאַנקט און פארשטילט ווערט,
א ניגן פון קינדהיַיט פון וויַיטער און מילדער;
טויזנט קוילעס זיך הייבן פון כוישעך,

דײַן קאָל בלויז איך הער ניט,
פארלוירן געגאנגען
צווישן טויזנטער קלאנגען.
אוי, טוט דאָס מיר באנק,
ווי האָב איך געקענט גאָר פארגעסן זײַן קלאנג?..

פון איוורית — כאים מאלטינסקי

## אמיר גילבאָא

### צווישן מײַנע דערנער

אז כ׳קער זיך אום צו מײַנע דערנער
און נעם זיי אָן א זשמעניע
און דערלאנג זיי צו די ליפן
און וועק אוף מיט זיי די ברעמען מײַנע
צו דער מינוט, וואָס ווערט געבוירן, —
כ׳שווער אײַך, כ׳קער זיך אום צו זיי אויס ליבע
און כ׳זשמעניע זיי
און איך פארזוך זיי.
כ׳שווער אײַך, ס׳איז דאָס גרויסע גליק מײַנס
זיי פאר מײַנע אויגן ווײַזן,
מײַן נאכט פון בלוט —
באטאָג.

### אומעטום

כ׳בין פארבײַגעגאנגען א בוים, און ס׳האָט זיך מיר געדאכט, אז ער גייט מיך פארבײַ,
און פון איבערנעמען זיך האָב איך זיך פארלאָזט אף אים,
און פון גרויס פרייד האָב איך ניט געוווּסט אים אָנרופן באם נאָמען
און ניט געוווּסט, צי האָט אים געשיקט צו מיר מײַן טאטע צי מײַן ברודער.

אזוי אָדער אזוי, כ׳האָב זיך שטארק געפרייט מיט אים
און אים ארומגענומען פאר די אויגן פון דער גאנצער גאס מיט הײַזער.
און שוין גארן מײַנע ליפן צו זײַן ווארעם בלוט דורך זײַן הויט,
און שוין פון מײַן ארומנעמען זײַן אָטעם האלט ער אײַן —
האָבן זיך אין נאקן מײַנעם אײַנגעגעסן בליקן
פון מײַן טאטנס און מײַן ברודערס זייכער פון יענער זײַט גאס און פון פלעצער.

די געבענטשטע! זיי זײַנען אומעטום. אין אלע טעג.
נאָר אָן אויגנבליק ווערט מיר אמאָל געשענקט זיי צו האלדזן.

פון איוורית — נ. ליוונע

# צום זון

שוין שפעט, מײַן זון, אַנשלאָפֿן ווער,
אײַן דרויסן איז קיל, דעק זיך צו, שלאָף אײַן.
דער לאַנגער טאָג איז געווען פֿאַר דיר שווער,
דײַן ליכטיקע האָפֿענונג האָט פֿאַרביטערט די
פּײַן.

די צײַטונגען וועלן מיט פּילפּל מיט זיסן
ווידער, ווי נעכטן, אי לײַגן, אי בלאָפֿן,
זיי וועלן באַרויִקן גרינג דײַן געוויסן,
וואָס זשע, מײַן קינד, ווערסטו דאָך ניט
אַנשלאָפֿן?

מיר האָבן איצט אויך שוין באַזונדערע טײלן —
זיי פֿײַנען זיך אויסעט יעדע באַזונדער,
און פֿײַנע באָכערים פּילן אויס די באַפֿעלן...
זיי טוען א פֿעלער? איז וואָס פֿאַר א ווונדער?!

מילכאָמע — דאָס ווייסטו — איז בלוט און
פֿײַער,
און דו ווערסט זי גויווער זײַן סײַוויסיי,
דאָס דאַרף דיך ניט פּײַניקן, זונעניו טײַערער,
דאָס איז אַן „אויסנאַם”, און ער וועט פֿאַרבײַ...

ס'איז אַדורך די געפֿאַר. אָף מיזרעך שײַנט די
זון,
ס'בלאַנקען אום אין די געסלעך די ברידער־
אַראַבער,
פֿון לאַנג איז דער עמעס באַוווּסט דיר, מײַן זון,
ווער ס'איז דער געליטענער און ווער דער
פֿאַרכאַפּער.

ווען דו ווערסט אהיים צו זיך טאָן א פֿאַרקער,
אײַן זאַך אין דײַן זינען, מײַן זון, זאָל אַרײַן,
דײַן ביקס איז דאָך פֿאַקטיש א בייז געווער,
און דעריבער אומשולדיק קאָן עס ניט זײַן!

פֿון איווריט — א. גרין

# די יערושע

די וואָרהאפטיקײַט פון דער פּאסירונג, וואָס איך וויל איצט פאנאנדערוויקלען, וועט עפשער אויסזען אויסטערליש, גראָד ווי זי איז געווען פאר מיר אליין אומוואָרהאפטיק און אפילע געשפענסטיק שוין פון סאמע אָנהייב, בייס דער גוירל האָט מיך מיט אים פּלוצעם צונויפגעפירט — מיט דעם דאָזיקן שאָטנהאפטיקן, פארגעסענעם מענטשן לעבן איינזאמען יאפער יאם־ברעג, באם אלטן צעפאלענעם ווינפערטל. און דאָס, וואָס איך בין אליין פארפּלאָנטערט געוואָרן אינעם גוירל פון יענעם סוידעסדיקן פרעמדן און איינזאמען מענטשן, האָט אויך דערנאָך מיך ארײַנגעוועבט אין אלע זײַנע שפּעטערדיקע פּאסירונגען אף דער דאָזיקער פרעמדער, טויטלעכער ערד. וואָרעם די פּאסירונג פאלט אויס גראָד אין די ערשטע וואָכן פון מײַן קומען אין לאנד, דעמלט, בייס איך אליין האָב נאָך ניט געהאט קיין היים. ווי א נײַ־געקומענער היימלאָזער האָב איך זיך אלע זיבן טעג פון וואָך ארומגעשלײַכט לענגויס פונעם יאפער יאם־ברעג, העט־אראָפּ צום דאָרעם־טייל פון שטאָט. זעלטן, זעלטן האָב איך בייס מײַן וואנדערונג אָנגעטראָפן א מענטשן, וואָרעם דער גאנצער ברעג־שעטעך איז געלעגן אין טיפן יאפע־פּערטל, ארום די אײַנגעפאלענע, צעשאָסענע ביניאָנים — אן איבערבלײַבעכץ פון דער יידישער מילכאָמע. מיך האָבן געצויגן די שטילע יאם־ווינטקײַטן, וואָס זײַנען דאָ טאָמיד געווען גרין־בלוילעך און געהאנגען אריבערגעוואָרפן איבערן יאם־פלאך ווי דינע, פּערלמוטערנע נעפּלען. די נײַע יידישע שטאָט אין צאָפן־זײַט, וואָס איז געווען פאר מיר ראשיקאומפרײַנטלעך און רויגעזדיק־פרעמד, האָט מיך יעדן טאָג ארויסגעוואָרפן פון זיך, גראָד ווי דער יאם ווארפט פון זיך ארויס א מושלע אפן ברעג. און טיילמאָל האָט זיך מיר טאקע געדוכט: איך בין פארגילגלט אין א קליינעם, צעטראָטענעם, פארוואָגלטן מושלע, וואָס בענקט צוריק צו די שיינע, גרינע טיפקײַטן פונעם יאם. איך בין געגאנגען דורך ניט־באטרעטענע, ליידיקע געסלעך, אָנגעלענטע אינעם ברעג, אראָפּ מיט שארפע שיפּועס פון צעפאלענע בערגלעך הארט לעבן יאם, וואָס האָט מיט זײַן אייביקן, זילבערדיקן גערויש געשטילט אין מיר אלע אומקלאָרע בענקענישן. דער יאם־גערויש איז געקומען ווי פון אן אויסבאהאלטענעם פידל ערגעץ אף זײַן דנאָ, וואָס איז פול מיט ראכמים. און עפשער האָבן מיך די ליידיקע, כאָרעווע יאפער געסלעך געצויגן אהער מאכמעס דעם, וואָס זיי האָבן מיך צוריקגעפירט צו יענע טויטע יידישע געטאָ־געסלעך, פונוואנען דער גוירל האָט מיך געפירט אהער? עפשער איז פארוואָרפן א בריק פון יענעם פארזונקענעם טויטן־כאָלעל — ביזן שיינעם אופוואכנדיקן כאָלעם דאָ, באם יאם? עפשער פירט מיך אן אומגעזעענע האנט איבער דער בריק, קעדיי ניט צו פאלן אינעם טהאָם? ארום מיר איז דאָ טאָמיד געווען שטיל. דער הימל — פרידלעך־ווײַט און טיף. די איינציקע באשעפענישן, וואָס איך האָב געטראָפן אף מײַן טאָגטעגלעכן גאנג, זײַנען געווען די אויסטערלישע, פרעמדע פייגל. אלע האָבן זיי געטראָגן טרויער־שווארצע האלדזטיכלעך ארום זייערע לענגלעכע פייגלשע העלדזער. זיי זײַנען געשפרונגען איבערן געדיכטן, שעפעדיקן ווילדגראָז, וואָס האָט דאָ געשפּראָצט צווישן די שפּאלטן פון די שטיינער־כורוועס און פון די טויטע זאמד־בערג. אייניקע מאָל האָב איך געזען זיצן אף אזא בערגל א קאץ, פארקוקט אין דער הויכער בלאָקײַט פונעם יאם, ווו ס'האָבן געפלאָטערט צוויי דינע, שפיציקע מעוועס. די מעוועס האָבן זיך יעטווידע רעגע אראָפּגעלאָזט נידעריק אפן יאם־פלאך, געבליבן א ווײַלע זיצן אפן וואסער — און דערנאָך אפסנײַ זיך אופגעהויבן, אוועקפלאָטערנדיק אינעם טיפן הימל־קרײַז, צום פרײַען, בלאָען אייביקן כאָלעל.

בייס מײַן טעגלעכן גאנג באַם יאפּער יאַם־
ברעג בין איך אָפּטמאָל אויך אוועק איבער פלאַ־
כע פעלדזן, וואָס האָבן ארויסגעשטיגן פון יאַם.
צעבראָכענע, צעקרישלטע און געשפּאָלטענע
זײַנען זיי שוין געלעגן אינעם וואסער און פאַר־
דעקט מיטן ווייכן, גרין־פּליושענעם שימל. די
פעלדזן זײַנען געווען פאַרבונדן מיט דער ערד
בלויז מיט א שמאָלן, לענגלעכן זאמד־פּאס. אכוץ
די פלאכע יאַם־פעלדזן, זײַנען נאָענט באַם ברעג
געלעגן אומצאָליקע שטיינער פון פאַרשיידענער
גרייס און פורעם. שפּיציקע, לענגלעכע, ווי די
פורעם פון איבערגעקערטע פישער־שיפלעך.
אַף די־אָ פלאכע, לענגלעכע שטיינער האָט מען
זיך געקענט אוועקלייגן און לאָזן די כוואליעס
פאַרשווענקען דעם גאנצן גוף. אמאָל האָט אזא
שטיין אויסגעזען ווי א טיש אָדער א גוט־גע־
הובלטע ברעט, און דער גוף, וואָס איז געלעגן
אַף אים, איז אופגעשטאנען דערנאָך אינגאנצן
א באפלעקטער מיט א סאך באשפּרענקלטע
פלעקן פונעם פײַכטן יאַם־שימל, וואָס האָט
פאַרדעקט דעם שטיין.

אין יענעם באגינען, בייס דער גוירל האָט
מיך צונויפגעפירט מיט אים, בין איך שוין פון
דער פרי, נאָך פאַרן זון־אופגאנג, געגאנגען מיטן
יאַם־ברעג. אין מײַן טאש איז געלעגן א גרויי־
סע, שווערע מאראנץ, וואָס איך האָב בא א
פאַרמאכטער קלייט ביגנייווע אראָפּגענומען פון
אן אָפן קעסטל מאראנצן, וואָס די פּיירעס־צור־
שטעלער לאָזן דאָ שטיין לעבן דער שוועל פון
די נאָך פאַרשלאָסענע קלייטן. דאָס וועט זײַן
פאַר מיר שפּעטער מײַן ערשטער ברויט־ביסן,
בייס דער הונגער וועט זיך אין מיר אופוועקן.
די זון איז דערווײַל אופגעגאנגען, כאָטש דאָ,
אַף די וואסערן באַם יאַם־ברעג, איז נאָך גע־
לעגן דער בלאָער, ניט־פאַרשווונדענער נאכט־
שאָטן. ער איז געוואָרן, דער שאָטן, וואָס אמאָל
שיטערער און דורכזיכטיקער און אויסגעזען
איבער די צעוואָרפענע יאַם־שטיינער ווי שיינע,
אריבערגעוואָרפענע פישער־נעצן.

ווי טאָמיד, האָב איך אויך איצט גייענדיק גע־
קוקט צום אָפענעם יאַם־כאָלעל, איבער די פאַר־
שווענקטע שטיינער און יאַם־פעלדזן. הונגערי־
קע מעוועס האָבן געקרײַזט גאָר נידעריק
איבערן וואסער, בייס הינטער מיר האָט די
אופוואכנדיקע שטאָט דערווײַל געעפנט אלע
אירע דאמבעס און ארויסגעלאָזט א פאַרצאָרנ־
דיקן, איימעפולן טאָג־געוואַי. אָבער דאָ, לעבן
מיר, איז נאָך געווען אזוי יאמיק־ און שטייניק־
שטיל: צעפאלענע ווענט, ווילד־אופגעגאנגענע
קוסטעס, גליטשיקער, ווײַסלעכער יאַם־זאמד,
פאַרוואָרפן מיט אומצאָליקע פּערלמוטערנע
מושלעס און גליטשיק־ברוינע וואסער־פלאנצן,
וואָס האָבן אויסגעזען ווי גילדענע, צעטרעטע־
נע, טויטע שמעטערלינגען.

און פלוצעם — האָב איך אים דערזען. ער
איז געשטאנען אויסגעשטרעקט אין זײַן פולער
געשטאַלט אפן סאמע שפּיץ פון אן ארויס־
שטײַגנדיקן פעלדז, וואָס איז געווען ווײַט ארויס־
גערוקט אין יאַם. פונעם אָרט, ווו איך בין גע־
שטאנען, האָט זיך צו אים געצויגן א שמאָלער,
גליטשיקער ערד־פּאס שוין דורכן סאמע וואַ־
סער, און פונדאנען טאקע האָט זיך אופגעהויבן
דער ארויסשטײַגנדיקער פעלדז. בייס מײַן טאָג־
טעגלעכן גאנג האָב איך זעלטן אָנגעטראָפן א
מענטשן, אזוי אז די שטייענדיקע געשטאַלט אפן
פעלדז־שפּיץ, ווײַט פונעם ברעג, שוין אינמיטן
יאַם — האָט מיך לעכאטכילע אינגאנצן פאַר־
וווּנדערט. וואָס טוט דאָרט אזוי פרי אן איינזאַ־
מער מענטש אפן פעלדז? ווער ווייסט — עפּ־
שער וויל ער גאָר שפּרינגען אין יאַם? וואָרעם
אָפּט זײַנען די ערשטע טעג געווען זעלבסט־
מאָרדן בא די נײַע מענטשן, וואָס זײַנען געקו־
מען אין לאנד איינזאמע, פאַרצווייפלטע און
היימלאָזע. פונדערווײַטנס האָט אָבער די גע־
שטאַלט אויסגעזען ווי זי וואָלט אופגעהויבן די
הענט צום הימל און אײַנגעאָטעמט די יאַם־
לופט. איך בין צוגעלאָפן דורכן פײַכטן ערד־
פּאס צום פעלדז, ווו דער מענטש איז געשטאַ־
נען. ערשט איצט האָב איך געקענט זען, ווי
ווײַט דער פעלדז איז געווען ארויסגערוקט פו־
נעם ברעג. פון אלע דרײַ זײַטן האָט מיך
ארומגערינגלט דער אופגעווירבלטער פאַרטאָ־
גיקער יאַם. דער מענטש האָט געמוזט דערהערן
מײַן האסטיק לויפן, וואָרעם ער האָט זיך פּלו־
צעם אינגאנצן אומגעווענדט צו מיר.

פאַר מיר איז געשטאנען א גאָר דארע גע־
שטאַלט פון א מענטשן אין די גראָע, איינזאמע
פופציקער יאָרן. אפן קאָפּ האָט ער געטראָגן א
ברייטן פויעריש־פּוילישן שטרוי־הוט, וואָס האָט
אים פאַרשטעלט א האלב פּאָנעם. איבער זײַנע
אקסלען איז געהאנגען א לײַכט, פלאַטערנדיק
רעקל און אַף זײַנע פיס — סאנדאלן פון גראָבן,
טונקעלן לעדער. אין זײַן אויסגעשטרעקטער
האנט האָט ער געהאלטן א לאנגן בייגעוודיקן
ווענטקע־שטעקן צו כאפּן פיש. דער ארויסגע־
וואָרפענער דינער פאנג־פאָדעם פונעם שטעקן
איז געהאנגען ווײַט פון אים איבערן יאַם־פלאַך,
געציטערט איבערן וואסער און געווען דאָרט
פאַרזונקען. דעם מענטשנס פּאָנעם איז געווען
צעשניטן פונעם געזאלצענעם ווינט. זײַנע אויגן,
בלאָלעכע, מיט שווערע אויסגעבעטע קישעלעך
בא די ראנדן, האָבן אַף מיר איצט געקוקט פון
הינטער דעם פויערישן שטרוי־הוט דערשטוינ־
טע, בעהאָלעדיקע און מיט כשאד.

כ׳האָב ניט געוווּסט, וויִאזוי אָנהייבן צו רעדן
מיטן פרעמדן. ער האָט די גאנצע צײַט געקוקט
אַף מיר פאַרכידעשט, אפילע בייזלעך, בייס איך

אליין האָב די גאַנצע צײַט נאָך שווער גע־
עטעמט פונעם שנעלן לויפן איבערן פעלדז. זיי
ער האָט געמאַכט צו מיר איין־איינציקן שריט,
בייס דער פאַנג־פאָדעם איבערן יאַם האָט א
בלישטש געטאָן פונדערווײַטנס אינעם ליכט, ווי
דאָס וואָלט געווען א געפאַלענער שטראַל פון
דער אופגייענדיקער זון.

— איר האָט זיך אוואַדע דערשראָקן, וואָס?..
געמיינט, אז כ'וויל שפּרינגען אינעם יאַם?.. זוכן
באַפרײַונג אין טויט?.. כע... כע... כע...

ער האָט גערעדט צו מיר יידיש און טרוקן
געלאַכט. זײַן שפּראַך איז געווען קלאָר, קאַרג
און קיל. בייסן רעדן האָב איך געזען זײַנע
אייבערשטע יאַסלעס — טרוקענע, שאַרלעך־
רויטע, מיט א סאַך פעלנדיקע ציין. איך האָב
צו אים פאַרשעמט און פאַרלוירן געשמייכלט
און ווייס ניט פאַרוואָס איך האָב צו אים אויס־
געשטרעקט די האַנט.

— גוטמאָרגן, א ייד...

ער האָט מיר דערלאַנגט די לינקע האַנט, וואָ־
רעם אין דער רעכטער האָט ער געהאַלטן דעם
ווענטקע־שטעקן. זײַן האַנט איז געווען פײַכט־
לעך. ערשט איצט האָב איך דערזען, אז בא זײַ־
נע פיס שטייט א פאַרמאַכטער לענגלעכער
טשעמאָדאַן. אין א בלעך־פּושקע זײַנען ארומגע־
שווומען קליינע גראָ־זילבערנע פישעלעך, פאַר־
פּלאָנטערטע אין יאַם־גראָז.

— איר כאַפּט פיש? פאַראַן דאָ פיש?

— ווי אמאָל... אָפּט יאָ... אָפּט ניט... וואָס טוט
א ייד אזוי פריי?.. מיילע איך — איך ווין ניט
ווײַט פונדאַנען... א נײַ־געקומענער?

— יאָ... — האָב איך געענטפערט, ניט אופ־
הייבנדיק די אויגן פונעם לענגלעכן טשעמאָ־
דאַן און פון דער בלעכערנער פּושקע מיט די
פאַרפּלאָנטערטע פישעלעך. — בלויז א פאָר
וואָכן אין לאַנד... און איר?..

— א פאָר כאַדאָשים.

— פונוואַנען?

— פון פוילן.

— אויך איך בין פון פוילן... אוואַדע געווען
אין געטאָ?

— געווען. געווען. ווו ניט געווען?.. און
איצט — אין דער יידישער מעדינע... איך כאַפּ
פיש אין יידישן יאַם...

ער האָט אראָפּגעצויגן זײַן ברייטן שטרוי־
הוט טיפער איבערן פּאַנעם, וואָרעם אין דער
רעגע האָט די זון געוואָרפן איר פרימאָרגן־
פײַער צום ברעג פון יאַם.

— און דער יאַם גיט טאַקע פיש?

— צי דער יאַם גיט פיש?.. זיי אנטלויפן טאַ־
קע, די פיש, פון מענטשן... די ערשטע טעג,
ווען כ'בין אָנגעקומען, האָבן דאָ געראַיעט גאַנ־
צע מאַכנעס פיש... איצט זײַנען זיי אלע פאַר־
שווונדן, זיי אנטלויפן פאַר די יידן, די פיש...
כע... כע... כע... כע... די אראַבער האָבן גע־
מוזט דאָ האָבן א גוטן פאַנג. פונדעסטוועגן —
טרעפט זיך נאָך א ביסל פאַרבלאָנדזשעטע...
סראַוו קליינע... אָבער פאַר מיר סטײַעט עס.
כע... כע... כע...

— איר פאַרקויפט ניט די פיש?

— ניין, כ'פאַרקויף זיי ניט, די פיש, איך
פאַנג בלויז פאַר זיך. דרײַ מאָלצײַטן אין טאָג
גיט מיר טאָמיד דער יאַם. דער יאַם איז בעסער
ווי די ערד... יאָ, יאָ, נאָר מע לאָזט מיך ניט
שטיין דאָ, מוז איך עס טאָן איצט, פאַרטאָג.
ביגנייווע. טיילמאָל — באַנאַכט, בא דער פולער
לעוואָנע. דעמלט כאַפּט זיך אמבעסטן. ווילט
איר עפּשער, אז מיר זאָלן כאַפּן פיש צוזאַמען?
כ'זע, אז סײַווי שלאָפט איר ניט.

בייס ער האָט אזוי גערעדט, האָבן מײַנע
פינגער דערווײַל געגלעט דעם שווערן מאַראַנץ
אין דער טאַש. עפּשער אים מעכאַבעד זײַן? וועט
עס זײַן דער ערשטער בונד צווישן צוויי פרעמ־
דע, הונגעריקע מענטשן. עפּעס האָט מיך אָבער
צוריקגעהאַלטן דאָס צו טאָן. און עפּשער טאַקע
ארויסגיין צוזאַמען מיט אים אף פישפאַנג אינ־
מיטן נאַכט, בא א פולער לעוואָנע?

— איר האָט געזאָגט, אז איר ווינט דאָ ניט
ווײַט...

— אָ־דאָרט! איר זעט?

— ווו?

— איר זעט דעם אײַנגעפאַלענעם קוימען?
לעבן דער האַלבער וואַנט צווישן די שטיינער־
בלאָקן.

איך האָב געזוכט דאָרט א סימען פון א בי־
ניען און גאָרניט ניט געפונען. הינטער אונדז
איז דער גאַנצער ערד־שעטעך לעבן ברעג גע־
ווען פאַרוואָרפן מיט הויפנס שטיינער, ציגל פון
צעשאָסענע ביניאָנים — רעשטלעך פון דער
יידישער מילכאָמע אין דאַזיקן ווין־פערטל.
ערגעצוו איז יאָ פאַרבליבן א האַלבער מויער,
א קופּע צעריסענע שטיינער פון א צעפאַלענעם
אראַבישן ביניען, פונדערווײַטנס האָט די ערד
אויסגעזען ווי אן אלטער, פאַרזונקענער בעסוי־
לעם, ווו עס סטאַרטשען נאָך גראָע, שוואַרצע
מאַצייוועס.

— אויב איר ווילט — פאַרבעט איך אײַך אין
מײַן פּאַלאַץ.

ער האָט זיך אײַנגעבויגן מיט א קרומען,
טרויעריקן שמייכל, גענומען דעם טשעמאָדאַן
אונטערן אָרעם און אין דער האַנט דאָס בלע־
כערנע פּושקעלע מיט די פיש.

— סײַווי ווערט שוין הייס. אף פרישטיק
פאַר צוויי — האָב איך שוין. איר עסט גע־
פּרעגלטע יאַם־פיש? זיי זײַנען זייער געשמאַק,
די קליינטשינקע.

ער האָט זיך געלאָזט גיין צום ברעג, איך בין
אים נאָכגעגאַנגען צעטומלט פון דער באַגעגע־

ניש מיטן דאָזיקן אויסטערלישן פישפאנגער. כ׳האָב געפּרוּווט ארויסנעמען פון אונטער זײַן אָרעם דעם טשעמאָדאן און העלפן אים טראָגן. ער האָט אָבער בייזלעך א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און גענומען גיין גיכער צום ברעג. מײַנע פינגער האָבן די גאנצע צײַט ניט אופגעהערט צו גלעטן די כראָפּאָוואטע הויט פונעם שווערן מאראנץ אין מײַן טאש.

...איך בין דעם פרעמדן נאָכגעגאנגען דורך שמאָלע סטעזשקעלעך, הויך־פארוואָרפענע מיט פארברענטן ציגל־ברוך. די שטיינער זײַנען דאָ געלעגן באוואקסענע מיט א זייער בלייכן, וויגנדיקן טויט־גראָז. צעוואָרפענע שטוב־קיילים, גאָלדיק־פארזשאווערטע פון די רעגנס, זײַנען געלעגן ארײַנגעוואקסן צווישן די שטיינער. צוויי מאָל זײַנען מיר ביידע ארוף העכער אף שטיינער־בלאָקן און דערנאָך אפסנײַ געגאנגען צווישן בערגלעך צעפאלענע ווענט. אָ, אלמעכטיקער פאָטער אין הימל! ווי אלץ איז דאָ גראָד ווי דאָרטן, אין יענעם געטאָ־געסל, פונוואנען איך אליין בין געקומען. צי גיי איך ניט אף א בריק, וואָס ציט זיך פון יענע פארזונקענע צײַטן? די זעלביקע צעפאלענע מויערן, דאָס זעלביקע טויט־גילדענע בעסוילעם־גראָז נאָך א פארשווּנדן לעבן. די זעלביקע אויסטערלישע שווארצע פייגל. צי בין איך ניט איצט ארײַן אין גווּל פון א געשפענסטיקן כאָלעם? צי איז גאָרניט וואָרהאפטיק אף דער ערד? איך בין גאָרניט דאָ, לעבן יאם, וואָס רוישט אזוי זילבערדיק־דין הינטער מיר. איך גיי גאָר ארום דאָרטן, אף דער טויטער, פארשטאָרבענער געטאָ־ערד, ווּ איך באוויין נאָך אלץ מײַן קליין, אויסגעגאנגען טעכטערל. ווער איז ער — דער אויסטערלישער פרעמדער, וואָס גייט פאר מיר מיטן טשעמאָדאן אונטערן אָרעם? די גאנצע צײַט שווײַגט ער. בייס ער איז צוגעקומען צו אן אײַנגעפאלענער וואנט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אראָפּגעלאָזט דעם טשעמאָדאן אף דער ערד און זײַן פּאָנעם אויסגעדרייט צו מיר.

— איר ווייסט, פארוואָס כ׳האָב זיך אויסגעקליבן דאָס־אָ ווינקל? ווײַל ס׳דערמאָנט מיר דאָ אלץ — דאָרטן... אין יענער ערד... אין יענע יאָרן... סײַווי גיט מען דאָ ניט קיין ווױן־אָרט אן איינזאמען מענטשן. איז שוין בעסער דאָ — לעבן יאם. אליין... מיט גאָטס זילבערנע פישעלעך. צווישן טויטע שטיינער...

איך בין געווען פארכידעשט, וואָס ער האָט איצט ארויסגעבראכט מיט ווערטער גראָד מײַנע מאכשאָוועס. איך האָב געוווּסט שוין פריִער, אז א סאך נײַ־געקומענע פארלאָזן די צוגעטיילטע וווין־ערטער און שטעלן זיך אוף א וווין־ווינקל דאפקע דאָ, צווישן די יאפער כורוועס. סראָוו האָבן עס געטאָן די געקומענע פון פוילן. צי האָט זיי די ערד געצויגן מיט איר כאָרעוון טויטן־קישעף, וואָס זיי האָבן מיטגעבראכט פון דאָרטן? צי איז ניט אף אייביק געפאנגען פון דעם־אָ קישעף דער, וואָס האָט פארלאָזט די בריק פון לעבן און איז נאָר איין־און־איינציק מאָל ארײַן אין גווּל פון טויט?

דאָס פינצטערע שטיקל אָרט, ווּ ער האָט מיך ארײַנגעפירט, איז געווען א האלב־צעפאלענע כורווע פון אן אמאָליקער שטוב, מיט א צעריסן הענגענדיק באלקאָנדל פון א צווייטן פארשווּנדענעם ביניען. דאָס באלקאָנדל האָט געדינט פאר דער שטוב־נאָרע ווי א סטעליע. ניט ווײַט פונדאנען האָט טאקע געסטארטשעט א קוימען נאָך א פארשווּנדן אראביש הײַזל. אפן דיל אין דער נאָרע זײַנען נאָך געלעגן אויסגעפלאסטערט עטלעכע קאָליריקע דיל־שטיינער, אָבער סראָוו איז דער נאָרע־דיל געווען א נאקעטער, און פון דער ערד האָבן אויך דאָ געשפראָצט מעשונעדיקע טויטן־גרעזער פון א ציגל־רויטן קאָליר. קיין פענצטער איז ניט געווען, נאָר א גרויסע עפענונג אין דער פאָדערוואנט, וואָס איז געווען פארהאנגען מיט א לײַלעך. די שטוב־נאָרע איז געווען גענוג לאנג, אזוי אז ס׳איז געווען אָרט פארן אײַזערנעם בעטל, וואָס איז געווען איבערגעצויגן מיט א צעדריבלטן, אלטן פלעד. אף א פאָר לויזע בלאָק־שטיינער איז געשטאנען א נאפט־מאשינקע, וואָס האָט געלויכטן מיט א טיף־טהאָמיקן, שווארצן בליאסק און האָט אויסגעזען ווי א טויטן־לאָמפּ אף א ניט־ייִדישער לעווײַע. ווי נאָר דער פרעמדער איז אריבער די שוועל פון דער געוועזענער שטוב, האָט ער גיך ארונטערגערוקט דעם טשעמאָדאן אונטערן אײַזערנעם בעטל, און, אראָפּנעמענדיק פון קאָפּ דעם שטרוי־הוט, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— אָט איז מײַן פּאלאץ... זיצט דאָ, אפן בעטל... איר קענט מיך רופן באם נאָמען. בינאָמין. באלד וועלן מיר אָנצינדן דעם פּריפּעטשעק. „אפן פּריפּעטשעק ברענט א פײַערל”... באלד וועלן מיר פּרעגלען די פישלעך, וואָס וועלן אונדז זאט מאכן. זאָגט, — האָט ער זיך פּלוצעם געווענדט צו מיר, און איך האָב דערזען אין זײַנע אויגן א גרינלעכן שימער פון א וואנזיניק, ניט־פארלאָשן פײַער, — צי קען מען ניט לעבן אף דער ערד, סײַדן נאָר דורך רויב און טויט?

איך האָב גאָרניט געענטפערט און זיך אוועקגעזעצט אפן נידעריקן איינזאמען בעטל.

ער האָט דערווײַל זיך געפּאָרעט בא דער מאשינקע, זי אָנגעצונדן און ארופגעוואָרפן אף א פּאטעלניע די געפאנגענע, אָפּגעשטאנענע פישלעך. אין דער נאָרע ארום אונדז האָט זיך אופגעהויבן א שווערער, שארפער גערוך. איך האָב געזען, אז בינאָמין האָט קורצע, געקרײַזלטע

האָר פון א העל־גראָען קאליר, וואָס דערמאָנט
א פארעגנטן שניי.

אינצווישן איז אין דרויסן געוואָרן שוין גוט ליכטיק. דאָ, אין דער נאָרע, איז געווען קיל, ווילגאָטנע ווי אין א קעלער. אין דרויסן האָט שוין די זון געוואָרעמט מיט איר ערשט־געבוירן פײַער. מיר זײַנען בײדע דערנאָך געזעסן אפּן נידעריקן בעטל און געגעסן די געפּרעגלטע פישלעך. ער האָט אויך אופגעקאָכט וואסער און זי פארשאָטן מיט עטלעכע קאווע־שטויבלעך, איך האָב געהאט דאָס געפיל, אז באלד וועט זיך פאר מיר אנטפּלעקן נאָך עפּעס א סאָד פונעם דאָזיקן אויסטערלישן מענטשן אין דער נאָרע.

ער האָט זיך טאקע אײַנגעבויגן, געקניט אפּן דיל און ארויסגעצויגן פון הינטערן בעטל דעם טשעמאָדאן. אופהייבנדיק זיך פון דיל, האָט ער מיר שארף און קונדייסעדיק ארײַנגעקוקט אין די אויגן.

— און איצט טרעפט: וואָס קען א ייִד פון דאָרטן האָבן אין דעם טשעמאָדאן?

— וואָס האלט מען אין א טשעמאָדאן אין אזא פּאלאץ? א מאלבעש, א ביסל וועש... — האָב איך געפּרוּווט טרעפן און געזען, ווי ער האלט פארמאכט די אויגן, בייס די אויגן־לעדלעך זײַנע האָבן אונטערגעציטערט.

— נו... נו... — האָט ער אפּסנײַ סוידעסדיק געשמייכלט, ווײַזנדיק זײַן אָנציינדיקע יאסלע. — עפּשער האָב איך דאָ... א גרויסע ירושע?

איך האָב ניט געוווּסט, פארוואָס ס'איז מיר איצט ארויסגעפאלן פון מויל דער דאָזיקער ענטפער:

— ביניאָמין, יעדער טראָגט זײַן ירושע אין הארצן, און ניט אין א טשעמאָדאן...

ער האָט אַף מיר ארופגעלייגט זײַן האנט. כ'האָב געזען, אז ס'פעלט אים דער מיטלסטער פינגער.

— און אז ס'הארץ הערט אוף צו קלאפּן — איז אויס ירושע, וואָס? און אז זיי, דאָרטן, זײַנען מער ניטאָ, האָבן זיי גאָרניט געלאָזט בעירושע?

— ווער?

— די טויטע. די טויטע ייִדן...

איך האָב ניט געוווּסט וואָס אים אפּצוענטפערן.

ער האָט אפּסנײַ ארופגעלייגט אַף מיר זײַן אָנפּינגערדיקע האנט.

— און איך האָב דאפקע פון דאָרט מיטגעבראכט די ירושע... אין דעם־אָ טשעמאָדאן...

איך האָב אים אָנגעקוקט פארכידעשט. איך האָב געוווּסט שוין פון זיך זעלבסט, אז אין אָפּגעצוימטער איינזאמקײַט הייבט דער מענטש אָן אָפּטמאָל צו ריידן אומקלאָרע, פארנעפּלטע רייד. צי געהערט ער ניט צו די, וואָס זײַנען געפאנגען פון א ניט־דאָזיקער, פארקישעפטער וועלט?

— אין הארץ פון דעם פידל ליגט די גאנצע ירושע מײַנע... — האָט ער צו מיר געפליסטערט ווי פון שלאָף, ניט עפענענדיק די אראָפּגעלאָזטע אויגן־לעדלעך.

— ? ? ?

ער האָט זיך אײַנגעבויגן און אונטערגעהויבן דאָס דעקל פון טשעמאָדאן.

אינווייניק, אין טשעמאָדאן, איז געלעגן אן אלטער, פּאָשעטער, ייִדישער פידל. דאָס האָלץ איז געווען ניט ברוינלעך, נאָר ערדיש־שווארץ. ער האָט געגלאנצט, דער פידל, מיט א טרויעריקער, גליטשיקער פײַכטקײַט, ווי האָלץ, וואָס ליגט אַף א רעגן. די סטרונעס, גראָע, איבערגעריסענע, זײַנען געלעגן פארקורטשעטע איבער דער עפענונג פונעם פידל־הארץ. פון איין זײַט איז דער פידל געווען א ביסל געשפּאָלטן און ס'האָט אויך געפעלט דער קין־אָנהאלטער. אכוץ דעם פידל, איז אין טשעמאָדאן גאָרניט ניט געלעגן.

— אָט איז זי, מײַן ירושע...

— איר שפּילט פידל?

— געשפּילט. אמאָל. אמאָל... אָבער זינט ער איז געלעגן אויסבאהאלטן אין א קייווער...

— אין א קייווער?

— צוויי יאָר געלעגן פארגראָבן אפּן בעסוילעם. אינעם בערגל פון א געטאָ־קייווער. צוויי יאָר האָבן זיי מיך געשלאָגן, די דײַטשן, דאָ, אפּן קאָפּ... איר זעט? די קנייטשן אַף מײַן שארבן זײַנען פון די קלעפּ... אָבער דעם פידל — האָב איך ניט אוועקגעגעבן... ערשט נאָך דער מילכאָמע האָב איך אים געפונען... צוערשט האָב איך געהאט פארגעסן, ווו איך האָב אים פארגראָבן... צענדליקער געטאָ־קוואָרים האָב איך געמוזט דורכגראָבן... די טויטע וועלן מיר מויכל זײַן, עמעס? ער איז טאקע געלעגן אין דעם־אָ טשעמאָדאן... און איצט — זײַנען מיר ביידע דאָ... איך און מײַן ירושע. דער קיניג דאָוויד און זײַן פידעלע. כע... כע...

ער האָט טרוקן־הויל געלאכט. פאר מיר איז שוין געווען קלאָר, אז פאר מיר אין דער נאָרע שטייט א מענטש, וואָס איז באזעסן פון א שיגאָען. זײַנע פינגער האָבן געציטערט, בייס ער האָט געגלעט דאָס שווארצע פידל־האָלץ און אויך די פארקנוילטע, גראָע סטרונעס. ער האָט דערנאָך אופגעהויבן זײַן פּאָנעם פונעם געעפנטן טשעמאָדאן. זײַנע אײַנגעפאלענע באקן, גראָע ווי זאמד, זײַנען געווען צעשניטן פון א קרוימער יעסורים־טנוע. זײַנע אויגן זײַנען געווען פארגאָסן מיט טרערן, בייס ער האָט בלויז נאָכאמאָל איבערגעכאזערט די לעצטע ווערטער:

— דער קיניג דאָוויד און זײַן פידעלע...

כ'האָב זיך אופגעשטעלט פון בעטל און גע־
וואָלט וואָס גיכער פאַרלאָזן די נאָרע. מינאַס־
טאַם זײַנען עס געווען די פּלוצעמדיקע טרערן
פון דאָזיקן וואַנזיניקן מענטשן, וואָס האָבן מיך
נאָך צוריקגעהאַלטן. ער האָט מיך אָנגענומען
באַ דער האַנט און געדריקט מײַנע פינגער.

— אַז איר וועט אַמאָל קומען אַהער און
טרעפן מײַן פּלאַץ ליידיק — און בלויז דעם
טשעמאָדאַן, — נעמט זיך דעם פידל... איר וועט
אין אים געפינען מײַן ירושה...

איך האָב שוין אפילו ניט געהערט זײַנע
אומקלאָרע רייד. ער האָט מיך צוריק אַרויס־
געפירט פון דער נאָרע און געגאַנגען מיט מיר
צוריק צום יאַם־ברעג. ס'איז שוין געווען
שטאַרק הייס. דער יאַם איז געלעגן אונדז צו־
פוסנס ווי צעשמאָלצן זילבער. ער האָט גע־
האַלטן זײַן האַנט אונטער מײַן אָרעם, ווי מיר
וואָלטן געווען שוין יאָרן גוט־באַקאַנטע.

— קומט באַנאַכט... וועלן מיר כאַפּן פיש באַ
דער לעוואָנע... כ'וועל וואַרטן אַף אײַך אַפן
פעלדז. אין האַלבער נאַכט... און פאַרגעסט ניט:
די ירושה פון קיניג דאָוויד אין טשעמאָדאַן...
דאָס איז פאַר אײַך... נאָר פאַר אײַך... גוט?..

איך בין ניט געקומען צו אים, קעדיי צו
פאַנגען פיש באַ דער פולער לעוואָנע, ניט צו־
מאָרגנס און אויך ניט איבערמאָרגן. אַלץ איז
פאַר מיר געווען יענע טעג אומקלאָר — און
אויך דער־אָ פאַרצווייפלטער מענטש און זײַנע
האַלב־וואַנזיניקע רייד. איך אַליין האָב אופגע־
הערט צו גיין פאַרטאָג באַם יאַפער יאַם־ברעג
און אַנטלאָפן פון דער יאַם־איינזאַמקייט. כ'האָב
געזוכט אפסנײַ אַ וועג, קעדיי אויסצומישן זיך
מיט מענטשן. איך האָב געוווסט: דאָס איז די
בעסטע רעפּוּע פאַר שלאָפלאָזיקייט און נאַכט־
וואַנדלונג, פון וואָס איך האָב אַ לאַנגע צײַט
געליטן אין דער נײַער ייִדישער שטאָט. איך
האָב טאַקע אויך זייער גיך פאַרגעסן אין דער
אויסטערלישער באַגעגעניש מיטן פרעמדן.
אָבער אַף דער צווייטער וואָך, נאָך פאַר זונ־
אופגאַנג, האָבן מיך יענע טויטע ערד און דער
יאַם־פעלדז אפסנײַ געצויגן צו זיך. איך בין
דאָרט אָנגעקומען נאָך פאַרן אופגאַנג פון דער
זון. איבערן יאַם־הימל זײַנען נאָך געהאַנגען די
נאַכט־שטערן אין זייער אייביקער פינקלענדי־
קער מאַכט.

ווידער האָב איך געזען פונדערווײַטנס דעם
פעלדז, דאָסמאָל אַ ליידיקן, אין דער פאַלנדי־
קער גרינער ליכט פון דער לעוואָנע און פון
די נידעריקע יאַם־שטערן. קיינער איז דאָרט
ניט געווען. מיסטאַמע איז בינימין נאַרוואָס
אַוועק פון אַ נאַכט־פאַנג. איך האָב זיך געלאָזט
גיין מיטן פּיצל זאַמד־פּאַס, וואָס האָט פאַר־
בונדן דעם פעלדז מיט דער ערד. שוין פונדער־
ווײַטנס האָב איך דערזען אַ גרויסן טונקעלן
פלעק אַפן סאַמע שפּיץ פון פעלדז. בייס כ'בין
צוגעקומען, האָב איך ערשט געזען: דאָס איז
געלעגן אַזוי דער טשעמאָדאַן און אויך אַ בלע־
כערן פּושקעלע מיט וואַסער. כ'האָב זיך אַוועק־
געזעצט וואַרטן. בינימין איז אַוואַדע אַוועק
צו זיך, אין זײַן פּאַלאַץ, און ער וועט באַלד
צוריקקומען. די צײַט איז געפלאָסן. דער יאַם
אונטן און אַרום מיר איז געווען שוימיק און
גרינלעך־גראָ. מעוועס אָדער פלעדערמײַז האָבן
געקרײַזט איבער מיר ניט ווײַט פונעם פעלדז.
איך ווייס ניט, ווי לאַנג כ'בין אַזוי געזעסן.
ס'האָט געמוזט דויערן אַוואַדע שאָען. מיך איז
באַפאַלן פּלוצעם אַ פּאַכעד. צי איז ניט געשען
מיט אים עפּעס שלעכטס? מײַן אויג איז גע־
פאַלן אַפן אַלטן טשעמאָדאַן. פאַרוואָס האָט ער
דאָ, צום פישפאַנג, מיטגעבראַכט דעם האַלב־
צעפּאַלענעם טשעמאָדאַן? עפּעס האָט מיך גע־
שטויסן אים צו עפענען. דער שוואַרצער פידל
איז געלעגן אינעם טשעמאָדאַן און אַף אים אַ
קליין צעטעלע פאַרשריבן אין ייִדיש.

„— — —...איך בין געקומען פון טהאָם — און
דער טהאָם האָט מיך גערופן... דער יאַם איז
בעסער ווי די ערד... בין איך אַוועק צו אים...
די ערד איז אַ בריק צו אַ צווייטן ברעג... עפּ־
שער איז דאָרט, אַף דער צווייטער זײַט בריק,
גאָט גנעדיקער צום מענטש... נעמט דעם פידל
פאַר זיך... די ירושה איז פאַר אײַך... אין זײַן
האַרץ־כאַלעל וועט איר געפינען אַלץ... זײַט
מויכל...“

# די געזעגעניש באַם ברעג

(פראַגמענטן פונעם בוך „דאַניִעלס רײַזע”)

זיי זײַנען געגאַנגען געלאַסן און זיך קיי־מאָל ניט איבערגעוואָרפן מיט קיין איין וואָרט. ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צום פּלאַץ פון דער אויסשטעלונג, האָבן זיי דערזען דעם יאַם.

דאַניִעל האָט אַ מורמל געטאָן: אַזויפיל ליכט... די שטראַמיקע שײַן האָט געפּלייצט און אים צוגעמאַכט זײַנע פּילבאַר־ליכטיקע אויגן. דאַן האָט ער דערהערט סרולס קאָל:

— הײַנט איז דײַן געבורטסטאָג?

— יאָ, פונוואַנען ווייסטו?

— יאָעל האָט מיר געזאָגט.

— דו באַגעגנסט זי אַמאָל?

דאַניִעל האָט עס אָפּגיך אַ פרעג געטאָן, גלײַך ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, ער זאָל באַלד ניט כאַראָטע האָבן.

— יאָ, — און נאָך אַ מינוט שווײַגן, — בלויז צופעליק.

סרול האָט דאָס וואָרט „צופעליק” אַרויסגע־זאָגט פּאַמעלעך און מיט אַ געוויסן קיוון. דאַניִעל איז צופרידן, וואָס די בלענדיקע זון־שײַן שטערט אים איצט אַ קוק טאָן גלײַך אין די אויגן אַרײַן זײַן כאַווער. „ווען דו דערזעסט אָף אים אַ קוים מערקבאַרן שמייכל, האָט דאַניִעל אַ טראַכט געטאָן, ביסטו נאָך ערשט דעמלט אין סאָפעק: צי דאָס איז בלויז דער אָפּגלאַנץ פון זײַנע ברילן־גלעזלעך, צי דאָס באַהאַלט ער אַזוי הינטער זיי זײַן אַ שפּאָטיש־איראָנישן בליק”.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צום צופלוס פונעם טײַך יאַרקאָן. צו אָט יענער, ניט גרויסער לעפצונג, וואָס איז פול מיט יאַם־אָפּפאַל, מיט פישער־נעצן, מיט דורכגעלעכערטע מושלען, מיט איבערגעפוילטע קרעפּסן, פאַרפּלאָנטערטע אין יאַם־פלאַנצן, און קאָלערליי אַנדערע מינים דרויב און קויט, וואָס איז אַהער געבראַכט געוואָרן מיטן וואַסער־פלוס. דער שאַרפער רייעך, אַן געמיש פון זאַלץ מיט צעפױלטן שימל, האָט דאָ אָנגעפילט די לופט. דאַניִעל האָט ליב געהאַט צו שפּירן אָט די שטאַרקע רייכעס, ער האָט מיט קינע געקוקט אָף די פּילדערנדיקע מעוועס, וואָס האָווען דאָ אַרום. „ווי ענלעך איז אָט דער רייעך אָף עפּעס אַ טערפּקע ליבע־אַראָמאַט”, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. עפּשער אויך אָף דער באַזונדערער ווייכער דופּטיקייט פון זײַן ליבע צו יאָעלן... און ער האָט באַ זיך אַ פרעג געטאָן: צי צעווייעט זי אַזוי אויך אירע צעפּלאָכטענע צעפּ מיט סרולן, בייס זי פאַרוואָרפט די האָר אירע אָפן אייגענעם פּאָנעם און אויך אָף זײַן געזיכט? צי פאַרדעקט זי ניט מיט די האָר די אויגן, זײַנע און אירע, אָף צו פרײַ מאַכן זיך מיט דער גלוסטונג, און אַרײַנזאַפּן די באַפרידיקונג ביז צו שפּענט. דאַניִעל האָט ליב געהאַט אָט דאָס אָנשטעקן זיך מיטן שאַרפן יאַם־רייעך.

— אָטעם טיפער! — האָט באַפוילן דער פאָטער און איז ניט אָפּגעטראָטן פון אים, ביז ער, דאַניִעל, נאָך דעמלט אַ פינפיאַריקער קאַראַפּוז, האָט ניט אָנגענומען קיין פולע לונגען מיט לופט. „אין אָט דעם דאָזיקן רייעך, — האָט אים געזאָגט דער טאַטע, — איז פאַראַן ניט נאָר דער טאַם פון געזונט זײַן, נאָר אויך די קראַפט פון עמעס”. דער טאַטע איז דאָ געלעגן אומבאַוועגלעך אָפן זאַמד. זײַנע הענט צעוואָרפן, ווי זיי וואָלטן באַזונדער אָפּגערוט, און גלײַך ווי ער וואָלט געשלאָפן, אָדער זיך אײַנגעהערט אין עפּעס אַזוינס, וואָס ס'טוט זיך אין די זאַמד־טיפענישן. אָט אין אַ יענעם טאָג איז דער פאָטער פאַרשוווּנדן.

— דו האָסט עפּעס געזאָגט? — האָט געפרעגט סרול.

— ניין. סאַראַ גוטע לופט.

— מיט אַ גוטער דאָזע פאַרצווייפלונג, — האָט אַ ברום געטאָן סרול.

— וואָס זאָגסטו?

— גאָרניט, — האָט געענטפערט סרול, — איך מיין, אַז דו זאָגסט עפּעס!

— הם־הם, — האָט אָפּגעשוויגן דאַניִעל.

סרול האָט אָנגעבלאָזן דעם גומי־מאַטראַץ,

דערנאָך לאנג געווישט די ברילן. א סימען, אז ער ווארט אף עפּעס.

— ס׳בריט, — האָט געזאָגט דאניִעל.

— וואָס זאָגסטו?

— דער זאמד בריט.

— וואָס בריט?

— דו הערסט ניט, וואָס מע רעדט צו דיר?

— איך הער זייער גוט. איך טראכט וועגן עפּעס אנדערש. איך האָב געטראכט... איך בין באומרויִקט, איך פרעג בא זיך... צי ביסטו ניט אוועקגעגאַן ניט צופעליק... צי האָסטו ניט פארלאָזט דײַן היים... איך האָב אין זינען...

— וואָס גאָר פּלוצעם?

— אזא געדאנק בא מיר.

דאניִעל איז מיטאמאָל ארײַנגעשפּרונגען אין וואסער, נאָך אים איז אויך ארײַן סרול. זיי זײַנען באנאנד געשווומען און געשוויגן...

העכער צוויי שאָ האָבן זיי קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט. זיי האָבן אפן הייסן זאמד אופגעשטעלט דאָס קליינע בײַדל, וואָס דאניִעל האָט געבראכט מיט זיך. ס׳איז געווען א צופלוס, און די כוואליעס האָבן פארכאַפּט אלץ מער שטעטך באם ברעג. סרול האָט עס פּאָרויסגעזען, האָבן זיי גענומען אונטערהייבן דאָס לײַוונטענע ווענטל פונעם בײַדל. סרול האָט עס געטאָן גאנץ געשיקט און זייער פּינקטלעך, נאָר אף צולייגן קויעך און אָפּציִען די פאלדן פון די ווענט האָבן דאניִעלס הענט מערער געטויגט. זיי זײַנען ביידע געווען פון איין ווּוקס, און זייערע קערפּערס אָנגעצויגן שטײַף, און מוסקולארטיק, נאָר די זון איז מער געניינט געווען צו סרולן ווי צו דאניִעלן, וועלכער האָט דאפקע ליב געהאט זיך לאָזן ברענען און בראָטן אונטער אירע שטראלן. סרול איז לעכאטכילע גלײַך און אף שטענדיק פארברוינט געוואָרן, און ביז צו הײַנטיקן טאָג. דאניִעלס קערפּער אָבער איז אָפּט באדעקט געוואָרן מיט ברייבלאָטערלעך און מיט אן אַפּגעשיילטער הויט. סרול האָט געטראָטן פעסט און זיכער מיט די באָרוועסע פיס אינעם הייס־בריִענדיקן זאמד, און דאניִעל האָט געשטעלט די טריט זײַנע אף א פרעמד־אויסגעטראָטן אָפּגעקילט שטעגל. האגאם ער איז אויך געקראַכן מיט אלפּיניסטן איבער די בערג, זיך אָפּגעגעבן מיט קאָלערלייטרעניִרונגען, געשפּרונגען מיט א פּאראשוט. ער האָט אלץ געטאָן אף צו בײַקומען זײַן פיזישע אָפּגעשטאנענקײַט. נאָר אָן די שיך אף די פיס האָט דער זאמד געברענט זײַנע טריט, די יאַמשטיינדלעך האָבן בא אים געריסן די הויט פון די פּיאַטעס, און די עגדעשן האָבן מיט זייער שפּיזיקן גיפט אים צעביסן און צעשטאָכן. ער האָט זיך געשראָקן ניט אזוי פאר די מעכטיקע כוואליעס אין יאם, ווי פאר דער זאלץ אינעם שלונג און אין די אויגן. ער האָט דאָס דאפקע

אלץ ליב געהאט, אָט די אלע ניסיוינעס אינעם קאמף מיט זײַנע שוואכקײַטן, נאָר די ליבע, צום באדויערן, איז געווען אן איינזײַטיקע און א זייער קרענקלעכע.

ביידע כאוויירים האָבן זיך אונטערגעטוקט אינעם וואסער, איין מאָל און א צווייט מאָל, געקוקט אף די פישער־שיפלעך, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט צום מיטיק עסן, מיט די אויסגעשפּרייטע נעצן אפן פּאָדערדעק. דערנאָך זײַנען זיי געלעגן אויסגעצויגן באם וואסערפּאַלעבן רידינגס עלעקטראָסטאנציע, מיט די פיס אונטערגעשפּארט די גליטשיקע וואנט־קלעצער פון די שליוזן. זיי האָבן נאָכגעקוקט די געציילטע בײַברעגיקע פויגלען, וואָס האָבן ארומגעשוועבט ארום זיי אין ברייטע קרײַזן. ס׳האָט זיך געקאָנט דוכטן, אז עמעצער פון די צוויי ליגנדיקע וועט פּאָרט באלד עפּעס א זאָג טאָן, נאָר זיי האָבן געשוויגן. אויב איינער האָט יאָ עפּעס א מרוקע געטאָן, איז אינעם וואסער ארײַן, אזוי, אז דער כאווער זאָל גאָרנישט ניט פארשטיין. א לאנגע צײַט האָט יעדערער פאר זיך ארײַנגעקוקט אינעם וואסער, ביז סרול האָט זיך מיטאמאָל א הייב געטאָן און בעקויל־ראָם געמאָלדן, אז ער גייט אוועק. דאניִעל האָט נאָך אלץ געשוויגן. סרול האָט זיך אָנגעטאָן, צונויפגענומען זײַנע זאכן, א לײַכטן הוסט געגעבן און זיך גענומען צוקעמען. ער האָט שוין געהאלטן באם אויסווישן די גלעזלעך פון די ברילן, און דאניִעל האָט נאָך אלץ געשוויגן. דאן האָט סרול געזאָגט, אז ער לאָזט אים איבער דעם גומי־מאטראץ אלס מאטאָנע צו זײַן געבורטסטאָג. „א דאנק״, — האָט געזאָגט דאניִעל און זיך באקוועמער אויסגעצויגן אפן נאקן, אינעם שאָטן, באם ווענטל פונעם בײַדל. נאָר ווען סרול איז טאקע אוועקגעגאנגען, האָט אים ווי פארכאַפּט דער אָטעם. אָבער ווען יענער האָט זיך אף א ווײַלע אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקערט צוריק, האָט דאניִעל ווידער פרײַ אָפּגעעטעמט.

— הער, דאני, — האָט סרול אָנגעהויבן גאנץ שטיל און געלאסן, — דו ווייסט, אז דײַן מוטער...

— גענוג!

— טו וואָס דו ווילסט. מיר איז אלצייגס. נאָר האָב אין זינען, איך בין דער לעצטער, וואָס איך האָב דיך געזען, און כ׳וועל דארפן געבן א טשוווע.

— א נישטיקע דעטאל, א ריין טעכנישע.

— גאָרניט קיין ריין טעכנישע... — האָט זיך סרול אף א ווײַלע פארטראכט און געקנייטשט דעם שטערן, — ניט קיין טעכנישע, נאָר א ריין מענטשלעכע, זײַ מיר מויכל, וואָס איך זאָג עס דיר. דײַן פּאָטער איז אויך אזוי אוועק און איז פארשווונדן געוואָרן, און אויב דו וועסט אויך אזוי פּלוצעם ניט בלײַבן און גאָרנישט ניט צו

ווייסן געבן וועגן זיך, ווען געשען אן אומ־
גליק, — אין זײַן שטים האָט זיך געהערט א
טיפער אומרו.

— זאָג זיי, — האָט א הייב געטאָן דעם קאָפּ
דאַניִעל, — זאָג זיי, ער איז אוועק אין די זאַמדן,
אָט אַזוי זאָג זיי.

— וואָס הייסט עס? א שפּאַס?

— ניט קיין שפּאַס, — האָט געענטפערט דאַ־
ניִעל און איז אופגעשטאַנען.

סרול האָט געוואַרט, וואָס נאָך וועט ער זאָגן.

— גוט, דו ווילסט א פּיירעש דערצו. דו
ביסט דער פּיירעש, דו אַליין. און איך מײַן
באַשלוס ענדער ניט.

...זיי זײַנען דורכגעגאַנגען פאַרבײַ א פּאָר־
פּאָלק, וואָס האָט געשפּילט אין טעניס. דאַניִעלן
איז אַרײַנגעפאַלן אין דער האַנט די פּילקע,
וועלכע ער האָט א וואָרף געגעבן צו די באַלע־
באַטים. זײַנע צונויפגעפּרעסטע ליפּן האָבן זיך
צעעפנט אין א טרויעריק־פאַרבאָרגענעם
שמייכל. סרול איז אים נאָכגעגאַן א פאַרטראַכ־
טער און א געהאָרכזאַמער. ער האָט זיך ווי
געהיט ניט דורכצולאָזן קיין מינדסט וואָרט,
וואָס דאַניִעל וועט אַרויסברענגען.

— ווען איך בין א קינד געווען, האָט דער
טאַטע מיך גענומען אפן באַרג מעצאַדע. איך
בין דאָרט געשטאַנען פון אויבן, באַטראַכט דעם
אַרום און האָב מוירע געהאַט. דער טאַטע האָט
דערציילט וועגן די טונקעלע בערג אפן מיזרעך,
און וועגן די ווײַסע מײַרעוו־בערג, וועגן יאַם,
און וועגן דעם שיידים־טאָל, און ער האָט צו
מיר געזאָגט: „דאָס איז, זון מײַנער, אַלץ דײַנס".
איך געדענק עס פּינקטלעך, ער האָט עס צוויי
מאָל איבערגעכאַזערט. דאָס ערשטע מאָל עט־
וואָס גלײַכגילטיק... איך האָב שרעקלעך מוירע
געהאַט. איך האָב אָנגעכאַפּט זײַן האַנט און
געבעטן, מיר זאָלן זיך אַראָפּלאָזן. ער האָט מיך
אַרומגענומען, און אין זײַנע אָרעמס האָב איך
זיך געפילט ווי אין א פעסטונג. דעמלט האָט
ער עס איבערגעכאַזערט צום צווייטן מאָל. ער
האָט געזאָגט מיט א פעסטער שטים, און יעדער
וואָרט באַזונדער: „דאָס איז אַלץ דײַנס, מײַן
זון". מיר איז איצט אַלצײנס, נאָר צוליב וואָס
דערצייל איך עס דיר? ווײַל די טונקעלע בערג
אף מיזרעך און די ווײַסע מײַרעוו־בערג האָבן
מיר דעמלט אויסגעזען צו גרויס און ווײַט. און
איך האָב פאַר זיי מוירע געהאַט. איך האָב ניט
געקענט באַנעמען דעם טאַטנס ווערטער. איך
האָב זיי געוואָלט פאַרשטיין, און ניט געקענט.
ווײַל דער איינציקער אייל ערד, אף וועלכן איך
בין געשטאַנען, ווען איך האָב געקוקט אף די
ווײַטע בערג, איז ניט געווען מײַנער. איך ווייס
ניט, וויאַזוי איך זאָל עס דיר דערקלערן. די
גרייס פון די בערג האָבן בא מיר צוגענומען
אָט דאָס דאָזיקע שטיקל ערד, וואָס האָט זיך ווי
געטרייסלט אונטער מײַנע פיס. ווען אָט דער זעל־
בער טראָט באָדן, אף וועלכן איך בין געשטאַ־
נען, זאָל טאַקע געווען זײַן מײַנער, ווען איך
זאָל עס געווען בעכוש דערפילן, וואָלט עפּשער
אַלץ אוועק אַנדערש... נאָר איך האָב עס ניט
געפילט, און איך האָב זיך געבעטן צום טאַטן
אף די הענט... אָט אַזוי, ברודערקע!

— דאָס איז דאָך געווען מיט פיל יאָרן צו־
ריק. ניט ריכטיק?

— נו יאָ. און איצט? קוק זיך גוט אַרום...
און איצט? זאָג! — דאַניִעל האָט אַראָפּגעלאָזט
דעם קאָפּ אפן זאַמד, גענומען צונויפשאַרן מיטן
פוס א בערגל, און סרול האָט באַטראַכט דעם
אַרום. ער האָט געזען מענטשן, וועלכע האָבן
געהאָוועט, אַרומגעגאַנגען הין און הער, עפּעס
זיך געפּאָרעט באַם יאַם־ברעג. ער האָט געזען
פייגל, וועלכע האָבן געמאַכט ברייטע קרײַזן
אין דער לופט אַרום דעם קליינעם טײַך־צופלוס.
ס'איז געווען א טיפער און א הויכער הימל, אַן
אײַנגעטונקענער אין די בלענדיקע זון־שטראַלן.
די זון איז איצט געשטאַנען קימאַט איבער
זייערע קעפּ און האָט אומבאַראַכמאָנעסדיק
געבריט און געבראָטן.

— א כמימע אזא... — האָט געענטפערט סרול,
און אין זײַנע אויגן — שפּאַטישע פונקען. „עפּ־
שער איז דאָס דערפון, וואָס די שײַן שלאָגט זיך
אַזוי אָפּ דורך זײַנע ברילן־גלעזלעך?" — האָט
א טראַכט געטאָן דאַניִעל. — זייער הייס. ניט
עמעס? — האָט איבערגעכאַזערט סרול.

— איז וואַרף אַראָפּ די בגאָדים דײַנע, און
לאָמיר נאָכאַמאָל גיין צום וואַסערפאַל, — האָט
פאָרגעלייגט דאַניִעל.

זיי האָבן זיך אומגעקערט צום געצעלט, וואָס
זיי האָבן דאָ אופגעשטעלט. סרול האָט זיך גע־
נומען אויסטאָן, און דאַניִעל האָט אָנגענומען
א זשמעניע זאַמד און באַטראַכט דעם גאָלדע־
נעם שטויב, וואָס איז געפלאָסן צווישן די פינ־
גער.

— נו, יאָ, — האָט געשמייכלט סרול, — דאָס
ווילסטו אַזוי אײַנהאַלטן אין דער דלאָניע דעם
הויפן זאַמד אָדער דעם שלונג וואַסער... און
אַזוי ווײַטער... ווי ס'שטייט דאָרט געשריבן אין
איינעם אַן אָרט: „און דאָס וואַסער וועט אויס־
רינען, און דער זאַמד וועט צעשאָטן ווערן",
און זאָל לעבן קויהעלעס... — האָט סרול א טאַנץ
געטאָן און גענומען טרענירן דעם נאַקעטן
קערפּער, — איך בין גרייט.

— ניין, סרול, — האָט געזאָגט דאַניִעל, און
זײַנע אויגן אַלץ אײַנגעגראָבן אינעם ביסל
זאַמד אף דער דלאָניע, — ניט וועגן וואַסער,
וואָס וועט אויסרינען, און ניט וועגן זאַמד, וואָס
וועט צעשאָטן ווערן... איך קוק אפן זאַמד, וואָס
מיר איז געבליבן, אָט דאָס דאָזיקע ביסל זאַמד
אינטערעסירט מיך. איך קוק אף דעם און זע

עס ניט. איך הער זיך צו צו דעם און הער עס ניט. אַט דאָס דאָזיקע איינצלנע זעמדעלע איז טויב פאַר מיר, אָדער איך בין בלינד פאַר דעם. הער אויס, סרול, און פּרוּוו מיך פאַרשטיין. מע האָט מיר צוגעזאָגט... וואָס האָט מען מיר נאָר ניט צוגעזאָגט? דעם גאַנצן וועלטאַל, און ס'איז ניטאָ אַפילו קיין איינציק זעמדעלע, וואָס זאָל זײַן מײַן אייגנס. דו לאַך ניט, סרול! איך ווער פאַרציטערט, ווען איך טראַכט וועגן דעם. איך האָב זיך הײַנט אינדערפרי באַקוקט אין שפּיגל, און איך דערקען זיך ניט. איך האָב אַ קלער געטאָן: ווו זשע בין איך? ווו איז דאַניעל? איך האָב געזוכט דאַניעלן פון אונטער דער באָרד (עפּשער זאָל איך זי אָפּשנײַדן צו אלדי רוכעס?) אין די אויגן... כ'האָב שוין אַ טראַכט געטאָן: עפּשער איז דאָס ביכלאַל אַ ווּיסטער כאָלעם?.. און מיטאַמאָל האָב איך פאַרשטאַנען: בלײַב איך אין דער היים נאָך אַף איין טאָג, רוק איך אַרײַן אַ מעסער אין אַ זײַט ראַסקינען. נאָר צוליב דעם אַף זיך אויסטשוכען פונעם שרעקלעכן כאָלעם. איך וועל אַלציינס... און ניט אַלץ אין דער וועלט, וואָס ווערט געטאָן, דאַרף אויסגעטײַטשט ווערן.

— ניט אַלץ. נאָר יעדער איינצלנער פאַל... באַזונדער, — האָט זיך סרול פאַרטראַכט זייער ערנסט.

זיי האָבן אַדורכגעשפּאַנט שווײַגנדיקערהייט ביז צום טיפן וואַסערפלוס, וועלכן זיי זײַנען אַדורך אין בראָד. פון יענער זײַט האָבן זיי זיך אַרופגעכאַפּט אַף די באַלקעס פונעם וואַסערפאַל, און זיי האָבן זיך צעלייגט נאַזנדיק, מיט די פיס אָנגעשפּאַרט אין די שטענדיק־פײַכטע וואַנט־קלעצער, און דעם קאָפּ און אַ טייל קערפּער אונטערגעשטעלט אונטערן וואַסערשטראָם. דאָס וואַסער איז מיט קראַפט געפאַלן, האָט זיי פאַרפּליעצט מיט גערויש און מיט האַסט, וואָס האָט אַזש פאַרכאַפּט דעם אָטעם. זיי האָבן ביידע דערפילט, אַז ערשט נאָך אַזאַ באָד וועלן זיי דאָ קענען ווי ס'באַדאַרף צו זײַן רעדן, און עפּשער גאָר פונקט פאַרקערט: קלוג שווײַגן.

— דו זעסט די בריק, — האָט געזאָגט דאַניעל, נאָכדעם ווי ער האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ אַף צו רעדן, — מיר זײַנען דאָרט געשטאַנען ביידע, איך און דער טאַטע, דאָס לעצטע מאָל. ער איז שוין געווען אָן דער מאַשין און אָן דער אוניפאָרם. ער האָט אַף מיר געקוקט און געשוויגן. איך האָב געוואַרט, ער זאָל עפּעס זאָגן. ער האָט שטענדיק געהאַט וואָס צו זאָגן עפּעס אַזוינס, אַ באַלערנדיקס. נאָר ער האָט דעמלט גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט נאָר געקוקט און געשוויגן, און ס'איז בײַ אים געווען אַ מאָדנער בליק אַזאַ. איך האָב אַף אייביק פאַרגעדענקט אָט דעם בליק, זײַן לעצטן בליק... כאָטש ס'זײַנען אַוועק נאָך עטלעכע טעג ביז זײַן פאַרשווינדן ווערן. נעכטן באַנאַכט, איך בין שוין געווען אַפּן געלעגער, אַ שטאַרק שיכּער, און אין דער האַדעניש ביזן געמייקעכץ, האָב איך אים פּלוצעם דערהערט רעדן. ער איז אַזוי ווי געשטאַנען דאָרט אַף דער בריק, ווי דעמלט, און געקוקט צו מיר מיט אָט אַ יענעם לעצטן בליק. ער האָט געזאָגט: „ווען ס'איז בײַ דיר ניטאָ די זיכערקײַט, אַז דײַן פרײַנט איז דיר אַ פרײַנט, ווען דו ביסט שוין ניט זיכער אין דער ליבע פון דײַנע סאַמע נאָענטסטע, ווען דו כאַפּסט זיך אויף, און דו האָסט ניט קיין כיישעק צו אויפשטיין; ווען דו הערסט אויף צו גאָלן די באָרד; ווען דו קוקסט אַף זיך אין שפּיגל, און ביסט אין סאָפּעק, אַז דאָס ביסטו, אַז דאָס, וואָס דו זעסט, איז טאַקע דאָס, וואָס דו זעסט; דו דערפילסט מיטאַמאָל, אַז דו פאַרשטייסט מער גאָרניט, — איז דעמלט, זון מײַנער, אַנטלויף. אַנטלויף, מײַן זון, וווהין די אויגן וועלן דיך טראָגן. לויף צו די ווינטן, לויף צום יאַם, צו די זאַמדן. הייב אָן פונעם סאַמע אָנהייב, זון מײַנער, פונעם ערשטן זעמדעלע". אַזוי איז געווען מיט אים אַליין. ער האָט זיך צוערשט אויפגעהערט צו גאָלן, און דערנאָך איז ער פאַרשוווּנדן...

— אָבער דו... — האָט זיך אַנגערופן סרול, — בײַ דיר... דו ביסט שטענדיק געווען... הער אויס! איך וויל דיר פאַרגעבן אַ פראַגע, איך ווייס, אַז ס'איז אַ נאַרישע פראַגע... מע קאָן ניט מאַכן קיין אויספיר פונעם ערשטן אײַנדרוק... און דאָך... דו ביסט יונג, פייִיק, אַ דערפאָלגרײַכער סטודענט, אַ דעסאַנט־אָפיצער, און ס'וואַרט אַף דיר אַ מיליטערישע באַלוינונג. דו האָסט אַ היים, און אין דער היים פעלט דיר גאָרנישט ניט. האָסט דאָרטן אויך ליבע, און אַ נאָענטן מענטשן. זי האָט דיך ליב.

— ניין, — האָט אויסגעפּראַלט דאַניעל און זיך שטאַרק פאַרכלינעט. ער האָט געהאַט אַ פול מויל מיט וואַסער.

— וואָס איז מיט דיר, דאַני?

דאַניעל האָט אַרויסגעלאָזט דאָס וואַסער פונעם מויל, אַ קעהיקע געטאָן, ערשט דאַן גאַנץ רויִק צו וויסן געגעבן:

— איך האָב געזען אַ טויטן מענטשן.

סרול האָט זיך צעלאַכט.

— מיט אַן ערעך אַ וואָך צוריק האָב איך באַגלייט אַ טויטן אַפּן בעסוילעם, דאָס איז געווען מײַן פעטער.

— איך האָב אים אַליין געהאַרגעט... און איך האָב אים דערזען טויטערהייט. ביז דאַן האָב איך קיינמאָל ניט געזען קיין טויטן מענטשן.

— אַ סאַך האָבן געהאַרגעט. ס'איז געווען מילכאָמע, ניט אַזוי?

— אָבער וויפל פון זיי האָבן געזען מיט די אייגענע אויגן דעם מענטשן, וועלכן זיי האָבן געהאַרגעט, נאָך דער האַריגע... ווען ער ליגט שוין א מעס?..

— ניט קיין סאַך, דאַרף מען זיך פאַרשטעלן.

— ניט קיין סאַך... ניט קיין סאַך... דער סער־זשאַנט אוידעד שלעפט נאָך ביז היינט נאָך נאָך זיך דעם האַרוג זיינעם. יעדע וואָך האַלט ער אין איין באַגיין זעלבסטמאָרד.

— יאָ, יאָ. דו האָסט אין זינען זיין צעשרויפטן צושטאַנד?

— נו יאָ. אַבי ער שרייט: „דאָס איז מיין כאַבי”, און לאַכט דערביי. דעמלט לאַכן אַלע מיט, גלייך ווי ס׳וואָלט געווען א שפּאַס. גלייך ווי מע וואָלט געזאָגט: טוט א קוק, אוידעד באַגייט נאָכאַמאָל א זעלבסטמאָרד! טוט א קוק, וואָס אוידעד טוט מיט זיך!

— איך ווער דערציטערט פון דיינע רייד.

— אַנדערע האַרגענען זיך אוועק מיט זייער אַריינטאָן זיך אין די שטוב־איניאַנים, אין די באַשעפטיקונגען, אין די ליבע־אינטריגעס, אין א לאָטעריי־שפּיל, און זיי פאַרגעסן... אָדער ס׳ווייזט זיך זיי אויס, אַז זיי פאַרגעסן, ווי זייערע האַרוגים שלעפּן זיך נאָך נאָך זיי. אַט דערפאַר וויל איך אוועקגיין צו די זאַמדן...

— דו ביסט זיכער, אַז דו ווילסט אוועקגיין?.. און עפשער גאָר ווילסטו פּראָסט און פּאָשעט אַנטלויפן?

— אַנטלויפן? ניין, סרול, איך בין ניט פון די, וואָס אַנטלויפן. כּוץ־מיזע, האָב איך דאָך דעם טויטן מיינעם טאַקע געזען אין די זאַמדן, — און דאַניעל נעמט דערציילן וועגן זיין האַרוג, וויאַזוי זיי זיינען געקומען קיין על־אַריש, פון דאָרט האָבן זיי זיך א לאָז געטאָן צו איינער א סאָפּקע ניט ווייט פונעם יאַם. דאָרט זיינען זאַמדן, א וואַסער־קוואַל און עטלעכע פּאַלמען־ביימער. ווי נאָר ער, דאַניעל, האָט זיך א ביסל דערווייטערט פון זיין טייל, ווען יענע האָבן זיך צעלייגט אויף נאַכטלעגער, האָט ער דערזען דורכשווינדלען עטלעכע איילנדיקע שאָטנס. קיין לעוואָנע־נאַכט איז דאַן ניט געווען. ס׳איז בלויז געווען א מין ווייסע שיין, וואָס האָט געבלענדט פון די זאַמדן. און ער האָט אויסגעשאָסן. איינער איז געבליבן ליגן אונטער א יונגינקער פּאַלמע. ווען ער האָט זיך דערנעענטערט צום געפאַלענעם, האָט יענער אויפגעהערט צו קרעכצן. די איבעריקע האָבן זיך אליין אָפּגעגעבן אין געפענקעניש.

דערנאָך האָבן זיי געוואַרט ביז קאַיאָר. און דעמלט האָט ווי אויפגעפלאַמט די שיין פון מיזרעך, ווען דער זאַמד ווערט העלער און דער יאַם טונקעלער. די זאַמדן, די פּאַלמעס און דער טויטער קערפּער האָבן געשעמערירט מיט טויטראָפּנס. ס׳איז דאָרט ניט געווען קיין סאַך בלוט, ווייל דער זאַמד האָט עס אַריינגעזויגן. און דער מענטש האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געשלאָפן. דערנאָך האָט אים דער אָפיצער געזאָגט, אַז זיי זיינען געווען גוט באַוואָפנט, אַז זיי זיינען ניט געקומען זיך גלאַט אַזוי אונטערגעבן. דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט ווייטער, און זיי האָבן א סאַך געשאָסן, ער האָט נאָך געזען א סאַך טויטע קערפּערס. דערנאָך האָט זיך עס אַלץ געענדיקט.

...און טאַקע דערפאַר האָט ער שפּעטער נאָכאַמאָל דערזען דעם טויטן קערפּער אונטער דער יונגער פּאַלמע. ער האָט אים געזען אַלץ מער און מער בולטער. דער טויטער האָט אַלץ אָפּטער אים גענומען באַזוכן. דעריקער אינעם שלאָף, בייס די כאַלוימעס.

— הער מיך אויס, — האָט פאַרגעזעצט דאַניעל, — די זאַך איז ניט אין דעם, וואָס ביז יענעם פאַל האָב איך ניט געזען קיין טויטן מענטשן. קיינמאָל ניט... און דאָס איז געווען אַזוי אומגעריכט, און דער ערשטער מעס איז געווען מיין האַרוג, וועלכן איך האָב דערהאַרגעט. די זאַך איז ניט אין דעם. ניט בלויז אין דעם, וויאַזוי דיר צו דערקלערן... און ס׳האָט קיין שום באַדייטונג ניט, צי דאָס איז געווען אַן אַראַבער, צי א ייִד, צי אַפילו א האָטענטאָט. ניט דאָס איז וויכטיק. אָפּן ערנוואָרט, אינעם געגעבענעם פאַל האָט עס קיין שום ווערט ניט. הער מיך אויס, ער איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסע פּליודערן, אין א לייכט כאַקי־העמדל, און דאָס האָט שטאַרק האַרמאָנירט מיטן יאַם־קאָליר, מיט די זאַמדן. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אינעם זאַמד נאַזנדיק, מיט איין האַנט אונטערן קאָפּ, און די צווייטע אויסגעשטרעקט אין א זייט. ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט צוגעלייגט זיך אָפּרוען און ער איז לאַכלוטן וואָך. אָדער ער שלאָפט און זעט א שיינעם כאַלעם. לאָך ניט פון מיר. ער איז געלעגן אַזוי ווי דו, אַזוי ווי איך. דערנאָך האָב איך א טראַכט געטאָן: יאָ, דאָס זע איך דעם טאַטן ליגנדיק אַזוי אָפּן ברעג פון יאַם, אין זאַמד. פאַרשטיי מיך. איך באַמי זיך ניט עס צו מאַכן טרויעריקער ווי ס׳איז. באַ אים איז געווען אָפן בויך די אָפענע וווּנד די גרייס פון מיין גראָבן פינגער. עפשער האָבן געטראָפן אהין צוויי קוילן, און דאָס האָט אויסגעזען אויף זיין העמדל, ווי ס׳וואָלט דורכגעברענט א לאָך. דערביי האָט זיך דערטראָגן דער געזאַלץ־טערפּקע רייעך פונעם יאַם. זייער מעגלעך, האָב איך אויף א ווייל א טראַכט געטאָן, אַז דאָס איז דער רייעך פון טויט, און גיין גייט ער פון דער עפענונג, וואָס איך האָב אויסגעגעבערט אין זיין לייב. נאָר איך בין ניט געווען זיכער אין דעם. ווייל איך בין פון דאָרט אוועק א שמייכלענדיקער. דו הערסט, וואָס איך דערצייל דיר? כ׳האָב גע־

שמייכלט. דער קאָמאַנדיר האָט מיר דערנאָך דערציילט וועגן דעם. דו זאָג מיר ניט, אַז דאָס איז געווען אומגעלומפּערט נאַריש. איך ווייס עס אַליין גאַנץ גוט, נאָר זעסטו...— דאַניִעל האָט דערפילט, אַז ס׳האָט אים באַגאָסן אַ שווייס, און מיטאַמאָל האָט ער פאַרשטאַנען, אַז קיינמאָל, קיינמאָל וועט ער שוין ניט קענען איבערגעבן אַן אַנדער מענטשן אָט דעם גרויזאַמען שוידער און אָט די שרעקלעכע אַנטפּלעקונג פון אָט־אָ יענער מוירעדיקער שאָ אין איין־טעקאַלע. אין דער זעלבער צײַט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס ער פאַרטרויט איצט דעם פרײַנט זײַנעם, סרולן, ווען זיי זײַנען ביידע דאָ, באַם וואַסער, באַשטראַלטע מיט אַזויפיל שײַן, און יענער הערט אים אַזוי אופמערקזאַם, וועט ער עפּשער שוין מער קיינמאָל ניט איבערכאַזערן. האָט ער דעריבער פאָרגעזעצט מיט אַ שטיל קאָל:

— דער מענטש איז געלעגן אונטער דעם פאַלמע־בוים, און מיט די ערשטע זון־שטראַלן האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינט פונעם יאַם. און דער ווינט האָט גענומען באַוועגן איבער זײַן קאָפּ די פאַלמע־צווײַגן. דאָס איז געווען אַזוי מערקווירדיק — באַוועגלעכע פאַלמע־בלעטער און אַ שלאָפנדיקער מענטש אונטער זיי. לאַך פון מיר ניט. ס׳האָט אויסגעזען, ווי אין אַ וווּנדער־מײַסעלע, ווי אף אַ פּרעכטיק בילד. איך בין געשטאַנען ווי פאַרקישעפט און האָב געשמייכלט. יאָ, מעגלעך, אַז כ׳האָב דעמלט אַ טראַכט געטאָן: אָט וועט ער אַ דריי טאָן צו מיר דעם קאָפּ, אַ גענעץ טאָן, און וועט זיך נעמען אויסרײַבן די אויגן. סרול, אָט דער שוידער־געפיל האָט מיך אַרײַנגעבראַכט אין אַן איימע און פּאַכעד. מיטאַמאָל ביסטו מער ניט זיכער אין דעם, וואָס די אויגן זעען. ס׳איז שוין ניטאָ בא דיר קיין זיכערקײַט אין גאָרנישט ניט. אין די אייגענע הענט אַפילע. לאַך ניט פון מיר. איך ווייס, אַז דיר זעט עס אויס גאַנץ פּאָשעטער. זאָג מיר, סרול, דו גלייבסט אין גאָט?

— אין גאָט? איך געדענק ניט, עפּשער האָב איך געגלייבט אַמאָל. איין מאָל אָדער צוויי מאָל.

— צוויי מאָל געגלייבט אין גאָט? סרול, ביסט אַ גליקלעכער מענטש.

— איך זאָג עס דיר ניט אף זיכער. כ׳האָב עפּשער ניט געגלייבט, נאָר געטראַכט אַזוי, אַז איך גלייב. איין מאָל, געדענק איך, ווען ס׳איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז די סיסטעם פונעם אַטאָם איז אומבאַשטרײַטבאַר־ענלעך, ווי אַ טראָפּן וואַסער, צו דער זון־סיסטעם, האָב איך פּלוצעם דערפילט, דאָס הייסט כ׳האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט.

— האָסט דערפילט, זאָגסטו, צי דו האָסט אַ טראַכט געטאָן?

— כ׳האָב אַ טראַכט געטאָן. אויב ס׳עקזיסטירט אַזאַ וווּנדערבאַרע אָרדענונג אינעם וועלטאַל, הייסט עס, אַז אין דער אָרדענונג איז אויך פאַראַן אַ גאָט.

— קיינמאָל ניט. אַפילע קיין איין מאָל אין מײַן לעבן האָב איך ניט געהאַט אַזאַ גאָט. איך דערמאָן זיך אין איינעם אַ מיליטער־ראַוו, וואָס האָט דערציילט, ווי אין די יאָמים־נויראָיִם־טעג האָט ער אין די מיליטער־טיילן גערעדט וועגן גאָט, און ער האָט גאָרנישט ניט געזען אין די אויגן פון זײַנע צוהערער. גלײַך ווי בא זיי אַלעמען וואָלטן די אויגן פון גלאָז געווען. וואָלט זיך כאָטש געפינען איינער, וואָס זאָל זיך אופהייבן און אַ געשריי טאָן: „ס׳איז ניטאָ קיין גאָט!“. ניין, זיי האָבן אַלע געשוויגן און געקוקט אָפן ראַוו מיט גאָרניט־זאָגנדיקע בליקן. איך בין אויך געווען צווישן זיי, סרול. כ׳וואָלט זיך קיינמאָל ניט געקאָנט פאָרשטעלן לויט די רייד פון אַ מיליטער־ראַוו, וואָס איז עס אַזוינס גאָט. אָדער אַ גאָט אין אַ זאַל מיט הונדערטער מענטשן. ווען איך בין אַ קינד געווען, דו געדענקסט עס זיכער, בין איך געזעסן אָפן בערגל באַם מוסולמענישן בייס־האַקוואָרעס, אָדער אין זאַמד, צי אָפן דאַך בא אונדז, און איך האָב געקוקט אָפן יאַם. ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אָט וועל איך דערהערן, ווי דער יאַם רעדט צו מיר, און איך וועל אים ענטפערן. אָט וועל איך דערהערן די שטים פונעם זאַמד, פון אַ בוים, כ׳וועל פאַרשטיין אַ פויגל. אָט דעמלט וועל איך עפּשער דערשפּירן מײַן גאָט, מײַן אייגענעם, מײַן פּערזענלעכן גאָט. כ׳האָב זיך קיינמאָל ניט געקענט פאָרשטעלן אַוועלכן־ס׳ניט־איז אַלגעמיינעם, אַלעמענס גאָט. דאָס וואָלט, אַפּאָנעם, געמוזט זײַן אַ ווילד־אויסטערלישע דערשײַנונג. דערנאָך איז דאָס אַלץ פאַרבײַ. כ׳האָב זיך אויסגעלערנט שווימען, און דער יאַם האָט זיך פון מיר דערווײַטערט. כ׳האָב דורכגעגעבערט דעם לופט־רוים אָפן פּאַראַשוט, עפּשער אַ מאָל פופציק, און גאָרניט... כ׳האָב אויסגעמאָסטן דאָס לאַנד, ווי מע זאָגט, אין דער לענג און אין דער ברייט, און איך האָב גאָרניט דערהערט, איך האָב ניט געהערט דאָס קאָל פון דער ערד. אַ שיין וואָרט: „דאָס קאָל פון דער ערד“, נאָר איך האָב עס ניט געהערט. צי ס׳איז פאַראַן אַזוינס, אַלציינס. איך בין דאָס אויך איבערגעקומען, כ׳האָב פאַרגעסן אין גאָט. נאָר דו ביסט אַ גליקלעכער. דו האָסט שטענדיק געוווּסט, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט אף דער וועלט.

— כ׳האָב ניט געטראַכט וועגן דעם, נאָר ווי־אַזוי סע זאָל ניט זײַן, האָב איך געוווּסט נאָך אָט־אָ יענעם צופאַל, וואָס כ׳האָב דיר דערציילט... בין איך געווען זיכער, עפּשער צום

ערשטן מאָל, אַז איך וועל זיך אָפּגעבן צו דער־
לערנען די אַטאָם־פיזיק. פון דעמלט האָב איך זיך געשאַפן א מין קלאַל, פאַר זיך אַליין, א מין געבאָט, און איך מוז אַנערקענען, אַז ער איז בא מיר טעטיק, גאַנץ ווירקזאַם. כ'האָב זיך געזאָגט: אויב ס'איז פאַראַן א גאָטהײַט אינעם סיידער פון דער וועלט, אין די געזעצן פונעם וועלטאַל, איז דערלערנען און פאָרשן די דאַזיקע געזעצן הייסט דינען גאָט. דאָס שטרעבן צו א גאָט־דערקענטעניש באַטײַט עפּשער טאַקע אָט די שטרעבונג צום דערגרונטעוועווען זיך צו די סוידעס פון דער נאַטור. אין סאַכאַקל, דער גאָט מײַנער, אויב זיך אויסדריקן מיט דער געגוי־סטער פּינקטלעכקײַט, איז ניט מער ווי א נייט־ראַלער יעש, וועלכער איז אַבסאָליוט אומשעד־לעך, און ער איז מיר נייטיק ווי א מין צײַטווײַ־ליקע היפּאָטעזע, Working hipothesis, וואָס ווען דו זאָלסט ניט געווען דערמאָנען וועגן דעם, וואָלט איך אפילע ניט גערעדט דערפון.

— סרול, איך שעץ דיך פאַר דײַן נאָבלקײַט. איך האָב פײַנט דעם גאָט דײַנעם. נאָר דו באַ־מיסט זיך לעבן בעשאָלעם מיט דער וועלט.

— דאָס איז ניט אַזוי, דאָס איז ניט אַלץ.

— איך ווייס, איך ווייס. נאָר שטעל זיך פאָר, דו שטייסט אוף אין א שיינעם טאָג און זאָגסט א גוטמאָרגן, און דו דערקענסט ניט דײַן אייגן קאָל. דו קוקסט אין שפּיגל, און דו ביסט ניט זי־כער, אַז דאָס ביסטו. קוקסט זיך אַרום. שאָטנס, א באַוועגלעכער נעפּל, גאָר ניט אַזוינס, וואָס איז עכט, גאָרניט אַזוינס, וואָס איז דיר נייטיק. דער מענטש איז טויט, דער מענטש שלאָפט; מעגלעך, אַז ער איז אי טויט, אי ער שלאָפט; מעגלעך, אַז איך בין דער דאָזיקער מענטש; מעגלעך, אַז איך ליג א טויטער אָדער א שלאָפנ־דיקער אונטערן פּאַלמע־בוים. פאַרוואָס ניט, סרול? גאָט האָט זיך געווענדט צו מיר, ווי צו א שטיק לעץ, ער האָט א טרייסל געטאָן די פּאַלמע־צווײַגן איבערן קאָפּ פון א מענטשן, וואָס ליגט אין די זאַמדן. אַנטשולדיק מיר, סרול, מיר דוכט, אַז איך האָב צו הויך א גע־שריי געטאָן. אָף אונדז קוקן זיך שוין אום מענטשן.

פאַרטאָגנע אינעם געשפּרעך, האָבן זיי קיי־מאַט ניט געפילט, ווי זיי האָבן זיך דערווײַטערט פונעם וואַסערפאַל, און די אויגן האָבן בא זיי אָנגעהויבן ווײ טאָן פון צופיל שײַן. זיי זײַנען ווידער אַדורך דאָס ניט טיפע וואַסער פונעם צופלוס און האָבן זיך אומגעקערט צום בײַדל. סרול האָט אײַנגעריבן זײַן קערפּער און אויס־געווישט די ברילן מיטן זעלבן האַנטעך. דאַניעל איז געשטאַנען אָף די קני לעבן אָנגעבלאָזענעם מאַטראַץ און ער האָט געצייכנט קרײַזן אָפן זאַמד.

— כ'וועל דיר נאָכאַמאָל פאָרגעבן א נאַרישע פראַגע, — האָט זיך אָנגערופן סרול, נאָך דעם ווי ער האָט פאַררייכערט א סיגאַרעט און האָט זיך אויסגעצויגן אָפן מאַטראַץ. ער האָט געקוקט פאַר זיך גלאַט אין דער וועלט אַרײַן.

דאַניעל האָט אופגעהערט צייכענען, ער האָט געוווסט, אַז סרול איז פּײַיק א פּאַטש טאָן איבערן סאַמע פילבאַרן אָרט. ניט פאַר רישעס, כאַלילע, נאָר צוליב זײַן גרויזאַמען דאָרשט אָף צו דערגיין דעם עמעס. און סרול האָט גע־פרעגט:

— גוט, לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז אַלץ איז אַזוי ווי דו זאָגסט. נאָר צי מייַנסטו, אַז דו וואָלסט אַוועק פון דער היים... און וואָלסט אַוועק צו די זאַמדן, ווי דו זאָגסט, ווען ס'זאָל זיך ניט געווען צו דיר אין שטוב זאַנאַדען אָט דער טיפּ, דער ראַסקין, און ווען דער טאַטע דײַ־נער זאָל געווען בלײַבן אין דער היים... נו, מיי־לע, אַלץ.

דאַניעל האָט געשוויגן, און סרול האָט פאַר־שעמט, מיט א פאַרשולדיקטן שמייכל, אויך גע־שוויגן, נאָר באַלד איז ער ערנסטער געוואָרן, צונויפגעצויגן די ברעמען, ווי ער וואָלט גע־וואָלט פאַרשטיין, פאַרוואָס ענטפערט ניט דאַ־ניעל.

— אַנטשולדיק מיר, — האָט ער ענדלעך א זאָג געטאָן.

— ס'איז אַלץ אין אָרדענונג, — האָט אים אָפּגעענטפערט דאַניעל. — איך בין מעכויעוו דיר ענטפערן. אָבער איך האָב ניט וואָס. דער־ווײַל ניט... — און נאָך א קליינעם איבערײַס: — דו געדענקסט, ווען מיר האָבן געלערנט אין פערטן קלאַס. איך און דו אויך, דאַכט זיך, זײַ־נען געשטאַנען אָפן דאַך, און מיר האָבן געוואָרט אָף די שטערן, געדענקסט?

— עפּעס אַזוינס איז געווען. יאָ, יאָ, בא אײַך אָפן דאַך.

— יאָ, און יעדערער פון אונדז האָט געוואָרט אָף זײַן שטערן, קעדיי אויסבעטן בא אים דאָס, וואָס מיר האָבן געוואָלט ווערן, ווען מיר וועלן אויסוואַקסן. און מיר האָבן געגלייבט, אַז ס'וועט מעקוייעם ווערן.

— מיר זײַנען דאַן נאָך געווען גאָר יאַט־רוצן, — האָט סרול זיך צעלאַכט.

— דו האָסט באַוויזן אַרויסצוזאָגן דײַן ווילן, און איך — ניט.

— איך געדענק שוין ניט, וואָס מײַן ווילן איז געווען.

— צו ווערן א וויסנשאַפטלער.

— דאָס האָט מיר דער טאַטע אַרײַנגעשלאָגן אין קאָפּ אַרײַן.

— אַלצייַנס. דו האָסט געוווסט, וואָס צו ווערן, און איך — ניט. כ'האָב פּאַשעט ניט געקענט עס אויסלייגן אין ווערטער. איך בין געווען אומ־

גליקלעך. נאָר דאָס איז ניט וויכטיק. כ׳האָב אַלץ געוואָרט... ווי־אַזוי זאָל איך דיר דערקלערן, איך האָב געהאָפט, אַז מײַן שטערן וועט מיר געבן אַ צייכן, וועלכער וועט רעדן צו מיר. ווען איך זאָל געווען האָבן אָט דעם צייכן, וואָלט איך שוין זיכער געפינען די ווערטער אויף צו אויס־דריקן מײַן ווילן.

— מיר זײַנען אַזעלכע קליינינקע געווען.

— מיר זײַנען נאָך הײַנט אויך ווײַט ניט אַוועק.

— אויב דו האָסט אין זינען, אַז איך ווייס אויך איצט ניט, וואָס איך וויל, דאַן ביסטו גערעכט.

— דו וואָלסט אַ באַלן געווען האָבן די מאַ־טעמאַטישע פאָרמול פון דײַנע באַגערן?

— זײַ ניט קיין ניוזעניק. ניט די פאָרמול אינטערעסירט מיך. דער רעגולירנדיקער פּרינ־ציפּ איז מיר וויכטיק. דער געזעץ, וואָס שטייט העכער איבער די אומשטענדן.

— און מיך אינטערעסירן גראָד די אומ־שטענדן, — דאָס זאָגנדיק, האָט דאַניעל אָפּגע־וואָרפן די האַנט אין דער זײַט, אין זאַמד אַרײַן, און ער האָט אַ קרעכץ געטאָן. זײַן האַנט האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שאַרפן שפּיץ פון אַן אויערמושל און באַלד גענומען זויגן דאָס בלוט פון דער אָפּגעריסענער הויט.

— מעטורעף!— האָט סרול אויסגעשרי׳ען אין גוטן מוט און דערבײַ דערלאַנגט דאַניעלן אונ־טער דער דיך אַ שטויס און איז גלײַך אָפּגע־שפּרונגען. דאַניעל האָט זיך אַ הייב געטאָן, און נאָכלויפנדיק האָט ער אים אַ כאַפּ געטאָן פאַרן פוס אַזוי, אַז סרול האָט זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג אויפן זאַמד.

— אָט איצט האָב איך דערפילט די אומ־שטענדן גופא. טאַקע מיטן גאַנצן גוף דער־פילט, — האָט אַ בורטשע געטאָן סרול און האָט זיך גענומען אָפּטרייסלען פונעם זאַמד און זיך גענומען אָנטאָן. ביידע האָבן זיך פאַר־טראַכט, און ס׳איז שטיל געוואָרן.

— עפּשער וועסטו אָנשרײַבן אַ פּאָר ווער־טער? — האָט סרול געפרעגט. דאַניעל איז מאַסקים געווען.

„מאַמע, שאַלאָם, איך גיי אַוועק פון דער היים. זײַ מיר מוחל, וואָס איך טו עס אינעם טאָג פון מײַן געבוירן, נאָר כ׳האָב מיטאַמאָל דערפילט (דאַניעל האָט פאַרמעקט די לעצטע פינף ווער־טער און פאַרגעזעצט), איך בין געזונט, און האָב קיין יעסורים ניט פאַר מיר. איך בעט דיך זייער, זאָלסט מיך ניט זוכן, איך זאָג דיר צו זיך אומ־קערן, און דו דאַרפסט מיר גלייבן, פּונקט ווי איך גלייב, אַז דער טאַטע וועט זיך נאָך אויך אומקערן. נאָכאַמאָל — באַאומרויִק זיך ניט, כ׳וועל צוריק קומען. דאַניעל”.

דאַניעל האָט דורכגעלייענט די בריוו פאַר סרולן, און יענער האָט זיך געוווּנדערט:

— דו גלייבסט?..

— אַז ער וועט זיך אומקערן? פאַרשטייט זיך. מיר האָבן זיך צעשיידט מיט אים אָט דאָ אויף דער בריק. דאָס איז אויך געווען אין מײַן גע־בורטסטאָג. ס׳איז מיר דעמלט זיבן יאָר געוואָרן, און ער האָט אין דעם לאַכלוטן פאַרגעסן. ער האָט גענומען זײַן קליין קופערטל און געזאָגט, אַז ער פאָרט אַוועק אויף עטלעכע טעג, נאָר ער האָט, פאַרשטייט זיך, זיך ניט אומגעקערט.

סרול האָט עטלעכע מאָל פאַריכט די ברילן, ווי זיי וואָלטן זיך ניט געוואָלט האַלטן בײַ אים אויף דער נאָז. מיטאַמאָל האָט ער אין ביידע הענט אַ כאַפּ געטאָן דאַניעלס דלאָניע, וועלכע איז אין אַ פויסט געווען צונויפגעדריקט. ער האָט זי געוואָלט אויסגלײַכן, נאָר ניט געקענט.

— זאָג מיר צו, אַז דו וועסט ניט... — האָט עפּעס אַרײַנגעשעפּטשעט סרול.

...און דאַפקע איצט, ווען זײַן כאַווער האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ האַרציקע אָפנריכטיקײַט, איז דאַניעל געוואָרן פּלוצעם קאַלט, ווי אײַז. ער האָט זיך דערפאַר אַליין פײַנט באַקומען, נאָר ער האָט געשוויגן.

— מיר וועלן וואַרטן אויף דיר. וואָס זאָל איך זאָגן יאָעלען?.. דאָס הייסט, אויב איך וועל זי באַגעגענען, צופעליק, פאַרשטייט זיך.

— גאָרניט.

— זי וועט וואַרטן.

— זאָל זי ניט וואַרטן, — האָט געענטפערט דאַניעל און קעהערעף־אײַען פאַרשטאַנען, אַז מיט די ווערטער האָט ער צונישט געמאַכט די לעצטע מעכיצע צווישן סרולן מיט יאָעלן, און דאָס, מעגלעך... גראָד דאָס האָט סרול זיך געוואָלט דערשלאָגן בײַ אים מיט זײַן פראַגע, דער באַהאַלטענער מיין דערפון...

די וויִעס האָבן זיך בײַ סרולן ווי אַראָפּגע־לאָזט אויף אויסצובאַהאַלטן דעם בליק זײַנעם הינטער די ברילן.

— אויף ווידערזען, — האָט אַ זאָג געטאָן סרול און האָט אויפגעהויבן די האַנט, ווי צום געזע־גענען זיך.

דאַניעל האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צום יאַם.

פון איוורית — נ. בראַכעס

■ ■ ■

## צו מײַנע פרײַנט־אַראַבער

צי װעלן מיר װען קאָנען אופהייבן די אויגן
אַ ברודער אָף אַ ברודער?
ניט לאַנג בין צוריק האָב איך געזען דײַן דאָרף
פאַרזונקען אין פאַרפלייצנדיקן רעגן...
איך בין דאָן מײַן דערמאָנונג
אַריסגעגאַן אַנטקעגן
און ניט געקאָנט דײַן הויז געפינען,
װאָס אייביק איז פאַרקריצט בלויז
אין מײַן זינען.
פעלאַכן —
אָן אַ היים און אָן אַ נאָמען...
און דו, מײַן כאַװער מוסאַ,
מיד די קוילן־אויגן,
װאָס ביסט אַ ברודער מיר פאַרבליבן
אייביק, —
אוי, װו ביסטו,
אין װעלכער װײַט פאַרפלויגן.
און דו, סעאַדאַ,
באַרג־טאָכטער,
װאָס האָסט אָן אויצער מיר געשענקט —
דײַן ליבע,
װען ס'האָט געבושעװעט אַרום אַ טײַך
פון סינע, —
צי װעל איך װידער אײַך געפינען?
װען װעט זיך אומקערן די שאַלװע
פון די טײַכלעך־כװאַליעס
צו אונדזער יאַם?
װען זײַן װעט אונדזער ברעג
אַ היים פאַר אַלעמען צוזאַם,
אין פרײַדן אופגעהילכט?..
װען רינגען װעט דער האָניק
און דאָס מילך פון רינדער
פאַר אַלע קינדער,
פאַר אַלע קינדער,
פאַר אַלע קינדער?

פון איװריט — פ. בינעצקי



## דײַן הויז רו:נירט

דײַן הויז צערו:נירט,
צעטריקנט איז די מולטער
און פוסט זײַנען די סטאַילע־נעסטן
אין די שטאַלן,
פון קאָרם קיין סימען ניט.
די לייצעס, אָנגעצויגענע אין דײַנע פינגער,
מײַן האַנט זיי זוכן און מײַן שולטער.
ניטאָ דאָס פערד,
זײַן שיינער האַלדז ז'פאַרפאַלן.
אװעק די באָכערים,
זיי װעלן אייביק זיך צוריק ניט קערן.
אַנטרונען איינער איז,
דער אַנדערער שוין אַלט.
אַ פּאָליציאַנט געװאָרן איז דער דריטער,
און בלויז באַנאַכט אין טרוים און כאַלעם־
ציטער
זיי שטויסן זיך צוזאַמען מיט די פערד,
װאָס קומען זיי אין הויז געװוירע װערן.
דײַן הויז צערו:נירט,
צעטריקנט איז די מולטער,
און פוסט זײַנען די סטאַילע־נעסטן
אין די שטאַלן,
און בלויז מיט פײַן אַליין
מײַן האַרץ פאַרפולט איז...

פון איװריט — כאַים מאַלטינסקי

# א טרויעריקע ליד

איך בין געפלויגן שנעל אינעם שווארצן אוטאָ
און א פייגעלע איבערגעפאָרן,
ס׳איז אופשטעלן שווער די מינוט און די שאָ,
ווען דאָס פייגעלע איז ניפטער געוואָרן.

ניט באוויזן פארהאלטן צו דער צײַט די מאשין.
ווען ס׳וואָלט געווען כאָטש א צייכן „סטאָפ״
אָדער א שילדל מיט א פּאָשעטן פויגלשן קאָפּ...
בענעמאָנעס, ניט געקאָנט פארהאלטן די מאשין.

אין א שווארצער נאכט בייסן ביטערן קריג
האָב איך דערזען א לויפנדיקן זעלנער.
און פלוצעם האָט ער זיך א קערעווע געטאָן
מיט דער פלייצע אָף צוריק,
און כ׳האָב אויסגעשאָסן אינעם זעלנער.
כ׳האָב ניט געקאָנט פארהאלטן אין דער צײַט
די ביקס.
וואָלט געווען כאָטש א צייכן „סטאָפּ״
אָדער א פּאָשעט שילדל מיט א פויגלשן קאָפּ,
וואָלט ניט אויסגעשאָסן אזוי לײַכט די ביקס.

אײַך איז ניט באקענט אזא פויגל אין וועג,
וואָס איז גרוי און איינצײַטיק ווײַס,
ערגעץווארט אָף אים זײַן אייפּעלע נעכט און
טעג
אינעם לאנד, ווו ס׳איז הייס אַדער קאלט ווי
אײַז...

פון איווריט — ריווע באליאסנע

א י ב י

* * *

צו אלע אומעטן
בין איך געגאַן מיט א שמייכל,
און די פרייד כ׳האָב געזוכט,
ווען געווען בין איך יונג.

אויב ס׳איז באשערט מיר
שטארבן,
ברענגט מיך צו קווורע
צווישן אלע ליבשאפטן.

פון איווריט — מאָטל טאלאלאיעווסקי

## שיינע מינוטן

צווישן איינער און א צווייטער שלאכט
לייענסטו פלוצעם אין א בלאט
וועגן איינעם, וואָס איז א פארכאלעשטער
אומגעריכט געפאלן אין גאַס,

אָדער וועגן איינעם א געפלאָגטן,
וואָס האָט זיך אראָפּגעוואָרפן פון דאך.
צווישן איינער און א צווייטער שלאכט —
דאָס לעבן האָט אים דערצו געבראכט.

און נאָך זײַנען פאראנען אזוינע מינוטן,
ווען דו זיצסט, ווי געוויינלעך, בא א גלעזל טיי,
דו בלעטערסט די בלאט און טוסט זוכן די
מײַסים,
וועלכע האָבן דײַן הארץ געמאכט פול מיט ווײ.

און נאָך זײַנען פאראנען שיינע מינוטן
מיט האָפענונג פול און מיט גלויבן און פּײַן:
גאָט אין הימל וועט א ביסל אונדז טרייסטן
מיט די קאָרבאָנעס טאָג־אויס, טאָג־אײַן...

צווישן איינער און א צווייטער שלאכט
לייענסטו אין בלאט וועגן איינעם א מענוּוול,
וואָס אָפּגעסאמט האָט אים זײַן אייגענע פרוי
און ער איז געשטאָרבן, גייענדיק אין אָפּטריט;

צי וועגן איינעם, וואָס האָט רויִק געלעבט
מיט קינדער און אייניקלעך גלײַך, ווי א ווירט,
און צווישן איינער און א צווייטער שלאכט
האָבן די אייניקלעך אים אָפּגעפירט —
עס טרעפט אויך אזוינס...

אויך דו, געשעצטער גנעדיקער האר,
כ'בין זיכער — קענסט אופטאָן א סאך!
און צווישן איינער און א צווייטער שלאכט
טאָן א שפרונג פונעם העכסטן דאך.

שפרינגען איז דאָך דײַן פערזענלעכער איניען,
שטארבן אין גאַס, צי נאָך א לאנגער קרענק,
צי פלוצעם, צי עפשער אָן שום סיבעס
צווישן איינער און א צווייטער שלאכט.
עס טרעפט דאָך אזוינס...

## די צען געבאָטן...

אין איינעם א פרילינגדיק־שיינעם באגינען
זײַנען מיר אלע, ווי איינער, אוועק —
מונטערע זעלנער,
ווּוקסיקע, געזונטע,
אפן בארג סינײַ, ווו ס'לויערט די שרעק,
מיט טענץ און מיט ליד די שטיינער באטראָטן
אָף צו אָפּגעבן גאָט זײַנע צען געבאָטן.
דער ערשטער אויספיר — צוליב דער בא־
שיצונג —
האָבן מיר צוזאמען מיטן ערשטן טראָט
אין הימל א שלײַדער געטאָן
דעם ערשטן געבאָט.
דערנאָך דעם צווייטן,
דערנאָך — דעם דריטן —
און דאָס איז דאָך קלאָר:
אין א באלאגערטן לאנד,
וואָס שליסט אײַן אין זיך
אויך דעם פערטן געבאָט,
וואָס שליסט אײַן דעם ענטפער

אָף אלע פראגן:
דאָס לאנד איז באלאגערט —
אויך דער זעקסטער געבאָט איז דאָ אײַנגע־
שלאָסן:

ווער עס קומט דיך טויטן,
מוז ווערן דערשאָסן!
דערנאָך צו בארעכטיקן אלע שלאכטן
ווארפט מען דעם זיבעטן געבאָט, און דעם אכטן,
און אזויווי מיר זײַנען שלאכטלײַט פארברענטע,
ווארפן מיר אראָפּ
אויך דעם נײַנטן געבאָט און דעם צענטן!

אין דעם זעלבן פרילינגדיק־שיינעם פרימאָרגן
זײַנען מיר געקומען צוריק —
ווּוקסיקע און דרייסטע,
מיט א גרינגן פרײַען אָטעם —
...מע קאָן נאָך לעבן!

פון איווריט — מאָטל טאלאלאיעווסקי

## שמועל גאָרדאָן

# אפֿן גליטש

## 1

ווייניקער פֿון אַלץ איז וויטאַלי סווירידאָוון אָנגעגאַנגען, וואָס, אשטייגער, האָט געקאָנט וועגן אים שרײַבן אין ראַיקאָם צי אין שטאָטקאָם פֿון דער פּאַרטיי דער אווטאָר פֿונעם אַנאָנימען בריוול, וואָס ער האָט פֿון אים דערהאַלטן מיט א וואָכן דרײַ צוריק. אַז דער אווטאָר פֿונעם בריוול, וואָס האָט זיך אונטערגעכאַסמעט „אַלעף נון", האָט זיך שוין באַקלאָגט אַף אים, אַפֿן סעקרעטאַר פֿון פּאַרטקאָם פֿונעם פֿאַניער־זאַוואָד, האָט וויטאַלי אַנדרייעוויטש קימאַט ניט געצווייפֿלט. עס קאָן דאָך ניט זײַן, אַז אָט דער „אַלעף נון", וועלכער ווײַזט אַזוי פּינקטלעך אָן די שאָ, ווען צאַלעל שליפֿער פֿאַרקערעוועט אין געסל, ווו עס געפֿינט זיך דער בעסמעד־רעש, און דעם פּינקטלעכן נומער פֿון זײַן „שטאָט", זאָל ניט וויסן, פֿאַרוואָס האָט שליפֿער דורכגעלאָזט אייערנעכטן דאָס דאַוונען. און אַז אַף דער אייערנעכטיקער פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונג איז ווידער קיין וואָרט ניט געווען דערמאָנט וועגן דעם אַרײַנגעשיקטן בריוול, קאָן „אַלעף נון", מיסטאָמע, אויך שוין וויסן. זײַטיקע מענטשן דערוויסן זיך צומאָל, וועגן וואָס ס'איז געגאַנגען א רייד אַף די פֿאַרמאַכטע פֿאַרזאַמלונגען, און דער, קענטיק, איז ניט אינגאַנצן קיין זײַטיקער. אויב ער אַליין אַרבעט ניט אַפֿן זאַוואָד, איז אַרבעט דאָרט זיכער עמעצער פֿון זײַנע נאָענטע, און דורך אים, דורך אָט דעם נאָענטן זײַנעם, דערוויסט ער זיך, וואָס ער דאַרף.

דאָס, וואָס וויטאַלי אַנדרייעוויטש האָט נאָך ביז איצט קיינעם ניט באַוויזן דאָס דאָזיקע בריוול, איז ניט דערפֿאַר ווײַל ער סאָפּעקט זיך, צי האָט „אַלעף נון" עס אַלץ ניט אויסגע־טראַכט. עס זאָל ניט געווען זײַן אַזוי, וואָלט ער דאָך ניט אָנגעוויזן פּינקטלעך די שאָ, ווען

---

סאָף. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 11, 1969.

מע קאָן דאָרט טרעפֿן שליפֿערן זאָגן קאַדעש. „אַלעף נון" פֿאַרשטייט דאָך, אַז בלויז אַפֿן וואָרט וועט אים אַזעלכס קיינער ניט גלייבן, און אַז גיכער פֿון אַלץ וועט דער סעקרעטאַר אַליין זיך וועלן דערין איבערצײַגן. צײַט דערויף האָט ער, דאַכט זיך, געהאַט איבערגענוג. און אויב ער האָט פֿאַר די דרײַ וואָכן צײַט זיך פֿאַרט ניט אויסגעקליבן צוגיין אין בעסמעדרעש אַ קוק טאָן, איז עס בלויז אַ באַווײַז, אַז אים גייט עס לאַכלוטן ניט אָן, אָדער ער איז אויך אַזאַ ווי שלי־פֿער, און דער גאַנצער אונטערשייד צווישן זיי איז דער, וואָס שליפֿער האָט אָנגעהויבן גיין אין בעסמעדרעש און סווירידאָוו קאָן אין איינעם אַ טאָג אָנהייבן גיין אין קלויסטער.

אַז דער אַנאָנימער אַוטאָר האָט געקאָנט אַזוי שרײַבן וועגן אים אין זײַנע אָנקלאַגעס, איז ניט שווער געווען צו גלייבן. סווירידאָוו איז עס אָבער קנאַפּ וואָס אָנגעגאַנגען. נאָר פֿאַרוואָס באַהאַלט זיך יענער אויס, שרײַבט זיך אונטער „אַלעף נון", און וואָס איז ער אויסן געווען מיטן אַרײַנשיקן דאָס דאָזיקע בריוול, — דאָס איז סווירידאָוון שוין גראָדע אָנגעגאַנגען, און ביז גאָר אָנגעגאַנגען. דער געוועזענער טעכנאָלאָג פֿון זאַוואָד צאַלעל שליפֿער איז דאָס אַנדערע יאָר שוין אַף פּענסיע, און פֿאַר אַזעלכן איז דאָך סטאַם ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן, מע זאָל זיך דאַרפֿן פֿון אים אויסבאַהאַלטן אונטער אַ פֿאַרשטעלטן נאָמען, ביפֿראַט אַז מע האָט פֿאַר שליפֿערן ניט מוירע געהאַט, ווען ער האָט נאָך געאַרבעט. ס'איז, דאַכט זיך, ביכלאַל ניט געווען אַפֿן זאַוואָד דער מענטש, וואָס זאָל ניט געווען אַכטן דעם געוועזענעם טעכנאָלאָג. מע האָט קיינמאָל ניט געהערט, ער זאָל אַף עמעצן שרײַען, עמעצן באַליידיקן, און ס'איז ניט געווען דער פֿאַל, ער זאָל וואַרפֿן אָן אומכיין אַף יענעם, וואָס האָט זיך מיט אים געאַמפּערט, אַז ער זאָל פֿירן דערנאָך מיט יענעם פּערזענלעכע כעזשבוינעס. וואָס זשע האָט געקאָנט זיך אַזעל־כעס פֿאַרלױפֿן צווישן שליפֿערן און דעם אַנאָנימען אַוטאָר, וואָס ער האָט מוירע אָנצוגעבן זײַן עמעסן נאָמען?

פֿאַרטראַכטנדיק זיך דערויף, האָט סווירידאָוו צומאָל זיך אויסגעגעבן, אַז ניט שליפֿערן איז יענער אויסן געווען מיטן אַרײַנגעשיקטן בריוול, נאָר אים גאָר, אַז מיט דעם, וואָס ס'האָט געטראָפֿן מיט שליפֿערן, וויל יענער אים דערווײַזן, אַז אומזיסט ראַנגלט מען זיך עס אַזוי מיט גאָט. סײַווי ברענגט עס דאָך צו גאָרניט. קוים רוקט זיך אָן די עלטער, אַזוי נעמט מען זיך באַלד פֿאַרטראַכטן, וואָס איז אַזוינס דאָס לעבן, אין וואָס איז דער זין פֿונעם לעבן, און דער, וואָס פֿאַרטראַכט זיך וועגן דעם, דער קערט זיך אום צו גאָט, צום זעלבן גאָט, פֿון וועלכן מע איז אין דער יוגנט אַנטלאָפֿן. מיט אים, סווירידאָוון, וועט אַף דער עלטער אויך זײַן דאָס זעלבע. שליפֿער האָט עטוואָס לענגער פֿון אים, סווירידאָוון, זיך געראַנגלט מיט גאָט און האָט זיך, ווי ער זעט, דערפֿון ניט אויסגעהיט. סאָפֿקאַלסאָף וועט מען קומען דערצו, אַז וואָס צו גאָט, איז צו גאָט, און וואָס צו לײַט, איז צו לײַט. מע קאָן, הייסט עס, זײַן אַ קאָמוניסט און גלייבן אין גאָט. פֿון דעם ווערן ביידע גלויבנס בלויז שטאַרקער.

צײַטנווײַז האָט וויטאַלי אַנדרייעוויטש זיך אַפּילע אויסגעגעבן, אַז אָט דער „אַלעף נון" האָט, דאַכט זיך, אַ שײַכעס דערצו, וואָס איז געשען אַף דער עלטער מיטן געוועזענעם טעכ־נאָלאָג פֿון זאַוואָד נאָכן אומגליק, וואָס האָט אים געטראָפֿן. עס זעט אויס, ווי צווישן אים, סווירידאָוון, און דעם אַנאָנימען אַוטאָר זאָל געווען אָנגיין אַ געוועט, און מיטן אַרײַנשיקן דאָס דאָזיקע בריוול אײַלט יענער אָנזאָגן, אַז ער האָט אויסגעשפּילט דעם געוועט. ער זאָל אים אויסשפּילן, האָט ער בלויז געדאַרפֿט אונטערהיטן די רעגע, ווען שליפֿער וועט זיך דער־נעענטערן צום גליטש, ער זאָל אים קאָנען אַרופּשטויסן אַהין.

— נו, דאָס וועלן מיר נאָך זען! — האָט דער געוויינלעך רויִקער און צוריקגעהאַלטענער סווירידאָוו, אַ קלאַפּ טוענדיק איבערן טיש, אויסגעשריִען, גלײַך ער וואָלט אַלץ, וואָס ער האָט דאָ נאָרוואָס געטראַכט וועגן זיך און דעם אַנאָנימען אַוטאָר, אויסגעלייענט פֿונעם בריוול, וואָס איז געלעגן פֿאַר אים אַפֿן טיש, און וועלכעס ער האָט פֿאַר די דרײַ וואָכן צײַט שוין צום ווייפֿלטן מאָל אַרויסגענומען פֿון סייף און עס ווידער דורכגעקוקט. נאָר אַלציינס האָט סווירידאָוו ניט פֿאַרלאָזט דאָס געפֿיל, אַז יענער, צו וועמען ער האָט זיך אָקאָרשט געווענדט אַזוי הויך אַף אַ קאָל, שטייט הינטער דער טיר און וואַרט, ער זאָל אים אַרײַנרופֿן אַהער פֿאַר־זעצן דעם שטרײַט. ער האָט אָבער ניט, סווירידאָוו, וואָס צו שטרײַטן מיט אים. ער האָט אַ סאַך וויכטיקערס מיט וואָס זיך צו פֿאַרנעמען, ווי זיך אַרײַנלאָזן אין אַ סיכסעך מיט אַ מענטשן, וואָס וויל אים דערווײַזן, אַז די זון דרייט זיך אַרום דער ערד און אַז באַטאָג איז ליכטיק פֿון דער לעוואָנע...

ווי פֿאַרנומען וויטאַלי אַנדרייעוויטש איז ניט געווען און ווי וויכטיק עס זײַנען ניט די איניאַנים, מיט וועלכע ס'איז אים טאָג־אײַן, טאָג־אויס אויסגעקומען זיך פֿאַרנעמען, האָט ער אָבער געוווסט, אַז דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז פֿאַר אים איצט דאָס, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן מיט שליפֿערן; סאָפֿקאַלסאָף וועט מען פֿון אים פֿאָדערן דערויף אָן ענטפֿער, און פֿריִער פֿון

אַלעמען וועט ער אַליין פֿאָדערן פון זיך אַן ענטפער: וויאַזוי האָט געקאָנט געשען, אַז אַ מענטש, וועלכער איז פון דער פריִער יוגנט געווען אַ קאָמיוגיסט און איז שוין אַזויפיל יאָר אין דער פּאַרטיי, זאָל מיטאַמאָל אָנהייבן גיין אין בעסמעדרעש? צווישן די, וואָס קומען אַהין, איז, מיסטאַמע, ניטאָ שוין קיין איינער, וואָס זאָל ניט וויסן, אַז דער זעלבער צאַלעל שליפער, וועלכער האָט געקויפט זיך אַ „שטאָט" אין שול, טראָגט, ווי פריִער, אַרייַן יעדן כוידעש מיטגלידס־אָפּצאָל אין דער פּאַרטיי. מע זאָל עס וויסן, און ניט נאָר די, וואָס גייען אין שול, האָט וועגן דעם, פאַרשטייט זיך, שוין געזאָרגט און זאָרגט זיך אויך איצט אָט דער פאַרבאַרגענער „אַלעף נון".

ס'האָט אָנגעקלונגען דער טעלעפאָן. וויטאַלי אַנדרייעוויטש האָט אַראָפּגענומען דאָס טרייַבל, נאָר ניט געייַלט זיך אָפּרופן, פונקט ער וואָלט זיך געריכט באַלד דערהערן אין טרייַבל די שטים פון דעם אַנאָנימען אווטאָר, וועלכער וועט פון אים פאָדערן אַן ענטפער אָף זייַן בריוו, וואָס ער האָט אַרייַנגעשיקט אין פּאַרטקאָם, העלפנדיק דערמיט דער פּאַרטיי זיך באַפרייַען, ווי ער שרייַבט, פון פרעמדע עלעמענטן. דערהערט אָבער האָט ער אין טרייַבל די אַלעמאָל זאָרגעוודיקע שטים פון זייַן פרוי, וועלכע האָט אים דערמאָנט, אַז זיי גייען הייַנט אין טעאַטער און ער זאָל זיך צוייַלן. דער זייגער איז שוין באַלד זעקס.

ערשט איצט האָט סוווירידאָוו באַמערקט, אַז אין די פענצטער פון זייַן לענגלעכן קאַבינעט קוקט שוין אַרייַן דער אָוונט — אַ גרויער פריהאַרבסטיקער אָוונט, וואָס צו זעקס אַזייגער דאַרף מען אים שוין צולייַכטן דעם וועג. נאָר וויטאַלי האָט די שייַן ניט אָנגעצונדן. ער איז געשטאַנען באַם פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין דעם גרויסן צוגעקליבענעם הויף פון זאַוואָד, און אומדערוואַרט פאַר זיך אַליין, ווען ער האָט שוין גאָר געהאַט געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש, האָט זיך באַ אים ווידער אַרויסגעכאַפּט הויך אָף אַ קאָל:

— נו, דאָס וועלן מיר נאָך זען!

אַ הויכער, אַ דאַרלעכער, מיט אַ העל בערדל, וועלכס ער האָט זיך פאַרלאָזט מיט אַ היפשער צייַט צוריק, האָט ער סייווי אויסגעזען פיל ייִנגער פון זייַנע אַכט — נייַן און צוואַנציק יאָר. וויטאַלי אַנדרייעוויטש האָט עס געוווּסט און אַלץ געזוכט, וויאַזוי זיך באַפרייַען פון דעם. אַפילע אין זייַן שטיין איצט באַם פענצטער האָט זיך געפילט, ווי ער באַמיט זיך אויסבאַהאַלטן זייַן יונגקייַט, זי פאַרטרייַבן ערגעץ טיף אין זיך, מע זאָל זי ניט אַרויסזען, פונקט דאָס וואָלט געווען דער גרעסטער כיסאָרן זייַנער, מעגלעך דאָס נעמט זיך באַ אים דערפון, וואָס דער פריִערדיקער סעקרעטאַר פון פּאַרטקאָם איז געווען שוין אַ מענטש אַ באַיאָרטער, אַריבער די פופציק, און אין ראַיקאָם האָט ער דערווייַל אויך ניט באַגעגנט קיינעם, וואָס זאָל געווען זייַן אין זייַן עלטער. דאָס ניט קאָנען זיך צווינגען קוקן אָף אַ מענטשן פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר ווי מע האָט געקוקט אָף דעם אַמאָל, — אַז אַ מענטש אינעם דאָזיקן עלטער איז שוין אַ פולקאָם דערוואַקסענער מאַנצבל און ניט קיין באָכערל, — האָט אים צייַטנווייַז געשטערט אין דער אַרבעט. באַזונדערס האָט ער עס געפילט, ווען סע פלעגן צו אים קומען זיך אויסייצען און צומאָל אים אַפילע בעטן, ער זאָל זיך אַרייַנמישן אין זייערע היימישע איניאָנים אַזעלכע, וואָס לויט די יאָרן נאָך האָבן זיי געקאָנט זייַן שוין זייַנע עלטערן. אַלנפאַלס צאַלעל שליפער וואָלט לויטן עלטער זיכער געקאָנט זייַן זייַנער אַ פאָטער. עפּשער האָט דאָס אים אָפגעהאַלטן, סוווירידאָוון, ער זאָל, באַקומענדיק דאָס בריוול, אַרויסרופן צו זיך שליפערן, אָדער צוגיין צו אים אַהיים און זיך דאָרט דורכריידן מיט אים. ווייסט ער אָבער, אייגנטלעך, ניט, וואָס זאָל ער מיט אים ריידן. שליפער, וועלכער איז געווען שוין אין דער פּאַרטיי, ווען ער, סוווירידאָוו, איז נאָך אָף דער וועלט ניט געווען, בייטיקט זיך דאָך ניט, מע זאָל אים דאַרפן דערמאָנען, וואָס ווערט געזאָגט אין דער פּראָגראַם און אינעם סטאַטוט פון דער פּאַרטיי וועגן דער קאָמוניסטישער וועלט־אָנשויונג און ווער קאָן זייַן אַ קאָמוניסט. ער וועט עס אים, פאַרשטייט זיך, דערמאָנען, נאָר ניט מיט דעם, פילט ער, וועט ער העלפן שליפערן, וועלכער האָט נאָך זייַן פרויס פלוצעמדיקן טויט זיך אַזוי אומגעריכט אויסגעגליטשט. סוווירידאָוו האָט וועגן דעם אַלץ נאָך קיין וואָרט ניט אויסגערעדט מיט שליפערן, ער איז אָבער זיכער, אַז שליפער וועט קומען צו־זיך. עס דאַרף בלויז דורכגיין אַ שטיקל צייַט, און דאָס האָט אים דערווייַל אויך אָפגעהאַלטן, ער זאָל זיך איצט אַרייַנמישן. ניט יעדער מענטש האָט זיך פאַרהאַרטעוועט ווי שטאָל, אַז ער זאָל קאָנען אַלץ בייַשטיין. יעדער איינער, דאַכט זיך, ווייסט, אַז דער טויט האָט נאָך קיינעם ניט אויסגעמיטן, נאָר ניט יעדער איינער קאָן זיך צוגעוווינען צו דעם דאָזיקן געדאַנק. דער טויט איז פאַרן מענטשן, ווי אַלט דער מענטש זאָל ניט זייַן, שטענדיק אומגעריכט און אומדערוואַרט, און צו שליפערן אין שטוב האָט דער טויט זיך ווירקלעך אַרייַנגעריסן אומגעריכט און פאַר דער צייַט.

ווען וויטאַלי אַנדרייעוויטש איז אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דינעס לעווייַע געקומען גע־

וויר ווערן שליפּערן, האָט ער געטראָפן בײַ אים אַ הויכן, עטוואָס אײַנגעהויקערטן אַלטן, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ מעסוקן גראָבן שטעקן; ווען שליפּער האָט בײַ דעם דאָזיקן אַלטן געמאָנט, ער זאָל אים זאָגן, וואָס איז דער זין פֿונעם מענטשנס לעבן, וואָס אָט איז דער מענטש געווען און אָט איז ער ניטאָ, — האָט דער אַלטער אים דערויף געענטפֿערט, — אַז דער מענטש איז גאָרנישט מיט נישט, טרין טראַוואַ איז אַלץ...

דעם זעלבן אַלטן האָט ער אַנומלטן ווידער געהאַט געטראָפֿן בײַ שליפּערן, ווען ער, סווירידאָוו, איז אַ צווייט מאָל געקומען אים געוווער ווערן, נאָכדעם ווי שליפּער האָט דורכגעלאָזט צוויי פֿאַרזאַמלונגען און ניט געלאָזט וועגן זיך הערן. סווירידאָוו האָט, ווי דעמלט, געהאַט געטראָפֿן בײַ אים דעם אַלטן זיצן אין אַ ווינקל אָנגעשפּאַרט אויף זײַן גראָבן שטעקן, ווי אַ וואַנדערער, וואָס איז נאַרוואָס געקומען פֿון וועג. ער איז געזעסן מיט אַן אויסזען פֿון אַ מענטשן, וועלכער ווייסט אַלץ, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן אויף דער וועלט ביז אים, וואָס וועט זיך פֿאַרלויפֿן אויף דער וועלט נאָך אים, און מאָדנע געשמייכלט, קוקנדיק אַנטקעגנִיבער אויף דער וואַנט, וואָס איז פֿון אויבן ביז אַראָפּ געווען באַהאַנגען מיט די בילדער פֿון שליפּערס פֿאַרשטאָרבענער פֿרוי, וועלכע איז מיט עפּעס ענלעך געווען אויף קראַמסקאָיס „אומבאַקאַנטער”, וואָס איז אויך דאָ געהאַנגען: דער זעלבער שטאָלצער בליק, די זעלבע פּולבלעכע זאַפּטיקע ליפּן, נאָר דער שמייכל בײַ דינען איז אַן אַנדערער. ער איז בײַ איר אַ צאַרטער, אַ מילדער, עטוואָס אַפֿילו אַ קינדערשער. שליפּערן האָט וויטאַלי אַנדרייעוויטש דעמלט געטראָפֿן שטיין בײַם טיש מיט אַ צירקל אין דער האַנט איבערגעבויגן איבער אַ גרויסן בויגן וואַטמאַן־פּאַפּיר.

פֿאַרן אַוועקגיין האָט דער אַלטער זיך צו אים אָנגערופֿן, צו סווירידאָוון:

— איר ווייסט ניט, צו וואָס האָט דער דאָזיקער מענטש באַהאַנגען די וואַנט מיט די בילדער פֿון זײַן געשטאָרבענער פֿרוי און פֿאַרנעמט זיך מיט צייכענען אַ מאַציייווע, וואָס ער קלײַבט זיך איר שטעלן, וויבאַלד איר האָט אים פֿאַרוואָרט גלייבן, אַז ס'איז דאָ אַ נעשאָמע? פֿאַר דעם, וועלכער גלייבט ניט אין דעם, איז דאָך דער מענטש געגליכן צו אַ פֿליג, צו אַ גאָרנישט מיט ניט. טרין טראַוואַ איז דאָך דעמלט אַלץ...

צי ניט אָט יענער אַלטער איז עס געווען דער, וואָס האָט אַרופֿגעשטויסן שליפּערן אויפֿן גליטש און ווי וועלנדיק זיך אויספּײַנען פֿאַר סווירידאָוון, וואָס האָט אים דעמלט גאָרניט געענטפֿערט, אַרײַנגעשיקט אָט דאָס בריוול, געצײַלט זיך, הייסט עס, אָנזאָגן, אַז דעם געוועט האָט פֿונדעסטוועגן אויסגעשפּילט ער, דער שוימער פֿונעם בעסאַלמען? צי ניט דעמלט נאָך איז מיט שליפּערן שוין געהאַט געשען דאָס, וועגן וואָס ער, וויטאַלי אַנדרייעוויטש, האָט זיך דערוווּסט ערשט מיט אַ דרײַ וואָכן צוריק? איצט דערמאָנט ער זיך: ווען ער איז צו אים געקומען אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער לעווײַע, האָט צאַלעל אים אויסגעזען ווי אַ מענטש, וועלכער גלייבט נאָך ניט דערין, וואָס איז געשען, ווי דאָס טרעפֿט צומאָל מיט מענטשן בײַ אַן אומגליק, און דאָס, ווײַזט אויס, איז פֿאַר אים דעמלט געווען דער גאַנצער אָנשפּאַר זײַנער, ער זאָל זיך ניט אונטערגעבן, זיך ניט לאָזן אַראָפּפֿירן פֿון די געדאַנקען, וואָס קומען אויף בײַ אַ פֿרישן קייווער... דאָס אַנדערע מאָל, ווען ער איז בײַ אים געווען, האָט שליפּער שוין אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס האָט, דאַכט זיך, געפֿונען אַן ענטפֿער אויף דעם אַלעם און אין דעם איז איצט געווען זײַן אָנהאַלט און אָנשפּאַר אין לעבן. שוין דערמיט אַליין, וואָס שליפּער האָט מער ניט דורכגעלאָזט קיין פֿאַרזאַמלונגען, איז סווירידאָוו געווען לאַכלוטן זיכער, אַז צאַלעל איסײַעוויטש גייט מיטן זעלבן וועג, מיט וועלכן ער איז געגאַנגען דאָס גאַנצע לעבן. לאָזט זיך גאָר אויס, ער האָט געהאַט אַ טאָעס. שליפּער איז גאָר פֿלוצעם אַוועק מיט אַ זײַטיקן שטעג, אויף וועלכן עס האָט אים אַרופֿגעפֿירט אָט דער אַלטער, און מיטן דאָזיקן אַלטן, וועלכער רעדט, מיסטאָמע, איצט אַרויס פֿון צאַלעלן, וועט אים אויסקומען, סווירידאָוון, פֿירן דעם שטרײַט אינעם געשפּרעך, וואָס ער וועט האָבן מיט שליפּערן. צי ווײַל סווירידאָוו איז ניט געווען אינגאַנצן זיכער, אַז צאַלעל ווייסט וועגן דעם בריוו, צי ווײַל ער האָט אַלץ נאָך געגלייבט, אַז צאַלעל וועט אַליין זיך אַרויספּלאָנטערן, נאָר דער געשפּרעך, וואָס ער האָט אייערנעכטן, נאָך דער פֿאַרזאַמלונג, געהאַט מיט שליפּערן אין קאָרידאָר, איז, אייגנטלעך, באַשטאַנען בלויז דערין, וואָס ער האָט אים געפֿרעגט, וואָס מאַכט ער אין געזונט און צי האָט ער שוין באַשטעלט די מאַצייווע.

ניין, דעם געשפּרעך, וואָס ער וועט האָבן מיט שליפּערן, וועט ער נאָך מאָרגן צי איבערמאָרגן ניט פֿירן. ער וועט נאָך צוואַרטן. נאָר אין געסל, וווּ די שול איז, צי מעגלעך אַז אַפֿילו גופֿע אין שול, וועט ער מאָרגן צי איבערמאָרגן זיך אַרײַנכאַפּן.

עפּשער זיך אַראָפּכאַפּן אַהין אַצינד?

און ווען וויטאַלי אַנדרייעוויטש זאָל אָנשטאָט גיין מיט דער פֿרוי זײַנער אין טעאַטער געווען זיך אַראָפּכאַפּן איצט אין שול, וואָלט ער צאַלעלן ניט געדאַרפֿט דאָרט לאַנג אַרומזוכן.

ער וואָלט אים געטראָפֿן אויף זײַן שטענדיקן פּלאַץ — דאָס נײַנטע אָרט אויף דער זיבעטער באַנק, ווי ס'איז אָנגעוויזן אינעם אַרײַנגעשיקטן בריוול, — און סווירידאָוו וואָלט ניט געדאַרפֿט זיך היטן, צאַלעל זאָל אים ניט באַמערקן. אַפֿילו אין רעכטן מיטן דאַוונען האָט צאַלעל געקאָנט פּלוצעם דערזען פֿאַר זיך דינען אָט אַזאַ ווי ער זעט זי באַטאָג, זיצנדיק בײַ דעם שוין עטוואָס אײַנגעפֿאַלענעם בערגל, און ער זאָל אין דער זעלבער רגע זיך אַריבערטראָגן אויף דער שיף, מיט וועלכער ער האָט צוזאַמען מיט דינען זיך דעמלט אומגעקערט פֿונעם וואַלדיקן אינדזל אין שטאָט. און קוים טראָגט ער זיך אַריבער אַהין, פֿאַרגעסט ער אינעם דאַוונען און פֿאַרטראַכט זיך ווידער: וואָס וואָלט געווען, ווען ער פֿאָרט דעמלט אויף מאָרגן אַוועק...

## 2

נאָר וועגן דעם, וואָס וואָלט געווען, ווען ער פֿאָרט דעמלט אַוועק, האָט צאַליע, אויפֿכאַפּנדיק זיך אויף מאָרגן אינדערפֿרי פֿון דער העל־צעשײַנטער זון אין פֿענצטער, נאָך ניט געטראַכט און ניט געקאָנט וועגן דעם נאָך דעמלט טראַכטן. דאָס, וואָס האָט אים אויף יאַרגלאַנג צעשיידט מיט דינען, איז געשען ערשט מיט עטלעכע טעג שפּעטער, פֿאַר זײַן סאַמע אָפּפֿאָרן, ווען ער איז געווען קימאַט אינגאַנצן שוין זיכער, אַז דינע האָט פֿאַרגעסן, צי אַלנפֿאַלס שוין גאָר אַנדערש אויפֿגענומען זײַן פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר איר, אַז ווי האָט ער געקאָנט אוועקפֿאָרן מיט עטלען, אויב זײַנע זאַכן זײַנען פֿאַרבליבן בײַ איר, בײַ דינען, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען, קומט אויס, די איינציקע סיבה, פֿאַרוואָס איז ער דעמלט ניט מיטגעפֿאָרן מיט עטלען, נאָר אַרויסגעשטיגן פֿון צוג אויף דער ערשטער סטאַנציע. דערמיט אַליין, וואָס דינע האָט פֿאַר די עטלעכע טעג, וואָס ער איז געווען בײַ איר צוגאַסט, קיין איין מאָל ניט דערמאָנט אים מער וועגן דעם, איז געווען אַ באַווײַז, אַז זי נעמט עס שוין אויף פּאַשעט ווי אַ נאַרישקייט, וואָס האָט זיך בײַ אים צופֿעליק אַרויסגעכאַפּט, און ס'איז דאָך ווירקלעך געווען אַ נאַרישקייט אַזוי איר צו ענטפֿערן. נאַריש און ניט באַטראַכט איז אויך געווען זײַן געבן זי נאָכדעם אַ פֿרעג, בײַם אַראָפּגיין פֿון דער שיף, צי זאָל ער אויף מאָרגן ניט אוועקפֿאָרן. וואָס וואָלט ער געטאָן, ווען דינע ענטפֿערט אים דערויף, אַז ער קאָן פֿאָרן?

אָט וועגן דעם און בלויז וועגן דעם האָט צאַליע, אויפֿכאַפּנדיק זיך אויף מאָרגן אינדערפֿרי פֿון שלאָף, געהאַט זיך פֿאַרטראַכט. פֿון אָט דער שטאָלצער שטעטלשער שיינהייט האָט ער געקאָנט נעכטן דערוואַרטן, זי זאָל אים אַזוי ענטפֿערן. די שטוביקע, ווען ער האָט זיך אומגעקערט מיט דינען פֿון דער שיף, האָבן, דאַכט זיך, גלײַך באַמערקט דעם בלוילעכן גלאַנץ פֿון קאַלטן שטאָל אין אירע טונקל־גרויע אויגן און אַז ס'איז פֿאַרשוווּנדן דער שמייכל פֿון אירע פֿולבלעכע ליפּן. דער ערשטער, פֿאַרשטייט זיך, האָט עס באַמערקט דער שוואָגער אירער, דער פֿריילעכער און טומלדיקער גאָדל. ער האָט עס זיי גלײַך געגעבן אָנצוהערן. דערלאַנגענדיק דינען דעם שליסל פֿון דער דירע, וואָס איר פֿעטער, וועלכער איז אַרויסגעפֿאָרן אויף דאַטשע, האָט בײַ זיי איבערגעלאָזט, און ווו מע האָט אויף די עטלעכע טעג באַשטאַט צאַליען, האָט גאָדל איר אָנגעזאָגט, זי זאָל ניט פֿאַרגעסן פֿאַרשפּאַרן צאַליען פֿון דרויסן אויף אַלע זיבן שלעסער, ווײַל אויב זי וועט אים דאָ פֿאַרלירן, וועט אַפֿילו יויעל דער באַלעגאָלע איר שוין ניט קאָנען מיט גאַרניט העלפֿן.

ער ווייסט אַליין ניט פֿאַרוואָס, נאָר עפּעס האָט זיך אים אויסגעגעבן, צאַליען, אַז מיטן דערמאָנען זיי פּלוצעם דעם ווינטער־פֿאַרנאַכט אָפּן פֿאַרווייעטן וואָקזאַלכל איז גאָדל בלויז אויסן געווען אים. דאָס האָט ער געוואָלט אים דערמיט זאָגן, אַז ער לעבט אין טאָעס, צאַליע, אויב ער מיינט, אַז דינע איז פֿאַרבליבן די זעלבע, וואָס זי איז געווען אין שטעטל, און אַז מיט זײַנע בריוו און מיט זײַן אַראָפּפֿאָרן איצט אַהער קאָן ער עפּעס ענדערן. די שטאָטישע דינע וועט זיך צוריק אין שטעטל קיינמאָל ניט אומקערן. סטאַם אַזוי וואָלט דאָך גאָדל ניט אַ זאָג געטאָן, אַז די שטאָט מאַכט אינגאַנצן איבער דעם מענטשן, און כאָטש דער מענטש איז דאָרט געגליכן צו אַ פֿאַרלוירענער נאָדל אין אַ סטויג היי, מע זעט אים לאַכלוטן ניט אָן, דאָך ציט יעדן איינעם אַהין, יעדן איינעם, אויסער אים, זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, גאָדלען.

— וואָס דיר קאָן אײַנפֿאַלן, — האָט זיך אויף דעם אָפּגערופֿן די שטילע אומעטיקע כאַנצע, וועלכע האָט זיך געמאַכט ניט באַמערקנדיק, אַז צווישן איר דינען און צאַליען איז זיך עפּעס פֿאַרלאָפֿן. — אַ מענטש, אויב ער איז אַ מענטש, איז זעט ער זיך אומעטום אָן. ווי זאָגט איר, צאַליע?

— געוויס.

ער זאָל ניט געווען עס אַרויסזאָגן מיט אַזאַ זיכערקײַט, וואָלט גאָדל מיסטאָם ניט נאָכגעגעבן דינען, ער זאָל גיין מיט איר באַגלייטן צאַליען צו איר פעטער אַף דער דירע, וועלכער איז אַפן גאַנצן זומער אַרויסגעפאָרן מיט דער מישפּאָכע אַף דאַטשע. איר פאַרופן זיך דערבײַ אַף דעם, אַז ס׳איז שפּעט, אַז אין דרויסן איז שטאָקפינצטער און זי וועט מוירע האָבן זיך אומקערן צוריק אַליין, איז געווען, פאַרשטייט זיך, ניט מער ווי אַן אויסרייד. נעכטן באַנאַכט, ווען זי האָט אים באַגלייט, איז דען ניט געווען שטאָקפינצטער און זי האָט זיך דען ניט אומגעקערט פון דאָרטן נאָכדעם אַליין? סאָפקאָלסאָף וואָלט ער, צאַליע, אַליין זי אָפּגעפירט צוריק. ער וואָלט דאָס מאָל, גייענדיק אַהין, זיך באַמיט פאַרגעדענקען די גאַסן און געסלעך, מיט וועלכע זיי פירן אים ביידע. גאָדל האָט, קענטיק, זיך גלײַך אָנגעשטויסן, אַז ניט פון היימלעכקײַט וועגן האָט דינע אים געבעטן מיטגיין, נאָר אים איז עס ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. דאָס אָבער, וואָס צאַליע האָט מיט אַזאַ זיכערקײַט אַ זאָג געטאָן, אַז גערעכט, הייסט עס, איז די שוויגער און ניט ער, גאָדל, דאָס קאָן ער אים ניט פאַרשווײַגן, און בלויז דערפאַר, וואָס ער דאַרף עס אים זאָגן, האָט ער נאָכגעגעבן דינען.

ווי נאָר זיי האָבן צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר, האָט גאָדל אים גענומען דערווײַזן, אַז ס׳איז נאָר אַזוי ווי ער זאָגט, אַז דער מענטש, הייסט עס, איז געגליכן אין שטאָט צו אַ נאָדל אין אַ סטויג היי, און טאַקע דערפאַר, וואָס ער וויל ניט זײַן קיין פאַרלוירענע נאָדל אין סטויג, פאָרט ער ניט אַריבער אַהער אין שטאָט פון דעם אײַזנבאַן־שטעטל, ווו ער האָט זיך באַזעצט באַלד נאָך דער כאַסענע. און קיין גרויס כיישעק פאָרן אַהער אין קאָמאַנדירונג האָט ער אויך ניט, כאָטש ער האָט דאָ אַ וועלט מיט קרויווים, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס בײַ דער שוויגער, בײַ כאַנצען, פילט ער זיך ווי בײַ זיך אין דער היים.

עפּעס האָט ער אים נאָך געהאַט דערציילט, דער פריילעכער און טומלדיקער גאָדל, געבראַכט אים דערבײַ אַ מאָשל וועגן אַ טויטן לייב און אַ לעבעדיקן פוקס, וואָס ער האָט אויסגעלייענט ערגעץ אין אַ ביכל, נאָר צאַליע האָט אים קימאַט שוין ניט געהערט. נאָך איידער זיי זײַנען אַרויף אַף דער לענגלעכער גאַס, וואָס פירט צו דעם העל־געלבלעכן צווייִשטאָקיקן מויער מיטן געקינצלטן באַלקאָן, האָט צאַליע געהאַט בײַ זיך אָפּגעמאַכט: אויב גאָדל, וועלכער האָט שיר ניט וואָרט אין וואָרט איבערדערציילט אַלץ, וואָס ער, צאַליע, האָט געשריבן דינען וועגן דער נאָגנדיקער בענקשאַפט זײַנער צום שטעטל, וועט אים אַ פרעג טאָן, צי האָט ער ניט קיין כיישעק, נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט, זיך באַזעצן אין אַ שטעטל, האָט ער דעמלט, צאַליע, זיך מער ניט וואָס צו סאָפעקן, אַז גאָדל האָט געלייענט זײַנע בריוו. דינע אַליין האָט געקאָנט זיי אים געבן לייענען, זי זאָל האָבן מיט וועמען זיך דערנאָך אויסרייצן, אָפּאָנעם. הייסט עס, גלייבט זי אים ניט, דינע, אַז ער וואָלט נאָכן פאַרענדיקן דעם אינסטיטוט געפאָרן אַרבעטן צו זיי אין שטעטל, ווען ער זאָל צו יענער צײַט דאָרט האָבן וואָס צו טאָן, און זי מוז געוויס קלערן, אַז ער האָט עס איר געשריבן בלויז דערפאַר, זי זאָל זיך ניט באַזעצן אין שטאָט, נאָר זיך אומקערן צוריק אַהיים, אין שטעטל צו זיך. ניין, ער לייקנט ניט, צאַליע, ער וואָלט אוודע געוואָלט, אויב ער איז שוין אַהער געקומען צו פאָרן, זאָל ער די עטלעכע אָוונטן, וואָס ער האָט דאָ צו זײַן, פאַרברענגען מיט דינען ערגעץ אַף אַ גאַנעקל בײַ איר אין שטעטל און ניט אָפּזיצן אַלע אָוונטן אַפן באַלקאָנדל פון איר פעטערס ווױנונג, וואָס גייט אַרויס אַף אָט דער וואָכעדיקער גאַס, ווי זיי זײַנען דאָ נעכטן געזעסן, און אָנשטאָט שלעפּן זיך מיט אָט דער גאַס, וואָלט ער אוודע געוואָלט, ער זאָל מיט דינען איצט נאָכגיין דער לעוואָנע אַף יענער זײַט בריקל און זיך לאָזן פון איר פאַרנאַרן אינעם ראַכנ:ער באַרגיקן וואַלד.

טראַכטנדיק נעכטן אָוונט וועגן דעם אַלץ, האָט צאַליע געגלייבט, אַז ער, וועלכער איז אויסגעוואַקסן און לעבט אין אַ גרויסער ראַשיקער שטאָט, וואָלט געקאָנט אַפן גאַנצן לעבן זיך באַזעצן אין אַ שטעטל, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז אַליין, אָן דינען, וואָלט ער קיין יאָר דאָרט ניט אויסגעהאַלטן. די זעלבע היימישע הײַזלעך מיט די רויטע לאָדנס און אָפּגעשאָבענע גאַנעקעס, וועלכע ער האָט אַזוי ליב באַקומען צוזאַמען מיט די געפּעפּערטע רייכעס פון די שטעטלשע מײַכאָלים, וואָס זיי האָבן אין זיך אײַנגעזאַפּט, וואָלטן אים מיסטאַמע אין אַ וואָך צי אין צוויי אַרום דערעסן געוואָרן איניינעם מיטן הילצערנעם בריקל, מיטן שטויביקן שאָסיי, מיטן קוואַקען פון די זשאַבעס אין דרעמלענדיקן טײַכל... ער ווייסט עס, און דאָך איז ער ביז גאָר דאַנקבאַר גאָדלען, וואָס ער נעמט זיך אַזוי אָן פאָרן שטעטל, מאָלט עס אים אויס, ווי דאָס האָבן אים נאָך אין דער קינדהײַט אויסגעמאָלט זײַנע עלטערן, דערציילט אים וועגן זייער שטעטל, ווי וועגן דאָס שענסטע און טײַערסטע אַף דער וועלט. ווען ער ווייסט אַפילע, אַז גאָדל טוט עס בלויז צוליב אים, אַז דערמיט, וואָס ער דערמאָנט דאָס שטעטל מיט אַזאַ

ליבע, איז ער בלויז אויסן געפעלן ווערן צאַליען, ווען ער האָט פון לאַנג שוין פאַר זײַנעם א קאַרעוו, וואָלט ער אים אויך ניט איבערגעשלאָגן. און דאָס, וואָס גאָדל גייט ניט בא דער זײַט, נאָר האָט פון דער ערשטער רעגע זיך אַרײַנגעשטעלט צווישן זיי און דערמיט אים פאַרשפּאַרט, צאַליען, זיך היטן די גאַנצע צײַט, ער זאָל זיך צופעליק ניט צורירן צו דינעס האַנט, איז ער אים אויך ביז גאָר דאַנקבאַר. ווי ער זאָל זיך ניט געווען ווערן, צאַליע, וואָלט ער אַלציינס ניט געקאָנט זיך בײַקומען, אַז זײַן האַנט זאָל זיך ניט א צי טאָן צו איר ער, און פון דינען האָט ער נעכטן אַוונט אַלץ געקאָנט דערוואַרטן. זי האָט געקאָנט אָפּשטויסן פון זיך זײַן האַנט, און דאָס וואָלט זיי נאָך מער דערווײַטערט. ער וואָלט נאָכדעם שוין זיכער ניט געקאָנט זיך מוחל זײַן, וואָס ער איז געקומען צו פאָרן. ניין, ניט צופעליק האָט ער זי פאַרגלײַכט מיט דער „אומבאַקאַנטער״. דינע, לאָזט זיך אויס, איז פאַר אים ווירקלעך פאַרבליבן אַן אומבאַקאַנטע, עפּשער נאָך מער ווי קראַמסקאָיס. וועגן יענער ווייסט ער, דאַכט זיך, אַלץ, אַלנפאַלס אַלץ, וואָס עס דערציילן וועגן איר די עקסקורסיע־אָנפירער אין דער בילדער־גאַלעריי. און וועגן דינען? עפּשער וועט גאָדל אים אונטערזאָגן?

ס'איז אָבער געווען גענוג, אַז דינע זאָל, אופשליסנדיק די טיר פון איר פּעטערס וווינונג, אים זאָגן, צאַליען, ער זאָל קומען אינדערפרי פרישטיקן, די מאַמע וועט אים אָפּ וואַרטן, — אַז ער זאָל צוריק דערפילן אין איר יענע באַזונדערע איבערגעגעבנקייט און צאַרטקייט, מיט וועלכער זי האָט אים באַגעגנט דעמלט אויפן שליטן, און פּונקט ווי ער איז דעמלט גרייט געווען זי אַרופנעמען צו זיך אַף די הענט און גיין מיט איר אַזוי איבערן פינקלענדיקן פעלד ביזן ווײַטן האָריזאָנט, אַזוי איז ער אויך איצט גרייט געווען זי א כאַפּ טאָן אַף די הענט און לאָזן זיך מיט איר גיין איבער די שטילע באַנאַכטיקע גאַסן. און פּונקט ווי יויעל דער באַלע־גאָלע דעמלט, אַזוי האָט אויך איצט גאָדל זיך ניט אָנגעשטויסן, אַז אין אַזעלכע רעגעס איז א דריטער שטענדיק אַן איבעריקער. גאָדל האָט זיך ניט אָנגעשטויסן אפילע נאָכדעם ווי ער, צאַליע, האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער וועט זי אַליין אָפּפירן, אַז ער האָט, גייענדיק אַהער, גוט פאַרגעדענקט דעם וועג.

דינע מיט גאָדלען זײַנען געווים פון לאַנג שוין אין דער היים, נאָר צאַליע האָט זיך אַלץ נאָך ניט געלייגט, אפילע די טיר ניט פאַרשפּאַרט. ער האָט אַלץ נאָך געגלייבט, אַז דינע וועט זיך אומקערן. ס'קאָן ניט זײַן, זי זאָל זיך ניט צוריקקערן. זי ווייסט דאָך, אַז ער וועט וואַרטן אַף איר. ער האָט עס פון איר ניט אויסבאַהאַלטן, ווען, צווינטשנדיק אים א גוטע נאַכט, האָט זי זיך באַגעגנט מיט זײַן בליק. דאַכט זיך, עמעצער אײַלט אַהער.

צאַליע איז אַרויס אַפן באַלקאָן. ניין, ס'האָט זיך אים ניט אויסגעוויזן. עמעצער דערנעענ־טערט זיך אַהער מיט גיכע הילכיקע טריט.

— דינע? — האָט צאַליע, אַראָפּבייגנדיק זיך פון באַלקאָן, א רוף געטאָן.

נאָך איידער דער מענטש, וואָס האָט געאײַלט מיטן ברוק, האָט זיך אָפּגערופן, האָט צאַליע שוין געזען, אַז ס'איז ניט דינע. די פרוי, וועלכע ער האָט א ווײַלע שפּעטער דערזען גיין, איז אויך ניט געווען דינע, נאָר סײַווי האָט ער ניט אופגעהערט זיך אײַנקוקן אין איטלעך איינעם, וואָס האָט אין דער דאָזיקער שפּעטער אָוונטיקער שאָ זיך באַוויזן אין גאַס, וועלכע דערמאָנט אים מיט אירע אײַזערנע טויערן פון די הויפן א גאַס אין לענינגראַד. נאָר די שטערן לויכטן דאָ עפּעס אַנדערש, ווינקען זיך היימיש איבער מיט די זיך לויכטנדיקע פענצטער אָט ווי אין שטעטל.

איצט האָט ער שוין ניט וואָס צו וואַרטן אַף דינען. ער איז אָבער זיכער, אַז זי שלאָפט נאָך אויך ניט. זי איז וואַך, און, ווי ער, טראַכט זי איצט וועגן דעם, אַז ווען זי זאָל אים געווען ענטפערן — ער זאָל אוועקפאָרן, וואָלט זי אים אין דער לעצטער רעגע פונדעסטוועגן אַראָפּגענומען פונעם צוג...

נאָר אויך וועגן דעם האָט צאַליע, אופכאַפּנדיק זיך אַף מאָרגן אינדערפרי פון דער העל צעשײַנטער זון אין פענצטער, שוין ניט געטראַכט, און איז, ווי נעכטן אין דער זעלבער צײַט, געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן און געוואַרט, אַז דינע זאָל אָנכאַפּן זײַנע אויסגעשטרעקטע הענט, אַרומוויקלען מיט זיי איר האַלדז און זיך שפּילן מיט אים, ווער ווען וועט אריבער־ציִען. נאָר זײַנע אויסגעשטרעקטע הענט האָט קיינער ניט אָנגעכאַפּט, און זיי זײַנען צוריק אַראָפּגעפאַלן אַף דער קאָלדרע. ער האָט זיך האַסטיק אופגעזעצט און זיך אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ ניט געגלייבט, אַז ער איז דאָ אַליין, אַז דינע באַהאַלט זיך דאָ ערגעץ ניט אויס.

— דינטשיק, — האָט ער אויסגערופן און ערשט איצט זיך דערמאָנט, אַז הײַנט איז שוין ניט זונטיק, אַז דינע איז פון לאַנג שוין אַף דער אַרבעט.

— ווארט, — האָט ער צו זיך אַליין אויסגעשריִען און, אַראָפּשפּרינגענדיק פון געלעגער, צוגעלאָפן צו דער טיר. ס'האָט זיך אים ניט געכאַלעמט. ער האָט זי ווירקלעך ניט פאַרשלאָסן. די טיר, געלאָזט זי שטיין אַ גאַנצע נאַכט אָפן, און דינע איז ניט געקומען, אַפילו ניט אַרײַנ־געכאַפּט זיך אַהער אַף אַ רגע, גייענדיק צו דער אַרבעט. אין איר איז, אַפּאַנעם, פאָרט נאָך פאַרבליבן עפּעס פון דעם, וואָס מאַכט זי ענלעך אַף די מאַרמאָר־שטרענגע און שטאָלצע שיינהײַטן אין די זאַלן פון די געוועזענע פירשטלעכע פּאַלאַצן. די קעלט, וואָס עס ווייעט פון זיי, האָט ער מיטאַמאָל ווי דערפילט בײַ זיך אַף די ליפּן.

3

ער זאָל געוועזן וויסן, אַז כאַנצע וועט ווירקלעך ווארטן אַף אים מיטן פרישטיק, אַז אָן אים וועט זי זיך ניט זעצן צום טיש, וואָלט ער זיך געוויס ניט אַרײַנגעכאַפּט אָפּן וועג אין קיין קאַפע און זיך ניט אָפּגעשטעלט קימאַט בײַ יעדן מויער, גלײַך ער וואָלט אַף זײַן לעבן קיינמאָל ניט געזען אַזעלכע שיינע הויכע הײַזער. אָבער אַזעלכע גרינע גאַסן האָט ער טאַקע ווירקלעך מער אין ערגעץ ניט געזען. אַזאַ מעסוקן הייסער פרימאָרגן ווי ס'איז הײַנט — די שטיינער פון ברוק וועלן זיך באַלד, דאַכט זיך, נעמען שמעלצן, און אַף די טראָטוארן פּילט זיך קנאַפּ וואָס די היץ. אַלץ איז דאָ אײַנגעהילט אין געדיכטן שאָטן פון די שלאַנקע טאָפּאָלן און ברייט צעוואַקסענע קאַשטאַנען. ער האָט זיך צוגעזעצט אַף אַ באַנק פאַריכטן די פאַנאַנ־דערגעבונדענע שנירלעך פון די שיך און זיך דערפילט, ווי ער זאָל זיך געוועזן צוזעצן אין אַ וואַלד. ער האָט שוין נאָכדעם געדאַרפט זיך אָנטאָן אַ קויעך אַרויסצוגיין פונדאַנען אַף דער זון, וואָס האָט פאַרפּולט מיט זיך דעם ברוקירטן שטיינערנעם הויף, פאַרוואַנדלענדיק די צוויי לענגלעכע פענצטער אָפּן ערשטן שטאָק פונעם מויער, אין וועלכן ס'האָבן געוווינט די ראָסנערס, אין צוויי שטראַלנדיקע שפּיגלען, וואָס בלענדן די אויגן.

וויפיל דורכגעלעבט ווייניקער פון אַלץ וואָלט ער געוואָלט דאָרט איצט טרעפן כאַנצען, וועלכע האָט אים בײַ זײַן איצטיקן אַראָפּפאָרן אַהער, האָט ער געפילט, שוין באַגעגנט ווי דינעס כאַסן און געוואָרט, ער זאָל אַליין איר וועגן דעם מעלדן. זי האָט גאָר אַנדערש ניט געקלערט, אַז צוליב דעם טאַקע, ער זאָל עס איר מעלדן, איז ער דאָס מאָל אַזוי אומגעריכט געקומען צו פאָרן. פון כאַנצעס קוקן אַזוי אַף אים האָט צאַליע אין איר אָנוועזנהײַט זיך געריוויטלט, אויסגעמיטן איר בליק. זי האָט געוויס באַמערקט זײַן פאַרלוירנקײַט און, מיסטאָמע, געהאַט בײַ זיך באַשטימט — אויב ער וועט איר ניט זאָגן, וואָס האָט אים דאָס מאָל פּלוצעם אַראָפּגעבראַכט אַהער פונעם ווײַטן לענינגראַד, וועט זי אַליין פאַרפירן מיט אים וועגן דעם אַ רייד. עפּשער האָט זי עס אָפּגעלייגט אַף איצט און דערפאַר איבערגעגעבן מיט דינען, אַז זי וועט אַף אים ווארטן מיטן פרישטיק? אויב אַזוי, האָט ער דאָך געוויס געטאָן גוט, וואָס ער איז ניט געקומען צום פרישטיק. אַזוי לאַנג וועט זי דאָך אַף אים ניט ווארטן. זי האָט געקאָנט פון לאַנג שוין אוועק־גיין פון שטוב, און אַף דעם האָט ער געהאָפט, ווען ער האָט שטיל און ניט זיכער אָנגעק־קלונגען.

די טיר האָט אים געעפנט דער זעלבער שלאַנקער און וווּקסיקער יונגערמאַן, וועלכן ער האָט אייערנעכטן, גייענדיק פון וואָקזאַל, געטראָפן שפּאַצירן מיט דינען אונטער דער האַנט און געהאַט אַזוי אָפּגעציטערט, ווען ער האָט אים דערזען אַרײַנגיין מיט דינען אין דער מעבל־קלייט. אַפילו נאָכדעם ווי דינע האָט אים באַקענט מיטן דאָזיקן יונגנמאַן, פאַר־שטעלנדיק אים ווי אירן אַ שוועסטערקינד, האָט צאַליע אַלצייַנס ניט געקאָנט זיך שוין באַפרײַען פונעם מאָדנעם געפיל, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט אין דער ערשטער רגע. איצט האָט צאַליע זיך דערפרייט מיט אים, זיך דערפרייט, וואָס אויסער כאַנצען איז אין שטוב נאָך עמעצער דאָ און אין עמעצנס אָנוועזנהײַט וועט כאַנצע דעם געשפּרעך, וועלכן זי האָט געקליבן זיך מיט אים האָבן, שוין ניט פירן, און וועגן דעם, וואָס איז נעכטן אוונט דאָרט פאָרגעקומען אַף דער שיף צווישן איר דינען און אים, וועט זי אין עמעצנס אָנוועזנהײַט אויך ניט פרעגן.

דאַכט זיך, ער האָט ניט געהאַט קיין טאָעס. דער טיש, האָט זיך אים אויסגעוויזן, איז עפּעס געוועזן הײַנט גאָר אַנדערש סערווירט, און זי אַליין, כאַנצע, וועלכע האָט, קענטיק, נאָך אַלץ געוואַרט אַף אים מיטן פרישטיק, איז אויך געוועזן עפּעס אַן אַנדערע.

— איר האָט, גייענדיק אַהער, מיסטאָם, געבלאָנדזשעט, — האָט זי, פאַרבעטנדיק אים צום טיש, זיך אָנגערופן, — מיר האָבן דאָ מיט לייוון שוין ניט געוווּסט, וואָס איבערצוקלערן.

צאַליע האָט זי פאַרכידעשט אָנגעקוקט.

— נו, כ'ווייס, — האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט, — ס'ערשטע מאָל אין אַ פרעמדער שטאָט, און אַליין.

— און וואָס האָב איך אײַך געזאָגט, מומע, — איז לייווי פאַרלאָפן צאַליען דעם וועג מיט זײַן רויִק באַדאַכט קאָל, ווי אָפּוועגנדיק איטלעכס וואָרט, — ער איז דאָך ניט געקומען פון קיין שטעטל. אַ לענינגראַדער, מומע כאַנצע, וועט אין אַזאַ שטאָט, ווי אונדזערע, זיך ניט פאַרבלאָנדזשען. לענינגראַד איז פאַרט דאָך, ווי זאָגט מען עס, די צווייטע סטאָליצע. דער גאַסט אײַערער איז זיך פּאַשעט פאַרשלאָפן, — ער האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צו צאַליען, — זײַט זיך מוידע. געטראָפן?

לייווי האָט דערבײַ אַ קוק געטאָן אויף אים אַזוי, אַז צאַליע האָט זיך פון דעם דערפילט, פונקט מע זאָל אים געוועזן כאַפּן בײַ דער האַנט, און ער האָט ניט קיין אַנדער ברירה ווי מוידע זײַן זיך, אַז ער איז זיך טאַקע פאַרשלאָפן, אויפגעשטאַנען אַרום נײַן אַזייגער.

— גאָט מײַנער, — האָט כאַנצע, צורוקנדיק אים נעענטער דאָס שעלעכל מיט סמעטענע, זיך אָנגערופן, — פאַרוואָס זשע זײַט איר גלײַך ניט געקומען פרישטיקן? ווי איז מען עס אַ טאָג אַ הונגעריקער? ס'איז דאָך באַלד צײַט עסן וואַרמעס. כ'האָב געוואָלט שוין שיקן דעם פּלעמעניק מײַנעם צו אײַך. עסט, פאַרוואָס עסט איר ניט?

— אַ דאַנק, כ'האָב שוין געפרישטיקט.

נאָך איידער ער האָט באַמערקט, ווי כאַנצע האָט פאַרקרימט די שטײַף פאַרפּרעסטע ליפּן, און דערפילט אויף זיך דעם פאַרוואונדערטן בליק פון אירע שטילע אומעטיקע אויגן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ניט געטאָרט עס איר זאָגן. דינע האָט דאָך אים געוואָרנט, אַז די מאַמע אירע וועט אויף אים וואַרטן. נאָר אַז זי וועט וואַרטן אויף אים שיִער ניט ביז האַלבן טאָג און זיך ניט זעצן אָן אים צום טיש, אויף דעם האָט ער זיך ניט גערעכנט. דינע וואָלט אַזוינס אים זיכער ניט מוחל געווען. און זי, כאַנצע? זי איז דאָך אויך, ווי די טאָכטער אירע, אַ שטאָלצע, און רירט מען עפּעס אָן אָט די שטאָלצקייט, לויכט באַלד אויף אין אירע אויגן דאָס זעלבע גרינע פײַערל, וואָס בײַ דינען. ער האָט אָבער פאַרלאָשן דאָס פײַערל נאָך פאַר דעם, ווי ס'האָט באַוויזן זיך צעפלאַקערן, מיט זײַן געבן צו איר גלײַך אַ זאָג:

— מיר האָט זיך שרעקלעך פאַרוואָלט אַ טרונק, האָב איך זיך אַרײַנגעכאַפּט אָפּן וועג אין אַ קאַפע און גענומען אַ גלאָז קאַווע, — און צאַליע, וועלכער איז בײַ יענעם שטענדיק געזעסן אַ שעמעוודיקער, זיך קימאַט ניט צוגערירט צום עסן, און ווען כאַנצע זאָל ניט געווען אַכטונג געבן אויף אים, ווי אויף אַ קינד, ער זאָל עסן, וואָלט ער יעדעס מאָל זיך אויפגעהויבן בײַ זיי אַ הונגעריקער פון טיש, האָט איצט ניט דורכגעלאָזט קיין איין גערעכט, דערוויזן מיט יעדן ביסן, אַז ער האָט נאָך, אייגנטלעך, הײַנט אין מויל ניט געהאַט. ער איז געווען אַזוי פאַרנומען דערמיט, אַז ער האָט פון אָנפאַנג אפילו ניט געהערט, וועגן וואָס איז געווען דער געשפּרעך, וועלכן לייווי האָט פאַרפירט מיט כאַנצען, און ווען צו אים איז ענדלעך דער־גאַנגען, אַז דער געשפּרעך האָט אַ שײַכעס צו אים, האָט ער זיך אויך ניט אַרײַנגעמישט, ווי ס'וואָלט אים געווען לאַכלוטן אַלצייַנס, וואָס דינע איז אָנגעקומען אַרבעטן, און וואָס ער, לייווי, וועלכער האָט צוגערעדט כאַנצען, זי זאָל אָפּלאָזן די טאָכטער אויף דער פאַבריק, וועט צוגרייטן דינען צו די עקזאַמענעס אין אינסטיטוט.

מיט זײַן ווענדן זיך פון מאָל צו מאָל צו אים האָט לייווי ניט אויסבאַהאַלטן, אַז ער וואַרט, וואָס וועט דערויף זאָגן צאַליע, און אַז אויך ער, לייווי, קוקט אויף צאַליעס פּלוצעמדיקן קומען אַהער צו פאָרן, ווי סע קוקט אויף דעם כאַנצע. נאָר צאַליע האָט געשוויגן. ער האָט בלויז אַ פּאָר מאָל אַ קנייטש געטאָן די אַקסל, און דאָס האָט געדאַרפט באַטײַטן, וואָס קאָן ער אייצען, אַז ער האָט נאָך אַ יאָר זיך צו לערנען און ווייסט ניט, וווּהין קאָן מען אים דערנאָך שיקן אויף אַרבעט. דינע קלײַבט זיך אָנקומען אין אינסטיטוט, און דאָרט, וווּהין מע קאָן אים שיקן אויף אַרבעט, וועט אפילו ניט זײַן קיין אַרבפּאַק. ער, לייווי אַליין, האָט עס אים דאָך געזאָגט באַם באַקענען זיך. נו, טאַקע, וואָס קאָן ער, צאַליע, דאָ אייצען, אַז אים שטייט נאָך פּאָר אַ גאַנץ יאָר לעבן בלויז אויף סטיפּענדיע און וווינען אין אַ צוזאַמענוווינונג מיט נאָך צווײ סטודענטן אין איין צימער. און ביכלאַל, וואָס ווענדט זיך לייווי נאָכאַנאַנד צו אים, ער זעט דען ניט, ווי ניט צופרידן ער איז, צאַליע, וואָס דינע האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל, איז אָנגעקומען דאָ אַרבעטן און וואָס ער, לייווי, וועט זי גרייטן צו די עקזאַמענעס.

אַז דער געוועזענער שטעטלשער לערער לייווי, וואָס לייענט איצט לעקציעס אין היגן אוניווערסיטעט, איז עס געווען דער, וועלכער איז באַשטאַנען, אַז די ראַסנערס זאָלן אַרײַ־בערפאָרן אין שטאָט, ווײַל ער זעט פאָר, וואָס פונעם שטעטל וועט ווערן, האָט צאַליע עס געוווּסט פון דינען. און וועגן דעם, אַז פון לייווין זײַנען בײַ זיי ניטאָ קיין סודיעס, אַז מע

אייצעט זיך מיט אים שיר ניט וועגן איטלעך קלייניקײַט, האָט ער אויך געוווסט. איז ווי האָט ער זיך עס גלײַך ניט אָנגעשטויסן, צאַליע, אַז וויבאַלד ער האָט דאָ אין אַ וואָכעדיקן פרײַ־מאָרגן געטראָפן לייווין, איז מיסטאָמע האָט כאַנצע זיך געדאַרפט מיט אים דרינגענד וועגן עפּעס אויסרייצן, מעגלעך, אַז זי האָט אים אַפילע געבעטן, ער זאָל זיך דורכריידן מיט אים, מיט צאַליען, זיך דערוויסן, וואָס באַטײַט זײַן שווײַגן. מיטאמאָל האָט צאַליען זיך אויסגעוויזן, אַז כאַנצע האָט פאַרבעטן לייווין איצט אַהער, זי זאָל קאָנען פאַרגלײַכן, ווער פון זיי ביידן, ער צי לייווי, איז מער פאַסיק פאַר איר דינען. לייווי איז אַ מענטש אַ באַזאַרגטער. מיט דער צײַט קאָן ער ווערן אַ פּראָפעסאָר. און ער, צאַליע? ס׳איינציקע, מיט וואָס ער קאָן זיך איבער־נעמען, איז דאָך דערווײַל דאָס, וואָס ער איז אַף אַ זעקס־זיבן יאָר ייִנגער. גלאַט אַזוי זיך שפּאַצירט מען ניט אַרום מיט קיין שוועסטערקינד אונטער דער האַנט, מע גייט ניט צוזאַמען אין קיין מעבל־קלייט...

— איר שפּילט אין שאָך?

צאַליע האָט זיך געהאַט אַזוי פאַרקלערט, אַז ער האָט ניט גלײַך באַנומען, צו וועמען האָט ער זיך עס געווענדט, דער קינפטיקער פּראָפעסאָר, ווי אים האָט זיך איצט געוואָלט רופן לייווין, פונקט ווי פון דעם, וואָס ער וועט אים פון איצט אָן אַזוי רופן, וועט עס אים העלפן זיך פאַרשטעלן אָט דעם שלאַנקן, וווקסיקן יונגמאַן מיטן געקרײַזלטן קאָפּ האָר אינעם געשטאַלט פון אַ דאָרן, אויסגעטריקנטן מענטשן מיט אויסגעלאָשענע, קורצזיכטיקע אויגן, ווי דער פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק באַ זיי אין לענינגראַדער אינסטיטוט.

— אַליאָכין און באָטוויניק זײַנען, דאַכט מיר, אויך לענינגראַדער.

— דאָס הייסט נאָך ניט, — האָט צאַליע, צוקוקנדיק זיך, ווי לייווי שטעלט פאַנאַנדער אַפן שאַכמאַט־ברעטל די פיגורן, אים געענטפערט, — אַז אַלע לענינגראַדער קאָנען שפּילן. אָט איך, אַשטייגער, ווייס בלויז, וואָזוי מע דאַרף גיין מיט די פיגורן, אָבער ניט מער.

— באַשיידנקײַט איז, פאַרשטייט זיך, זייער אַ גרויסע זאַך, עס באַשיינט דעם מענטשן, נאָר פונדעסטוועגן וועל איך זיך פרײַוויליק ניט אָפּזאָגן צו שפּילן מיט די ווײַסע פיגורן. מירן וואַרפן גורל.

כאַנצע איז געזעסן באַ דער זײַט און שווײַגנדיק פאַרטראַכט זיך צוגעקוקט צו דער שפּיל, גלײַך ווי פון דעם, ווער באַ וועמען עס וועט געווינען, איז אָפּהענגיק, וועמען פון זיי ביידן זאָל זי אויסוויילן פאַר איר טאָכטער. ער פאַרשטייט אַליין, צאַליע, אַז ס׳איז נאַריש אַזוי צו טראַכטן, ער וויל אָבער וויסן, פאַרוואָס האָט לייווי זיך פלוצעם געזעצט שפּילן מיט אים אין שאָך? גלאַט אַזוי, ווײַל ער האָט פּאַשעט איצט פרײַע צײַט און ווייסט ניט ווו זי אַהינצוטאָן, צי דאָס שפּילן אין שאָך באַטײַט פאַר אים גאָר עפּעס אַנדערש, און עס גייט אים דערבײַ אײַנגאַנצן ניט אָן, צי ער געווינט, צי ער ווערט אָן. לויט דעם ווי ער שפּילט, וויל, אַפּאַנעם, לייווי דערגיין, צי איז ער, צאַליע, אַ געוואָגטער צי אַ פאַרזיכטיקער, אַ באַדאַכטער צי אַ לײַכטזיניקער, און צאַליע, וועלכער האָט נאָך די ערשטע צען גענג זיך אַף לאַנג פאַר־טראַכט, האָט געפילט, ווי ער נעמט דערמיט אויס באַ דער דערבײַזיצנדיקער כאַנצע. דינע האָט געוווסט, אַז ער וועט דאָ באַ זיי הײַנט טרעפן לייווין? און אַז איר שוועסטערקינד וועט אים פאַרלייגן שפּילן אין שאָך, האָט זי אויך געוווסט? וועגן וואָס האָט זיך עס מיטאמאָל אַזוי פאַרטראַכט לייווי, וואָס ער האָט ניט באַמערקט, ווי ער האָט אונטערגעשטעלט דעם פערד?

— מומע כאַנצע, ווען קומט דינע פון דער אַרבעט?

כאַנצע האָט ניט אָנגעהויבן פאַרשטיין, וואָס איז זיך דאָ מיטאמאָל אַזעלכעס פאַרלאָפן, וואָס לייווי, ניט צורירנדיק זיך מער צו די שאַכמאַט־פיגורן אַפן ברעטל, האָט זיך געגעבן אַזוי האַסטיק אַ הייב אויף פון טיש. זי האָט אויך ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז עס אים פלוצעם אײַנגעפאַלן צו פרעגן, ווען דאַרף הײַנט קומען דינע פון דער אַרבעט. האָט זי אַ קוק געטאָן אַף אים, ווי זי זאָל מיטן בליק אירן וועלן באַ אים דערגיין, וואָס דערוואַרט ער, זאָל זי אים דערויף ענטפערן, און געזאָגט:

— דינטשיק דאַרף קומען אַרום פינף אין אָוונט, — און גלײַך צוגעגעבן, אַ קוק טוענדיק אַפן גרויסן וואַנטזייגער, — איצט איז אַ פערטל איינס.

— ווו האָט איר שוין באַוויזן דאָ באַ אונדז זײַן? — האָט לייווי זיך געווענדט צו צאַליען, וועלכער האָט זיך אויך געהאַט אופגעהויבן פון טיש. — אין באָטאַנישן גאָרטן זײַט איר געווען? כ׳וואָלט אײַך געראָטן צוגיין. איך קען אײַך באַגלייטן. איך גיי פונקט אין יענער ריכטונג.

— זעט נאָר, איר זאָלט צוריקוועגס ניט פאַרבלאָנדזשען ערגעץ אין אַ קאַפּע און ניט פאַרשפּעטיקן צום וואַרמעס. מירן אַף אײַך וואַרטן.

איצט האָט צאַליע זיך שוין ניט מער געסאָפּעקט, אַז דאָס, וואָס ער האָט דאָ הײַנט געטראָפן לייווין, איז ניט געווען קיין צופעליקע באַגעגעניש. ער האָט בלויז ניט געוווסט,

צי דאָס האָט כאַנצע אים געבעטן, צי לייווי איז אַליין געקומען, נאָר אַז אין באָטאַנישן גאָרטן, וווהין ער רופט אים זיך דורכשפּאַצירן, וועט בײַ זיי גיין אַ רייד וועגן דינען, דאָס האָט ער, צאַליע, געוווּסט אַף זיכער.

# 4

ווען צאַליע מיט לייווין זײַנען אַרײַן אין באָטאַנישן גאָרטן און זיך דאָרט צוגעזעצט אַף אַ באַנק אין אַ שטילער זײַטיקער אַליי, האָבן זיי שוין, אײַגנטלעך, ניט געהאַט מער וועגן וואָס צו ריידן. אַלץ איז געווען שוין אַרומגערעדט, און זיי האָבן געקאָנט זיך פֿאַנאַנדערגיין. נאָר עפּעס האָט געשטערט יעדן איינעם פֿון זיי זיך אופֿהייבן און אַוועקגיין, און יעדערער פֿון זיי האָט געטראַכט וועגן דעם אַנדערן, אַז, מיסטאָמע, האַלט אים אָפּ די היץ, וועלכע האָט געלאָזט זיך פֿילן שוין אויך דאָ, אין געדיכטן שאָטן פֿון די ברייט פֿאַנאַנדערגעוואַקסענע צעַ־דערן. אַלנפֿאַלס ער, צאַליע, האָט געוווּסט, וואָס האַלט אים דאָ נאָך אָפּ. ער דאַרף דערגיין בײַ דעם מיטאָמאָל אַנשוויגן געוואָרענעם לייווין, וועלכער האָט מיט אים געהאַט פֿאַרפֿירט אָט דעם מאָדנעם געשפּרעך, צי דאָס האָט דינע אים וועגן דעם געבעטן, צי ער, לייווי אַליין, האָט געוואָלט עס אויסקלאָרן, און פֿאַרוואָס איז עס אים, לייווין, אַזוי אָנגעגאַנגען וויסן, ווי קוקט צאַליע דערויף, וואָס דינע איז אָנגעקומען אַרבעטן. דער פֿאַרוואַלטער פֿונעם שטעטלשן קלוב ליפּע סעגאַל האָט, אַפּאָנעם, ניט אומזיסט אים געוואָרנט, צאַליען, אַז דינע איז פֿון אַ באַלעבאַטישער שטוב, אַז כאַנצע וועט קיינמאָל ניט דערלאָזן, אַז איר טאָכטער זאָל ווערן אַן אַרבעטערן, אַפֿילע לייווי, וועלכער האָט מיט יאָרן צוריק נאָך פֿאַרלאָזט דאָס שטעטל און וועלכער האָט אים דאָ נאָרוואָס אַליין געזאָגט, אַז דאָס האָט ער צוגעזוכט פֿאַר דינען די דאָזיקע אַרבעט און זי צוגערעדט גיין אַרבעטן, מאַכט עפּעס אויך אַ גאַנצן ווען דערפֿון, און פֿאַרלאַנגט, דאַכט זיך, עס אויך פֿון אים. דאָס זעלבע, ווײַזט אויס, פֿאַרלאַנגט פֿון אים אויך גאָדל מיט זײַן איבערנעמען זיך נאָכאַנאַנד מיטן שטעטל און מיטן צונישט מאַכן דערבײַ די שטאָט, ווו דער מענטש איז, געגליכן צו אַ נאָדל אין אַ סטויג היי... ס׳קומט אויס, ווי זיי זאָלן ביידע, לייווי מיט גאָדלען, וועלן אים מאַכן, צאַליען, פֿאַר זייערן אַ שותּף, ער זאָל צוזאַמען, הייסט עס, מיט זיי העלפֿן פֿאַרהיטן דאָס שטעטלדיקע, וואָס מע ברענגט פֿון דאָרט מיט זיך צו פֿירן אין שטאָט, אַנדערש קאָן געשען מיט דינען אַף דער פֿאַבריק דאָס זעלבע, וואָס איז זיך פֿאַרלאָפֿן מיט אַן אַנדער שטעטלדיקער שיינהײַט אין דער קאָנדיטערײַ אַף ליטיינע פּראָספּעקט.

צוקוקנדיק זיך, ווי לייווי צייכנט עפּעס אַפֿן זאַמד מיט אַ שטיקל צווײַגל, האָט צאַליע אַ קלער געטאָן בײַ זיך, צי ניט לייווי איז עס דער, וועגן וועמען ער וועט איצט טראַכטן די גאַנצע צײַט און צי האָט לייווי ניט פֿאַרפֿירט מיט אים אָט דעם הײַנטיקן געשפּרעך, אַז ער זאָל נאָכדעם האָבן מיט וואָס זיך באַרעכטיקן אי פֿאַר זיך אי פֿאַר דינען, זי צוגערייטן דערצו, זי זאָל זיך ניט פֿילן שולדיק פֿאַר אים, פֿאַר צאַליען, אויב מיט איר וועט זיך פּלוצעם פֿאַר־לויפֿן דאָס, וואָס עס קאָן זיך פֿאַרלויפֿן מיט אַ שטעטלשער שיינהײַט, אַף וועלכער אַלע פֿאַר־קוקן זיך. און אַז אַף דער פֿאַבריק קאָן זיך אַזעלכעס פּאַסירן, האָט לייווי אים בײַצײַטנס געוואָרנט מיט זײַן געבן אַ פֿרעג, ווי קוקט ער, צאַליע, אַף דעם, וואָס דינע איז אַוועק אַרבעטן. לייווי וועט איר, דינען, געוויס איבערגעבן, אַז ער, צאַליע, האָט אים דערויף גע־ענטפֿערט, אַז ס׳איז איר זאַך, אַז ווי זי וויל, אַזוי זאָל זי טאָן.

— ליפּע סעגאַלן פֿונעם שטעטלשן קלוב געדענקט איר? — האָט לייווי, אַפּוואַרפֿנדיק פֿון זיך דאָס צווײַגל, מיטאָמאָל געפֿרעגט.

צאַליע האָט פֿאַרכידעשט אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ.

— דאָס האָט ער, פֿאַרשטייט זיך, ליפּע, אַרײַנגעשיקט דאָס בריוול אַף דער זאָקן־פֿאַבריק און ווידער וועגן זעלבן, אַז מע זאָל אָפּנעמען בײַ דינען און בײַ כאַנצען די וואַלרעכט, אַז גווירישע טעכטער דאַרפֿן אויסקויפֿן זייערע זינד ניט אַף קיין זאָקן־פֿאַבריק, נאָר אַף אַן אַנדער אַרבעט און אין אַן אַנדער אָרט.

— ליפּע? — האָט צאַליע איבערגעפֿרעגט און פֿאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי ער וואָלט געווען זיכער, אַז לייווי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז ניט וועגן דינען האָט ער, צאַליע, איצט אַ קלער געטאָן, נאָר וועגן זיך, אַז דער זעלבער ליפּע האָט געקאָנט אויך אַוועקשיקן וועגן אים אַ בריוול. פֿאָדערן, מע זאָל בײַ אים אָפּנעמען די וואַלרעכט, וועט ער ניט, ליפּע, נאָר אַז מע זאָל אים אויסשליסן פֿון קאָמיוג, צי אַפֿילע פֿון אינסטיטוט, פֿאַר אָנווערן די וואַכ־

זאמקייַט, דאָס קאָן ער. נאָר פאַרוואָס האָט דינע עס ביז איצט אויסבאַהאַלטן פון אים, פון צאַליען, פאַרשטייט ער ניט. זי גלייבט, אַז אַזעלכעס קאָן שוין איצט ניט פּאַסירן, צי זי איז זיכער, אַז וואָס מיט איר זאָל זיך ניט פאַרלויפן, וועט ער סײַווי צו איר קומען? און דאַרפן דאַרף אָט דאָס אַלץ טרעפן פּונקט דעמלט, ווען ער האָט דערלאַנגט אַ מעלדונג, מע זאָל אים אָננעמען אין דער פּאַרטיי. איז וואָס פאַרלאַנגט פון אים איצט לייווי? ער לאָזט אים, ער זאָל אליין, הייסט עס, מאַכן דעם אויסוואַל — זיך אַרײַנמישן צי באַצײַטנס אָפּטרעטן.

---

פאַר דער וואָך צײַט, וואָס צאַליע איז הי, איז עס געווען דער ערשטער און איינציקער אָוונט, ווען ער איז מיט דינען אין ערגעץ ניט געגאַנגען, נאָר געזעסן אויפן באַלקאָן פון איר פּעטערס וווינונג. ניט דאָס קלינגען פון די טראַמווײַען אויף די שכיינעסדיקע גאַסן, ניט די העלע שײַן אין די פענצטער אין די פילגאָרנדיקע מויערן האָבן אים ניט געשטערט זיך פאָרשטעלן, אַז ער איז מיט איר אין שטעטל, אַז דאָס זיצט ער אַזוי מיט איר אַרומגענומען אויף אַ גאַנעקל אין אַ טויב געסל, וווּהין קיינער קוקט ניט אַרײַן. צומאָל האָט ער זיך אַפילו געריכט דערהערן דאָ אַ קוואַקען פון זשאַבעס און דערפילן דעם רייעך פון אָטשערעט... בלויז דעמלט, ווען דינע פלעגט, באַפרײַענדיק זיך פון זײַנע פיבערדיקע ליפּן, אים אָנווײַזן, אַז מע קוקט אַהער פון אַ דערבײַיִקן פענצטער, אָדער אַז עמעצער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגנאיבער אויפן טראָטואַר, האָט צאַליע זיך צוריק אַריבערגעטראָגן פון שטעטל אַהער, אין אָט דער גרויסער ראַשיקער שטאָט, אָבער ניט אויף לאַנג. אין אַ ווײַלע אַרום איז זײַן קאָפּ שוין ווידער געלעגן בײַ דינען אויף די קני, זײַנע ליפּן האָבן זיך ווידער געצויגן צו אירע פאַרפלאַמטע באַקן, צו איר אַנטבלויזטן האַלדז, וואָס איז געווען ווי אָנגעשטעקט מיטן זעלבן ליכטיקן שמייכל, וואָס אירע עטוואָס פולבלעכע ליפּן, און ער האָט ניט געלאָזט, אַז זי זאָל דערמאָנען אי זיך אי אים, אַז מאָרגן אין דער צײַט וועט ער שוין דאָ ניט זײַן. און וועגן דער נאָענדיקער בענקשאַפט, וואָס עס וועט נאָך זיך איבערלאָזן דער מאָרגעדיקער סאָף־טאָג, האָט ער ניט געלאָזט, זי זאָל אים דערמאָנען.

— מע דאַרף וועגן דעם, דינטשיק, איצט ניט ריידן. מע דאַרף ניט. איך פאָר דאָך אויף לאַנג ניט אַוועק, — געזאָגט עס און אַליין ניט געוווּסט, צו וואָס האָט ער עס איר געזאָגט. זי ווייסט דאָך, אַז פריִער ווי אין אַ יאָר אַרום וועט זי אים ניט זען, אַז אויף די ווינטער־קאַניקולן וועט ער דאָס מאָל ניט קאָנען צו איר קומען.

— ווייסטו גאָר וואָס, וועסט קומען אויף די ווינטער־קאַניקולן צו מיר, — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום זיך ווידער אָנגערופן, גלײַך ער זאָל ניט וויסן, אַז כאַנצע וועט קיינמאָל ניט אָפּלאָזן איר דינען אַליין, ווען ער זאָל אַפילו שוין הייסן דינעס כאָסן. כאַנצע אַליין וואָלט געקומען מיט איר צו פאָרן, אָדער עס וואָלט זי באַגלייט גאָדל צי מוישל, דינעס ברודער, וועלכן ער האָט נאָך קיין איין מאָל ניט געזען, בלויז געוווּסט, אַז ער אַרבעט אויף אַ שיף, איז זעלטן אין דער היים און איז אויך, ווי דינע, ווייניק וואָס ענלעך אויף דער מוטער. און ווי וועט דינע קאָנען איצט פאָרן צו אים, אַז זי אַרבעט?

— ווילסט, וועל איך אָפּלייגן דאָס פאָרן נאָך אויף אַ טאָג. נו, זאָג? — האָט צאַליע זי געפרעגט, צומאַכנדיק איר מיט די ליפּן אירע גרויסע אומעטיק־פאַרטראַכטע אויגן, און ער איז גרייט געווען שוין צו גלייבן, אַז ער וועט מאָרגן ווירקלעך ניט פאָרן. מיט אים האָט עס דאָך שוין איין מאָל געטראָפן. דעמלט אָבער האָט ער געדאַרפט זיך פאַרענטפערן בלויז פאַר דינען, און פאַר איר האָט ער געהאַט מיט וואָס זיך פאַרענטפערן. ער האָט געקאָנט אַרופוואַרפן די שולד אויפן באַלעגאָלע, אַז יויעל דער באַלעגאָלע האָט אים פאַרגעסן אויפוועקן; אַז ער האָט ניט געהערט, ווי יויעל האָט אָנגעקלאַפּט צו אים אין פענצטער. און מיט וואָס וואָלט ער זיך דאָס מאָל געקאָנט באַרעכטיקן? ער האָט פאַרשפּעטיקט צום באַן? מיטן וואָגן האָט עפּעס פּאַסירט אין וואַלד? פונדאַנען דאַרף ער זיך דאָך ניט שלעפּן מיט אַ פורל דורך אַ געדיכטן באַרגיקן וואַלד, נאָר זיך אויפזעצן דאָ דערבײַ אויפן ראָג אין אַ טראַמווײַ. און דער צוג, מיט וועלכן ער דאַרף פאָרן, גייט פונדאַנען ניט באַגינען, נאָר ענדע טאָג, ווען דינע וועט שוין האָבן זיך לאַנג אומגעקערט פון דער אַרבעט. מיטן דאָזיקן סאָפּטאָגיקן צוג קומט ער אָן קיין לענינגראַד אַ קנאַפּע שאָ פאַר דעם, ווי אויפן וויטעבסקער וואָקזאַל וועלן זיך שוין האָבן פאַרזאַמלט די סטודענטן, וואָס פאָרן אויפן גאַנצן זומער אין מיליטערישן לאַגער, און דאָס אַלץ, אויף וואָס ער וואָלט זיך קאָנען פאַרופן, גייען אין מיליטער ניט אָן. אויפן זאַמלפּונקט מוז ער זײַן צו דער מינוט.

צאַליע האָט עס געוווּסט און דאָך ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז מאָרגן אין דער צײַט וועט ער שוין ניט קאָנען צופאַלן מיט די ליפּן צו איר שמייכלענדיק מויל, צו איר ליכטיקן, ווי

פון העלדפאַנדביין געשניצטן, האַלדז, אַז מאָרגן אין דער צײַט וועט ער שוין ניט האַלטן איר
ווייכע וואַרעמע האַנט אין זײַנער און זיך ניט אײַנבײַסן מיט די ציין אין איר איטלעכן פינגער,
איבערלאַזנדיק אויף זיי אַ לײַכטן צייכן. אירע פינגער, ווײַזט זיך אים אויס, זײַנען שוין ניט
אַזעלכע צאַרטע, זיי זײַנען שוין עטוואָס פאַרגרעבטע, און דער דופטיקער רייעך פון איר צאָפּ
איז, דאַכט זיך, אויך שוין עטוואָס אַן אַנדערער. שפּילנדיק זיך מיטן אַרײַנגעפלאָכטענעם ווײַסן
זײַדענעם באַנט, וואָס דערמאָנט אים שטענדיק אין אַ פליגל, האָט ער דערזען אין אירע האָר
עטלעכע פעדעמלעך וואָל און שוין אַנדערש ניט געטראַכט, אַז דער זײַטיקער רייעך, וואָס
האָט זיך אַרײַנגעמישט אינעם אַראָמאַט פון איר צאָפּ, שטאַמט פונעם וואָל, מיט וועלכן זי האָט
אויף דער פאַבריק איצט יעדן טאָג צו טאָן. דינע האָט געגומען בא אים די עטלעכע פעדעמלעך
און זיי אָוועקגעלייגט לעבן זיך אויף דער פּאַרענטש פון באַלקאָן. פון דעם ווי זי האָט אים די
אַלע טעג דערציילט וועגן איר אַרבעט און איצט געקוקט אויף די פאַנאַנדערגעלייגטע פעדעמלעך
וואָל, האָט צאַליע פאַרשטאַנען, אַז אומזיסט האָט ער אין זײַנע בריוו געוועקט אין איר די
בענקשאַפט צום שטעטל. דינע וועט זיך אין שטעטל שוין צוריק ניט אומקערן. זי קאָן שוין,
פילט ער, ניט אויסקומען אָן דעם אימפּעטדיקן טומל פון פאַבריק. דאָס אייניציקע, וואָס אים
איז געבליבן זי צו בעטן, אַז זי זאָל כאָטש פאַרהיטן דעם צאָפּ אירן, אים ניט אָפּשערן, גלײַך
ווי דאָס וואָלט פאַר אים געווען דאָס סאַמע נייטיקסטע אויף צו דערזען אין איר די שטעטלשע
שולאַמיס.

מיט אַ מעסוקענער גיכקײַט און טראַסקערײַ האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן ברוק אַ מאָ־
טאָציקל. דינע איז שיר ניט אַראָפּגעשפּרונגען פון באַלקאָן:

— לייווי!

— לייווי? — האָט צאַליע פאַרוווּנדערט זי אָנגעקוקט.

— נו יאָ, כ'האָב געמיינט, אַז ס'איז אונדזער לייווי.

— דינע, — האָט צאַליע בא איר געפרעגט, ווען דער מאָטאָציקל איז פאַרשוווּנדן אַראָפּ־
גאַס, — ווער איז ער דיר פונדעסטוועגן, לייווי?

זי האָט זיך צעלאַכט מיט צוויי שורעס איבערגעקליבענע ציין.

— כ'פאַרשטיי דיך ניט. וואָס הייסט ווער? מײַנער אַ שוועסטערקינד. זײַן פאַמיליע־
נאָמען איז אפילע אויך ראַסנער. איאָ, ער איז זייער אַ שיינער? מיידלעך לאָזן אים מאַמעש די
גאַס ניט דורכגיין. ער זאָל וועלן, וואָלט ער געקאָנט נעמען דאָס בעסטע מיידל, נאָר ער קלײַבט
זיך ניט כאַסענע האָבן. מיינסט, ער איז אַ יונגער? אים איז שוין נײַן און צוואַנציק יאָר גע־
וואָרן. ער איז ביכלאַל שטאַרק אַ מאָדנער. אַנומלטן, פאַר דײַן קומען, האָט ער מיך אופגע־
זעצט צו זיך אויפן מאָטאָציקל און דורכגעפלויגן מיט מיר די גאַנצע שטאָט. ביסט ווען־ניט־איז
געפאָרן אויף אַ מאָטאָציקל? דאָס ערשטע מאָל איז אַזוי שרעקלעך, אַז ס'פאַרכאַפּט אַזש דער
אָטעם. עס הייבט זיך אויף אַזאַ ווינט, אַז אָט, דוכט זיך, פליסטו אַרויס, און כ'וואָלט געווען
אַרויסגעפלויגן, ווען איך קלאַמער זיך ניט אײַן אין לייווין מיט ביידע הענט, אָט אַזוי־אָ, —
דינע האָט אַרומגעכאַפּט צאַליען און זיך שטײַף צוגעדריקט צו אים, אונטערשטעלנדיק דאָס
פּאָנעם צו זײַנע ליפּן.

ווי ער וואָלט בלויז איצט באַמערקט אויף איר דאָס קורצע געפּאָלדעוועטע קליידל, וואָס
האָט קוים צוגעדעקט אירע נאַקעטע קני, האָט צאַליע פאַרטראַכט זיך אָנגערופן:

— צי געדענקסטו, צי איך האָב עס מיר דערציילט, צי איך האָב עס אַליין אין דער קינדהײַט ער־
געץ געלייענט, ווי אַזוי מע האָט אַ יונג שיין מיידל באַשטראָפט, כ'געדענק שוין ניט פאַרוואָס
מיט אַ שרעקלעכן טויט. מע האָט זי צוגעבונדן צום עק פון אַ ווילד פערד, וואָס האָט זי
געשלעפּט נאָך זיך איבערן שטיינערנעם ברוק. ווען מע האָט געפרעגט דאָס מיידל, וואָס איז
איר לעצטער פאַרלאַנג, האָט זי געבעטן, מע זאָל איר געבן עטלעכע שפּילקעס, און זי האָט
מיט זיי צוגעשפּיליעט דאָס קליידל צו איר לײַב, עס זאָל זיך ניט אַרויסזען, ווען דאָס פערד
וועט זיך טראָגן מיט איר אין אַ ווילדן גאַלאָפּ.

אויף צאַליען האָט, ווי אין יענעם אָוונט, באַם אַראָפּגיין פון שיף, ווידעראַמאָל אַ ווייע גע־
טאָן די קעלט פון די שטרענגע שטאָלצע שיינהײַטן אין די זאַלן פון די געוועזענע פירשטלעכע
פּאַלאַצן, נאָר דינע איז איצט ניט געווען ענלעך אויף זיי. איר שיינקײַט איז געווען אַן אַנדערע,
און איר שטאָלצקײַט איז געווען אַן אַנדערע. ער האָט געקוקט אויף איר הויך פאַרוואָרפענעם
קאָפּ, אויף אירע הענט, וואָס האָבן צוגעהאַלטן דאָס נידעריק אַראָפּגעצויגענע קליידל איבער די
קני, און געווען זיכער, אַז ווען דאָס זעלבע, וואָס ער האָט איר דערציילט, זאָל זיך געווען פאַר־
לויפן, כאָלילע, מיט דינען, וואָלט זי אויך צוגעשפּיליעט דאָס קליידל צום לײַב. ער ווייסט
אַליין ניט, וואָס איז מיטאַמאָל געשען מיט אים אין אָט דער רעגע, וואָס ער איז צוגעפאַלן צו
אירע הענט און, פאַרכלינענדיק זיך מיטן אייגענעם אָטעם, זיי געגומען קושן. ער האָט דערבײַ

איר עפּעס געשעפּטשעט און ניט געוווּסט וואָס, נאָר זי האָט געהערט. ער האָט עס דערפילט אינעם צאַרטן צורירן זיך פון אירע ליפּן צו זײַנע אַראָפּגעלאָזענע אויגן־לעפּלעך.

— גאָדל פאָרט הײַנט אוועק, — זי האָט אויסגעוואָרט אַ ווײַלע און, אופהייבנדיק דעם קאָפּ זײַנעם פון אירע קני, אים ווידער דערמאָנט, — גאָדל פאָרט הײַנט אוועק. מירן פאַר־שפּעטיקן זיך מיט אים געזעגענען. און די מאַמע קער שוין אָף אונדז וואַרטן. קום, צאַליע.

שוין אָפן גאַס, אינעם וואָכעדיקן טומל, האָט צאַליע זיך צו איר אָנגערופן:

— פאַר ליפּען האָסטו ניט וואָס מוירע צו האָבן. אויב ער וועט זיך מיט דיר פאַרפירן, איז גיב מיר גלײַך צו וויסן. ער וועט האָבן צו טאָן מיט מיר. — און זי זאָל דערפילן, אַז זי האָט, ווער עס זאָל זי באַשיצן, האָט ער זי שטײַף אָנגענומען אונטער דער האַנט.

— אַ גוט־אָוונט, דינע. זעט נאָר, צאַליע! איר זײַט גאָר דאָ?

פאַר דינען מיט צאַליען איז געוועזן אַזוי אומדערוואַרט דערזען דאָ פּלוצעם פאַר זיך עטל זעלצערן, אַז זיי זײַנען אַזש אָפּגעטראָטן אָף צוריק און געבליבן שטיין, ווי צוגעוואַקסענע צום טראָטואַר.

— עפּעס קוקט איר אָף מיר ביידע, ווי איר וואָלט מיך ניט דערקענט, — האָט עטל זיך לוסטיק צעלאַכט און, אויסמײַדנדיק צאַליעס פאַרוווּנדערטן און פאַרלוירענעם בליק, זיך אַ וואָרף געטאָן אַרומכאַפּן דינען.

— ווי קומסטו מיטאמאָל אַהער? — האָט דינע, ניט רירנדיק זיך אַלץ נאָך פון אָרט, גע־פּרעגט עטלען. — שוין לאַנג, אַז דו ביסט הי?

— ניין, ערשט הײַנט אינדערפרי געקומען, און איבערמאָרגן, אויב ניט מאָרגן, פאָר איך שוין אוועק.

— וווּהין?

— אַהיים, פאַרשטייט זיך. באַ מיר האָבן זיך דאָך שוין אָנגעהויבן די קאַניקולן. אין שטעטל קער, מיסטאָם, איצט זײַן גאַנץ אומעטיק. די מאַמע האָט מיר געשריבן, אַז אַלע צע־פאָרן זיך. כ׳וועל זען, אויב ס׳וועט מיר זײַן שטאַרק אומעטיק, וועל איך גאָר קומען אַהער. כ׳האָב דאָ אַ סאַך קרויווים. קימאַט יעדעס מאָל, ווען איך פאָר אַהיים אָף קאַניקולן, שטעל איך זיך דאָ אָפּ אָף עטלעכע טעג. טרעף, דינע, וווּהין בין איך עס איצט געגאַנגען? צו דיר בין איך עס איצט געגאַנגען, געוואָלט דיך זען. כ׳האָב זיך פּאָשעט פאַרבענקט. וויפל איז שוין, אַז מיר האָבן זיך ניט געזען? ווייסט, לאָמיר גאָר פאָרן צוזאַמען. וועסט זײַן באַ אונדז. נו און איַיך, — האָט עטל זיך געווענדט צו צאַליען, אַלץ נאָך אויסמײַדנדיק זײַן בליק, — לאַד איך ניט אײַן, ווײַל איר וועט סײַווי איצט ניט קאָנען קומען. איר פאָרט דאָך אָפן גאַנצן זומער אין מיליטערישן לאַגער. דינע, ס׳איז טאַקע אַן עמעס, וואָס מע האָט מיר געשריבן פון דער היים, אַז דו ביסט אוועק אַרבעטן אָף אַ זאַקן־פאַבריק?

דאַכט זיך, אַז די געפאַר איז שוין דורך. עטל האָט איצט לוסטיק געפּלאַפּלט וועגן זאַכן, וועלכע גייען אים, צאַליען, שוין לאַכלוטן ניט אָן — וואָס פאַרא קליידלעך און היטעלעך טראָגט מען איצט אין לענינגראַד, וועלכע טופל זײַנען איצט אין דער מאָדע. און וואָס האָט ער ביכלאַל מוירע צו האָבן פאַר איר, וואָס, דערזעענדיק זי, האָט ער זיך אַזוי פאַרלוירן?.. וואָס קאָן זי סאַפּקאָלסאָף דערציילן וועגן אים? ער האָט דען דעמלט אָף דער שיף ניט געזאָגט דינען דעם עמעס? די לעצטע וואָכן האָט ער עטלען דאָך טאַקעווירקלעך קימאַט ניט געזען און ווירקלעך ניט געוווּסט, פאַרוואָס האָט זי לעצטנס ניט געענטפערט דינען אָף אירע בריוו. און אַז זי וועט, פאָרנדיק אָף די קאַניקולן אַהיים, זיך אָפּשטעלן דאָ אין שטאָט, פּונקט דעמלט ווען ער וועט דאָ זײַן, האָט ער דאָך זיכער ניט געוווּסט. אַפילע נאָכדעם ווי עטל האָט, שטיפער־ריש פּלאַפּלענדיק, צו אים אַ זאָג געטאָן, אַז זי לאַדט אים ניט אײַן צו זיך אין שטעטל, ווײַל ער וועט סײַווי ניט קאָנען קומען, האָט דינע אים אויך ניט כוישעד געווען, אַז דאָס אָנטרעפן דאָ עטלען איז פאַר אים ניט געווען פּונקט אַזוי אומדערוואַרט ווי פאַר איר, אַנדערש וואָלט זי דאָך ניט געלאָזט, ער זאָל זי האַלטן, דינען, אונטער דער האַנט, זיך שפּילן מיט אירע פינגער, און עס וואָלטן אַזוי ליכטיק ניט געשײַנט אירע אויגן. ער געדענקט פּאָשעט ניט, מעגלעך, אַז אין איינעם פון זײַנע קורצע באַגעגענישן מיט עטלען האָט ער איר געזאָגט, אַז זייער קורס וועט די זומער־כאַדאָשים פאַרברענגען אין אַ מיליטערישן לאַגער. נאָר פונוואַנען האָט זי געוווּסט, אַז ער איז איצט דאָ? דאָס האָט ער דאָך איר אָף געוויס ניט געקאָנט זאָגן. וואָס האָט עס דינע אַזוי אַ קוק געטאָן אָף אים און געפּרוּווט אים דערנאָך אַרײַנצײַען אין זייער געשפּרעך? ער האָט ניט גלײַך באַמערקט, ווי׳אַזוי איז עס געשען, וואָס ער האָט מיטאַ־מאָל דערזען זיך גיין אינמיטן, פירנדיק שוין איצט אויך עטלען אונטער דער האַנט, און ווי׳אַזוי האָט זיך עס באַקומען, וואָס דער געשפּרעך, אין וועלכן דינע האָט אים אַרײַנגעצויגן און וועלכן עס האָט געפירט שוין איצט מיט עטלען בלויז ער איינער, האָט אים אַזוי פאַרכאַפּט, אַז ער

האָט ניט ווילנדיק שוין א פּאָר מאָל פאַרהאַלטן אַף עטלען זײַן בליק. די סטודענטן, וועלכע האָבן פאַרן צעפּאָרן זיך אַף די ווינטער־קאַניקולן זיך געהאַט דעמלט פאַרזאַמלט בא אים אין צימער און באַגלײַך מיט אים, מיט צאַליען, צום ערשטן מאָל דאַן געזען עטלען, האָבן ניט געהאַט קיין טאָעס. זי איז טאַקע ווירקלעך א שיינע, א הויכע, א שלאַנקע און אויך א שטאָל־צע. איר שטאָלצקײַט איז אָבער אַן אַנדערע, א שטאָטישע.

— אַט דאָ וווינען מיר, — האָט דינע, בלײַבנדיק שטיין בא דעם האַלב שוין צוגעמאַכטן אײַזערנעם טויער, אַנגעוויזן אַף די צוויי לויכטנדיקע פענצטער טיף אין הויף.

— כ׳ווייס, — האָט עטל, פאַרצאַמענדיק מיט זיך דעם אַרײַנגאַנג, געזאָגט, — ס׳איז אָבער נאָך פרי. לאָמיר זיך נאָך א ביסל דורכשפּאַצירן.

— גאָדל אונדזערער איז דאָ אין קאָמאַנדירונג און פאַרט הײַנט אוועק. מיר האָבן זיך מיט אים נאָך ניט געזעגנט. קום צו אונדז. די מאַמע מײַנע, אַז זי באַגעגנט דאָ עמעצן פון אונדזער שטעטל, איז וויסט זי ניט ווו אים צו באַזעצן.

גאָדל איז דעם גאַנצן אָוונט ניט אָפּגעטראָטן פון עטלען. געהאַלטן אין איין אויסרעכענען לייוויס מײַלעס, וועלכן ער האָט זיך געגומען איר שאַדכענען, וועגנדיק זיך דערבײַ נאָכאַנאַנד צו כאַנצען, זי זאָל אים קומען צוהילף:

— שוויגער ליבע, שטייט ניט אָן א זײַט, אויב איר ווילט ניט, אַז אײַער באַליבט פּלע־מעניקל זאָל בלײַבן אַן אַלטער באָכער. אין לענינגראַד, עטינקע, וועט איר אַזאַ פײַנעם און געבילדעטן יונגנמאַן אַזוי גיך ניט קריגן. כ׳ווייס דאָך. מע כאַפּט זיי דאָרט אויס ווי נאָר זיי באַווײַזן זיך. שוויגער ליבע, לאָזט ניט אײַן דעם שידעך. עטינקע, איר וועט ניט באַווײַזן זיך אַרומקוקן, ווי לייווי וועט ווערן א פּראָפעסאָר. א שאָד, וואָס איך פאָר באַלד אָפּ.

כאַטש דער געשפּרעך איז אויך באַם טיי־טרינקען געווען דער זעלבער לוסטיק־שטיפּערי־שער, נאָר בא דינען, האָט צאַליע באַמערקט, האָט זיך געביטן דער קאָליר פון די אויגן. ס׳איז פאַרשוווּנדן פון זיי די טונקעלע גרויקײַט און זיי האָבן זיך גענומען לויכטן מיט א בלוילעכן אָפּשײַן פון קאַלטן שטאָל.

ווען דינע איז אַרויס אין קיך און זיך לאַנג ניט אומגעקערט, האָט צאַליען זיך געדוכט, אַז דאָס וואַרט זי דאָרט אַף אים, און אַז ווי נאָר ער וועט צו איר אַרײַן, וועט זי אים אָנכאַפּן פאַר דער האַנט און אוועקפירן מיט זיך ערגעץ אין א קליין זײַטיק צימערל, ווו די לעוואָנע קוקט אַרײַן אַזוי היימיש, ווי זי זאָל זיך בעטן, מע זאָל זיך מיט איר דורכריידן. כאַנצע וועט דאָך אָבער איצט ניט זאָגן עטלען, אַט ווי דעמלט אין שטעטל, אַז דינע איז ערגעץ אוועק מיט אים שפּאַצירן.

— א שאָד, וואָס לייווי האָט ניט געקאָנט הײַנט קומען, — האָט גאָדל, באַם געזעגענען זיך, ווידער פאַרפירט א רייד מיט עטלען, — דו וועסט דאָך אָבער זײַן דאָ נאָך א פּאָר וואָכן, און פונקט אין צוויי וואָכן אַרום בין איך דאָ צוריק אין א קאָמאַנדירונג. מיט איין וואָרט, גרייט שאַדכאָנעס־געלט. דו לאַך ניט. איך וועל אָנשרײַבן דער מאַמען דײַנער, זי זאָל דיך צושיקן אַהער, ווען איך וועל דאָ זײַן. שאַט, ווייסט איר גאָר וואָס, שוויגער, שיקט אײַער פּלעמע־ניק אַף א פּאָר וואָכן צו עטלען אין שטעטל. דער קאָמסאָמאָל האָט דאָך געקאָנט צושיקן אַזש פון לענינגראַד א כאָסן פאַר אײַער דינקען...

אַז גאָדל איז אוועק און אין שטוב האָט זיך צוריקגעקערט די שטענדיקע רויִקײַט, וואָס דאָ הערשט, האָט כאַנצע אוועקגעזעצט לעבן זיך עטלען און גענומען איר אויסרעכענען, ווער ס׳איז נאָך פאַרבליבן אין שטעטל און וועמען זאָל זי דאָרט, עטל, לאָזן גריסן.

— אוי, דער זייגער איז דאָך שוין נאָך צען, — האָט עטל זיך א כאַפּ געטאָן, — און די קרויווים מײַנע וווינען אַזש באַם טײַך. איר וועט מיך גיין א ביסל באַגלייטן? — זי האָט זיך הילכיק צעלאַכט. — דאָס מאָל, דינע, האָסטו שוין ניט וואָס מוירע צו האָבן. איר באַגלייט דאָך מיך ניט צום באַן, און ווען אַפילע צום באַן, האָסטו אויך ניט וואָס מוירע צו האָבן. דאָס מאָל וואָלט איך צאַליען שוין אין וואָגאָן צו זיך ניט אַרײַנגעלאָזט.

— פאַרצײַע מיך, עטל, עפּעס פיל איך זיך זייער מיד.

— איך וועל מוירע האָבן אַליין גיין.

— צאַליע, — האָט דינע, אויסמײַדנדיק זײַן בליק, זיך אָנגערופן צו אים, — גיי, כ׳בעט דיך, אַליין באַגלייטן עטלען. די שליסלען פון דער דירע זײַנען בא דיר? איך דאַרף זייער פרי אופשטיין צו דער אַרבעט, און בא מיר איז מאָרגן זייער א שווערער טאָג. פאַרצײַע מיך, עטל.

# 5

אין טראַמוויַ, וועלכער האָט זיך געשלעפּט באַרג־אַרוף לענגויס דעם אויסגעשטערנטן טײַך, האָט עטל, אָנבײַגנדיק זיך צו צאַליען, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן איר באַם פענצטערל פון וואַגאָן און, דאַכט זיך, אינגאַנצן ניט געהערט, וואָס זי האָט אים ביז אַהער דערציילט, זיך צו אים אָנגערופן:

— איצט קאָן איך אײַך זאָגן. כ'האָב געוווּסט, אַז איר זײַט אַוועקגעפאָרן אַהער און אַז איך וועל אײַך דאָ טרעפן.

צאַליע האָט, ווי פריִער, געשוויגן, גלײַך ווי אויך דאָס וואָלט צו אים ניט דערגאַנגען. ער האָט בלויז אויפגעהערט זיך צוקוקן אַזוי צום כּישעך, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָכן טראַמוויַ.

— אויב איר ווילט, קאָן איך אײַך אַפילו זאָגן, וויאַזוי האָב איך זיך עס דערוווּסט, — האָט עטל אין אַ ווײַלע אַרום פונסנײַ זיך אָנגערופן, אַפּזוכנדיק מיט איר בליק זײַנע פאַר־קלערטע אויגן, — איך האָב צופעליק באַגעגנט אײַער שאָכן פון צימער, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איר האָט פריִער פון אַלעמען אָפּגעגעבן די עקזאַמענעס און גלײַך אַרויסגעפאָרן אַהער. ניט אַנדערש, אַז איר זײַט געפאָרן כאַסענע האָבן, האָט ער מיר געזאָגט. זעט איר, איך האָב ניט געוואַרט, איר זאָלט מיך פאַרבעטן, און בין אַליין געקומען, אַלץ געוואָרפן און געקומען.

— כ'פאַרשטײַ, — האָט צאַליע, נאָך אַלץ ניט באַנעמענדיק, וואָס איז עטל דערמיט אויסן, זיך ענדלעך אָפּגערופן, — אײַך האָט פאַרוווּנדערט, וויאַזוי האָב איך זיך עס געלאָזט פאָרן אַהער און אײַך ניט מיטגענומען.

— און פאַרוואָס זאָלט איר מיך טאַקע ניט געוואָלט מיטנעמען? איך האָב אײַך דאָך איינמאָל, אויב איר געדענקט, מיטגענומען מיט זיך, — און ווי זי זאָל מוירע האָבן, אַז דער געשפּרעך, וועלכן זי האָט מיט אים איצט געפירט, קאָן זיך פּלוצעם פאַרוואַנדלען, צוליב איר אייגענער שולד, אין אַ לוסטיק־שטיפערישער פּלאַפּלערײַ, האָט זי אַליין זיך גלײַך איבערגעשלאָגן און מיט אַ באַזונדער האַרבקײַט, ווי זי זאָל האָבן דערויף רעכט, אים געמאָלדן, — ס'איז אויסגע־שלאָסן. איר וועט מיט דינען ניט כאַסענע האָבן. איך וועל דערצו ניט דערלאָזן. יאָ, איך וועל דערצו ניט דערלאָזן! צוליב דעם בין איך איצט אַראָפּגעקומען אַהער. קוקט ניט אַזוי אויף מיר. איך שפּאַס ניט. איך זאָג עס אײַך גאַנץ ערנסט. איר האָט אַ טאַעס, אויב איר קלערט, אַז אין מיר רעדט... צי איך קלײַב זיך אײַך מאַכן פאַר מײַנעם אַ כאָסן. דאָס, וואָס מיט מיר איז דעמלט געשען אין וואַגאָן און נאָכדעם, וועט שוין מער קיינמאָל זיך מיט מיר ניט פאַרלויפן. ווען איך זאָל אַפילו נאָך איצט געווען זײַן אין אײַך פאַרליבט אָט ווי דעמלט, וואָלט איר עס אויף מיר שוין מער קיינמאָל ניט באַמערקט. אין דעם קאָנט איר זײַן אינגאַנצן רויִק. נאָר מיט דינען וועט איר ניט כאַסענע האָבן. איר טאָרט מיט איר ניט כאַסענע האָבן...

יאָ, זי האָט זיך געריכט דערויף, אַז ער וועט זיך אויפהייבן, וועט אָט אַזוי־אָ אַ קוק טאָן אויף איר מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן און פאַרקרימען די ליפּן אין אַ שמייכל, ווען ער וועט זי פרעגן, ווער האָט איר געגעבן דאָס רעכט אַזוי צו ריידן מיט אים און וואָס גייט עס איר ביכלאַל אָן. עטל האָט אויף דעם אַלץ אים בלויז געענטפערט:

— איר דאַרפט עס אַליין פאַרשטיין.

דער טראַמוויַ האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם סעדל אַרוף־באַרג, פונוואַנען עס לאָזט זיך אַראָפּ אין דער נידער, צום טײַך, די גאַס, ווו ס'ווינען עטלס קרויווים, צו וועלכע זי איז פאַרפאָרן.

— פונדאַנען איז שוין ניט ווײַט. אָן זעט זיך דאָס הויז, — האָט עטל, אַרויסגייענדיק פון וואַגאָן, זיך אָנגערופן און, ווי זי זאָל האָבן פאַרגעסן וועגן דעם געשפּרעך, וואָס זי האָט אַקאָרשט געפירט מיט אים, געפרעגט. — איר אײַלט זיך ניט? איז לאָמיר זיך דאָ אַ ווײַלע צוזעצן אין סעדל. סאַראַ וווּנדערלעכער אָוונט ס'איז הײַנט, אָט ווי אין שטעטל באַ אונדז. גיט אַ קוק, ווי שיין דאָ איז.

באַם צופוסנס פונעם באַרג האָט שטיל גערוישט דער אויסגעשטערנטער טײַך, זיך איבער־גערופן מיטן רויש פון די סעדער, וואָס האָבן מיט זייער פאַרשיקערנדיקן דופט פאַרנאַרט צו זיך די לעוואָנע און זי ניט אַרויסגעלאָזט. ווײַט־ווײַט, ערגעץ אויף יענעם ברעג טײַך, האָבן זיך איבערגעשריִען די פייגל, פאַרבעטן איינע די אַנדערע צו זיך אויף נאַכטלעגער, צי אָנגעוויזן די שטענדיק פליִענדיקע וואַנדערער דעם וועג צום וואַלד. ענדלעך האָבן די סעדער אַרויסגע־לאָזט פון זיך די לעוואָנע, און מיט איין שפּרונג איז זי שוין געווען אויף יענער זײַט טײַך און פאַרשנייט דאָרט די לאָנקעס.

— סאַרא ווונדערלעכער אָוונט הײַנט איז, — האָט עטל זיך ווידער אָנגערופֿן, צורירנדיק זיך לײַכט צו צאַליעס אַראָפּהענגענדיקער האַנט, — אין אַזאַ אָוונט איז גוט צו זײַן אין שטעטל, זיצן דאָרט זאַלבעצווייט ערגעץ אויף אַ גאַנעקל צי שפּאַצירן מיטן שאָסיי. איר וועט שוין איצט, מיסטאַמע, קיינמאָל ניט פֿאַרבלאָנדזשען אין אַ שטעטל.

אויך דערויף האָט צאַליע איר גאָרניט געענטפֿערט. אים איז שוין, אייגנטלעך, געווען אַלצאיינס, וואָס האָט עטל אים נאָך צו זאָגן, וואָס זי האָט אים פֿאַרהאַלטן אין סעדל. דאָס איינציקע, וואָס ער וואָלט געוואָלט בײַ איר דערגיין — צי ניט דינע האָט עס זי געבעטן זיך דורכריידן מיט אים און דערפֿאַר איז זי געבליבן אין דער היים, זיך פֿאַרופֿן, אַז זי דאַרף מאָרגן פֿרי אויפֿשטיין צו דער אַרבעט און אַז בײַ איר איז מאָרגן זייער אַ שווערער טאָג? עפּשער האָט דינע אַליין געגעבן עטלען צו וויסן, אַז ער איז הי און דאָס, וואָס צווישן אים מיט דינען איז פֿאָרגעקומען בײַם אַראָפּגיין פֿון דער שיף, איז געווען אַ צוגרייטונג צו דעם געשפּרעך, וואָס עטל האָט מיט אים איצט פֿאַרפֿירט?

עטל האָט אים ניט געלאָזט זיך לאַנג פֿאַרטראַכטן וועגן דעם. זי האָט זיך אָנגערופֿן:

— איך וווּנדער זיך אויף אײַך. נו, ווי פֿאַרשטייט איר ניט, אַז זי איז ניט פֿאַר אײַך, אַז איר זײַט ניט קיין פּאָר.

צאַליע האָט אַ קוק געטאָן אויף עטלען, ווי ער וואָלט דערוואַרט פֿון איר באַלד דערהערן: „וועגן דעם האָט דאָך אײַך נאָך געוואָרנט ליפּע".

— איר געדענקט בעלען פֿון לערמאָנטאָווס „דער העלד פֿון אונדזער צײַט"? — עטל האָט עס געפֿרעגט, ווי וועגן אירער אַ לאַנגיאָריקער באַקאַנטער. — איר געדענקט, ווי פּעטשאָרין איז געווען אין איר פֿאַרליבט? און מיט וואָס האָט זיך עס געענדיקט? ס'זײַנען ניט דורך קיין צוויי־דרײַ כאָדאָשים, און אים איז געוואָרן לאַנגווײַליק מיט איר. ער האָט ניט געהאַט מער וועגן וואָס צו ריידן מיט איר. שיינקײַט אַליין איז נאָך ווייניק. כ'ווייס ניט, מעגלעך, אַז איר וועט זיך אָנהייבן לאַנגווײַליקן ניט אין אַ צוויי־דרײַ כאָדאָשים אַרום, נאָר אין אַ יאָר צי אין צוויי אַרום...

דאַכט זיך, אַז דאָס זעלבע יויעל דער באַלעגאָלע געהאַט געזאָגט אַמאָל דינען און דינע האָט עס נאָכדעם אין אַ שפּאַס איבערדערציילט אים, צאַליען.

— איך פֿאַרשטיי פֿונדעסטוועגן ניט, — צאַליע האָט זיך געגעבן אַ הייב אויף פֿון דער באַנק, — וואָס גייט עס אײַך אַזוי אָן, און ווער סאָפּקאָלסאָף זײַט איר, וואָס איר קאָנט פֿאַרווערן, ניט דערלאָזן, זיך אַרײַנמישן... איר האָט אַ טאָעס, עטל, אויב איר קלערט...

— אוי, ווי איר קענט ניט די שטעטלשע מיידלעך, צאַליע, — האָט עטל אים איבערגעשלאָגן, — איך האָב דאָך אײַך שוין געזאָגט. ווען איך זאָל אַפֿילע נאָך געווען זײַן אין אײַך פֿאַרליבט אָט ווי דעמלט, ווען איר האָט מיט דינען מיך אַרויסבאַגלייט צום צוג, וואָלט איר זיך עס פֿון מיר קיינמאָל ניט דערוווּסט און איך וואָלט זיך קיינמאָל ניט געשטעלט דינען אין וועג. דאָס, וואָס איך האָב אײַך געזאָגט, האָב איך עס געטאָן, ווי אײַערער און דינעס אַ פֿרײַנט. זיי זײַנען אַרויס פֿון סעדל און זיך געלאָזט גיין אַראָפּ־גאַס.

— דינע איז אונדז אַלעמען באַזונדערס טײַער, — האָט עטל, נעמענדיק צאַליען אונטער דער האַנט, פֿאַרגעזעצט, — פּונקט ווי מע גרויסט זיך בײַ אונדז אין די שטעטלעך מיט באַרימטע געלערנטע צי מיט אַנדערע באַוווּסטע לאַנדסלײַט, אַזוי גרויסט מען זיך בײַ אונדז צומאָל אויך מיט אַ שיינהײַט: ניט יעדער שיינהײַט רופֿט מען בײַ אונדז שולאַמיס, און דינע, ווי איר ווייסט, האָבן בײַ אונדז אַלע גערופֿן די „שטעטלשע שולאַמיס". מיר רופֿן זי אויך איצט אַזוי, כאָטש זי איז שוין אַ שטאָטישע, פֿאַר אונדז איז אָבער דינע געבליבן די זעלבע, אויף וועלכער מיר, מיידלעך, האָבן שטענדיק געוואָלט זײַן ענלעך מיט אונדזער שטאָלצקײַט, מיט אונדזער אויפֿירן זיך. דינע האָט אײַך פֿאַרבלענדט מיט דעם, וואָס זי איז ניט ענלעך אויף די גרויסשטאָטישע מיידלעך, וועלכע איר האָט געקענט, פּונקט ווי בעלע האָט פֿאַרבלענדט פּעטשאָרינען. און פּונקט ווי פּעטשאָרין איז ניט געווען גליקלעך מיט בעלען, וועט איר ניט זײַן גליקלעך מיט דינען און איר קאָנט ניט זײַן מיט איר גליקלעך. דינע פֿאַרשטייט עס ניט, אָבער איר דאַרפֿט דאָך עס פֿאַרשטיין. איר מוזט עס פֿאַרשטיין. מיר קאָנען ניט דערלאָזן, אַז אונדזער שטעטלשע שולאַמיס זאָל לײַדן. איר אַליין טאָרט דערצו ניט דערלאָזן, צאַליע. דינע איז צוגעפּאַסט פֿאַר אַזאַ, אַשטייגער, ווי לייווי, כאָטש זי וועט שוין קיינעם אַזוי ניט ליב האָבן, ווי זי האָט אײַך ליב. איך ווייס עס. נאָר מיט אײַך וועט זי קיינמאָל ניט זײַן גליקלעך. ווי פֿאַרשטייט איר עס ניט, אַז דינע איז ניט פֿאַר אײַך?

אינעם אָפּהילך פֿון זײַנע טריט איבער די פּוסטע באַנאַכטיקע גאַסן, מיט וועלכע צאַליע האָט זיך אומגעקערט, האָט ער די גאַנצע צײַט געהערט: „זי איז ניט פֿאַר אײַך. זי איז ניט פֿאַר אײַך. זי איז ניט פֿאַר אײַך". און אַז ער האָט זיך דערנעענטערט צו דער שטוב, האָט ער

אין זײַנע טריט שוין געהערט דעם אָפּהילך פון אַן אַנדער שטים, וואָס האָט אים ווי פאַרטײַטשט, וואָס שטעקט אין אָט דעם „זי איז ניט פאַר אײַך". די שטים איז געווען א צוגעקילטע פון שלינגען קײַקעלעך אײַז־קרעם. זי האָט געכריפּעט: „אין ליבע גייט אויך אַן א קלאַסנקאַמף. אין ליבע גייט אויך אַן א קלאַסנקאַמף!.."

צאַליע האָט ניט פאַרהאַנגען אַף נאַכט די פענצטער, ער זאָל ניט פאַרשלאָפן די שאָ, ווען דינע גייט צו דער אַרבעט. ער וועט צוּוואַרטן אַף איר אַפן ראָג. צום טראַמוויַי, מיט וועלכן זי פאָרט אַף דער זאָקן־פאַבריק, איז פון דאָרט א היפּשע שטרעקע, און אויב ער וועט ניט באַוויַיזן זיך דורכריידן מיט איר אַפן וועג, וועט ער זי פאָרן באַגלייטן, כאָטש ער ווייסט, אַז דער טראַמוויַי אין דער דאָזיקער שאָ איז איבערגעפּולט און ער וועט סײַוויַי ניט קאָנען זיך דאָרט מיט איר דורכשמועסן. ער קאָן אָבער ניט וואַרטן, ביז דינע וועט זיך צוריקקערן פון דער פאַבריק. ער פאָרט דאָך היַינט אַוועק, און ווי אַפּצולאָכעס גייט אָפּ זײַן צוג טכילעס אָונט. ווען ער זאָל וויסן, אַז זי שלאָפט נאָך ניט, וואָלט ער איצט צו איר אַוועק און וואָרט אין וואָרט איבערגעגעבן, וואָס עטל האָט אים געזאָגט. וואָס וועט אים דערויף ענטפערן דינע?

פון דעם, וואָס עטל האָט אים געזאָגט, איז אים מער פון אַלץ אָנגעגאַנגען, וועד איז סאָפּקאָלסאָף אָט דער לייווי, וועלכן ער האָט די אַלע טעג, וואָס ער איז הי, קימאַט שטענדיק געטראָפן בא די ראָסנערס און וואָס עטל האָט אויסגעפונען, אַז מיט אים וואָלט דינע געקאָנט זײַן גליקלעך. ער גלייבט איר, פאַרשטייט זיך, דינען, אַז לייווי איז אירער א שוועסטערקינד. טרעפט דען ניט, אַז שוועסטערקינדער ליבן זיך אײַן? פאַרוואָס אָבער האָט גאָדל, זאָל זײַן אפילע, אַז ס'איז געווען ניט מער ווי א שפּאַס, געשאַדכנט לייווין עטלען, און ניט דינע, נאָר עטל האָט זיך דערבײַ מאָדנע גערויטלט? ער פאַרשטייט ניט: דאָס אַלץ, וואָס עטל האָט אים געזאָגט, האָט זי דאָך געקאָנט עס אים זאָגן אין לענינגראַד און ניט נאָכפאָרן אים אהער. עפּעס איז זי דאָך אויסן געווען מיט איר נאָכפאָרן אים. צי דען גלייבט זי טאַקע, עטל, אַז ער האָט דעמלט זיך בעקיוון פאַרהאַלטן אין וואַגאָן? נאָר פאַרוואָס איז דינע ניט געגאַנגען באַגלייטן עטלען, נאָר געשיקט אים אַליין און באַם טיי־טרינקען געטאָן צו אים א זאָג אַזוי, אַז עטל זאָל עס אויך הערן: „איאָ, זי איז זייער א שיינע, עטל".

ער מוז עס בא איר פרעגן, בא דינען, ער קאָן ניט אַוועקפאָרן און עס ניט פרעגן.

ער זאָל ניט פאַרשלאָפן, האָט ער, אויפכאַפּנדיק זיך אינמיטן דער נאַכט, געעפנט דעם באַלקאָן — עס זאָל זיך אַרײַנרײַסן אהער דאָס באַגינענדיקע קלינגען פון די טראַמוויַיען.

נאָר אַז ס'איז אָנגעקומען די שאָ, ווען דינע גייט אַרויס פון טויער, האָט ניט די זון, וואָס האָט העל אַרײַנגעשײַנט אין פענצטער, ניט דער טומל פון גאַס ניט געקאָנט אים, צאַליען, דערוועקן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווען דינע איז שוין פון לאַנג געווען אַף דער אַרבעט.

כאַנצע, האָט ער געוווּסט, וועט, ווי יעדן אינדערפרי, וואַרטן אַף אים צו פרישטיק, נאָר אַרויסגייענדיק פון שטוב, האָט צאַליע פאַרקערעוועט אַף אַן אַנדער גאַס און אַוועק פון דאָרט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. דאָס מאָל וועט ער שוין געפינען מיט וואָס זיך פאַרענטפערן פאַר איר. ער איז געווען פאַרנומען, וועט ער איר זאָגן, מיטן צונויפפּאַקן דעם טשעמאָדאַן. ער האָט אים דאָך טאַקעווירקלעך פאַרפּאַקעוועט. פון אָונט וועט ער אַף דעם ניט האָבן קיין צײַט, כאָטש דאָס צונויפפליַיגן די זאַכן האָט בא אים אָפּגענומען געציילטע מינוט. וואָס האָט ער צו גיין איצט אהין? כאַנצע וואַרט דאָך מיסטאַמע, אַז היַינט וועט ער איר זאָגן דאָס, וואָס עס דאַרף זאָגן א באָכער, וועלכער קומט דאָס אַנדערע מאָל שוין צו פאָרן צו א מיידל אין געסט און וווּ מע נעמט אים אויף ווי אַן אייגענעם. גאָדל האָט עס אים אפילע שוין איינמאָל געגעבן אָנצוהערן. דער גאַנצער מיין זײַנער, גאָדלס, פון דעם, וואָס ער האָט מיט א פאָר טעג צוריק גענומען פּלוצעם דערציילן, וויַאַזוי ער איז געוואָרן א כאָסן פאַר דינעס עלטערער שוועסטער, פאַר קיילען, איז דאָך געווען אַף צוגרייטן אים, צאַליען, דערצו, וואָס ער, גאָדל, האָט אין זײַן צײַט שוין דורכגעמאַכט. בא אים, בא גאָדלען, איז עס דורכגעגאַנגען אַזוי: ער האָט א ווונק געטאָן קיילען, זי זאָל אַרויסגיין אין קיך, קלוימערשט זי דאַרף דאָרטן עפּעס, און ווען ער האָט זי אין עטלעכע מינוט אַרום אַרײַנגעפירט פון קיך צוריק אין שטוב, איז זי שוין געווען זײַן קאַלע. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט זיך אַפריער וועגן אַלץ צונויפגערעדט מיט קיילען. ער אָבער, צאַליע, האָט זיך דאָך וועגן דעם נאָך ניט צונויפגערעדט מיט דינען. אויך וועגן דעם דאַרף ער זיך היַינט מיט איר דעריידן.

ס'איז אים געווען איצט אַלציינס, ווּהין פירט די גאַס, מיט וועלכער ער איז געגאַנגען, און ווּהין וועלן אים ברענגען די טרעפּ, מיט וועלכע ער האָט אין א צײַט אַרום זיך אַראָפּגעלאָזט. ביז דינע וועט קומען פון פאַבריק, איז נאָך דאָ היפּשע עטלעכע שאָ. האָט ער ניט געעײַלט פאַרלאָזן דעם באָטאַנישן גאָרטן, ווּהין ער האָט צופעליק פאַרבלאָנדזשעט, און מיטגעגאַנגען מיט א גרופּע עקסקורסאַנטן, וועלכע מע האָט געפירט באַוויַיזן די שטאָט. נאָר צום

טײַך איז ער מיט זיי ניט דערגאַנגען. אָנקומענדיק צום סעדל, וווּ ער איז נעכטן אָוונט געזעסן מיט עטלען, האָט ער זיך אַפֿגיך אַרײַנגעכאַפּט אין אַ טראַמוויַ, וואָס איז געגאַנגען אין צענטער שטאָט.

זעט אויס, כאַנצע האָט טאַקע ווירקלעך געוואַרט, אַז הײַנט וועט ענדלעך געשען דאָס, צוליב וואָס ער, צאַליע, ווי זי איז געווען זיכער, האָט זיך אַראָפּגעכאַפּט אַהער אויף די עטלעכע טעג. ער האָט זי געטראָפֿן אַ יאָמטעוודיק־אויפגעלייגטע, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ סאַמעטן קלייד מיט געהעפטע ברעג־אַרבל און מיט אַ ווײַס געהעפטן קעלנערל. די ברעקלעך אויערינגלעך פון אונטער איר גראָוו־ווערנדיקע האָר האָבן זיך הײַנט אויך עפּעס באַזונדערס יאָמטעוודיק געלויכטן. דער טיש אונטערן נידעריק־אַראָפּהענגענדיקן בלוילעכן פאָרצעלײַענעם אַבאַזשור איז געווען פאַרשפּרייט מיט אַן אָנגעקראָכמאַליעטן טישטעך, אַ ליכטיק־ווײַסן, ווי שניי. לעבן די צעשטעלטע טעלער זײַנען געלעגן זילבערנע גאָפּל און לעפֿל. וועמען פון די קרויווים צי באַקאַנטע האָט מען עס פאַרבעטן צום הײַנטיקן וואַרמעס, וואָס אויפֿן טיש איז געשטאַנען אַן איבעריקער טעלער מיט איבעריקע גאָפּל און לעפֿל? אַלנפֿאַלס ניט פֿאַר עטלען. דאָס האָט מען, מיסטאָמע, פאַרבעטן לייוון. און עפּשער איז אָט די גאַנצע יאָמטעוודיקייַט ניט צוליב אים גאָר, צאַליען, נאָר צוליב דעם זון אירן, מוישלען, וועלכער איז מיט עטלעכע טעג פֿאַר דעם, ווי ער, צאַליע, איז אַהער אַראָפּגעקומען, אַוועקגעשוווּמען אויף אַ שיף אין אַ ווײַטן רייס, און דאָס גרייט זי זיך אים, כאַנצע, הײַנט באַגעגענען? זי וואָלט אָבער דעמלט דאָך גלײַך עס אים געזאָגט, צאַליען, און ניט אָנגעהויבן דערפון, פאַרוואָס איז ער ניט געקומען פרישטיקן.

צאַליע האָט זיך גערעכנט, אַז זי וועט עס אים פרעגן, די טרײַע, איבערגעגעבענע כאַנצע, וועלכע האָט אים נאָך יענץ מאָל, ווען עטל האָט אים געבראַכט מיט זיך צו פירן אויף דינעס געבורטסטאָג, שוין געהאַט פאַררעכנט, האָט ער געפילט, ווי אַן אייגן קינד, כאָטש זי האָט זיך צו אים אַלץ נאָך געווענדט אויף „איר״, און צאַליע האָט צוגעגרייט, וואָס איר צו ענטפערן, זי זאָל זיך ניט ערגערן, אַז ער איז געווען דעם טאָג אַ הונגעריקער.

— וואָס זאָל עס זײַן, וואָס דינטשיק זאַמט זיך הײַנט אַזוי?

— זי איז דען נאָך ניט געקומען פון דער אַרבעט? — האָט צאַליע איבערגעפרעגט.

דערויף, אַז ער וועט אין דער דאָזיקער שאָ נאָך ניט טרעפן דינען אין שטוב, האָט צאַליע זיך לאַכלוטן שוין ניט גערעכנט. ער איז דאָך בעקיוון געקומען הײַנט שפּעטער פון אַלעמאָל, קעדיי ניט טרעפן כאַנצען אַליין אין שטוב; ער האָט צוליב דעם שוין געמוזט פאַרכאַפּן מיט זיך אַהער דעם טשעמאָדאַן, ער זאָל זיך ניט דאַרפן אומקערן צוריק אויף דער קוואַרטיר, וווּ ער איז אײַנגעשטאַנען. צײַט איז געבליבן ווייניק. דער צוג גייט אָפּ, ווי אויף צולאָכעס, פרי.

— איך וועל צוּוואַרטן אויף איר אויפן גאַס. מאָדנע. זי האָט שוין לאַנג געדאַרפט זײַן אין דער היים.

צאַליע איז געשטאַנען פאַרן טויער און שיר ניט איטלעכן פאַרבײַגייער געפרעגט, וויפל אַן ערעך קאָן עס זײַן דער זייגער.

דאָס העלע דורכזיכטיקע וואָלקנדל, וואָס איז נאָכגעשוווּמען דער זון, איז פאַר דער צײַט זיך שוין פאַנאַנדערגעוואַקסן אין אַ הויכן שפּיציקן באַרג, וואָס וועט זיך אָט־אָט באַלד אַרופּ־וואַלגערן אויף איר און זי אַראָפּשלעפּן מיט זיך צום באַגילדעטן האָריזאָנט. נאָר דינען האָט מען נאָך אַלץ ניט געזען גיין. ווי ער זאָל זיך אַליין ניט געווען אָנטרויען, האָט ער שוין אַ פּאָר מאָל זיך אומגעקערט אין שטוב און יעדעס מאָל זיך פאַרוווּנדערט, וואָס ער טרעפט דאָרט בלויז כאַנצען, וועלכע באַגעגנט אים מיט דערשראָקענע אומעטיקע אויגן.

— זי וועט באַלד קומען. זי ווייסט דאָך, אַז איך פאָר הײַנט אָוונט אַוועק, — האָט ער געטרייסט אי זיך, אי כאַנצען, נאָר פאַרשטאַנען האָט ער, אַז מיט דינען איז עפּעס געשען. ער וועט צוּוואַרטן נאָך אַ ביסל, און אויב זי וועט ניט קומען, וועט ער זיך צוכאַפּן אויף דער פאַבריק. אַזוי צי אַנדערש, נאָר הײַנט, ווײַזט אויס, וועט ער שוין ניט פאָרן. זי זאָל אַפילע איצט קומען, וועט ער שוין אויך קוים־קוים באַוויַזן צום צוג. ער ווייסט, אַז עס דערוואַרט אים אַ האַרבע שטראָף פאַר ברעכן די מיליטערישע דיסציפּלין, פאַר ניט קומען צו דער באַשטימטער שאָ אויפן זאַמלפּונקט. נאָר ווי קאָן ער אַוועקפאָרן, ניט וויסנדיק, וואָס איז מיט דינען געשען. באַ אַ מאַשין אַז מע אַרבעט, קאָן אַלץ פּאַסירן. וואָס קער ער זיך מיט איר אָן, וועט מען אים פרעגן, וואָס ער איז צוליב איר באַגאַנגען אַזאַ שווערן פאַרברעכן, אויוועך געווען די דיס־ציפּלין? ער איז אירער אַ כאָסן, וועט ער זאָגן, און דאָס זעלבע וועט ער באַלד זאָגן כאַנצען.

אין שטוב איז אַ פאַרסאָפּעטער, נאָר אַ שמייכלענדיקער, ער זאָל מיט זײַן קומען קיינעם ניט דערשרעקן, אַרײַנגעפלויגן לייווי און, שטייענדיק נאָך אויפן שוועל, זיך אָנגערופן:

— דינע האָט מיר אָנגעקלונגען אויף דער אַרבעט, אַז זי פאָרט דרינגענד אַרויס צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַרבעטער אין דאָרף. זייער פאַבריק האַלט שעפּטום אויף עטלעכע דערפער. דינע

האָט מיך געבעטן אײַך איבערגעבן, מומע כאַנצע, אַז איר זאָלט זיך ניט ערגערן. און אײַך, — האָט לייווי זיך געווענדט צו דעם צעטומלטן צאַליען, — האָט זי געבעטן, איר זאָלט זי פֿאַר־צײַען, וואָס זי קאָן ניט קומען צום צוג. זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל אײַך אַרויסבאַגלייטן. איך בין דאָ מיט אַ דראָזשקע. אויב איר זײַט גרייט, איז קאָנען מיר פֿאָרן.

זיצנדיק לעבן לייווין אין דער דראָזשקע, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן ברוק, לײַכט אונטערשפּרינגענדיק אָף די רעסאָרן, האָט צאַליען זיך נאָך אַלץ ניט געגלייבט, אַז ער פֿאָרט אוועק. עפּשער פֿאַרקערעווען אָף דער פֿאַבריק, זיך דערוויסן דאָרט, ווי הייסט דאָס דאָרף, וווּ־הין מע האָט אוועקגעשיקט דינען, און זיך אַראָפּכאַפּן אַהין? מער ווי איין טאָג דאַרף דאָך עס ניט דויערן. ניין, צוליב דעם וועט ער די מיליטערישע דיסציפּלין ניט ברעכן.

ווען דער צוג האָט זיך שוין גערירט, האָט לייווי, נאָכגייענדיק עטלעכע שפּאַן דעם וואַ־גאָן, זיך אָנגערופֿן צום אָפּפֿאָרנדיקן צאַליען, וועלכער איז געשטאַנען באַם אָפֿענעם פֿענצ־טערל:

— דינע האָט מיך געבעטן אײַך פֿרעגן, צי איר האָט ניט פֿאַרגעסן מיטנעמען אײַערע זאַכן. איר האָט גאָרניט איבערגעלאָזט?

די רעדער פֿון וואַגאָן האָבן מיטאַמאָל גענומען אויסקלאַפּן: עטל, עטל — און וואָס ווײַטער, אַלץ שטאַרקער און העכער.

## 6

און אָט איז ער, צאַליע, ווידער אינעם ראַכנ׳ער וואַלד, שלעפּט זיך דורך אים באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ אָף אַ באַלעגאָליש פֿורל, אַליין ניט וויסנדיק, צו וואָס און נאָך וואָס פֿאָרט ער איצט אין שטעטל. ווען מען קלײַבט ער זיך עס דאָרט אײַנריידן, אַז דאָס איז ער, נאָכן פֿאַרענדיקן דעם אינסטיטוט, געקומען אהער אַ קוק טאָן, צי האָט ער דאָ טאַקע ניט וואָס צו טאָן, אַז ער זאָל זיך קאָנען דאָ באַזעצן. ווען מען וויל ער עס אין דעם אײַנריידן, אָט דעם יונגגמאַנ־טשיק, דעם באַלעגאָלע מיטן האַרטן געקרײַזלטן בערדל, וועלכער קלײַבט זיך אויך פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל, צי זיך אַליין וויל ער עס, צאַליע, אין דעם אײַנריידן? און וואָס וועט עס ענ־דערן, אַז ער וועט זיך נאָך עפּעס דערוויסן וועגן דינען, אויסער דעם, וואָס ס׳האָט אים דער־ציילט דער באַלעגאָלע, אַז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק, פֿאַר יאָמים־נוירויִם, האָט ער געפֿירט דינען פֿון דער סטאַנציע, זי איז געפֿאָרן צו איר טאַטן אָף קייווער־אָוועס, און אַז זי איז אַלץ נאָך אַזאַ שיינע ווי געווען, אין איר פּאָנעם ניט אַרײַנצוקוקן, שײַנט ווי די זון. אנומלטן האָט ער זי באַגעגנט, דער באַלעגאָלע, מיטן מאַן אירן אָף דער סטאַנציע. זיי זײַנען דאָ געווען ערגעץ אין אַ דערבײַיִק דערפֿל אָף דאַטשע. ס׳איז אים ניט אָנגעגאַנגען, האָט ער זיי ניט געפֿרעגט, ווי הייסט דאָס דערפֿל. אַ מאַן איז באַ איר אַ גאַנץ פֿײַנער, אַ הויכער, אַ געזונטער און אַן אינזשעניער. ער איז אָבער עלטער פֿון איר און, דאַכט זיך, אָף אַ פֿײַן ביסל יאָר. געווען באַ איר, דערציילט מען, אַן אַנדער כאָסן, אַ יונגער סטודענט, האָט זיך אַרײַנגעמישט איינע אַ מיידל, דאַפֿקע דינעס אַ כאַווערטע, און ס׳איז געוואָרן אויס שידעך. דאָס מיידל, עטל רופֿט מען זי, איז אויך אַ גאַנץ שיינע, נאָר צו דינען, פֿאַרשטייט זיך, קומט זי ניט. אַזאַ שיינ־הײַט, ווי דינע, איז גאָר ניט צו געפֿינען. אַ וועלט דאַרף מען אויספֿאָרן. נאָר די עטל איז אַ געבילדעטע, אַ סטודענטקע. לערנט זיך אָף אַן אינזשעניער.

דער באַלעגאָלע האָט אים טאַקע ניט דערקענט, צאַליען, וואָס ער פֿרעגט אים אַזוי אויס, ווער ער איז און פֿאַרוואָס גייען אים אַזוי אָן די ראָסנערס? צאַליע האָט, דאַכט זיך, פֿאַר די אָנ־דערהאַלבן יאָר, וואָס ער איז דאָ ניט געווען, זיך ניט אַזוי געענדערט, אַז מע זאָל אים ניט דערקענען. אפֿאָנעם, אַז דער יונגערמאַנטשיק איז ניט געווען דעמלט אין שטעטל, ווען ער, צאַליע, איז דאָרטן געווען. אלנפֿאַלס צווישן די באַלעגאָלעס, וועלכע האָבן אין יענעם לאַנג פֿאַרגאַנגענעם רעגנדיקן אָפּדערנאַכט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים אָף דער סטאַנציע, אַרויסכאַפּנ־דיק דעם טשעמאָדאַן באַ אים פֿון די הענט, האָט ער דעם דאָזיקן יונגגמאַן ניט געזען, און צווישן דעם אוילעם, וואָס פֿלעגט קומען אין קלוב אָף זײַנע לעקציעס, האָט ער אים אויך ניט באַמערקט.

— אַ מאָשל. ווי האָט איר מיך געקאָנט זען, אַז איך בין גאָר דעמלט געווען אַ בערשי־לעווצער, — האָט זיך אָנגערופֿן דער יונגערמאַנטשיק, געבנדיק זיך דערבײַ אַ הייב אויף אָף דער קעלניע, דאָס פֿערדל זאָל ניט מיינען, אַז אויב מע דערלאַנגט דעם ניט מיטן בײַטש, איז אַ סימען, אַז מע האָט אין דעם אינגאַנצן פֿאַרגעסן און עס קאָן זיך טאָן וואָס דעם געפֿעלט. —

דאָ איז דער „גלאַוואַ״ פון די כעוורע באַלעגאָלעס געווען יויעל, און אין בערשילאָווצע בין איך געווען דער „גלאַוואַ״. בערשילאָווצע איז אויך א גאַנץ פּײַן שטעטל, ס׳איז ניט ווײַט פון אונדז, א ווערסט אכט אײַנגאַנצן, ס׳איז אָבער א סאַך קלענער פון אונדזערס. נאָר אליין בין איך דאַפּקע א היגער, א ראַכניזער, און אויב איר זעגט, ווי איר זאָגט, שוין דאָ צוויי מאָל באַ אונדז געווען, איז דאַרפט איר קענען מײַן שווער, צעמאַכן דעם קאָוועל. זײַן קוזניע איז די ערשטע פון בריקל. איך בין צעמאַכס אַן איידעם, פּײַטל, ניט געהערט?

אָפּגעלאָפן א שטיקל וועג, האָט דאָס פערדל ווידער גענומען שפּאַנען באַדאַכט, אָנשפּיצנ־דיק די אויערן, ווי ס׳וואָלט דערפילט, אז דער באַלעבאָס זײַנער רעדט איצט וועגן אים.

— צוריק אהער בין איך אריבערגעפאָרן ערשט הײַנטיקן זומער. אין בערשילאָווצע איז ניטאָ מער וואָס צו טאָן. שוין ניט געבליבן קימאַט וועמען צו פירן צום באַן. דער אוילעם איז זיך צעפאָרן איבער דער וועלט, ווער אַף די קרימער און כערסאָנער פּאָנדן, ווער קיין בירע־בידזשאַן, און דער, וואָס האָט געהאַט פּראַוואָגאָלאָסע און מיט וואָס דורכשטופּן דאָס ערשטע שטיקל צײַט, דער האָט זיך אריבערגעכאַפּט אין שטאָט. איך האָב זיך אויך געהאַט פארשריבן, קיין כערסאָנשטשינע האָב איך זיך געהאַט פארשריבן, שיר ניט געווען פארקויפט שוין דאָס פערדל, האָט דאָס ווײַבל מײַנס, זאָל געזונט זײַן, מיטאַמאָל איבערגעקלערט, זיך אײַנגעשפּאַרט, אז אָן דעם טאַטן אירן פאָרט זי ניט, און צעמאַך, דער שווער מײַנער, הייסט עס, האָט זיך גאָר פארשריבן קיין בירעבידזשאַן. זי וויל קיין בירעבידזשאַן, נו זאָל זײַן בירעבידזשאַן. די זאַך איז אָבער דערין, וואָס דער טאַטע אירער, דער שווער מײַנער, הייסט עס, אײַלט זיך דער־ווײַל נאָך ניט פאָרן. ער זיצט נאָך דערווײַל ניט, זאָגט ער, אָן ארבעט, אז ער זאָל צומאַכן די קוזניע. איך, קאָן מען זאָגן, זיץ דערווײַל אויך נאָך ניט אָן ארבעט. געווען באַ אונדז, קיין אײַנהאָרע ניט, אזא כאַליאַסטרע באַלעגאָלעס, און געבליבן מישטיינסגעזאָגט בין איך איינער, און דאָס שטעטל זיצט איצט ניט אַף אַן אָרט. מע האַלט אין איין ארויספאָרן. אײַנגיכן וועט דאָ שוין באַלד אויך ניט זײַן וועמען צו פירן. נאָר וואָס זשע, פאַראַן דאָ ארום נאָך א פּאָר שטעטלעך, וואָס זײַנען אײַנגאַנצן געבליבן אָן א באַלעגאָלע. איז טאָמער דאַרף עמעצער פון דאָרט ארויספאָרן, איז קומט ער אָן צו מיר. אַף זיך וועט מען דאָך די בעבעכעס צו דער סטאַנציע ניט שלעפּן. נו, און אז ס׳וועט שוין ניט זײַן וועמען פון דאָרט צו פירן, וועל איך דעמלט זיך אליין אָפּפירן צום באַן, און א גוטן טאָג מיטן בײַטשל.

וואָס, אשטייגער, וואָלט געזאָגט אָט דער לעצטער שטעטלשער באַלעגאָלע, וועלכער האַלט אים די גאַנצע צײַט אין איין אויסדערציילן, וואָס טוט זיך אַצינד אין די שטעטלעך, ווען ער דערוויסט זיך, אז דער פארשוין, וועלכן ער פירט, האָט, דערהאַלטנדיק יענעם זומער פון דינען א בריוו, ווו זי האָט אים געשריבן דאָס זעלבע, וואָס עס דערציילט אים איצט פּײַטל, איז ער גרייט געווען, צאַליע, פארגעבן ליפען אַלץ מיטאַנאַנדער, אבי נאָר ער זאָל ניט דערלאָזן, מע זאָל זיך צעפאָרן פון שטעטל. צאַליע האָט דעמלט שיר ניט געוואָלט בעטן באַ ליפען, ער זאָל זיך אוועקשטעלן באַם בריקל און ניט ארויסלאָזן קיין איין פורל, און די, וואָס האָבן באַוויזן זיך ארויסכאַפּן, זאָל ער אומקערן צוריק. און אָנהייבן זאָל ער פון איר, פון דינען. ווי נאַריש און ייִנגלש ס׳איז געווען, אויב ער האָט געקאָנט גלייבן, אז מע קאָן מיט די הוילע הענט פאַרהאַלטן א לויפנדיקן צוג. אָט וועט ער, צאַליע, באַלד אליין זײַן אין שטעטל. מיט וואָס קאָן ער דאָרט עמעצן פאַרהאַלטן? דערמיט, וואָס ער וועט יענעם דערציילן, וואָס וועט דאָ זײַן אין אוועלכע צען־פופצן יאָר ארום, אז אין אוועלכע צען־פופצן יאָר ארום וועט דאָ איטלעכער שוין האָבן וואָס צו טאָן, אז צו יענער צײַט וועט ניט זײַן. שוין דאָס שטעטל, ווו ס׳זאָל ניט זײַן קיין זאַוואָד, צי א פאַבריק? נו, און דערווײַל מיט וואָס זיך באַשעפטיקן? זיצן און וואַרטן, ביז ס׳וועט אָנקומען יענע געגאַרטע צײַט? ווי נאַריש און ייִנגלש ס׳איז געווען אָט דאָס וועלן דעמלט אײַנריידן אי זיך, אי דינען, אז נאָכן פארענדיקן דעם אינ־סטיטוט באַזעצט ער זיך אין א שטעטל, פונקט ווי נאַריש און ייִנגלש ס׳איז דאָס, וואָס ער שלעפּט זיך איצט אהער און קלערט, אז פון דעם, וואָס ער וועט זיך דאָ דורכגיין איבער די געסלעך, זיך דורכשפּאַצירן מיטן שאָסיי, וועט ער דערמיט שטילן אין זיך די נאָגנדיקע בענק־שאַפט. צו וואָס און נאָך וואָס פאָרט ער איצט אהין, ווען יעדעס צווײַגל אין וואַלד דערמאָנט אים אין איר, ווען אין יעדן רויש פון די ביימער הערט ער אָנרופן איר נאָמען און די פייגל אין דער הייך שרײַען אים נאָך: „קער זיך אום. קער זיך אום״.

ער ווייסט אליין, אז ער וואָלט זיך געדאַרפט אומקערן, נאָר דער וואָגן האָט אים ווי צוגעשמידט צו זיך און וועט אים, ווייסט ער, שוין פון זיך ניט אָפּלאָזן, ביז די רעדער וועלן ניט אָנקלאַפּן אין בריקל און אָנזאָגן, אז מע איז געקומען.

דער איינציקער, וואָס וועט אים גלײַך דערקענען און זיך מיט אים זיכער דערפרייען, וועט זײַן ליפע. „נו, ברודערקע, — וועט ליפע אים פרעגן, — ווער איז געווען גערעכט? איך האָב

דיך דאָך געוואָרנט, אַז זאָלסט ניט האָבן צו טאָן מיט די באַלעבאַטישע טעכטערלעך. נו, איצ־טער, ברודערקע, זעסטו, אַז אין ליבע גייט אויך אָן אַ קלאַסנקאַמף, און נאָך וואָס פאַר אַ קלאַסנקאַמף!״

נאָכדעם ווי ליפּע וועט עס אים זאָגן, וועט ער אים אוועקפירן מיט זיך אין שטיבל מיטן אָנגעמאָלטן סיפּאָן אַף דער האַלב־גלעזערנער טיר און באַווייזן, ווי קונציק ער שלינגט אַראָפּ איינס נאָכן אַנדערן קײַקלעלעך אײַז־קרעם, וועלכע ער, צאַליע, וועט דאַרפן פאַר אים דאָרט באַשטעלן! וואָס קאָן ער אים נאָך זאָגן, ליפּע? נו יאָ, ער קאָן אים נאָך זאָגן, אַז דאָס, וואָס ער האָט אים דעמלט אין לייענצימער אַרויסגעגעבן דינעס יִחוס, און ווען דינע איז אַריבער־געפאָרן אין שטאָט, אַרײַנגעשיקט אַ בריוול אַף דער פאַבריק, איז ער דערמיט אויסן געווען פאַרהיטן צאַליען פון אַ געפאַר פאַרלירן די קלאַסן־וואַכזאַמקײַט. יאָ, בלויז צוליב דעם, ער זאָל זיך ניט אַראָפּשלאָגן, צאַליע, פון ריכטיקן וועג, האָט ער צוגעטראַכט, ליפּע, אַז צאַליע האָט אין לענינגראַד אַ קאַלע און געזען, אַז דינע זאָל וועגן דעם וויסן. ער האָט עס אַליין איר דערציילט. ליפּע וואָלט אים איצט מיט דעם ניט פאַרווונדערט. נאָר פאַרוואָס האָט יויעל דער באַלעגאָלע אויך געוואָרנט וועגן דעם, געזאָגט איר קימאַט דאָס זעלבע, וואָס עטל האָט אין אַ צײַט אַרום געזאָגט אים, צאַליען? ווען דינע האָט עס אים דעמלט איבערדערציילט, איז ער געווען זיכער, אַז דאָס האָט ליפּע געגעבעטן יויעלן, און יויעל האָט זיך געלאָזט אײַנריידן, אַז צאַליען דראָעט אַ געפאַר פונעם קליינבירגערלעכן קלאַס, און ווי ס׳זאָל ניט זײַן, איז דער קאָמיוגיסט צאַליע שליפּער אים דאָך פאָרט נעענטער, יויעלן, ווי די ראָסנערס, כאָטש יויעל איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר די ראָסנערס, מע זאָל זיי אומקערן די וואָלרעכט און אַלץ, וואָס מע האָט בא זיי אָפּגעשריבן. איצט אָבער ווייסט ער שוין, צאַליע, אַז דאָס האָט עטל אים דעמלט געבעטן, יויעלן, ער זאָל זיך דורכריידן מיט דינען, זי באַ־צײַטנס, הייסט עס, צוגרייטן צו דעם, וואָס עס קאָן זיך פאַרלויפן און וואָס איז זיך ענדלעך פאַרלאָפן. וויאַזוי האָט ער עס דעמלט ניט פאַרשטאַנען, זיצנדיק צווישן דינען מיט עטלען אינעם שליטן, וואָס האָט זיך געטראָגן דורכן זעלבן וואַלד?

פײַטל זאָל זיך געווען האָבן פאַרגעשטעלט, אַז דער פאַרשוין זײַנער האָט זיך איבער־געקליבן צו יויעלן אין שליטל, וואָלט ער ניט געוועזן אים אומקערן איצט צוריק צו זיך אַף דער פור מיטן געבן באַ אים מיטאַמאָל אַ פרעג:

— איז וווּהין וועט איר זיך הייסן פאַרפירן? קיין אײַנפאָר־הײַזער, ווי אין די פריִערדיקע יאָרן, זײַנען באַ אונדז איצט ניטאָ. ס׳הייסט, די הײַזער זײַנען פאַרבליבן, נאָר די באַלעבאַטים זייערע זײַנען שוין ניטאָ, אַרויסגעפאָרן.

זיך אומקערן צוריק צו עטלען און דינען אין שליטל און זיך דאָרט דורכריידן מיט זיי אונטערן פאַרווייעטן צודעק מיט די הענט האָט פײַטל אים שוין ניט געלאָזט. וויבאַלד דער פאַרשוין זײַנער קומט אַזש פון לענינגראַד, דאַרף ער דאָך וויסן נײַעס, און אַף נײַעס איז באַלעגאָלע שטענדיק דער ערשטער און גרעסטער באַלן. נאָר צאַליע האָט אים ניט געהאַט איבעריקס וואָס צו דערציילן. דערזען, אַז ער האָט ניט פון זײַן פאַרשוין מער וואָס צו דער־וואַרטן, אַז וואָס יענער זאָל אים ניט דערציילן, איז עס פאַר אים, פײַטלען, שוין ניט קיין נײַעס, האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צום פריִערדיקן: פונוואַנען, הייסט עס, איז ער עס, צאַליע, אַזוי באַקאַנט מיט די ראָסנערס. האָט צאַליע אים געמוזט ווידער איבערכאַזערן דאָס זעלבע:

— איך בין אײַנגעשטאַנען אינעם אײַנפאָרהויז, וואָס לעבן מערקל, און פונקט אַנטקעגן האָבן געוווינט די ראָסנערס. פלעג איך זי אָפּט זען, אײַער „שולאַמיס״.

— ווייסט איר אפילע, אַז מע האָט כאַנצעס מיזינקע גערופן „שולאַמיס״... הערט, עפּשער גאָר אײַך פאַרפירן צו דעם פאַרוואַלטער פונעם קלוב אונדזערן, ראַז איר זאָגט, אַז איר זײַט מיט אים באַקאַנט. כ׳וואָלט אײַך גענומען צו זיך, נאָר באַ ליפּען וועט איר זיך פילן געראַמער. ער וווינט איצט אין ראָסנערס דירע. זי איז געשטאַנען אַ פּוסטע, האָט ער זי פאַרנומען.

— מע האָט זי אָבער ניט אָפּגעשריבן באַ זיי? — צאַליע האָט זיך דערפרייט, וואָס מע האָט די שטוב באַ זיי ניט אָפּגעשריבן, גלײַך ווי פון דעם וואָלט זיך געווענדט, אַז דינע זאָל זיך אומקערן צוריק אַהער. נאָר אין אַ רעגע אַרום האָט ער ברייט צעעפנט די אויגן, ער זאָל ניט זען, ווי אינעם צימערל, ווו דינע האָט אים געשאָנקען איר ערשטן קוש, דרייט זיך איצט אום ליפּע.

ער זאָל געווען קומען אַהער, צאַליע, מיטן אינדערפריִיִקן צוג, וואָלט ער דאָ ניט געבליבן נעכטיקן, ער וואָלט פון אָוונט אָפּגעפאָרן צוריק. וואָס האָט ער דאָ נאָך צו טאָן, אויסער ווי זיך דורכגיין איבערן שטעטל? דאָס האָט ער פײַטלען דעם באַלעגאָלע געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט דאָ אַן איניען, אָבער זיך וועט ער דאָך עס ניט זאָגן. ער האָט פּאַשעט נאָכגעגעבן דעם האַרץ, וואָס האָט אַזוי אַ פלאַטער געטאָן, דערהערנדיק אַפן וואָקזאַל, ווי דער בערדיקער דע־

זשורנער האָט אויסגערופן, אַז אין פינף מינוט אַרום גייט אָפּ דער פּאָטשטאָווער צוג, דער צוג, וואָס האָט אים פאַרצווייִיאַרן זומער צום ערשטן מאָל אַראָפּגעבראַכט אין שטעטל, און אין אָט די דאָזיקע פינף מינוט איז עס אַלץ געשען: אַנשטאָט נעמען אַ בילעט אויפן לענינגראַדער צוג און זיך אומקערן אַהיים, האָט ער געבעטן דעם קאַסירער אַ בילעט אַהער און ווייסט איצט אַליין ניט, צוליב וואָס שלעפּט ער זיך מיטן פורל באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרויף דורכן אומעטיקן האַרבסטיקן וואַלד, פּונקט ווי ער ווייסט ביז איצט ניט, צוליב וואָס איז ער נעכטן געקומען פון לענינגראַד, זיך געלאָזט פון דאָרט פאָרן אַהין, פונוואַנען מע האָט אים געהאַט אומגעקערט אַלע זײַנע בריוו מיט איינעם און דעם זעלבן אויפשריפט אויף די קאָנווערטן: „דינע איז איבערגעפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט”.

דאָס האָט ער, פאַרשטייט זיך, לייווי, געראַטן, מע זאָל אים אומקערן, צאַליען, די בריוו און מע זאָל ביז איצט נאָך אויסבאַהאַלטן פון אים, וווּהין איז איבערגעפאָרן דינע. און דאָס, וואָס דינע איז דעמאָלט ניט געקומען אים אַרויסבאַגלייטן צום צוג, נאָר געשיקט אַנשטאָט זיך לייווין, האָט, אַפּנים, אויך לייווי עס איר געראַטן. שוין פון דעם אַליין, וואָס דאָס שוועסטערקינד אירס האָט אים אַ פרעג געטאָן, ווען דער צוג האָט געהאַט זיך גערירט, צי האָט ער גאָרניט פאַרגעסן פון זײַנע זאַכן, צי האָט ער אַלץ מיטגענומען מיט זיך, האָט ער געדאַרפט, צאַליע, פאַרשטיין, אַז לייווי איז עס דער, פון וועמען דינע באַהאַלט גאָרניט אויס, און אַז לייווי איז געוויס אויך דער, וועלכער האָט אונטערגעזאָגט דינען, אַז ניט צופעליק איז עטל געקומען צו פאָרן, ווען ער, צאַליע, איז דאָ געווען, פּונקט ווי ניט צופעליק איז געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך דעמאָלט פאַרהאַלטן, צאַליע, בײַ עטלען אין וואָגאָן ביז דער צווייטער סטאַנציע.

וואָס האָט ער שוין ניט איבערגעטראַכט, צאַליע, פאַר די קנאַפּע אַנדערהאַלבן יאָר, וואָס ער האָט זיך צעשיידט מיט דינען. ער האָט ניט איין מאָל געלאָזט זיך אײַנריידן פון זיך אַליין, אַז לייווי, וועגן וועמען עטל האָט אים דעמאָלט אין סעדל געזאָגט, אַז מיט אַזאַ, ווי ער, וואָלט דינע געקאָנט זײַן גליקלעך, האָט אָנגערעדט דינען פּאַשעט פון באַכערישער אייפערזיכטיקײַט צו אים, און עטל, וואָס האָט ניט אויסבאַהאַלטן, אַז זי איז געווען אין אים פאַרליבט, אין צאַליען, פון מיידלשער אייפערזיכטיקײַט צו דינען, און ניט ווײַל זי האָט אין אים דערפילט, ווי זי האָט אים פאַרזיכערט, אַ געפאַר פאַר דער שטאָלצער שטעטלשער שיינהײַט זייערער, און זי קאָן ניט דערלאָזן, אַז מיט דינען זאָל געשען דאָס זעלבע, וואָס איז געשען מיט לערמאָנטאָווס שטאָלצער באַרגיקער שיינהײַט בעלען.

וואָס האָט ער שוין פאַר די אַנדערהאַלבן יאָר ניט איבערגעטראַכט, צאַליע, און אַלץ ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס באַהאַלט מען פון אים אויס, ווו איז דינע. דאַכט זיך, נאָכדעם ווי עטל האָט, באַגעגענענדיק אים אויף נעווסקי, אין אַ קורצער צײַט אַרום ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון מיליטערישן לאַגער, אים אָנגעזאָגט, אַז דינע האָט כאַסענע געהאַט, און מיט אַ באַזונדער פאַרגעניגן, ווי אים האָט זיך אויסגעוויזן, צוגעגעבן, אַז זי האָט כאַסענע געהאַט עפּעס אין וועלכע דרײַ־פיר כאַדאָשים אַרום נאָך זײַן אָפּפאָרן, איז דאָך געוויס שוין ניטאָ וואָס אויסצובאַהאַלטן, וווּהין איז זי איבערגעפאָרן. מער פון אַלעמען ווונדערט אים אויף עטלען. זי פאַרשטייט דען ניט, אַז נאָכדעם ווי זייער שטעטלשע שיינהײַט, וועלכע האָט איר ערשטן מיידלשן קוש געשאַנקען אים, האָט געקאָנט פאַר אַוועלכע דרײַ־פיר כאַדאָשים אַלץ פאַרגעסן און אַזוי גיך צוזוכן זיך אַ מאַן, איז גייט זי אים לאַכלוטן שוין ניט אָן, און אויב ער האָט זיך אַנומלטן נאָכגעפרעגט בײַ עטלען, ווו איז דינע, איז עס בלויז דערפאַר, וואָס ער וויל איר אומקערן די פאָטאָגראַפיע, אויף וועלכער זיי שטייען ביידע די קעפּ אָנגענייגט איינער צום אַנדערן. און די בריוו אירע צו אים וויל ער אויך אומקערן. פאַר וועמען האַלט זי אים, עטל, וואָס זי וויל, ער זאָל איר גלייבן, אַז זי, וועלכע האָט אַליין אים דערציילט, ווי גוט סע לעבט זיך איר, דינען, און אַז זי קלײַבט זיך אינגיכן ווערן אַ מוטער, הייבט ניט אָן צו וויסן, וווּהין איז דינע איבערגעפאָרן. זי באַהאַלט עס פון אים אויס, ווײַל אַפילע נאָכדעם, ווי זי האָט עס אים אַלץ דערציילט, איז זי אויך נאָך ניט זיכער, צי קאָן ער ניט פּלוצעם פאָרן אַהין, צי ווײַל דאָס אַלץ, וואָס עטל האָט אים דערציילט, האָט זי אויסגעטראַכט? נאָר אַז ער וועט שיר ניט אויף מאָרגן נאָכן באַקומען דעם דיפּלאָם זיך אַוועקלאָזן זוכן דינען, האָט ער אַליין עס פון זיך ניט דערוואַרט.

דעם איינציקן מענטשן, וועמען צאַליע האָט, אַרויסשטײַגנדיק פון טראַמוויי אויפן ראָג גאַס, געוואָלט באַגעגענען, איז געווען גאָדל. דער פריילעכער און טומלדיקער גאָדל וואָלט אים גלײַך אויפן אָרט אָנגעוויזן, וווּהין זאָל ער זיך פון דאָרט לאָזן גיין — צו דעם העל־געלבלעכן מויער מיטן געקינצלטן באַלקאָן אויפן צווייטן שטאָק, וואָס האָט אים און דינען פאַרביטן דעמאָלט

אין שטאָט א גאנעקל אין שטעטל, צי אופהייבן זיך מיט דער ארופבארגיקער גאס, וואָס פירט צו דעם ברוקירטן שטיינערנעם הויף מיטן הויכן אײַזערנעם טויער, בא וועלכן ער פלעגט סאָף טאָג באגעגענען דינען, בייס זי פלעגט זיך אומקערן פון דער ארבעט. און אויב דינע איז ווירקלעך ערגעץ אריבערגעפאָרן, וואָלט גאָדל עס פון איס ניט אויסבאהאלטן און געזאָגט ווו־הין. נאָר גאָדלען האָט ער דערוויַיל ניט באגעגנט, און פון דעם, וואָס ער וועט זיך אומדרייען אפן טראָטואר און ארופקוקן צום באלקאָן, וועט ער זיך סיַיווי גאָרניט דערוויסן. ער וועט דאָך ניט אריַינגיין צו איר פעטער, כאָטש ער איז דאָ דאן איַינגעשטאנען, און בעטן, מע זאָל אים זאָגן, ווו קאָן ער זען דינען.

די גאס, וואָס פירט צו די ראָסנערס, וועלכע ער פלעגט דורכמאכן פאר געציילטע מינוט, האָט דאָס מאָל געדויערט בא אים אָף זי דורכגיין מעשונע לאנג, און ווען ער האָט דערזען פאר זיך דעם הויף, האָט אים שוין אויסגעפעלט אָטעם אָף אריַינצוגיין אהין. איין טראָט ער זאָל נאָך מאכן, וועט זיך בא אים, האָט זיך אים געדוכט, אָפשטעלן דאָס הארץ.

ווען ער האָט אין א צײַט ארום זיך ווידער דערקליבן צום טויער, איז שוין געווען רעכט טונקל. ס׳איז אבער נאָך דורך א היפשע וויַילע, ביז ער האָט אָנגעקלונגען צו די ראָסנערס.

אין טיר האָט ער דערזען שטיין א הויכן יונגנמאן אין א קיטעל מיט מעשענע בלאנקנ־דיקע קנעפּ.

— אנטשולדיקט, — איז צאליע עטוואָס אָפגעטראָטן, — איך האָב, דאכט מיר, פארבלאָנ־דזשעט. מיט אן אָנדערהאלבן יאָר צוריק האָבן דאָ געוווינט די ראָסנערס.

— די ראָסנערס וווינען איצט אויך דאָ.

אריַינפירנדיק צאליען אין דעם באלויכטענעם צימער, האָט דער יונגערמאן זיך שוין ניט געדארפט פאר אים פאָרשטעלן, אז ער איז דינעס א ברודער און אז מע רופט אים מוישל. בא אים איז אויך, ווי בא דינען, א צארט, לענגלעך פּאָנעם, טונקל־גרויע אויגן, נאָר די אויגן זײַנען בא אים עטוואָס באָלעכצוואטע.

— איך האָב אײַך אויך גלײַך דערקענט, כאָטש מיר זעען זיך ס׳ערשטע מאָל, — בא מויש־לען איז, ווי בא דינען, אן אָנגענעמע ברוסטיק־הייזעריקלעכע שטים. — מיך איז ביכלאל שווער צו טרעפן אין דער היים. איך בין מער אָף דער שיף, ווי אין דער היים. פארצײַעט מיך. איך וועל ארײַנרופן די מוטער.

צו רוּיק איז מוישל ארויס פון צימער, אז ער, צאליע, זאָל אים קאָנען כוישעד זײַן, אז דאָס איז ער ארויס וואָרענען דינען. נאָר פארוואָס גיט זיך אים אויס, אז די טריט, וועלכע האָבן זיך דערהערט אין שכיינעסדיקן צימער, זײַנען דינעס? דאָס האָט, ווײַזט אויס, דער גרוי־סער וואנטזייגער, וועלכן די ראָסנערס האָבן מיט זיך מיטגעבראכט פון שטעטל, עס אים אונ־טערגעזאָגט, אז דאָרט, אינעם שכיינעסדיקן צימער, איז איצטער דינע. דער זייגער האָט ניט אופגעהערט מיט אים איַינכאזערן: די־נע! די־נע!

ווי שטארק זי האָט זיך געענדערט, כאנצע, פאר די אָנדערהאלבן יאָר, וואָס ער האָט זי ניט געזען. דער קאָפּ — אינגאנצן גראָוו, די אויגן — נאָך אומעטיקערע ווי געווען. זי איז געבליבן שטיין אָף דער שוועל און שטיל, ווי זי זאָל דאָ פון עמעצן דארפן אויסבאהאלטן זײַן נאָמען, זיך אָנגערופן:

— צאליע?

ער האָט זיך אופגעהויבן און, אויסשטרעקנדיק איר די האנט, שעמעוודיק געפרעגט:

— ווי פילט איר זיך?

— א דאנק. זיצט, ביטע. איר זײַט דאָ אין קאָמאנדירונג?

וואָס איז זי אויסן געווען, כאנצע, מיטן אונטערזאָגן אים, וואָס דארף ער איר ענטפערן אָף דעם, וואָס זי זעט אים איצטער דאָ? אירע אויגן גיבן דאָך אויס, אז זי ווייסט, וואָס טוט ער הי און נאָך וואָס איז ער אהער געקומען. זי האָט עס אים אונטערגעזאָגט, ווײַל זי וויל דערמיט אויסבאהאלטן פונעם זון אירן, אז ער, צאליע, איז אהער געקומען זוכן דינען?

— יאָ, אין קאָמאנדירונג, — האָט צאליע פארלוירן געענטפערט, אפילע צוגעגעבן: — איך בין שוין דאָ דעם דריטן טאָג און קלײַב זיך מאָרגן פאָרן אהיים.

צאליען האָט ניט געוווּנדערט, וואָס כאנציע האָט אים ניט געפרעגט, פארוואָס איז ער ניט געקומען פריִער, נעכטן צי אייערנעכטן. ער פארשטייט דען אליין ניט, אז ס׳איז ביז גאָר יִינגלש, וואָס ער איז ביכלאל ארײַן אהער און זיצט איצטער דאָ, ניט אָפקערנדיק דעם בליק פון דינעס גרויס בילד, וואָס הענגט אנטקעגנגיבער אָף דער וואנט אין א פארגלאָזטער ראַם. דאכט זיך, ס׳איז די זעלבע ראַם, וועלכע ער האָט איר צוגעשיקט צוזאמען מיט איר פּאָרטרעט, וועלכן ער האָט אין יענעם ווינטער מיטגענומען מיט זיך קיין לענינגראד און אים דאָרט אָפּ־

געגעבן צו פארגרעסערן. דעם אופשריפט זײַנעם אף דער אנדערער זײַט האָט זי איבערגע־לאָזט, דינע?

— מוישל, — האָט כאנצע זיך אָנגערופן צום זון, — גיי צו, זײַ אזוי גוט, אין קראָם און קויף עפּעס אײַן צו דער טיי, — און מיט דער זעלבער זאָרגעוודיקײַט פון אן איבערגעגעבע־נער מוטער, מיט וועלכער זי פלעגט אים באַגעגענען, צאַליען, צום פרישטיק, טאָמער פלעגט ער פארשפּעטיקן, האָט זי זיך געווענדט צו אים, — איר קערט מיסטאָם זײַן הונגעריק. גאָט באהיט. איר וועט אין ערגעץ ניט גיין. איר וועט נעכטיקן הײַנט בא אונדז.

אפאַנעם, זי איז טאקע איבערגעפאַרן, דינע. כאנצע וואָלט אים דאָך ניט איבערגעלאָזט דאָ נעכטיקן, ווען דינע איז אין דער זעלבער שטאָט. און דאָך איז בא אים די גאנצע צײַט געווען דאָס געפיל, אז דינע וועט באלד ארײַנקומען אהער...

קענטיק, אז מוישל פארהאלט זיך בעקיוון דאָרט, אין קלייט, ער זאָל ניט שטערן דער מוטער זיך דורכריידן מיט אים, מיט צאַליען, אויג־אף־אויג. נאָר אויסער דעם, אז מע האָט דינטשיקן פאַשעט אוועקגעגאנוועט בא איר, אוועקגעגאנוועט אינמיטן העלן טאָג, האָט ער זיך פון איר מער גאָרניט דערוווּסט. ער וויל זיך דערמאָנען: פונוואנען האָט געשטאמט די שיינהײַט אין דער קאָנדיטערײַ אף ליטיינע? דאכט זיך, אז אויך פון א שטעטל, און ארויסגע־גאנוועט האָט מען זי, ווי ס׳האָט זיך נאָכדעם באקלאָגט דער באלעבאָס פון דער קאָנדיטערײַ, דאכט זיך, אויך אינמיטן העלן טאָג.

אינדערפרי, פארן גיין צו דער ארבעט, האָט דער שווײַגעוודיקער און פארטראכטער מוישל, ווי פארבײַגייענדיק, אים א פרעג געטאָן:

— איר געדענקט ניט, ווער האָט עס געזאָגט: „בלויז דער איז ווערט פון גליק געניסן, ווער עס שלאָגט זיך טאָג־אײַן, טאָג־אויס פאר דעם״? — און גלײַך צוגעגעבן: — זיך נאָכיאָגן נאָך דעם, פון וואָס מע איז פריִער אליין אנטלאָפן, איז אן אומזין.

צומאכנדיק הינטער זיך די דרויסנטיר, האָט צאַליע געוווּסט, אז ער גייט פונדאנען אוועק אף שטענדיק, אז ער וועט שוין דאָ מער קיינמאָל ניט זײַן. ער האָט אָבער אויך געוווּסט, אז ווען ער זאָל אהער ניט קומען, וועט מען אים דאָ אלעמאָל אופנעמען ווי אן אייגענעם און קוקן אף אים ווי אף א פויגל, וואָס וווהין ער זאָל ניט פארפליִען, וועט ער זיך אלציינס אומ־קערן צוריק אין זײַן נעסט. מעגלעך, אז מוישל איז גערעכט, וואָס ער האָט, פונקט ווי כאנצע, אויסבאהאלטן פון אים, ווו איז דינע, און דאָס, וואָס ער האָט אים געזאָגט, אז ס׳איז אן אומ־זין זיך נאָכיאָגן נאָך דעם, פון וואָס מע איז פריִער אליין אנטלאָפן. ער אָבער, צאַליע, איז דאָך ניט אנטלאָפן. ער האָט פאַשעט ניט פארשטאנען, אז דינע, וועלכע ער האָט פארגלײַכט מיט אלע שענסטע שיינהײַטן, וועלכע ער האָט געזען און וועגן וועלכע ער האָט געלייענט, איז אינגאנצן גאָר אן אנדערע, און בלויז דערפאר, וואָס ער האָט עס פארזען, איז מיט אים דאָס אלץ געשען.

ער פארשטייט אליין, אז ס׳איז אן אומזין זיך נאָכיאָגן נאָך דעם, וואָס מע האָט פארלוירן, און דאָך איז ער ניט אינגאנצן זיכער, אז ער וועט מער ניט קומען אהין צו פאָרן און, ווי דאָס מאָל, זיך ניט אומדרייען אנטקעגן דעם באלקאָן, בא דעם אײַזערנעם טויער פון הויף. עס וועט אים ארויפברענגען אהין די זעלבע בענקשאפט, וועלכע האָט אים פלוצעם אָפּגעפירט פונעם פענצטערל, ווו מע פארקויפט בילעטן אפן לענינגראַדער צוג, און אים ארײַנגעזעצט אין צוג, וואָס האָט אים ארויפגעבראכט אהער, אין ראכניִער וואלד, און איצט לאָזט זי אים ניט אײַנזיצן אף דער פור. די שווערע נאָגנדיקע בענקשאפט טראָגט אים אריבער פונדאנען, ווי אף פליגלען, צו דעם, וואָס איז געווען, און רעדט אים די גאנצע צײַט צו, אז ער וועט זי דאָ בא־געגענען, דינען...

— געווען דאָ די טעג א בריוול פון יויעלן, — האָט פײַטל מיט זײַן וואכעדיקער שטים אומגעקערט צאַליען צוריק אף דער פור, — אים לעבט זיך דאָרט, אף דער כערסאָנשטשינע, שרײַבט ער, גאָר ניט שלעכט. און דאָס, וואָס ער איז געווען אין דער היים א באלעגאָלע, קומט אים דאָרט שטארק צוניץ. ער האָט דאָרט אויך צו טאָן מיט פערד. איין זאך נאָר. עס בענקט זיך, שרײַבט ער, אהיים. נאָכן שטעטל און נאָכן וואלד, שרײַבט ער, בענקט זיך.

„ווער ווייסט, צי עמעצער האָט ווען־ניט־איז אזוי געבענקט נאָכן דאָזיקן שטעטל און נאָכן דאָזיקן וואלד, ווי איך?״ — האָט צאַליע אים געוואָלט דערויף ענטפערן, נאָר געזאָגט האָט ער אים, פײַטלען:

— איר וועט אזוי גוט זײַן, מיך ארויסזעצן באם בריקל. איך דארף אפריִער צוגיין אין שכיינעסדיקן דערפל. כ׳האָב דאָרט אן איניען.

# 7

קוים איז מען אַרויסגעפאָרן פון וואַלד, איז צאַליע אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, און אַ מאַך טוענדיק צו פּיַטלען מיט דער האַנט, ער זאָל אַף אים ניט וואַרטן, איז ער מיט שטילע, צו־ריקגעהאַלטענע טריט אַרוף אַפן שאָסיי און געבליבן שטיין, ווי מע בלײַבט שטיין בײַ דער טיר פון דער היים, וועלכע מע האָט פאַרלאָזט, און אומקערנדיק זיך אין יאָרן אַרום צוריק אַהין, שוין דאָרט קיינעם פון די אייגענע ניט געטראָפן. נאָר דאָרט האָט זיך פאַרהיט אַלץ, וואָס דערמאָנט אין דעם, וואָס מע האָט פאַרן אַוועקגיין איבערגעלאָזט און נאָך וועלכעס מע האָט אין דער ווײַט אַזוי געבענקט, און דערפון ווערט די בענקשאַפט נאָך גרעסער. פאַר אים, צאַליען, וואָס איז ניט געווען דאָ צוויי זומערס, האָט זיך דאָ אויך פאַרהיט אַלץ, פון וואָס עס שטיקט אין האַלדז. אָן איז די ווערבע, בײַ וועלכער דאָס באָכערל מיטן געקרײַזלטן קאָפּ האָר האָט אים באַקענט מיט דינען, און אָן איז דאָס הילצערנע בריקל, ווו ער האָט זיך אומגעדרייט ביז שפּעט אין אָוונט, אײַנקוקנדיק זיך אין איטלעכס פּאָרל, צי גייט ניט די, וועלכע האָט אים באַטאָג, אין לייענצימער, ליפּע זאָל הערן, אַזוי שטאָלץ און קאַלט געענטפערט, אַז ער האָט אַ טאָעס, צאַליע, זיי קענען זיך ניט. די ווערבעס שטייען, ווי דעמלט, אָנגעבויגן איבערן דרעמ־לענדיקן טײַכל, נאָר דעמלט איז געווען אָנהייב זומער, די ווערבעס זײַנען געווען גרינע, און איצט זײַנען זיי שוין געלבלעכע. אין דער דאָזיקער פרי־אָוונטיקער שאָ האָט די זון דעמלט זיך נאָך געהאַט געטוקט אין טײַכל, און איצט איז די זון שוין געווען ווײַט פאַרשווומען אַף יענער זײַט וואַלד. אָט דאָ אַף דער לאָנקע האָט ער צום ערשטן מאָל אָנגענומען דינען פאַר דער האַנט און זי ניט אַרויסגעלאָזט, ביז זיי זײַנען ניט צוגעקומען צו די קוזניעס, ווו ס'הייבט זיך אָן דאָס שטעטל.

די זעלבע בענקשאַפט, וואָס האָט אים אַראָפּגעבראַכט אַהער, האָט אים איצט אומגעפירט איבערן שאָסיי און, צוקומענדיק צום וואַלד, אַרויסגעשריִען פון אים, פון צאַליען, אַפן פולן קאָל:

— די־נע! די־נע!...

אויסגעוואַרט אַ רגע, האָט דער וואַלד אים צוריקגעטראָגן: די־נע! די־נע... און זײַן ווי־דערקאָל האָט זיך אַוועקגעקײַקלט מיטן שאָסיי אין שטעטל אַרײַן.

אין שטעטל ווייסט מען שוין מיסטאָם, אַז ער איז געקומען, און דעם ערשטן, פאַרשטייט זיך, האָט דער באַלעגאָלע וועגן דעם אָנגעזאָגט ליפּען. נאָר עפּעס זעט מען קיינעם ניט גיין אַהער. אין דער דאָזיקער אָוונטיקער שאָ פאַרצווייאָרן זומער איז דער שאָסיי פול געווען מיט שפּאַצירנדיקע. נאָר אָט האָבן זיך באַוויזן צווייען. זיי זײַנען אַראָפּ פונעם בריקל און גייען אַהער. איינער פון זיי איז ניט ליפּע? גראָדע אים וואָלט ער ניט וועלן דאָ איצט באַגעגענען. צאַליע איז איבערגעגאַנגען אַף דער אַנדער זײַט שאָסיי. דאָס פּאָרל איז דורך פאַרבײַ, ווי מע וואָלט אים ניט באַמערקט. נו און ער, צאַליע, ווען ער האָט מיט דינען באַגלייט דאָ די לעוואָנע צום וואַלד און פון וואַלד צום בריקל, האָט ער אַלעמען באַמערקט, וואָס האָבן זיך זיי באַ־געגנט דאַן אַפן שאָסיי?

ווען צאַליע איז ענדלעך אַריבער דאָס בריקל, פונוואַנען ס'האָט זיך שוין געזען דאָס אײַנפאַרהויז, ווו ער איז דעמלט אײַנגעשטאַנען, האָט ער זיך ניט געדאַרפט מער היטן, מע זאָל אים באַמערקן. די בלייכע פּיַערלעך אין די שײַבלעך האָבן קוים געגרייכט די אייגענע גאַנעקלעך, און דאָך איז ער אַוועק צום אײַנפאַרהויז פון הינטן־אַרום און אומדערוואַרט פאַר־קראָכן אין געסל, ווו דער קלוב געפינט זיך.

נאָך פונדערווײַטן האָט צאַליע דערהערט זיך דאָרט טומלען. איצט פאַרשטייט ער שוין, פאַרוואָס האָט ער, גייענדיק אַהער, קיינעם ניט באַגעגנט. ס'איז מיסטאָם הײַנט אַ לעקציע אין קלוב. ס'איז דאָך אָבער הײַנט ניט פרײַטיק־צונאַכטס און ניט שאַבעס־צונאַכטס און אַזויפיל אוילעם, וויפיל עס פלעגט זיך פאַרזאַמלען אַף זײַנע לעקציעס, קאָן זיך דאָך איצט זיכער ניט צונויפקלײַבן. פונוואַנען זשע איז עס דאָרט אַזוי טומלדיק? ער געדענקט ניט, אַז בײַ אים אַף די לעקציעס זאָל ווען־ניט־איז געווען זײַן אַזוי געפּאַקט, אַז מע זאָל דאַרפן שטיין אונטער די פענצטער, ווי מע שטייט איצטער דאָ. דער אוילעם איז, קענטיק, געווען אַזוי פאַרכאַפּט פון דעם, וואָס סע ווערט גערעדט אין קלוב, אַז מע האָט אים, צאַליען, אינגאַנצן ניט באַמערקט. אַפילע פּיַטל דער באַלעגאָלע, וואָס איז געשטאַנען באַם אַרײַנגאַנג, האָט אים, דאַכט זיך, ניט באַמערקט.

אַף דער נידעריקער בינע איז בײַ אַ לאַנגן טיש, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט מיט אַ רויטן טישטעך, געזעסן ליפּע און נאָכאַנאַנד געקלונגען מיטן גלעקל, ס'זאָל זײַן שטיל. לעבן

ליפען איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן אין ברילן און געענטפערט אויף די פראַגן, וואָס מע האָט אָן אופהער געהאַלטן אין איין פאַרגעבן. אַט האָט ליפע צוגערוקט צו זיך נעענטער דעם בליצ־לאָמפּ און קוקט איצט אַהער. ער האָט אים, אַפּאָנעם, באַמערקט, צאַליען, און וועט באַלד וועגן דעם מעלדן דעם אוילעם. ליפע קאָן נאָך, ניט אָנפרעגנדיק זיך בא אים, געבן אים, צאַליען, אַ וואָרט. נאָר וואָס קאָן ער, צאַליע, זאָגן, אַז ער פאַרשטייט דערווייל אַליין ניט, צו וואָס דאַרף מען עס פאַרלאָזן דאָס שטעטל און זיך שלעפּן אַזש ווער ווייסט ווו. פאַרן זעלבן געלט, וואָס עס קאָסט אָפּ אַזאַ נעסיע, וואָלט מען דאָך געקאָנט דאָ אָפּן אָרט אויסבויען אַ זאַוואָד און אַלע וואָלטן געהאַט דאָ וואָס צו טאָן און ניט אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָך דער היים, ווי יויעל, וואָס האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל נאָך צוריק מיט צוויי יאָר. ווידער פאַרשטייט ער ניט, צו וואָס דאַרפן עס אַלע ווערן פויערים. פאַרוואָס זאָל מען ניט ווערן קיין אַרבעטער?

שטייענדיק אָנגעשפּאַרט אַזוי בא דער וואַנט אינעם פולגעפּאַקטן קלוב, האָט צאַליע פלור־צעם דערפילט, ווי עמעצער קוקט אויף אים. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער טיר, און ווי ער זאָל מוירע האָבן, אַז דאָס בלאָנדע מיידל מיטן ייִנגלש אונטערגעשווירענעם קאָפּ האָר און קורצזיכטיקע אויגן קאָן מיטאַמאָל פאַרשווונדן ווערן, האָט ער זיך האַסטיק אַ לאָז געטאָן צו איר, שיר ניט אויסשרײַענדיק אויף אַ קאָל: „פרומעו?!״.

אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען זיי שוין געווען אין הויף.

— דאָס זײַט איר געקומען צוזאַמען מיט אים? — האָט פרומע, אַ צעטומלטע פון דער אומגעריכטער באַגעגעניש, געפרעגט צאַליען.

— מיט וועמען?

— נו מיט דעם, וואָס איז געקומען אונדז ווערבירן.

אָט די ווײַטלעכע דינעס קרוויווע, פרומע, זאָרגט זיך שוין אויך, ווי כאַנצע, ער זאָל האָבן מיט וואָס זיך פאַרענטפערן, וויאַזוי קומט ער פלוצעם אַהער, צי פרומע שטויסט זיך טאַקע ווירקלעך ניט אָן, וואָס האָט אים אַראָפּגעבראַכט צו זיי אין שטעטל פון דעם ווײַטן לענינגראַד?

— און איך האָב געמיינט, אַז איר זײַט אויך אַ ווערבירער, — האָט פרומע, ניט וואַרטנדיק, וואָס וועט איר ענטפערן צאַליע, זיך ווידער אָנגערופן, אָפּגייענדיק עטוואָס ווײַטער פון די צעעפנטע פענצטער, — שוין לאַנג אַז איר זענט געקומען?

— נאַרוואָס פון דער פור.

— האָט איר, הייסט עס, דאָ נאָך קיינעם ניט געזען? — צאַליען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פרומען האָט עס דערפרייט, — און לאַנג וועט איר בא אונדז פאַרברענגען?

— דאָס ווייס איך נאָך אַליין ניט. אויב ס׳וועט זיך מיר מאַכן אַ פור צו דער סטאַנציע, קאָן זײַן, אַז איך זאָל נאָך הײַנט אָפּפאָרן, — ער האָט זי לײַכט אָנגענומען אונטער דער האַנט. — איר וואַרט דאָ אויף עמעצן? איז לאָמיר זיך אַ ביסל דורכשפּאַצירן. בא אונדז אין לע־נינגראַד איז שוין איצט טיפער האַרבסט, און בא אײַך איז דאָ נאָך זומער.

פרומע פאַרשטייט, אַז ניט צוליב דעם, זי זאָל גיין אַזוי און שווײַגן, האָט ער זי פאַרבעטן זיך דורכשפּאַצירן מיט אים. ווי נאָר זיי זײַנען אַרויס פון קלוב, האָט זי דערפילט, אַז ער האָט זי זייער וויכטיקס עפּעס צו פרעגן, נאָר ער ווייסט ניט, פון וואָס און וויאַזוי אָנצוהייבן, און ס׳האָט זי ניט געוווּנדערט, וואָס אָנגעהויבן האָט ער דערפון, וואָס ער האָט זי געפרעגט, צי קלײַבן זיי זיך אויך ניט אַרויספאָרן.

— דערווײַל נאָך ניט, — האָט זי אים געענטפערט, — נאָר מיסטאָם וועלן מיר אויך פאָרן.

— און איר וועט ניט בענקען אַהער?

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אירע העלע קורצזיכטיקע אויגן:

— ווי קאָן מען עס ניט בענקען אַהיים! אַוואַדע וועל איך בענקען. נאָר אין דער היים איז אָבער ניטאָ וואָס צו טאָן.

— און פריִער?

— ווען פריִער?

— נו, ווען איך בין דאָ געווען. פאַרצווייאָרן זומער זײַנען בא אײַך, דאַכט מיר, אויך ניט געווען קיין זאַוואָדן מיט פאַבריקן, און פונדעסטוועגן איז דעמלט קיינער ניט געפאָרן. אַלע זײַנען געזעסן אויף די ערטער.

— אײַך האָט זיך עס אויסגעוויזן. מע איז דעמלט שוין אויך אַרויסגעפאָרן, נאָר ניט ווי איצט, פאַרשטייט זיך. פאַר די צוויי יאָר האָט זיך בא אונדז דאָ אַ סאַך געביטן. אומעטום האָט זיך פאַר די צוויי יאָר אַ סאַך געביטן. איר דערקענט אָט די שטוב? איצט וווינט דאָ ליפע.

— כ׳ווייס.

— איר האָט זיך שוין מיט אים געזען?

וואָס האָט זי עס זיך אזוי דערשראָקן, פרומע, וואָס זי האָט אזוי מאָדנע פארלוירן אים געפרעגט, צי האָט ער זיך שוין געזעגן מיט ליפען? צאַליע איז געווען צופרידן, וואָס ער קאָן איר דערוף ענטפערן:

— ניין, דאָס האָט מיר געזאָגט איַער באַלעגאָלע.

— פּיַיטל?

יעדער שטערן אפן פּאַס הימל, וואָס איז געהאנגען איבערן געסל, איז אים געווען, צאַ־ליען, אזוי היימיש באקאנט, ווי אָט דאָס גאנעקל בא דער הינטערטיר פון דינעס שטוב, ווי אָט דאָס אנטקעגנדיקע שטיבל מיט די פארלאַטעטע שײַבלעך און מיטן נידעריקן האלב־אײַנגע־פאַלענעם שטאלכל, ווי דאָס ציגלנע האלבשטאָקיקע מויערל פון דער פאָטאגראפיע אונטערן בערגל און דער קלויסטער מיט די צלאָמים אפן בערגל.

בא די פארהאקטע קוזניעס אף יענער זײַט בריקל האָט זיי באגעגנט דער אויסגעמישטער רייעך פון פריהארבסטיקן וואלד און פונעם קוים פליסנדיקן גרינבלעכן טײַכל.

— ווי גיך עס לויפט די צײַט, — האָט צאַליע, ניט דורכלאָזנדיק קיין איין סטויפּיקל באם שאָסיי, ער זאָל עס ניט א ריר טאָן מיט דער האנט, א זאָג געטאָן, — אָט ערשט, דאכט זיך, האָבן מיר דאָ מיט אײַך שפּאצירט זאלבעדריט, און ס'איז שוין דורכגעגאנגען פון דעמלט הע־כער צוויי יאָר.

— צי דען שוין צוויי יאָר? — האָט פרומע איבערגעפרעגט, און ווי זי זאָל אים פאר־טרויען א סאָד, וואָס אויסער איר ווייסט עס דאָ נאָך קיינער ניט, האָט זי שטיל, זי זאָל קאָנען אין דער זעלבער רעגע זיך דערפון אָפּזאָגן, ארויסגעבראכט: — זי איז דאָ ניט לאנג צוריק געווען.

— כ'ווייס.

פרומע איז געבליבן שטיין.

— דער באַלעגאָלע האָט מיר דערציילט, זי איז דאָ געווען, האָט ער מיר געזאָגט, אף קייווער־אָוועס.

— וואָס האָט אײַך פּײַטל נאָך דערציילט?

— וועגן דעם מאן אירן.

— דאָ איז זי געווען אָן אים. איך האָב מיט איר א גאנצן אָוונט ארומגעשפּאצירט, — און אלץ נאָך קווענקלענדיק זיך, זאָגן צי ניט זאָגן, זיך אָנגערופן: — זי האָט זיך נאָכגעפרעגט בא מיר, צי זײַט איר דאָ ניט געווען.

צאַליע האָט שטײַפער אָנגענומען פרומען אונטער דער האנט און פארלאנגזאמט דעם טראָט, אָפּט אָפּשטעלנדיק זיך, ווי דער וועג וואָלט איצט געגאנגען בארג־ארוף.

— פונוואנען האָט זי עס גענומען, אז איר דארפט דאָ זײַן? — אָפּקערנדיק פון שאָסיי צום טײַכל, וואָס האָט זיך צערוישט אין דער אָוונטיקער כאשכעס מיטן הויכן טשערעט, האָט פרומע נאָך שטילער געזאָגט. — זי האָט מיך געבעטן, אויב איך וועל אײַך וועלן־ניט־איז ערגעץ באגעגענען, זאָל איך אײַך איבערגעבן, אז זי וועט קיינמאָל שוין קיינעם אזוי ניט ליב האָבן, ווי זי האָט אײַך ליב געהאט און האָט ביז איצטער אײַך ליב, — פרומע האָט דערבײַ א קוק געטאָן אף אים, ווי זי וואָלט אים געפרעגט: „ווו זײַט איר געווען מיט צוויי וואָכן צוריק?! ווען איר קומט אהער מיט צוויי וואָכן צוריק!..“

נאָכדעם ווי ער ווייסט שוין, אז אויך זי, דינע, האָט ערשט מיט צוויי וואָכן צוריק זיך דאָ אומגעדרייט אָן אָוונט איבערן זעלבן שאָסיי, און אז איר האָט אויך אראָפּגעבראכט אהער די זעלבע נאָגנדיקע בענקשאַפט, וואָס אים, האָט ער שוין מער ניט וואָס צו פרעגן פרומען. דאָס איינציקע, וואָס ער וואָלט וועלן זיך בא איר דערוויסן, צי האָט דינע, צוקומענדיק צום וואלד, אויך אהין ארײַנגעשריען: „צאַליע!“ און איר ווידערקאָל האָט זיך נאָכדעם אויך אזוי הילכיק געקײַקלט איבער די קרוינען פון וואלד און געשאלט?

— זי איז ניט שולדיק.

דינע האָט עס געבעטן אים איבערגעבן, צי פרומע, וועלכע האָט זיי דעמלט קימאַט קיין איין אָוונט ניט איבערגעלאָזט זאלבעצווייט, האָט עס אליין נאָרוואָס צוגעטראכט, זי זאָל האָבן מיט וואָס צו פארענטפערן דינען, אז זי זאָל פארבלײַבן פאר אים די זעלבע, וואָס דעמלט?..

— און אויב איר ווילט וויסן, איז עטל אויך ניט שולדיק, — האָט פרומע, בלײַבנדיק שטיין באם טײַכל, זיך ווידער אָנגערופן, — אָט איך, אשטייגער, האָב אפילו קיין רעגע ניט געגלייבט, אז איר וועט כאסענע האָבן פאר עטלען. קיין רעגע האָב איך דערין ניט געגלייבט, כאָטש אלע האָבן דאָ בא אונדז דעמלט גערעדט וועגן אײַך ווי וועגן עטלס א כאסן. דאָס האָט זי, עטל, עס געהאט דאן צוגעטראכט, זי האָט עס מיר דערנאָך אליין געזאָגט. עטל איז ביז

איצט נאָך זיכער, אַז ווען דינע האָט כאַסענע פאַר איך, וואָלט איר ביידע ניט געווען גליקלעך. עטל האָט ניט קיין כאַראַטע, וואָס מיט איר קומען פּלוצעם צו פאָרן פון לענינגראַד, ווען איר זייט געווען באַ דינען, און מיטן דערציילן נאָכדעם דינען וועגן אירע באַגעגענישן מיט איך, האָט זי דערווײַטערט פון איך דינען. עטל לייקנט ניט, אַז זי איז געווען עס אויסן. נאָר וועגן איך האָט זי דינען קיין שלעכט וואָרט ניט געזאָגט. און ווי האָט עטל געקאָנט אָנריידן אָף איך, אַז זי איז געווען אין איך פאַרליבט, און איז נאָך איצט אויך אין איך פאַרליבט. זי האָט עס מיר אַליין געזאָגט. זי איז דאָ אויך ניט לאַנג צוריק געווען. נאָכדעם אָבער ווי זי אַליין האָט איך צעשיידט מיט דינען, איז ווי זי זאָל איך ניט ליב האָבן, וואָלט זי פאַר איך קיינמאָל ניט כאַסענע געהאַט. מיט אַ שטעטלש מיידל קאָן זיך אַזעלכעס ניט פאַרלויפן, און אויב סע טרעפט, איז עס זייער זעלטן. וואָס איז זי מיט דעם אַלץ אויסן געווען, עטל, האָט דינע דעמאָלט ניט געוווּסט. איצט שטויסט זי זיך אָן...

— ווּ איז זי איצט, דינע? — האָט צאַליע געפרעגט, קריכנדיק ביז איבער די קני אינעם העל־גרויען נעפּל, וואָס האָט זיך געשפּרייט איבער דער לאָנקע, מיט וועלכער זיי זײַנען אַצינד געגאַנגען.

פרומע האָט זיך ניט אָפּגערופן.

צי דען האָט ער עס זי געפרעגט אַזוי שטיל, אַז ס'האָט צו איר ניט דערגרייכט זײַן קאָל? ער האָט זי געוואָלט שוין איבערפרעגן, ווען ער האָט דערהערט:

— דאָס קאָן איך איך ניט זאָגן.

צאַליען האָט איבעריקס ניט פאַרוווּנדערט, וואָס פרומע האָט אים געענטפערט קימאַט פונקט אַזוי ווי כאַנצע, ווען ער האָט זי געפרעגט, ווּ איז דינע, און דאָך האָט זיך אים דאָס מאָל פאַרהאַקט דער אָטעם, ווי מיט איר ענטפער וואָלט זי באַ אים אָפּגענומען, פרומע, די לעצטע האָפענונג.

— דאָס האָט דינע איך פאַרווערט מיר זאָגן, ווּ זי איז?

— איר ווילט וויסן דעם עמעס? — פרומע האָט זיך אײַנגעקוקט אין אים מיט אירע קורצזיכטיקע אויגן און, ניט אָפּפירנדיק פון אים דעם בליק, געענטפערט, — יאָ, זי, דינע. און וואָס וועט איך געבן, ווען איר וועט וויסן, ווּ זי איז? — און שטיל, ווי באַם פאַרטרויען אַ סאָד: — אָט ווען איר באַגעגנט זיך מיט איר אין אַ כאַדאָשים צוויי־דרײַ ארום נאָך איר כאַסענע... איך וווּנדערט עס, פאַרשטיי איך. נו יאָ, אַוואַדע... ווען איר זאָלט אָבער וויסן, ווי־אַזוי זי האָט כאַסענע געהאַט...

דער נעפּל האָט זיך שוין געהאַט אַריבערגעכאַפּט פון דער לאָנקע אָפן שאָסיי און אים געמאַכט ענלעך צו אַ פאַנאַנדערגעגאָסענעם טײַך. די פאַרוואָקסענע סטעזשקע, מיט וועלכער זיי האָבן זיך אַרופגעקליבן צוריק אָפן שאָסיי, האָט זיך שוין אײַנגאַנצן ניט געזען.

— אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן פון דעם, וואָס עטל איז איך דעמאָלט נאָכגעפאָרן. איצט ווייסט זי שוין, דינע, אַז איר זײַט ניט שולדיק, דאַן אָבער... ניין, אַזוי ליבן, ווי ס'קאָן אַ שטעטלש מיידל, קאָן, דאַכט זיך, קיינער ניט... ווען איר ווייסט, ווי־אַזוי זי האָט איך ליב געהאַט, און דער, וואָס ליבט, דער איז אײַפערזיכטיק, און אײַפערזיכטיקײַט, זאָגט מען, מאַכט צומאָל אינגאַנצן בלינד דעם מענטשן. נאָר דינע איז צו שטאָלץ באַ זיך, אַז זי זאָל עס געווען אַרויסווײַזן פאַר איך. האָט זי צוגעטראַכט, אַז די פאַבריק שיקט זי אָף עטלעכע טעג אין דאָרף, און האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביז אײַער אָפּפאָרן באַ איר שוועסטערקינד, באַ לייווין. עפּשער מיינט איר, אַז לייווי איז דערין שולדיק? פאַרקערט. איר זײַט אים גראָדע געפעלן, נאָר דינע איז ניט פון די, וועלכע מע קאָן אַזוי לײַכט אײַנריידן צי איבעריידן. באַ אים, באַ לייווין, האָט זי זיך באַקאַנט מיט איר קינפטיקן מאַן. דאָס איז פאָרגעקומען אינגיכן נאָך אײַער אַוועקפאָרן.

— איך האָב דעמאָלט ניט געקאָנט זיך לענגער פאַרהאַלטן. איך האָב אַזוי אויך שיר ניט פאַרשפּעטיקט אָפן זאַמלפּונקט.

צוליב וואָס פאַרענטפערט ער זיך? זי זאָל עס איבערגעבן דינען? זי האָט עס דען ניט געוווּסט, דינע?

זיי האָבן זיך אומגעקערט צוריק צום וואַלד.

— דינע האָט, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרגעשטעלט זיך, אַז דער אינזשעניער, וואָס האָט זיך אָנגעגעבן פאַר לייוויס אַן אַלטן כאַווער, וועט ווערן איר מאַן, כאָטש אַזאַ, ווי ער, קאָן געפעלן ווערן. ער איז אַ הויכער, אַ שטאַלטנער און ביכלאַל אַ גאַנץ פײַנער. ער איז אָבער עלטער פון איר. אָף גאַנצע עלף יאָר איז ער עלטער פון איר. ווי נאָר ער האָט זי דערזען, איז ער שוין פון איר ניט אָפּגעטראָטן. ווּ זי איז ניט געגאַנגען, האָט זי אים באַגעגנט, און ווּ זי איז ניט געווען, האָט זי אים געטראָפן. און איינמאָל, געווען איז עס, האָט זי מיר

דערציילט, אין א כאַדאָשים דרײַ ארום, ווי זי האָט זיך מיט אים באַקענט, האָבן זיי, שפּאַ־צירנדיק פון אָוונט אין באָטאַנישן גאָרטן, באַגעגנט דאָרט דעם מאַנס עטלעכע באַקאַנטע. אַז זיי זײַנען ארויס פון גאָרטן און פאַרבײַגעגאַנגען דעם זאַגס אַפן ראָג גאַס, האָט איינער פון זיי זיך אָנגערופן אין א שפּאַס: „איר ווייסט, וואָס מיר איז אײַנגעפאַלן?" — און דינע האָט אליין ניט געוווּסט, ווי־אַזוי איז עס געשען, וואָס אין עטלעכע מינוט ארום האָט דאָס מיידל פון זאַגס זי באַגריסט און צוגעוווּנטשן א גליקלעך פאַמיליע־לעבן. דינע האָט געקוקט אַפן מיידל און ניט געקאָנט פאַרשטיין, ווי איז עס צו איר ניט דערגאַנגען, אַז ס'איז געווען בלויז א שפּאַס. אַלץ, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין יענעם אָוונט, האָט דינע אופגענומען ווי א שפּאַס. דורכויס ווי א שפּאַס האָט זי אופגענומען דאָס, וואָס זיי זײַנען אַפן וועג אַרײַן אין א קלייט און אײַנגעקויפט ווײַן מיט צובײַסנס, די טאָסטן, וואָס מע האָט געהאַלטן בא דעם מאַן אין צימער, און בלויז ווײַל זי האָט אָף דעם אַלץ געקוקט, ווי א שפּאַס, האָט זי דערלויבט, ער זאָל זי אין אַלעמענס אָנוועזנהײַט א קוש טאָן, ווען די פאַרזאַמלטע באַם טיש זײַנען צוגעשטאַנען, אַז דער ווײַן איז ביטער. ווען די געסט האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין, האָט דינע זיך אויך געגומען אָנטאָן און זיך פאַרוווּנדערט, וואָס דער מאַן אירער פרעגט זי, וווהין קלײַבט זי זיך עס. וויפל ער האָט אין יענעם אָוונט מיט איר ניט גערעדט, אַז ס'איז ניט געווען קיין שפּאַס, אַז איר היים איז איצטער דאָ, האָט ער זי פונדעסטוועגן געמוזט אָפּ־פירן צו דער מאַמען. און כאָטש זי האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס, וואָס ער האָט זי דאָס מאָל געפירט שפּאַצירן אין באָטאַנישן גאָרטן און וואָס זיי האָבן דאָרט מיטאַמאָל באַגעגנט אַזויפיל זײַנע באַקענטע, איז געווען אפּרײַער אָפּגערעדטע זאַך, דאָך האָט זי אויך איר, דער מאַמען אירער, דערציילט וועגן דעם אַלץ ווי וועגן א פריילעכן שפּאַס.

ווי מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט צאַליע זיך דערקליבן צום בריקל און געבליבן שטיין, פאַרצאַמענדיק פרומען דעם וועג.

— איר ווילט וויסן, וואָס איז געווען נאָכדעם? איצט דאַרף עס שוין אײַך זײַן אַלצייגס, נאָר דעמלט... דער שפּאַס האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס פון יענעם טאָג אָן האָט מען אויסבאַהאַלטן פון דינען אײַערע בריוו צו איר, און גראַדע פונקט דעמלט, ווען זי האָט גע־וואַרט און ארויסגעקוקט אָף זיי. איין בריוו, ווען זי קריגט דאָך פון אײַך, צי ווען איר קומט צו פאָרן... איך האָב עס עפּשער ניט געדאַרפט אײַך זאָגן, זי האָט אײַך איינמאָל אָנגעשריבן א בריוו, געבעטן, איר זאָלט קומען, נאָר אָפּגעשיקט האָט זי אים ניט, דעם בריוו. כאַנצע, וועלכע קאָן ביז איצט ניט מויכל זײַן דעם איידעם אירן פאָרן דאָזיקן שפּאַס און רעדט וועגן אים ניט אַנדערש ווי וועגן א מענטשן, וואָס האָט אינמיטן העלן טאָג צוגעגאַנוועט בא איר דינטשיקן, האָט ענדלעך אַליין אָפּגעפירט דינען צו איר מאַן. „זי איז דאָך שוין ניט קיין קינד, — האָט כאַנצע איר געזאָגט, — און דאַרף אַליין פאַרשטיין, אַז דאָס, וואָס איז געשען, איז שוין ניט קיין שפּאַס, ביפּראַט, אַז אין שטעטל ווייסט מען שוין וועגן דעם..." נאָר זײַן פרוי איז דינע געוואָרן ערשט אין א דרײַ כאַדאָשים ארום נאָך דער כאַסענע. אָט אַזעלכע זײַנען זיי, אונדזערע שטעטלשע מיידלעך. צו שפּעט, צאַליע, זײַט איר געקומען. צו שפּעט. הערט זי אוף ארומזוכן. פאַר אײַך אַליין איז דאָך בעסער, וואָס איר ווייסט ניט, ווו זי איז. זאָגן אײַך, ווו זי וווינט, וועט איר דאָך אָנהייבן איר שרײַבן. צו וואָס? איר קענט זי ניט, אויב איר מיינט, אַז זי וועט אײַך ענטפערן. זײַט גליקלעך מיט דעם, וואָס אָף דער וועלט איז דאָ א מענטש, וואָס האָט אײַך ליב, ווי קיינער האָט נאָך עפּשער קיינעם ניט ליב געהאַט. זי וועט אײַך אָבער קיינמאָל ניט געהערן, קיינמאָל ניט, אַזוי האָט זי מיר געזאָגט. דאָס, וואָס איך האָב אײַך דערציילט, וועט אײַך דאָ קיינער ניט קאָנען זאָגן. איר ווילט מיך פאָלגן? קערט זיך אום אַהיים און הערט זי אוף ארומזוכן.

אין דעם זעלבן אָוונט האָט ער אָף א צופעליק דורכגעפאָרענעם דאָרפישן וואָגן פאַרלאָזט דאָס שטעטל, זײַענדיק זיכער, אַז דאָס מאָל פאַרלאָזט ער עס שוין אָף שטענדיק.

## 8

פון דעם אָפּדערנאָכט, ווען וויטאַלי סווירידאָוו האָט זיך געהאַט פאַרזעסן בא זיך אין קאַבינעט און דער פרוי זײַנער איז אויסגעקומען אים א פּאָר מאָל דערמאָנען דורכן טעלע־פאָן, אַז זיי גייען הײַנט אין טעאַטער, איז שוין דורך א היפּש ביסל טעג, נאָר סווירידאָוו האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט פּויעלן בא זיך, ער זאָל צוגיין אין בעסמעדרעש, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז אין וועלכן אָוונט ער זאָל אהין ניט קומען, וועט ער אים דאָרטן טרעפן, צאַלעלן,

און ער וועט ניט דאַרפֿן אים דאָרט לאַנג אַרומזוכן. שליפֿערס שטענדיק פֿלאַץ, ווייסט ער פֿונעם אַרײַנגעשיקטן בריוול, איז דער נײַנטער אָף דער זיבעטער באַנק. סווירידאָוו האָט אָבער ניט געוווסט, און דאָס, מעגלעך, האָט אים אויך אָפּגעהאַלטן, אַז ווען ער זאָל אין דער אָוונטיקער שאָ צווישן מינכע און מײַרעוו זיך אַפֿילו צוזעצן צו שליפֿערן, וואָלט יענער אים, דאַכט זיך, אויך ניט באַמערקט. נאָך אַ צײַט פֿאַר דעם, ווי ער שטעלט זיך זאָגן קאַדעש, איז ער שוין ווי ניט הי. יענץ מאָל, ווען סווירידאָוו האָט זיך פֿאַרקלערט, צי זאָל ער, גייענ־דיק אין טעאַטער, זיך אַרײַנכאַפּן אָף אַ ווײַל אין בעסמעדרעש, האָט דער דימיען אין יענער שאָ צווישן מינכע און מײַרעוו געהאַט פֿאַרטראַגן צאַליען אָף דער שיף, מיט וועלכער ער האָט זיך אומגעקערט מיט דינען פֿונעם וואַלדיקן אינדזל, און ווי ער האָט נאָכדעם ניט גע־פּרווט זיך אַרײַנטאָן אינעם דאַוונען, האָט ער אַלציינס ניט געקאָנט פֿאַרטויבן אין זיך די פֿראַגע, וועלכע ער האָט זיך פֿאַרגעבן: „וואָס וואָלט געווען, ווען ער פֿאָרט דעמלט אָף מאָרגן אוועק?..” הײַנט האָט דער געדאַנק אין דער אָוונטיקער שאָ צווישן מינכע און מײַרעוו אים פֿאַרטראָגן אָפֿן זאַוואָד, וווּהין ער, דער אינזשעניער־קאַפּיטאַן צאַליע שליפֿער, איז געקומען פֿון פֿראָנט אין אַ שליכעס.

געקומען איז ער אַהין אָף אַ פּאָר טעג, און די גאַנצע צײַט געווען אַזוי פֿאַרנומען, אַז ער האָט שוין ניט געהאַט ווען זיך דורכגיין כאָטש איבערן זאַוואָד. ער איז אים קימאַט ווי דורכגעלאָפֿן. אַפֿילו אינעם צעך, וועלכער וועט זיך מער פֿון אַלע אַנדערע פֿאַרנעמען מיט דער ספּעציעלער באַשטעלונג, האָט ער זיך ניט פֿאַרהאַלטן. ער איז אים בלויז דורכגעגאַנגען עטוואָס לאַנגזאַמער, און פֿון דעם מער ווי אין אַלע אַנדערע צעכן דערפֿילט די פּראָסטיקע קעלט, וואָס האָט דאָ געוויִיט פֿון די הויכע פֿאַרפֿרוירענע פֿענצטער, פֿון די ווענט, פֿונעם צעמענטענעם דיל.

קימאַט באַם סאַמע אַרויסגאַנג שוין איז ער געבליבן פּלוצעם שטיין. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט זיך אים בלויז אויסגעוויזן, דאָך האָט ער זיך אומגעקערט צוריק און ניט געאײַלט זיך דערנענטערט צו דעם טאָקער־ווערקשטעל, באַ וועלכער ס׳איז געשטאַנען צו אים מיט דער פּלייצע אַ מענטש אין גרויסע וואַליקעס, אין גרינע וואַטאָווע הויזן, אין אַ גרוי וואַטאָווע לײַבל און אין אַ היטל מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן. אין די באַוועגונגען פֿון דעם דאָזיקן מענטשן, וועלכן ער האָט פֿאַרבײַגייענדיק פֿריִער פֿונדערווײַטן געהאַט געזען פֿון הינטן, איז געווען עפּעס אַזעלכעס, וואָס, שטייענדיק קימאַט שוין באַם אַרויסגאַנג, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק, און איצט, ניט דערגייענדיק עטלעכע טריט, איז ער ווידער געבליבן שטיין.

וואָס איז געשען אין אָט דער דאָזיקער קורצער רעגע, וואָלטן זיי נאָכדעם ביידע ניט געקאָנט דערציילן. אָנכאַפּנדיק זי צום ווײפּלטן מאָל שוין פֿאַר די הענט, האָט ער נאָך אַלץ ניט געגלייבט, אַז דאָס איז זי, און ווי ער זאָל נאָך אַלץ דאַרפֿן זיך אין דעם איבערצײַגן, ניט אופֿגעהערט איבערכאַזערן אין זיך און אָף אַ קאָל:

— דינע, דינטשיק, טײַערע...

דינע האָט אים עפּעס געפֿרעגט, נאָר אַזוי שטיל, אַז ער האָט קימאַט ניט געהערט. דאַכט זיך, זי האָט אים געפֿרעגט, צי קאָן מען זי נאָך דערקענען, און דערמיט אים פֿאַרוווּנדערט: זי ווייסט דען ניט, אַז זי האָט זיך לאַכלוטן ניט געענדערט, אַז זי איז געבליבן די זעלבע, וואָס געווען, און ער האָט געאײַלט עס איר זאָגן:

— די זעלבע דינטשיק, וואָס געווען. די זעלבע שולאַמיס.

— שולאַמיס מיט אויסגעווײנטע אויגן...

— נאָר מיטן זעלבן ליכטיקן שמייכל. זאָגן דיר, וועגן וואָס כ׳האָב זיך נאַרוואָס דערמאָנט? דו האָסט שוין, מיסטאַמע, וועגן דעם לאַנג פֿאַרגעסן. איך האָב אָבער גאָרניט פֿאַרגעסן. ווילסט, קאָן איך דיר איבערדערציילן אַלץ, וואָס מיר האָבן מיט דיר גערעדט יעדן אָוונט אָפֿן שאָסיי, באַ דיר אָפֿן גאַנעקל. ווען מיר זײַנען פֿאַר מײַן אָוועקפֿאָרן געזעסן באַ דיר אָפֿן גאַנעקל און דו האָסט מיר געזאָגט, אַז אויב דו וועסט ניט געפֿינען וואָס צו טאָן אין שטעטל, וועסטו איבערפֿאָרן צום ברודער אין שטאָט און וועסט אָנקומען דאָרט אָף אַ זאַוואָד, האָב איך ניט ווילנדיק אַ קוק געטאָן אָף דײַנע הענט און זיך ניט געקאָנט פֿאַרשטעלן, ווי׳אַזוי וועלן אָט די צאַרטע פֿינגער זיך צורירן צו אַ מאַשין. ווי האָב איך געקאָנט דעמלט טראַכטן, אַז דו, דינטשיק... — און ניט שעמענדיק זיך, וואָס אַלע אַרום קוקן אָף זיי, איז ער צוגעפֿאַלן צו אירע אײַנגערונצלטע פֿאַרהאָרעוועטע הענט, וואָס האָבן געשמעקט מיט אייל, מיט שטאָל, מיט פֿראָסט.

— איך האָב געוווּסט, אַז דו לעבסט, — האָט דינע, קוקנדיק אָף אים מיט פֿײַכטע פֿאַר־לאָפֿענע אויגן, זיך אָנגערופֿן, — איך האָב זיך אָנגעפֿרעגט וועגן דיר אין בוגורוסלאַן, אין דער

צענטראלער אדרעס־ביוראָ, און ניט לאַנג צוריק האָט מען מיר פון דאָרט צוגעשיקט דײַן לענינגראַדער אדרעס. נאָך דער מילכאָמע וואָלט איך דיר אָנגעשריבן אהין...

— יענער אדרעס, דינטשיק, איז שוין מער ניטאָ, — בא צאַליען האָט א ציטער געטאָן די שטים, — דער אומגליק האָט געטראָפן באַנאַכט, ווען איך בין געווען אפן זאַוואָד. די פרוי מיטן קינד האָבן ניט באַוויזן אראָפּלאָזן זיך אין באַהעלטעניש. דער סנאַריאַד האָט זיי געטראָפן אף די טרעפּ. נאָכן דאָזיקן אומגליק האָט דער זאַוואָד מיך שוין מער ניט פאַרהאַלטן, און איך בין אוועק אפן פראָנט!.. דו דערצייל מיר וועגן זיך. ווי קומסטו אהער? ווו זײַנען אלע דײַנע?

— איך בין דאָ מיט די קינדער. דער מאַן איז פונעם ערשטן טאָג אף דער מילכאָמע. באַלד א יאָר, ווי ס׳איז ניטאָ פון אים קיין בריוו. די מאַמע האָט זיך עוואַקויִרט צוזאַמען מיט דער שוועסטער און מיט גאָדלען קיין אשכאַבאַד, מוישל איז אין פלאָט. איך האָב פון אים אָפּט בריוו. מיך האָט די מילכאָמע פאַרוואָרפן אהער. איך בין אָנגעקומען דאָ אפן זאַוואָד און געוואָרן, ווי דו זעסט, א טאָקער. דו ווױנסט אויך דאָ, צי ביסט געקומען ערשט צו פאָרן?

— איך בין אייערנעכטן געקומען פון פראָנט און פלי הײַנט אָפּ צוריק. ווען ענדיקסטו אַרבעטן? איך וועל בעטן, מע זאָל דיך אָפּלאָזן הײַנט פריִער.

— ניין, ניין. מע דאַרף ניט.

— וועל איך וואַרטן אף דיר באַם טויער.

דינע האָט זיך א רעגע פאַרטראַכט און, אײַנשליסנדיק די מאַשין, געזאָגט:

— פאַרשרײַב מײַן אדרעס. איך ווױן מיט נאָך איינער אַן עוואַקויִרטער אין איין צימערל.

שוין דערמיט, וואָס זי האָט געאײַלט אים געבן צו וויסן, אַז זי איז ניט אליין, אַז זי ווױנט מיט נאָך עמעצן אין צימער, האָט ער גלײַך דערקענט אין איר די פריִערדיקע דינע און געוואָלט בא איר פרעגן, צי רופט מען ניט די עוואַקויִרטע, וואָס איז מיט איר אין איין צימער — פרומע.

צאַליע האָט לאַנג ארומגעבלאָנדזשעט איבער די פאַרטונקלטע אָוונטיקע גאַסן פון דער



גרויסער פארשנייטער שטאָט, ביז ער האָט זיך דערקליבן צום פארוואָרפענעם טויבן געסל מיט די איינשטאָקיקע הילצערנע הײַזלעך און נידעריקע פּארקנס.

אין איינעם פון אָט די הײַזלעך מיט די פארהאנגענע פענצטערלעך האָט צאַליע אָנגע־קלאפּט, און אין א ווײַלע ארום איז ער, גרייכנדיק מיטן קאָפּ קימאט די סטעליע, שוין גע־שטאנען אנטקעגן דינען אינעם קליינעם ענגן צימערל, פּילנדיק, ווי ער ווערט אָן איבער זיך די שליטע און וועט באלד צופאלן צו אירע פולבלעכע שמייכלענדיקע ליפּן. ס'איז אָבער גענוג געווען, אז זי זאָל, פארווארפנדיק דעם קאָפּ אַף ארויף, דערווײַטערן פון אים דאָס געזיכט, און דערבײַ א פיר טאָן מיט די ברעמען, אז ער זאָל פאר זיך דערזען יענע דינען, וועלכע האָט אים אין שטעטלשן לייען־צימער געהאט געזאָגט, ער זאָל זי פארצײַען, ער האָט א טאָעס, זיי קענען זיך ניט, און וועלכער ער האָט אפילו נאָכדעם, ווי ער האָט שוין ארומ־געשפּאצירט מיט איר דעם וויפלטן אָוונט, נאָך אלץ ניט געוואגט זי אָנרירן פאר דער האנט. אים האָט זיך דעמלט געדוכט, אז מיט אָט דער אײנציקער ניט־פאָרזיכטיקער באוועגונג זײַנער קאָן ער זי דערווײַטערן פון זיך, און פאר דעם האָט ער מוירע געהאט. דאָס זעלבע געפיל איז בא אים געווען אויך איצט. נאָר לאנג זיך אזוי צאמען האָט ער ניט געקאָנט. ער האָט ניט געקאָנט זיצן לעבן איר און ניט אוועקלייגן צו זיך אַף די קני איר פארהאָרעוועטע האנט און ניט איבערקלײַבן אירע פינגער.

— קענסט אוואדע זײַן הונגעריק, צאַליע, — ווי ענלעך זי איז איצט געווען מיט איר זאָרגעוודיקער איבערגעגעבנקײַט אַף כאנצען, — ווארט א ווײַלע צו. איך קום גלײַך צו גיין, — זי האָט ארופגעוואָרפן אַף זיך דעם מאנטל. — כ'וועל זיך נאָר צוכאפּן אין קלייט. כ'האָב נאָך ניט באוויזן אויסקויפן אלע פּראָדוקטן, וואָס עס קומט אונדז אַף די קארטלעך.

צאַליע האָט זי אָפּגעשטעלט:

— מע דארף אין ערגעץ ניט גיין. אויב דו זאָרגסט זיך וועגן מיר, איז דערלויב מיר ראפּאָרטירן, אז פונקט מיט א שאָ צוריק האָב איך געגעסן אָוונטברויט.

— אײַ, איך בעט דיך. שעמסט זיך עפּשער?

— נו איך שווער דיר, אַז איך בין ניט הונגעריק. נו, ערן־וואָרט, — ער האָט זיך צע־שמייכלט, וואָס אים קומט אויס זיך פאַרענטפערן פאַר דינען, ווי ער פלעגט זיך פאַרענטפערן פאַר דער מוטער אירער.

צאַליע האָט איר אויסגעטאָן דעם מאַנטל און אים אופגעהאַנגען צוריק אַף דער וואַנט.

— אָבער טיי וועסטו טרינקען. ברויט מיט מאַרגאַרין און מיט צוקער איז דאָ.

דינע האָט אײַנגעהייצט דאָס אײַזערנע אייוועלע, און דער פּײַטלעכער טונקל־באַלויכטע־נער צימער האָט פאַרשמעקט מיט געבראָטענע שאָלעכץ־קאַרטאָפל.

— מע דאַרף ניט, — ער האָט זי ניט געלאָזט צושטעלן דעם טשײַניק און זי אָוועקגע־זעצט לעבן זיך באַם אָנגעגליטן אייוועלע.

— געדענקסט, דינטשיק, ווי מיר פלעגן זיך מיט דיר פאַרקלײַבן אין צימערל באַ דער אײַנגעהייצטער הרובע און אין פענצטער האָט אַרײַנגעקוקט די לעוואָנע. אַזאַ גרויסע ליכ־טיקע לעוואָנע האָב איך מער אין ערגעץ ניט באַגעגנט.

— איך געדענק, — און, אָנבייגנדיק עטוואָס צו אים דעם קאָפּ, צוגעשלאָסן די אויגן.

צאַליע האָט מיטאַמאָל אָנגעוואָרן די מאַכט איבער זיך, און איידער ער האָט נאָך באַ־וויזן באַנעמען, וואָס קומט מיט אים פאָר, איז שוין דער קאָפּ זײַנער געלעגן באַ דינען אַף די קני. אין דער זעלבער רעגע האָט ער דערפילט אין זײַנע האָר אירע פינגער. ער האָט יינגלש פאַרשעמט אַ כאַפּ געטאָן איר האַנט און זיך לײַכט אין איר אײַנגעביסן...

— צו פרי, צאַליק, האָבן זיך באַ דיר באַוויזן גראָוע האָר אין קאָפּ.

— ס׳איז מילכאָמע, דינטשיק.

— פאַרוואָס דערציילסטו מיר גאָרניט וועגן זיך? — איר שטים איז דערגאַנגען ווי פון זייער, זייער ווײַט, און ער האָט ניט געוווּסט, צי דאָס רעדט זי צו אים אַזוי שטיל, צי עס פאַרטויבט אין אים איר שטים דאָס בלוט, וואָס שלאָגט אַזוי שטאַרק אין זײַנע שלייפן. — באַלד צען יאָר, ווי מיר האָבן זיך ניט געזען, — זי איז אַנשוויגן געוואָרן און שוין גאָר־גאָר שטיל, פונקט ווי דאָס, וואָס זי קלײַבט זיך באַלד דערציילן, טרויט זי אָן בלויז זיך איינער: — איין מאָל האָב איך דיך אָבער געזען. ס׳איז געווען מיט אַ יאָר פיר צוריק. יאָ, מיט אַ יאָר פיר צוריק.

— ווו? וו׳אַזוי?

— איך האָב פאַרגעדענקט אַפילע דעם טאָג. זונטיק איז עס געווען. מיר זײַנען שוין דעמלט איבערגעפאָרן מיטן מאַן צוריק צו זיך אין שטאָט. שפּאַצירנדיק אַזוי אין צענטער, זײַנען מיר אַרײַן אין אַ קלייט עפּעס אײַנקויפן, און מיטאַמאָל האָב איך דאָרט דערזען דיך. וו׳אַזוי איך בין אַרויס פון דער קלייט, געדענק איך שוין ניט. איך געדענק נאָר, אַז ס׳האָט זיך מיר שרעקלעך פאַרדרייט דער קאָפּ און פאַרהאַקט דער אָטעם. מײַן מאַן האָט מיר נאָכ־דעם דערציילט, אַז איך בין געווען בלייך ווי די וואַנט, און ווען ער פירט מיך די רעגע ניט אַרויס אַף דער פרישער לופט, וואָלט איך געוויס געפאַלן אין כאַלאָשעס. — זי האָט זיך אָנ־געבויגן איבער אים און זיך צוגערירט מיט איר אָטעם צו זײַן אויער, — עפּשער האָט זיך עס מיר אויסגעוויזן? עפּשער איז עס געווען גאָר ניט דו?

זי זאָל אַפילע געווען האָבן אַ טאָעס — אָנגענומען עמעצן אַנדערש אָנשטאָט אים, — וואָלט ער עס איר איצט סײַווי ניט געווען געזאָגט. נאָר דינען האָט זיך עס דעמלט ניט אויסגעוויזן. דאָס איז ווירקלעך געווען ער, צאַליע. ער האָט פון איר אויך ניט אויסבאַהאַלטן, אַז זײַענדיק שוין אַ טאַטע, האָט ער ניט אופגעהערט זי אַרומזוכן, אַז קימאַט יעדעס מאָל, ווען ער איז געווען אין אָרלויב, האָט זי אים געקאָנט באַגעגענען באַ זיך אין שטאָט. ער פלעגט אַראָפּפאָרן אַהין אַף אַ דרײַ־פיר טעג, און אין די דאָזיקע טעג האָט זי אים געקאָנט טרעפן זיצן אין סעדל אַנטקעגן איר הויף, זיך אַרומדרייען אַנטקעגן דעם באַלקאָן פון איר פּעטערס וווינונג, אַרומשפּאַצירן אין באָטאַנישן גאָרטן, טרעפן אים אין די אַלייעס און סקווערן, ווו יונגע מוטערס פאַרקלײַבן זיך מיט די קינדערשע וועגעלעך אין שאָטן פון די ביימער. ער איז געווען זיכער, אַז זי איז איבערגעפאָרן צוריק. אײנמאָל איז ער אַפילע פונדערווײַטן נאָכגעגאַנגען דער מוטער אירער, געמיינט, אַז דאָס גייט זי צו איר, צו דינען, נאָר כאַנצע האָט גאָר פאַרקערעוועט צום מאַרק. נאָכדעם ווי דער ברודער אירער האָט אים געזאָגט, „אַז ס׳איז אָן אומזין זיך נאָכיאָגן נאָך דעם, פון וואָס מע איז פרײַער אַליין אַנט־לאָפן", — האָט ער דאָך ניט געקאָנט אַרײַנגיין צו זיי אין שטוב, צי אָפּשטעלן עמעצן פון אירע קרויווים, ווען ער באַגעגנט זיי אַפילע. אָ, ווען ער ווייסט, אַז זי האָט נאָך דער כאַסענע ניט געביטן איר פאַמיליע־נאָמען, נאָר געבליבן באַם מיידלשן!..

— עטל האָט עס דען דיר ניט געזאָגט? דו ווייסט, אַז זי האָט כאַסענע געהאַט פאַר

אונדזער לייווין? לייווי איז אויך פונעם ערשטן טאָג אוועק אָף דער מילכאָמע. אין א כוידעש נאָכן אַהייב פונעם קריג איז עטל שוין געווען אַן אַלמאָנע. זי האָט זיך עוואַקויִרט מיטן זאַוואָד אירן ערגעץ זייער ווײַט. דאַכט מיר, קיין סיביר. ווי וועט זי דאָרט אויסקומען מיט דרײַ ברעקלעך קינדער אָף די הענט... איך וואָלט איר געהאָלפן מיט וואָס איך וואָלט געווען אימשטאַנד, קאָן איך אָבער ניט דערגיין, ווו זי איז. צי האָט, כאָלילע, ניט געטראָפן מיטן עשעלאָן עפּעס אָפן וועג, צי, כאָלילע, נאָך ערגער — אַרײַנגעפאַלן צו די דײַטשן. עפּשער ווײסטו זיך קאָנען עפּעס וועגן איר דערוויסן. איר פאַמיליע־נאָמען איז איצט ניט זעלצער, נאָר ראָסנער, ווי בא אונדזער לייווין. דאַרפסט מיר, צאַליק, ניט דערציילן, וואָס איז דעמלט פאָרגעקומען צווישן אייך. כ׳ווייס, אַז דו האָסט זיך מיט איר נאָכדעם צעקריגט, אופגעהערט מיט איר ריידן. זי איז ניט שולדיק. ניט בײַזווויליק האָט זי דאָך עס געטאָן. זי האָט מיך פאַשעט זייער ליב, און זי האָט מוירע געהאַט, אַז מיט דיר וועל איך ניט זײַן גליקלעך... שולדיק, טײַערער, בין איך. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עטל איז דעמלט געקומען צוליב דיר. כ׳האָב ניט געוואָלט אײַך שטערן. נאָר צו וואָס דערמאָנען עס איצט? מיר זעט אַצינד אויס אַזוי קליינלעך און נאַריש א סאַך פון דעם, וואָס איז זיך פריִער פאַרלאָפן אין אונדזער לעבן. — זי האָט אופגעהויבן דעם קאָפּ זײַנעם פון אירע קני און אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן.

— קוקסט אָף מיר, דינטשיק...

— איך האָב דיך אַזוי לאַנג ניט געזען...

— איך האָב זיך שטאַרק געענדערט, יאָ?

— מיר האָבן זיך, טײַערער, אַלע שטאַרק געענדערט. שטער מיר ניט. לאָמיך זיך אָנקוקן אין דיר. ווער ווייסט, ווען וועלן מיר זיך מיט דיר ווידער זען.

— אָף אָט דעם, דינטשיק, וועט דיר איצט קיינער ניט ענטפערן. אָף דער מילכאָמע טרעפט אַלץ.

— ניין! ניין! — זי האָט אים צוגעמאַכט דאָס מויל מיט איר האַנט. — דו וועסט לעבן. דו וועסט בלײַבן לעבן. דיך וועט אויסהיטן מײַן ליבע, ווי זי האָט דיך אויסגעהיט ביז איצט. כ׳ווייס, טײַערער, דאַרפסט מיר ניט דערציילן, כ׳ווייס, אַז דו האָסט מיך אַרומגעזוכט, אַז ביסט געווען אין שטעטל, אַז פרומע האָט דיר אויך ניט געזאָגט, ווו איך בין. דאָס האָב איך זיי אַלעמען געבעטן, מע זאָל דיר ניט זאָגן. איך האָב מוירע געהאַט זיך מיט דיר צו טרעפן. כ׳ווייס ניט, עפּשער וואָלט געווען גלײַכער, מיר זאָלן זיך איצט אויך ניט געווען באַגעגענען.

זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אירן צאַליען אָפן אַקסל און ווי אַנשלאָפן געוואָרן. דאָס פײַער אין אייוועלע איז געוואָרן טונקעלער, די שאָטנס אָף די ווענט גרעסער.

— ווו זײַנען עס די קינדער? — האָט צאַליע געפרעגט, אַראָפּלאָזנדיק עטוואָס נידעריקער דעם אַקסל, ס׳זאָל איר זײַן באַקוועמער האַלטן אים אָף דעם קאָפּ.

— לעראָטשקע איז נאָך אין שול. זייער קלאַס לערנט זיך פון אָוונט, און אילטשיק דאַרף קומען פון קינדערגאָרטן. די שכײַנע איז אוועק אָפּנעמען איר מיידעלע, וועט זי פאַרײַנוועגס שוין ברענגען אילטשיקן. ווען פאָרסטו?

— אין צוויי שאָ אַרום וועט מען אָף מיר וואַרטן אין האָטעל. פון דאָרט וועל איך פאָרן אָפן אַעראָדראָם.

— איך וואָלט זייער געוואָלט, דו זאָלסט זען מײַנע קינדער. לעראָטשקע וועט דיך מיסטאָמע דערקענען. פון אַלע מײַנע בילדער האָט זי ליב געהאַט די, ווו איך בין מיט דיר פאָטאָגראַפירט. בא דיר האָט זיך פאַרהיט יענע פאָטאָגראַפיע, צי די פרוי דײַנע...

— אויסער דעם, מיט וואָס איך בין אין יענעם טאָג אוועק אָף דער אַרבעט, איז מיר מער גאָרניט פאַרבליבן. אַלץ איז אונטער די אײַנגעוואַלגערטע ווענט.

— פאַרצײַ מיך, וואָס כ׳האָב עס געפרעגט. כ׳פאַרשטיי, אַז איך האָב ניט געדאַרפט...

— וויפל איז זי אַלט, לעראָטשקע?

— דאָס נײַנטע יאָר, און אילטשיקן דאַרף אָט ווערן פיר.

איצט, ווען זי האָט פאַרפירט א רייד וועגן אירע קינדער, איז אים לײַכטער געווען זי צו פרעגן:

— און בא דיר האָט זיך פאַרהיט יענע פאָטאָגראַפיע?

— איך האָב ביכלאַל ניט באַוויזן גאָרניט נעמען מיט זיך. ווען איך פאַרשפּעטיק אָף איינע צען־פופצן מינוט, וואָלט איך מיט ביידע קינדער געווען דאָרט, ווו אַלע אונדזערע זײַנען, וואָס האָבן זיך ניט עוואַקויִרן. איך האָב זיך דאָך אויך ניט געקליבן עוואַקויִרן. מיט אונדז אין איין דירע האָט געוווינט א ייִדישע מישפּאָכע, וועלכע איז געקומען פון דײַטשלאַנד

א שטיקל צײַט פאר דעם, ווי די פאשיסטן האָבן פארכאפּט דאָרט די מאכט. עטלעכע מישפּאָ־כעס זײַנען דאן געקומען צו אונדז אין שטאָט פון דײַטשלאנד. דאָרטן, בא זיך, האָבן זיי ניט געהאט וואס צו טאָן, געווען א גרויסע ארבעטלאָזיקײַט, און בא אונדז, ווייסטו דאָך, מע האָט זיך שוין דאן גענייטיקט אין מענטשן, ביפראט נאָך אין אזעלכע ספּעציאליסטן, ווי אונדזער שאָכן איז געווען.

— איך פארשטיי שוין, — האָט צאליע אופגעציטערט, — נאָר וויאזוי האָסטו געקאָנט זיך לאָזן אײַנריידן?

— און דו וואָלסט זיך ניט געלאָזט אײַנריידן, ווען עס זאָגט דיר א מענטש, וואס איז א לעבן אָפּגעוועזן אין דײַטשלאנד, אז די דײַטשן זײַנען ניט אזעלכע, ווי מע דערציילט און מע שרײַבט וועגן זיי? דערצו נאָך האָבן זיי מיך פארזיכערט, אז וויבאלד איך וווין אין איין דירע מיט מענטשן, וואס זײַנען פון דײַטשלאנד און וועלכע ריידן אן עכטן דײַטש, איז האָב איך ביכלאל ניט וואס מוירע צו האָבן. זיי וועלן מיך אָנגעבן פאר זייערער א קרוויווע. זיי ווייסן, וויאזוי זיך צו האלטן און וויאזוי זיך אופצופירן מיט דײַטשן. און אז ס'איז ניט אזוי, ווי מע דערציילט זיך עס אָן וועגן זיי, איז צו זען דערפון, וואס צווישן די, וועלכע עוואקוירן זיך ניט, זײַנען פאראן מענטשן, וואס וואָלטן עפּשער געדארפט ארויספאָרן. אלנפאלס איך, האָבן זיי מיר געזאָגט, האָב לאכלוטן ניט וואס מוירע צו האָבן. ס'גייט צו ווינטער. ווהין וועל איך זיך לאָזן מיט צוויי ברעקלעך קינדער אף די הענט. אילטשיקן איז נאָך קיין דרײַ ניט געווען.

— און ווײַטער, וואס איז געווען ווײַטער? — איז צאליע וואס א רעגע געוואָרן אלץ אומרויקער, פונקט ווי דאס, וואס דינע דערציילט, איז איר ערשט פאָרגעשטאנען דורכצומאכן.

— ווײַטער? איך זאָל געווען נאָכדעם וועלן זיך עוואקוירן, איז שוין ניט געווען מיט וואס. די צוגן זײַנען שוין ניט געגאנגען. מיטן וואסער וואָלט מען נאָך עפּשער געקאָנט זיך ארויסכאפּן, איז קיין שיפל אפילע ניט געווען. זיך לאָזן גיין צופוס, ווען ארום־און־ארום איז שוין דער פראָנט... זיצן מיר און ווארטן, וואס וועט זײַן ווײַטער. א טאָג, צוויי פאר דעם, ווי אונדזערע האָבן פארלאָזט די שטאָט, איז געווען א מוירעדיקער אָנפאלי פון דײַטשישע עראָפּלאנען — מע האָט ניט באוויזן נאָך ארויסקריכן פון באהעלטעניש, האָט מען שוין ווידער געדארפט לויפן זיך באהאלטן. ווי איך שלעפּ מיך אזוי פון דער באהעלטעניש מיט אילטשיקן אף די הענט און מיט לעראָטשקען בא דער זײַט, פארצאמט מיר מיטאמאָל די טיר פון דער פאראדנע א יונגינקער רויטארמייער און נעמט זיך בא מיר בעטן, איך זאָל אוועק־פאָרן. מאמעש מיט טרערן בעט ער זיך בא מיר, איך זאָל ניט פארבלײַבן, איך זאָל די מינוט זיך אופהייבן און אוועקפאָרן. קוק איך אף אים און הייב ניט אָן צו פארשטיין, ווער איז ער, ווער האָט אים צו מיר געשיקט. ווען דער מאן מײַנער, צי דער ברודער, וואָלט דער רויטאר־מייער מיר עס גלײַך דאָך געווען געזאָגט.

— איך בין דאָ מיט א מאשין, — מאכט ער צו מיר און ווײַזט אָן אפן אוטאָמאביל, וואס איז געשטאנען באם שכיינעסדיקן הויז, — ווארט דאָ אף מיר צו. איך וועל זיך נאָר ארײַנ־כאפּן צו מײַן קאָמאנדיר בעטן בא אים א דערלויבעניש אײַך אָפּפירן צום פּריסטאן. אין א שאָ ארום גייט אָפּ פונדאנען די לעצטע בארזשע. מער וועט שוין ניט זײַן מיט וואס זיך פונדאנען עוואקוירן, — ער האָט ארופגענומען אילטשיקן אף די הענט און שוין ניט צו מיר, נאָר צו אילטשיקן געזאָגט: — איך האָב אויך געהאט אזא ייִנגעלע, ווי דו, און זײַן מאמע האָט זיך אויך געלאָזט אײַנריידן און איז געבליבן... דיך, ייִנגעלע, וועל איך ניט לאָזן דאָ בלײַבן. ניט דיך און ניט דײַן שוועסטערל. מיידעלע, אין וועלכער קווארטיר ווינט איר? — האָט ער זיך געווענדט צו לעראָטשקען. מיר, אפאָנעם, האָט ער ניט אָנגעטרויט.

אין א מינוט פערטל שאָ ארום איז ער ניט ארײַנגעגאנגען, נאָר ארײַנגעפלויגן אין צימער און מאמעש מיט גוואלד מיך אוועקגעפירט מיט די קינדער צום טײַך. ער זאָל ניט געווען אליין צונויפפאקעווען אין טשעמאָדאן, וואס ס'האָט זיך געמאכט אים אונטער דער האנט, וואָלטן מיר אוועק ווי מיר שטייען און גייען.

וואס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אף דער בארזשע, קאָנסטו זיך אליין פארשטעלן. ס'איז ניט איבערצוגעבן. קאָפּ אף קאָפּ. נאָר מענטשן בלײַבן מענטשן. מע האָט מיר גלײַך געמאכט אן אָרט פאר די קינדער.

אײַנמיטן דער נאכט איז אפן טײַך פּלוצעם געוואָרן ליכטיק אָט ווי באטאָג, און ס'האָבן זיך א שאָט געטאָן אף אונדז פון דער הייך באָמבעס... מאמעלע מײַנע... האָפן איז ניט געווען אף וואס. האָב איך ארומגעכאפּט די קינדער און זיי צוגעדריקט צו זיך. אויב אומקומען, איז אומקומען צוזאמען. מער האָב איך דעמלט וועגן גאָרנישט ניט געטראכט. וויאזוי זײַנען מיר דאן ארויס מיטן לעבן פון אזא פײַער...

צי דען הערט זי ניט, דינע, ווי ער ענטפערט איר דערויף: „דיך האָט אויסגעהיט מײַן ליבע, מײַן גרויסע ליבע...״

— אין עטלעכע טעג ארום האָבן מיר מיט ניסים זיך דערקליבן צו א רויִקן ברעג, — האָט דינע פאַרגעזעצט, אופּציטערנדיק, ווי פון קעלט, — ס׳איז אָבער ניט דורך קיין כוידעש, און מע האָט זיך ווידער געדאַרפט לאָזן אין וועג. אונדזער גליק, וואָס אַף דער סטאַנציע זײַנען געבליבן שטיין עטלעכע וואַגאָנעס, אין וועלכע מע פירט שטיינקוילן. אין אָט די קויטיקע אָפענע וואַגאָנעס האָבן מיר זיך געשלעפּט בא א וואָך צײַט, ווייקנדיק זיך אונטערן רעגן, פרירנדיק פון קעלט. ס׳איז שוין געווען טיפער אָסיען... נו, און וואָס איך טו הי, האַסטו דאָך געזען. איצט האָב איך זיך שוין א ביסל בארויִקט. כ׳האָב אָפּגעזוכט די מאַמע, קיילען, גאָדלען, מוישלען, און הײַנט איז בא מיר ווידער א גליקלעכער טאָג — כ׳האָב געפונען דיך. ווען איך דערוואַרט זיך נאָך אַף א בריוול פונעם מאַן... באַלד א יאָר, ווי איך האָב ניט פון אים קיין בריוו. עפּשער וועסטו אים ערגעץ באַגעגענען. פאַרשרײַב בא זיך: סימכע לאַגוט. און אויב דו וועסט ערגעץ באַגעגענען יענעם רויטאַרמייער, וואַניע קאָנדראַטאָוו רופט מען אים, איז גיב אים איבער, אַז מיר וועלן אים קיינמאָל ניט פאַרגעסן. קיינמאָל ניט. זאָג אים, זאָל ער מיר אָנשרײַבן.

— דינטשיק...

זי האָט א קוק געטאָן אַף אים מיט אירע גרויסע טונקל־גרויע אויגן און געשוויגן.

צאַליע האָט זיך אופגעהויבן, זיך דורכגעגאַנגען א פּאָר מאָל איבערן צימערל און א שעמעוודיק־פאַרלוירענער געבליבן שטיין אנטקעגן דינען, אויסבאהאַלטנדיק פון איר זײַן בליק.

— דינטשיק... — ער האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט און זי שוין ניט אָפּגענומען פון זײַנע איבערגעטריקנטע ליפּן, — דינטשיק. אויסער דיר, האָב איך מער קיינעם ניט וועמען צו שרײַבן.

דינע האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן.

— און דעם אטעסטאַט מײַנעם...

— ניין, — האָט דינע אים איבערגעשלאָגן, — נאָר ניט דאָס. איך בין מיט אַלץ באַזאָרגט. ניין, ניין.

— נו גוט, אויב דו נייטיקסט זיך ניט אין אים, איז שיק אים איבער דער מאַמען, עטלען, אויב דו וועסט זי אָפּזוכן, נו וועמען דו ווילסט.

זי האָט מיטאמאָל ארויסגעכאַפּט די האַנט אירע פון זײַנער און צוגעגאַנגען צום פאַרהאַנגענעם פענצטער. איר קאָל איז ווידער צו אים דערגאַנגען ווי פון זייער ווײַט:

— סימכע האָט געוווּסט, אַז איך האָב דיך אַלץ נאָך ליב, נאָר אוועקגייענדיק אַף דער מילכאָמע, האָט ער אויך געוווּסט, אַז וואָס ס׳זאָל מיט אים ניט געשען, וועל איך אים בלײַבן טרײַ, ווי איך בין אים געווען טרײַ ביז אַהער, אַז איך וועל וואַרטן אַף אים, און דאָס, צאַליע טײַערער, וויל איך, זאָלסטו אויך וויסן.

אָט אַזאַ האָט ער, אומקערנדיק זיך אַף א דאָרפישן שליטן פון דער ווײַטלעכער סטאַנציע צוריק אין שטעטל, זי באַגעגנט אין פאַרשנייטן פראָסטיקן פעלד. אינעם קאָל, מיט וועלכן זי האָט דעמלט, דערציילנדיק אים, ווי׳אַזוי זי איז נאָכגעלאָפן דעם צוג, ווי׳אַזוי זי האָט אים, צאַליען, געזוכט צווישן די רעלסן, נאָכדעם א זאָג געטאָן, אַז וואָס מיט אים זאָל ניט געווען געשען, וואָלט זי אים ניט פאַרלאָזט, האָט זיך געהערט די זעלבע איבערגעגעבנקײַט פון א מוטער, וואָס איז גרייט צוליב איר קינד אַף אַלץ...

נאָר צו וואָס האָט דינע, ארויסבאַגלייטנדיק אים צום טראַמוויי, עס ווידער דערמאָנט? זי האָט דען ניט געוווּסט, אַז ווען זי זאָל אים אפילע, ווי דעמלט, ניט ענטפערן אַף קיין איין בריוו זײַנעם, וועט ער סײַווי ניט אופהערן איר שרײַבן, און ווי׳אַזוי ער זאָל ניט ארויסקוקן אַף אירע בריוו, וועט ער ניט אײַלן זיי פאַנאַנדערכאַסמענען, נאָר ער וועט, ווי אין דער יוגנט, פאַרלענגערן אַף עטלעכע מינוט דעם ערעוו פונעם גרויסן יאָמטעוו, וועלכן עס ברענגען מיט זיך יעדעס מאָל אירע בריוו.

9

נאָכדעם ווי צאַליע האָט אָנגעהויבן באַקומען פון דינען בריוו, האָט ער מער ניט דערלאָזט שוין צו זיך דעם געדאַנק, אַז מיט אים קאָן יעדע רעגע געשען דאָס זעלבע, וואָס מיט איטלעך איינעם אַפן שלאַכטפעלד. פון דעם דאָזיקן טאָג אָן איז ער געוואָרן זיכער בא זיך, אַז מיט אים וועט גאָרניט טרעפן, און ער האָט געקוקט אַף אירע בריוו, ווי אַף א פּאַנצער,

וואָס היט אים אויס פון אַלע געפאַרן. ער האָט אופגעהערט פילן אין זיך די שרעק, וואָס פלעגט אים יעדעס מאָל באַגלייטן אין די ערשטע מינוטן פון שלאָכט, פון וועלכער ער האָט ביז דאַן זיך אַלץ ניט געקאָנט אָפּגעווינען.

אָף דעם, אַז ווי נאָר עס וועט דורכגיין די געפאַר און ער וועט אופהערן זיך נייטיקן אין אירע בריוו, ווי אין אַ פּאַנצער, וואָס דאַרף אים אויסהיטן אַפן שלאַכטפעלד, וועט דינע אים נעמען שרייבן אַ סאַך זעלטענער און צוריקגעהאַלטענער, האָט צאַליע די גאַנצע צייט זיך געריכט... ס׳האָט אים אויך ניט געוווּנדערט, וואָס אין אַלע אירע בריוו, וועלכע ער האָט פון איר געקראָגן נאָך דער מילכאָמע, האָט זי אים געשריבן, אַז זי האָפט און וועט ניט אופהערן האָפן, אַז איר מאַן וועט זיך אומקערן, ווי ס׳קערן זיך אום אַ סאַך אַנדערע, וואָס האָבן די אַלע יאָרן ניט געקאָנט געבן וועגן זיך צו וויסן, און וויפל דאָס זאָל ניט דויערן, וועט זי סײַווי ניט אופהערן אָף אים צו וואַרטן. דינע, האָט ער געוווּסט, קאָן אים אַנדערש ניט שרײַבן. און דאָס, וואָס זי שרײַבט אים וועגן דעם אַזוי אָפּט, איז ניט ווײַל זי וויל דערמיט יעדעס מאָל אים דערמאָנען, ווי טרײַ און איבערגעגעבן עס איז אַ שטעטלשע שייני־הײַט, נאָר קעדיי באַצײַטנס אים דערווײַטערן פון זיך. פאַנאַנדערקאָסמענענדיק אירע בריוו, האָט צאַליע יעדעס מאָל מוירע געהאַט, ער זאָל זיך דאָרט ניט אָנשטויסן אַפן זעלבן, וואָס ס׳האָט אים געזאָגט איר ברודער, אַז נאָכיאָגן זיך נאָך דעם, פון וואָס מע איז אַליין אַנטלאָפן, איז פּאַשעט אַן אומזין. מעגלעך, אַז דאָס האָט אים אָפּגעהאַלטן, ער זאָל איר ענדלעך אָנשרײַבן, אַז וואַרטן און האָפן, ווען ס׳איז שוין ניטאָ אָף וואָס צו וואַרטן און האָפן, איז געוויס דאָך אַן אומזין. ער האָט עס איר אויך ניט געזאָגט, ווען ער איז נאָכן דעמאָבילירירן זיך פון דער אַרמיי געקומען זיך מיט איר זען, — זי האָט זיך שוין דאַן געהאַט אומגעקערט פון עוואַ־קואַציע צו זיך אַהיים און אָנגעקומען ווידער אַרבעטן אָף דער זעלבער זאָקן־פאַבריק. אַפילע בלויז דערפון, וואָס זי איז ניט געבליבן נעכטיקן מיט אים אין איין צימער, כאָטש אינעם זעלבן צימער זײַנען געשלאָפן אירע ביידע קינדער, נאָר זי איז אַוועק נעכטיקן צו דער שכיינע, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז נאָך ניט געקומען די צײַט עס איר צו זאָגן. ער האָט ניט פאַרפירט מיט איר וועגן דעם קיין רייד אויך אין אַ יאָר און צוויי אַרום. פאַר אים איז געווען גענוג, וואָס זי האָט פאַרגעזעצט אים ענטפערן אָף זײַנע בריוו, און יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט קומען צו פאָרן זיך זען, האָט זי ניט געלאָזט, ער זאָל זיך אָפּשטעלן ערגעץ אַנדערש, כאָטש זי איז, ווי פרי׳ער, ניט געבליבן מיט אים נעכטיקן אין איין צימער, נאָר אַוועקגעגאַנגען אָף נאַכטלעגער צו דער שכיינע.

ערשט אַפן דריטן יאָר נאָך דער מילכאָמע איז דינע איבערגעפאָרן צו אים. און דאָרט, אין דער גרויסער אומבאַקאַנטער שטאָט, ווו קיינער האָט זי קיינמאָל ניט געזען גיין מיט עמעצן אַנדערש אונטער דער האַנט אויסער ווי מיט צאַליען, און ווו זי האָט ניט געדאַרפט זיך רויטלען פאַר די שכיינים פון דער דירע, וואָס זיי זעען זי מיט אַ צווייטן, איז דינע געוואָרן זײַן פרוי. נאָר אירע פרי׳ערדיקע שכיינים פון דער דירע, ווו זי האָט געוווינט, האָט זי איבערגעלאָזט איר נײַעם אַדרעס און, פאַרשרײַבנדיק זיך מיט צאַליען אין זאַגס, געבליבן בײַ דעם מיידלשן פאַמיליע־נאָמען — ראַסנער.

אַלע יאָרן, וואָס זי איז געווען זײַן פרוי, האָט דינע מיט אַ מאָדנעם ציטער איטלעכס מאָל באַגעגנט דעם בריווטרעגער. צאַליען איז עס אַפן זינען אַפילע קיינמאָל ניט געקומען. פאַרשטאַנען האָט ער עס אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער לעווײַע, ווען אין איינעם פון די ביכער, וועלכע דינע האָט ניט באַוויזן אומקערן אין ביבליאָטעק, האָט ער צופעליק געפונען אַן ענטפער פונעם מיליטערישן קאָמיסאַריאַט אָף איר אָנפראַגע וועגן סימכען. צאַליען האָט עס ניט איבעריקס פאַרוווּנדערט. זי האָט אים דען ניט געשריבן וויפל מאָל, אַז זי האָפט און וועט ניט אופהערן האָפן. ער האָט בלויז ניט דערוואַרט, אַז אין אַזויפיל יאָר אַרום נאָך דער מילכאָמע וועט זי נאָך אַלץ אַרויסקוקן אָף אַ בריוו פון סימכען, און אַז זי וועט די אַלע יאָרן זיך פילן שולדיק פאַר אים, וואָס זי האָט אַזוי צוגעײַלט זיך צונויפגיין מיט אַ צווייטן. נאָר אַז זי פילט זיך שולדיק פאַר סימכען דערמיט, וואָס זי האָט אים געוואָלט אויסהיטן פון געפאַר מיט איר טרײַשאַפט און איבערגעגעבנקייט, דעמלט ווען אויסהיטן קאָן מען בלויז מיט ליבע, האָט זי ניט איין מאָל עס אים געזאָגט, צאַליען, נאָך איידער ער איז געוואָרן איר מאַן.

נאָך דעם ווי ער האָט געפונען בײַ איר דעם בריוו, איז צאַליע געווען זיכער, אַז ווען עס געשעט דער נעס, אָף וועלכן דינע האָט די אַלע יאָרן אַרויסגעקוקט, און סימכע גיט פּלוצעם וועגן זיך צו הערן, איז ווי זי האָט אים ניט ליב געהאַט, צאַליען, וואָלט זי סײַווי זיך געווען אומגעקערט צו סימכען. ווײַזט אויס, זי האָט די גאַנצע צײַט זיך געגרייט דערצו און, מעגלעך, אויך צוגעגרייט אירע קינדער, כאָטש די קינדער האָבן די אַלע יאָרן אים, צאַליען, גערופן

טאַטע און אַזוי װענדן זיי זיך צו אים אויך איצט אין די בריװ, װעלכע לערע שרײַבט אים פון יאַראָסלאַװל און איליאַ פון קראַמאַטאָרסק, װוּהין מע האָט זיי געשיקט אַרבעטן נאָכן פאַרענדיקן דעם פּאָליטעכנישן אינסטיטוט. קיין אַנדערע קינדער, װאָס זאָלן אים רופן טאַטע, האָט ער ניט. ס'האָט אַזוי פּאַסירט, אַז קיין קינדער מיט אים האָט דינע ניט געהאַט.

װען ער זאָל װעגן דעם בריװ פונעם מיליטערישן קאָמיסאַריאַט, װעלכן דינע האָט פון אים אויסבאַהאַלטן, װיסן פריִער, װאָלט דינעס פּלוצעמדיקער טויט עפּשער ניט געװען פאַר אים אַזוי אומגעריכט און ער װאָלט ניט געענטפערט דעם דאָקטער, װאָס האָט אים געטראָפן שטיין א פאַרגליװערטן בא דער קושעטקע, אָף װעלכער דינע האָט א װײַלע פריִער זיך געהאַט צוגעשפּאַרט, אַז זי האָט זיך פאַר אים קיינמאָל ניט באַקלאָגט אָפן האַרץ. און מיטאַמאָל דערװיסט ער זיך, אַז איר האַרץ איז די אַלע יאָרן געװען געגליכן צו א שטײַף אָנגעצויגענער סטרונע, װאָס פונעם קלענסטן צוריר קאָן זי פּלאַצן. דאָס איינציקע, מיט װאָס דער דאָקטער האָט געפונען אים צו טרייסטן אין אָט דער מינוט, — אַז בא איר איז געװען א לײַכטער טויט, און אַז אייביק לעבט דאָך קיינער ניט.

געפונען מיט װאָס אים צו טרייסטן, פונקט װי ער װייסט ניט, דער דאָקטער, אַז פאַר די לעבעדיקע איז דער אומגעריכטער טויט פון א נאָענטן דאָס סאַמע שרעקלעכסטע.

יאָ, קיינער לעבט ניט אייביק. אַלע װייסן עס. און דאָך...

געפונען מיט װאָס אים צו טרייסטן...

דער װעכטער פונעם בעסאַלמען, װעלכער האָט אים אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דער לעװיע, װען די קינדער זײַנען שוין אַװעקגעפאָרן, געטראָפן אַן איינזאַמען זיצן בא דעם פריש־אָנגעשאָטענעם בערגל ערד און זיך אויסטײַנען, אַליין ניט װיסנדיק מיט װעמען, װאָס איז אַזוינס דער מענטש, צו װאָס לעבט ער עס, דער מענטש, אויב דער סאָף זײַנער איז אַזאַ, װאָס אָט איז ער געװען און אָט איז ער ניטאָ, — האָט אַזריִעל דער װעכטער אים דערוף געזאָגט, אַז אָף אַלץ איז דאָ אַן ענטפער. פאַר איינעם איז די װעלט האַקל העװעל האַװאַלים, טרין טראַװאַ. בא אַזעלכן איז דער מענטש געגליכן צו א פליג. דורכגעפלויגן און ניטאָ. ער לאָזט ניט איבער נאָך זיך קיין זייכער, װי ס'לאָזט ניט איבער נאָך זיך קיין זייכער דער װאָלקן אין הימל, די שיף אין יאַם... פאַר אים אָבער, אַזריִעלן, זײַנען די אַלע טײַנעס קיין טײַנעס ניט, און װען ער זאָל אָף איין רעגע אופהערן גלייבן, אָט װי ער, צאַלעל, װאָלט ער אָבער איין טײַנע דאָך געהאַט.

— װעלכע? — האָט צאַליע אים געפרעגט.

— איך װאָלט דעמלט געטײַנעט, פאַרװאָס איז ער ניטאָ, דער, װאָס פירט אָן מיט דער װעלט. כ'װאָלט צו אים דעמלט אַרופגעשריִען: גאָט, פאַרװאָס ביסטו ניטאָ?!

צאַליע געדענקט שוין ניט, װאָס האָט ער אים דעמלט, צי א צװייט מאָל, דערוף געענטפערט, װאָס אַזריִעל האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן גיין צו אים אַהיים און אָפּזיצן מיט אים ביז שפּעטן אָװנט, און װאָס איז מיט אים, מיט צאַליען, געשען, װאָס, אומקערנדיק זיך אין א שטיקל צײַט אַרום פון בעסאַלמען, האָט ער מיטאַמאָל פאַרקערעװעט אין שול און זיך געשטעלט זאָגן קאַדיש.

נאָר אַפילע דעמלט, װען אים האָט זיך געהאַט שוין אויסגעװיזן, אַז מיטן קאַדיש־זאָגן האָט ער געפונען פאַר זיך א שטיקל טרייסט, װי ס'האָבן געפונען אין דעם א טרייסט יענע, װאָס האָבן געלעבט אין די פריִערדיקע צײַטן, און אויך נאָכדעם װי ער האָט זיך געלאָזט אײַנריידן, אַז ער איז ניט דער איינציקער, װאָס האָט „א שטאָט" אין שול און גייט, װי פריִער, אָף די פאַרזאַמלונגען, װײַל איצט קוקט מען שוין אָף דעם ניט אַזוי קרום, דעם קאָמוניזם בויען איצט אַלע צוזאַמען, אי די, װאָס גלייבן אין גאָט, אי די, װאָס גלייבן ניט, אַפילע נאָך אָט דעם אַלעם האָט צאַלעל שליפער, אַרײַנקומענדיק אין שול, זיך יעדעס מאָל געפילט, װי מע זאָל אים האָבן אַרופגעשטופּט אָף א גליטש און די גאַנצע צײַט האַלט מען אים אין איין אָפּשטויסן אַלץ װײַטער און װײַטער פון בערעג.

און װי יעדעס מאָל צװישן מינכע און מײַרעװ — װען דער זיקאָרן זײַנער הייבט זיך אָן אַמפּערן מיט אים און טראָגט אים אַריבער צו דעם, װאָס איז זיך פאַרלאָפן אין זײַן לעבן, ער זאָל זען, אַז אַלץ לאָזט איבער נאָך זיך א זייכער, אַז ער קאָן זיך ניט פאַרגלײַכן מיט א פאַרבײַשװעבנדיקן װאָלקן אין הימל, מיט א דורכשװימענדיקער שיף אָפן װאַסער, — האָט צאַלעל שליפער אויך הײַנט זיך געהאַט אָף לאַנג פאַרטראַכט און װידער װעגן דעם זעלבן: װיאַזוי האָט געקאָנט געשען, אַז ער, װעלכער האָט נאָך אין דער יוגנט און מיט אַזאַ ברען געלייענט אין שטעטלשן קלוב לעקציעס, אַז רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק, זאָל אָף דער עלטער מיטאַמאָל אָנהייבן גיין אין שול? צי דען איז דער טויט טאַקע אַזוי שטאַרק, אַז ער, צאַלעל שליפער, װעלכער האָט אַזויפיל מאָל זיך באַגעגנט מיט אים אָף דער מילכאָמע און

אזויפיל מאָל בײַגעקומען, זאָל פלוצעם זיך אים אונטערגעבן, אָפּטרעטן, נעמען גליבן, אַז שטאַרבן שטאַרבט בלויז דער גוף, די נעשאָמע אָבער...

צאַלעל האָט זיך אַזוי פאַרטראַכט הײַנט וועגן דעם, אַז ער האָט ניט געהערט, ווי מע האָט זיך געשטעלט דאַווענען מײַרעוו, און צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צײַט פאַרפעלט זאָגן קאַדעש.

# 10

שיר ניט אין דער זעלבער מינוט, ווי צאַלעל האָט זיך אומגעקערט פון שול, האָט מען אָנגעקלונגען צו אים.

עפענענדיק די טיר, איז ער געווען זיכער, אַז דאָס איז אַזריִעל — ער האָט גדאַרפט הײַנט ברענגען א מאַכזער צו יאָמים־נויראָים. וועלכן ער האָט פאַר אים, האָט ער געזאָגט, ערגעץ געקראָגן. מיטאַמאָל האָט צאַלעל דערזען פאַר זיך וויטאַלי אַנדרייעוויטש סווירידאָוו. פון פאַרלוירנקײַט האָט צאַלעל פאַרגעסן צומאַכן די דרויסנדיקע טיר. דערמאָנט זיך אין דעם האָט ער ערשט דאַן, ווען דער אומגעריכטער גאַסט האָט אים שוין געהאַט געזאָגט, וואָס האָט אים געבראַכט איצט אַהער צו פירן.

אומקערנדיק זיך צוריק אין צימער, האָט צאַלעל געטראָפן סווירידאָוון פאַנאַנדערקוקן דינעס פאָטאָגראַפיעס, מיט וועלכער עס זײַנען פון אויבן ביז אַראָפּ געווען באַהאַנגען די ווענט.

— איז ווען, צאַלעל איסײַעוויטש, גיט איר אונדז אַן ענטפער? — האָט סווירידאָוו, איבער־גייענדיק פון בילד צו בילד, געפרעגט.

נאָר צאַלעל האָט ווידער אים דערויף גאָרניט געענטפערט. אים האָט זיך עפּעס נאָך אַלץ אויסגעוויזן, אַז דער פאַרשלאָג, וועלכן דער סעקרעטאַר פון פאַרטקאָם האָט אים געמאַכט, — אַראָפּפאָרן אַף א טאָג זעקס־זיבן קיין אָדעס צי קיין איגאַרקע, — איז ניט מער ווי אַן אויס־רייד אַף צו פאַרפירן מיט אים, מיט צאַלעלן, גאָר אַן אַנדער אַרט געשפּרעך. סווירידאָוו פאַרשטייט דען ניט, אַז ער, צאַלעל, איז ניט אימשטאַנד איצט ערגעץ פאָרן? שוין דערפון אַליין, וואָס סווירידאָוו האָט אים אָנגערופן די דאַזיקע צוויי האַפּנס און שטייט איצט און וואַרט, וועלכן פון זיי וועט ער פאַר זיך אויסקלײַבן, — איז דאָך קלאָר, אַז עס גייט דאָ גאָר אין עפּעס אַנדערש, עס גייט אין דעם, אַז ער, צאַלעל, זאָל זיך אַרויסגעבן און דערמיט פאַר־שפּאָרן דעם סעקרעטאַר אים פרעגן, צי ס׳איז עמעס, אַז מע האָט אים געזען גיין אין שול. מעגלעך, אַז סווירידאָוו אַליין האָט אים געקאָנט זען גיין אַהין. צוליב דעם, אייגנטלעך, ער זאָל פון אים באַלד דערהערן,אַז אויב פאָרן אין קאָמאַנדירונג, קאָן ער פאָרן נאָר קיין אָדעס, איז סווירידאָוו דאָך געקומען איצט אַהער צו גיין, און אַז צאַלעל זאָל זיך דערבײַ ניט קאָנען פאַרופן אַפן געזונט־צושטאַנד, איז ער אים פאַרלאָפן דעם וועג, ווי נאָר ער איז אַהער אַרײַן מיט זײַן פאַנאַנדערפרעגן זיך, ווי פילט ער זיך און וואָס מאַכט ער. פּאַשעט צוליב דעם, ער זאָל אים פאַרלייגן א פאַרדינסט, וואָלט אַזאַ פאַרנומענער מענטש, ווי סווירידאָוו, זיך ניט געשלעפּט צו אים אַהיים. ס׳זאָל געווען גיין בלויז דערין, וואָלט ער אים אַרויסגערופן צו זיך, ביפראַט, אַז מיט שיקן אין קאָמאַנדירונגען פאַרנעמען זיך, גאָר אַנדערע אַפן זאַוואָד און ניט דער סעקרעטאַר פון פאַרטקאָם.

וויטאַלי אַנדרייעוויטש האָט זיך אָנגעשטויסן, וועגן וואָס האָט ער זיך עס, צאַלעל, אַזוי פאַרטראַכט, וואָס ער האָט אַזאַ מאָדנעם קוק געטאָן אַף אים. און ווי זאָל ער זיך, צאַלעל, ניט געווען פאַרטראַכטן דערוף, אויב סווירידאָוו האָט אָנגעקלונגען צו אים שיר ניט אין דער זעלבער מינוט, ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון שול.

עפּעס גלייבט זיך אים ניט, צאַלעלן, אַז דאָס איז געווען פּאַשעט א צופאַל. סווירידאָוו האָט מיט זײַן קומען צו דער מינוט, אַפּאָנעם, אים געוואָלט דערמיט זאָגן, אַז ער ווייסט, וווהין גייט ער עס, שליפער, יעדן אָוונט און ווען קערט ער זיך פון דאָרט אום אַהיים.

און וועגן וואָס האָט סווירידאָוו זיך מיטאַמאָל אַזוי עס פאַרטראַכט, צוזעצנדיק זיך צום טיש? ער וויל באַנעמען, ווי קומט עס, וואָס שליפער, דער קאָמוניסט צאַלעל שליפער, זאָל פלוצעם אָנהייבן גיין אין שול און ביז שפּעט אין אָוונט פירן וויקוכים מיט אַזריִעלן — וואָס איז אַזעלכס דער מענטש און צו וואָס לעבט ער, דער מענטש? ער, צאַלעל, וויל עס אויך פון לאַנג שוין באַנעמען און קאָן ניט. דאָס אייניציקע, מיט וואָס ער וואָלט געפרוווט זיך פאַרענט־פערן פאַר סווירידאָוון — פאַרוואָס ער האָט סאַפּקאַלסאַף נאָכגעגעבן אַזריִעלן, — איז דאָס, וואָס אַזריִעל האָט געפונען פאַר אים א שטיקל טרייסט, ווען ער, צאַלעל, איז געזעסן בא די־

נעס פרישן קייווער און געוואַלט וויסן, וואָס לאָזט נאָך זיך איבער דער מענטש, צי איז ניט טאַקע, ווי דער שוימער פון בעסאַלמען, דער זעלבער אזריִעל, האָט אים געזאָגט, אַז אַלץ איז העוועל האוואָלים. די טרייסט, וועלכע אזריִעל האָט אים אונטערגעטראָגן, האָט ער געוווּסט, צאַלעל, איז ניט קיין נײַע, אָבער די, וואָס זײַנען אין די פּריִערדיקע צײַטן אָנגעקומען צו איר, געגלייבט אין דעם, אַז די נעשאָמע שטאַרבט ניט, איז געווען לײַכטער אָפּגעבן דער ערד דאָס סאַמע טײַערסטע, וואָס מע האָט געהאַט אויף דער ערד! און ער, סווירידאָוו, וואָלט אים דאָך מיסטאָמע געטרייסט מיטן זעלבן, מיט וואָס ס'האָט אים געטרייסט דער דאָקטער: „אייביק לעבט קיינער ניט. אפילע די זון איז אויך ניט אייביק".

— ווּ איז דאָס דער פילאָסאָף אײַערער מיט זײַן טרין־טראַוואָ?

ענדלעך האָט ער זיך אַרויסגעגעבן, סווירידאָוו. אין אַ מינוט צי אין צוויי אַרום קאָן ער זיך, צאַלעל, פּלוצעם דערוויסן, אַז ער איז געבליבן אָן אָן אָרט אין די רייען, אין וועלכע ער איז געגאַנגען דאָס גאַנצע לעבן, פון דער סאַמע יוגנט אָן, און זיך קיינמאָל ניט פאַרגעשטעלט, אַז ער קאָן וווּ־ניט־איז, אפילע אויף איין רעגע, אַרויס פון די דאָזיקע רייען. פונעם געדאַנק, אַז דאָס קאָן באַלד מיט אים געשען, האָט ער זיך דערפילט, ווי אַ מענטש אין די מינוטן, ווען ער וואַרט אויפן אורטייל...

דאַכט זיך, עמעצער קלינגט. ניין, ס'איז ניט צו אים. דאָס איז צום שאָכן. עפשער בעטן דעם שאָכן איבערגעבן אזריִעלן, ווען ער וועט אָנקלינגען, אַז ער, צאַלעל, איז ערגעץ אַוועק־געגאַנגען און וועט זיך זייער שפּעט אומקערן? אזריִעל קאָן דאָך איטלעכע מינוט אָנקומען, און אײנעם וויקועך, וועלכן ער וועט זיכער פאַרפירן מיט סווירידאָוון, וועט ער, פאַרשטייט זיך, אַרײַנשלעפּן אויך אים, צאַלעלן. אזריִעל קאָן נאָך דערבײַ אַ זאָג טאָן דאָס זעלבע, וואָס ער זאָגט אים קימאַט איטלעך מאָל: „וואָס צו לײַט, איז צו לײַט, און וואָס צו גאָט, איז צו גאָט. ווּעמען שטערט עס? די, וואָס גלייבן אין גאָט, בויען דען ניט דעם קאָמוניזם? צי זיי בויען ערגער פון די, וואָס גלייבן ניט?"

— נו, ער האָט שוין געפונען אַן ענטפער, צוליב וואָס לעבט דער מענטש? — האָט ווי־טאַלי אַנדרייעוויטש, פאַנאַנדערגלעטנדיק מיט דער האַנט דאָס העלע בערדל זײַנס, זיך אָנגעג־רופן צום שווײַגעוודיקן שליפערן, — אָט איר, צאַלעל איסײַעוויטש, ווען איר זײַט געגאַנגען אין שלאַכט און איטלעכע רעגע געקאָנט דאָרט אומקומען, האָט איר זיך געפרעגט, צו וואָס לעבט דער מענטש?

— דעמלט, וויטאַלי אַנדרייעוויטש, — האָט צאַלעל, אויסבאַהאַלטנדיק פון אים זײַן מידן בליק, געענטפערט, — איז ניט געווען קיין צײַט אויף דעם זיך צו פאַרטראַכטן.

— איר האָט אַ טאָעס, כאַווער שליפער, אויב איר קלערט אַזוי. איך האָב אויף דער מיל־כאָמע ניט באַוויזן צו זײַן. כ'בין געווען נאָך דאַן אַ קינד. כ'בין אָבער זיכער, אַז דעמלט האָט מען זיך אויך וועגן דעם פאַרטראַכט, און אויב מיר האָבן געזיגט אין דער מילכאָמע, איז עס אויך דערפאַר, ווײַל מיר ווייסן, צוליב וואָס מיר לעבן. עפשער קאָנט איר מיר זאָגן, וואָס האָט ער געוואָלט דערוויסן, אָט דער, פון בעסאַלמען, מיט זײַן דערציילן מיר וועגן איינעם, וואָס האָט קיינמאָל ניט געגלייבט אין גאָט און מיטאַמאָל אָנגעהויבן אין אים גלייבן? נו, איז וואָס, אויב עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע? ניט יעדערער האָט זיך פאַרהאַר־טעוועט ווי שטאָל. אָט האָט מיר אַנומלטן דערציילט איינער אַ באַקאַנטער מײַנער. באַם די־רעקטאָר פון זאַוואָד, ווּ מײַן באַקאַנטער איז געווען אַ סעקרעטאַר פון פאַרטקאָם, איז פּלוּ־צעם געשטאָרבן דער איין־און־איינציקער זון. אַ יונגער, אַ שיינער, אַ גראַטעונער. נאָך אָט דעם שרעקלעכן אומגעריכטן קלאַפּ האָט דער דירעקטאָר ניט געקאָנט קומען צו־זיך. געענ־דיקט האָט זיך עס דערמיט, וואָס ער האָט גענומען אויף אַ פּאָר כאָדאָשים אורלויב און ערגעץ אוועקגעפאָרן. ס'איז דורך אַ שטיקל צײַט, און אין פאַרטקאָם איז אָנגעקומען אַ בריוול, אַז מע האָט דעם דירעקטאָר שוין עטלעכע מאָל געזען גיין אין קלויסטער. צו אַ קאָמוניסט, ווי איר ווייסט, קוקט מען באַזונדערס זיך צו, סײַ די, וואָס נעמען זיך פון אים אַראָפּ אַ מוסטער, און נאָך מער עפשער די, וואָס ווילן ניט דערלאָזן, מע זאָל זיך פון אים אַראָפּנעמען אַ מוסטער. זײַן אַ קאָמוניסט איז ניט אַזוי לײַכט, ווי אייניקע קאָן זיך עס אויסווײַזן. פאַרשטייט זיך, אַז אין פאַרטקאָם זײַנען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געפאָדערט, מע זאָל אויסשליסן דעם דירעקטאָר פון דער פאַרטיי. נאָר דער סעקרעטאַר און די איבעריקע מיטגלידער פון פאַרטקאָם זײַנען געווען זיכער, אַז דאָס, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיטן דירעקטאָר נאָכן שרעקלעכן אומגע־ריכטן קלאַפּ, וועט באַ אים גיך פאַרבײַגיין, און זיי זײַנען געווען גערעכט. ווען אַ מענטש גליטשט זיך אויס, דאַרף מען אים שטענדיק אויסשטרעקן אַ האַנט און העלפן זיך אופהייבן. איצט האָט ער שוין ניט, צאַלעל, זיך וואָס צו קווענקלען. דאָס איז ער געקומען, וויטאַלי אַנדרייעוויטש, אים אויסשטרעקן אַ האַנט. סווירידאָוו באַהאַלט עס פון אים שוין מער ניט אויס.

— איינזאמקייט, צאַלעל איסײעוויטש, פאַרשליסן זיך אינעם אייגענעם וועלטל, זיך גריבלען אין זיך איז פאַר דעם מענטשן דאָס סאַמע שרעקלעכסטע און דאָס סאַמע געפערלעכסטע. — און גלײַך ווי גאַרניט וועגן דעם וואָלט געגאַנגען ביז אהער די רייד, האָט סווירידאָוו, אופהייבנדיק זיך פון טיש, געזאָגט: — אין אָדעסער און אין איגאַרקער האַפנס דאַרף אָנקומען פאַר אונדזער זאַוואָד געהילץ פאַר א באַזונדערס וויכטיקער באַשטעלונג, און מע מוז אַפן אָרט א קוק טאָן מיט זייער א דערפאַרן אויג. קיין מער פאַסיקער מענטש, ווי איר, איז אַפן זאַוואָד בא אונדז ניטאָ. אַרויספאָרן דאַרף מען אָנהייב קומענדיקע וואָך. נאָר וווּהין ווילט איר, זאָל מען אײַך שיקן, קיין אָדעס צי קיין איגאַרקע, דאַרפט איר אונדז זאָגן אין די סאַמע נאָענטסטע טעג. אלנפאַלס צײַט אף צו באַטראַכטן זיך, דענק איך, האָט איר גענוג.

— אף לאַנג דאַרף מען עס פאָרן? — האָט צאַלעל, קוקנדיק צעשטרייט אַפן סעקרעטאַר, איבערגעפרעגט.

— פּינקטלעך איז שווער צו זאָגן. כ'מיין, אז ניט מער, ווי אף א וואָך, נו, און א וואָך וועט אַפנעמען מיסטאָמע דער וועג. איר וואָלט ביכלאַל געדאַרפט זיך אומקערן צוריק אַפן זאַוואָד. גיט וועגן דעם אויך א טראַכט, כאַוועֹר שליפער.

אזריִעלן, וועלכער איז געקומען אינגיכן נאָך סווירידאָווס אַוועקגיין און אים געבראַכט א מאַכזער צו יאָמים־נויראָים, וואָס הייבן זיך אָן סאָף קינפטיקע וואָך, האָט צאַלעל גאַרניט געזאָגט. ער ווייסט אפריִער, וואָס וועט אזריִעל דערויף ענטפערן און וואָס וועט ער אים אייצעצ. די גלײַכסטע זאַך וואָלט געווען, וועט אזריִעל אים זאָגן, ער זאָל אין ערגעץ ניט פאָרן. נאָר אויב ער וועט ניט קאָנען זיך אנטזאָגן און ט'מוזן פונדעסטוועגן פאָרן, איז פאַרשטייט ער דאָך, צאַלעל, אליין, אז ער דאַרף זיך בעטן נאָר קיין אָדעס. אין אָדעס וועט ער פונקט, ווי דאָ, האָבן ווו צו האַלטן יאָמים־נויראָים, ווו צו זאָגן ייִזקער. נאָר אין איגאַרקע אויב ער פאָרט... סווירידאָוון אָבער, האָט צאַלעל געפילט, איז ניט אלציינס, וואָס פאַר א האַפן וועט ער, צאַלעל, פאַר זיך אויסקלײַבן.

## 11

דער ווינט, וואָס האָט דעם גאַנצן טאָג געטריבן פון דער טײַגע גרויע פאַרייכערטע וואָלקנס און פאַנאַנדערגעוויגט די אומעטיקע וואַסערן פון יעניסיי, איז צו פאַרנאַכט־צו ניט געוואָרן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך א פראָסטיקע קעלט, וועלכע קאָן איטלעכע רעגע ברענגען מיט זיך א שניי. דאָס מאָל וואָלט דער שניי שוין ניט צעגאַנגען אזוי גיך, ווי יענע וואָך, ווען צאַלעל איז געקומען אהער צו פאָרן. בא אזא קעלט קאָן דער שניי אינגאַנצן שוין בלײַבן ליגן. זיך צוהערן, וואָס עס דערציילט דער געאָלאָג, מיט וועמען צאַלעל שטייט אײַן אין איין צימער אינעם קליינעם הילצערנעם האָטעלכל, קומט אויס, אז דאָ איז גאָר ביכלאַל ניטאָ קיין זומער, נאָר סע בלאָזט און נאָר סע שנייט. איז טאַקע קיין וווּנדער ניט, וואָס דער שאָכן זײַנער קוקט אזוי מאָדנע ווילד אף דעם, וואָס ער, צאַלעל, האָט אויסגעקליבן אָט די קאַלטע, ווײַטע איגאַרקע, ווען ער האָט געקאָנט אויסקלײַבן פאַר זיך אָדעס, ווו דרײַ כאָדאָשים וועט נאָך זיכער זײַן זוניק־וואַרעם, ביז דאָ קאָן הײַנט־מאָרגן זיך אײַנשטעלן א שליטוועגס.

ניט בלויז דער שאָכן זײַנער פון צימער, דער געאָלאָג, נאָר אפילע דער דירעקטאָר פון זאַוואָד האָט באַם אונטערשרײַבן די קאָמאַנדירונג עפּעס זייער מאָדנע אף אים א קוק געטאָן, זיך, אפּאַנעם, אויך געוווּנדערט, וואָס ער, דער עטלעך־און־זעכציקיאָריקער צאַלעל שליפער, לאָזט זיך אין אזא ווײַטן שווערן וועג, וואָס אָנשטאָט זיצן אין אָדעס אַפן ברעג פונעם שוואַרצן יאַם און זיך וואַרעמען אף דער זון האָט ער אויסגעקליבן פאַר זיך איגאַרקע — א שטעטל אַפן עקסטן צאַפן באַ די ברעגן פונעם קאַלטן גרויען יעניסיי. סווירידאָוון אָבער, ווען ער איז געקומען אים זאָגן, אז ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיך איגאַרקע, האָט ער אים דערמיט לאַכלוטן ניט פאַרוווּנדערט. ער האָט גלײַך דערפילט, אז סווירידאָוו האָט גאָר אנדערש פון אים ניט דערוואַרט. און אז עס קאָן זיך אזוי מאַכן, ער זאָל דאָ דאַרפן זיצן עטלעכע טעג און וואַרטן, ביז ס'וועט אָנקומען דאָס געהילץ, וועלכעס מע וועט איבערלאָדן אף א באַרזשע און אָפּפירן קיין קראַסנאָיאַרסק און פון דאָרט שוין מיט דער אײַזנבאַן צו זיך אַפן זאַוואָד, האָט וויטאַלי אַנדרייעוויטש, אפּאַנעם, אויך געוווּסט, און דערפאַר טאַקע, קאָן זײַן, אים אזוי צוגעײַלט מיטן פאָרן. צאַלעלן דוכט זיך ביכלאַל שוין אויס, אז ניט דערפאַר גאָר, וואָס ער קלײַבט זיך אזוי פאַנאַנדער אין געהילץ, האָט מען אים געשיקט אהער. פאַראַן אַפן זאַוואָד נאָך אזעלכע קענער, ווי ער. סווירידאָוון, קענטיק, איז דאָ געגאַנגען אין גאָר עפּעס אנדערש, אין א סאַך וויכטי־

קערס. די גאנצע צײַט, וואָס צאַלעל איז הי, איז בא אים א געפיל, ווי סוויריד־אוו זאָל דאָ ער־געץ זײַן און קוקט זיך צו אים צו, ווי צו א מענטשן, וועלכער מאַכט די ערשטע טריט נאָך א לאַנגער און שווערער קרענק, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן.

— דאַכט מיר, אז א ייִד, — האָט צאַלעל מיטאַמאָל דערהערט לעבן זיך.

דער, וואָס האָט עס געזאָגט, האָט זיך אפילו ניט אָפּגעשטעלט, גלײַך ניט צו אים וואָלט ער זיך עס געווענדט. צאַלעל האָט אים אָנגעיאָגט:

— וואָס זשע אנטלויפט איר, וויבאַלד איר פרעגט זיך נאָך?

דער היפּש באַיאָרטער מאַן אינעם שוואַרצן פּעלצל מיטן אויסגעקראָכענעם קאָלנער האָט, דערלאַנגענדיק צאַלעלן די האַנט, א שמייכל געטאָן:

— האָב איך, הייסט עס, מיט אײַך ניט געהאַט קיין טאָעס, — ער האָט צופרידן א רײַב געטאָן זיך די הענט, — דעם עמעס געזאָגט, בין איך ניט געווען אינגאַנצן זיכער, צי איר זײַט...

— כ'פאַרשטיי אָבער ניט,—האָט צאַלעל אים איבערגעשלאָגן,—וואָס גייט עס אײַך אָן, צי איז מען א ייִד צי ניין.

— און אײַך גייט עס ניט אָן?

— פאַרוואָס, מיינט איר, דאַרף עס מיר אָנגיין?

דער מענטש האָט א קוק געטאָן אויף צאַלעלן, ווי ער וואָלט ניט דערהערט.

— נו יאָ, — האָט שליפער איבערגעכאַזוערט, — פאַרוואָס קלערט איר, אז דאָס דאַרף מיר אָנגיין.

— אײַ, אײַ! און אז היינט איז אָוונט זאָגט מען קאַלענדרע, גייט אײַך אויך ניט אָן?! — דער מענטש אינעם פּעלצל האָט עס אים שוין ניט געפרעגט, נאָר געמוסערט. — היינט באַנאַכט איז דאָך יאָמקיפּער. נאָר וויאַזוי נעמט מען אָן א מיניען? פאַראַן דאָ א ביסל ייִדן, אָבער ניט דאָס, וואָס מע דאַרף. יונגוואַרג אַלץ. מוז מען זוכן צווישן די קאָמאַנדיראָוואַטשנע. קומט צו א יאָמטעוו, האָב איך יענץ שטיקל אַרבעט. לויף אום אָט אַזוי־א איבערן שטעטל, פון האָפן אין האָטעל, פון האָטעל אין האָפן, און זוך ייִדן. מיט אײַך זײַנען מיר שוין, דאַנקען גאָט, זאַלבע־זיבן. פעלן אונדז אַזויאַרום צו א מיניען נאָך דרײַ מענטשן. ס'איז אָבער געבליבן ווייניק צײַט. ווי נאָר עס פאַרגייט די זון, דאַרף מען זיך דאָך שטעלן דאַוונען. איר האָט ניט באַמערקט, צווישן די אָנגעפאָרענע אין האָפן זײַנען, אויסער אײַך, מער ניטאָ קיין ייִדן? און אין האָטעל האָט איר אויך ניט באַמערקט? וואָס קוקט איר אַזוי אָף מיר?

— האַ? — האָט צאַלעל זיך א כאַפּ געטאָן און זיך באַלד פאַרענטפערט. — ניין, גאָרניט. גלאַט אַזוי. — ער, וועט דאָך ניט גיין אים דערציילן, צאַלעל, וואָס האָט ער דאָ נאַרוואָס גע־האַט א טראַכט געטאָן בא זיך וועגן אָט דעם מענטשן מיט די רויטלעכע אַרומלויפנדיקע אויגן. ס'וואָלט, פאַרשטייט זיך, געווען מעשונע ווילד, ווען ער גיט אים פּלוצעם א פרעג, צי וועט ער אין מיניען, וווהין דער מענטש רופט אים, ניט אָנטרעפן אַזריִעלן, און צי ניט אַזריִעל האָט עס אים אונטערגעשיקט, דעם דאַזיקן אַלטן, ער זאָל דערמאָנען צאַלעלן, אז ס'איז היינט ערעוו יאָמקיפּער. ער האָט דאָך טאַקע ווירקלעך פאַרגעסן, צאַלעל, אז די יאָמים־נויראָים האָבן זיך נאָך ניט געענדיקט.

— זעט, וואָס שטייען מיר? — האָט דער אַלטער אופגעוועקט צאַלעלן ווי פון שלאָף מיט זײַן עטוואָס ווייִנענדיקער שטים. — העלפט מיר אָפּזוכן נאָך דרײַ ייִדן צו קאַלענדרע. אויב אין האָפן איז ניטאָ, טאָ לאָמיר זיך צוכאַפּן אין האָטעל.

אָפּגעגאַנגען מיט אים א שטיקל וועג, האָט צאַלעל זיך ווידעראַמאָל אָפּגעשטעלט. דאָס מאָל שוין, ווי מע בלײַבט שטיין בא א גרענעץ, ווען דאָס גאַנצע ווײַטערדיקע לעבן איז אָפּ־הענגיק בלויז פון איין טראָט.

— און ווי איז, אויב איך האַלט ניט דערפון? — האָט צאַלעל זיך אָנגערופן, געבנדיק דער־מיט צו וויסן דעם מענטשן, אז ער האָט א טאָעס אין כעזשבן. זיי זײַנען ניט זאַלבעזיבן, נאָר זאַלבעזעקס. — ווי איז, אויב איך בין אן אַטעיִסט?

דער אַלטער האָט זיך צעלאַכט:

— אן אַטעיִסט, זאָגט איר? און ווער פון אונדז איז אין דער יוגנט ניט געווען קיין אַטע־יִסט און ניט געזונגען „דאַלאָי, דאַלאָי ראַווינאָוו, מאָנאַכאָוו אי פּאָפּאָוו!" אין דער יוגנט איז מען ביכלאַל פאַרנאַרישט.

— אַזוי גאָר?

— ס'איז פאַר אײַך א נײַס?

— מיט וואָס, אשטייגער, זײַנען מיר עס געווען פאַרנאַרישט?

— טאקע מיט אַט אַ־דעם־אַ „דאַלאַי, דאַלאַי” און מיט אַט אַ־דעם „ראַזגאַנים אוסיך באַ־גאַווו”. בא אונדז אין שטעטלשן קלוב איז אַפילע געהאַנגען אַזאַ פּלאַקאַט. כ'האָב אים ביז איצט פאַרגעדענקט: „מיר. צעקריגטע מיט די טאַטעס, מיר פאַרברענען אַלטע שמאַטעס”. פאַרוואָס האָבן מיר עס געדאַרפט זײַן צעקריגט מיט אונדזערע טאַטעס? אַט זײַנען מיר איצט אַליין שוין טאַטעס און זיידעס. דאַרפן אונדזערע קינדער, ווײַבאַלד אַזוי, זײַן...

— שטייט, שטייט! — צאַלעל האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם מענטשן פאַר דער האַנט, ווי ער זאָל מורא האָבן, אַז יענער קאָן אַנטלויפן. — פונוואַנען זײַט איר אַליין?

דער אַלטער האָט אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסל, נאָך אַ רעגע — און מע וועט אים אײַנגאַנצן ניט אַרויסזען פונעם פּעלצל.

— וואָסי? — האָט ער פאַרדומפּן געפרעגט, אײַנקוקנדיק זיך אין צאַלעלן מיט זײַנע רויט־לעכע אויגן.

— אַף פּאַדאַליע זײַט איר קיינמאָל ניט געווען?

דער אַלטער האָט פאַרזשמורעט די אויגן, געקוקט אַף צאַלעלן און דערבײַ אַ פּאָר מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ הין און צוריק. דאָס האָט געדאַרפט, קענטיק, באַטײַטן, אַז ער האָט אַט דעם לײַכט־אָנגעטאָנענעם מענטשן, וועלכן ער האָט געטראָפן זיך אומדרייען אין האַפן, קיינמאָל אַף זײַן לעבן ניט געזען. צאַלעלן האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אַז אַט דער מענטש וועט, דאַכט זיך, באַלד אַלץ טאָן, אַז ער, צאַלעל, זאָל אים ניט דערקענען. ער איז דערווײַל נאָך ניט אין דעם עלטער, אַט דער מענטש, אַז ער זאָל זיך דאַרפן אַזוי לאַנג דערמאָנען, צי איז ער געווען ווען־ניט־איז אַף פּאַדאַליע, צי ניין.

— וואָסי? איר זײַט אַ פּאַדאַליער, וואָס איר פרעגט זיך נאָך? — האָט דער אַלטער זיך ענדלעך אָפּגערופן.

ניין, ער האָט ניט קיין טאַעס, צאַלעל. ער זעט דאָך: דער מענטש האָט ניט קיין איבעריקן כיישעק זיך טרעפן דאָ מיט עמעצן פון זײַנע באַקענטע. אַט זאָל ער אים, צאַלעל, ענטפערן, אַז ער איז קיינמאָל ניט געווען אין יענע קאַנטן, וועט דער אַלטער זיך גלײַך אָנגעבן פאַר אַ פּאַדאַליער. נאָר געענטפערט האָט אים צאַלעל:

— קיין פּאַדאַליער בין איך ניט. איך בין אָבער דאָרט געווען אַ פּאָר מאָל. פון אַזאַ וואַלד, ווי ראַכני, האָט איר געהערט?

דער אַלטער האָט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ.

— צי האָב איך געהערט, פרעגט איר? אונדזער שטעטל ליגט דאָך, קאָן מען זאָגן, אין סאַמע וואַלד.

— און ווי הייסט דאָס שטעטל אײַערס? ניט ראַכני?

— וואָסי? איר זײַט געווען דאָרט?

— און מיט וואָס האָט איר זיך דאָרט באַשעפטיקט, אויב ס'איז ניט קיין סאָד?

— כ'האָב אײַך, דוכט מיר, שוין געזאָגט. זיך פאַרנומען מיט „ראַזגאַנים אוסיך באַגאַוו” און מיט „פאַרברענען אַלטע שמאַטעס”. געווען אַ פאַרוואַלטער פון קלוב.

— ליפּע!!

— יאָ, ליפּע, — די רויטלעכע אויגן זײַנע האָבן זיך אַף אַ רעגע אײַנגאַנצן צוגעמאַכט. — מע קאָן מיך נאָך דערקענען?

— איר זעט דאָך.

— און ווער זײַט איר? — ליפּע האָט נאָך מער אַרויסגעצויגן דעם קאָפּ פון די אַקסל, און צאַלעל האָט מיטאַמאָל דערזען פאַר זיך דעם זעלבן ליפּע סעגאַלן, וועלכן ער האָט באַגעגנט אַף דער פּריש־אויסגעטראָטענער סטעזשקע אינעם בלאָטיקן געסל, אָבער שטאַרק, שטאַרק אַ געעלטערטן, קימאַט אַ זאָקן, כאָטש זיי זײַנען געווען קימאַט אין איין עלטער. — אַסער, אויב איך הייב אײַך אָן צו דערקענען.

איצט האָט צאַלעל שוין ניט געאײַלט זיך פאָרשטעלן, ווער ער איז.

— נו? — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום זיך אָנגערופן צו ליפּען. — נאָך אַלץ מיך ניט דערקענט? און וויאַזוי מע פלעגט זיך אַרומשטעלן בא די פענצטער קוקן, ווי איר שלינגט די קײַקעלעך אײַז־קרעם צו פּופּצן־צוואַנציק שטיק, געדענקט איר? און די פּיאַנע אין קלוב, אַף וועלכער איר פלעגט שפּילן מיט איין פינגער, געדענקט איר?

ליפּע האָט ווידער פאַרזשמורעט די רויטלעכע אַרומלויפנדיקע אויגן און ווידער אַ דריי געטאָן דערבײַ מיטן קאָפּ:

— אַט הארגעט מיך, אויב איך דערקען אײַך. נו, זאָגט שוין.

— דינע ראַסנער געדענקט איר?

ליפּע האָט זיך אַ רעגע פאַרטראַכט און פאַרדומפּט ווי צו זיך געזאָגט:

— א שיין מיידל געווען דינע. א שיינהייט. אן עמעסע שולאמיס. ווו קאָן זי איצט זײַן?

— און דעם סטודענט, וואָס איז אראָפּגעקומען פון לענינגראַד און געהאַלטן בא אײַך אין שטעטלשן קלוב פאָרטראָגן וועגן דער צווישנפּלאַנעטאַרער לאגע און געלייענט אַנטירעליגיעזע לעקציעס...

— זײַט איר עס...

— יאָ, ליפּע, — האָט צאלעל אים אונטערגעזאָגט, — יאָ, דאָס בין איך, צאלעל שליפּער. וואָס? זיך שטאַרק געענדערט? נאָר איך אַרבעט נאָך, ווי איר זעט, בין איך דאָ אין א קאָמאַנדירונג. און ווי קומט איר אַהער?

ליפּע האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— ס'א סאַך צו דערציילן.

— און שוין לאַנג, אַז איר וווינט דאָ?

— ס'א גאַנצע געשיכטע. ס'איז אי א סאַך צו דערציילן, אי ס'איז ניטאָ וואָס צו דערציילן, און ניט איצט איז די צײַט. מע דאַרף שוין אָט באַלד זאָגן קאַלנידרע, און ס'פעלן אונדז נאָך, רעב צאלעל, דרײַ מענטשן צום מיניען.

— ניט קיין דרײַ, רעב ליפּע, נאָר פיר.

— וואָס? — ליפּע האָט געקוקט אָף צאלעלן מיט א טויב געוואָרענעם פּאָנעם.

— יאָ, רעב ליפּע, פיר, — און וואַרפנדיק א בליק אָף ליפּע סעגאַלן, וועלכער איז מיטאַמאָל צוריק געוואָרן א זאָקן, האָט צאלעל ניט געקאָנט זיך אײַנהאַלטן, ער זאָל ניט א זאָג טאָן: — אין ליבע, זאַלסטו וויסן זײַן, ברודערקע, גייט אויך אָן א קלאַסנקאַמף.

— איך זע, איר האָט פאַרגעדענקט אַלע נאַרישקייטן.

— שטעלט אײַך פאָר. איך האָב אַפילע, שטעלט אײַך פאָר, פאַרגעדענקט אַזאַ נאַרישקייט, ווי דאָס אָפּנעמען בא די ראַסנערס די וואַלרעכט, ווי דאָס אַרײַנשיקן א בריוול אָף דער פאַבריק, ווו דינע האָט געאַרבעט, און...

— בא אונדז, ייִדן, איז דאָ א דין, — האָט ליפּע אים איבערגעשלאָגן, — ערעוו יאָמקיפּער איז מען איינער דעם אַנדערן אַלץ מויכל.

צאלעלן האָט שוין איצט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט זיך אָפּגערופן, ווען ליפּע האָט אין האַפן פאַרבײַגייענדיק א זאָג געטאָן וועגן אים, אַז דאַכט זיך, ער איז א ייִד. ניט מיט יעדן, מיט וועלכן מע קען זיך אין דער יוגנט, דאַרף מען זיך באַגעגענען אָף דער עלטער. נאָר ניט וועגן ליפּען — וועגן זיך האָט צאלעל זיך איצט פאַרטראַכט. ווי וואָלט געווען, ווען עמעצער פון זײַנע באַקענטע פון דער יוגנט באַגעגנט אים מיט א וואָכן דרײַ צוריק?..

— רעב צאלעל, ביז מירן ניט אָנקלײַבן קיין מיניען, לאָז איך אײַך ניט אָפּ. ס'איז הײַנט יאָמקיפּער, רעב צאלעל.

— איר זײַט, אַפּאָנעם, דער שאַמעס דאָ פון שול?

— אײַך וואָלט עס געוווּנדערט, זע איך. צײַטן בײַטן זיך, רעב צאלעל. געווען א צײַט, ווען איך האָב זיך פאַרנומען מיט קלאַסנקאַמף, געגלייבט אין דעם, ווי איר ווייסט, און איצט גלייב איך...

נאָר צאלעל איז ניט געבליבן אויסהערן, אין וואָס גלייבט איצט ליפּע סעגאַל, וואָס אין דער יוגנט האָט ער געמאַכט א מיסכער פון קלאַסנקאַמף און איצט איז ער באַשעפטיקט מיט צונויפקלײַבן א מיניען און מיט דערמאָנען איטלעכן דעם דין, אַז אין דער נאַכט פון יאָמקיפּער דאַרף מען איינער דעם צווייטן אַלץ פאַרגעבן, אַלץ מויכל זײַן. צי ניט וועגן זיך זאָרגט ער עס זיך אַזוי, ליפּע, מיטן דערמאָנען דעם דאָזיקן דין?

צאלעלן גייט שוין אויך ניט אָן, וואָס האָט געקאָנט ברענגען ליפּען דערצו, ער זאָל זיך פאַרקלײַבן אין אָט דעם ווײַטן צאַפּנדיקן שטעטל, און וואָס באַטײַט זײַן געבן צו אים א זאָג, אַז ס'איז א סאַך וועגן דעם צו דערציילן.

צאלעל האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן א האַסטיקן דריי אויס און אוועקגעשפּאַנט צום האַפן מיט א געפיל, ווי ער זאָל אַנטלויפן פון א גליטש, אָף וועלכן מע האָט אים שוין איינמאָל געהאַט אַרופגעשטויסן און אָף וועלכן מע האָט אים ווידער געוואָלט פאַרשלעפּן.

ער האָט זיך געוויס ניט פאָרגעשטעלט, צאלעל, אַז אַזאַ וועט זײַן די לעצטע באַגעגעניש זײַנע מיט ליפּען, נאָר איבעריקס געוווּנדערט האָט עס אים ניט. פון אַזעלכן, וואָס האָט א גאַנץ לעבן פון אַלץ געמאַכט א מיסכער, געזוכט קלאַסנקאַמף אַפילע אין ליבע, האָט מען, אייגנטלעך, געקאָנט אַלץ דערוואַרטן.

אַרײַנגייענדיק אין האַפן, האָט צאלעל זיך אומגעקוקט, ווי ער זאָל זיך ריכטן דאָ דערזען וויטאַלי אַנדרייעוויטש סווירידאָוון.

■ ■ ■

## א שטערן אין יאַם

א קאָל האָט מיך גערופן: קום!
און כ'בין ארויס פון הויז.
ס'איז רויק, פינצטער אומעטום,
ס'איז בלויז דער הימל גרויס.
די שטערן ווינקען שטיל, געהיים —
און הערן הערסטו זיך אליין.

עס פאַלט קיין בלעטל ניט אראָפּ,
מע הערט קיין אָפּהילך פון קיין טראָט.
אוודאי איז א גרויסער שאָד,
וואָס ס'איז אין הייך ניטאָ קיין גאָט,
ער וואָלט דיך גערן אויסגעהערט
און וואָלט דיר נאָכגעגעבן רעכט.

א כוואַליע לעקט דעם זאַמד פון ברעג
און לאָזט זיך אָפּ צוריק,
און די לעוואָנע האָט א שטעג
פונקט ווי פון גאָלד א בריק
צעשפּרייט איבער דער יאַמען-ברייט...
ווער גייט אהער? ווער גייט?

איך הער זיך צו און קוק זיך אײַן —
עס ציטערן די וועלן...
די שפּליטערס פון לעוואָנע-שײַן
פאַרבלענדן און פאַרשטעלן
אַט דעם, וואָס קומט.
דאָס האָט זײַן שטים
גערופן, כ'זאָל ארויס צו אים.

א פלעדערמויז פאַרבײַ עס פליט
און טײַקעף ווערט פאַרלוירן.
איך הער איצט בוילעט שטילע טריט —
זיי קלינגען אין די אוי'רן.

זיי שטעלן אָפּ זיך לעבן מיר,
און מוירע כ'האָב זיך טאָן א ריר.
עס קלאַפּט דאָס האַרץ —
טוק-טוק, טוק-טוק!
און עמעץ זאָגט געלאַסן:
— קאָן זײַן, דו ביסט געניט און קלוג,
נאָר שפּאַסן?..
דאַרפסט ניט שפּאַסן...

און איידער זאָגן יאָ צי ניין,
דו הער זיך אײַן אין זיך אליין,
און איידער וואָס באַשליסן —
פרעג אָן בא דײַן געוויסן.
וואָס ער וועט מישפּעטן —
איז רעכט,
אים מעגסטו הייליק גלויבן,
ער זעט דאָך אלץ
און אלץ ער הערט
מיט ריינע קינדער-אויגן.

איך טו א ריס זיך פונעם אָרט —
עס איז ניטאָ דאָ קיינער.
נאָר יעדער קלאַנג,
נאָר יעדער וואָרט
איך האָב אליין געהערט דאָך פאָרט,
און איך בין דאָ אליין נאָר...

איך טו א שפּאַן אין גאָלד פון יאַם
אָף די לעוואָנע-וועגן.
אזוי-אַ דאַרף עס זײַן מיסטאָם.
פאַרוואָס?
דו זאָלסט ניט פרעגן...

## ווינטער

גייט ארום דער פראָסט דער קײַסן,
סקריפּעט אָפּן וועג דער שניי.
גריוועונקעלעך שיט ער ווײַסע,
קלינגט די גאַנצע ערד מיט זיי.
קומט דער ווינט און נעמט זיי קערן,
לאַכט זיך אויס פון ווינט דער פראָסט —
ס'האָבן דאָך די זילבער-שטערן
אים קיין פּרוטע ניט געקאָסט.

כאַפּט דער ווינט צוויי פולע פויסטן,
טוט א שלײַדער מיר אין שויב:
— זעסט, וואָס טוט זיך איצט אין דרויסן,
דו ביסט בלינד צי דו ביסט טויב?
טו איך אָן צוויי גרויסע פּוישטן
און א היטל ביז דער נאָז,
און א שטעקן כ'נעם א גרויסן —
טאָמער עפּעס, טאָמער וואָס...

העט־אמאָל מיך פלעגט ניט שרעקן
ניט קיין היץ און ניט קיין קעלט.
און אף אלץ עס פלעגט מיר קלעקן
זיך צעצאָלן מיט דער וועלט.

צאָלן פארן קאלטן פײַער
דארף מען מער, ווי איך פארמאָג.
אף דער עלטער קאָסט שוין טײַער
יעדער שאָ און יעדער טאָג.

ווײַסע גריוועקעס זיך שיטן,
זילבערדיק עס קלינגט דער שניי.
פראָסט און ווינט, און אינדערמיטן
מיט מײַן שטעקן כ'גיי און גיי.

## ווידער

...און ווידער פון אָנהייב,
און ווידער אפסנײַ
עס קומט מיר די קינדהײַט אנטקעגן.
און וועט איר מיך פרעגן,
צי איז עס קעדײַ —
איז וואָס איז פאראן דאָ צו פרעגן?

אוואדע, אוואדע,
אוואדע איז ווערט!
איר הערט,
ווי עס קלינגען די שטערן?
כ'האָב קינדווײַז דאָס זילבערנע קלינגען געהערט —
איך קאָן זיך אײַך שווערן!

און נאָך וועל איך שווערן,
אז גרינג, ווי א טויב,
איך בין צו דעם הימל געשטיגן.
גלויב מיר, ס'איז עמעס,
קווענקל, נאָר גלויב —
איך זאָג ניט קיין ליגן.

דערנאָך ניט אין טרוים —
אין דער עמעסער וואָר
געווען כ'בין, ווי שימשן, א גיבער...
געהאט האָב איך גלעקעלעך גאָלדענע האָר,
נאָר אלץ, וואָס געווען, איז פאריבער...

. . . . . . . . .

דערמאָן איך די קינדהײַט דעריבער.

## באגעגעניש

נארעלע, מע דארף ניט וויינען,
דו זעסט, ס'איז איך,
און ווידער איז שוין גוט.
נארעלע, מיר זײַנען דאָך איניינעם —
פארהיט זי,
פארגעדענק זי,
די מינוט.

בא מיר, וואָס האָט ניט ווייניק אויסגעטראָגן
און האָט זיך אומגעקערט צוריק, —
דו פרעג,
וועל איך דיר פינקטלעך זאָגן,
וואָס הייסט עס—גליק.
איז קום צום טיש,
כ'וועל אופהייבן א קויסע
פאר די, וואָס בלײַבן שטענדיק טרײַ,
אז ס'וועלן אופשײַנען די אויגן דײַנע גרויסע.
דאַן וועל איך וויסן —
ס'איז דאָס שלעכטס פארבײַ.

## מיט אייגענע אויגן

מאָטל גרוביאַנס אָנדענק

איך דארף דיר דען זאָגן,
דו ווייסט ניט אליין,
ווי הויך ס'איז דער הימל,
ווי ליכטיק און ריין.

ווי זאַפטיק די ערד איז,
וואָס פירט און פארפירט
מיט שטעגן און וועגן
אזוי אומגעריכט.

האָסט אנדערש, ווי אלע,
געלאַכט און געוויינט,
האָסט אנדערש געזאָגט
דאָס, וואָס איך האָב געמיינט.

ס'האָט טײַער
דאָס הארציקע וואָרט
דיך געקאָסט.
נאָר פּאַשעט און פּראָסט
האָסט דעם טויט צוגעלאָזט.

ניין, ניין, ביסט ניט שולדיק —
ניט ער איז צו דיר, —
אליין ביסט געגאַן
און געקלאָפּט אין זײַן טיר.

געקלעטערט אַף טרעפּ,
ווי ער האָט זיך פארשפּאַרט,
און סאָפקאַלאָסאַף האָט ער
אַף דיר זיך דערוואַרט...

איך דאַרף דיר דען זאָגן,
דו ווייסט דאָך אליין,
ווי ליכטיק די ערד איז,
ווי ביטער, ווי שיין.

## באַם גנילאָפּיאַט

איך האָב קיין הײמלאַנד ניט געהאַט,
נאָר הײמלאַז'קײַט אַף טויזנט וועגן.
פון ליבע־ווײ איך ציטער, ווי א בלאַט
פאַר מײַן פאַרמעגן,
וואָס רופט זיך רוסלאַנד.
א ייִד בין איך,
נאָר פונקט, ווי דער מוזשיק,
וואָס האָט די לאַפּטיעס אָנגעטאָן
מיט טויזנט יאָר צוריק
און האָט די ערד מיט שווייס באַגאָסן,
כ'האָב אויך מיט איר א בונד געשלאָסן.

מײַן הויט איז דורכגעזאַפּט מיט אָט דעם טוי,
מיט אָט דער בלוי,
מיט אָט די זאַפּטן,
וואָס מאַכן שטײַף דעם פויסט,
די שלייפן — גרוי.
דערפאַר דו קאָנסט מיך טרעפן א פאַרגאַפּטן
ארײַנקוקן אין אויג פון ברונעם,
וואָס האָט מיך אָפּגעשטעלט אינמיטן שפּאַן.
ס'איז דאָרט א שטערנדל אין טיף פאַראַן,
איך האָב עס אָפן דעק געפונען.

איך האָב קיין הײמלאַנד ניט געהאַט,
נאָר ס'איז מײַן אורזיידעס געקומען
צום פליטקע טײַכל גנילאָפּיאַט,
א שטוב געשטעלט,
געמאַכט א ברונעם.
און הונדערט הײַזקעלעך ארום,
געפּעלצט מיט שטרוי־דעכער מיט קאָרענע,
פאַרטײַעט האָבן זיך,
געוואָרן בלינד און שטום,
ווען ס'פלעגט יוכים, דער שאָכן, וואָרענען:
לעש אויס די ליכט אין שטוב, אוואָרם!
פעטליורע גייט מיט א פּאַגראָם...

אזוי האָט דער אוקראַיִנער גערעדט —
פונקט, ווי מײַן זיידע, אַף א גוטן ייִדיש,
און אין בערדיטשעוו האָט עס קיינעם ניט געכידעשט...

און ווען בודיאָני איז אין שטאָט אַרײַן,
האָט נאָכעסדיק געטײַט מײַן מאַמע אינעם פענצטער.
זי האָט פאַרשטעלט זיך מיט דער דלאָניע פון דער שײַן,
די אויגן ניט געגלייבט — ווי קאָן דאָס זײַן?
יוכימס א זון — א קאָמאַנדיר, אַן עלטסטער...

דערפאַר־אַ בלײַב איך שטיין פאַרגאַפּט
באַם ערשטן קנאָספּ פון דער בעריאָזע,
וואָס גיסט זיך אָן מיט גרינעם זאַפּט,
וואָס וועט אָט־אָט די בלעטעלעך צעלאָזן.

און היימיש פּלאַפּלט מיר דער ווינט אַזוי
פון ניט־געשטויגן, ניט־געפלויגן.
און, ווי דער הימל, לײַכט זיך בלוי
די שײַן אין מײַנע אויגן.

## דאָס שטרענגע וואָרט

ליבער פרײַנט מײַנער, פאַרגעס זי,
דײַן באַקענטע, די פּאָעזיע.

אי. פּעפּער

„ליבער פרײַנט מײַנער, פאַרגעס זי,
דײַן באַקענטע, די פּאָעזיע".
יעדער זילב האָט אײַגנוואָפּט
זון, און פּײַן, און טרערן,
יעדער וואָרט איז אײַנגעפּאַסט,
ווי אַ רײַנער שטערן.
יעדער וואָרט איז אײַנגעשפּאַרט,
אָפּגעוויגן,
אײַנגעשפּאַרט.
יעדער אָס א האַרץ פאַרמאָגט,
יעדער פּינטל — אויסגעטאַקט,
יעדער קלאַנג דערמאָנט מיר, זאָגט:
בעסער זײַן זאַלסטו אַ שלעכטער,
נאָר פאַרבלײַבן אונדזער װעכטער.

אַזוי איז מיר באַשערט, אַפּאָנעם,
זיך אָנלעבן אַלץ נײַע סאָנים,
און ניט דערפאַר, ווײַל כ'בין
א שלעכטער,
נאָר ווײַל באַם וואָרט בין איך
א וועכטער.
איז מעגן זיך די סאָנים מערן —
כ'וועל אַף קיין האָר ניט מילדער ווערן.
האָסט אַ גוסט צו זײַן אַ שוסטער,
זײַ אַ שוסטער אַ באַוווסטער.
וועסט געקרוינט זײַן און געהויבן,
קינד־און־קייט דיך וועלן לויבן.
נאָר... כאַפּ זיך ניט צו שרײַבן לידער,
טײַנען כ'וועל אַפּסנײַ און ווידער:

כאַים מעלאַמוד

# מאָל אָן דײַן זיידן...

## באַ א גלעזל טיי

ווען איין דרויסן ברענט דער פראָסט, סאַר־פעט אָפּ דאָס פּאָנעם און פאַרכאַפּט דעם אָטעם, איז אַוואַדע גוט אַרײַנכאַפּן זיך אין אַן אָנגעהייצטער שטוב, דערפילן, ווי פון אַלע זײַטן גיט דיך אַ נעם אַרום אַ ליבע וואַרעמקײַט, און ווי עס הייבט אָן ביסלעכווײַז פאַרשווינדן דאָס שטעכעניש אין די שפּיץ פינגער, דאָס, וואָס מע רופט בא אונדז אָן — די זאַשפּערעס. דערצו נאָך, ווען דו באַמערקסט, אַז די וואַרעמקײַט קומט ניט בלויז פון די הרובעס און אייוועלעך, נאָר אויך פון דער גאַסטפרײַנטלעכקײַט פון די באַלעבאַטים, מיט וועלכע דו דאַרפסט זיך ערשט באַקאַנען.

געווען איז דאָס אין אַן אַפּרו־טאָג. אין אַלע ווינקעלעך האָט זיך געפילט יענע יאָמטעוודיקע געמיטלעכקײַט, וואָס קומט אין יעדער שטוב נאָך אַ גוט אָפּגעאַרבעטער, אָפּגעהאָרעוועטער וואָך.

איך האָב צוערשט ניט געוווּסט, אין וועמענס דירע בין איך אַרײַנגעקומען, צי צו ייִסראָעלן דעם שנײַדער, צי צו טוליען דעם וואַטנמאַכער, ווײַל די טיר האָט מיר געעפנט ייִסראָעל און צום טיש האָט מיך פאַרבעטן טוליע.

דאָ מוז טייקעף קומען אַ וויכטיקע דערקלע־רונג. ווײַל אָנרופן אַ פּאָשעטן שנײַדער מיט אַ פּאָשעטן נאָמען ייִסראָעל איז נאָך צו דערלײַדן, נאָר אָנרופן גלאַט טוליע אַ דירעקטאָר פון פאַב־ריק איז שוין עפּעס ניט פײַן. דערצו נאָך, ווען אַלע רופן אים אַנאַטאָלי נאַומאָוויטש. נאָר איך מיין, אַז סײַ ייִסראָעל, סײַ טוליע וועלן זיך אָפּ מיר ניט באַליידיקן, ווײַל איך וויל דאָ צוערשט דערציילן וועגן יענער צײַט, ווען טוליען האָט אַפילו זיך כאָלעמען ניט געקאָנט, אַז ער וועט אַמאָל זײַן אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק.

איז אָט, צום טיש האָבן זיך צוגעזעצט די ברידער, דערנאָך איז אויך צוגעקומען טוליעס פרוי, סאָניע. זי האָט דערלאַנגט צום טיש הייסע טיי און זייער אַ פײַנעם האָניקלעקעך. איז שוין געוואָרן טאַקע עמעסדיק וואַרעם, געמיטלעך, און מיר האָבן אַלע זיך דערפילט פיל היימי־שער. טאַקע אַזוי היימיש, אַז איך האָב זיך דער־לויבט אויסקלאָרן, צי לעבן זיי די גאַנצע צײַט אינאיינעם, די ברידער מיט די פאַמיליעס, און וויאַזוי זײַנען זיי זיך נויהעג מיט דער קיך, מיטן קאָכן און מיטן עסן. ווײַל ווי איך האָב באַמערקט, האָט יעדער געזינד צוויי גרויסע באַזונדערע צימערן. אָבער ווי באַגייען זיי זיך מיט איין קיך? לאָזט זיך אויס, אַז די אַלע זיבן און צוואַנציק יאָר נאָך דער מילכאָמע האָבן זיי קיין איין מאָל ניט געפּרוווט אָפּקאָכן באַזונדער כאָטש איין מיטיק, אָדער זעצן זיך צום טיש איינער אָן דעם צווייטן.

געוויס וועט די ווײַטערדיקע דערציילונג דערקלערן, וויאַזוי און אָף וועלכן אויפן דאָס אַלץ איז פאָרגעקומען. לאָזט אונדז דערווײַלע אַ ביסל נעענטער זיך באַקאַנען.

זיי זײַנען ביידע שוין היפּשלעך גראָוו און אָף ביידנס פּענעמער — שפּורן פון פיל אָפּגע־האָרעוועטע יאָרן, פון אָן שיר דײַגעס. ייִסראָ־עלס פּאָנעם זעט אויס אַ ביסעלע גלאַטער. עמעס, ער איז ייִנגער פון טוליען אָף אַ פּאָר יאָר. נאָר גייט טרעפט, ווער האָט הײַנטיקע צײַטן מערער דײַגעס: אַ געוויינלעכער שנײַדער, צי אַ דירעקטאָר פון אַ פאַבריק.

צוערשט איז מיר אויך שווער געווען פאַנאַנ־דערקלײַבן זיך, וועגן וועמענס קינדער עס גייט אַ רייד, ווער מיט וועמען באַרימט זיך, ווײַל ביידנס קינדער זײַנען אויסגעוואַקסן אין איין שטוב, אין איין קיך און זיי זײַנען אַלעמען אַזוי ליבלעך־אייגן, אַז ס׳איז שווער געווען אופכאַפּן,

וועגן וועמען ווערט דערציילט ווי וועגן אַן אייגן קינד, און וועגן וועמען — ווי וועגן אַ פּלעמעניק. האָב איך טאַקע געמוזט באַזונדער אויסקלאָרן און פעסטשטעלן, אַז —

בראָניסלאַוו — דאָס איז טוליעס עלטערער זון, וואָס האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געענדיקט די אָדעסער מאָלערײַ־שול און איז איצט אַ לערער פון מאָלערײַ אין איינער פון די טשערנאָוויצער פּראָפטעכשולן;

סאַמויל — דאָס איז דער ייִנגערער זון טוליעס, אַ סטודענט פון קאַזאַנער אוויאַ־אינסטיטוט;

און באָריס — דאָס איז ייִסראַעלס זון — אַ סטודענט פון קאַזאַנער אוניווערסיטעט, לערנט זיך אַפן פיזישן פאַקולטעט.

— אַ טאַכלעס געוואָרן פון נאַכמען דעם בעקערס אייניקלעך, — האָט זיך אָנגערופן ייִסראַעל. — אײַ, ווען דער טאַטע אונדזערער זאָל געווען דערלעבן...

— נו, יאָ... — באַ טוליען באַקומט זיך עס מיט אַ שטיקעלע זיפץ. — געדענקסט דעם שאַכן אונדזערן, יאַנקל וואַסערפירער. ווען ער איז בייז געוואָרן אַף זײַן באַכערעץ, האָט ער אים געוואָרנט: „הער זשע, יונגאַטש, וועסטו זײַן אַ מענטש, וועל איך מאַכן פון דיר אַ וואַסערפירער, אויב ניט, וועל איך דיך אָוועקגעבן פאַר אַ שנײַדער".

שמייכלען מיר אַלע. עס שמייכלט אויך בראָניסלאַוו, וואָס איז צוגעקומען צום טיש אַ ביסל שפּעטער, כאָטש די כאָכמע, דער טאַמציס פון אָט דער דערמאָנונג, פון אָט דער פאַרגלײַכונג איז, ווי ס'איז צו זען, דערגאַנגען צו אים ניט גלײַך און ניט אין דער פולער מאָס.

בראָניסלאַוו איז אין אַלע אויפּאַנים אַ הײַנטצײַטיקער באָכער, אַ שטאַלטנער יונגערמאַן מיט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן, מיט אַ פּאָר לאַנגע, עטוואָס ברייטלעכע באַקנבאַרדן, טאַקע אַזוי, ווי עס פּאַסט פאַר אַן עמעסן קינסטלער.

אַז ער איז ניט בלויז אַ לערער פון מאָלערײַ, האָב איך פאַרשטאַנען לויט די בילדער, וואָס זײַנען צעהאַנגען איבער די ווענט פון ביידע צימערן. פאַרשיידענע בילדער, גרעסערע און קלענערע, געמאָלט מיט אַ געניטער האַנט פון אַ מענטשן, וואָס האָט באַהערשט די סוידעס פון מאָלערײַ, פאַרמאָגט אַ רײַכע פּאַליטרע און קאָן איבערגעבן מיטן פּענדזל ניט נאָר די שטימונג פון דעם אָנגעמאָלטן פּערסאָנאַזש, נאָר אויך די אייגענע שטימונג: אָט איז אַ הוצולקע אַרויסגעקומען באַגינען אַפן גאַנעקל פון איר דאָרפיש שטיבל און צוגעזשמורעט די אויגן, זיך פאַרקוקט אַף דער אויפגייענדיקער זון. מע זעט, אַז זי איז צופרידן, וואָס דער הימל איז הײַנט אַ לויטערער, וואָס דער וועטער וועט

ייִסראַעל טוטעלמאַן

הײַנט זײַן אַ גוטער און מע וועט באַוויזן גוט אָן אַרבעט טאָן פאַר דעם לאַנגן זומערדיקן טאָג. און אָט איז גאָר אַן אַנדער בילד מיט גאָר אַנדערע פאַרבן. אַף דער באַנאַכטיקער שטאָטישער גאַס, צווישן די מויערן, אין וועלכע די שײַן איז שוין אויסגעלאָשן, שטייט אַ מיידל מיט אַ פידל אין דער האַנט. דער פידל הענגט אַ ביסל אַראָפּ, מע פילט מאַמעש, ווי ער האָט נאָרוואָס אַרויסגעלאָזט דעם לעצטן קלאַנג. עפּעס איז געבליבן ניט דערזונגען, עפּעס איז געבליבן ניט דערשפּילט, אַפן פּאָנעם פונעם מיידל — אַזאַ אומעט, אַז מע דאַרף זיך שוין אָנשטויסן: באַ איר אַפן האַרצן איז זייער שווער. עפּעס איז געבליבן ניט דערליבט...

דערנאָך גייען נאָך בילדער. אַזעלכע, וואָס זײַנען מיר שטאַרק געפעלן, און אַזעלכע, וועלכע איך האָב ניט אינגאַנצן פאַרשטאַנען. איך בין גרייט געווען פאַרפירן אַ דיסקוסיע מיטן יונגן מאָלער, נאָר איך האָב אַ ביסל מוירע געהאַט. ערשטנס, בין איך אין איניען מאָלערײַ ניט אַף אַזויפיל באַקי, צווייטנס, האָב איך ניט געוואָלט אויסזען אַ ביסל צו אַלטמאָדיש. דאָך האָבן מיר ניט אויסגעמיטן אַ שטיקעלע שפּאַרעניש אַרום די פּראָבלעמען פון מאָדערניזם און אַבסטראַקציאָניזם, און מיר וואָלטן עפּשער געווען טאַקע אַ ביסל זיך צעקריגט, נאָר אונדז האָט געראַטעוועט ווייסט איר ווער? גראַד פּיקאַסאָ און שאַגאַל. זיי האָבן גלײַך שאַלעם געמאַכט צווישן אונדז, ווײַל ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וועגן אָט די צוויי גרויסע קינסטלער זײַנען אונדזערע מיינונגען אַלצײַנע, און אַז ביכלאַל איז אין אונדזער קוק אַף קונסט פאַראַן אַ סאַך געמיינזאַמס, אַז אונדז שיידט אונטער ביידן דאָס, וואָס מיר איז שוין

אריבער זעכציק און בראַניסלאַוון איז ערשט זעקס און צוואַנציק יאָר.

מעגלעך, אַז טאַקע אָט די דיסטאַנץ אין צײַט, אין יאָרן, און איבער דעם, וואָס מיר האָבן פאַרפירט אַ שמועס וועגן נאַכמען בעקער, וואָס דאַרף ווערן דער אָנהייב פון אונדזער דערציילונג, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— און פאַרוואָס זאָלסטו ניט אָנמאָלן דעם זיידן?

— מײַן זיידן? — האָט בראַניסלאַוו איבערגעפרעגט אַ ביסל דערשטוינט. — פאַרוואָס דאַרף איך עפּעס מאָלן מײַן זיידן? איך קען אים דאָך ניט!

— נו, און דעם טאַטן דײַנעם...

— דעם טאַטן? — האָט ער איבערגעפרעגט נאָך מערער דערשטוינט.

און פונדעסטוועגן, מיט נײַע אויגן, מיט אויגן פון אַ קינסטלער אַ קוק געטאָן אויפן טאַטן.

— וואָס איז עפּעס אַזוינס פאַראַן אין אים?..

געפרעגט אַ ביסל פאַרשעמט, מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון פאַרדראָס אויף זיך אַליין, צי אויף מיר, וואָס איך שטעל אים אַזעלכע קלאָצקאַשעס.

— פאַראַן, — האָב איך גענומען אים דערווײַזן, — אין זײַן דורכגעמאַכטן וועג. אין זײַן לעבן...

האָט ער ווידער אַ קוק געטאָן אויף זײַן טאַטן, אויפן פעטער זײַנעם, שוין מיט אַן אָפענער טײַנע.

— אָבער איך... איך ווייס ניט...

גאַנץ מעגלעך, אַז מיר טוען טאַקע אַ פעלער. אַמאָל איז דאָס אונדזער באַשיידנקייט, אַמאָל נעמט זיך עס דערפון, וואָס מיר געפינען ניט קיין צײַט דערצו, אָדער האַלטן דאָס פאַר ניט איבעריק וויכטיק. און עס טרעפט דערפאַר אָפטמאָל, אַז אונדזערע קינדער ווייסן זייער ווייניק וועגן זייערע טאַטעס און זיידעס.

## מע ליגט אין דער ערד און מע באַקט בייגל

יענץ געסל אין כאָטין האָט מען גערופן דאָס שנײַדערישע, כאָטש געוווינט האָבן דאָרטן ניט בלויז שנײַדער, נאָר אויך שוסטער און בלעכער, קאָוועלס און סטעלמאַכס, קוימענקערער און וואַסערפירער און גלאַט אַזוי קאַפּצאָנים און שנאָרערס. מעגלעך, אַז די ערשטע שטיבלעך האָבן דאָ אַמאָל אַוועקגעשטעלט עטלעכע אָרעמע שנײַדער. געוויס איז דאָס געווען טאַקע אַזוי, ווײַל דאָס ניט איבעריק צוגעפּוצטע שולכל אין יענעם געסל האָט אויך געהייסן — דאָס שנײַדערישע. אַלנפאַלס, ווען נאַכמען בעקער האָט אריבערגעקליבן זיך אַהער פון קאַמענעץ, איז דאָס שנײַדערישע געסל שוין געווען אין די יאָרן, און ניט געקליבן זיך בײַטן דעם נאָמען אויך דאַן, ווען דעם איז צוגעקומען אַ בעקער. ס'איז דערפון ניט געוואָרן ניט שענער, ניט רײַכער און ניט ייִנגער, כאָטש נאַכמען אַליין איז דאַן נאָך געווען יונג, און זײַן פרוי ברײַנע, וועמען מע האָט גערופן ברײַנע די ליטוועטשקע, איז נאָך אויך געווען אַ יונגע.

אריבערגעפאָרן פון קאַמענעץ קיין כאָטין זײַנען זיי נאָך דעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז פון טויזנט נײַן הונדערט פינפטן יאָר — געשעענישן, אין וועלכע דער בעקער־יונג האָט אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל — געשטרײַקט, אַפילו אַרויס אויף דער גאַס דעמאָנסטרירן. די פּאָליציי האָט געוואָרפן אויף אים אַן אויג, און ער האָט געמוזט זיך אריבערקלײַבן אויף יענער זײַט דניעסטער, קיין כאָטין. ער האָט געהאַלטן פונעם ווערטל — דאַלי אָטשי, דאַלי סערדצע. דאָס הייסט, ווייניקער מאָזאָליען די אויגן דער קאַמענעצער פּאָליציי.

דאָ אין כאָטין, אויפן סאַמע ברעג פונעם שנײַדערישן געסל, האָט ער פאַר אַ שיבעש געקויפט עפּעס אַ פאַרלאָזט שטיבל, וואָס איז געווען האַלב־אײַנגעוואַקסן אין דער ערד, טאַקע אַן עמעסדיק קעלער־שטיבל, אויסגעגראָבן אין דעם נאָך אַ טיפערן גרוב, אײַנגעמויערט אַן אויוון און געעפנט אַ בעקערײַ.

ניט צו פאַרשטיין איז אַ צווייטע זאַך: ווי קומט עס, אַז אַ בעקער־יונג, וואָס האָט געשטרײַקט און דעמאָנסטרירט, זאָל ווערן דערנאָך זייער אַ פרומער ייִד...

נאָר דאָס וועט שוין בלײַבן פאַר אונדז אַ סאָד.

כאָטין האָט זיך אויך געהאַלטן פאַר אַ גרויסער שטאָט, אַן אויעזדנע צענטער, מיט דעם גאַנצן ביסל קלאָפּערגעצײַג פון אויעזדנע נאַטשאַלסטווע, מיט דעם ביסל פּני — באַלעבאַטים פון גוראַלניעס און רײַכע קלייטן, גרויסע ברויט־מאַגאַזינען און געהילץ־סקלאַדן און גלאַט אַזוי שטאָט־באַלעבאַטים. זיי אַלע, די פּריסטאַווס און פּאָליצמייסטערס, די אַדוואָקאַטן און פּרעפעקטן, ווי אויך די רײַכע באַלעבאַטים, האָבן עס געוווינט אויף דער צענטראַלער גאַס, וואָס האָט געהאַט עטלעכע שיינע מויערלעך מיט גאָר פײַנע גאַנעקלעך און סעדלעך. די גאַס אַליין, אויך אַ גאַנץ סטאַטעטשנע, אַ מערער ברייטע, אַן אויסגעפּלאַסטערטע, מיט שטיינערנע טראָטואַרן, מיט לאַמטערנס אויף די הײַזער און אַפילו מיט אַ שטאָט־זייגער און מיט פיל אַנדערע זאַכן, אָן וועלכע אַן עכטע שטאָט קאָן זיך ניט באַגיין.

צו דעם אַלעמען, צו אַלץ, וואָס הייסט שטאָט, האָט דאָס שנײַדערישע געסל גאָרנישט ניט געהאַט צו טאָן. געווען איז דאָס אַן עמעסדיק הינטערגעסל, ווי אין פיל אַנדערע ייִדישע

שטעטלעך, מיט די ענג צונויפגעטוצקעטע הײַזעלעך, מיט די שמאָלע פינצטערע ליקעלעך, וווּהין א זונען־שטראַל איז שווער געווען זיך דורכרײַסן און ווו די בלאָטע האָט זיך געהאלטן א גאנצן זומער. די בלאָטע אײנײנעם מיט אלע גוטע רייכעס. ווײַל די פּאַמעניצעס האָט מען ארויסגעגאָסן פון די הײַזער טאקע גלײַך אהער, אף דער גאס און אף די שמאָלע ליקעלעך. זײַנען די רייכעס אויך געבליבן די זעלבע, אפילע ווען אף דער גאס איז צוגעקומען א בעקערײַ.

עס רעדט זיך אזוי, א בעקערײַ. אף אן עמעסער בעקערײַ האָט נאכמען, ערשטנס, קיין געלט ניט געהאט, און, צווייטנס, וואָלטן די היגע בעקערס ניט דערלאָזט, עס זאָל צוקומען א נײַער קאָנקורענט. נאָר פאר נאכמענען האָבן זיי ניט מוירע געהאט. אלע וואָך האָט ער געקויפט א זעקל ראָזעווע מעל און געבאקן שווארץ ברויט פאר די קאפּצאָנים פונעם שנײַדערישן געסל. נאכמען האָט אליין פארשטאנען, אז קיין גוויר וועט ער דערפון ניט ווערן, נאָר ער איז געווען זיכער, אז ברויט אין שטוב וועט שטענדיק זײַן צו זאט. נאָר ווען צו די צוויי מיידלעך, כײַקען און קיילען, זײַנען צוגעקומען נאָך צוויי ייִנגלעך, טוליע און ייִסראָעל, האָט נאכמען א טראכט געטאָן, אז די וועלט איז טאקע ניט איבערצושפּיצן. ס'איז גאנץ מעגלעך אפילע אזוינס, אז בא א בעקער זאָלן די קינדער זיך ניט אָנעסן צו זאט מיט ברויט.

— ווייסטו וואָס, ברײַנע, — האָט ער זיך אָנגערופן צו זײַן ווײַב, — דעם אויוון הייצן מיר סײַווי אלע טאָג, ווּעלן מיר אײַנמויערן בא דער זײַט א קעסעלע און קאָכן אין דעם אָקרעפּ. דער סייכל איז זיך מיסכײַעוו...

צו יענער צײַט איז שוין נאכמען געווען ווײַט ניט קיין יונגערמאן. ער איז געבליבן אויסגעדארט, ווי פּריִער. אים איז צוגעקומען בלויז א לאנגע באָרד, וואָס איז גראָוו געוואָרן פאר דער צײַט, און אן אָדישקע, אף ניט אויסצוהאלטן. זי איז אויך געקומען א ביסל צו פרי. אלעמאָל, ווען ער האָט א קוק געטאָן אף זײַן ברײַנען, מיט איר בלייך־אײַנגעפאלן פּאָנעם און אונטערגעבראָטענע אויגן, האָט די אָדישקע אים א נעם געטאָן ווי מיט קלעמען.

— דער סייכל איז זיך מיסכײַעוו, — האָט ער גענומען טרוימען אין דער הייך, קוים אײַנגעשטילט דעם הוסט, — ווער ס'וועט ארײַנקומען נאָך ברויט, וועט שוין נעמען פאר א גראָשן אָקרעפּ. און ווער ס'וועט ארײַנקומען נאָך א ביסל אָקרעפּ...

יאָ, נאכמען בעקער האָט גוט געקענט זײַנע שכיינים. געדאליע שוסטער, יאנקל באלעגאָלע, ייִסראָעל דער טרעגער, כאַיִם דער מאליער, כאַיִם־לייב דער שנײַדער און אלע איבעריקע פון די, וואָס זײַנען יעדן טאָג ארײַנגעקומען צו אים נאָך א לעבל ברויט, האָבן זעלטן ווען געהאט א שײַטל האָלץ בא דער שטוב, און א ביסל אָקרעפּ וועט זײַן פאר זיי א יעשׁ.

— גוט, — האָט ברײַנע אָפּגעענטפערט. — אָבער ווו וועלן די קינדער שלאָפן?

— שלאָפן? — נאכמען איז געוואָרן ווי צעטומלט פון זײַן ברײַנעס נארישער פראגע. — א מאָשל, שלאָפן. ווינטער — אפן אויוון, און זומער — אף דער ערד.

איז געבליבן, ווי נאכמען האָט געזאָגט. נאָר אין שטיבל איז געוואָרן הייס און דושנע, אף דערשטיקט צו ווערן. סײַ זומער, סײַ ווינטער.

— מע ליגט אין דער ערד און מע באקט בייגל.

דאָס האָט געזאָגט אף זיך ניט נאכמען אליין. דאָס האָבן די שכיינים א ביסל געשפּעט פון אים איבער דעם, וואָס נאכמען מאכט זיך פאר א גאנצן קנאקער, זינגט אויס דעם קידעש איבער דער גאנצער גאס, האלט זיך פאר א כאָסיד פונעם קאָסאָווער רעבע, און דאווּנען, ווי אלע קאפּצאָנים, אינעם שנײַדערישן שולכל שטייט אים ניט אָן.

כאָטש דאָס ווערטל איז געווען עמעס בלויז אף האלב. געלעגן איז טאקע נאכמען מיט זײַן בעקערײַ טיף אין דער אדאָמע, נאָר בייגל האָבן געבאקן אנדערע, יענע רײַכע באלעבאטים פון די גרויסע בעקערײַען אין סאמע צענטער שטאָט, מיט געדונגענע ארבעטער. אף נאכמענען האָבן זיי געקוקט מיט ביטל:

— אָט גייט אונדזער קאָנקורענט.

נאָך אלעמען האָט זיך נאכמען געהאלטן פאר א גוויר. עמעס, צוויי טעכטער איז א קליינע רײַכשאפט, דערפאר אָבער וואקסן בא אים אונטער צוויי זין. און דער בכאָר זײַנער, טוליע, האָט א גאָלדענעם קאָפּ. ניסעלע מעלאמעד אליין האָט געזאָגט, אז דאָס איז אן עמעסע קיילע. און ער, ניסעלע מעלאמעד, איז זיכער, אז בא נאכמען בעקער אפן אויוון וואקסט א ראָוו.

אײַ, ווי נאכמען האָט זיך עס געשמעלצט פון טײַנעג, ווען זײַן טוליע האָט אָפּגעקנאקט אין דער קאָסאָווער שול א פּיירעק מישנײַעס. ניט נאָר דאָס שנײַדערישע געסל, די גאנצע שטאָט איז אים מעקאנע געווען. אפילע נאכמען אליין איז זיך אויך מעקאנע געווען. ער האָט שוין באשײַמפערלעך געזען פארקנאסט זײַן טוליען פאר א קאלע פון גאָר, גאָר א גרויסן ייִכעס מיט טאקע זייער א פײַנעם נאדן.

— הערסטו, ברײַנע, וואָס איך וועל דיר זאָגן... — נאכמען רעדט ווי צו זיך אליין, גלעט בייסמײַסע זײַן לאנגע און צו פרי גראָוו געוואָרענע באָרד און סטארעט זיך מיט אלע קויכעס, אז אָט די פריקרע אָדישקע זאָל אים ניט

איבערשלאָגן די רייד. — איך זאָג דאָס אקעגן דעם... זאָל נאָר אונדזער טוליע א ביסל אונטערוואקסן... פארשטייט זיך...

דער „פארשטייט זיך" האָט געדארפט הייסן, אז דערצו וואָלט ער אליין געדארפט האָבן א ביסל געלט, ער זאָל קאָנען שיקן טוליען אין עפּעס א לײַטישער יעשיווע. דעמלט וואָלט ער געווען זיכער, אז א זון א ראָוו, א ייִכעסדיקער שידעך און די גראָבע טויזנטער זײַנען ווי בא אים אין קעשענע. נאָר פונוואנען זאָל נאכמען געווען נעמען דאָס ביסל געלט אַף שיקן טוליען ערגעץ לערנען? האָט ער אים דערווײַל געמוזט אוועקגעבן צו עליע פאָדארקע לערנען קירזשנערײַ.

דאָס איז געווען דער גרעסטער טאָעס נאכמענס. ווײַל אויב ער האָט געוואָלט מאכן זײַן טוליען פאר א ראָוו, האָט ער אים ניט געטאָרט אוועקשיקן פאר א קירזשנער. ווײַל אין דער טוירע איז געווען אָנגעשריבן איינס, און אין לעבן איז געווען גאָר עפּעס אנדערש. און איינס צום אנדערן האָט זיך ניט געקלעפּט. און כוץ דער טוירע, זײַנען געווען אנדערע ביכלעך, און כוץ דער קאָסאָווער שול, זײַנען געווען אנדערע ערטער, וווּהין מענטשן זײַנען זיך צונויפגעקומען. און אין א שטיקל צײַט ארום איז געשען דאָס, וואָס האָט געמוזט געשען.

## אין דער נאכט פון סליכעס

כאָטין אלס א טייל פונעם אלטן רוסלאנד האָט איבערגעלעבט אלץ. אירע גאסן און הײַזער האָט באלויכטן דער אָפּשײַן פון דער גרויסער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, האָט איבערגעלעבט אלע גרויזאמקײַטן פון דעם בירגערקריג, באוויזן באקאנען זיך מיט די פּעטליוראָווישע באנדעס, ניט ווייניק כאָטינער זײַנען אוועק צו די רומפּולע קאָטאָווצעס. אין אכצנטן יאָר האָט רומעניע אָקופּירט בעסאראביע. שוין אין אָנהייב נײַנצנטן איז פאָרגעקומען דער באוווּסטער כאָטינער אופשטאנד, וואָס האָט אופגעטרייסלט דעם גאנצן קאנט. די רומענישע פּאָליציי האָט דערטרונקען דעם אופשטאנד אין בלוט, הונדערטער אופשטענדלער האָט מען פארטריבן אַף קאטאָרגע, נאָר דערמיט האָט זי גאָרנישט ניט דערגרייכט. דער גײַסט פונעם אופשטאנד, דער גײַסט פון פרײַהײַט האָט געלעבט בא אלעמען אין די הערצער. דער נײַער דאָר ארבעטנדיקע יוגנט איז פון זײַנע ערשטע טריט באווירקט געוואָרן פון דעם זעלבן גײַסט, פון די זעלבע שטרעבונגען און טרוימען.

שולדיק איז געווען דאָס לעבן. עליע פאָדארקע איז אליין אויך געווען א קאַפּצן, א קירזשנער — א לאַטוטניק. ער האָט בא זיך אין שטוב אויסגעאַרבעט די רויע שאָפענע פעל, אליין געגייט אָדער געלאטעט אלטע פּעלצן, און אין זײַן שטיבל איז שטענדיק געהאנגען א שטינקענדיקע פּארע פון די פעלעכלעך, וואָס האָבן זיך געווייקט אין א גרויסער אײַזערנער מולטער לעבן אויוון. עליע האָט ניט געשאנעוועט ניט זיך, ניט זײַן שילער. ביידע זײַנען זיי געזעסן איבער די פּעלצן ביז האלבער נאכט, און ביידע זײַנען זיי געשלאָפן טאקע דאָ, אַף די שאָפענע פעלעכלעך. עליע איז געווען בייז אַף דער גאָרער וועלט און אין דער ערשטער ריי אַף די רײַכע כאָטינער קירזשנער, וואָס האָבן פארכאפּט אלע קוינים, אלע מערק און לאָזן אים דעם קאָפּ ניט אופהייבן.

דאָס איינציקע, וואָס נאכמען בעקער האָט אויסגענומען מיטן באלעבאָס, איז געווען, ער זאָל לאָזן טוליען אין שול ארײַן צו מינכע און מײַרעוו. נאכמען האָט אָבער ניט געוווּסט, אז דעם מינכע־מײַרעוו מוז טוליע אָפּארבעטן, זיצנדיק מיט דער נאָדל אין דער האנט ביז שפּעט אין דער נאכט.

יאָ, אז מע זיצט אָפּ א לאנגן טאָג מיט דער נאָדל אין דער האנט, ווען נאָך א קורצן שלאָף נעמט דער באלעבאָס וועקן, קומען אוף גאָר אנדערע געדאנקען. מע דערלויבט זיך צוערשט דורכלאָזן א מינכע און מײַרעוו, מע נעמט אין די הענט ארײַן גאָר אנדערע ביכלעך, און דערנאָך גייט מען שוין אוועק באנאכט, אזוי אז קיינער זאָל ניט זען, צו דער אוראלטער כאָטינער פעסטונג, וווּהין עס קומען זיך צונויף די קירזשנער־יונגען מיט די שנײַדער־יונגען אַף געהיימע פארזאמלונגען.

נאכמען בעקער האָט וועגן דעם ניט געוווּסט. ער האָט נאָך אלץ זיך ארומגעטראָגן מיט זײַן טרוים... זאָל ער נאָר פארדינען א ביסל געלט, וועט ער אוועקשיקן טוליען אין א רעכטער יעשיווע, דערנאָך וועט קומען יענער גאָר, גאָר פײַנער שידעך, מיט יענעם זייער און זייער רײַכן נאדן. אזוי איז דאָס געגאנגען, ביז איינער פון די ערשטע נעכט פון סליכעס. נאכמענען האָט געוועקט צו סליכעס דער שאמעס פון דער קאָסאָווער שול, און טוליען האָט שוין געוועקט נאכמען אליין. אזוי איז געווען שטענדיק, זינט טוליע איז געוואָרן בארמיצווע. האָט נאכמען ניט געקאָנט פארשטיין, וואָס איז הײַנט געשען מיט טוליען, וואָס רעדט ער עפּעס, ווי פונעם שלאָף.

— מער צו סליכעס גיי איך ניט, — האָט טוליע אָפּגעענטפערט.

— פארוואָס?

— דער באלעבאָס וועקט מיך יעדע נאכט צו סליכעס.

— וואָס רעדסטו, טוליע, האָסט זיך ניט אויס־געשלאָפן?...
— טאַקע זיך ניט אויסגעשלאָפן, נאָר איך ווייס, וואָס איך רעד.
— נו? — האָט נאכמען אים ווי אונטערגע־טריבן.
— וואָס נו? מער צו סליכעס... און ביכלאַל, מער אין שול גיי איך ניט.
— גוואַלד וועל איך שרייַען, וואָס הייסט?
— שרײַ ניט, טאַטע, ס'וועט גאָרנישט ניט העלפן. איך האָב דאָרט מערער ניט וואָס צו טאָן.
— טוליע! — האָט נאכמען זיך צעשריגן נאָך העכער. — נו, און גאָט?
— ניטאָ קיין גאָט, טאַטע, ניטאָ!... ס'איז אַ גענאַרטע זאַך.
דער שלאָף איז שוין סײַווי געווען פאַרפאַלן, האָט טוליע זיך אָנגעטאָן און איז ארויס מיטן טאַטן אין דרויסן.
ס'איז געווען איינע פון יענע אויסגעשטערנ־טע, קאַלטע סליכעס־נעכט, וואָס נעמען גלײַך דורך ביז די ביינער, נאָר נאכמענען איז מיט־אַמאָל געוואָרן הייס, גלײַך ער וואָלט געשטאַ־נען באַם צעגליטן אויוון. און די אַדישקע, די שרעקלעכע אַדישקע, וואָס גיט אַ נעם דעם האַלדז אין קלעמען און לאָזט קיין וואָרט ניט אויסרעדן. האָט ער נאָר געקאָנט זיך שלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ, ביז דער הוסט איז אַ ביסל דורך.
— ווי איז מיר, טוליע. דו ווייסט כאָטש, וואָס דו רעדסט? בין איך אויך אַ גענאַרטע זאַך?
— דו... דו ביסט אַן אָפּגענאַרטער. יאָ, יאָ, טאַטע, אַן אָפּגענאַרטער...
— דאָס האָט דיר שאָלעמקע אַזוי געזאָגט?..
— פאַרוואָס עפּעס גאָר שאָלעמקע? ניט נאָר שאָלעמקע!
שאָלעמקע, שאָלעם קריוואָי, איז געווען דער איינציקער באָכער אין שנײַדערישן געסל, וואָס האָט באַוויזן אָפּלערנען אַ פּאָר יאָר אין גימנאַ־זיע און האָט באַקומען אַ שעם פון אַ קאָפּ־מענטש. פונעם גאַנצן געסל איז מען געגאַנגען צו אים, ער זאָל אָנשרײַבן וועמען אַ בריוו, וועמען אַן אַדרעס אויפן קאָנווערט און וועמען עפּעס אַן אָנקלאָגע, אַ „פּראָשעניע". מיט דעם האָט שאָלעם אויסגענומען באַ אַלעמען. מע האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ קאָמוניסט. און דאָס איז ניט אַלעמען געווען צום האַרצן.
נאָר גיי דערצייל דעם טאַטן, אַז דאָס ערשטע ביכל האָט אים געבראַכט גראַד מענדל באָדניק, אַז דעם ערשטן שמועס וועגן די אַלע זאַכן האָט ער געהאַט מיט אוראַם ווײַסמאַן און אַז איוואַן קוזיק, וואָס איז גאָר געווען אַ שוסטער, האָט אויך אַ כיילעק אין דעם אַלעמען. און עפּשער איז מערער פאַר אַלץ „שולדיק" דניעסטער, וואָס פליסט ניט ווײַט פון זייער שטיבל, דער דניעסטער, אין וועלכן עס פליסן וואַסערן פון צוויי ביז גאָר באַזונדערע וועלטן. און יענע נײַע וועלט איז דאָך אָט־אָט, מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. מע זעט זי גאַנץ קלאָר, מע הערט דעם גערויש פון די טראַקטאָרס אויף די קאָלווירטישע פעלדער, עס הילכן אָפּ אַהער די קלאַנגען פון פריילעכע מונטערע לידער.
— גאָט וועט דיך שטראָפן! — האָט נאכמען אויסגעשריגן און אופגעהויבן אין דער הייך ביידע פויסטן.
און נאָך יענער נאַכט פון סליכעס האָבן זיי זיך מערער ניט געזען, דער טאַטע מיטן זון, ניט געזען און ניט גערעדט. אפילע, ווען ס'איז געקומען נאכמענס לעצטע שאָ.
טוליע איז שוין דעמלט געווען אַן עכטער אונטערערדלער. די רומענישע סיגוראַנצע האָט אים נאָכגעשאַטעוועט אויף שריט און טריט. יעדן טאָג האָט ער געדאַרפט אויסבאַהאַלטן זיך באַ עמעצן אַנדערש. בלויז די היימישע האָבן געוווּסט, ווו מע דאַרף אים זוכן.
— איך וועל גיין אָפּזוכן טוליען... — האָט אַ זאָג געטאָן די מאַמע און זיך אַ הייב געטאָן פונעם בענקל, וואָס איז געשטאַנען לעבן נאכמענס בעטל. נאָר נאכמען האָט זי אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט.
רעדן האָט נאכמען שוין ניט געקאָנט, האָט ער בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין. מע דאַרף, הייסט עס, ניט גיין, מע דאַרף ניט זוכן. דער צווייטער שאָקל מיטן קאָפּ און דאָס פאַרבײַסן מיט די ליפּן האָט געדאַרפט הייסן פיל מערער: ער וויל אים ניט זען!
נאָר דאָס איז געווען אַ ביסל שפּעטער. שוין נאָך דעם באַוווּסטן שטרײַק פון די כאָטינער קירזשנער, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט טאַקע ער, טוליע נאכמען דעם בעקערס.

## פאַראַן אויף דער וועלט אָרנטלעכקײַט!..

כאָטינער קירזשנער־יונגען!.. אַ גאַנצע פעלצן־אינדוסטריע, וואָס האָט געשפּײַזט אַלע גרויסע מערק און קליינע מערקלעך אין דער אומגעגנט, האָט זיך געהאַלטן אויף די אָנגעשטאָ־כענע, פאַרדעמבעוועטע און אויף פיל יאָרן אונ־טערגעפאַרבטע הענט פון די קירזשנער־יונגען, וואָס זײַנען פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן מיט די שמויסלעך אויף די קני און געסילעט אין די גראָבע נאָדלען מיט גרויסע אויערלעך אַ פאָדעם נאָך אַ פאָדעם.
פון די באַלעבאַטים האָט פונקט, ווי פון די אַרבעטער, געשמעקט מיט אויסגעווייקטער דעמבענער קאָרע, מיט שאַפענעם שווייס, כאָטש

אליין האָבן זיי די נאָדל אין די הענט ניט געהאַלטן. זיי האָבן געהאַט צו טאָן מיט די מערק.

אזעלכע באַלעבאַטים, ווי זוסיע קאַץ, מע־נאַשע עקסלבירט, מוישע קריוואַרוק, זײַנען אין כאָטין געווען באַ דרײַסיק, און געאַרבעט באַ זיי האָבן אריבער דרײַ הונדערט כעוורע. און אָט, אין סאַמע רעכטן ברען פון די האַרבסטיקע יאַרידן, האָבן די אַרבעטער פאַרשטרײַקט. וואָ־סי? זיי ווילן מערער ניט האַרעווען גאַנצע מעסלעסן און ווילן, מע זאָל זיי העכערן דעם לוין.

כאָטין האָט געראַוישט, ווי א בינשטאָק, אין כאָטין האָט געקאָכט, ווי אין א קעסל. דרײַ הונדערט קירזשנער האָבן געוואָרפן די אַרבעט און זײַנען ארויס אַף דער גאַס!

זוסיע קאַץ, וואָס איז געווען דער גאַבע פון דער קירזשנער־שול, האָט געקלאַפּט מיט די פויסטן אין באַלעמער און געשריגן אַפן פולן קאָל:

— ס׳איז זיי, די קאָמוניסטלעך, האָבן זיי אָנגערייצט. מיר האָבן זיי אויסגעלערנט א מעלאָכע, מיר גיבן זיי א שטיקל ברויט, און זיי...

דאַוויד פּייסעק, דער באַלעבאָס פון דער היי־גער גוראַלניע און דער גאַבע פון דער קאַסאַ־ווער שול, האָט זיך געהיצט ניט ווייניקער, ווײַל מיט וואָס איז ער זיכער, אז זײַנע אַר־בעטער וועלן זיך אויך ניט אָנשטעקן?..

— וואָס שווײַגט די פּאָליציע? — האָט ער געטײַנעט. — און וווּהין קוקט די סיגוראַנצע?

די פּאָליציי האָט ניט געשוויגן, און די סיגו־ראַנצע האָט געקוקט אַהין, וווּהין מע דאַרף. דערצו האָט זי געהאַט אזא גוטן שמעקער, ווי נאָכעם פערדל, וואָס האָט ארומגעיאָגט איבער די גאַסן און געסלעך, זיך אונטערגעהערט און אונטערגעקוקט און צוגעטראָגן דער סיגוראַנצע אַלץ, וואָס ער האָט געהערט, און אויך דאָס, וואָס ער האָט צוגעטראַכט.

פאַרוואָס ער האָט באַקומען דעם צונאָמען „פערדל”, ווייסט קיינער ניט. געוווינט האָט ער דאַפקע אין שנײַדער־געסל. אליין אויך אָנגע־הויבן לערנען זיך שנײַדערײַ, נאָר ווײַל ער איז געווען א גרויסער פּויליאַק, האָט ער גענו־מען זוכן גרינגע פּאַרדינסטלעך, און אז מע זוכט, געפינט מען. אייניקע האָבן אים גערופן נאָכעם פערדל, אנדערע — נאָכעם שמעקער, און אייניקע פּאַשעט — נאָכעם דער מאַסער. דאָס האָט טאַקע ער אָנגעשמעקט, אז טוליע נאַכמען דעם בעקערס איז איינער פון די גלאַוונע.

...גראָד איצט האָט נאַכמען זייער געוואָלט זיך דורכטײַנען מיט זײַן טוליען, נאָר טוליע ווײַזט זיך אפילו ניט אהיים. זינט יענער נאַכט פון סליכעס. מיט דער מאַמען, מיט די שוועס־טער און מיטן ברודער זעט ער זיך אַף דער גאַס, נאָר אין שטוב קומט ער ניט ארײַן. כאָטש אים ווילט זיך אויך אַמאָל זיך דורכשמועסן מיטן טאַטן, אָדער פּאַשעט זיך זען מיט אים. אַמאָל ווערט אים דערפון טאַקע שטאַרק ביטער אַפן האַרצן, ווײַל — א טאַטע!

נאָר איצט איז שוין אפילו קיין צײַט ניט געווען טראַכטן וועגן דעם, א שטרײַק איז ניט קיין שפּילעכל. א שטרײַק דאַרף מען קאָנען אויסהאַלטן, דערפירן ביזן סאָף. ווען אַלע שטרײַקער זײַנען כאָלאָסטיאַקעס, וואָלט נאָך געווען צו דערלײַדן. פאַראַן אָבער צווישן זיי טאַטעס פון קינדער, און מע דאַרף זאָרגן פאַר זיי, זיי זאָלן האָבן יעדן טאָג א שטיקל ברויט. און דאָס וויכטיקסטע זײַנען די פּיקעטן. ווײַל ס׳איז אוועק א קלאַנג, אז די באַלעבאַטים קלײַבן זיך אַראָפּברענגען פון ליפּקאַן א גאַנצע כאַפּטע קירזשנער.

דאָס איז געווען טאַקע טוליעס אײַנפאַל, אז אַלע שטרײַקנדיקע זאָלן זיך האַלטן אינאיינעם אינעם שנײַדערישן שולכל, וואָס באַ זיי אַפן הויף. ערשטנס, וועט קיינעם ניט אײַנפאַלן זוכן זיי אַפן סאַמע ברעג פון דער שטאָט, צווייטנס, וועט זײַן גרינגער בײַטן די וואַכטעס פון די פּיקעטן. מע קאָן אפילו דאָ זינגען א לידל אויך. מע דאַרף נאָר ניט צולאָזן אהער נאָכעם פערדל. כאָטש כאַפּט אים דער רוּעך, דעם מאַ־סער. ס׳איז איצט פאַר קיינעם ניט קיין סאָד. טאַקע דאָן איז געשען אזוינס, וואָס האָט טוליען א נעם געטאָן באַם האַרצן, און ער איז שוין געווען גרייט אוועקלויפן צום טאַטן. און גע־שען איז אָט וואָס:

אין איינעם א פאַרטאָג, ווי נאָר די ראָשטשי־נע איז אופגעגאַנגען, האָט נאַכמען גענומען באַקן פידפּאַלקעס.

— וואָס פאַרא פידפּאַלקעס אינמיטנדערי־נען? — איז ברײַנע געוואָרן אופגעטראָגן. — פּאַטערסט דאָך אוועק דאָס געבעקל ברויט!

— פרעג ניט קיין שײַלעס, — האָט נאַכמען אָפּגעענטפערט. — מיסטאָמע ווייס איך, וואָס איך טו.

און ווען אַפן לאַנגן טיש, אַף וועלכן ער שטעלט געוויינלעך אויס די ברויטלעך פאַרן אײַנזעצן, איז אויסגעוואַקסן א באַרג מיט פיד־פּאַלקעס, האָט ער זיך אָנגערופן צו דער ייִנ־גערער טאָכטער, צו כײַקען:

— פאַרנעם אָט דאָס אַלץ און טראָג אריבער אין שולכל.

באַם מיידל האָט זיך צעפלאַמט דאָס פּאָנעם.

— טאַטע, דו ווייסט, וואָס דאָס הייסט?

— אַדעראַבע?..

— דאָס הייסט מאָפּר, רויטע הילף!

זי, כײַקע, ווי אויך דער ייִנגערער ברודער ייִסראָעל, זײַנען בײַדע געווען אַקטיוויסטן פון

מאָפּר און האָבן שטילערהייט, דער טאַטע זאָל ניט וויסן, געזאַמלט געלט פאַר די פּאָליט־ארעסטירטע און פאַר די שטרײַקנדיקע.

— נו, מיילע, — האָט נאָכמען זיך געמאַכט, אַז ער איז שטאַרק באַרויגעז אַף איר. — ווי דאָס הייסט, ווייס איך בעסער פון דיר.

אָט דאַן, דערזעענדיק כײַקען מיט די פידפּאָלקעס, האָט טוליע געוואָלט אוועקלויפן אַהיים. ער האָט געוואָלט זאָגן דעם טאַטן... ער האָט אים געוואָלט זאָגן עפּעס זייער גוטס. נאָר כעוורע האָבן אים געוואָרנט, אַז ס'איז איצט ניט די צײַט פאַר אַזעלכע לויפּעניש.

און נאָכמען, אָפּשיקנדיק יעדן גאַנצפרי די פידפּאָלקעס אין שולכל, האָט איינמאָל א זאָג געטאָן:

— איך בעט בא גאָט נאָר איין זאַך, מע זאָל זיי כאָלילע ניט דאַרפן טראָגן קיין פידפּאָלקעס אין טורמע.

ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט. כאָטש געשען איז דאָס מיט א פּאָר יאָר שפּעטער, שוין נאָך נאָכמענס טויט. און יענעם שטרײַק, דעם שטרײַק פון צוויי־און־דרײַסיקסטן יאָר, האָבן זיי געוווּנען.

געפּאַקט האָט זיך טוליע מיט א טשעמאָדאַנדל „טרייפע" ביכלעך אונטער נאָוואָסעליצע. ער איז שוין דאַן געווען מערער אונטערערדלער, ווי קירזשנער, און אַרומגעשפּאַנט איבער די דערפער מיט פאַרשיידענע אויפטראָגן פונעם כאָטינער פּאַרטיי־קאָמיטעט.

■

כאָטין האָט פאַרמאָגט א טורמע מיט ביז גאָר אויסגעשולטע אויפזעער. די סיגוראַנצע־לײַט האָבן גוט געוווּסט די מעלאָכע פון ברעכן די ביינער, שטעכן די נעגל, אַרײַנקוועטשן די פינגער צווישן דער טיר אָדער גאָר אויפהענגען פאַר די פיס מיטן קאָפּ אַראָפּ אַזוי, אַז דאָס גאַנצע בלוט זאָל דיר אַרײַן אין פּאָנעם און דיר זאָל זיך דוכטן, אַז אָט־אָט וועלן די אויגן אַרויסשפּרינגען. א סאַך אונטערערדלער האָבן דאָס אַלץ אויסגעפּרוּווט אַף זיך, יעדערער איז אַרויס פון דאָרט מיט עפּעס א סימען אַפן גאַנצן לעבן: מיט אויסגעזעצטע ציין, מיט אַן איבערגעבראָכענער ריפּ, מיט אָפּגעקלאַפּטע לונגען.

אַזוי איז דאָס אויך געשען מיט טוליען. יעדע נאַכט — פאַרהערן, יעדע נאַכט — אַכזאָריעסדיקע פּײַניקונגען.

און ניט מערער, ווי א ווערסט פונדאַנען פליסט דער דניעסטער... און פון יענער זײַט דניעסטער — יענע נײַע וועלט, וואָס איז אַזוי צוציִענדיק, אַזוי טרוימעריש־דערהויבן, אַזוי נאָענט און אומבאַגרײַפלעך ווײַט. דאָ אין טור־מע, אַן אָפּגעשיידטער פון אַלץ און אַלעמען, פול מיט וווּנדן און ווייטעקן, וואָס וואַקסן אָן און ווערן אומדערטרעגלעכער נאָך יעדן פאַרהער, נאָך יעדער נאַכט, האָט טוליע נאָך מערער, נאָך שטאַרקער געפילט די נאָענטקײַט פון יענער נײַער וועלט...

דעמלט טאַקע בייסן קורצן און שווערן שלאָף איז אים געקומען צו כאָלעם דער טאַטע. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר טײַנעס קאָן ער צו אים האָבן. ער אַליין האָט דאָך אים פאַרווערט קומען. און ער, טוליע, איז דאַפקע געקומען, נאָר בלויז צוגעגאַנגען צום פענצטער און א קוק געטאָן אַף אים דורך דעם פאַרשטויבטן גלאָז. אַרײַנקומען אין שטוב האָט ער ניט געוואַגט. נאָר אַף דער לעווײַע איז ער דאָך געווען! גלײַך מיט אַלע! וואָס זשע פאַר טײַנעס קאָן ער איצט האָבן צו אים?

— דאָס שטראָפט דיך גאָט! — האָט דער טאַטע אויסגעשריגן און א ווײַז געטאָן מיטן פינגער אַרויף צום הימל.

— ניטאָ, ניטאָ קיין גאָט! — האָט טוליע געפּרוּווט שרײַען. — ניטאָ דאָרטן גאָרנישט ניט!..

ווען די מאַמע האָט אין א פּאָר טעג אַרום באַקומען א דערלויבעניש זיך זען מיט אים און געפרעגט, ווי ער פילט זיך, האָט ער איר געענטפערט:

— מיר איז דער טאַטע געקומען צו כאָלעם...

— דאָס איז צום גוטן, זונדעלע, — האָט די מאַמע זיך דערפרייט. — אָט וועסטו זען...

ס'האָט געהאַלטן ניט ווײַט דערפון, אַז דער מאַמעס נעוויִעס, דער מאַמעס טרוימען זאָלן מעקוּיעם ווערן. אין א פּאָר טעג אַרום נאָך דער באַגעגעניש האָט אים אַרויסגערופן צו זיך דער שעף פון דער סיגוראַנצע סטירטשאַ און מיט אַזאַ נעבעכדיקער מינע, גלײַך ער איז גאָט די נעשאָמע שולדיק, זיך אָנגערופן:

— אָט, איר זעט, מיר זײַנען זייער אָרנטלעכע לײַט. קיין אומשולדיקע מישפּעטן מיר ניט. מיר האָבן באַשטימט אײַך באַפרײַען. טוט א קוק אין פענצטער, אָט שטייט שוין אין דרויסן אײַער מאַמע און וואַרט אַף אײַך.

האָט טוליע א קוק געטאָן אין פענצטער. יאָ, זי שטייט, די מאַמע, אַף יענער זײַט גאַס, פאַריסן דעם קאָפּ אַרויף. זי וואַרט, זי קוקט אַרויס אַף אים.

— מיר דאַרפן פון אײַך בלויז איין קלייניקײַט, — האָט זיך אָנגערופן סטירטשאַ מיט דער זעלבער שטים, פול מיט גוטסקײַט, — רופט אָן די נעמען פון אײַערע כאַווײרים, פון אײַערע אָנפירער. ווער האָט עס אײַך אַרײַנגעשלעפּט...

— מאַמע, מאַמע! — דאָס האָט טוליע אַזוי אויסגעשריגן בלויז אין די געדאַנקען. — זײַ מיר מויכל, מאַמע!..

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן דער מאַמען, נאָר דערזען פאַר זיך דעם טאַטן. דעם טאַטן פון זײַן פרישן כאָלעם.

— האָסט געהערט, טאַטע, וואָס ער האָט געזאָגט? ער רעדט וועגן אָרנטלעכקײַט. ער וואַגט רעדן וועגן אָרנטלעכקײַט! און דו... דו רעדסט נאָך וועגן גאָט.

און דאָס האָט ער שוין אַרויסגערעדט אין דער הייך, צום שעף פון דער סיגוראַנצע.

— ריכטיק, פאַראַן אַף דער וועלט אָרנטלעכקײַט...

— איז ביטע, ביטע! — און דער שעף האָט אים אונטערגערוקט א בייגעלע פּאַפּיר. — נעמט, שרײַבט אָן...

— ניין, ניין. דאָס קיינמאָל ניט... טאַקע דערפאַר, וואָס אַף דער וועלט איז פאַראַן עכטע אָרנטלעכקײַט!..

ער איז געווען אַן עמעסדיקער אכזער, אָט דער סטירטשאַ. ער האָט א זעץ געטאָן טוליען מיטן פויסט אין פּאָנעם אַרײַן און אַרויסגעסיפּעט פון צווישן די ציין:

— אויב אַזוי!.. זאָל ער פייגערן אין קאַרצער!..

אכט און צוואַנציק טעג קאַרצער איז געווען זייער א גוטע צוגרייטונג צום געריכט. דער געפּײַניקטער זאָל זיך קוים האַלטן אַף די פיס און ניט קאָנען אַרויסברענגען קיין וואָרט.

דער געריכט האָט לאַנג ניט געדויערט. ער איז געווען ענלעך אַף פיל אַנדערע אַזעלכע געריכטן, ווען אַלץ איז שוין פאַרויס פּאַרמולירט און באַשטימט, און אַלץ ווערט געמאַכט אַפּגיך. צוויי יאָר קאַטאָרגע!

די גרעסטע שטראָף איז געווען דערקלײַבן זיך מיט די צעקאַליעטשעטע פיס קיין סוטשאַווע. דער קאָנוואָי האָט געפירט די גרופּע פאַרמישפּעטע צופוס פון איין דאָרף צום צווייטן. מע האָט דאָך געדאַרפט ברענגען די מענטשן מיט די געשוואָלענע פיס און מיט ווייטעקן אין יעדן אייווער אין אַזא צושטאַנד, אַז די טורמע אַליין, די סוטשאַווער קאַטאָרזשנע טורמע, זאָל זיך זיי מאָלן, ווי א גאַניידן.

דער אופזעער פון דער טורמע האָט זיי אופּגענומען ניט איבעריק גאַסטפרײַנטלעך. איבערגעבלעטערט דעם פּאַקעט מיט די דאָקומענטן, האָט ער זיך אַזש פאַרקרימט.

— פון בוקאָווינע? — האָט ער איבערגעפרעגט. — ביטערע קאָמוניסטן קומען אָן פון דאָרטן...

און א שמייכל געטאָן, ווי אַף טרייסטן זיך אַליין און א ביסל „אונטערמונטערן" זײַנע נײַע קליִענטן:

— אָבער, דעם עמעס געזאָגט, גייט ווייניק ווער פונדאַנען אַרויס.

דער אופזעער האָט ניט איבערגעטריבן. און מיט טוליען וואָלט געוויס אויך געשען דאָס זעלבע. נאָר אין דער קאַטאָרזשאַנער טורמע איז צווישן די פּאָליט־אַרעסטירטע געווען זייער שטאַרק דער געפיל פון כאַווערישקײַט, פון קעגנזײַטיקער הילף. און דאָס איז גויווער געווען אַלע בייזע קאַוואָנעס פון די הענקער.

אַוואַדע האָבן די פאַרמישפּעטע דורכגעמאַכט א גוטע שול פון עכטער פרײַנטשאַפט און אָרנטלעכקײַט, געטיילט זיך מיטן ביסן, מיטן לעצטן העמדל, געהיילט איינער דעם אַנדערן די ווונדן, אויב טוליע געדענקט נאָך ביז הײַנט זײַנע כאַווירים און פרײַנט פון דער סוטשאַווער טורמע: אַדאַם גערשגאָרן, שײַע שענקערמאַן און נאַכמען ווײַנשענקער פון ליפּקאַן, מיקאָלאַ גוצול פון קעלמענעץ און כריסטאָפאָר סאַקאָלאָוו פון יעדינעץ. דער באַלעבאָס פון אַזא רײַן־רוסישער פאַמיליע, ווי סאַקאָלאָוו, איז געווען א מאָלדאַוואַן, און די ברידער פּיאָטער און וואַסיל טשאָלדאַק זײַנען געווען גאָר ציגײַנער. נאָר די אַלע נאַציאָנאַלע באַזונדערקײַטן זײַנען ניט געווען פאַר קיינעם קיין מעכיצע. יאָ, פאַראַן אַף דער וועלט אַזא זאַך, ווי אָרנטלעכקײַט, עכטע אָרנטלעכקײַט און גערעכטיקײַט, הויכע אידעאַלן, לעשעם וועלכע דער מענטש איז גרייט אַף אַלץ: גיין אַף די גרעסטע מאַטערנישן און ליידן, און אויב מע דאַרף — מאַקריוו זײַן פאַר דעם דאָס לעבן.

## דער הײַנט מיטן נעכטן

די וואַטע־פאַבריק געהערט ניט צו די גרעסטע אונטערנעמונגען פון טשערנאָוויץ. זי קומט ניט צו דעם מאַשינבוי־זאַוואָד, צו דער טעקסטיל־פאַרייניקונג „וואָסכאָד" און צו דער ניי־פירמע „טרעמביטאַ". און דער נאָמען אַליין — וואַטע־פאַבריק — איז אויך ניט קיין איבעריק קלינגענדיקער. טאַקע דאָס האָט מיך געבראַכט אַהער. איך האָב געוואָלט דערוויסן זיך, ווי זעט אויס, ווי לעבט און אַרבעט א פאַבריק, וועגן וועלכער מע שרײַבט זייער זעלטן אין די צײַטונגען.

א פאַבריק, ווי אַלע פאַבריקן, מיט אירע צעכן און וואַרשטאַטן, מיט אירע פּלענער און סאָציאַליסטישע פאַרמעסטונגען, מיט אירע דערפאָלגן און דײַגעס און מיט אַלע איבעריקע זאַכן, מיט וועלכע עס לעבט א סאָוועטישע אונטערנעמונג אין די טעג און כאַדאָשים פון נײַנטן פינפיאָר. ווי אַף אַלע אונטערנעמונגען, אַרבעט דאָ אַן אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטערקאָלעקטיוו, וואָס באַשטייט פון רוסן, אוקראַינער, יידן, מאָלדאַוואַנער און פּאָליאַקן. די דרײַהונדערט אַרבעטער שרײַבן דאָ אויס ניט ווײַ־

ניק רוסישע צײַטונגען „פּראַוודאַ" און „איזוועסטיִאַ", די אָרטיקע אוקראַיִנישע צײַטונג „ראַדיאַנסקאַ בוקאָווינאַ" און די מאָלדאַווישע צײַטונג „זאָרילע בוקאָווינאַ". פאַראַן אַף דער פאַבריק אויך דרײַסיק אַבאָנענטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד". אַליין דער דירעקטאָר, אַנאַטאָלי נאַומאָוויטש טוטעלמאַן, איז אַן אַקטיווער לייענער און פרײַנט פונעם זשורנאַל, און דער הויפּט־בוכהאַלטער מאָיִסיי יאָסיפּאָוויטש מאַנדעל איז ניט נאָר אַ לייענער, נאָר אויך אַ שרײַבער. איך מיין, אַז אַלעמען איז פּונקט ווי מיר געפעלן געוואָרן מוישע מאַנדעלס דערציילונג „די לעוואָנע האָט געשמייכלט", וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אינעם ערשטן נומער פונעם זשורנאַל פאַר הײַנטיקס יאָר. באַטאָג האָט מוישע מאַנדעל צו טאָן מיט ציפערן, מיט טאָנען, מעטערס און רובלען, מיט די פּראָבלעמען פון רענטאַבלקײַט, מיט רעוועך, מיט אַרבעט־לוין און פּרעמיעס, און בײַנאַכט שרײַבט ער דערציילונגען אַף ייִדיש. עפשער דערפאַר זעט ער באַטאָג אויס אַ ביסעלע פאַרשלאָפן און די אויגן זײַנע בלאָנדזשען. אַרום ערגעץ ווײַט, אָפּטמאָל אין וועלטן ווײַט ניט קיין רענטאַבלנע. נאָר איך מיין, אַז צו זײַן אַרבעט שאַדט דאָס ניט.

בין איך געזעסן אין אַ וואָכעדיקן טאָג באַם דירעקטאָר אין קאַבינעט, געפּרוּווט פאָרזעצן דעם אָנגעהויבענעם שמועס וועגן די געשעענישן פון ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט, נאָר פון דעם האָט זיך גאָרנישט ניט באַקומען. אַלעמאָל איז אַרײַנגעקומען עמעצער אַנדערש, יעדערער מיט דרינגענדיקע פראַגן, וועלכע מע האָט געדאַרפט טייקעף לייזן. צוערשט איז אַרײַנגעקומען דער הויפּט־אינזשעניער יעכיִעל איסאַקאָוויטש קאָטליאַר, און ס'איז אַוועק אַ שמועס וועגן דעם נײַעם צעך, וואָס מע דאַרף בויען. דערנאָך איז אַרײַנגעקומען דער הויפּט־מעכאַניקער יעפים יאַקאָוולעוויטש דאָרפמאַן מיטיילן דעם דירעקטאָר וועגן דער אַרבעט פון די ניט לאַנג אַוועקגעשטעלטע נײַע וואַרשטאַטן. אינמיטנדערינען איז אַרײַנגעקומען דער שלאָסער וויאַטשעסלאַוו טאָמאַש זיך אָן אייצע האַלטן וועגן דער ראַציִאָנאַליזאַציע, וואָס ער האָט אינײנעם מיט יאַנקל סלאָביצקערן פאָרגעלייגט. בײַסמײַסע איז אַרײַנגעקומען דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פּיאָטער איוואַנאָוויטש טיורין מיט וויכטיקע פּאַרטייִשע איניאָנים. שוין ניט קיין יונגע פרוי, אַן אַרבעטערן פונעם וואַטין־צעך, איז געקומען צום דירעקטאָר מיט אַן אָנקלאַגע: זי איז, לויט איר מיינונג, געקריוודעט געוואָרן בײַסן פאַרטיילן די פּרעמיעס.

האָב איך קיין אַנדער ברירע ניט געהאַט, ווי זיצן און צוהערן זיך. איך האָב זיך געפילט אַ ביסל ניט מיט אַלעמען, ווײַל באַ מיר איז אויסגעקומען, אַז איך הער אונטער אַזעלכס, וואָס אַ זײַטיקער דאַרף עפשער ניט הערן. איך בין אָבער געווען צופרידן דערמיט, וואָס ניט־ווילנדיק האָב איך באַקומען אַ מעגלעכקײַט זען, פון וואָס באַשטייט און ווי זעט אויס דער אַרבעטסטאָג פון אַן אָנפירער פון אַ פאַבריק. וויפל פּראָבלעמען, פראַגן, גרעסערע און קלענערע, עס קומט אים אויס לייזן פאַרן טאָג, וויפל סאַמע פאַרשיידענע איניאָנים פאָדערן זײַן דירעקטע אַרײַנמישונג! אין איין פאַל איז גענוג זײַנס אַ גוט וואָרט, אין אַ צווייטן — אַ קלונג אין טעלעפאָן, אין אַ דריטן פאַל דאַרף מען אָפּזיצן אַ שאָ און מער, ווײַל מע דאַרף לייזן פראַגן, פון וועלכע עס הענגט אָפּ דער פּלאַן, די קוואַליטעט, דאָס רעאַליזירן באַצײַטנס די פּראָדוקציע, און פון דעם — דער אַרבעטסלוין פון די אַרבעטער. פאַראַן אויך ניט ווייניק זאַכן, וואָס דער דירעקטאָר איז ניט אימשטאַנד צו לייזן, ער קאָן בלויז אַ רײַב טאָן דעם שטערן, אַרויסלאָזן אַ טיפן זיפץ און אַ נעם טאָן דאָס טרײַבל אַף אָנקלינגען קיין קיִעוו, אין מיניסטעריום. מיר דוכט זיך, אַז דאָס זײַנען די סאַמע שווערסטע מינוטן באַם דירעקטאָר. כאָטש דער גאַנצער טאָג איז ניט קיין גרינגער.

איך האָב געמוזט בײַזײַן אויך באַ אַזאַ טעלעפאָן־געשפּרעך. פון פּאָלטאַווע האָט אָנגעקלונגען דער הויפּט־אינזשעניער פון דער טעקסטיל־אונטערנעמונג, וואָס שטעלט צו דער פאַבריק אַ טייל רויוואַרג. פון דעם ניט איבעריק אָנגענעמען שמועס האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער סיכסעך צווישן ביידע פאַבריקן ציט זיך ניט פון נעכטן אָן, אַז די פּאָלטאַווער האָבן שוין ניט איין מאָל צוגעשטעלט אַהער רויוואַרג, וואָס האָט ניט אַנטשפּרעכט דעם סטאַנדאַרט. אַ פּאָר מאָל האָט מען געמוזט דאָ צונויפשטעלן די געהעריקע אַקטן, און איצט האָט די פאַבריק אינגאַנצן זיך אָפּגעזאָגט באַקומען די לעצטע פּאַרטיע רויוואַרג. איך ווייס ניט, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אַף יענעם עק פון דער טעלעפאָן־ליניע, נאָר די ווערטער פונעם הויפּט־אינזשעניער פון פּאָלטאַווע האָבן, אַפּאָנעם, אַרויסגעפירט טוטעלמאַנען פון די קיילים.

— אָבער ס'איז דאָך פאַראַן אַף דער וועלט אַזאַ זאַך, ווי אָרנטלעכקײַט! — האָט ער אויסגעשריגן און אַ ביסל אַ פאַרפלאַמטער, אָן אופגערעגטער, אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל.

ער האָט זיך טייקעף באַרויִקט. און ווען אין קאַבינעט איז ענדלעך געוואָרן פרײַער, האָט ער מיר גענומען אויסלייגן אַלע ציפערן און די צײַגערס, מיט וועלכע די פאַבריק האָט רעכט צו שטאָלצירן. איך דערוויס זיך, אַז אין פאַרגלײַך מיטן 1965 איז די פּראָדוקציע פון דער פאַבריק אויסגעוואַקסן אין צען מאָל אַזויפיל,

אַז פאַר די לעצטע פֿאָר יאָר איז די אויס־
שטאַטונג קימאַט אינגאַנצן באַנײַט געוואָרן,
דערצו זײַנען פאַרווירקלעכט געוואָרן צענדלי־
קער ראַציאָנאַליזאַטאָרישע פֿאָרשלאָגן פֿון די
אַרבעטער און אינזשעניערן, וואָס האָבן פֿיל
געהעכערט די אַרבעט־פּראָדוקטיווקײַט און גע־
געבן ניט ווייניק עקאָנאָמיע; אַז דער פּלאַן
פֿונעם ערשטן יאָר פֿונעם נײַנטן פֿינפֿיאָר האָט
די פֿאַבריק איבערגעשטיגן און אַז דער אַר־
בעטער־קאָלעקטיוו האָט איצט גענומען אַף זיך
הויכע סאָציאַליסטישע פֿאַרפֿליכטונגען לעקאָ־
וועד דעם פֿופֿציקסטן יובילײַ פֿונעם סאָוועטנ־
פֿאַרבאַנד.

איך האָב אויפֿמערקזאַם פֿאַרצייכנט באַ זיך
אין בלאָקנאָט די אַלע ציפֿערן, נאָר מיר האָבן
די גאַנצע צײַט געקלונגען אין די אויערן די
ווערטער, וואָס אַנאַטאָלי נאַומאָוויטש האָט נאָר־
וואָס אַרײַנגעשריגן אין טעלעפֿאָן־טרײַבל, ווער־
טער, וואָס דערמאָנען אין גאָר לאַנגאָניקן,
ווערטער, וואָס זײַנען אַמאָל אויסגעשריגן גע־
וואָרן באַ ביז גאָר אַנדערע אומשטענדן.

■

פֿון דער טורמע האָט ער אַליין אַרויסגיין
טאַקע ניט געקאָנט. מע האָט אים געדאַרפֿט
אַרויסטראָגן. דערנאָך איז ער נאָך אַ גאַנץ יאָר
אָפּגעלעגן אין טשערנאָוויצער שפּיטאָל, גע־
היילט די צעקאַליעטשעטע פֿיס. ער האָט ניט
געהאַט קיין איין גאַנצן אייווער. און דעריי־
קער — די אויגן. אין זײַנע מוטנע אויגן, אין
זייער גלײַכגילטיקן בליק זײַנען געווען זייער
ווייניק סימאָנים פֿון לעבן. און דאָס האָט מע־
רער פֿאַר אַלץ געשראָקן די דאָקטוירים.

יענעם אָפּרו־טאָג, ווען מיר זײַנען געזעסן באַ
די טוטעלמאַנס אין שטוב, דערמאָנט זיך אין די
ווײַטע, ניט קיין פֿריילעכע צײַטן און דיסקוטירט
מיטן יונגן קינסטלער בראָניסלאַוון וועגן די
פּראָבלעמען פֿון קונסט, האָט דער טאַטע זײַנער,
דער איצטיקער אַנאַטאָלי נאַומאָוויטש און דער
אַמאָליקער טוליע נאָכמען דעם בעקערס, אַרויס־
געקראָגן פֿון זײַן אַרכיוו צוויי פֿאָטאָ־בילדער.
דאָס ערשטע — אַ געוויינלעך בילד פֿון אַ
צוואַנציקיאָריקן באָכער, אַן עמעסער קירזשנ־
נער־יונג מיט אַ קײַלעכיק פּאָנעם און גלאַנציי־
קע אויגן, אַ באָכער אַ גוואַר, וואָס קאָן בײַקו־
מען אַלץ: מעג ער ניט דערעסן און ניט דער־
שלאָפֿן, אַרומשפּאַנען פֿון דאָרף צו דאָרף אָדער
אויסבאַהאַלטן זיך אַלע מאָל ערגעץ אַנדערש
פֿון די סיגוראַנץ־לײַט. דאָס צווייטע בילד איז
שוין ביכלאַל קיין בילד ניט. ווי עפּעס אַ שרעק־
לעך געמעל, גלײַך עמעצער פֿון די הײַנטצײַטיקע
קינסטלער האָט זיך באַמיט אָנמאָלן דעם אויס־
זען פֿון די אַסירים פֿון די פֿאַשיסטישע קאָנצ־
לאַגערס. עס שטייט אַ מענטש, וועמענס עלטער
איז שווער פֿעסטצושטעלן. אַ סקעלעט אַף קור־
ליעס, מיט אויסגעלאָשענע אויגן... געוויס האָט
געדאַרפֿט געשען זייער שרעקלעכס, אַז פֿאַר
צוויי יאָר טורמע זאָל אַ יונגער באָכער זיך אַזוי
ענדערן.

איך שטעל זיך פֿאָר, אַז מיסטאַמע האָט בראָ־
ניסלאַוו אויך פֿריִער געזען אָט דאָס בילד, נאָר
זיך ניט פֿאַרטראַכט איבער דעם. איצט האָט ער
עס באַקוקט מיט נײַע אויגן. און ווידער אַ קוק
געטאָן אַפֿן טאַטן, ווי זוכנדיק אין אים די
שטריכן, די שפּורן פֿון יענער ווײַטער צײַט.

אָט אַזאַ האָט מען געבראַכט טוליען אין
טשערנאָוויצער שפּיטאָל. געהיילט האָבן אים ניט
קיין שלעכטע דאָקטוירים, נאָר אָפּגעראַטעוועט
זײַן לעבן האָט די מעדיצינישע שוועסטער סאָ־
ניע, אַ יונג מיידל פֿונעם שטעטעלע ריטשקאַן,
וועלכע איז אויך געווען אַן אַקטיווע טוערן
פֿונעם רעוואָליוציאָנערן אונטערערד אין יאַס,
אין גאַלאַץ און אויך אין טשערנאָוויץ. אַ יאָר
צײַט איז זי ניט אָפּגעטראָטן פֿון זײַן בעט. גאַנ־
צע מעסלעסן. די זעלבע סאָניע איז אין אַ פּאָר
יאָר אַרום געוואָרן זײַן פֿרוי.

איצט האָט בראָניסלאַוו שוין געקוקט בלויז
אַף דער מאַמען, וועלכע איז גראָו געוואָרן,
מעגלעך, אויך פֿאַר דער צײַט. וואָס האָט ער
איצט געוואָלט דערזען אין איר? די אַמאָליקע
מעדיצינישע שוועסטער, וועלכע האָט זיך פֿאַר־
ליבט אין אַ זעקל ביינער?

טוליע איז נאָך לאַנג און זייער לאַנגזאַם גע־
קומען צו־זיך. נאָך דער טורמע און נאָכן שפּי־
טאָל. איז דאָס גאַנצע פֿאַרדינסט פֿונעם ייִנגערן
ברודער, ייִסראָעל, אַוועק אַף דאָקטוירים און
אַדוואָקאַטן. פֿון דאַן אָן קאָנען זיי זיך ניט פֿאָר־
שטעלן איינער אָן דעם אַנדערן. אָט אַזוי לעבן
זיי — איין מישפּאָכע.

— יאָ, — האָט ווידער זיך אָנגערופֿן ייִס־
ראָעל. — ווען דער טאַטע מיט דער מאַמען
זאָלן איצט קאָנען אַ קוק טאָן אַף זייערע קינ־
דער און אייניקלעך...

און איך האָב בייסמײַסע אַ טראַכט געטאָן, אַז
נאָך אַלעמען איז ניט ווייניקער וויכטיק, אַז די
קינדער און די אייניקלעך זאָלן קאָנען ווי גע־
העריק אַ קוק טאָן אַף זייערע טאַטעס און זיי־
דעס. מוז איך נאָכאַמאָל איבערכאַזערן מײַן בײַ־
טע צום יונגן קינסטלער:

— מאָל אָן דײַן זיידן! און דײַן באָבען... און
דײַן טאַטע־מאַמען...

## מאַטל גרוביאַן

# לעצטע לידער

### דער בוים

וואָס נאָך קען טאָן דער בוים,
ווען דו קומסט מיט דער האַק
צו זײַן שטאם? —
ער צינדט אָן פאַרן טויט אין רוים
די קרוין זײַנע אין פלאַם
פון דער זון, וואָס דערברענט.
איך וואָלט אויך אַנדערש שטאַרבן
ניט געקענט.
מײַן געזאַנג איז אין רוים
מיט דער זון, וואָס דערברענט.
מע זאָגט: שטאַרק איז דער,
בא וועמען די האַק איז אין די הענט.
דאָך רים איך דעם בוים,
וואָס האָט, שטאַרבנדיק, זינגען געקענט.

### צו א פרײַנט

אין לעצטן טאָג, וואָס דו האָסט געלעבט,
האָבן מיר מיט דיר אופגעגעסן צוויי קאַרפּן־קעפּ
און אויך אויסגעזופט א טראָפּן ווײַן.
ווען מיר זאָלן מיט דיר געוווּסט זײַן,
וואָלטן מיר אין דעם טאָג אויסגעזשליאָקעט דעם יאַם
פאַר דײַן ליד, וואָס האָט מיט אזא העלישן פלאַם
א גאַנץ לעבן אין יידישע הײַזער געברענט;
פאַר די, וואָס האָבן ניט סאַמען, נאָר ראַטעווען געקענט.
אין לעצטן טאָג, וואָס דו האָסט געלעבט,
בין איך געשטאַנען בא דײַן צימער אף די טרעפּ,
געזען: דײַן אָרן שוועבט איבער קעפּ, ווי אָן וואָג,
און געטראַכט, אז מײַן האַרץ
דיר אונטערלייגן וואָלט איך געקענט,
דו זאָלסט זיך אומקערן צוריק צו דײַן טיש, וואָס ברענט,
ווי ס׳קערט זיך אום דער פאַרגייענדיקער טאָג...

---

פון דער ליטעראַרישער ירושע.

• • •

דערווײַל וויגן זיך נאָך אזוי
די וואָגשאָלן.
דער גאזלען הענגט אויף
אפן בוים דעם מאָלער —
און דער מאָלער, פול מיט טרוים,
מאָלט מיט לעצטן בליק
די שײנקײַט פון בוים,
ער מוז זיך מיט דער וועלט
צעצאָלן!
און דאָ — ניט קײן שטראַל,
נאָר דער שטריק.
צום גליק — א ביסעלע זון
דעם מאָלער אין אָפּענעם העמדל
פאַלט,
פול מיט פאַרבן געטלעכע
דער שטומער וואַלד,
און ס'ווילט זיך אזוי ניט שטאַרבן;
א ניגן זיך וועבט
צווישן בערג און טאָל —
און בלײַבט, און לעבט דערווײַל,
ווען ס'וויגן זיך נאָך אזוי
די וואָגשאָלן...

6 מײַ 1971

## באַם פענצטער

הער זיך אײַן, בערל!
קריך ניט
צום רעגנבויגן
מיט דײַן שערל,
מאַך ניט מעשוגע די וועלט.
מע דאַרף אײדל
זײַן כאָטש א ביסל.
דו האָסט זיך צום רעגנבויגן
אפן פענצטער געשטעלט
און ס'האַרץ מיר צעריסן,
מיט דער פלײצע
דעם הויכן הימל
פאַרשטעלט;
פײַכט,
ווי דער רעגנבויגן,
זײַנען מײַנע אויגן.
איך פאַרשטײ ניט די וועלט?..

קוקט אַף מיר בערל,
טרעפט אין מײַן נעשאָמע
מיט זײַן נאָדל־פאָדעם
און פאַרצויגן
א זעמערל זינגט,
דאָס פרעסל צעוויגט.
— צי ווייסטו, בען־אָדעם,
אז דו ביסט אין הימל
קעסיידער געפלויגן,
און באַ מיר
אונטערן שערל
דער רעגנבויגן ליגט.

7 מײַ 1971

## ג א נ צ פ ר י

כ'בין א גאַנץ לעבן
ארום א טרער
געלאָפן —
כ'האָב געקענט זי
מיט א בערגל פאַרגלײַכן,
די זון
אין איר געזען,
ווי אין א שפּיגל.
כ'האָב נאָך ניט געוווסט
דעם אומגליק,
וואָס איז נאָענט
מיט מיר געשלאָפן;
פון דעם בערגל
א פלײץ געטאָן
האָבן צעבונטעוועטע טײַכן,
און איך קעגן שטראָם
בין ארויס אנטקעגן —
ניט קײן טײַך, נאָר א יאַם
פאַרשווענקט
אלע ברעגן,
וויש אָפּ די טרער,
זאָלן ניט די אויגן!
מאָרגן גאַנצפּרי
וועט די אלטע ערד
ארויס אָן טרויער
דורך דעם טויער
פון פרישן
און יונגן
רעגנבויגן.

8 מײַ 1971

# א וואָגן אין פעלד

צו פרי דער וועלט
א זײַ־געזונט זאָגן,
וואָס זשע קאַרקעט
נאָך די סאָווע?

ס׳שטייט אינמיטן פעלד
מײַן וואָגן
פול מיט קסאָווים,
און די פערדלעך
אויסגעשפּאַנט
דערווײַל זיך פּאַשען,
איידער פּאַרקען
כ׳נעם זיך
אין די קסאָווים,
צו דעם טײַך
איך לויף די הענט
צעוואַשן —
לידער הייליקע
א גאַנצער וואָגן,
פון פלאַם־פײַער
אַרויסגעטראָגן.

דורכגעווייקטע
ניט פון רעגן,
פון מײַן בלוט
אַף אַלע וועגן!
וואָס זשע קאַרקעט
נאָך די סאָווע,
אַז עס וועט שוין
מער ניט טאָגן?
מיר דאָס לעבן
זיך פאַרלענגערט,
ווען איך שפּאַן
די פערד אין וואָגן,
זאָג זיי צו
אַן אָס פאַרטײַטשן
פון געראַטעוועטע
קסאָווים.

14 יון 1971

# אַן אָריגינאַל

כ׳בין אַן אָריגינאַל:
איך לאַך, ווען פון א זיבעטן עטאַזש
פון פענצטער איך פאַל.
איך לאַך און וויין,
ווען אַף מײַן סטעליע
א שטריק זיך וויגט
פאַר די, וואָס האָבן מײַן פּאַלק
געשטיקט!
כ׳בין אַן אָריגינאַל:
מיט מײַן פערדל
שפּרינג איך איבעראַל,
איבער שײַטערס, שפּאַרבער־נעסטן,
שפּרינג איך צו מײַן
ריינעם לידער־קוואַל!
כ׳בין אַן אָריגינאַל:
אָפּט אַליין א צעפּלאַכטע פערדל,
און אַף מיר איז שווער צו רײַטן.
גרינע פעלדער,
פרישע פעלדער —
און דאָס אַלטע בײַטשל?
נאָך א שמיץ
און נאָך א קנאַל,
מע מוז זיך פירן לײַטיש; —
ס׳טאָגט דאָך שוין, א זונען־שטראַל
פּאַקט, און ניט דאָס בײַטשל!
גרינע פעלדער,
פרישע ערדן,
שלינג און שלינג די ווײַטן,
ווידער קום איך צו מײַן יוגנט־קוואַל;
איך בין איצט דער רײַטער.

12 יול 1971

• • •

כ׳האָב דאָ ברויט
געקויפט פאַר לידער,
זיי האָבן מיר
דאָס האַרץ צעשטאָכן;
נאָר מײַן צווײַג
איז ניט צעבראָכן,
כאָלע עס איך
אײַנדערוואָכן.
דאָס איז אָבער
ניט דער איקער,
ווען די וועלט
פון בלוט איז שיקער.

12 סענטיאַבער 1971

## שפּעט

פאַר וועמען האָסטו דאָס אָפּגעטאָן, פאַר מיר?

כ׳בין דיר עס ניט מויכל,
כאָטש שטאַרבן איך האָב קיין קויעך ניט,
און לעבן שווער איז אָן דיר.
סע עגבערט דעם מויעך מיר
דײַן ליד, דײַן פּלוצעם ניט ווערן;
קיין גראָב וואָרט פון מיר
וואָלסטו איצט קיינמאָל ניט הערן.
ס׳גייט מיר דורך איבערן לײַב א קעלט,
ביסט אוועק, און שפּעט זיך דערוווּסט,
אז א לינקן שטיוול טראָגט די וועלט
אף איר רעכטן פוס...

7 אווגוסט 1971, יערשאָווע

## אן אלטע ברעט

מײַן טאַרע־ברעט פלאַמט,
ס׳איז צו גלויבן;
כ׳האָב זי ארויסגעריסן
פון יענעם וואַגאָן, ווו די רויבער
האָבן מיך צום טויט געפירט!
ניטאָ אזא יאַם,
וואָס זאָל זי פאַרלעשן,
ניטאָ אזא ערד,
וואָס זאָל זי פאַרגעסן!
צו וואָסער א ברעג
זאָל איך מיט איר שווימען?
א שײַטער צעלייגן,
זי פאַרברענען אין פלאַם, —
וועט פון איר אש
פינצטער ווערן אין הימל.

20 נאָיאַבער 1971

## באַם לעבן

איך זאָג דיר צו ניט נאַריש זײַן,
אליין באַם לעבן אלץ באַוואָרענען,
אז שטעלן אף מײַן פלויט
זאָל זיך קיין וואָראָן ניט —
עפּעס נאַשן נאָך מײַן טויט
פון מײַן יערושע דער ליטעראַרישער;

איך זאָג דיר צו — אין מײַן אומאָרדענונג
אליין באַם לעבן אלץ באַזײַטיקן;
לידער „זיבעלעך" אין וויגעלע דערמאָרדן,
דעם פאָרהאַנג עפענען פאַר מײַנע ווײַטן.

און אויב, כאָלילע, ניט באַווײַזן כ׳וועל,
פון בעט זיך אופהייבן ניט קענען? —
מײַן ניט־דערשריבענע ליד
ניט ברענג צו דער וועלט,
זאָלסט מיט האַסמאָדע זי פאַרברענען.

און ס׳ביסל אש ארום א בוים
שיט אויס, און די ערד באַפרוכפּער,
באַ וועמען רײַסט ניט איבער זיך דער טרוים
אין סאַמע מיט פון זוכן?

מיט זון מײַן פענצטער איז באַזוימט —
דאָס האַרץ מיר וויל דערוואַרעמען;
א צווײַג איך בין פון לעבעדיקן בוים,
פון אים מײַן יערושע די ליטעראַרישע.

20 יאַנוואַר, באַלשעווער באָר

## ווינטער

ווי דו ווילסט, נאָר ס׳איז דער ווינטער
זייער שיין,
ווי פון צוקער זײַנע צײַן,
און דער הימל איין גרויסער טינטער —
טונק א צווײַגל אײַן און שרײַב,
ווילסטו — שירים, קענסט אויך פּראָזע,
דעריקער ערלעך צו זיך פאַרבלײַב!
ווו און ווי און וואָסער ווינטער?
ס׳טרעפט, די הויט פון דיר ער רײַסט;
אויב דו ביסט א סאָלדאַט אָן אויסגעדינטער,
ווייסט גוט, וויפל ס׳איז די פּרײַז —
בלײַבן טרײַ און ניט פאַרלאָזן
דעם פּאָסט, וואָס דיר איז אָנגעטרויט.
צי געדענקסטו קאַרבישעוון און זײַן טויט?
מיט פאַשיסטן האָט די וועלט
דעמלט געמאָזלט —
פון גענעראַל געשונדן מ׳האָט אין געפענק
די הויט,
און ער געקענט האָט ענדערן זײַן מאַזל,
נאָר פאַראַט געווען ז׳די פּרײַז,
ער וואַרפט עס אָפּ מיט צאָרן,
און זיי, די דײַטשן, מאַכן פון אים אײַז,

א סלוף פון אײַז איז ער געוואָרן!
ווו און ווי די זון זאָל ניט ברײַען,
טראָג איך פאַר אָט דעם מענטשן פרישע
קווייט,
ס'קען דער זומער ס'אײַז ניט צעגלײַען,
און דער שענסטער ווינטער
קען ניט אויסרײַסן מײַן ווייטעק!

21 יאנוואר 1971, באַלשעווע

• • •

איך בין אייביק אין קרײַז
פון לעבן און טויט,
און מיט דעם בין איך רײַך.
איך האָב זיך קיינמאָל
ניט געפאַרבט פון רויט
אַף ווײַס
און פאַרקערט,
ווען ס'האָט מיר געדראָ'ט
טויט.
מיר איז אויסשטיין באַשערט
דעם אָנפלוס פון טײַך,
און ווען איך פאַנצער פון אײַז
ער ליגט פאַרשלאָסן,
פון מײַן טרער ער צעגייט —
מיט מיר אין אייביקן קרײַז
פון לעבן און טויט.

יאנוואר 1972, באַלשעווע

## מײַן פעקעלע לידער

ווען מיר וועט אומעטיק ווערן
אפן בעסוילעם ליגן, —
דעם קוואָרעס־יידן אָפּטאָקן
וועל איך א גראָבן ליגן...
און אליין וועל איך
נאָך מײַן לידער־העפטל
אהיים־צו פאַרלויפן,
און א שאכטל פּאַפּיראָסן
מיטן וועג זיך קויפן,
און זיצן אפן קייווער
און שמעקן דאָס גראָז,
און עגבערן וועט מיך
אלץ דער פאַרדראָס:
א פעקעלע לידער
דער וועלט געלאָזט,
זיי האָבן בלוט א יאָם
און ס'לעבן געקאָסט,
איך האָב זיי געשליפן,
ווי דימענט־גלאָז.

יאנוואר 1972, באַלשעווע

• • •

אזא מין לעבן, מע טראָגט מיר
זויערקישעלעך א גאַנצע נאַכט,
אָבער איך לעב נאָך, מיר דאַכט:
עפעס שעפטשען די ליפּן —
איך פיל, די נאָדל צווינגט צו לעבן,
פאַר די אויגן טײַבעלעך ווײַסע שוועבן.
דער דאָקטער זאָגט, כ'וועל לעבן,
ניט איך וועל, נאָר איך וויל,
מיר געפעלט ניט די שפּיל.
דו וועסט קומען, און איך בין שטום,
אין אלע ווינקעלעך, אומעטום,
ווו איך האָב מײַן ליד געפעסטעט,
מעגלעך, די שורעס וועלן פרירן,
מענטשן דאַרפן, מעגלעך, דיכטונג,
כ'פרעג,
און ס'רײַסט מײַן הארץ זיך איבער
איינמיטן וועג.

8 פעווראל 1971



פאַקסימילע פון מ. גרוביאַנס לעצטער ליד „אזא מין לעבן, מע טראָגט מיר...", וועלכע מ. גרוביאַן האָט אָנגעשריבן א פאָר שאָ פאַרן טויט.

• • •

# דורך זיבן טויטן

מיר פארעפנטלעכן דאָ די פארשריבענע רעדע, וואָס שיקע דריז האָט געזאָלט האלטן אין צוזאמענהאנג מיט מאָטל גרוביאנס זעכציקיאָריקן יובילײ דעם 12 יוני 1969.

רעד. „סאָוועטיש היימלאנד"

קווידעמקאָל וויל איך מעלדן מײַנע פרײַנט און לייענער, אז איך בין ניט קיין קריטיקער און איך אײַגן זיך ניט צו אָט דעם הויכגעשעצטן שײַנעם טיטל. דעריבער וויל איך, אז איר זאָלט אופנעמען מײַנע פּאָר ווערטער, ווי א לעכאַיִם באַם אויסגע־טרוימטן טיש פון מײַן פרײַנט, כאַווער און גרויסן דיכטער מאָטל גרוביאַן צום יוויול פון זײַנע זעכציק יאָר.

איך האָב געהערט, אז די גרוזינער זײַנען גרויסע מײַסטערס צו זאָגן ווינטש־ווערטער באַם טיש מיט פולע האַרנס ווײַן. עס דאכט זיך מיר אויס, אז ערשט איצט הייב איך אָן צו פארשטיין, פארוואָס עס איז אזוי וויכטיק, וואָס זיי זײַנען בעריעס טאָסטן־זאָגער.

ערשטנס, דערפאר, וואָס ווײַן איז זון, ערד און הימל. צווייטנס, האָט גוטער ווײַן א בינטל שליסל, מיט וועלכע ער עפנט אלע סודעספולע קעלערן פונעם האַרץ און פון דעם לעבן. דריטנס, ווערט ווײַן גע־בוירן פון א הענגל טרויבן, וואָס דערמאָנט די פאָרם פון א מענטשלעך האַרץ.

מײַן בעכער מיט ווײַן האָט נאָך א מײַלע: ער איז פול מיט כאַלעם, געזאַנג און ליבע. ווען איך ריר אָן מיט די ליפּן אָט דעם זייער לאַנג געגארטן קאָס, ברי איך אָפּ מײַן נעשאָמע מיטן פײַער פון אלע זיבן טויטן, דורך וועלכע מײַן כאַווער און פרײַנט, דער ייִדישער דיכטער מאָטל גרוביאַן איז אין זײַן הערצ־יִש און באַשטראַלט לעבן דורכגעגאַנגען.

אין דער קינדהײַט — פאַרפאַלגט פון ווײַסגוואַר־דייִשע באַנדעס אין אוקראַיִניש־ייִדישן שטעטל; וואַגל־און־וואַנדער און דער טויט פון זײַן צאַרטער מוטער כאַנע־דווויִרע, וואָס האָט אַזויפיל נעשאָמע אַרײַנגעהויכט אין איר אויסגעשפּילט קינד, דעם קו־מענדיקן דיכטער.

אין דער יוגנט — מילכאָמע, סרייפעס, שכיטעס און פראָנטן, וווּ דער דיכטער מיט דער ביקס אין האַנט פאַרטיידיקט מיט אייגן בלוט זײַן היים, זײַן פאָלק, זײַן פאָטערלאַנד.

און פאַרוווּנדעט ווערט ער שווער טאַקע דאָרטן, אָפן שלאַכטפעלד, אין פײַער, באַם אויסרײַניקן די דײַטשן פון סטאַלינגראַד.

נאָך דער מילכאָמע — נײַע ניסיוינעס. און ווידער, ווי פון א כאַלעם, זיך אומגעקערט צום טיש, צום לעבן, צום שאַפן, צום זינגען.

און ווען קיין טיש איז נאָך ניט געווען, קיין בעט ניט געווען, געדענק איך דעם דיכטער א האַלב־דרעמ־לענדיקן (ווײַל דיכטער שלאָפן קיינמאָל ניט) אָף צווײ הוילע ברעטער, וואָס האָבן אויסגעזען ווי צווײ פאַרגראַמטע ייִדישע שורעס. זײַן צוקאָפּן־קישעלע זײַנען געווען די מילכאָמע־לידער, פול מיט כײַן, טאַלאַנט און ליריזם. גליקלעכע, זאָגט מען, קוקן ניט אָפן זייגער. ביפּראַט, אז דער זייגער אָף דער וואַנט איז געווען אָן א ווײַזער. נאָר דעם דיכטערס האַרץ האָט געקלאַפּט: טיק־טאַק, טיק־טאַק.

און די ליד האָט אין זון־ליכט, איין גאָט ווייסט, ווי געברענט. גערעדט האָט זי און געשמייכלט, גע־וויינט און אָנגעטערערט א כאַלעם־שטאָט מיט אָף אלע ווענט צעהאַנגענע לידער.

דערמאָנט זיך זײַן „טיפּאָגראַפיע", „וואַגאַנען", „וועלוול זבאַרזשער", „שפּראַך", „שימען־עליע", די „באַלאַדע וועגן אַשער שוואַרצמאַנס פערד", „א קראַנ־שטאַדטער באַלאַדע", „פרילינג בא מײַן טיר", „קוש מיך דערפאַר", „דער מאַמעס זייגערל", „א ייִד א נאַר", „גיי, מײַן ווייטעק", „אין וואַלד" און א שלאַל אַנדערע לידער, פילאָסאָפישע, הערצ־יִשע און געטאָ־מאָטיוון, צעזייטע און צעשפּרייטע אין דער סאָוועט־טישער ייִדישער און ניט־ייִדישער פּרעסע, ווי אויך אין באַזונדערע ביכער.

פראַקטפול איז דעם דיכטערס „כעזשבן־האַנעפעש" מיט זיך, זײַן טיף באַהעפט זײַן מיטן לעבן און זײַן זאָרג וועגן א „ניט צעקנייטשטער צוקונפט":

וווי לייגט מען צונויף די צוקונפט,  
זי זאָל צעקנייטשט ניט ווערן.  
מיט וועלכע רעגנס די שווענקען,  
די צעהענגען אונטער וועלכע שטערן?

דער דיכטער טרײַבט פון זיך דעם טיפן ווייטעק פון זײַן פאַרוווּנדעט האַרץ און דעקלאַרירט דאָס נײַ־געבוירענע אָף אונדזער ערד.

גיי, מײַן ווייטעק, מיט דער זײַט.  
האָסט שוין ניט אין מײַן האַרץ  
קיין אָרט איינמיטן,  
אלע אומגליקן אָפּגעשווומען  
זײַנען ערגעץ ווײַט,  
אלע דערנער אין פעלד  
האָב איך אויסגעשניטן.

דער פויגל אין הימל
זינגט פאַרשײַט,
דער טײַך האָט זיך
פון זײַנע ווײַסע קייטן באַפרײַט,
דעם גאָרטן זע איך
אַפילע אין שלאָף אַ צעבליטן!
גיי, מײַן ווייטעק, מיט דער זײַט.

**די אומיטלבאַרקײַט און די אַלעמאָל דערפונדענע נײַע פאָרם פאַר דער ליד, די עמאָציאָנעלע אָנלאָדונג פונעם פערז, באַהעפט און דורכגעוועבט מיט אָריגינעלער און שטאַרקער וויזיע, האָבן דעם דיכטער מאָטל גרוביאַן אַרויסגעפירט אין די ערשטע רייען פון אונדזער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער פּאָעזיע.**

טײַערע מײַנע! לאָמיר מיט דיר
ניט אַראָפּפאַלן
באַם לעבן פון די הענט
און זיך ניט צעברעכן,
ווי אַ טערמאָמעטער.
און לאָמיר מיט דיר
קיינמאָל קיין שפּיטאָל ניט ווערן,
מיט אויגן, ווי האַרבסטיקע פענצטער,
וואָס גיסן טרערן.
און לאָמיר מיט דיר
אַ פלאַם טאָן מיט יוגנט,
מיט זון און מיט קראַפט
און מיט ראַכוועס, —
און ווען מיר וועלן מעסטן
די היץ און די קעלט,
איז מיט אַ בעריאָזקע פון וואַלד
אונטער פּאַכוועס.

**אַ סאַך מי און זאָרג קאָסט דעם דיכטער צו פאַרהיטן זײַן „לידער־סקירדע", ער ציטערט מיט אַלע זײַנע כּושים איבער דעם טרוים זײַנעם צו ברענגען דעם ראַפינירטן לייענער פון סאָוועטישער ייִדישער פּאָעזיע דאָס ריינסטע, דאָס עכטע, דאָס ניט צײַטווײַליקע:**

פונוואַנען דער האָן אויף מײַן דאַך,
דאָס פײַער אין פענצטער צום באַנאַכטיקן
גאָרטן? —
דאָס האָט מײַן לידער־סקירדע
זיך אָנגעכאַפּט אין פעלד דאָרטן
און סאַרפּעט, ברענט!
כאַפּ איך צוויי עמער אין די הענט,
לויף צום טײַך וואַסער שעפּן,
מײַן ווייצענעם טיש פון פײַער שלעפּן,
מײַן בינטל זאַנגען לעשן,
מײַנע לידער, מיט וועלכע כ'האָב געקאָנט
די אויסגעזעצטע שויבן פון לעבן
פאַרקלעפּן,
ראַטעווען פון פײַער און רויך
דעם אינדרויסן, מיט זיך אים פאַרלעשן,
דעם פויגל פון מײַן גאָרטן,
וואָס איז מיר שולדיק פויגל־מילך אַ
פלעשל.

**וועלן מיר עפּשער אָפּגעבן הײַנט דעם טײַערן דיכטער, צו זײַן זעכציקיאָריקן יוביל, דאָס פלעשל „פויגל־מילך", און זאָל עס אים טאַקע וווּיל באַקומען.**
**וועלן מיר זיך סטאַרען כאָטש טיילוויַיז אויספילן דעם פאַרלאַנג פונעם דיכטער און קיין אָס פון דער ליד ניט פאַרגרײַזן:**

כ'האָב דיר אַ ליד אָנשטאָט אַ יוירעש געלאָזט,
פאַרליר ניט, מײַן ליבע, פון איר קיין אָס.
ווי ס'אויג אין קאָפּ איז זי מיר טײַער,
צוליב איר אַ גאַנץ לעבן באָרוועס געטראָטן אויף
גלאָז,
דעם קאָפּ ניט אַרויסגענומען קיינמאָל פון פײַער.
אָנשטאָט אַ יוירעש אַ ליד דיר געלאָזט.
באַם באַגלייטן מיך אין אייביקן וועג
דו זאָלסט זי מיר זינגען,
נאָר טאָמער פאַרגרײַזטו כאָלילע, אַן אָס,
וועל איך פון דער מיטע אַראָפּשפּרינגען —
און אויס מיט דער לעווײַע;
ווי טײַער די לעווײַע קאָסט,
דאַרף איך ניט אַזאַ לעווײַע.

**אַכרײַעס פאַרן אָס — דאָס איז איינע פון דעם דיכטערס גרונט־מײַלעס. און מיט דעם טיילט זיך אויס מאָטל גרוביאַן פון אַ סאַך אַנדערע, אויך זעלטענע און אינטערעסאַנטע סאָוועטישע ייִדישע פּאָעטן.**
**אין מײַנע שלאָפלאָזע נעכט זע איך אָפט מײַן דיכטער און פרײַנט און גרויסן וויזיאָנער מיט אַ לייטערל אונטערן אָרעם. ער גייט איבער דער ערד, און אים אַרט, וואָס אויפן וואָקזאַל שטייט אָפּ דער זייגער. שטעלט ער פּאַמעלעך צו צו דער וואַנט זײַן לייטערל און וויל אומבאַדינגט מאַכן אַזוי, אַז דער זייגער זאָל פּינקטלעך גיין צו דער צײַט.**
**ער האָט אַמאָל געשריבן וועגן זײַן „מאַמעס זייגערל", וואָס איז געהאַנגען באַ דער מאַמען אויפן האַרצן, מיט אַ שנירעלע אַ שוואַרצן. דאָס זייגערל האָט געהאַט אַזאַ מין שטיין, וואָס טויזנט יאָר געקאָנט ס'וואָלט גיין. נאָר ווען ס'איז קאַליע געוואָרן, איז שוין ניט געווען דער זייגערמאַכער מיט דעם שפּאַקטיוול, וואָס זאָל אַרײַנקוקן אין די רעדעלעך און דריידעלעך פון דער מאַמעס האַרץ.**
**און דאָס טוט אונדזער געבענטשטער דיכטער מאָטל גרוביאַן. דעמלט טוט ער עס, ווען שוין קימאַט אַלע זייגערמאַכערס זײַנען אַוועק אין הימל.**
**איז וויל איך הײַנט, אין טאָג פונעם יוביל פון איינעם פון אונדזערע שענסטע ייִדישע דיכטער, אויסטרינקען מײַן קאָס מיט גליק, פרייד, צער און טרערן, וואָס עס איז דאָ און עס לעבט אַזאַ ליכטיק דיכטעריש האַרץ!**

28 מײַ 1969
מאָסקווע

# געזאַנג אין שטורעם

(קימאַט א פּאָעמע)

טײַערע רעדאַקציע פון „סאָוועטיש הײמלאַנד״! ס׳האָט זיך אָפּגעפונען מײַנער
א מאַנוסקריפּט פון מילכאָמע־צײַט. שיק איך איר דאָ אָפּ, עפּשער וועט פּאַסיק
זײַן צום דרוקן.

בעסטע ווונטשן —

מ ו י ש ע  א ל ט מ א ן.

...ווײַב מײַנס! פיל געפלאָגטע, קאָשערע האַרעפּאַשניצע, מײַן ראָזע,
דו דערמאָנסט זיך יענע צײַטן, ביסט געווען דער דאָקטער פון ליפּקאַנער אָזע,
פלעג צו אונדז אַרײַנקומען א יונגע כאַווערטע, א באָלשעוויטשקע,
ראָכעלע דעם סטאָליערס.
כ׳וואָלט אינמיטן ווינטער איר א בלום געשיקט שוין,
ראָכעלע, —
א סטאָליערס טאָכטער און א באָלשעוויטשקע.
אין די פּלײצעס שמאָל,
נאָר שטראַלן גלאַנצן אין די אויגן,
ווי טאָלעדער שטאָל.
און א שטים א קרעפּטיקע,
ריין, ווי ריין קרישטאָל.
האָט זי מיר א לידעלע געזונגען —
איך געווען דאַן מיט א בינטל יאָרן ייִנגער,
און גלײַך נעכטן איז עס ערשט געשען:
ווען איך וואָלט געווען...
אוי, ווען איך וואָלט געווען א שנײַדער,
וואָלט איך טאָג און נאַכט געזעסן
און גענייט פאַר דיר א קליידל —
ווי עס פּאַסט פאַר א פּרינצעסן.
בין איך אָבער נאָר א זינגער
און קאָן זינגען שיינע לידער.
ראָכעלע, דאָס לידל איז מיר, אַפּאָנעם, דעם וועג פאַרלאָפן,
ניט אַנדערש, אַז פאַר לידער איז דער וועג באַשטענדיק אָפן.
אָנגעיאָגט מיך אַזש אַהערצו, אין פאַרוויייעטן סטעפּ דעם וואָלגער,
וווּהין עס האָט אונדז אַזוי ווונדערלעך, שווידערמײַסעדיק פאַרוואָלגערט,
ווו עס יאָגט דער אָסיען־ווינט מיט האַנאָע קעציש־ווילד,
צווישן דאָן און וואָלגע, קנוילן סטעפּ־גראָז, דעם קאָוויל.

און אַזוי איז עס געשען:
מיטגענומען אַף זײַן שליטן האָט מיך אײנער א באַקענטער,
א יונגער סיביריאַק, אינעם גרויסן דאָרף אַראַן, אונדזער ייִשעווס צענטער.
אײגנטלעך האָב איך געדאַרפט דאָרט ניט מער ווי באַזאָרגן א פּאָר בריוו.
אָט די בריוו — איך שיק זיי, ווי מע פלעגט אַמאָל פאַרצײַטנס
שיקן שוואַכע שיפן אין די אומבאַקאַנטע, קוים געאַנטע ווײַטן.
פרײַנטלעך זיך צו אונדז באַוויזן די פּאַגאָדע אינדערפרי,
אָנגעמאַסטן פאַר מײַן הוילעך. נאָר צו נאַכט־צו גענומען בלאָזן נידעריק און שיטער,
און אין אָוונט זיך צעבושעוועט דער שטורעם, די סטעפּישע פּורגאַ.

טוט זיך אָן דער סיביריאַק דעם פּעלץ, ענטפערט עמעצן א ניט־געזעענעם „אהאָ!״
און ער גיט דעם פערד שוין איבער סײַ דעם קאָמפּאַס, סײַ דעם רודער.
ראַכעלע! ביסט ניט געפאָרן מיט קיין שיפן, ניט געזען, ווי עס וואַקלען זיך די טהוימען־שווּעלן
בייסן שטאָרם. דאָך איך זאָג דיר, אפילו דעמלט ניט געפילט זיך אזוי עלנט,
ווי אָט דאָ אין ווײַסן כווישען.
וועך זשע האָט מיך גאָענט אזוי, באם סאמע אויער, א רוף געטאָן באם נאָמען: מוישע!
פון ליפּקאַן דער טויטער טאַטע? פון טשערנאָוויצער קיוועריל מײַן קינד?
אָדער אינעם קאָסמאָס לאנג געבלאָנדזשעט, מיך דערגרייכט אצינד
מײַן ברודער שמואל דעם קאַדעש׳ס לעצט גסיסעדיק געשריי?
אָדער גאָר דעם אנדערנס, דעם ייִנגסטנס, ווי מיר וויי!
און וואָס זײַנען דאָס פּאַרא געשטאַלטן, וואָס צופוס אין שטורעם און אין כאשכעס גייען!
— ווײַט צום דאָרף נאָך? ווּהין גייט איר! מאָרגנדיקע רויטארמייער!
און אָט דעמלט, ראַכעלע, האָט עס אין מיר צעזונגען:
ווען איך וואָלט געווען... ווען איך בין כאָטש מיט א פּופּצן יאָרן ייִנגער.

---

און אזוי גענומען זיך די גרענעצן פּאַרווישן,
און די ווערטער אויסטערליש זיך מישן.
ווען איך וואָלט געווען א שנײַדער...
ליידער
בין איך נאָר א דיכטער,
און דערצו נאָך קראַנק און אַלט.
און דאָס כאשכעס ווערט וואָס ווײַטער אַלץ מער און מער געדיכטער.
רופט זיך אָן צו מיר דער סיביריאַק: עס איז דיר קאַלט.
ער דערהערט דאָס קלאַפּן פון מײַן רעשטל ציין...
און ער גיט א אייצע: קריך אראָפּ, וועלן מיר טון א לויף א ביסל.
שעם איך זיך צו זאָגן, ווײַל צו וואָס זאָל ער עס וויסן,
אז ניט אזוי צו לויפן, שוין נישטאָ קיין קויעך באַלד אפילו אָף צו גיין.
בלײַב איך אָפן שליטן מיר אליין.
און ווען איך וואָלט געווען...
פּלוצעם לויפט ער אָן, דער סיביריאַק, וואַרפט זיך אָפן שליטן.
— וועלף! א סאך! אָט — די באַלקע דורכגעשניטן.
זע נאָר, ווי די אויגן ברענען.
און דעם נאגאן אין דער הוים פאַרגעסן. —
ווייס איך ניט, צי ס׳האָט זיך אויסגעוויזן אים, צי טאַקע ס׳איז אזוי געווען.
איך האָב ניט געזען.
האָב איך מיך געמאַכט, גלײַך ניט געהערט.
אָפן שליטן ווײַטער בין געזעסן,
ווי עס פּאַסט פאַר א פּרינצעסן...
ראַכעלע, וואָס קאָנען מיר שוין טאָן די וועלף?
גיסט זיך אָן מיט ווילד רעציכע איצט דער ווינט.
שמײַסט פון לינקס, פון רעכטס,
און ער געדעכט איז.
מוסערט: טראַכסט פון אייגענע ליידן גאָר אצינד!
ווײַל וואָס זײַנען דאָס פאַר שאָטנס, וואָס פּויזען סוידעסדיק אָף דער ערד?
שארן מיט הוילע הענט די קאַלטע שנייען
אין אקשאָנעסדיקן פּאַסעך־שין?
רויטארמייער!
א פאַרהריזנעטע מאַשין!
און אָט לויכטן אוף די ליכטער פון א צווייטן אווטאָ, פון א דריטן.
אונדזער פערד האָט זיי מיט כאָכמע אויסגעמיטן.
און אָט שרײַט אראָפּ א כאַוועריטע פון אזא מאַשין:
— כאַווײרים, ווהין?

— ניט אהין...
האָבן זיך די ווערטער, ווי א מיל, אין קאָפּ גענומען דרייען,
און יעדער קראנקער אייווער מײַנער זיך מיט קראמף געצויגן צו די שנייען,
און ס'האָט קיינער ניט פארנומען
זייער האכנאָעדיקן ברומען.
— ברידערלעך, אוי ברידערלעך, זאָל עס אײַך ניט ארן,
מיר ווילן אויכעט האָבן דאָ א כיילעק,
כאָטש אין שארן,
כאָטש אין דער מאכשאָווע
לאָזט אונדז!..

ווידער מיר אליין אין כאשכעסדיקן מיטן.
אף א עמעס דען א שיף געוואָרן אונדזער שליטן?
עפּעס שווימען מיר אף א זײַט. גאָר איבער בערג און איבער טאָלן.
ניט קיין ערד מער, נאָר א כאאָס — אופגעלאָפּן, ווילד געשוואָלן.
און דער ווינט, ער טוט אלץ שטראָפן מיט זײַן צאָרן דעם גערעכטן.
דאָך די ווערטער, ניט געפרעגטע, טוען זיך אלץ ווײַטער פלעכטן.
ווען איך בין, ווי עס דערציילט זיך אין אלטמאָדישע מײַסע־ביכער,
א מעכאשעף, וואָס א מאכט האָט צו באפעלן וויכערס
און האלט די שליסלען, פאָלקס־געטרוימטע, צו די ווונדערלעכע שפּרוכן, —
וואָלט איך א באפעל געגעבן: היי! איר ווינטן, זאווערוכעס!
זײַן זאָלט איר גנעדיק צו די רויטארמייען,
זיי די וועגן ניט פארווייען!..
בין איך אָבער נאָר א זינגער
און קאָן זינגען שיינע לידער.
און דאָס פערדל גייט אלץ מידער, מידער,
מיט די פיס קוים פלאָנטעט.

האָט זיך עפּעס־וואָס דערמאָנט מיר
(האָט ניט, ברידער, קיין פאריבל פאר דעם טראָפן מיסטיק,
איך פאָר אין שניי־סטעפּ, אין א שטורעם, ווען די ערד נאָך לער און וויסט איז).
עפּשער האָט א זין און האָט א צוועק
ווינען, ווי מײַן זיידע דער ליעסניק, אָט דאָ באַם וועג,
כאָטש ער פירט ניט קיין ליפקאן, נאָר קיין סטאלינגראד,
קעדיי מעקײַעם זײַן האכנאָסעס־ארכים, אין שנייען און אין פרעסט
אופצונעמען, ווי עס פאסט פאר גרויסע געסט,
סײַ א פראָסטן מענטשן, סײַ פון הויכן גראד.
און בעשאָס באלייטן, כאָטש איך שמייכל, זיצט אין אויג א טרער.
און כאָטש די ליפּן שווײַגן, זאָגט זיך ניט געהערט:
גליקלעך זאָל אײַער וועג זײַן.
— גליק אײַך! גליק אײַך! גליק אײַך! —
מײַנע ברידער, מײַנע פרײַנט,
מײַנע רויטארמייער!
מאכט צו מיר מײַן ראָזע:
— האָסט געקאָנט דאָס אייגענע, דאכט מיר, זאָגן אויך אין פּראָזע,
עפּשער בעסער נאָך.

ווײַב מײַנס, קאָשערע האָרעפּאשניצע, מײַן ראָזע!
צי ווייס איך דען, פארוואָס טייל בלומען זײַנען בלויע און די אנדערע רויזע,
די בלומען כ'האָב געשיקט שוין
פאר ראָכעלען דער באָלשעוויטשקע
און פאר אונדזערע ברידער, פרײַנט,
פאר די גרויס־שעליכעס־טוער
פאר די רויטארמייער.

קאמענקא בא דער וואָלגע. אָקטיאַבער 1942

■ ■ ■

ארז ווערגעליס

# די יידישע ליטעראטור טאָר מער ניט זײַן קיין פעלד פאַר דעם קאַלטן קריג

אין מעשעך פון, לעפּערעך, א פערטל יאָר־הונדערט, דירעקט נאָכן צווייטן וועלט־קריג, האָט די ייִדישע בורזשואז־בירגערלעכע אנטיסאָוועטישע קריטיק, א דערמונטערטע פון דער באשײַמ־פערלעכער אָפּשוואכונג — אין פראט פון שפּעריש־קאדרען — פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַ־טור־פאָרשונג (אין איינע צען יאָר, בא אָן אָפּוועזנ־הײַט פון צופלוס, האָבן פארפעלט ווינער, ליטוואקאָוו, עריק, גורשטיין, ווערויאָרקע, בראָנשטיין, דאָברושין און פיל אנדערע) אָנגעהויבן פרײַ און פרעך צו באלעבאטעווען אין פראגן פון געשיכטע און טעאָ־ריע פון אונדזער ליטעראטור, איבערניצעווענדיק אין דער ערשטער ריי די עצעם פאקטן און שאפנדיק אייגענע פאלסיפיצירטע וואריאנטן פון דעם היסטאָ־רישן גאנג פון דער ייִדישער ליטעראטור אין סאָ־וועטנפארבאנד.

מיר האָבן דאָס שוין באוויזן אף א ריי בײַשפּילן, ווען מיר האָבן אין „סאָוועטיש היימלאנד" (נומ. 1 — 5, 1972) באהאנדלט די לעצטנס דערשינענע ביכער פון אויסלענדישע ייִדישע קריטיקער; אָבער בא דעם אלעמען איז קיין סאָפעק ניט, אז דאָס בילד פון דער אנטיסאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור־עסייִסטיק וועט ניט זײַן קיין פולס, אויב עס וועלן פארבלײַבן אָן אופמערקזאמקײַט די ארבעטן פון אָט דעם מין, וועלכע זײַנען צעוואָרפן איבער איינמאָ־ליקע זאמלונגען און פעריאָדישע אויסגאבעס.

פאר דער לעצטער צײַט האָט זיך בוילעט אָנגע־מערקט די טענדענץ ארײַנצונעמען די ייִדישע ליי־טעראטור אין קאָן פונעם קאלטן קריג, פארוואנדלען זי אין א געצײַג, וואָס איז געווענדט קעגן פראָגרעס און סאָציאליזם.

ס׳איז א שרײַענדיקער פאראדאָקס, וואָס גראָד דער ציִעניזם, וועלכער נעגירט דאָס ייִדישע ליטעראטור־שאפן, מאכט צו בלאָטע דאָס ייִדישע לאָשן, דיסקריי־מינירט די ליטעראטור אף ייִדיש אין דער מעדינע, ווו ער איז בא דער מאכט, — גראָד דער ציִעניזם האָט זיך איצטער פארמאָסטן צו אויסנוצן די ייִדישע ליטעראטור אלס זײַן אידעאָלאָגישן ארסענאל. אין דעם העלפן אים מיט, אריבערגייענדיק פולשטענדיק אף זײַן שאָוויניסטיש־„נאציאָנאלער" פלאטפאָרם, די רעשטלעך פון די אמאָל־טעטיקע אין די בורזשואזע לענדער ייִדיש־ליטערארישע גרופּקעלעך.

אזוי, לעמאָשל, זײַנען די לעצטע אמעריקאנער אינזיכיסטן (וועלכע פלעגן טאָמיד אָן אופהער פּראָ־קלאמירן זייער קאטעגאָרישע קעגנערשאפט צו גע־זעלשאפטלעכע מאָטיוון) ארײַן ביז איבער די אויערן אין זומפּ פונעם אנטיסאָוועטיזם. אין די 60־ער יאָרן, שוין אין פּעריאָד פון „סאָוועטיש היימלאנד", האָבן זיך באדעקט מיט שאנדע אזעלכע „זײַלן" פונעם ליטערארישן אויסלאנד, ווי גלאטשטיין, אויערבאך, לייעלעס, וועלכע האָבן ניט געשאנעוועט קיין קויי־כעס אף צו העלפן דער ציִעניסטישער מאכשייפע, זי זאָל ארײַנשטופּן אין איר זאק די ייִדישע ליטע־ראטור. דער ציִעניזם, פון זײַן זײַט, האָט זיך ניט באנוגנט מיט די מאעסטראָס פונעם נעכטן, ער האָט צונויפגערופן זײַנע אייגענע קאבראָנים פאר דער ייִדישער ליטעראטור — א כאליאסטרע איינפאכע פּען־לומפּן. ס׳וועלן דורכגיין יאָרן, און די היסטאָ־ריקער, ארײַנקוקנדיק אין די געהיימניסן פון דער הײַנטיקער ציִעניסטישער קיך, וועלן געפינען אן

ענטפער אף דער פראגע, וויאזוי עס איז געשען, אז די לעצטע פאָרשטייער פון דער אלטער שול פון בורזשואז־ייִדישער שעפערישקײַט זײַנען געוואָרן קאָלעגן, גלײַך אף גלײַך, מיט געקויפטע פארעטער, אידעאָלאָגישע איבערלויפער, „זשורנאליסטן“־פּראָוואָקאַטאָרן. צו דער דאָזיקער טראגישער אידייִשער קאָאָפּעראַציע האָבן געפירט פארשיידענע וועגן, זי האָט געפונען און געפינט אויך איצט איר טיקן אף די זײַטן פון אלמעגלעכע פעריִאָדישע און איינמאָליקע אויסגאבעס, אין וועלכע די קאַריפייען צוזאַמען מיט די לומפּן מיִען זיך צו באַווײַזן אין א פאלשער שײַן די טעאָריע און די געשיכטע פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

אזא אויסגאבע איז, צום בײַשפּיל, די אנטאָלאָגיע „א שפּיגל אף א שטיין“[1]. דער מיין פון די צונויפשטעלער פון דער אנטאָלאָגיע איז — לאָזן פאלן א צוויִאַקיש־ברודיקע טרער אפן גורל פון די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און פארײַנוועגס פאלסיפיצירן דעם טאָך פון זייער שאפונג.

עס איז שוין ניט ווייניק גערעדט און געשריבן געוואָרן וועגן דער אומפארשעמטקײַט פון יענע, וואָס האָבן אין די פריִערדיקע צײַטן מיט גרויס פלײַס געוואָרפן שמוץ אף האָפשטיינען, מארקישן, בערגעלסאָנען, קוויטקאָן, פעפערן, כאריקן, געטאָן זיי אין טויט ארײַן בא זייער לעבן, — און הײַנט באוויינען זיי עס זייער גורל. ס׳איז עמעס, ווען מע זאָגט, אז די אנטיסאָוועטישע ייִדישע רעאקציע דאַרף האָבן טויטע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער. איצט איז שוין מיסטאמע איבעריק נאָכאמאָל איבערצוכאזערן, וויאזוי מיר אין סאָוועטנפארבאנד פילן אויס אונדזער כויוו צו פאַרייביקן דעם אָנדענק פון די גרויסע אָנהייבער אונדזערע און אז מיר פארורטיילן דעם שאָדן־טומל ארום זייערע נעמען, וואָס עס הייבן אוף די פארלוימדער. איך וויל בא דער געלעגנהײַט ברענגען עטלעכע שורעס פון דער אורוגווײַער פּראָגרעסיווער ייִדישער צײַטונג „אונדזער פרײַנט“: „די נעמען און דאָס שאפן פון דאָוויד בערגעלסאָן, פּערעץ מארקיש, איציק פעפער, דער ניסטער און פון די אנדערע נאָבעלע שעפער פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור און קולטור זײַנען פאר אונדז צו הייליק, אז מיר זאָלן זיך לאָזן ארײַנציִען אין דער אומאָרנטלעכער ספּעקוליאַציע, וועלכע די ייִדישע רעאקציע, וואָס האָט זיי באם לעבן איגנאָרירט אָדער באשמוצט, מאכט ארום זייער גורל. מיר היטן אָפּ זייער צוואָע מיט דער אקטיווער פארשפּרייטונג פון זייער שאפונג, מיט אונדזער פּאָזיטיווער באציִונג צו דער שאפונג פון די הײַנטצײַטיקע ייִדישע שריפטשטעלער פונעם ראטנפארבאנד און צו דער ראָל פון זייער ליטעראַריש־געזעלשאפטלעכער טריבונע „סאָוועטיש היימלאנד“.

■

וואָס איז שײַעך דער אנטאָלאָגיע „א שפּיגל אף א שטיין“, דאַרף מען ניט ארײַנדרינגען אין פארבאָרגענע ניואנסן פון דער פּראָפּאגאנדע־קונסט, קעדייזען, אז ניט אויס ריינער ליבע צו ייִדישער ליטעראַטור גיבן ארויס ציִעניסטישע פארלעגער אין ייִסראָעל א בוך פון העכער 800 זײַטן (פון גרויסן פאָרמאַט), וואָס שליסט אײַן די ווערק פון די פריִערדיקע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, פאר וועלכע גופא דאָס וואָרט „ציִעניסט“ האָט געקלונגען ווי א זידלוואָרט. ס׳איז קלאָר, אז דער ציל פון אזא אונטערנעמונג איז א פארטייִיש־ציִעניסטישער, און ווען מיר בלעטערן די אנטאָלאָגיע, זעט אָט דער ציל זיך ארויס רעליעף און באשײַמפערלעך. די צונויפשטעלער סטארען זיך צו באַווײַזן, אז, ערשטנס, די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור זײַנען פאקטיש ניט געווען קיין אופריכטיקע סאָוועטישע שרײַבער, און, צווייטנס, אז דאָס, וואָס זיי האָבן געשאפן אין איינקלאנג מיטן סאָוועטישן נוסעך, איז שוואך פון קינסטלערישן שטאנדפּונקט, ווײַל ס׳איז געשריבן „אונטער צוואנג“.

עס איז קעדײַ א קוק צו טאָן, אשטייגער, וויאזוי אין דער אנטאָלאָגיע איז פאָרגעשטעלט די שאפונג פון איציק פעפערן. איך נעם בעקיוון דעם דאָזיקן אויסגעשפּראָכענעם סאָציִאלן דיכטער, איינעם פון די אמערסטן בוילעטע שריפטשטעלער פון דער סאָוועטישער פאָרמאציע.

גאנצע 42 זײַטן זײַנען אין דער אנטאָלאָגיע אויסגעטיילט פאר פעפערס לידער. אָבער זוכט דאָרט ניט די בארימטע רויטארמייִשע טעפלושקעס, די בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס; ניטאָ די כרעסטאָמאַטישע ליד „סיביר, אוראל, קאלוגע און טריפּאָליע“, דער טיף־מענטשלעכער דיכטערישער אָפּרוף אף לענינס טויט — „מאָסקווע, קרעמל, א ראדיִאָ צו אלע“; אומזיסט וואָלטן מיר געזוכט כאָטש א שפּור פון פעפערס ערשטע ראָמאנטישע פּאָעמעס, אזעלכע, ווי „אליבען“, „יאָסל שינדער“, „פון אן אלטן פּאָוויט“, וועלכע ייִדישע קינדער אין די שטעטלעך פון אוקראַיִנע האָבן געלייענט, לייגנדיק זיך שלאָפן און אופשטייענדיק אף מאָרגן פונעם שלאָף. עס פעלן די בריִענדיקע שורעס פון „וועגן זיך און אזוינע ווי איך“, „בליִענדיקע מיסטן“, „יאטן“, „א שטיין צו א שטיין“; ניטאָ די ביראָבידזשאנער טײַגע־לידער, די לײַדנשאפטלעכע אנטיפאשיסטישע מאָטיוון, די „שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ“...

וואָס זשע פארא לידער פעפערס זײַנען יאָ אָפּגעדרוקט אין דער ייִסראָעלדיקער אנטאָלאָגיע? צווישן די אָנפאנגערישע פּרווון פונעם דיכטער האָבן די צונויפשטעלער פון „א שפּיגל אף א שטיין“ אויסגעזוכט אזעלכע, וואָס קיינער וועט אין זיי דעם שפּעטערדיקן פעפער ניט דערקענען:

> פון גאָרניט, דורך גאָרניט, צו גאָרניט,
> איז ווער איז דער ווער? —

מיט אזעלכע לאכלוטן ניט פעפערישע שורעס הייבט זיך אָן דער אָפּקלײַב פון פעפערס דיכטונג! די צונויפשטעלער פון דער אנטאָלאָגיע האָבן ארויסגעריסן פון פעפערס ערשטע לידער באזונדערע סטראָפעס און זיך ניט געשעמט זיי צו געבן אָן וועלכער־ניט־איז פארבינדונג מיטן אלגעמיינעם קאָנטעקסט, אבי דער לייענער זאָל מיינען, אז איציק פעפער איז געווען ניט קיין פּראָלעטארישער, סאָווע־

[1] „א שפּיגל אף א שטיין“, אנטאָלאָגיע. פארלאג „די גאָלדענע קייט“ — פארלאג „י.־ל. פּערעץ“. טעל־אוויוו, 1964.

טישער, רויטאַרמייִשער פּאָעט, נאָר אַ דעקאַדענט, אַ ניט־דאָיִקער שטאַמלער, וואָס האָט זיך פאַרלוירן אין שטראָם פון די געשעענישן:

...נאָר גלײַך מיט די וועלטן זיך דרייען און דרייען
און וואַרפן דעם אומעט אַף שווערדישע שאַרפן,
און גאָרניט פאַרשטיין,
און גאָרניט באַדאַרפן.
נאָר שטענדיק פאַרבלײַבן מיט ווינטן אין רייען,
אַף צײַטן אַנטבלויזטע מיט פויסטן זיך וואַרפן,
און גאָרניט פאַרשטיין,
און גאָרניט באַדאַרפן.

ווי געפעלט אײַך איציק פעפער אין שפיגל פון „אַ שפיגל אַף אַ שטיין"? אין אַזאַ קרומען שפיגל זײַנען אין דער ייִסראָעלדיקער אנטאָלאָגיע פאָרגעשטעלט אויך דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער, דאָוויד האָפשטיין, שמועל פערסאָוו, אַרן קושניראָוו, לייב קוויטקאָ, פערעץ מאַרקיש, מוישע קולבאַק, שמועל האַלקין, איזי כאַריק, זעליק אַקסעלראָד.

נעמענדיק אין באַטראַכט די אַטמאָספער פון קאַלטן קריג, וועלכע, ווי געזאָגט, עס האָט ניט אויסגעמיטן אונדזער פילגעפרוּווטע ייִדישע ליטעראַטור, וואָלטן מיר געקאָנט זיך באַנוגענען מיט אָפּשאַצן די ראָל פון די צונויפשטעלער פון אָט דער אַנטאָלאָגיע אַלס אַ פאַלסיפיקאַטאָרישע; די זאַך אָבער ווערט פיל קאָמפּליצירטער, ווען מיר לייענען דעם אַרײַנפיר צו דער אַנטאָלאָגיע, וועלכן עס האָט אָנגעשריבן איינער פון די צונויפשטעלער, דער לייטער פון דער ייִדישער קאַטעדרע פונעם ירושלאַיִמער אוניווערסיטעט פראָפעסאָר כאָנע שמערוק. פון אָט דעם ליטעראַריש־קריטישן אַרטיקל, וואָס דינט אַלס אַרײַנפיר צו „אַ שפיגל אַף אַ שטיין", דרינגט אַרויס, אַז די ציִעניסטישע ייִסראָעל־אויסגאַבע איז באַרופן ניט בלויז פראָפּאַגאַנדיסטיש אַ ספּעקוליר טאָן אַרום דעם גורל פון די אויבנדערמאָנטע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, נאָר — און דאָס איז איר הויפּט־ציל — אונטערוקנדיק דעם לייענער אַ געפעלשטן „פאַקטישן מאַטעריאַל", שאַפן בײַ אים אַן אײַנדרוק, אַז צווישן דעם הײַנטצײַטיקן פעריִאָד פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און דעם פעריִאָד פון די פאָרייִער זײַנען פאַראַן ווידערשפּרוכן און מאַכלויקעס.

■

כאָנע שמערוק גיט אָפּ באַזונדערע אויפמערקזאַמקײַט דעם פּרינציפּ פון פּאַרטייִשער אָנפירונג מיט דער ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אין געגעבענעם פאַל — מיט דער ייִדישער ליטעראַטור. דערבײַ גייט ער אַרויס פון דער האַנאָכע, אַז, קלוימערשט, זי, די ליטעראַטור אונדזערע, באַשטייט פון צוויי מינים ווערק — פון אַזעלכע, וואָס זײַנען „באַוויליקט געוואָרן צום פאַרעפנטלעכן", און פון אַזעלכע, וואָס „האָבן געמוזט בלײַבן פאַרשטעקט און פאַרהוילן פון דער ליכטיקער שײַן". באַשליסנדיק בײַ זיך, אַז אַזאַ איז אָן שום ספק די ווירקלעכע לאַגע, שרײַבט שמערוק וועגן דער פּאַרטייִשער אָנפירונג מיט דער סאָוועטישער ליטעראַטור: „אין די הויך־פּונקטן פון פּאָליטיש־אידעאָלאָגישער ווירקונג פון דער פּאַרטיי אַף דער ליטעראַטור, וואָס איז באַוויליקט געוואָרן צום פאַרעפנטלעכן, זײַנען אירע

(דער ליטעראַטורס. — א. וו.) ווערטן געפאַלן. און פאַרקערט, ווען דער קויעך פון דער אויפווירקונג אין אירע פאַרשיידענע פאָרמען איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָבן זיך געשאַפן מעגלעכקײַטן צו דערהייבן אירע ווערטן און פאַרעפנטלעכן ווערק, וואָס וואָלטן מיט אַ קורצער צײַט פריִער אָדער שפּעטער געמוזט בלײַבן פאַרשטעקט און פאַרהוילן פון דער ליכטיקער שײַן" (ז. „י"). קאָנקרעטיזירנדיק דעם דאָזיקן טעזיס, וועלכער שטעלט אוועק די פאַקטישע זאַך־לאַגע מיטן קאָפּ אַראָפּ, שרײַבט ווײַטער שמערוק, אַז אין די יאָרן 1917 — 1928 האָט די פּאַרטיי פאַרשפּרייט איר ווירקונג אין דער ליטעראַטור „ליבעראַל" („ניט מיט קיין דראַסטישע מיטלען און אויך אָן אַ קלאָרער שטעלונג לעגאַבע אַ ריי פאָרמעל־ליטעראַרישע און אַקטועלע לעבנספּראָבלעמען, וועלכע מ׳איז נאָך דעמלט געווען גרייט צו לאָזן פרײַ דיסקוטירן און באַהאַנדלען" — ז. „י"). מאַכנדיק אַן אָנשטעל פון אַן אינפאָרמירטן מענטשן, שעפּטשעט ער אַפילע אַרײַן אין אויער פון דעם לייענער, אַז „די פּאַרטיי־רעזאָלוציעס פון דער טקופע זײַנען אָפּט בעקיוון געווען צווייִדײַטיק (?! — א. וו.), ווײַל אירע פירערס (די פירער פון דער אַלקפ(ב). — א. וו.) האָבן זיך ניט געוואָלט אָפּן אַנגאַזשירן אין אַ בונד מיט איינער פון די גרופּעס (פון די שפּעפּרישע גרופּירונגען אין דער ליטעראַרישער סוויווע פון די 20־ער יאָרן. — א. וו.)" (ז. „יא").

די צײַט פון שטורמישע רעוואָליוציאָנערע איבערגעשטאַלטונגען אינעם לעבן פון אונדזער לאַנד, און בעמיילע אויך אין דער ערשט אויפגעקומענער סאָוועטישער ליטעראַטור, ווען דאָס נײַע אינעם באַוווסטזײַן פון דעם מענטשן, דער סאָוועטישער גײַסט אין דער קונסט, ליטעראַטור, מוזיק, טעאַטער האָט זיך פּראַקטיש געפורעמט, — די דאָזיקע ברויזיקע, שאַפנדיקע צײַט צווישן 1917 און 1929 באַצייכנט פּראָפעסאָר שמערוק אַלס „די מילדע טקופע". די עצם געשיכטע פון דער סאָוועטישער ייִדישער (און ניט נאָר ייִדישער) ליטעראַטור הייבט ער אָן פון יענעם מאָמענט, ווען דער פּאַרטייִשער פּרינציפּ איז „אײַנגעפירט געוואָרן מיט אַ שטרענגער האַנט"; לויטן אָרגאַניזאַציאָנעלן סימען — זינט „די אַסאָציִאַציע פון פּראָלעטאַרישע שרײַבער דערשלאָגט זיך צו פולער העגעמאָניע אין גאַנצן לאַנד און פירט אײַן, מיט דער האַסקאָמע פון דער פּאַרטיי, אַ ריגאָריסטישע אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע דיקטאַטור אין אַלע געביטן, וואָס האָבן אַ שײַכעס צו ליטעראַטור" (ז. „יב").

אָט פון אַזאַ קוק־ווינקל נעמט זיך שמערוק צו באַלײַכטן אַ גאַנצע ריי פּראָבלעמען פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור־בויונג אין די ערשטע נאָכרעוואָליוציע־יאָרן. אין איינעם אַן אָרט פון זײַן אַרײַנפיר־עסיי צו דער אַנטאָלאָגיע „אַ שפיגל אַף אַ שטיין" (ז. „יא") שרײַבט ער: „די פּאַרטיי אין דער טקופע (אין דער „מילדער טקופע". — א. וו.) איז גרייט געווען ניט נאָר צו טאָלערירן, נאָר אַפילע צו שטיצן די אַזויגערופענע „מיטלויפערס". אָנרופנדיק די מיטלויפער „ספּעצן פון דער ליטעראַטור" (לויט אַן אַנאַלאָגיע מיט דער טעכנישער אינטעליגענץ), באַהויפּטעט ער, אַז צו דער סאָוועטישער

ליטעראַטור האָבן זיי זיך דערנעענטערט, אייגנטלעך, ניט צוליב אידעאָלאָגישע טײַמים, נאָר אדאנק „נײַע מעגלעכקײַטן פונעם פאַרלאַג־וועזן", אדאנק געשאַפענע מיצאד דער סאָוועטנמאַכט „באַדינגונגען פאַר ווײַטערדיקער בעקאָוועדיקער עקזיסטענץ ווי שרײַבער" אדג. אויך דאָס נײַס אין זייער שאַפונג נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע טראָגט ניט, לויט זײַן מיינונג, קיין אידייִש־פּאָליטישן כאַראַקטער, נאָר א פאָרמעל־קינסטלערישן. בא אָשער שוואַרצמאַנען, דאָוויד האָפּשטיינען, פּערעץ מאַרקישן, לייב קוויטקאָן געפינט ער: 1. „א באַנײַערישע מעטאַפּאָריק", 2. „א שטראָם פון פּראָזאַישע עלעמענטן", 3. „נײַע ריטמען" (ז. „יב"). נו, און נײַע אידייען? קיין נײַע אידייען געפינט ער ניט בא דעם אווטאָר פון „אין וועלדלעך טונקעלע, אין האַלבע שוצגראָבנס, בא טונקלער זײַט פון ברענענדיקע דערפער זיך שלענגלען שורעס מוירדים מיט ביקס אין האַנט, מיט וואָרעם בלוט אין האַרצן...", ווי אויך בא דעם זינגער פון „אָקטאָבער! אָן אָנהייב אָן „אָ", א ברען פון אומענדלעכן רונד, א זוים פון א זון־ראָד..." און בא די אַנדערע גרויסע רעוואָליוציאָנערע ייִדישע דיכטער, וואָס האָבן אין אָנהייב פון זייער שאַפונג אָפּגעשפּיגלט דעם אומבײַט פון עפּאָכעס אינעם לעבן פון לאַנד און פאָלק. ער איז גרייט בלויז צו אָנערקענען, אַז „בא זיי אַלע פילט זיך די שטרעבונג אָפּצורײַסן זיך פון די קלאַסישע סטראָפישע פאָרמען" (דאָרט).

צום הײַנטיקן טאָג איז שוין מיצאַד דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור־פאָרשונג אין א גענוגנדיקער מאָס באַלויכטן געוואָרן דער אידייִשער און סאָציאַלער מעהוס פון דער שאַפונג פון די אָנהייבער פונעם סאָוועטישן פּעריאָד אין אונדזער ליטעראַטור. דיסקוטירן מיט שמערוקן אפן ניוואָ, וועלכן ער לייגט פאָר, איז ניטאָ צוליב וואָס. ניט לאַנג צוריק האָב איך געלייענט אין אַן אויסלענדישער בלאַט וועגן אַזאַ צופאַל. עפּעס א סקאַנדאַליסט האָט בא דער זײַט פון א שאָסיי אופגעשטעלט אַן אויסגעבויגענעם שפּיגל, קעדיי אַראָפּשלאָגן פון וועג די פאַרבײַגייענדיקע אווטאָמאָבילן, נאָר דאָס האָט ניט געהאָלפן: דער שפּיגל איז געשטאַנען, און די אווטאָמאָבילן זײַנען זיך געגאַנגען ווײַטער. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן דער ציִעניסטישער אַנטאָלאָגיע „א שפּיגל אף א שטיין", וואָס האָט ניט קיין וויסנשאַפטלעכע צילן, נאָר אידעאָלאָגיש־דיווערסיאָנעלע, און אויך, אַנטשפּרעכיק, וועגן די „טעאָרעטישע" איבונגען פון איר צונויפשטעלער און קאָמענטאַטאָר.

סײַדן עפּשער איין באַמערקונג — וועגן די אזויגערופענע מיטלויפער — איז קעדײַ צו מאַכן בא אָט דער געלעגנהײַט, אף וויפל, ווי עס געדענקט זיך, די דאָזיקע טעמע איז מיצאַד אונדזער פאָרשונג און קריטיק ניט באַרירט געוואָרן אין משך פון צענדליקער יאָרן. איך ווייס ניט, וויאַזוי עס איז געשען, נאָר אין דער ייִדישער ליטעראַרישער סוויווע איז פון אָנהייב אָן דערלאָזט געוואָרן א ניט־פּינקטלעכע, א פּרינציפּיעל ניט־פּינקטלעכע איבערזעצונג פּרנעם באַגריף попутчик, וואָס האָט קלאַל ניט צו טאָן מיט נאָכלויפן, נאָכשלעפּן זיך, נאָר מיט גיין צוזאַמען, גיין אף איין וועג. דוכט זיך, בלויז עטוואָס אַנדערש געזאָגט, און דער מיין איז שוין גאָר אַן אַנדערער... די פּאָפּוטשיקעס האָבן אָנגעהויבן שרײַבן פאַר דער רעוואָליוציע, און די לאָגיק פון זייער שאַפונג האָט זיי געבראַכט צו אַזאַ מאַצעוו, אַז זיי האָבן גענומען גיין צוזאַמען, אף איין וועג מיט דער אופגעקומענער אין דער רעוואָליוציע סאָוועטישער ליטעראַטור. די רעוואָליוציע האָט זיי פאַרכאַפּט מיט איר גרויסקײַט, מיט איר סאָציאַלן עמעס, און ניט מיט נײַע מעגלעכקײַטן פונעם פאַרלאַג־וועזן.

שמערוק צווייפלט אין דער עכטקײַט פון דער רעוואָליוציאָנערער פּראָלעטאַרישער וועלט־אָנשויונג בא די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. ער בויט פאַר זיך אויס א סכעמע, פול מיט פּלאָנטער. לויט אים זײַנען, לעמאָשל, פונדאַמענט־בויער פון דער נײַער ייִדישער דיכטונג בא אונדז אין לאַנד בלויז פיר פאָרשטייער פון דער „קיִעווער גרופּע" — שוואַרצמאַן, האָפּשטיין, מאַרקיש, קוויטקאָ, — און אף וויפל זיי האָבן זיך געדרוקט אין אַלמאַנאַך „אייגנס", איז דאָס, פאַרשטייט זיך, דער בעסטער סימען, אַז דער אָנהייב פון אונדזער פּאָעזיע איז אידייִש ניט קיין סאָוועטישע. קושניראָוו, האַלקינען, פיניננבערגן, אַקסעלראָדן דערקלערט שמערוק (איין גאָט ווייסט פאַרוואָס) פאַר טאַלמידים פון די ערשטע פיר. וואָס איז שײַעך פּעפערן און כאַריקן, איז, — זאָגט ער, — „בולעט פון אָנהייב אָן, אַז ס'בינדט זיי מער מיט די קיִעווער פּאָעטן (מיט האָפּשטיינען, לעמאָשל. — א. וו.), ווי מיט דער עלטערער רעוואָליוציאָנערער ייִדישער פּאָעזיע (אשטייגער, מיט ווינטשעווסקין. — א. וו.) (ז. „יג").

דער פּראָפעסאָר שמערוק, פּאַשעט גערעדט, האַקט א טשײַניק. ער האָט געהערט עפּעס זאָגן וועגן א פּאָעטישער פאָרמולע „ווײ און מוט", — בא האָפּשטיינען אין א שורע און בא האַלקינען אַלס נאָמען פון א בוך, — פּאַסקנט ער אָן שום וואַקלונגען, אַז דאָס איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי „דער טרויעריקער ריס צווישן דעם ייִדישן נאַציאָנאַלן ווײ און דעם אַלגעמיינעם (לייען — סאָוועטישן. — א. וו.) מוט" (דאָרט). אײַ אין די לידער גופע, וועגן וועלכע עס גייט א רייד, איז אַזאַ „טרויעריקער ריס" ניטאָ, אַרט עס ניט דעם קריטיקער, ער האָט זיך זײַן ספּעציפישע אופגאַבע אַלס צונויפשטעלער און קאָמענטאַטאָר פון אַן אַנטיסאָוועטישער אַנטאָלאָגיע, און פאַרטיק.

■

ווען כאָנע שמערוק זאָל זיך אזוי פלײַסיק ניט פאַרנעמען מיט אונדז און מיט אונדזער ליטעראַטור, וואָלטן מיר, פון אונדזער זײַט, ניט געווען צו אים נײַגעריק, נאָר אָט לייענען מיר אין דער פּאַריזשער ציִעניסטישער צײַטונג „אונדזער וואָרט", אין א נומער פון סאָף פעווראַל הײַנטיקס יאָר, אַז כאָנע שמערוק האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריזש אפן וועג קיין אַמעריקע, און דער ציל פון זײַן רײַזע איז — אַרויסטרעטן סײַ דאָ, סײַ דאָרט מיט לעקציעס אין א ריי אוניווערסיטעטן אף דער טעמע „ייִדישע קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד — געשיכטע און פּערספּעקטיוון". עס ווערט מיטגעטיילט, אַז פּראָפעסאָר כאָנע שמערוק איז אַן „אָנערקענטער ספּעציאַליסט

פון דער ייִדישער ליטעראטור אין ראטנפארבאנד. ער האָט אינספּירירט (מײַן קורסיוו. — א. וו.) די גרויסע אנטאָלאָגיע „א שפּיגל אף א שטיין”... לעצטנס איז דערשינען זײַנס א זאמלבוך „ייִדן אין ראטנפארבאנד”, אאוו. אדג.

דער אנערקענטער ספּעציִאליסט, וואָס פאָרט ארום מיט לעקציעס, — איז דער זעלבער ליטערארישער סאָוועטאָלאָג, מיט וועמענס „פּערל” פון אנטיסאָוועטיזם און אמעראצעס מיר האָבן אָקאָרשט זיך באקאנט. אין א ווײַטערדיקן נומער פון דער זעלבער פּאריזשער צײַטונג האָבן מיר געלייענט א באריכט וועגן דעם שוין פאָרגעקומענעם רעפעראט פונעם פּראָפעסאָר כאָנע שמערוק: „דער רעפערענט האָט דעריקער אָנגעוויזן, אז דאָס רוסישע ייִדנטום איז שטענדיק געווען גײַסטיק אקטיוו אין דרײַ שפּראכן: אין ייִדיש, אין העברעיִש און אין רוסיש, און אז הײַנט־צו־טאָג, מיטן אונטערדריקן דאָס ייִדישע און העברעיִשע וואָרט... ווערט אין דער רוסישער שפּראך אויך געשאפן פיל וויכטיקע ייִדישע ארבעטן, וואָס דערגייען צו אונדז דורך די אזויגערופענע סאמאיִזדאט־אויסגאבעס”...

איך וואָלט זיך אָפּגעהאלטן פון ווײַטערדיקע רייד וועגן שמערוקן, — זײַן פּרצוף איז אין אָט די עטלעכע כראָניקאלע שורעס אָנגעמאָלט גאנץ טרעפלעך, — אָבער אן אנדער ארויסזאָגונג וועגן אים, וועלכע איז אָקאָרשט דערשינען אין א ייִסראַעלדיקער בירגערלעכער צײַטונג, האָט צו טאָן מיטן פּראָפעסיִאָנעלן ניוואָ פונעם געלערנטן מאן, און וועגן דעם איז קעדײַ צו דערציילן.

עס גייט א רייד וועגן דעם ארטיקל „ייִדישע ליטעראטור אין א שלעכטער קאָמפּיליאציע אין דער העברעיִשער ענציקלאָפּעדיע”, וואָס עס האָט אָפּגעדרוקט אין דער צײַטונג „לעצטע נײַעס” איר שעף־רעדאקטאָר מאָרדכע צאנין. איבערלייענענדיק אין 19־טן באנד פון דער העברעיִשער ענציקלאָפּעדיע כ. שמערוקס ארבעט וועגן דער ייִדישער ליטעראטור, איז מאָרדכע צאנין געקומען צום אויספיר, אז „אפילע אן אָנפאנגער־סטודענט אפן געביט פון דער ייִדישער ליטעראטור וואָלט געקאָנט מאכן א סאך א בעסערע און טיפערע ארבעט, ווי פּראָפ. שמערוק האָט געמאכט”. מ. צאנין זעט אײַן אין שמערוקס ענציקלאָפּעדיע־ארטיקל א „כויזעק מאכן פון דער ייִדישער ליטעראטור”, א „ניט קענען די אידיי און ניט פארשטיין די געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראטור”. ער שטעלט זיך אָפּ באזונדערס אף די ערטער אינעם ארטיקל, וועלכע זײַנען געווידמעט איציק מאנגערן („וואָס פאר אן אמעראצעס! וואָס פאר א ניט קענען מאנגערן!”) און שאָלעם־אליכעמען („...די באנאליטעט, ווען שמערוק כאראקטעריזירט שאָלעם־אליכעמען, אז „זײַן גרויסער קויעך איז באשטאנען אין דער מעגלעכקײַט צו לאכן און צו מאכן לאכן אויך אין טראגישע סיטואציעס” — אזא אנטדעקונג וואָלט דער פּראָפעסאָר שמערוק געדארפט וואָס שנעלער פּאטענטירן”...). און ווײַטער באַרירט צאנין א פראגע, וואָס רופט זיך איבער מיט אונדזער איצטיקער טעמע: „פאר שמערוקן עקזיסטירט „סאָוועטיש היימלאנד” בלויז קעדיי צו געבן א ווולגארן בריקעווע די איבערגעבליבענע ייִדישע דיכטער אין ראטנפארבאנד, וואָס דער „ליטעראטור־קענער” (די גענדזנפיסלעך זײַנען מ. צאנינס. — א. וו.) זאָגט וועגן זיי, אז עס איז ניטאָ צווישן זיי קיין איינציקער, וואָס זאָל דערגרייכן די הייך פון זייערע לערער און כאווײרים, וועלכע זײַנען אומגעקומען”. סטאם צוגעטראכט א בילבל. ווי כאָנע שמערוק איז א „מייוון” אף שאָלעם־אליכעמען און מאנגערן, איז ער אויך א „עקספּערט” ארום די ייִדישע שרײַבער אין ראטנפארבאנד...”

אויב עמעצער פארשטייט ניט, פון וואָסערע כוישעכן עס ווערט אין די באדינגונגען פונעם קאלטן קריג רעקרוטירט דאָס אנטיסאָוועטישע פען־כאַיִל, — די קאָלערליי עקספּערטן איבער די עיניאָנים פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, — זאָל ער זיך ארײַנטראכטן אין דעם, וואָס עס טוט אף אָט דעם געביט דער פּראָפעסאָר כאָנע שמערוק פונעם ירושאלאיִמער אוניווערסיטעט...

■

און אָט איז נאָך איין בײַשפּיל פון ניט וועלן און ניט קאָנען פארשטיין ניט די טעאָריע, ניט די פּראקטיק פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, פון ריידן וועגן איר אזוי, פונקט ווי זי אליין וואָלט שוין קיין דייע און קיין קאָל און קיין אָנזען ניט געהאט, און ווילד־פרעמדע מענטשן קאָנען זיך ארום איר אייסעקן, ווי ארום א בארמינען.

שלוימע ביקל האָט פארן טויט ארויסגעגעבן א צווייבענדיקן אויסקלײַב פון זײַנע ליטעראטור־קריטישע ארטיקלען — „שרײַבער פון מײַן דאָר”[1], וווּ עס איז, צווישן אנדערע, פאראן אן ארבעט „נאציִאָנאלע מאָמענטן אין דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראטור”. ביקל איז ניט דער איינציקער צווישן די פריידיקער פונעם ייִדיש־ליטערארישן נעכטן, וואָס האָבן זיך געבראָכן דעם קאָפּ ארום אָט דער הארבער פאר זיי פּראָבלעם, און העיויס ער טײַנעט דאָס זעלבע, וואָס עס טײַנען זײַנע אידייִשע קאָלעגן („סאָוועטיש — איז ניט נאציִאָנאל...”), — וועל איך דאָ בארירן ניט די איקער־פּראָבלעם פון דער ארבעט, נאָר א זײַטיקע, דעהײַנע — ביקלס פּרווו צו שאפן א כראָנאָלאָגישע ראם פאר דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור. אין אָנהייב פונעם ארטיקל לייענען מיר: „אין יאָר תש״ח, אין דעם יאָר 1948 לויט דער אלגעמיינער צײַט־רעכענונג, האָט זיך פארענדיקט (מײַן קורסיוו. — א. וו.) דאָס קורצע קאפּיטל פון דער ייִדישער קולטור־געשיכטע אין ראטנפארבאנד, א קאפּיטל, וואָס זײַן וויכטיקסטער, געדויערדיקסטער טייל איז געווען די ייִדיש־סאָוועטישע ליטעראטור” (ז. 287).

שוין באלד, הייסט עס, א פערטל יאָרהונדערט, ווי מיר, סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, און אונדזערע ווערק, ארײַנגערעכנט די, וועלכע דרוקן זיך אין „סאָוועטיש היימלאנד”, זײַנען ניטאָ. ביקל האָט געמאכט א סאך צו אונדז, אָנשפּארנדיק זיך אף דער אויסגעלאָסענער „פרײַהײַט פון וואָרט”, לויט וועלכער דער שרײַבנדיקער שרײַבט וואָס עס פארגלוסט זיך אים.

פונקט אזוי מעשונע־ווילד איז דער אויפן, וויאזוי

---

[1] שלוימע ביקל. „שרײַבער פון מײַן דאָר”. פארלאג „מאטאָנעס”, ניו־יאָרק.

שלוימע ביקל שטעלט אײַן דעם אָנהייב פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור. ווי מיר ווייסן שוין, האָבן אַנדערע ליטסאָוועטאָלאָגן געמאַכט פּרוּוון צו ציילן אונדזערע סאָוועטישע יאָרן, אָנהייבנדיק ניט פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, נאָר פונעם מאָמענט, ווען עס האָט אופגעהערט צו דערשײַנען דער זשורנאַל „שטראָם” און ס׳איז אַרויס דער זאַמלבוך „אָקטיאַבער” (1925). שלוימע ביקלען איז עס ווייניק. „אַזאַ היסטאָרישע אײַנטיילונג וואָלט געווען אַ היפּש ביסל דרויסנדיק און מעכאַניש”. פאַרוואָס? ווײַל (הערט ווײַטער די דערשטוינענדיקע פּלאַפּלערײַ...) — „איך רעד שוין ניט דערפון, אַז סײַ די קריטישע פּאָלעמיק, וואָס ס׳האָט פאַרפירט אין „אָקטיאַבער” דער יונגער מאַרקסיסטישער נאַשפּיץ יאשע בראָנשטיין (ביקל פּלאָנטערט דעם מאָסקווער זאַמלבוך מיט דער מינסקער טאָג־צײַטונג אונטערן זעלבן נאָמען. — א. וו.) קעגן די „אינטעליגענטישע רעאַקציאָנערע פּאַרמאַליסטישע פּראָזן” פון דעם „שטראָם”־קריטיקער יעכעזקל דאָברושין, און סײַ די קריטישע עקספּאָזע פון דעם געוועזענעם נעאָ־כאָסיד אוּוראָם וועוויאָרקע וועגן די „נײַע פּראָלעטאַרישע וועגן פון אונדזער ליטעראַטור” האָבן ניט געהאַט דעם קויעך פון אידעאָלאָגישער דעקרעטירונג, ווי די שפּעטערע אַרויסטרעטן פון אַ זשדאַנאָוו און אַ איליאַ ערענבורג (אינמיצקעדערינען — ערענבורג... — א. וו.). בראָנשטיין און וועוויאָרקע האָבן מיט זייער מאַרקסיסטישער קריטיק אַפילו ניט געהאַט דעם קויעך פון פּאָליציייִשן אַטמאָספער־באַשאַף (אַפילו... — א. וו.), ווי ס׳האָבן דאָס שפּעטער בעלי־סאָפעק יאָ געהאַט דער ווידוי פון מאַקס עריק (געמיינט עריקס אַרויסטרעטונג אין 1930, דרײַ יאָר נאָך זײַן קומען קיין סאָוועטנפאַרבאַנד, אין וועלכער ער האָט פון מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט אַנאַליזירט אייניקע זײַנע פעלערהאַפטע שטעלן אין די פריִערדיקע ווערק. — א. וו.), אָדער איציק פעפערס „צום וועגנטל”־לידער און זײַנע ברוטאַלע אַטאַקעס קעגן די ייִדישע שרײַבער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער (ווען פעפער אָדער אַן אַנדער סאָוועטישער ייִדישער שריפטשטעלער האָט קריטיקירט און דעמאַסקירט אַזאַ־אָ אַנטיסאָוועטישע פּלאַפּלערײַ פון ליטעראַרישע מענאַכעם־מענדלס, האָט עס געהייסן — ברוטאַלע אַטאַקעס קעגן די ייִדישע שרײַבער אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער... — א. וו.)” (זז. 291 — 292).

ביקל וואָרנט, אַז דער צוגאַנג צו די אָנהייבן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור טאָר ניט זײַן קיין „געאָגראַפישער” — „דאַן איז אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַף דער טעריטאָריע פון רוסלאַנד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָליוציע, ייִדיש־סאָוועטיש”. נו, מיט דעם קאָן מען נאָך מאַסקים זײַן: ניט אַלץ איז סאָוועטיש, וואָס ווערט אין אונדזער לאַנד געשאַפן. אַלס קריטעריע נעמען מיר אָן די אידייִשע אָריענטאַציע. ביקל אָבער רוקט איבער „דרויסנדיק און מעכאַניש” דאָס אַנטשטיין פונעם סאָוועטישן פּעריאָד אין אונדזער ליטעראַטור אַף אַזויפיל, אַף וויפל ער וויל. „אַפילו מוישע ליטוואַקאָוו, וואָס רעדט אין זײַן צווייטן עסייען־באַנד „אין אומרו” (אַרויס אין מאָסקווע אין 1926, אין אַ יאָר אַרום נאָך דעם זאַמלבוך „אָקטיאַבער”) שוין היפּש אין נוסעך פון אַ פויפּסט עקס־קאַטעדראַ... און ער איז אַ מײַדים אַף צו נוצן דעם גאַנצן דיִאַלעקטישן קלאַפּערגעצײַג פון סאַמע קאָשערסטן היסטאָריש־מאַטעריִאַליסטישן אַנאַליז, און דער אַרבעטער־קלאַס און די אָקטאָבער־רעוואָליוציע זײַנען בײַ אים דער סאַמע איקער פון די איקאָרים באַם באַנעמען און באַרעכטיקן די ייִדיש־ליטעראַטור; אָבער פונדעסטוועגן, זאָג איך, איז אויך ליטוואַקאָוו נאָך נישט ייִדיש־סאָוועטיש. ער איז נאָך סײַ אידעאָלאָגיש און סײַ אַטמאָספעריש מיכוץ פון יענער ייִדיש־סאָוועטישקײַט, וואָס האָט גענומען פירן די מעמשאָלע אין ראַטנפאַרבאַנד מיט עטלעכע יאָר שפּעטער”... (ז. 292).

אויך ליטוואַקאָוו איז ניט סאָוועטיש! נאָר פאַרוואָס? און ביקל דערקלערט עס מיט דעם, וואָס דער אידייִשער אינהאַלט פון מוישע ליטוואַקאָווס ליטעראַריש־קריטישער טעטיקײַט איז זײַן פאָדערונג, „אַז די ייִדישע ליטעראַטור אין אויסלאַנד זאָל אַרויף אַפן וועג פון מאָסקווע, אַז זי זאָל אָננעמען מאָסקוועס נײַע אידייִשע אָריענטאַציע. און ער איז מאַווטיעך, אַז דאָס וועט שוין מיט זיך ברענגען אי ליטעראַרישע קוואַנטיטעט און אי קוואַליטעט. מיט אַנדערע ווערטער: ליטוואַקאָוו שטעלט זיך אײַן פאַר דער אידייִשער העגעמאָניע פון מאָסקווע אַפן שטעטעך פונעם וועלט־ייִדנטום” (ז. 292). אַזאַ אידייִשע אָריענטאַציע פון ליטוואַקאָווס קריטיק איז פאַר ביקלען נאָך ניט קיין גענוג סאָוועטישע, ווײַל „ליטוואַקאָווס כקירעס און פּילפּולים דרייען זיך אַרום העגעמאָניע און ניט אַרום איבעררײַס”... (ז. 293).

איז שוין קלאָר, וואָס שלוימע ביקל נעמט אָן פאַר דעם אַטריבוט פון „עכטער סאָוועטישקײַט אין דער ייִדישער ליטעראַטור”. לויט אים הייבט זיך אָן די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור דאַן, ווען זי טרעט אַרויס פאַר איבעררײַסן די ייִדישע ליטעראַטור־שעפערישקײַט, דאָס הייסט פאַר ליקווידירן זיך אַליין.

געהערט אַ מײַסע?

„אין די דרײַסיקער יאָרן, נאָך דער אויפלייזונג פון דער יעווסעקציע” און ביז „נאָוועמבער 1948”, — דאַן איז די ייִדישע ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד געווען, לויט שלוימע ביקלען, אַזאַ, צו וועלכער מע קאָן צוגעבן „דעם היסטאָריש־פּײַנפולן אַדיעקטיוו: סאָוועטישע”... (ז. 296).

דער לייענער פּינטלט מיט די אויגן און פאַרשטייט גאָרניט. אַלע זײַ שרײַען דאָך, אַז די יעווסעקציע איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אַף צו סאָוועטיזירן די ייִדישע באַפעלקערונג און די ייִדישע ליטעראַטור, — און מיטאַמאָל, נאַ דיר גאָר אַ נײַס: ערשט נאָך דעם, ווי די יעווסעקציע איז אָפּגעשאַפן געוואָרן, איז די ייִדישע ליטעראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד געוואָרן אַ סאָוועטישע... „דעמלט האָט מען זי פון „קאַזנאַ” (ביקל נוצט ווידער אַ וואָרט, וואָס ער פאַרשטייט אַליין ניט זײַן מיין; „קאַזנאַ” האָט אין די צאַרישע צײַטן באַטײַט דאָס יורידישע רעכט פון דער מעלוכע אַף געוויסע מאַטעריעלע ווערטן, מער גאָרניט; ער אָבער נוצט פיל מאָל דאָס וואָרט ווי אַ סינאָנים פון דער סאָוועטישער מעלוכע אָדער אַפילו פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. — א. וו.) באַפרײַט פון דעם מינדסטן ייִדיש־פאָלקישן און אַוודע שוין וועלט־פאָלקישן אויסבליק. די ייִדיש־סאָוועטישע ליטעראַטור האָט אַלפּי־דעקרעט איבערגעריסן מיטן ייִדישן

אויסלאַנד... זי איז געוואָרן ליטעראַטור אויף ייִדיש בלויז אין די גרענעצן פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד".

אײַנגעוואָרצלטקייט אין אייגענעם באָדן, אָריִענטאַציע אויפֿן אייגענעם לאַנד (פּאַטריִאָטיזם), פֿאַרנומענקייט מיט די פּראָבלעמען פֿון דער אייגענער היים (דער הייפּעך פֿון צעלאָזנקייט און צעשפּרייטקייט אין א „וועלט־פֿאָלקישן אויסבליק") — דאָס, וואָס איז אייגנטימלעך דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, אָנהייבנדיק פֿון אָקטיאַבער 1917, זעט אויס אין שלוימע ביקלס אויגן ווי יענער נעגאַטיווער פֿאַקט, וואָס איבער אים פֿאַרלירט אונדזער ייִדישע ליטעראַטור דעם „נאַציאָנאַלן מאָמענט" און זי „פֿאַרבט זיך אויס סאָוועטיש".

דער אויספֿיר: עס זײַנען געווען סאַכאַקל „דרײַסיק יאָר פֿון ייִדיש־שאַפֿונג פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד", פֿון זיי „אַן ערעך אַכצן יאָר, וואָס מיר באַצייכענען מיטן נאָמען ייִדיש־סאָוועטישע ליטעראַטור" (ז. 296).

דער פּרווו צו פֿאַרלייקענען אונדזער עקזיסטענץ, צו מעלדן אונדז פֿאַר „אַרויסגעענדיקטע", איז אין איינקלאַנג מיט די פּראָפּאַגאַנדיסטישע מידעס אין קאַלטן קריג, און מע קאָן וועגן אַזאַ פּרווו בלויז זאָגן, אַז צו אים קומט מען אָן פֿון שוואַכקייט־וועגן. א ווירדיקער ענטפֿער אויף די באַהויפּטונגען, אַז די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך פֿאַרענדיקט אין 1948, איז געווען דער ערשטער נומער פֿונעם ייִדישן סאָוועטישן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אין 1961.

■

די פֿאַרגאַנגענע זינט דעמלט עלף יאָר זײַנען געווען ביז גאָר שווערע אין פֿראַט פֿון אָפּהיטן אונדזער ליטעראַרישן גאָרטן פֿון די ווינטן און ווייענישן פֿונעם קאַלטן קריג. אין דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע איז ניט געווען אַזאַ זשורנאַל אָדער אַן אַנדער פּעריאָדישע אויסגאַבע, וואָס זאָל אַרויסרופֿן אַזעלכע לײַדנשאַפֿטלעכע דיסקוסיעס, אַזויפֿיל ליבע, פֿון איין זײַט, און אַזויפֿיל האַס, פֿון דער צווייטער זײַט, אַזאַ קאַטעגאָרישע קעגנערשאַפֿט און אַזאַ קאַטעגאָרישע פֿרײַנטשאַפֿט, ווי „סאָוועטיש היימלאַנד". בעשאַס די פֿײַערונגען פֿון דער צעניאָריקער עקזיסטענץ פֿונעם זשורנאַל זײַנען די דאָזיקע לײַדנשאַפֿטן דערגאַנגען ביז צו עקסטרעמקײַטן. אין טעלעוויזיע האָבן די ציִעניסטן אײַנגעאָרדנט א סימפּאָזיום, אויף וועלכן איינער א דאָרטיקער פּען־מענטש — א. קאַרפּינאָוויטש — איז אַרויס מיט פֿאָדערונגען און דראָונגען, וואָס זײַנען באַקאַנט לויט די דײַטשישע מוסטערן פֿון די דרײַסיקער יאָרן. „אין דער פֿאָרם, ווי דער זשורנאַל זעט איצט די שײַן, האָט ער ניט קיין רעכט אויף עקזיסטענץ!" — האָט געטומלט קאַרפּינאָוויטש. זײַן אולטימאַטום דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור איז געווען אַזאַ: די ייִדישע שרײַבער זאָלן מער ניט זיצן באַם „קאַלטן אויוון" פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד", קעדיי „אָנצוּוואַרעמען די פֿאַרפֿרוירענע פֿינגער אויף צו שרײַבן פֿאַרעווע שורעס". שוין צײַט, זיי זאָלן, „ווי סאָלזשעניצין און נאַדיעזשדאַ מאַנדעלשטאַם, אַראָפּרײַסן מיט א זיכערער האַנט אַלדאָס סאָוועטישע. ס'איז וויכטיק, אויף וואָס מע נוצט אויס אונדזער ייִדיש לאָשן"... — האָט קאַרפּינאָוויטש געמאָלדן.

יאָ, ס'איז וויכטיק צו וויסן, אַז אין געוויסע עקסטרעמיסטישע קרײַזן טוט מען אַלץ, אַז די ייִדישע ליטעראַטור זאָל אויסגענוצט ווערן ווי א געצײַג אין קאַלטן קריג, און צוליב דעם טויגן אַלע מיטלען, אַפֿילע די ליקווידאַציע פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכער איז ווי א ביין אין האַלדז בא דער אַנטיסאָוועטישער רעאַקציע. אַזוי שרײַבט טאַקע דער אויבנדערמאָנטער מאָרדכע צאַנין אין דער ייִסראָעלדיקער צײַטונג „לעצטע נײַעס": [א געוויסן עלעמענט] „איז גרויס אין די אויגן, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד", ווי א כוידעש־זשורנאַל אין ייִדיש, דערשײַנט ביכלאַל, און ער וואָלט אוועקגעגעבן דעם מיילעכס אוצער אויף דעם, אַז דער עפֿנטלעכער ייִדישער אויסדרוק אין ראַטנפֿאַרבאַנד זאָל ליקווידירט ווערן און דערקלערט ווערן פֿאַר טויט... ער ווערט גרין און בלוי, ווען ער דערזעט א נײַעם נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" אין ייִדיש. צום באַדויערן, ווערן אויך געוויסע ייִדישע שרײַבער אָפּט אַרײַנגעצויגן אין דער פּאָליטישער קאַמפּאַניע קעגן „סאָוועטיש היימלאַנד", ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין כעזשבן, אַז זיי ווערן אויסגענוצט... קעגן ייִדיש, קעגן דער ייִדישער ליטעראַטור, קעגן זיך גופֿע"...

פֿאַרוואָס איז אַזוי געדיכט און ביטער דאָס פֿײַער פֿון די קאַלטקריגערישע לײַט קעגן „סאָוועטיש היימלאַנד"? ווײַל, ווי עס דריקט זיך אויס אַן אַרגענטינער אַווטאָר אין דער דאָרטיקער ציִעניסטישער צײַטונג — י. האָרן, — „נישטאָ קיין „קראַמאָלע" אין אָט דעם זשורנאַל" און — „נישטאָ אין סאָוועטרוסלאַנד קיין אונטערערדישע ייִדישע באַוועגונג..." אָט דאָס אַרט זיי. דערפֿאַר ווילן זיי פּאָטער ווערן פֿון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

עמעס, אין דער זעלבער אַרגענטינע הערן זיך פֿיל שטימען, וואָס קאָנען אָפּגענומען ווערן ווי אַן ענטפֿער די קאָלהאַמינים ייִדישע מאַקאַרטיסטן. איך וועל ציטירן בלויז דעם פּרעכטיקן אַרגענטינער ייִדישן פּובליציסט און ליטעראַטור־פֿאָרשער צאַלעל בליך: „זאָלן זיך אַלע „אַרײַנטײַטשער" אַרויסשלאָגן פֿון קאָפּ די „טרייסט" זייערע, אַז די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער זײַנען עפּעס אַנדערש, איידער דאָס, וואָס זיי זײַנען, דאָס הייסט, — סאָוועטישע פּאַטריִאָטן... קיינעם וועט זיך ניט אײַנגעבן „אַראָפּצודינגען" עפּעס פֿון דער דערהויבנקײַט פֿון זייערע רייד". און טאַקע דערפֿאַר איז מעגלעך געוואָרן צו געבן אַזאַ הויכע אָפּשאַצונג: „סאָוועטיש היימלאַנד", אויף וועלכן ס'ליגט די גאַנצע שיינקײַט, ערנסטקײַט און פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט פֿון א סאָוועטישער אויסגאַבע, שפּילט אַרײַן אין געמיט און דערהייבט דעם גײַסט פֿונעם לייענער. אַז מע נעמט דעם זשורנאַל צום ערשטן מאָל אין האַנט אַרײַן, שפּילט ער מאַמעש ווי א לאַנג־אויסגעכאָלעמטער אינסטרומענט, און מע האַלט זיך קוים־קוים אײַן צוצודריקן אים צום האַרצן... ס'ווערט קלאָר, אַז זײַן דער אויסדרוק אויף ייִדיש פֿון דער סאָוועטישער ליטעראַטור איז דער העכסטער קאָוועד, וואָס דאָס ייִדישע וואָרט האָט געקענט דערגרייכן אין לויף פֿון זײַנע טויזנט לעבנס־יאָר"[1].

---

[1] „אין גאַנג", נומ. 4, 1971, ז. 9 — 10.

מע דערציילט, אז שמועל ניגער האָט אמאָל א זאָג געטאָן מיט א טיפֿן זיפֿץ: מיר האָבן ניט קיין ליטעראַטור, מיר האָבן בלויז שרײַבער... ווײַזט אויס, אַז צו דעם דאָזיקן גדאַנק האָט ניגערן געבראַכט די אָפּוועזנהײַט פֿון קאָלעקטיווער אכרײַעס אין דער סוויווע פֿון די בורזשואַז־בירגערלעכע ייִדישע שריפטשטעלער, די שרײַענדיקע שאָדן־עקסצענטרישקײַט אין פּראַגן, וועלכע קאָנען ניט אַראָפּגעפּאַטערט ווערן מיט שטימונגען און קאַפּריזן, נאָר זיי פֿאָדערן סקרופּולעזע באַגרינדונג, ערנסטע דורכגעטראַכטקײַט, רעאַליסטישן צוגאַנג. באַזונדערס שרײַענדיק איז די אומפֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט, די העפֿקייִרעס אין יענע ייִדיש־ליטעראַרישע קרײַזן, וועלכע מאַכן זיך ניט זעענדיק, אַז אין די וועלט־ספֿערן נעמט שוין איצט א סאָף צום קאַלטן קריג, און זיי טוען אַלץ, אַז די ייִדישע ליטעראַטור זאָל זיך פֿאַרהאַלטן אויף א קרײַע, ווען דאָס אײַז צעגייט שוין און פּלאַצט, שווימענדיק מיטן האַסטיקן שטראָם.

דער קאַלטער קריג איז אין דער וועלט מער ניט פּאָפּולער, עס נעמען שוין זיך אָפּגרענעצן פֿון אים אַפֿילו זײַנע איניציאַטאָרן — די רעגירנדיקע קרײַזן פֿון די מײַרעוודיקע גרויסמאַכטן. געשיקט זיך, וועט די ייִדישע ליטעראַטור אין אויסלאַנד ניט אַראָפּשפּרינגען פֿון דער קרײַע פֿונעם קאַלטן קריג?

נאָר וואָס הייסט אַרויס פֿון קאַלטן קריג? קודעםקאָל הייסט עס — זיך אָפּזאָגן פֿונעם אַנטיסאָוועטיזם. פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור איז עס אייַנצײַטיק א לעבנס־איניען, א באַדינג פֿאַר איר ווײַטערדיקער עקזיסטענץ. פּונקט אַזוי, ווי עס טאָר ניט און קאָן ניט זײַן קיין פֿאַשיסטישע ליטעראַטור אויף ייִדיש, אַזוי טאָר ניט זײַן באַם ייִדישן פֿאָלק קיין אַנטיסאָוועטישע ליטעראַטור.

ניט צוליב דעם איז טויזנט יאָר געכאָוועט און אויסגעהיט געוואָרן דאָס ייִדישע ליטעראַרישע וואָרט, אַז איצט זאָל מען עס לאָזן פֿאַרזונקען ווערן אין אַנטיסאָוועטישן זומפּ.

די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור איז געקומען אויף צו זײַן א סאָוועטישע. זי, פֿון איר זײַט, נעמט אויף מיט א גוט האַרץ אַלדאָס טאַלאַנטפֿולע און פּראָגרעסיווע, וואָס ווערט געשאַפֿן אין כוץ־לאָאָרעץ.

שלוימע ביקל האָט, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזען, באַהויפּטעט, אַז „די ייִדיש־סאָוועטישע ליטעראַטור האָט אַלפּי־דעקרעט (?! — א. וו.) איבערגעריסן מיטן ייִדישן אויסלאַנד, זי האָט איבערגעריסן אַלע פֿאַרבינדונגס־פֿעדעם מיט דער ייִדישער וועלט־שעפֿערישקײַט" (ז. 293). דער עמעס איז אָבער, אַז דאָס „ייִדישע אויסלאַנד", וועלכן ביקל האָט דאָ אין זינען און וואָס האָט אויסגעקליבן פֿאַר זיך די פֿונקציע פֿון אַן אויסגעשפּראָכן־אַנטיסאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדעדינסט, אַרבעטנדיק אונטערן באַראַבאַנען־דרויב פֿונעם הײַנטצײַטיקן ציִעניזם, — דאָס דאָזיקע „ייִדישע אויסלאַנד" האָט אַליין און בעקיוון איבערגעריסן די קאָנטאַקטן מיט דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, מוירע האָבנדיק, ווי פֿאַרן טויט, פֿאַר אירע ווירקונגען אויף די ייִדישע מאַסן אין אויסלאַנד. ווי עס איז צו זען פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד", טוט די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור אַלץ, וואָס פֿון איר איז אָפּהענגיק, אויף צו אָנהאַלטן און פֿאַרטיפֿערן די שעפֿערישע קאָנטאַקטן מיט די געזעלשאַפֿטלעךאכרײַעסדיקע קוויכעס פֿון דער ייִדישער און אייוורישער ליטעראַטור אין די אַנדערע לענדער.

א האָפֿענונגלאָז אַרײַנגעטאָנענער אין דער אויסגעהוילטער פֿון גדאַנק און פֿון סייכל פֿאָרמול וועגן ייִדישער „וועלט־פֿאָלקישקײַט", האָט שלוימע ביקל זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס, לויט ווי ער האָט געזאָגט, איז פֿונדעסטוועגן „איין וועלט־פֿאָלקישע פּריווילעגיע דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור געגעבן געוואָרן, זי האָט געמעגט, איז געווען מעכוייעוו צו זידלען דאָס ייִדיש־ליטעראַרישע אויסלאַנד. אין אָט דעם „פּריווילעגיִוס־אָדיִאָזוס", אין אָט דער באַווילקטער באַזונדערקײַט פֿאַרגאַנוועט זיך, קעגן דער קאַוואָנע פֿון די סאָצבאַשטעלער, א נאַציאָנאַל־ייִדישער מאָמענט, א מאָמענט פֿון ייִדישן וועלט־פֿאָלקיזם. אויב זידלען, מוז דאָך זײַן וועמען צו זידלען; כ׳מיין, עס מוז זײַן א קרויוועשאַפֿט" (דאָרט).

פֿון דעם דאָזיקן באַדכאָניש־אַנעקדאָטישן זאָג דרינגט אַרויס דער עמעסער באַטײַט פֿון „קרויוועשאַפֿט", ווי עס זעט זי דער ציִעניזם. די זעלבע „קרויוועשאַפֿט" האָט דאָך געהאַט אין זינען יאַנקעוו גלאַטשטיין, ווען ער האָט אין אַן עסיי פֿון זײַן זאַמלונג „אין טאָך גענומען" (בוך איינס, ז. 322) אָנגערופֿן די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור „שטיפֿברודערישע ליטעראַטור".

ניין, ניט קיין שטיפֿברידער זײַנען מיר מיט זיי, פּונקט ווי קיינמאָל זײַנען מיר ניט געווען און וועלן קיינמאָל ניט זײַן קיין לײַבלעכע ברידער. די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור איז א ליטעראַטור פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, און זי זוכט פֿאַר דער דורעסדיקער ייִדישער ליטעראַטור א העמשעך אין העסקעם מיט דער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער וועלטאָנשויונג. שטעלנדיק פֿאַר זיך אַזא נאָבעלן ציל, קריטיקירן מיר און וועלן קריטיקירן די בורזשואַזבירגערלעכע ייִדישע ליטעראַטור פֿאַר איר אָפּגעריסנקײַט פֿונעם הײַנטיקן לעבן, פֿאַר ניט האָבן קיין סאָציאַלן אידעאַל, פֿאַר איר אַרכאַישקײַט, נאַציאָנאַלער באַגרענעצטקײַט, געפֿערלעכן פֿאַר די אינטערעסן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק אַנטיסאָוועטיזם.

מיר האָבן ניט איין מאָל גערופֿן די בירגערלעכע ייִדישע ליטעראַטור, און הײַנט איז אונדזער רוף — די פֿאָדערונג פֿונעם מאָמענט: ס׳איז ביז גאָר וויכטיק, אַז די שעפֿערישע סוויווע אויף דער ייִדישער גאַס זאָל אויף דורך און דורך זיך דורכדרינגען מיט דער שטרעבונג און מיט דער גרייטקײַט צו אומפֿאַרמײַדלעכע ענדערונגען, און זי זאָל פּראָקלאַמירן מיט אַנטשלאָסנקײַט, אַז די ייִדישע ליטעראַטור וועט מער ניט זײַן קיין פֿעלד פֿאַר דעם קאַלטן קריג.

# דער פּאַלמאַכניק מאַכט געשעפֿט

דאַכט זיך, אַז דאָס בוך „דער ליבער ייִסראַיילי" וואָלט ניט געקענט דערשײַנען אין אַ מער פּאַסנדיקער צײַט, ווי אין האַרבסט 1971 — אין וועלכער די ברייטע עפֿנטלעכקײַט האָט זיך יעדן טאָג דערוווּסט וועגן אַ נײַעם איניען פֿון קאָרופּציעס און וועגן נײַע פֿאַרמישטע אין גבֿייוועס פֿון געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרמעגן, אין שוינכעד, אין אָפּנאַרערײַ, אין מאַכן טונקעלע געשעפֿטן אויפֿן כעזשבן פֿון דער מלוכה־קאַסע; אַ פּעריאָד, בעת אַ סך מענטשן דעקן אויף, אַז זייערע געוועזענע כאַווײרים — „מיט די אָפֿענע קאָלנערס", ווי אויך „מיט אויסבינדערס" — זײַנען געשטיגן אויפֿן לייטער פֿון דער קאַריערע און רײַכקײַט — ניט צוליב זייערע פֿייִקײַטן, נאָר צוליב פּראָטעקציע, אָפּנאַרערײַ פֿון דער געזעלשאַפֿט, און אויף דער באַזע פֿונעם פּרינציפּ „אַ האַנט וואַשט אַ האַנט".

שימען פּריס בוך ווערט ניט געמאָסטן לויט זײַן ליטעראַרישן ווערט, נאָר ווי אַ בײַסנדיקע סאַטירע איבער די ייִסראָעלדיקע הויכע פֿענצטער, אַ סאַטירע, וואָס באַרירט דאָס, וואָס ווערט פֿאַררעכנט פֿאַר טאַבו אין דער געזעלשאַפֿט פֿון דער מדינה: דאָס אַרײַנדרינגען פֿון נעכטיקע גענעראַלן אין פּאָליטישן לעבן און אויף עקאָנאָמישע שליסל־פּאָזיציעס; די „הילף", וואָס ייִסראָעל ווײַזט אַרויס די אַפֿריקאַנער לענדער, אאַ. גלײַכצײַטיק ווערט געשילדערט דער כאַראַקטער פֿונעם נײַעם ייִסראַיילי, וואָס איז אַ ברוטאַלער, אַ ציניקער, אַ שאָוויניסט. דאָס באַשרײַבן די ייִסראָעלדיקע „הילף" אין אַפֿריקע האָט אַ ספּעציִעלן ווערט, ווײַל דער מעכאַבער גופֿא, וואָס האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אַלס עקאָנאָמיסט און געשעפֿטס־פֿירער, האָט עטלעכע יאָרן געדינט ווי אַ ראַטגעבער פֿון אַן עקאָנאָמישער געזעלשאַפֿט און ער האָט אויך אין לאַנד זיך פֿאַרנומען מיט עקאָנאָמישער טעטיקײַט.

דער מעכאַבער פֿונעם בוך האָט, בעכיין, וואָס צו זאָגן, און ער טוט עס גאַנץ שאַרפֿזיניק. דעריבער וווּנדערט מיך, צו וואָס ער האָט געדאַרפֿט אַרײַנברענגען אין ווערק די פּאָרנאָגראַפֿישע באַשרײַבונגען און די גראָבע רייד, וואָס גיבן נאָר צו מוטנע, פּוסטע ווערטער.

דער העלד פֿון דער דערציילונג, אורי, איז אַ זון פֿון אַ ליבעראַלן פֿאָטער פֿון דײַטשלאַנד, וועלכער „האָט געשוויגן, בעת מע האָט דערמאָרדעט ראָזע לוקסעמבורג. ווען ער איז שוין יאָ געווען גרייט צו רײדן, האָבן די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטן קאָנפֿיסקירט זײַן דרוקערײַ".

אורי איז אַ כאַראַקטעריסטישער פּראָדוקט פֿונעם אַזויגערופֿענעם דאָר פֿון פּאַל מאַך (פּלוגות מחץ, באַוואָפֿנטע גרופּעס, וואָס האָבן געקעמפֿט פֿאַר דער אומאָפּהענגיקײַט). ער האָט פֿאַרלאָזט דעם אוניווערסיטעט און זיך מאָביליזירט אין פּאַלמאַך. אײַנגיכן איז ער פֿאַרוווּנדעט געוואָרן אין קאָפּ, און זײַן גרטער כאַווער, וואָס האָט שוין געהאַט צוויי „פּאַלאַפּלען", איז געקומען אים באַזוכן אין שפּיטאָל. צווישן זיי קומט פֿאָר אַזאַ געשפּרעך: „וואָס וועט זײַן? — פֿרעגט אורי. — דו גייסט אַרבעטן אין זיכערהײַטס־מיניסטעריום, כדי צו זײַן אַ באַאַמטער?" — „אורי, דער קריג האָט זיך פֿאַרענדיקט, איצט זײַנען מיר אַלע מלוכה־אָנגעשטעלטע". — „דאָס איז נאָר אַ וואָפֿנשטילשטאַנד, שמוליק, אונדזער קריג וועט זיך קיינמאָל ניט פֿאַרענדיקן". — „דעריבער דאַרפֿן מיר דיך אין זיכערהײַטס־מיניסטעריום"...

פֿון אַ שטעלע אין זיכערהײַטס־מיניסטעריום ביז צו ווערן אַ געשעפֿטסמאַן איז דער וועג אַ פּאָשעטער: („דאָס געשעפֿט איז געווען אַ פּאָשעט געשעפֿט. די מדינה איז אָרעם. זי האָט קיין געלט ניט. כדי זי זאָל עס האָבן, איז נייטיק אַנטוויקלונג. כדי צו אַנטוויקלען, דאַרף מען שווערע אויסשטאַטונג. צו קויפֿן נײַע אויסשטאַטונג — איז קיין געלט ניטאָ. קויפֿט מען אַלטע. ביליק. שראַגע (דער שוטעף. — מ. ג.) האָט געהאָלפֿן, מע זאָל קויפֿן בעזיל־האַזאָל שווערע אויסשטאַטונג פֿון די רעשטן פֿונעם צווייטן וועלט־קריג. אין קאַנאַדע. די מלוכה וועט פֿאַרדינען אַ סך געלט. מע וועט אָנהייבן צו אַנטוויקלען. אָבער אַזויווי דאָס איז אַלטע אויסשטאַטונג, דאַרף מען האָבן אויסטויש־טיילן. ווו באַקומט מען אויסטויש־טיילן? נאָר בײַ שראַגען"). ווי־אַזוי באַקומט מען אַ דערלויבעניש אויף אימפּאָרט? מע גייט צו שמוליקן, וואָס איז שוין אַ מיניסטער אין ייִסראָעל.

אורי האָט באַקומען די דערלויבעניש אויפֿן אימפּאָרט. דאָס געלט האָט שוין אָנגעהויבן זיך צו דרייען, און אונדזער העלד ווערט אַן אימפּאָרטער מיט אַ בעקאָוועדיקער פּאָזיציע, אַלץ גייט דורך אים.

נאָך אַ קורצער צײַט הייבט אורי אָן צו פֿאַרשטיין, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ נײַע גאָלדגרוב, כדי לײַכט רײַך צו ווערן: „די יונגע מדינות אין אַפֿריקע".

איצט ווערט אורי, מיט דער הילף פון זײַן פרײַנט, דעם מיניסטער, שמוליקן, „וואָס איז אַן ארײַנגייער באַם פּרעמיער", באַשטימט אַלס דירעקטאָר פון דער נײַער געזעלשאַפט, אין וועלכער די רעגירונג איז אַ שותּף; טאַקע איר וועלן אָנפאַרטרויט ווערן אַלע איניאַנים פון ייִסראַעלדיקן עקספּאָרט.

אונדזער העלד איבערצײַגט זיך, אַז מיט די „סאָציִאַליסטישע" מיניסטאָרן קאָן מען מאַכן אויסגעצייכנטע געשעפטן. די רעגירונג וועט דולדן די שאָדנס. זײַן געזעלשאַפט אָבער וועט האָבן די פאַרדינסטן. אורי פאָרט קיין אַפריקע. אין אַעראָפּלאַן טראַכט ער זיך: „כ'האָב פּלוצלינג דערפילט, אַז איך לעב, אַז איך אָטעם, אַז כ'האָב מוסקולן, אַ האַרץ, וואָס קלאַפּט, אַז איך בין שטאַרק. מיך נעמט אַרום אַ גרויסער שטאָלץ. כ'ווייס, אַז איך בין אַ פאַרשטייער פון אַ ספּעציפישן פאָלק. מיר וועלן טאָן דאָס אונדזעריקע, מיר וועלן דערגרייכן, מיר וועלן נעמען".

וואָס פאַרא אָנווײַזונגען באַקומט דער „ליבער ייִסראַעילי" פאַר זײַן טעטיקייט אין אַפריקע? „אַלץ, וואָס עס איז גוט פאַר ייִדן, קענסטו פאַרלייגן. אויב דאָס טויג אויך פאַר זיי, איז דאָך אַוודאי גוט". און אונדזער באָכער האַנדלט לויט די אָנווײַזונגען. אין האַרצן פילט ער אַ טיפע פאַראַכטונג צו די „אָפּגעשטאַנענע פוילע שוואַרצע". אין זײַן געשפּרעך מיטן אַפריקאַנער פּרעמיער לייגט ער פאָר: „וואָס דאַרפט איר צום מערסטן? — אינוועסטיציעס. אָבער אויב עס איז ניטאָ קיין האָטעל — קענען די אינוועסטאָרן ניט קומען און זיי קענען ניט אינוועסטירן. דאַרף מען אַ האָטעל. ווי נאָר איר זאָגט אַ קיי, הייבט מען אָן, און קוידעמקאָל מיט אַ פּאַלאַץ פאַר אײַך... הער פּרעמיער, איך בין זיכער, אַז אונדזער רעגירונג וועט זײַן גרייט צו באַהאַנדלען באַדינגונגען פון אַ זייער באַקוועמען קרעדיט, אויב..." — „אויב?" — „אויב אײַך וועט ניט שווער זײַן צו מאַכן, אַז אײַער פאַרשטייער אין דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס וועט אין דער אָפּשטימונג, וואָס וועט פאָרקומען די קומענדיקע וואָך, ניט שטימען קעגן אונדז"... און אַזוי קומט די געזעלשאַפט „סאָלעל באָנע" אַרײַן אין בילד. זי וועט דאָס, פאַרשטענדלעך, בויען דעם פּראַכטפולן האָטעל. די געשעפטן וועלן בליִען מיט גנייוועס און מיט אויסבאַהאַלטן רעוואָכים.

נאָך דעם, ווי ער האָט גענוג אויסגעזויגן די מעלוכע־קאַסע, האָט אונדזער העלד באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס מעלוכע־דינסט און אַרײַנצוגיין אין פּריוואַטע ביזנעס. („ווען די מעדינע האָט פאַרזוכט דעם טאַם — האָט זי געוואָלט נאָך, האָב איך געכאַפּט די אַפריקאַנער קו און זי געמאָלקן. איין טאָג האָבן זיך מיר געעפנט די אויגן, און כ'האָב געזען, אַז דער גאַנצער איניען פון עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט איז איין גרויסער בלאָף, וואָס פאָדערט אײַנצוזיִען דעם פּאַסעק באַ יענע, וועלכע זײַנען ניט געזעסן באַם טעלער"...).

דער מאַזלדיקער געשעפטסמאַן מאַכט נאָך אַ שריט, אין איינקלאַנג מיטן גײַסט פון דער צײַט... ער קניפּט אָן פאַרבינדונגען מיט גרויסע געזעלשאַפטן פון מײַרעוו־דײַטשלאַנד, און אָף אַזאַ אופן פירט ער זיי אַרײַן אין אַפריקע, אונטער אַ ייִסראַעלדיקער שילד. ווען עס ברעכט אויס אַ רעוואָליוציע אין דער אַפריקאַנער מעדינע, קערט זיך אום אונדזער העלד צוריק אין לאַנד. ער רעגט זיך ביכלאַל ניט אויף, ווען דער האַנדלס־ און אינדוסטריע־מיניסטער שטעלט אים פראַגן בנעגייע די איבערגעטריבענע פאַרדינסטן, און בנעגייע דאָס אויסבאַהאַלטן זיי פון האַכנאָסע־שטײַער, געבן שויכעד אַדג.

ווײַזט אויס, אַז זײַן ציניִשע אָנשוווּנג האָט אָף וואָס זיך אָנצושפּאַרן. ער האָט שוין אַ הויז אין לאָנדאָן, אַ הויז אין לאָזאַן און אַ ווילע אין קייסאַריע. ער איז אַן אָנגעזעענע פּערזאָן, וואָס גיט נעדאָווועס און פילאַנטראָפּישע באַשטײַערונגען.

דער רעזומירנדיקער זאַץ אין שימען פּריס בוך איז אַזאַ: „געדענקט אין אַלע צײַטן און אומעטום! — עס איז ניטאָ, עס איז ניט געווען און עס וועט ניט זײַן קיין גוויר, וואָס זאָל ניט זײַן קיין גאַנעוו. דעריבער — אויב איר ווילט זײַן רײַך — גאַנוועט (אָבער מיט סייכל), און גאָט זאָל אײַך העלפן, ווי ער האָט געהאָלפן מיר".

מיריאַם גאַלילי
(טעל־אָוויוו)

## וועגן בוך פון אַמאָס אָז „עפּשער ערגעץ אַנדערש"

דאָס איז עפּשער דער ערשטער גרויסער רעאַליסטישער ראָמאַן וועגן דעם קיבוצישן לעבן אין ייִסראַעל.

דער מעכאַבער אַמאָס אָז איז איינער פון די אויפגייענדיקע שטערן פון דער יונגער העברעיִשער ליטעראַטור.

אַרײַנגעטראָטן צו פערצן יאָר אין דעם קיבוץ כולדאָ, אַרבעט ער הײַנט דאָרט אַלס לערער. ער האָט שוין פאַרעפנטלעכט דרײַ ראָמאַנען, און אין 1965, ווען ער איז אַלט געווען 25 יאָר, איז דערשינען זײַן ראָמאַן „עפּשער ערגעץ אַנדערש".

וועגן דעם קיבוצישן לעבן זײַנען פאַראַן פאַרשיידענע פאָרשטעלונגען. אַזוי, לעמאָשל, שרײַבט זשאַקלין פּאָעטיע אינעם „מאָנד" וועגן אַן אַסקעטיזם אין קיבוץ, וואָס דערמאָנט אין די אַמאָליקע קריסטלעכע געמיינשאַפטן... דאָס פאַלט, נאַטירלעך, ניט צונויף מיט דער ווירקלעכקייט. דער הײַנטיקער קיבוץ איז אויך ניט ענלעך אָף דעם יעניקן, וואָס איז געשאַפן

געוואָרן אין די ערשטע „אליִא״־יאָרן, ווען רעוואָלטירטע יוגנטלעכע האָבן זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער „אלטער צעפוילטער אייראָפּע״ און געטרוימט וועגן אופבויען א לעבן אויף גערעכטע סאָציִאליסטישע יעסודעס. זיי האָבן ניט געהאט קיין אנונג וועגן די ביטערע קאָמפּליצירטע פּאָליטישעקאָנאָמישע באדינגונגען. הײַנט געהערט דאָס אלץ צו דער ראָמאנטישער פארגאנגענהײַט.

דער קיבוץ מיצודאס ראָם, וואָס אמאָס אָז באַשרײַבט אין זײַן בוך, געפינט זיך אין טאָל, צופוסנס פון א בארג, ווו עס וווינען אראבער.

דער לערער רווון האריש איז גלײַכצײַטיק א פּאָעט. אמאָל פלעגט זײַן יונגע פרוי מאָלן אקוואַרעלן צו זײַנע לידער. איצט איז זי אוועק מיט א צווייטן מאנצבל, וואָס מאכט גאָלדענע געשעפטן אין צווייפלהאפטע בערלינער נאכט־לאָקאלן. רווון טראָגט אריבער די ניט־געשטילטע ליבע אויף זײַנע צוויי קינדער — נויגא און גא. זײַן גדאנקען־אויסטויש וועגן פעדאגאָגישע פראגן מיט דער לערערן בראָנקא, וועלכע האָט א מאן און דערוואקסענע קינדער, ברענגט מיט דער צײַט צו אינטימע באציִונגען. בראָנקאס מאן עזרא, א שאָפער, וואָס פאָרט טאָגטעגלעך אויף ארבעט קיין טעל־אוויוו, מאכט איצט א דאָפלטן ארבעטס־טאָג, קומט צוריק שפּעט באנאכט, קעדיי ניט זען, וואָס עס טוט זיך בא אים אין שטוב.

שווער צו זאָגן, וואָס עס שטויסט די 16־יאָריקע נויגא אין די אָרעמס פון דעם עלטערן מאן — דעם שאָפער עזרא. זי ווערט שוואנגער. דערווײַל באווײַזט זיך אין קיבוץ א דעמאָראליזירטער טיפּ, דער מאָמעס א פרײַנט פון די בערלינער נאכט־לאָקאלן, און ער וויל נויגאן מיטנעמען מיט זיך. דער גאנצער קיבוץ איז אים מעשאלייעך. א צוריקגעקומענער יונגערמאן פון מיליטער, וועלכער האָט פריִער ניט באוויזן צו דעראָבערן איר הארץ, ווערט איר מאן און דער טאטע פון איר קינד.

ארום אָט די ליבע־אינטריגעס שילדערט דער מעכאבער אויף א קינסטלערישן אויפן זײַנע פערסאָנאזשן.

פאראן אינעם בוך שטילע איראָניע און דינער הומאָר. אמאָס אָז מאכט ניט אליין קיין אויספירן. ער ווארפט אָן א גאנצע ריי בילדער און געדאנקען, מיט וועלכע מע קאָן יאָ אָדער ניט מאסקים זײַן, אָבער וועלכע שטויסן דעם לייענער זיך צו פארטראכטן.

כאראקטעריסטיש איז דאָס געשפּרעך צווישן דעם יונגן גא האריש מיטן מוזיקער סעגאל:

„ווער איז שולדיק אין דעם אומגליקלעכן מישפּאָכע־פּלאָנטער: דעם ייִנגלס פאָטער רווון, די לערערן בראָנקא, אָדער נויגא און עזרא?״

סעגאל קאָן קיינעם ניט באשולדיקן, און דאָס ייִנגל באטראכט זיך און זאָגט:

„יאָ, דאָס איז פּונקט אזוי ווי מיר און די אראַבער. יעדער איינער טײַנעט, אז דאָס לאנד איז זײַן היים״.

דער מעכאבער שילדערט די אָנגעשטרענגטע אטמאָספער צווישן דעם טאָל פון די קיבוצניקעס און דעם בארג, ווו ס׳לעבן די אראבער, וועלכע האָבן מוירע, מע זאָל זיי פון דאָרט ניט פאריאָגן. עס קומט א מאָמענט, ווען די לופט ווערט שווער אָנגעזאפּט מיט פּולווער און ווען דער טליִענדיקער סיכסעך איבער א שטיקל פעלד ברעכט אויס אין א קאָנפליקט.

וועגן דעם אלעם שרײַבט דער אווטאָר אויף א רעאליסטישן אויפן. בייס אין פאריזש, לעמאָשל, צי אין ניו־יאָרק, צי אין אנדערע ווײַטע פון דער ייִסראָעל־מעדינע שטעט דיסקוטירן מיט היץ געוויסע ייִדישע „סופער־פּאטריִאָטן״, זײַענדיק גרייט זיך צו שלאָגן ביזן לעצטן ייִסראָעלדיקן סאָלדאט, קומט א פאָרשטייער פונעם יונגן ייִסראָעלדיקן דאָר מיט א ניכטערן בליק אויפן בלוטיקן סיכסעך און שטויסט אונדז זיך ערנסט צו פארטראכטן.

יעהודיט קאלמאן
(פאריזש)

# א סאטירע וועגן גענעראלן

סילוויִא קעשעט האָט פארעפנטלעכט א סאטירע אין איר שטענדיקער אָפּטיילונג אין דער צײַטונג „יעדיאָט אכראָנאָט״ דעם 22 אָקטיאבער פאָריקס יאָר וועגן אן אויסגעטראכטן „מעקסיקאנער גענעראל קאסטאניעטאס״. דאָס אופדעקן דעם עמעסן מענטשן האָט זי איבערגעלאָזט פאר דער פאנטאזיע פון די לייענער.

אין דער דערמאָנטער זייער אקטועלער סאטירע האָט סילוויִא קעשעט צווישן אנדערן געשריבן:

„דער מעקסיקאנער גענעראל קאסטאניעטאס... האָט, בעשאס ער האָט געבויט א פראכטפולע און אנציקנדיקע פעסטונג, וואָס האָט אָפּגעקאָסט בלויז 17 מיליאָן דאָלאר..., אויסגעפּוצט זי מיט געמאָלענע און אויסגעהאקטע אין שטיין קינסטלערישע שאפונגען, קעדיי דער באזוכער זאָל ווערן געפּלעפט. דעריבער זײַנען די וווינונגען פאר זײַנע זעלנער קארגע און ענגע. ווי יעדער גרויסער מענטש, איז דער גענעראל צעשטרייט, און ער האָט ניט געטראכט וועגן א קלוב פאר די זעלנער... ער ליבט זייער זײַן מישפּאָכע און זאָרגט, אז די דאָניא זאָל ניט שלעפן

קיין קערב פון מארק און פון קראָם און זאָל ניט פאָרן מיטן אווטאָבוס צו דער קאפע און צוריק. ער איז א ריכטיקער ריטער. דעריבער שטעלט ער אין איר באזיץ זײַן אווטאָ און זײַן שאָפער...

ער פארשטייט די מענטשלעכע שוואכקײַט: בייס ער האָט זיך דערוווּסט, אז איינער א פאָלקאָווניק, וואָס איז געפאָרן אין א שליכעס אין אויסלאַנד, האָט אריבערגעפירט אף זײַן פּריוואטן כעזשבן 5.000 דאָלאר, — איז ער געווען פאר דעם, מע זאָל באפרײַען דעם פאָלקאָווניק פון ארמיי און פארשמירן דעם איניען אין דער צענזור... דער בארימטער און מענלעכער גענעראל ווערט יעדעס מאָל ארומגעכאפּט מיט רעליגיִעזער און מיסטישער באגײַסטערונג. בייס א שטראָף־אקציע האָט ער ליב זיך צו פאָטאָגראפירן, ליגנדיק אויסגעצויגן אפן בערגל און לייענען בייס־מײַסע די הייליקע שריפטן, טרינקען ביזן לעצטן אָטעם מיט די גײַסטלעכע און אָרגאניזירן אן אגיטאציע צווישן זײַנע זעלנער־אפּיקאָרסים לעטויוועס די יאָמטויווים. ער צווינגט זיי צו פאסטן אין די הייליקע טעג און אָנטיילצונעמען אין די עפנטלעכע טפילעס... ער טוט אלץ אף אָפּצוהיטן די מאָראל פון זײַנע זעלנער; דעריבער פארבאָט ער זיי צו זינגען צערטלעכע לידער אין זײַן קאָמאנדע.

די פּאָשעטע שטערבלעכע האָבן זייער האנאָע געהאט פון סילוויִא קעשעטס סאטירע, פארשטייענדיק, וועגן וועמען און וואָס עס רעדט זיך. ניט אזוי אָבער האָבן רעאגירט די, וועמענס שאנד עס האָט זיך אופגעדעקט פאר אלעמען. די אָפּיצערן־קליקע האָט אָנגעהויבן צו בושעווען. אין „יעדיִאָט אכראָנאָט” פארן 24 אָקטיאבער פאָריקס יאָר האָט זיך באוויזן אף דער ערשטער זײַט אין א ראם א דערנידערנדיקע אנטשולדיקונג בעזע האלאָשן: „די רעדאקציע „יעדיִאָט אכראָנאָט” דריקט אויס איר פארדראָס צוליב דער פּובליקאציע פון סילוויִא קעשעטס נאָטיץ, וואָס איז דערשינען פרײַטיק, א נאָטיץ, וואָס קען אויסגעטײַטשט ווערן ווי אן אָנגריף אף די ארמיי־קאָמאנדירן. די נאָטיץ און דאָס, וואָס איז אין איר געזאָגט, זײַנען ניט געווען געריכט אף א געוויסער פּערזאָן, און אויב עס איז פארשאפט געוואָרן ווערמען־ניט־איז פון די ארמיי־גענעראלן פארדראָס, אנטשולדיקן מיר זיך...”

אזא אנטשולדיקונג האָט ניט באפרידיקט די גענעראלן. אין קומענדיקן נומער פון „יעדיִאָט אכראָנאָט” האָט סילוויִא קעשעטס אָפּטיילונג פּובליקירט, אין א ראם, נאָך אן אנטשולדיקונג, ווו עס איז געזאָגט געוואָרן: „אין דער קאָרעספּאָנדענץ האָבן זיך באוויזן דעטאלן, וואָס האָבן ניט קיין פאקטישן גרונט, זייער פּובליקאציע ווארפט א שאָטן אף א העכערן קאָמאנדיר, אף זײַנע כאווירים און אף דער ארמיי”...

ניט געקוקט דערוף, וואָס עס האָט זיך געהאנדלט וועגן א „מעקסיקאנישן גענעראל קאסטאניעטאס” און וואָס די רייד איז ניט געגאנגען וועגן מיליטערישע סוידעס, האָט זיך ארײַנגעמישט די צענזור. עס איז איבערגעגעבן געוואָרן, אז קעגן „יעדיִאָט אכראָנאָט” איז אָנגעגעבן אן אָנקלאָגע, האלעמײַ די דערמאָנטע סאטירע האָט מען ניט געשיקט צו באשטעטיקן אין דער צענזור; אף איר איז ארופגעלייגט געוואָרן א שטראָף אף א סומע פון טויזנט ליר.

דאָס בושעווען פון די גענעראלן און פון דער צענזור האָט אבסאָליוט קיינעם ניט איבערראשט. די שרעק, וואָס האָט ארומגענומען „יעדיִאָט אכראָנאָט”, האָט אויך ניט איבערראשט. דאָסראָוו צײַטונגען אָבער זײַנען פארבײַגעגאנגען דעם איניען מיט א שטילשווײַגן, .וויסנדיק, אז דער יִיסראָעלדיקער זשורנאליסטן־פארבאנד האָט זיך אָפּגעזאָגט ארויסצוטרעטן מיט א פארטיידיקונג פון דער אָנגעגריפענער סילוויִא קעשעט.

אין דעם קאמף, וואָס די גענעראלן־קליקע האָט אָנגעהויבן קעגן א זשורנאליסטקע, וואָס האָט זיך דערוועגט זיי צו קריטיקירן, האָט זיך געשטעלט אף דער זײַט פון די גענעראלן דער אָרגאן פונעם קנעסעט־דעפּוטאט אורי אוונערי „האאָלאם האזע”, וואָס האָט פּובליקירט א נאָטיץ, וועלכע מע קאָן אָנרופן ווי א געזעלשאפטלעכן רוף צו א לינטש קעגן סילוויִא קעשעט. דאָס פּערזענלעכע נעקאָמעגעפיל האָט די רעדאקטאָרן פון „האאָלאם האזע” ארויפגעפירט פון זינען. א. אוונערי איז ניט מויכל סילוויִא קעשעט, וועלכע איז פאר דעם געווען א מיטגליד פון דער רעדאקציע פון זײַן צײַטונג און האָט לעצטנס פּובליקירט א סאטירע אויך אף זײַן כעזשבן...

דערווײַל האָט דער גאנצער שיידים־טאנץ צוליב א נאָטיץ, וואָס האָט, לויט מײַן מיינונג, ווי א פײַל פון בויגן געטראָפן אין ציל, אָט דער שיידים־טאנץ האָט בא די לייענער געעפנט די אויגן, זיי באפרײַט פון איליוזיעס.

יויסעף גאלילי
(טעל־אוויוו).

# קינסטלער מייער אקסעלראָד

א טאַטעריש יינגל. 1928. גואש.

דער רויטער אָבאָז. 1932. אייל־פארב.

פאָרטרעט פונעם קינסטלער יויסעף שפינעל. 1962. טעמפּערא.

אפן באַלקאָן. 1965. טעמפּערא.

א שטוב אפן ברעג פון דער
אָזערע סעניעזש. 1967. טעמ־
פּערא.



דער קאָנצערט. 1923. טעמפּערא.

יורי גערטשוק

# מייער אקסעלראָדס שאַפונגס־וועג

(צו דעם קינסטלערס זיבעציקסטן געבורטסטאָג)

מייער אקסעלראָד (אווטאָפּאָרטרעט). 1932.

צוזאַמען מיט עטלעכע קינסטלער זיץ איך אין דער ניט באַזונדערס גרויסער אַטעליע פון מייער אקסעלראָדן, בײַ דעם פענצטער, וואָס ציט זיך לענגאויס דער גאַנצער וואַנט. מיר קלײַבן אָפּ דעם מאָלערס אַרבעטן פאַר זײַן סאָכאַקל־אויסשטעלונג. איינע נאָך דער אַנדערער עפענען מיר פּולע, שווערע טעקעס, מיר בלעטערן הונדערטער פּאַפּיר־ און קאַרטאָן־בויגנס: פּאָרטרעטן און פּייזאַזשן, עסקיזן פון טעאַטראַלע קאָסטיומען און דעקאָראַציעס, ביכער־אילוסטראַציעס און סקיצן, אָנגעוואָרפענע מיט אַ בלײַשטיפט אָדער מיט אַ פּענדזל אויף בייגעלעך פּאַפּיר, טיילמאָל אויף דער לינקער זײַט פון קווייטלדיקע טאַפּעטן, פון אַן אַלטן פּלאַקאַט.

ניט ווייניק איז מיר אויסגעקומען צו זען אקסעלראָדס אַרבעטן אויף די פאַרשיידנסטע מאָסקווער אויסשטעלונגען, עס האָט זיך מיר זייער גוט פאַרגעדענקט די פון אים זעלבסט אָפּגעקליבענע עקספּאָזיציע פון זײַנע בילדער אויף דער אויסשטעלונג פון די פינף קינסטלער אין 1966. און דאָך האָט די עכטע באַקאַנטשאַפט מיט זײַן שאַפונג אָנגעהויבן זיך בײַ מיר ערשט דאָ, אויפן אייבערשטן שטאָק פונעם הויז פון די קינסטלער אויף מאַסלאָווקע, ווען אקסעלראָד אַליין איז שוין ניט געווען צווישן די לעבעדיקע. דער קינסטלער האָט פאַרלאָזט די וועלט דעם 10 יאַנוואַר 1970.

עס מאַכט זיך, אַז קוים קוקט איר אַרײַן אין דער „קיך“ פונעם קינסטלער, איר באַטראַכט אַלץ קעסיידער, אָן אַן אָפּקלײַב, איר זעט די „שוואַרצע“ אַרבעט, וואָס בלײַבט געוויינלעך פאַרשטעלט פאַר אַ זײַטיק אויג, — ווי זײַן שאַפן נעמט פאַר אײַך וועלקן. עס טרעפט אויך, אַז בילדער פון איין קינסטלער, צונויפגעזאַמלטע אין אַ גרויסער צאָל, האַלטן ניט אויס דעם אויספּרוּוו. עס הייבט אָן אַרויסטאַרטשען פון זיי די איינאַרטיקײַט, דער שטאַמפּ, די געוווינטע, פון לאַנג אָנגענומענע קונסט־קאַנאָנען, אָדער אין בעסטן פאַל דאָס איבערכאַזערן זיך אַליין. וויפל רעפּוטאַציעס האָבן פאַר אונדזערע אויגן געפּלאַצט אויף פּערסאָנעלע אויסשטעלונגען!

עס טרעפט אָבער אויך דאָס פאַרקערטע. באַטראַכטנדיק אַ בילד נאָך אַ בילד פון אקסעלראָדס שאַפונגס־ירושה, פון דעם, וואָס דער קינסטלער האָט אויפגעטאָן במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, איז בײַ אונדז אַלץ מער געוואַקסן די איבערצײַגונג, אַז דער מאַסשטאַב פון זײַן באַגאַבונג וואַרט נאָך אויף דער געהעריקער אָפּשאַצונג.

אקסעלראָד איז ניט געווען קיין פּאָרוש. ער געהערט ניט צו דעם מין קינסטלער — קאַמצאָנים, וועלכע באַהאַלטן אויס, באַווײַזן ניט גערן זייער אַרבעט. זײַנע פּייזאַזשן און פּאָרטרעטן האָבן פאַרנומען זייער אָרט אויף פיל אויסשטעלונגען, ער האָט אילוסטרירט ביכער, אויסגעפורעמט טעאַטער־אויסשטעלונגען. אקסעלראָד האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אינעם מאָסקווער קונסט־וועזן און האָט גענאָסן פון דער באַשטענדיקער אַכטונג פון זײַנע קאָלעגן. און דאָך איז זײַן שאַפן פאַרבליבן עטוואָס אין שאָטן. צו קאַרג האָט זיך פאַרנומען מיט אים די קריטיק, ער איז אויך ניט גענוג באַוווּסט דעם ברייטן צושויער. אָט פאַרוואָס דער דיכטער ב. סלוצקי, וועלכער האָט אַזוי וואַרעם און גוטווילליק אָפּגערופן זיך אויף דער אויסשטעלונג פון 1966, האָט באַצייכנט אקסעלראָדס נאָמען אַלס ניט קיין „הויכקלינגענדיקן“[1]. סיבעס דער־

[1] ב. סלוצקי. אַן עקספּאָזיציע פון גרויסן מאַסשטאַב. „ליטעראַטורנאַיאַ ראָסיאַ“, 28 אָקטיאַבער 1966.

פון קאָן מען געפינען פאַרשיידענע. איינע פון זיי באַשטייט דערין, וואָס אַקסעלראָדס אידעאַלע קונסט שטעלט אויך פאַרן צושויער באַשטימטע אויפגאַבעס, זי פאָדערט פון אים אויפמערקזאַמקייט, פאַרטיפטקייט. די צווייטע און עפשער נאָך וויכטיקערע סיבה איז די באַשיידנקייט, מיט וועלכער עס ווערן אויסגעשטעלט אַקסעלראָדס אַרבעטן, און דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער קינסטלער איז נאָך אַלץ ניט אַנטשטאַנען פאַרן צושויער אין זײַן פולער גרייס. זײַן שאַפן שטעלט מיט זיך פאָר אַן אייגנאַרטיקן און זייער וויכטיקן רינג פון דער סאָוועטישער קונסט־קולטור, אָנהייבנדיק פון דער מיט פון די צוואַנציקער און ביזן סאָף פון די זעכציקער יאָרן.

מייער אַקסעלראָד איז געבוירן געוואָרן אין 1902 אינעם ווײַסרוסישן שטעטל מאָלאָדעטשנאָ. זײַנע עלטערן האָבן זיך פאַרנומען מיט האַנטווערקערײַ און קליינהאַנדל. די סוויווע, אין וועלכער ער האָט פאַרבראַכט זײַנע קינדהייט־ און יוגנט־יאָרן, האָט שפּעטער געדינט אים אַלס מאַטעריאַל פאַר קינסטלערישער באַזיניקונג. אין זײַן קורצער אויטאָביאָגראַפיע דערציילט ער וועגן זײַן וועג צו קונסט־שאַפונג:

פון דער סעריע „בירגערקריג“. גראַווױר. 1928.

„געלערנט זיך אין דער געמיינדע־שול און שפּעטער אין דער העכערער אָנפאַנגס־שול אינעם שטעטל ראַדאָשקאָוויטש, דערנאָך אין טאַמבאָוו, וווּהין מײַנע עלטערן זײַנען אָנגעקומען אין 1915 אַלס מילכאָמעפּליטים. די ערשטע צייכענונג־שטודיעס — בײַ וו. נ. פּערעלמאַנען אין טאַמבאָוו אין יאָר 1916. נאָכדעם האָב איך איין יאָר באַזוכט די אָוונט־קלאַסן פון דער טאַמבאָווער צייכענונגס־סטודיע. אין 1918 —1919 געלערנט זיך אין דער מינסקער רעאַל־שול, פאַרדינט מײַן ברויט מיט רעקלאַם־פּלאַקאַטן פאַר די מינסקער קינאָ־טעאַטערן. אין 1919—1920 געדינט אין מינסק און סמאָלענסק אַלס צייכנער אין דער פאַרבינדונגס־נעץ פון דער רויטער אַרמיי אויפן מײַרעוו־פראָנט. אין סמאָלענסק אײַנצײַטיק באַזוכט די מאָלערײַ־סטודיע פון פּראָלעטקולט אונטער דער אָנפירונג פון שטראַניך. ווען ס׳האָט זיך פאַרענדיקט דער קריג מיט די ווײַספּאָליאַקן, האָב איך זיך דעמאָביליזירט. געאַרבעט אַלס לערער פון מאָלערײַ אין אייניקע מינסקער מיטלשולן. אין האַרבסט 1921 האָט דער בילדונגס־

די גליקלעכע פּאָר. 1925.

קאָמיסאַריאַט פון ווײַסרוסלאַנד מיך אָפּגעשיקט זיך לערנען אינעם מאָסקווער „וכוטעמאַס“. געלערנט זיך אויפן גראַפישן פאַקולטעט בײַ פּ. יאַ. פּאַוולינאָוון, ס. וו. געראַסימאָוון, וו. א. פאַוואָרסקין“.

וועגן „וכוטעמאַס“, שפּעטער — „וכוטעין“, דער ערשטער סאָוועטישער הויכשול פאַר פּלאַסטישער קונסט, האָט מען פיל דיסקוטירט אין יענע יאָרן און אויך שפּעטער. דער אינסטיטוט האָט זיך שטאַרק אונטערשיידט פון דער פאַררעוואָלוציאָנערער שול פון מאָלערײַ, סקולפּטור און אַרכיטעקטור. דער עצם צוגאַנג צום אונטעריכטן קונסט־דיסציפּלין איז דאָ געווען א פּרינציפּיעל נײַער. די לערער האָבן וויניקער פון אַלץ געזאָרגט וועגן דעם, אַז זייערע סטודענטן זאָלן באַהערשן אַלגעמיין אָנגענומענע קונסט־קאַנאָנען. אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט איז געשטאַנען דאָס אויסאַרבעטן בײַ דעם סטודענט דעם פאַרשטאַנד פאַר דער קאָמפּליצירטער סטרוקטור פון א קונסט־ווערק. ניט צו יעדערן איז די דאָזיקע לערע דערגאַנגען. האָט מען דעם „וכוטעמאַס“ געטאַדלט פאַר דעם קלוימערשטן מאַנגל אין טעכנישער געשולטקייט בײַ זײַנע סטודענטן, פאַר דעם אָפּזאָגן זיך פון דער אַקאַדעמישער צייכענונג. וואָס איז שײַך אַקסעלראָדן, ווי פיל אַנדערע סטודענטן פון „וכוטעמאַס“, האָט ער זיך דאָרט דאַפקע יאָ אויסגעלערנט צייכענען. פון זײַנע לערער, און קודעמקאָל פון פאַוואָרסקין, האָט ער געלערנט פיל מער. אין א גרויסער מאָס האָט אַקסעלראָד צו פאַרדאַנקען פאַוואָרסקין פאַר דער גאָר הויכער קולטור, מיט וועלכער ס׳איז אָפּגעמערקט זײַן גאַנץ שאַפן. אַקסעלראָד האָט אַלס קינסטלער אַנטוויקלט זיך זייער שנעל. שוין אין די סטודענטישע יאָרן טרעט ער אַרויס אַלס אילוסטראַטאָר, באַטייליקט זיך אין פיל אויסשטעלונגען אין מינסק, מאָסקווע, לענינגראַד, ווי אויך אין אויסלאַנד (טערקײַ, האָלאַנד, שווייצאַריע, פאַרייניקטע שטאַטן).

ווי סראָוו פאַוואָרסקיס שילער, האָט אַקסעלראָד אָנגעהויבן פון האָלץ־שניט און האָט באַלד דעראָבערט א שעם פון א פילצוזאָגנדיקן גראַוווער. זײַנע סטודענטישע, ניט זייער פילצאָליקע גראַווירן זײַנען בעעמעס ווערטפול. ווי עס ווײַזט אויס, האָט אָבער

קיין איינע אים אליין ניט באפרידיקט, האָט ער גע־שטעלט פאר זיך נײַע אויפגאבן, געזוכט נײַע מיטלען פון אויסדרוק. די טעכניק גופא פון האָלץ־שניט, מיט איר פּילשטופּיקײַט — א גענוי דורכגעארבעטער עסקיז אפן פאפיר, דאָס אריבערפירן דעם עסקיז אפן ברעט און דערנאָך ערשט די מעטאָדיש־סקרופּולעזע ארבעט פון אויסשנײַדן אפן ברעט — האָט ווארשײַנלעך ניט אנטשפּרעכט אקסעלראָדס טעמפּעראַ־מענט. די דאָזיקע טעכניק איז פאר אים געווען צו ראַציאָנאַליסטיש. זי האָט געשטערט זײַן מאָלעריש־פּלאַסטישער עמפינדונג, דער סנײַפּערשער שארפקײַט פון זײַן אויג, וואָס האָט פּאַראַמאָל אופגעכאַפּט די מאָדעל אין איר גאַנצקײַט און כאַראַקטעריסטישקײַט.

אקסעלראָד זאָגט זיך אנטשיידן אָפּ פון האָלץ־שניט, און אָף שטענדיק. ער גייט אריבער צו דער פּרײַער צייכענונג מיטן בלײַער און פענדזל, צו גוּר־אַש־ און טעמפּעראַ־עטיודן. די פארב איז דאָ א לאַ־קאָנישע, אין די יוגנט־יאָרן אן אויסערסט באַדינג־לעכע. אָט אזוי פארנעמט שוין דאַן דער קינסטלער זײַן אייגנאַרטיק אָרט בא דעם צונויפטרעף־פונקט פון מאָלערײַ און גראפיק. דער פענדזל־צייכענונג גיט ער אָפּ די בכורה לעגאַבע דער בלײַער־צייכענונג, דער טעכניק פון גואַש און טעמפּעראַ — לעגאַבע דער אייל־מאָלערײַ. אין דער פארבן־ספערע פילט זיך דער קינסטלער זייער פרײַ. ער באַנוצט זיך טיילמאָל מיט איינעם אָדער צוויי גרונט־טענער. זײַן זאַפטיקע פארב גייט איבער ניט אזוי דעם קאָנטור, ווי די לעבעדיקע פּלאַסטיק פונעם געשילדערטן.

בײַסן אָרגאַניזירן די ערשטע אויסשטעלונג פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָט זיך גערופן „4 קונסטן" (אקסעלראָד איז אין איר אַרײַנגעטראָטן אין 1926), האָט דער סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט, דער פּראָפעסאָר פון „וכוטעמאַס" ק. איסטאָמין, באַוויזן דעם סטודענט אקסעלראָד „זײַן וואַנט", און פּאָרגע־לייגט אים צו פאַרפילן זי אזוי, ווי ער אליין געפינט פאר נייטיק. אין דער דאָזיקער אויסשטעלונג האָבן זיך באַטייליקט די בעסטע צייכנער פונעם לאַנד. די פּאַרמעסטונג מיט זיי איז געווען גאָר ניט קיין לײַכטער איניען. איז באַזונדערס מערקווירדיק, וואָס דער דורכדרינגלעכער און שטרענגער קריטיקער א. עפראָס האָט אין זײַן רעצענזיע וועגן דער אויס־שטעלונג פון די „4 קונסטן" אין 1929 באַזונדערס אויסגעטיילט צווישן די מײַסטערס די ארבעטן פונעם יונגן מייער אקסעלראָד, ווי אויך פון זײַן כאַווער מענדל גאָרשמאַן, באַגלײַך מיט די ארבעטן פון זייער לערער פּראָפעסאָר פאַוואָרסקי.

„אפן ערשטן בליק זײַנען די דאָזיקע צייכענונגען די סאַמע באַשיידענע, די סאַמע ניט פּרעטענציעזע, ניט אויסגעפּוצטע, — אזוי שרײַבט עפראָס וועגן די ארבעטן פון די דרײַ פון אים אויסגעטיילטע קינסט־לער. — זיי איבעראַשן ניט מיט זייער ווירטואָזקײַט אָדער מיט דער אומגעוויינלעכער טעמאַטיק. זיי זײַ־נען פּאָשעט, איינפאַך: פּאַרצייכנטע פיגורן, אמאָל סצענקעס, זעלטענער — פּייזאַזשן. נאָר קוים שטעלט זיך אָפּ אָף זיי אונדזער אופמערקזאַמער און שטרענ־גער בליק, אנטהילט פאר אונדז די דאָזיקע איינ־פאַכקײַט די זעלטענע אַנגעזעטיקטקייט פון דעם, וואָס

א מארק. 1924.

עס ווערט דאָ געשילדערט, און די מײַסטערישע פריש־קײַט פון דעם, וויאַזוי עס ווערט געשילדערט"[1].

פונקט ווי מיט העכער פערציק יאָר צוריק, ציִען צו זיך צו אקסעלראָדס דעמלטיקע ארבעטן מיט זייער יוגנטלעכן טעמפּעראַמענט, מיט דער אויסדריקלעכער פּלאַסטיק.

דעם אויבנאָן פארנעמען דאָ, אָן שום צווייפל, די פּאָרטרעטן. זיי זײַנען פרײַ פון אויסערלעכער עקס־פּרעסיע, פון שאַרפע זשעסטן, פון מימיק. די מאָדעלן זיצן אָדער שטייען רויִק, נאַטירלעך. דער קינסטלער שטעלט קיינמאָל ניט פאר זיך די אופגאַבע איבערצו־געבן דעם צושטאַנד פון זײַן מאָדעל אין דעם אָדער יענעם מאָמענט. ער כאַפּט אוף דאָס סאַמע כאַראַק־טעריסטישע אינעם מענטשן. ער זעט אים מאָנאָליט, אין דער איינהײַט פון זײַן אויסערלעכקײַט און פון זײַן לעבנס־אופירונג, וואָס דאָס לאָזט זיך פילן אויך אין דער סאַמע רויקער, נאַטירלעכער פּאָזע.

פיל פּאָרטרעטן זײַנען געמאָלט אין בלוי־גרויע טענער. די פּאַליטרע איז דאָ א בעקיוונדיק־באַשרענ־קטע. דער קינסטלער צווינגט איינע אָדער עטלעכע פארבן צו רעדן מיט דער גאַנצער קראַפט פון זייער אויסדריקלעכקײַט. די קוים מערקבאַרע ענדערונגען פונעם טאָן, די זילבערדיקע שטײַפקײַט פונעם ציינק־ווײַס, די צאַרטע ניואַנסן פון ליל און גרין אנטפּלעקן די רײַכקײַט פון דער דאָזיקער אײַנגעהאַלטענער מאָ־לערײַ. מיט א באַזונדערס עלעגישער, עטוואָס טרויע־ריקער שטימונג זײַנען אָנגעזאַפּט אין די אומרעאַלע פארבן־טענער די פּאָרטרעטן פון יידן — אַלטע לײַט.

אָן קיין שום פּאַרלאַנג צו באַווײַזן די מאָדעל פונקט אזא ווי זי איז, האָט דער מאָלער, פאַרשאַרפנדיק אַלע קינסטלעריש־אויסדריקלעכע עלעמענטן, זייער נאַטירלעך זי איבערגעדיכטעט.

אויב מיט זײַן הויכער קינסטלערישער קולטור האָט מייער אקסעלראָד צו פאַרדאַנקען מאָסקווע, זײַנען די לעבנס־אײַנדרוקן, די פּאַרקערפּערטע אין די ארבעטן פון די 20 — 30־ער יאָרן, אָפּט פאַרבונדן מיטן שטיי־

[1] א. עפראָס. א שפּאַציר איבער אויסשטעלונ־גען. „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", 3 יון 1929.

גער פון די ייִדישע שטעטלעך אין ווײַסרוסלאַנד און מיט די געסלעך פונעם אַמאָליקן מינסק. די וועלט פון זײַן קינדהייט און פריִער יוגנט לעבט אויף אין די פילצאָליקע אילוסטראַציעס צו שאָלעם־אליכעמס דערציילונגען און צו די ווערק פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער. פענדזל־סקיצן, פּונקט ווי אַרויסגענומענע פון א רײַזע־בלאָקנאָט, פירט דער קינסטלער אַריבער אָף די זײַטלעך פון די ביכער. די אומגעבונג, אין וועלכער עס קומען פאָר די געשעענישן, מאַרקט ער בלויז אָן. די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט איז קאָנצענטרירט אָף די מענטשן. די סקולפּטוריש־אויסגעפורעמטע פערסאָנאַזשן נעמט דער קינסטלער צונויף אין לעבעדיקע, פולע מיט הומאָר שטייגער־גרופּעס.

די זעלבע געשטאַלטן לעבט אַקסעלראָד אויף אויך אָף דער בינע. אין די 30־ער און 40־ער יאָרן האָט דער טעאַטער פאַרנומען א באַדײַטנדיק אָרט אין זײַן שאַפן. דער קינסטלערישער טעמפעראַמענט דערלויבט אים ניט צו באַגרענעצן זיך מיט דער ראָל פון א דעקאָראַטאָר אָדער פון א שאַפער פון טעאַטראַלע קאָסטיומען. די עסקיזן פון קאָסטיומען ווערן פאַרוואַנדלט אין א גאַנצער גאַלעריי פּאָרטרעטן. דאָס זײַנען לעבעדיקע פערסאָנאַזשן, יעדערער מיט זײַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער און אויפירונג. די עסקיזן פון די דעקאָראַציעס זײַנען קוידעמקאָל מאָלערײַ, וואָס איבעראַשט מיט איר פאַרבן־רײַכקייט. אַקסעלראָד פילט גלענצנדיק דעם געשילדערטן פון אים שטייגער, ער קען אים פון אינווייניק, נאָר אויך דאָ איז ער, ווי טאָמיד, ניט געצוימט פון פאַקטאָגראַפיע. א ספּעקטאַקל איז פאַר אים ניט די שילדערונג פון וואָכעדיקייט, נאָר א יאָמטעוו. אָף אַזא אויפן שאַפט ער ניט בלויז די אָפן־מײַסעדיקע אַטמאָספער פון מ. קולבאַקס „בויטרע — גאַזלען" (1936) און פון שאָלעם־אליכעמס „פאַרקישעפטן שנײַדער" (1944) אינעם ייִדישן מעלוכע־טעאַטער פון אוקראַיִנע; אויך די מער שטייגערישע פיעסע — מ. דאַניִעלס „זיאַמקע קאָפּאַטש" (1936) אינעם מאָסקווער טעאַטער מאָספּס — זעט אויס ווי א יאָמטעוו[1].

די שטייגער־סימאָנים זײַנען בא אַקסעלראָדן געווײנלעך גאָר קנאַפּע אין צאָל און זייער לײַכט אָנגעמערקטע. אָף אַזא אויפן געפינט ער אויך דעם אַלגעמיינעם בילדערישן אויסדרוק פאַרן בינע־רוים. זײַן הויפּט־אויפגאַבע איז צו שאַפן דורך דער פאַרב און פּלאַסטיק פון די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען די עמאָציאָנעלע אַטמאָספער פונעם ספּעקטאַקל. נאָך זײַנע זוכענישן אין אָט דער ריכטונג קאָן מען נאָכפאָלגן לויט די צענדליקער פאַרביקע סקיצן, אָנגעזעטיקטע מיט דער ראָמאַנטישער בינע־לופט אפילע דאַן, ווען ס'איז ניט צו זען אין זיי די קאָנקרעטע שילדערונג.

ווי א ראָמאַנטיקער אַנטפּלעקט זיך אַקסעלראָד אויך אין זײַנע סוזשעטישע קאָמפּאָזיציעס פון די 30־ער יאָרן. די טעמע פונעם בירגערקריג ווערט פאַרקערפערט אין א סעריע גוואַשן און אינעם בילד („אייל־

ס'איז קאַלט. 1942.

פאַרב) „די ווײַספּוילישע אָקופּאַציע". דאָס בילד איז אומגעקומען אין מינסק אין די מילכאָמע־יאָרן, פּונקט ווי פיל אַנדערע אַרבעטן פונעם קינסטלער, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די מוזייען פון ווײַסרוסלאַנד.

באַזונדערס האָט אַקסעלראָדן אינטערעסירט דאָס לעבן אין די ייִדישע קאָלווירטן פון ווײַסרוסלאַנד און קרים (די סעריע „אין סטעפּ", דאָס בילד „דער רויטער אָבאָז"). אויך דאָ, אין די פאַרצווײַגטע, פילגעשטאַלטיקע קאָמפּאָזיציעס, גיט זיך אײַן דעם קינסטלער צו פאַרהיטן זײַן ראָמאַנטישע עמפינדונג, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין דער ענערגישער, פליסיקער מאָלער־שפּראַך.

צום סאָף פון די 30־ער יאָרן גייט אַקסעלראָד אַריבער צו אַן אַלץ טיפער פאַנאַנדערגעאַרבעטער און קאָמפּליצירטער מאָלערײַ מיט גוואַש, און שפּעטער — מיט טעמפּעראַ. דאָס וויכטיקסטע אויסדרוק־מיטל ווערט די פאַרב. עס הייבט אָן צו פאַרנעמען א גרעסער אָרט דער פּייזאַזש. אַקסעלראָד זוכט ניט ספּעציִעל קיין שיינע, צוגעפּוצטע נאַטור, ווײַל ער באַזיצט די קונסט צו אַנטפּלעקן די פאַרבן־רײַכקייט אין גאָר אַן איינפאַכער לאַנדשאַפט. אין די פערציקער יאָרן מאַרקט זיך בא דעם קינסטלער א מער אײַנגעהאַלטענער סטיל, זײַנע פּייזאַזשן פון מיטל־אַזיע פאַרמאָגן ניט דעם אינערלעכן דראַנג פון די יוגנט־אַרבעטן. די עקספּרעסיע טרעט אָפּ איר אָרט דער ליריק, דער פילאָסאָפישער באַדאַכטקייט. אין די לעצטע יאָרן פון זײַן שאַפן ווערט אַקסעלראָדס מאָלערײַ ווידער אָנגעפילט מיט יוגנט־ענערגיע, מיט אומגעצאַמט־דרייסטער פאַרביקייט.

די צײַט ווירקט אָפן קינסטלער, שטעלט פאַר אים נײַע אויפגאַבעס. זײַנע זוכענישן פאַרשפּרייטן זיך אין נײַע ריכטונגען. פרײַ פון יעדן צופּאַסן זיך צו דער מאָדע, האָט אַקסעלראָד מיט א באַזונדערער פילבאַרקײַט שטענדיק אויסגעדריקט דעם עכטן גײַסט פון דער צײַט. אין דער עקספּרעסיע פון די פריִע פּאָרטרעטן, אין דער ראָמאַנטיק פון די קאָמפּאָזיציעס פון די 30־ער יאָרן, אין דער ליריק פון די מיטלאַזיִאַטישע

[1] אָף רוסיש האָט דער דאָזיקער ספּעקטאַקל געהייסן „כלאָפּטשיק".

פייזאזשן קלינגט מיט א באזונדערער זויבערקייט די לעבעדיקע שטים פון דער צייט, אין וועלכער די דאָזיקע ווערק זיינען געשאפן געוואָרן. מע וואָלט, מעגלעך, געקאָנט זאָגן, אז מיט דער קלינגעוודיקער פארביקייט און רוים־פלאטשיקייט אין דעם קינסטלערס לעצטע ארבעטן האָט ער געצאָלט צינז דעם כאראקטעריסטישן פארן אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן דעקאָראטיוויזם. אָבער די ערנסטע באציִונג צו פאָרם און פארב, דאָס איינגעבאָרענע געפיל פאר פלאסטיק, די אויסדריקלעכקייט און פינקטלעכקייט אין דער קינסטלערישער פארקערפערונג פון דער מאָדעל האָבן אים אָפּגעהאלטן פון אויסערלעכע עפעקטן. אין דער מאָדעל האָט ער קיינמאָל ניט געפעלשט: די מענטשלעכע געשטאלטן זיינען בא אים ווי אויסגעקנאָטן מיט דער הילף פון פארב, פון פלאַסטיק, פון קאָמפּאָזיציאָנעלן ריטם.

אינמיטן פון די 60־ער יאָרן האָט אקסעלראָד געשאפן דעם לעצטן ציקל פון זיינע קאָמפּאָזיציאָנעלע ארבעטן — „געטאָ”, געווידמעט דער טראגעדיע פונעם יִדישן פאָלק בייס דעם צווייטן וועלט־קריג. ווייניקער פון אלץ געהערן די דאָזיקע ארבעטן צו דעם זשאנער „היסטאָרישע בילדער”. האגאָם פון די געשילדערטע געשעענישן טיילן אונדז אָפּ קימאט דריי יאָרצענדליקער, לעבט אין זיי דער ווייטעק פון א מיטצייטלער. דאָס פארגאנגענע רעגט אים און דערמאָנט קעסיידער וועגן זיך. אקסעלראָד בלייבט טריי ביזן סאָף אויך די איינדרוקן פון דער קינדהייט און פון די יוגנט־יאָרן. ער שאפט די סעריע „זיכרוינעס וועגן אלטן מינסק”. אונטער זיין פענדזל לעבן אוף די שוין ניט עקזיסטירנדיקע געסלעך פונעם אמאָליקן מינסק.

אקסעלראָד האָט ביזן סאָף פון זיין לעבן דערטראָגן די קונסט זיינע אָן סימאָנים פון יערידע און זעלבסט־איבערכאזערונג. דערצו איז גוירעם געווען ניט נאָר זיין מערקווירדיקער טאלאנט, די גרויסע קינסטלערישע קולטור, דער בוילעטער שעפערישער טעמפּעראמענט, וועלכער איז אים געבליבן טריי אין אלץ, צו וואָס ער האָט זיך נאָר גענומען, נאָר אויך אייניקע ריין מענטשלעכע אייגנשאפטן. עס האָט אים ארויסגעהאָלפן די אינערלעכע אומאָפּהענגיקייט, די טרייהייט דעם קינסטלערישן אידעאַל.

פערזענלעך האָב איך אקסעלראָדן קימאט ווי ניט געקענט. עס האָט זיך מיר אָבער פארגעדענקט א געוויסער איינדרוק, וועלכער זעט אויס אין מיינע אויגן ווי א וויכטיקער און כאראקטעריסטישער. איך האָב זיך באקאנט מיט אקסעלראָדן אינעם קאָמבינאט פאר גראפישער קונסט. ער איז דאן געווען א מיטגליד פונעם קינסטלערישן ראט. איך בין בייגעווען אָף די זיצונגען פונעם ראט אלס מיטארבעטער פונעם קאָמבינאט, אָן שטים־רעכט. האָב איך געהאט די מעגלעכקייט צוקוקן זיך צו דער ארבעט עטוואָס פון דער זייט. אקסעלראָד האָט זיך ניט געיילט מיט קיין אָפּשאצונגען. ער האָט ביכלאל מער געשוויגן, ווי גערעדט. נאָר אָט באווייזט זיך אָן ארבעט, וועלכע שטייט העכער פונעם געוויינלעכן ניווא, און דעריבער לאָזט זי זיך ניט ארייַנשטופן אינעם סדאָם־בעטל פון געווינטע פאָרשטעלונגען. אויב אזא ארבעט האָט ניט געפונען קיין פארשטענדעניש בא די מיטגלידער פונעם ראט און האָט שוין געהאלטן בא אָפּגעוואָרפן ווערן, פלעגט דער שווייַגנדיקער און אופמערקזאם זיך צוהערנדיקער אקסעלראָד מיטאמאָל שטיל א זאָג טאָן: „און מיר געפעלט”. אָט דאָס־אָ „מיר געפעלט” האָט זיך קימאט ווי ניט געניייטיקט אין ארגומענטן, אזוי אומדערוואַרט־איבערצייַגעוודיק האָט עס געקלונגען. דאָס איז געווען ניט בלויז גוטוויליקייט (אין אנדערע אומשטענדן איז אקסעלראָד געווען זייער שטרענג), נאָר אויך פעסטע איבערצייַגונג און צוטרוי צו דעם אייגענעם אויג און געפיל.

מיט דער זעלבער אינערלעכער קראפט, מיט פעסטער איבערצייַגונג זיינען דורכגעדרונגען אויך די ארבעטן אקסעלראָדס, וועלכע עס שטייט נאָך פאָר צו פארנעמען א ווירדיק אָרט אין דער סאָוועטישער קונסט. די צייט וועט וואָס ווייטער אלץ מער אנטפלעקן פארן צושויער דעם דאָזיקן קינסטלער, וועלכער איז געווען באשאָנקען מיט א זעלטענעם טעמפּעראמענט און אייַנצייַטיק מיט פארטיפטקייט און איידלקייט, בא וועמען דאָס ראָמאנטישע געפיל האָט ניט געשטערט דער שארפקייט און פינקטלעכקייט פונעם אויג און די הויכע קולטור האָט אָף קיין האָר ניט געמינערט די אומיטלבארקייט אין אופנעמען דעם ארום.

ידיש — ריווקע רובין



# עס ווערט פאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט אָנגעהויבן

## די צײַט וועט באַווײַזן

כאָשעווע רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד"!

דערלויבט א לאַנגיאָריקן פּראָגרעסיוון ייִדישן געזעלשאַפטלעכן טוער, ניט קיין ליטעראַטור־קריטיקער, בײַצוטראָגן א פּאָר מיינונגען אין דער דעבאַטע, וואָס אײַער זשורנאַל האָט אָנגעהויבן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער זאַמלונג פון אַרטיקלען פון דר. כאַיִם סלאָוועס „אין און אַרום"[1].

איך האָב דאָס בוך געלייענט, און כ'וויל זיך טיילן מיט אייניקע געדאַנקען, וואָס האָבן מער א שײַכעס מיט סאָציאָלאָגיע, איידער מיט ליטעראַטור, ניט שטעלנדיק צווישן ביידן, פאַרשטייט זיך, קיין מעכיצע.

דער וועלט־באַנעם פונעם מעכאַבער פון „אין און אַרום" איז ענלעך צום וועלט־באַנעם פון א מענטש, וואָס איז איזאָלירט אויף אַן אינדזל און ער בעט זיך ראַכמים: „נעם מיך ווידער, וועלט, אַרײַן אין דײַנע אָרעמס" (ז. 290). ער וויל, הייסט עס, מע זאָל פאַרוואַרפן צו אים א בריק פונעם „קאָנטינענט", פון וועלכן ער איז געוואָרן אָפּגעריסן דורך עפּעס א קאַטאַקליזם. דאָס בילד וואָלט געפּאַדערט א געאָ־פיזישע אויפקלערונג, ווען עס האַנדלט זיך ניט אין א מעטאַפאָרע. אָבער — ווען האָט „די וועלט" אונדז אַרויסגעשטויסן פון אירע אָרעמס?

דערלויב איך זיך דערמאָנען כ. סלאָוועסן, אַז ער איז דער מעכאַבער פון „באָרעך פון אַמסטערדאַם", וועמען ניט „די וועלט" האָט אַרויסגעשטויסן, נאָר די ייִדישע קעהילע; אַז אַן ענלעכע זאַך איז געשען מיטן ראַמבאַם איבער זײַן „מורה נבוכים", אַז אַליין סלאָוועס האָט מער ווי איין מאָל דערמאָנט די אויסגעצייכנטע באַציִונגען צווישן שאָלעם־אַלייכעמען און מאַקסים גאָרקין אָדער טשעכאָוון; אַז אַלע ליטעראַטור־קריטיקער רימען, מיט רעכט, די קעגנזײַטיקע אײַנפלוסן צווישן דער ייִדישער ליטעראַטור און דער וועלט־ליטעראַטור.

פאַרוואָס פאַרבײַגיין די פאַקטן פון דער געשיכטע? וויאַזוי פאַרגעסט מען די רעליגיִעזע מילכאָמעס, די אונטערדריקונג פון די פּראָטעסטאַנטן מיצאַד די קאַטאָליקן, און הײַנט — פון די קאַטאָליקן מיצאַד די פּראָטעסטאַנטן אין צאָפן־אירלאַנד? מיט איין וואָרט, וווּהין איז אַהינגעקומען דער היסטאָרישער מאַטעריִאַליזם?

און אַז מע וואָלט געפרעגט דעם מעכאַבער, מיט וועלכע ווערטן ער וויל קומען צו „דער וועלט", — ענטפערט ער ניט מיט לעגינס מיינונגען וועגן די צוויי קולטורן, וואָס עקזיסטירן אין יעדער קולטור. דער אידעאַליזם שאַפט א מין קלאַל־ייִסראָעל אין די מאָדערנע צײַטן... נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלץ. צו די „אָרעמס" פון דער וועלט, אין וועלכער דער אוטאָר פון „אין און אַרום" ווינטשט זיך אויפגענומען צו ווערן, האָט ער א טײַנע: „ניט בלויז איין טייל פון דער וועלט איז קראַנק, די גאַנצע וועלט איז קראַנק" (ז. 294). דער ייִד, הייסט עס, גייט זיך לייגן מיט א געזונטן קאָפּ אין א קראַנקער בעט...

דער מעכאַבער, וועלכער באַנוצט זיך מיט אויסרוף־צייכנס, פרעג־צייכנס, קלאַמערן, האָט אוועקגעשטעלט א פאַרגלײַך־צייכן צווישן סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם. קום איך מיט פאָלגנדיקער פראַגע: וואָס בלײַבט איבער פאַר זײַן אידעאָלאָגישער באַזע?

און איך וווּנדער זיך ניט, וואָס לאָגיש געפינט מען בא סלאָוועסן דעם גילגל פונעם אַמאָליקן אתה בחרתנו מכל העמים אין פאָלגנדיקער מעטאַמאָרפאָזע: „מיר (דה. די ייִדן), אָבער, גייען און וועלן גיין אין נאָמען פון מענטשלעכקײַט, וואָס מיר דערהויבן ביז געטלעכקײַט, אין נאָמען פון אונדזער אוראַלטער וויזיע פון צעדעק און שאָלעם צווישן מענטש און מענטש, צווישן פאָלק און פאָלק און צווישן יעדן באַלכײַ, וואָס לעבט אויף גאָטס ערד" (ז. 269).

אַזאַ אַני־מאַמין איז זייער סימפּאַטיש, ער שטימט מיט דער נעוווּע פון יעשײַע־האַנאָווי. אָבער ער פּאַסט פאַר א באַלדאַרשן אין א שול, ניט פאַר א מאַטעריאַליסטיש אויסגעשולטן אינטעליגענט. זאָל מיר דער כ' סלאָוועס, דער עלטערער פאַר מיר וועטעראַן פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג, מויכל זײַן פאַרן פאַרגלײַך.

באַטראַכטנדיק דעם איניִען פון כ. סלאָוועסעס קוקווינקל, מוז מען אַרײַנפאַלן אין אַבסאָליוטן פּעסימיזם, פאַרטרײַבן די גאַנצע ייִדישע פּראָבלעמאַטיק אין א טופיק. אָבער צי איז עס דענקבאַר פאַר א מאַרקסיסט? געפינט מען דאָך אויך בא סלאָוועסן אַזאַ געדאַנק: „דאָס, וואָס דעצידירט אין יעדער געגעבענער טקופע, איז די ספּעציפיק פון די נײַ־געשאַפענע היסטאָרישע קויכעס־פאַרהעלטענישן, זייער כאַראַקטער און מעהוס, זייער פּאָטענץ פּראָיעצירט צו ווערן אין דער צוקונפט, ביכדיי צו פאַרזיכערן העמשעך און קיִעם" (ז. 286).

עס זעט אויס, אַז אין דער דאָזיקער ריכטונג וואָלט מען באַדאַרפט ריכטן אונדזער גאַנצע אויפמערקזאַמקײַט. עס פאָדערט זיך צו דעפינירן א גאַנצע ריי אַספּעקטן פון דער נײַער צײַט, וועלכע

[1] זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 2, 1972, זז. 152—159. אַרן ווערגעליס. „שײַלעם און טשוועס".

שטייען אונטערן צייכן פֿון איבערגאַנג פֿון קאַפּיטאַ־ליזם צום סאָציאַליזם. די היסטאָרישע קריזיס־פֿאַר־העלטענישן זײַנען הײַנט לטובֿת דעם סאָציאַליזם. עס וואָלט געשען אַן אוולע, ווען מע וואָלט אויס־שליסן די הײַנטצײַטיקע ייִדישע פּראָבלעמאַטיק פֿונעם אַרומיקן סאָציאַל־עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאָנ־טעקסט.

עס ווילט זיך דערמאָנען אַזאַ געשעעניש, ווי דער אַלוועלטלעכער קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז אין 1937, וואָס כאַיִם סלאָוועס איז געווען צווישן זײַנע אָרגאַניזאַטאָרן. מיר דאַכט זיך, אַז אָט דער דאָזי־קער צוזאַמענפֿאָר פֿאַרדינט הײַנט מער ווי ווען צו דינען אַלס ענטפֿער אויף דער באַרעכטיקטער זאָרג פֿון סלאָוועסן ניט צו געפֿינען זיך, אַזוי צו זאָגן, צווישן די לעצטע מאָהיקאַנער פֿון אַן „אונטערגייענדיקער" ייִדישער וועלט. דאָן, מיט 35 יאָר צוריק, האָבן די איניציאַטיוו צו פֿאַרטיידיקן פֿונעם פֿאַשיזם די ייִדי־שע קולטור גענומען די ייִדישע קאָמוניסטן און פּראָ־גרעסיווע טוער. זיי זײַנען פֿאַרשריגן געוואָרן מיצאַד די „נאַציאָנאַלע ייִדן" אַלס „אַסימיליאַטאָרן". נו, ווער איז געווען דער עכטער פֿאַרטיידיקער פֿון די ייִדישע קולטור־ווערטן? זײַנען דאָך עס געווען די יענע, וועלכע האָבן פֿאַרשטאַנען דעם גאַנג פֿון דער געשיכטע.

די לאַגע איז הײַנט אַ נײַע, אָבער אין יעדער צײַט איז די לאַגע אַ נײַע לעגאַבע דער פֿריִערדיקער. עס נייטיקט זיך אַ ישעוור־האַדאַס, קעדיי אַרײַנצודרינגען אין די פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿון די דעמאָגראַפֿישע, סאָציאַלע, פּאָליטישע צעטרייסלונגען, וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען אין דער ייִדישער וועלט זינט אַ האַלבן יאָרהונדערט. און עס איז גוט, וואָס סלאָוועס טרייסלט זיך אָפּ פֿונעם אַמאָליקן ראַבאַנישן צוגאַנג, וועלכער האָט באַטײַט, אַז „אַרײַנטאָן זיך אין ייִדישקייט הייסט אויסטאָן זיך פֿון וועלט" (ז. 281). די צוקונפֿט וועט באַווײַזן, צי דער אָנזאָג פֿון סלאָוועסן, אַז „דאָס וויכטיקסטע ווערק פֿאַרן שרײַבער איז דאָס, וואָס דאַרף נאָך ערשט געבוירן ווערן" (ז. 311), וועט אַרויסרײַסן אָט דעם שרײַבער פֿון דער פּערספּעק־טיוולאָזער אַרומרינגלונג, אין וועלכער ער זעלבסט האָט זיך פֿאַרשפּאַרט.

אַלפֿרעד גראַנט
(פּאַריז)

---

# כראָניק

## „דער פּאָעט פֿון דער רעוואָלוציע"

אַזוי הייסט דער בוך זכרונות וועגן דעם אָנגעזעענעם שרײַבער און פּאַרטיי־טוער, איינעם פֿון די גרונטלייגער פֿון דער סאָוועטי־שער אוקראַיִנישער ליטעראַטור איוואַן קוליק, וועלכער איז דאָ ניט לאַנג דערשינען אין קיִעוו, אין פֿאַרלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמע־ניק", צום 75־טן יאָרטאָג פֿונעם שרײַבער.

איוואַן יוליאַנאָוויטש (ייִסראָעל יודעלעוויטש) קוליק איז געבוירן געוואָרן אין אומאַן, אין אַן אָרע־מער מישפּאָכע. וועגן זײַנע קינ־דער־יאָרן דערציילן אינעם בוך זײַן שוועסטער עסטער און דער ברודער מיכאַיִל, ווי אויך די יוגנט־פֿרײַנט זאַכאַר וואָלאָשענקאָ, מיקאָלע קאַמאַרניצקי. עס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט דערינערונגען פֿון די שרײַבער אַלעקסאַנדער גאַטאַוו, אַלעקסאַנדער בילעצקי, לעאָניד פּערוואָמײַסקי, מיקאָלע באַזשאַן, סאַווע גאָלאָוואַניווסקי, וואָלאָדימיר סאָסיורא, בראָנאָ יאַסענסקי, פֿון קוליקס שלאַכט־כאַווײרים יאַקאָוו אַלשאַנסקי, דאַריע קראַל, וויקטאָר קרייטאָר.

אי. קוליק איז געווען ענג פֿאַר־בונדן מיט דער ייִדישער סאָוועטי־שער ליטעראַטור. אַלס פֿאָרזיצער פֿונעם אוקראַיִנישן שרײַבער־פֿאַר־באַנד אין די 30־ער יאָרן האָט ער פֿיל מיטגעווירקט דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. אים געהערן איבערזעצונגען אויף אוקראַיִניש פֿון אַ ריי ווערק פֿון איציק פֿעפֿער, לייב קוויטקאָ, יוסעף באָוושאָווער.

דער צונויפֿשטעלער פֿונעם בוך איז דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטער כאַיִם ביידער, ער איז אויך דער אויטאָר פֿון די קאָמענ־טאַרן צו דער אויסגאַבע.

---

## די צאָל ייִדן אין פּשאַ

לויט די אָנגאַבן פֿונעם לעצטן יאָרבוך האָט די צאָל ייִדן אין פּשאַ אין 1971 באַטראָפֿן 5.870.000.

אין אַן אַרטיקל פֿונעם פּראָפֿע־סאָר סידני גאָלדשטיין, וואָס איז פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם יאָרבוך, ווערן צווישן אַנדערס געגעבן איי־ניקע פֿאַרגלײַך־ציפֿערן. אויב די ייִדישע באַפֿעלקערונג אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן איז אויסגע־וואַקסן פֿון אַן ערך 250 טויזנט אין 1880 ביז 4 מיליאָן צווי־הונדערט טויזנט אין 1920 און האָט אין 1937 דערגרייכט 3,7 פּראָצענט לעגאַבע דער אַלגעמיי־נער אַמעריקאַנער באַפֿעלקערונג, האָט זיך צום יאָר 1971 די צאָל ייִדן זיך פֿאַרקלענערט ביז 2,9 פּראָ־צענט.

די דאָזיקע דעמאָגראַפֿישע יערי־דע דערקלערט זיך קודעמקאָל מיט דעם קליינעם נאַטירלעכן צו־וווּקס און מיט דעם אָפּשטעל פֿון דער מאַסן־עמיגראַציע קיין אַמע־ריקע.

די ייִדן אין פּשאַ קאָנצענטרירן זיך אין די גרויסע שטעט: אין ניו־יאָרק — 2.400.000, אין לאָס־אַנדזשעלעס — 550.000, אין פֿילאַ־דעלפֿיע — 330 טויזנט.

אין דעם זעלבן יאָרבוך געפֿי־נען מיר אויך אַנדערע אינטערע־סאַנטע ציפֿערן. אין פֿאַריקן יאָר האָט די צאָל ייִדן אין דער וועלט דערגרייכט 13.950.875 — אָף 75 טויזנט נעפּאַשעס מערער, ווי אין 1970.

■

# דאָס איז שיקאַווע

בלומען זײַנען פון קאדמוינים אָן א צירונג אינעם מענטשנס לעבן. זיי קוויקן מיט זייער אָנגענעמען אראָמאט, מיטן פראכטפולן רייך. גוטע באלעבאָסטעס האפטן אויס אף זייערע טישטעכער, האנטעכער, קאָפּטעס בלומען און שיינע פיירעס. אז מענטשן ווילן אויסדריקן איינער דעם צווייטן פרײַנטשאפט און אכטונג, טראָגן זיי אונטער אלס מאטאָנע בלומען; ווען אן אקטיאָר טרעט ארויס מיט דערפאָלג אף דער בינע, ווערט ער פארוואָרפן מיט בלומען; א מאנצבל טראָגט אונטער א פרוי קווייטן. וויפל באגײַסטערטע לידער האָבן די דיכטער געשאפן וועגן בלומען, און וויפל פאָלקסלידער ווערן זיי באזונגען!

דער ענגלישער שרײַבער הערבערט וועלס האָט געשריבן אין זײַן בוך „רוסלאנד אין כוישעך": „אין גאנץ פעטראָגראד איז פארבליבן א וואָסער האלבער טוץ קראָמען... און דאָך ווערן דאָ בלומען ביז איצט פארקויפט און געקויפט, כאָטש די מערהײַט באפעלקערונג פון דער שטאָט שטארבט קימאט פון הונגער, ווייניק ווער פון זיי עס פארמאָגט א צווייטן אָנצוג. פאר 5 טויזנט רובל — אומגעפער פאר זיבן שילינגען לויטן איצטיקן קורס — קאָן מען דאָ קויפן א גרויסן בוקעט כריזאנטעמען".

צווישן פארשיידענע פעלקער איז פארשפרייט א מינהעג צו פײַערן פילצאָליקע בלומען־יאָמטויווים. די יאפּאָנער האָבן גרויס אָפּשײַ צו דער כריזאנטעמע. די דאָזיקע בלום איז דאָרט געוואָרן א מעלוכע־עמבלעם. די העכסטע יאפּאָנישע באלוינונג הייסט „כריזאנטעמע־אָרדען".

די באפעלקערונג פון דער קלייניקער מעלוכע לוקסעמבורג האָט שטארק ליב די „ניט־פארגעס־מיך"־בלום. דאָרט פײַערט מען אפילע א יאָמטעוו, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אָט דער בלום. א בעקאָוועדיק אָרט פארנעמט זי אויך בא די ענגלענדער. די פראנצויזן האָבן ליב דאָס מײַ־גלעקל (לאָנדיש).

די פּיאָלקע איז געוועזן די באליבטע בלום פון א סאך וועלט־בארימטע מענטשן: שעקספיר, געטע, הומבאָלדט, טורגעניעוו. אין דער ענגלישער שטאָט שטראטפאָרד איז דער פלאץ ארום שעקספירס הויז־מוזיי פארזייט מיט די בלומען, וועלכע ווערן דערמאָנט אין זײַנע ווערק, דערונטער אויך מיט פּיאָלקעס.

דאָס צערטלעכע בלימעלע מײַ־גלעקל האָט שטארק ליב געהאט פּ. טשײַקאָווסקי. ווען דער קאָמפּאָזיטאָר האָט זיך געפונען אין דער זוניקער פלאָרענץ, האָט ער געשריבן אהיים: „דער פרילינג איז נאָך ניט געקומען ענדגילטיק, אָבער ער דערנענטערט זיך מיט שנעלע טריט. די גאסן זײַנען פול מיט בלומען, פאראן דאָ אויך מײַן ליבלינג — דאָס מײַ־גלעקל. און קאָסטן קאָסט עס גאנץ ביליק. שוין דאָס אויסזען פון אָט די כּיעסדיקע בלומען, וועלכע שטייען איצט אף מײַן טיש, איז גענוג, אז זיי זאָלן ארויסרופן ליבע צום לעבן".

## טולפּאנען צופוסנס פונעם לעניך־דענקמאָל

פאראן בלומען — ליליפוטן, און פאראן בלומען — גיגאנטן. דאָס קלענסטע בלימעלע אף דער וועלט הייסט וואָלפיע. אפן אינדזל סומאטרע וואקסט א ריזיקע העלרויטע בלום „ראפלעזיע־ארנאָלדי". זי וועגט מער פון 10 קילאָגראם. עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז אָט דער ריז פונעם בלומען־קיניגרײַך וואקסט אויס פון די סאמע קלענסטע זוימען. אזעלכע זוימען קאָן מען זען סײַדן נאָר דורך א פארגרעסער־גלאָז.

פרילינג־צײַט קאָנט איר טרעפן אף די בלומען־בייטן בונטע שמעקנדיקע בלומען — טולפּאנען, נארציסן, בלויע און געלע איריסן, מארגאריטקעס, דרײַפארביקע פּיאָלקעס אָדער אניוטע־אייגלעך. אין פראנקרײַך און אין ענגלאנד איז אָנגענומען, אז באם געזעגענען זיך טראָגט מען אונטער א מאטאָנע א בלימל „אניוטעס אייגלעך".

מיט 300 יאָר פאר אונדזער צײַטרעכענונג האָט צום ערשטן מאָל באשריבן די נאטור פון ווילדע נעגעלעך דער אלטגריכישער נאטורפאָרשער און פילאָסאָף טעאָפראסט. אין יענע צײַטן האָט מען די נעגעלעך געהאלטן פאר א גוט מיטל קעגן דער פעסט־מאגייפע. אין דער רענעסאנס־טקופע האָבן די נעגעלעך זיך באוויזן אין דער מאָלערײַ־קונסט. זיי זײַנען געוואָרן א באליבטע טעמע אין די קונסטווערק פון לעאָנארדאָ דא ווינטשי, ראפאעל, רעמבראנדט, גאָיא און אנדערע וועלט־בארימטע קינסטלער. נעגעלעך־בלומען זײַנען דעמלט אויך געוואָרן דער סימבאָל פון ליבע. אין די שפּעטערע יאָרן זײַנען זיי געוועזן א סימבאָל פון פרײַנטשאפט, מוטיקײַט, מי, פון קאמף און רעוואָלוציע.

נעגעלעך־בלומען פארנעמען א בעקאָוועדיק אָרט אלס עמבלעם פון דער פּראָלעטארישער באוועגונג. בייס דער פאריזשער קאָמונע זײַנען די פאריזשער ארבעטער אומגעקומען אף די באריקאדעס מיט נעגעלעך־בלומען אין די הענט. די סאָלדאטן פלעגן צופּעסטיקן צו זייערע גימנאסטיאָרקעס רויטע נעגעלעך־בלומען און אופריכטיק גלייבן, אז זיי וועלן אף אזא אויפן אויסמײַדן א קויל. מיט אזעלכע בלומען אין די לאצן פלעגן קומען אף די ארבעטער־פארזאמלונגען און דעמאָנסטראציעס די באָלשעוויסטישע דעפּוטאטן פון דער פערטער מעלוכע־דומע.

אטען, סאָף מארט 1952. א דרייסטער און שטאָלצער שטייט פארן פאשיסטישן געריכט דער נאציאָנאלער העלד פונעם גריכישן פאָלק — דער קאָמוניסט ניקאָס בעלאָיאניס. אין די הענט האלט ער א נעגעלעך־בלימל. אָט אזוי איז ער פארבליבן אין זיקאָרן פונעם פאָלק.

אינעם האָלענדישן שטעטל ליסע וווינט דער וועלט־בארימטער גערטנער ד. לעפעבער. אין זײַן סעלעקציע געפינען זיך א סאך שיינע בלומען, וועלכע פארמאָגן קײַלעכדיקע קעפּלעך, — היאצינטן, נארציסן. נאָר מער פאר אלץ האָט ער קולטיווירט טולפּאנען, וועלכע זײַנען אין האָלאנד די סאמע באליבטע בלומען.

מיט העכער 50 יאָר צוריק איז לעפעבער געקומען קיין פעטראָגראד אף א קליין פישער־שיפל. די האָלענדישע רעגירונג האָט

ניקאָס בעלאָיאניס

אים באופטראָגט אָפּצופירן אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד וויכטיקע מעלוכישע פּאַפּירן. צוזאַמען מיט דער דיפּלאָמאַטישער פּאָטשט האָט ער געבראַכט אויך א טשעמאָדאַן מיט מוסטערן פון בלומען־זריע.

בייס דער באַגעגעניש מיטן פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר אויסערן־איניאָנים טשיטשערין איז געגאַנגען א רייד וועגן בלומען.

— טולפּאַנען? — האָט געפרעגט טשיטשערין. — זייער פיין. שיינע בלומען. אָבער מיר נייטיקן זיך איצט אין ברויט, אין מאַשינעס. ווען די רעוואָלוציע וועט לייזן די אַקטועלע פראַגן, וועלן מיר זיך אומבאַדינגט אומקערן צו אייער פאָרשלאָג וועגן בלומען.

ווען די סאָוועטישע ארמיי האָט געבראַכט די ענדגילטיקע מאַפּאָלע די היטלעריסטן, האָט לעפּעבער באַשלאָסן, אז רוסלאַנד דאַרף איצט האָבן בלומען. אין 1946 איז ער געפאָרן קיין מאָסקווע און געבראַכט דעם סאָוועטישן לאַנד א מאַטאָנע — עטלעכע טויזנט זוימען־קעפּלעך פון די בעסטע האָלענדישע טולפּאַנען. א סאַך סאָרטן פון די טולפּאַנען פון זיין סעלעקציע האָט לעפּעבער אָנגערופן מיטן נאָמען פון די אָנגעזעענסטע סאָוועטישע מענטשן: גאַגאַרין, גאַלינא אולאַנאָווא אאַ. צום 100־טן געבורטסטאָג פון וו. אי. לענין האָט ער אויסגעהאָדעוועט א ריזיקן טולפּאַן מיט אַן אומגעוויינלעך רויטער פאַרב און גאָלדענע שטראַלעכלעך אָף די בלומען־בלעטלעך. דער געלערנטער האָט דעם טולפּאַן א נאָמען געגעבן „לענינס אָנדענק”. די בלומען זיינען פאַרזייט אינעם קרעמל־סקווער, צופוסנס פונעם לענין־דענקמאָל.

יאַנקעוו גינעווסקי

---

# כראָניק

## יובילײ־אָוונט פון בינימין שוואַרצערן

די טעאַטראַלע און ליטעראַרישע געזעלשאַפטלעכקייט פון מאָסקווע האָט פייערלעך אָפּגעמערקט דעם 80־טן געבורטסטאָג און 65־יאָריקע שוישפּילערישע טעטיקייט פונעם פאַרדינסטפולן ארטיסט פון דער רעפּובליק בינימין שוואַרצער.

דער זייער הייסער זומער־טאָג, וואָס איז אויסגעפאַלן צו אָט דער פייערונג, האָט ניט געשטערט, אז דער זאַל פון דער אַלרוסלענדישער טעאַטראַלער געזעלשאַפט, אָף דער גאָרקי־גאַס, אין סאַמע צענטער פון דער הויפּטשטאָט, זאָל זיין פולגעפּאַקט מיט אַן אוילעם ליבהאָבער און שעצער פון טעאַטער — אַרטיסטן, ליטעראַטן, קינסטלער. פאָרשטייער פון מאָסקווער טעאַטער און עסטראַדע זיינען געקומען באַגריסן דעם וועטעראַן פון דער ייִדישער בינע.

דער הויפּט־רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד” אַרן ווערגעליס, וועלכער האָט געפירט דעם יובילײ־אָוונט, האָט אין זיין אַריינפיר־רעדע כאַראַקטעריזירט בינימין שוואַרצערן אַלס איינעם פון די באַדייטנדיקסטע ייִדישע בינע־מייסטערס. ער צייכנט באַזונדער אָפּ ב. שוואַרצערס פאַרדינסטן אין די לעצטע צען יאָר פון זיין טעאַטראַלער טעטיקייט אַלס גרינדער און קינסטלערישער אָנפירער פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל, וועלכער איז פאַר אָט דער צייט אויסגעוואַקסן סיי אין דער צאָל שוישפּילער און סיי שעפעריש.

— ווינטשן מיר אייך, טייערער בינימין, ווי דער זיידע מענדעלע האָט געזאָגט אין „מאַסאָעס בינימין האַשלישי”, — איר זאָלט גיין ווייטער „מיט דער רעכטער פוס” — ביז הונדערט און צוואַנציק!

א באַגריסונגס־אַדרעס אין נאָמען פון דער רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פון זשורנאַל טראָגט אונטער דעם יובילאַר דער רעדקאָלעגיע־מיטגליד אווראָם גאָנטאַר, דער דיכטער לייענט אויך פאַר זיינע א ליד „בראַוואָ”, אָנגעשריבן אין פאָלקסטימלעכן נוסעך, געווידמעט שוואַרצערן.

איינער נאָכן אַנדערן ווענדן זיך צום יובילאַר מיט באַגריסונגס־אַדרעסן פאָרשטייער פון פאַרשיידענע קאָלעקטיוון.

אין נאָמען פונעם פּרעזידיום פון דער אַלרוסלענדישער טעאַטראַלער געזעלשאַפט טרעט אַרויס דער פאָלקס־אַרטיסט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד יאָסיף ראַיעווסקי.

„מיר פרייען זיך מיט אייערע דערפאָלגן און שטאָלצירן מיט דעם, וואָס איר טראָגט הויך די פאָן פון דער סאָוועטישער פילנאַציאָנאַלער קונסט”, — רופט אויס מיכאַיל סאַץ, איינער פון די אָנפירער פון דער טעאַטראַלער פאַריייניקונג „מאָסקאָנצערט”.

א וואָרט באַקומט דער פאָלקס־אַרטיסט פון פסםר לעאָניד אוטיאָסאָוו.

— מיין טייערער פריינט און קאָלעגע, איך בין אייך צו גוטן מעקאַנע. ווייל דאָס, וואָס איך האָב נאָרוואָס געזען אין די סצענעס פון „טעוויע דער מילכיקער” און „קאָלדוניע” מיט אייער אָנטייל, איז טאַקע נאָר צו באַוווּנדערן. אין אייער עלטער שפּילן, און שפּילן מיט אַזאַ שוישפּילערישער באַצויבערנדיקער קראַפט — דאַרף מען קענען! עס איז ניט וויכטיק, אָף וואָס פאַר א שפּראַך מע שפּילט, — אָף רוסיש, ייִדיש צי אָף אַן אַנדער שפּראַך. ס'איז וויכטיק, דאָס האַרץ פונעם אַקטיאָר זאָל ריידן אַזוי, אז אַלע זאָלן זיך צוהערן און פאַרשטיין.

לעאָניד אוטיאָסאָוו, וועלכער האָט זיין באַגריסונג אָנגעהויבן אָף רוסיש, ווענדט זיך מיט די שלוסווערטער צום יובילאַר אָף ייִדיש:

— טייערער וולאַדימיר שוואַרצער! מיין ייִדיש איז אַן אָדעסער ייִדיש, אָבער דאָס איז גאָרניט קיין שלעכטער ייִדיש. וויל איך אייך זאָגן אָף מאַמעלאָשן, ווי אַן אָדעסיט צו אַן אָדעסיט: נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָר שפּילן אָף דער ייִדישער בינע — ווערט ניט מיד און האַלט זיך פאַר איר מיט ביידע הענט...

מיט הייסע ווּנטשן צו בינימין שוואַרצערן ווענדן זיך: דער פאָרשטייער פונעם צענטראַלן קינדערטעאַטער, פאַרדינסטפולער אַרטיסט פון דער רעפּובליק ניקאָליי פּירסאָוו, די באַוווּסטע ייִדישע שוישפּילערן אַנע גוזיק, איינער פון די עלטסטע ייִדישע אַקטיאָרן אַדאָלף אָבערבערג, וועלכער האָט מיט פיל יאָרן צוריק געשפּילט מיט שוואַרצערן אין איין טרופּע.

דער דירעקטאָר פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל באָריס סאָראָקאַ טיילט מיט, אַז עס איז דערהאַלטן געוואָרן א גרויסע צאָל באַגריסונגס־טעלעגראַמעס און בריוו אָף שוואַרצערס נאָמען פון פיל שטעט פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

שיין האָט געקלונגען די טעאַטראַליזירטע באַגריסונג, וואָס דער קאָלעקטיוו פונעם ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל האָט צוגעגרייט לעקאָוועד דעם כאָשעווון יובילאַר.

י. ש.

## פאַרשיידנס

### די רעטעניש פונעם גאָלדענעם אוצר

די לענינגראַדער געלערנטע האָבן אַרויסגערוקט אַ נײַע היפּאָטעזע וועגן דעם אַפּשטאַם פונעם גאָלדענעם פּערעשטשעפּינער אוצר, וואָס געפינט זיך אין דער קאָלעקציע פונעם ערמיטאַזש.

דעם אוצר האָט מען געפונען אין 1912 יאָר אינעם דאָרף מאַלאַיע פּערעשטשעפּינאָ הינטער פּאָלטאַווע. וואָער און פאַרוואָס האָט עס באַהאַלטן אין דער ערד סערוויז, גאָלדענע פּלאַטן, געווער און יוּוועליר-צירונג, וואָס געהערן צו פאַרשיידענע עפּאָכעס און קולטורן? ביז איצט איז קיין קלאָרער ענטפער אַף דעם ניטאָ.

די געלערנטע פונעם ערמיטאַזש זײַנען געקומען צום אויספיר, אַז אין מאַלאַיע פּערעשטשעפּינאָ האָט מען געפונען ניט קיין אוצר, נאָר זייער אַ רײַכן קייווער פון אַן עלטסטן פון אַ וואַנדער-שייווער, גיכער פון אַלץ — כאַזאַרן.

(טאַסס)

### אַ ווערטפולע מתנה

דער פּראָפעסאָר א. אי. גערמאַנאָוויטש פון סימפעראָפּאָל האָט איבערגעגעבן דעם אָפּטייל פון אַלטערטימלעכע מאַנוסקריפּטן באַם פּושקין-הויז אַ זאַמלונג פון דער מיט XVIII יאָרהונדערט, וועלכע באַשטייט פון 2.497 רוסישע שפּריכווערטער און רייִדנסאַרטן, צונויפגעשטעלט לויטן אַלפאַוויט און אָנגעשריבן מיט אַ שיינעם קסאָוו אַף שטײַף פּאַפּיר. ביז איצט האָבן די פילאָלאָגן געוווּסט בלויז פון צוויי-דרײַ ענלעכע זאַמלונגען.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע שפּריכווערטער פון אָט דער אוניקאַלער זאַמלונג:

— טרינקען טרינק איך קוואַס, נאָר ביר איז אויך ניט שלעכט פאַר מיר.

— ניט שטענדיק יענער בײַסט, וועמ די ציין עס ווײַזט.

— אַ כאַזער וועט קיין ביבער ניט געבוירן.

— אָן אַ מאָס וועסטו אַפילע קיין לאַפּטיעס ניט אויספלעכטן.

— זיסע רייד זײַנען אָפּט ביטער.

— ער בייגט זיך אינדרײַען און בײַסט ווי אַ שלײַען.

— אַ בוים שאַצט מען לויט דער פּרוכט, אַ מענטשן — לויט דער אַרבעט.

— אַ גאַנעוו גאַנוועט ניט שטענדיק, מע דאַרף זיך אָבער שטענדיק פון אים היטן.

— ווו נעמט מען דאָס, וואָס ס'איז ניטאָ.

— אַ בער לערנט מען אויך אויס טאַנצן.

— אַ גוט ווײַב שטעלט אַף די פיס.

— צו דער הויט וועסטו קיין סייכל ניט צונייען.

— ער האָט זיך צעבייזערט אַף אַ פלוי — און אַרײַנגעוואָרפן די קאָלדרע אין אויוון אַרײַן.

— אַן אייזל וועט אויך אין קיִעוו קיין פערד ניט ווערן.

— אַף אַ סאָסנע וואַקסן ניט קיין עפּל.

(„נעדיעליא”)

### מער פון פינף הונדערט ביאָגראַפיעס

די פּאָפּולערע סעריע „דאָס לעבן פון מערקווירדיקע מענטשן” ציילט שוין העכער פינף הונדערט ביכער.

דער גרינדער פון דער סעריע איז געווען מאַקסים גאָרקי. לויט זײַן פּאַרטראַכט האָט זי געדאַרפט באַקענען די לייענער „מיט דער וועלט, מיט אירע גרויסע מענטשן און זייערע אויפטוען לעטוּוועס דעם גליק פון דער מענטשהײַט”.

דעם ערשטן בוך פון אָט דער ביבליאָטעק — א. דייטשס „היינריך היינע” — האָט אַרויסגעלאָזט „די זשורנאַל- און צײַטונגס-פאַריייניקונג” אין 1933 יאָר.

דער הונדערטסטער בוך פון דער סעריע איז דערשינען אין זעקס יאָר אַרום און האָט דערציילט וועגן דעם באַרימטן פליִער אַנאַטאָלי סעראָוו. די מילכאָמע האָט אַף לאַנג איבערגעריסן דעם אַרויסלאָז פון די באַליבט געוואָרענע ביכער. ערשט קימאַט אין צוואַנציק יאָר אַרום האָט זיך באַוויזן דאָס צווייהונדערטסטע ביכל פון דער סעריע — „ראָואַלד אַמונדסען”. דער דרײַ-הונדערטסטער באַנד איז דערשינען אין 1961 יאָר און האָט דערציילט וועגן דעם לעבן פונעם געלערנטן ס. וואַווילאָוו. דער פיר-הונדערטסטער בוך איז געווען געווידמעט דעם מאַטעמאַטיקער לאָבאַטשעווסקי. די פינף-הונדערטסטע אויסגאַבע פון דער סעריע איז געוואָרן מיכאַיל און מאַריִע קאָלעסניקאָווס בוך „ריכאַרד זאָרגע”. אינעם בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן זעלטענע דאָקומענטן און בריוו פונעם באַרימטן אויסשפּירער.

צווישן די העלדן פון דער סעריע זײַנען פאַראַן מערקווירדיקע פאָרשטייער פון פאַרשיידענע צײַטן און פעלקער: זשאַנע ד'אַרק און טשאַפּייעוו, דימיטראָוו און קיראָוו, זשאָליאָ-קיורי און קורטשאַטאָוו, מאָליער און העמינגוויי, פּושקין און בערנאַרד שאָו. דער אַלגעמיינער טיראַזש פון אַלע ביכער פון דער ביבליאָטעק באַטרעפט העכער 80 מיליאָן עקזעמפּליאַרן.

די לעצטע צײַט האָט דער פאַרלאַג „מאָלאָדאַיאַ גוואַרדיִאַ” באַרײַכערט די סעריע מיט ווערק וועגן אונדזערע מיטצײַטלער, דערבײַ ניט בלויז וועגן טוער פון דער וויסנשאַפט, ליטעראַטור, קונסט, נאָר אויך וועגן מענטשן פון דער אינדוסטריע, בויונג און לאַנדווירטשאַפט. אין דער הינזיכט איז זייער אינטערעסאַנט דער בוך „נאָוואַטאָרן”, וואָס דערציילט וועגן אַזעלכע וועטעראַנען פון אַרבעט, ווי אַלעקסיי סטאַכאַנאָוו, וואַלענטינאַ גאַגאַנאָוואַ און אַנד.

## דאָס צווישנפעלקערלעכע יאָר פון בוך

לויטן פֿאָרשלאָג פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָט יונעסקאָ אָנגענומען אַ באַשלוס רעכענען דאָס 1972 יאָר אַלס יאָר פֿון בוך.

יעדער זעקסטער בוך, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן אין דער וועלט, איז אַ סאָוועטישער. יעדע מינוט ווערט בײַ אונדז אַרויסגעלאָזט 2.500 עקזעמפּליאַרן ביכער, און פֿאַר אַ טאָג — 3.700 טויזנט. פֿאַר די יאָרן פֿון דער ראַטנמאַכט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן העכער צוויי מיליאָן ביכער־נעמען מיט אַן אַלגעמיינעם טיראַזש פֿון 36 מיליאַרד עקזעמפּליאַרן. דער טיראַזש פֿון די ביכער אויף די שפּראַכן פֿון די פֿעלקער פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד איז אויסגעוואַקסן אין 53 מאָל.

אינעם צווישנפעלקערלעכן יאָר פֿון בוך וועלן פֿאָרקומען ביכער־פֿעסטיוואַלן, אויסשטעלונגען אין מאָסקווע און לענינגראַד, אין די הויפּטשטעט פֿון די פֿאַרבאַנדישע רעפּובליקן, אין די גרויסע אינדוסטריעלע צענטערן, אויף אונטערנעמונגען, אין קולטור־הײַזער און קלובן.

אין מאָסקווע איז פֿאָרגעקומען אַ ביכער־פֿעסטיוואַל, געווידמעט דעם פּרעסע־טאָג, דעם 50־טן יאָרטאָג פֿון דער פּיאָנער־אָרגאַניזאַציע. אַזאַ פֿעסטיוואַל וועט זײַן געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג פֿון פּססר. אין מאַרט איז פֿאָרגעקומען אַ וואָך פֿון קינדער־בוך, אין אָקטיאַבער דאַרף פֿאָרקומען אַן אַלפֿאַרבאַנדישע וואָך פֿון יוגנט־בוך.

אין מאָסקווע וועלן פֿאָרקומען אַ ריי צווישנפֿעלקערלעכע באַגעגענישן און אויסשטעלונגען. עס וועט פֿאָרקומען אַ סימפּאָזיום אויף דער טעמע: „ביכער צו דינסט דעם הומאַניזם, פּראָגרעס און שאָלעם". 200 ביבליאָטעק־אויסשטעלונגען און 74 עקספּאָזיציעס וועלן פֿון דער הויפּטשטאָט געשיקט ווערן אין פֿאַרשיידענע לענדער. אונדזער לאַנד וועט אָנטיילנעמען אין 24 צווישנפֿעלקערלעכע ביכער־מערק: אין סאָפֿיע, לײַפּציק, וואַרשע, בעלגראַד, ניצע, קאַיר, דעלי און אַנד.

## אַ מאַגנאַט האָט זיך צעבײַטלט...

די שוועסטער מערי אַנאַנסיאַטאַ פֿונעם פּרויען־מאָנאַסטיר פֿון דער קליינער שטאָט פּאַרט־כעדלענד אויף מײַרעוודיקן ברעגלאַנד פֿון אויסטראַליע, איבערלייענענדיק אין אַ זשורנאַל אַן אַרטיקל וועגן דעם אַמעריקאַנישן נאַפֿט־מאַגנאַט פּאָל געטי, וועלכער איז באַרימט אַלס דער רײַכסטער מענטש אין דער וועלט, האָט באַשטימט זיך ווענדן צו אים מיט אַ ביטע אַרײַנצוטראָגן אַ געוויסע סומע אויף אויסבויען אַ שול פֿאַר די היגע קינדער. אינגיכן איז אָנגעקומען פֿונעם מיליאַרדער אַ בריוו מיט אַ טשעק אויף... 10 דאָלאַר. די „ברייטהאַרציקייט" פֿונעם אַמעריקאַנער איז ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן אין פּאָרט־כעדלענד. אין דער זעלבער צײַט האָבן זיך פֿאַראינטערעסירט מיט אָט דעם אייגנאַרטיקן אויסדרוק פֿונעם מיליאַרדערס קאַרגשאַפֿט די ליבהאָבער פֿון זעלטנהײַטן. די שוועסטער מערי אַנאַנסיאַטאַ האָט באַקומען אַ פֿאָרשלאָג פֿאַרקויפֿן דעם טשעק מיטן אויטאָגראַף פֿון דעם רײַכסטן קאַרגוטש אין דער וועלט. איין קאָלעקציאָנער איז גרייט געווען באַצאָלן פֿאַרן טשעק 30 דאָלאַר, אַ צווייטער — אַפֿילע 100 דאָלאַר. אָבער די שוועסטער מערי אײַלט זיך ניט צו צעשיידן מיט פּאָל געטיס „נדאָווע": עפּשער וועט דער אויטאָגראַף נאָך טײַערער ווערן.

(„איזוועסטיאַ")

## ווי אַלט איז די אַפֿישע

זייער אַלט — זאָגן די וויסער. מיט טעאַטער־אַפֿישן האָט זיך שוין באַנוצט עגיפּטן, גריכנלאַנד און רוים. אַפֿישן אויף פּאַפּירוסן פֿלעגן אויפֿגעקלעפּט ווערן אויף די ווענט אָדער געמאָלט ווערן אויף די מויערן, אויסגעקריצט ווערן אויף ברעטער. די ערשטע אַפֿישן אין הײַנטיקן פֿאַרשטאַנד האָבן זיך באַוויזן אין פֿראַנקרײַך אין XVI יאָרהונדערט. די אַפֿישן פֿלעגן אויסגעהאַנגען ווערן בײַ די טעאַטערס.

אין 1763 יאָר האָבן די אײַנוווינער פֿון פֿראַנקפֿורט־באַם־מײַן געלייענט גרויסע אַפֿישן, אונטערגעשריבן דורך „אַ מוזיקער פֿון זאַלצבורג". אָט איז דער טעקסט פֿון די אַפֿישן:

„מײַנע קינדער, מײַן טאָכטער 13 יאָר אַלט און מײַן זון 7 יאָר, וועלן האָבן דעם כּבֿוד אויסצופֿילן אַ ריי מוזיקאַלישע ווערק פֿון די גרעסטע קלאַוועסין־מײַסטערס, און מײַן יינגל וועט, כּוץ דעם, אויספֿילן עטלעכע ווערק אויף פֿידל. נאָך מער: מײַן זון וועט שפּילן עטלעכע ווערק אויף קלאַוועסין בײַ אַ צוגעדעקטער מיט אַ טישטעך קלאַוויאַטור און וועט זיי אויספֿילן פּונקט אַזוי גוט, ווי אויף ניט קיין צוגעדעקטער קלאַוויאַטור. פֿון דער נאָענט און פֿון דער ווײַט וועט ער אָן אַ טאָעס דערקענען יעדן אַקאָרד און יעדן קלאַנג פֿון אַ קלאַוועסין, אָרגאַן, גלאָק און פֿון יעדן אַנדערן מוזיקאַלישן אינסטרומענט. צום סאָף וועט מײַן זון אויספֿילן, לויט דער פֿאָדערונג פֿונעם פּובליקום, אַזויפֿיל מוזיקאַלישע פֿאַנטאַזיעס, וויפֿל די אָנוועזנדיקע וועלן נאָר בעטן, אויף קלאַוועסין, פֿידל, אָרגאַן — און אַלץ אין דער ענדערונג פֿון דער טאָנאַציע".

דאָס דאָזיקע זיבניאָריקע יינגל איז געווען ניט קיין אַנדערער, ווי וואָלפֿגאַנג אַמאַדעוס מאָצאַרט.

(„אונדזער פֿרײַנט" (אורוגוויי)

# כראָניק

## שפּעריש\ע קאָמאַנדירונגען

### אין דער העלדן־שטאָט אַף דער וואָלגע

לויט א קאָמאַנדירונג פונעם שרײַבער־פאַריין פון ווײַסרוסלאַנד האָט דער דיכטער כאִים מאַלטינסקי לעצטנס דורכגעמאַכט א שפּערישע רײַזע אין דער העלדן־שטאָט וואָלגאָגראַד.

דער געוועזענער פראָנטאָוויק, אָנטיילנעמער אין די שלאַכטן פאַר דער שטאָט אַף דער וואָלגע האָט זיך דאָ געטראָפן מיט אַרטיקע אײַנוווינער, געוועזענע פראָנטאָוויקעס, וועגן וועלכע ער וועט שפּעטער דערציילן אין זײַנעם א רעפּאָרטאַזש.

כ. מאַלטינסקי האָט אײַנגעשטעלט א שפּערישן קאָנטאַקט מיט די וואָלגאָגראַדער שרײַבער, וועמענס שאַפונגען ער וועט איבערזעצן אַף יִידיש צום 30־טן יאָרטאָג זינט די שלאַכטן פאַר סטאַלינגראַד.

### איבער די שטעט פון אוקראַיִנע

דער מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" יויסעף שוסטער איז לעצטנס ארומגעפאָרן איבער א ריי שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע.

אין כאַרקאָוו, קיִעוו, וויניצע האָט י. שוסטער זיך באַגעגנט מיט ליטעראַטן און מאָלער — אוטאָרן פונעם זשורנאַל, מיט לייענער און געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער.

אין וויניצע, לעמאָשל, האָט זיך אין די דאָזיקע טעג אַקטיוו באַשעפטיקט מיט שאַפן נײַע אַבאָנענטן אַף „סאָוועטיש היימלאַנד" איינער פון די עלטסטע יִידישע קולטור־טוער און טרײַע מויכער־ספאָרימניקעס יִיצכאָק קיל, וועלכער ברענגט אַרײַן יעדעס יאָר דעם זשורנאַל 50 — 60 שטענדיקע לייענער. אין אָט דער בעקאָוועדיקער אַרבעט האָבן זיך אין וויניצע אײַנגעשלאָסן אויך דער שרײַבער געדאַליע קאָסאָי, די פּעדאַגאָגן רוון אַקיוויסאָן און בענציִען שולמאַן, דער סטאָליער יִיסראָעל ספּיוואַק אַא.

— אין וועלכער שטאָט איך בין ניט געווען, — דערציילט י. שוסטער, — שפּירט זיך דער וואַקסנדיקער אינטערעס צו „סאָוועטיש היימלאַנד", צו די ליטעראַרישע, פּובליציסטישע ווערק, וואָס דער זשורנאַל דרוקט.

יִיצכאָק באָראָוויטש, יאַנקעוו עלקיס, ביניאָמין קאָטליאַר פון כאַרקאָוו זײַנען ניט נאָר אַקטיווע לייענער, נאָר אויך אומדערמידלעכע פּאָפּוליאַריזאַטאָרן פונעם יִידישן געדרוקטן וואָרט.

א היפּשע צאָל לייענער — פאַרשפּרייטער פונעם זשורנאַל קאָן מען טרעפן אויך אין זשמערינקע (באָריס טקאַטש, מאָטל גרוזבערג) און אין דאָנעצק (זאַלמען מינקין, יאַנקעוו יודין, אָלגע באַסינע, יורי באָריץ, גיטע גאַלאָבאָראַדקאָ). זיי טוען אַלץ, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד" זאָל דערגרייכן צו די ברייטע מאַסן לייענער.

### „דער פידלער אַפן דאַך" אין ווילנער פאָלקס־טעאַטער

דער ווילנער יִידישער פאָלקס־טעאַטער האָט מיט א צײַט צוריק אָפּגעמערקט דעם 15־טן יאָרטאָג פון זײַן עקזיסטענץ. לעקאָוועד דער פײַערונג איז אינעם שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ פון די פראָפאַריינען באַוויזן געוואָרן א גרויסער קאָנצערט פון לידער, טענץ און פראַגמענטן פון ספּעקטאַקלען, וואָס דער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו האָט צוזאַמען מיט די גרופּעס פון געזאַנג און כאָרעאָגראַפיע אויפגעפירט פאַר די פאַרגאַנגענע פופצן יאָר.

איינע פון די באַדײַטנדיקסטע אַרבעטן, וועלכע דער פאָלקס־טעאַטער האָט לעצטנס צוגעגרייט, איז דער מוזיקאַלישער ספּעקטאַקל „דער פידלער אַפן דאַך", וואָס איז, ווי באַוווּסט, צום ערשטן מאָל אין דער ענגלישער שפּראַך אויפגעפירט געוואָרן אין אַמעריקע. די אַמעריקאַנער שרײַבער יויסעף שטיין און שעלדאָן הערניק האָבן דעם „פידלער אַפן דאַך" געשאַפן אין דער פאָרם פון א מיוזיקל לויט שאָלעם־אַלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער".

שטעלן „דעם פידלער אַפן דאַך" אַף יִידיש, ניט קאָפּירנדיק שטיינס און הערניקס פרײַע אינסצעניר\ונג, איז פאַרן ווילנער פאָלקס־טעאַטער געווען ניט קיין לײַכטע זאַך. דעם איבערזעצער בער האַלפּערנען איז אויסגעקומען ווידער זיך ווענדן צום מאָקער, צו שאָלעם־אַלייכעמען, קעדיי ניט גלאַט איבערזעצן, נאָר רעסטאַוורירן די טעקסטן. דאָס האָט זיך בער האַלפּערנען אײַנגעגעבן.

דער פאָלקס־טעאַטער האָט באַוויזן דעם ווילנער צושויער א יִידישן „פידלער אַפן דאַך", אָפּוואַרפנדיק דאָס אומגעלומפּערטע אין באַזונדערע בילדער, וואָס ווערן אין אַנדערע שטעלונגען אונטערגעטראָגן ווי א פאַראָדיע אַפן אַלטן לעבנשטייגער.

מיט איין וואָרט, דער ווילנער פאָלקס־טעאַטער האָט אוועקגעשטעלט דעם „פידלער אַפן דאַך" מיט זײַן אייגנאַרטיקן קוק אַפן סוזשעט פון דער פּיעסע, מיט זײַנע אייגענע מיטלען און מעגלעכקײַטן. דעם סאָוועטישן צושויער געפעלט דער ווילנער וואַריִאַנט פונעם „פידלער אַפן דאַך", וואָס איז אויך א מיוזיקל, נאָר אין אים ווערט אָפּגעהיט דער רעאַליסטישער סטיל, און, דערייקער, די שפּראַך פון שאָלעם־אַלייכעמען. עס נעמט באַזונדערס אויס די שפּיל פונעם אַרטיסט יודל קאַץ, וועלכער שפּילט אָן עמעסן שאָלעם־אַלייכעמדיקן טעוויע, אָן די קונצן און עקזאָטישע קיצלערײַען, וואָס יויסעף שטיין און שעלדאָן הערניק האָבן אַרײַנגעפירט אין דעם מוזיקאַל־רעוויו סטאַם צוליב לאַכן.

אין דעם זעלבן רעאַליסטישן נוסעך שפּילן מאָטל קאַנאָוויטש (דער קרעטשמער), בעניע צוויזאָן (לייזער־וואָלף דער קאַצעוו), טאַטיאַנע גאָרעליק (יענטע די שאַדכנטע), יִיצכאָק פישער (דער ראָוו), וו. שאַלקינסקי (מענדל) און אַנדערע. שיין און לעבעדיק זעט אויס די יוגנט פונעם טעאַטער, סײַ אין כאָר און סײַ אין די טענץ.

די דעקאָראַציעס און די קאָסטיומען צו דעם ספּעקטאַקל זײַנען געצייכנט ליריש און עמאָציאָנעל.



א סצענע פונעם ספּעקטאַקל „דער פידלער אַפן דאַך"

## ביראָבידזשאַנער נײַס

### איבער די זאַלן פֿונעם געגנטלעכן מוזיי

אַף דער לענין־גאַס אין ביראָ־בידזשאַן וואַרפֿט זיך אין די אויגן א שיינע געבײַדע, אין וועלכער עס געפֿינט זיך די געגנטלעכע ביבליאָטעק און דער מוזיי פֿון קאַנטקענטעניש. אַהער קומען הונדערטער עקסקורסאַנטן אַף צו באַקענען זיך מיט דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט.

אָט איז דער זאַל, אין וועלכן עס זײַנען אויסגעשטעלט עקספּאָ־נאַטן וועגן דעם בירגערקריג אַפֿן ווײַטן מיזרעך. דאָ ציט צו די אופֿמערקזאַמקײַט דער מאַקעט פֿון דער לעגענדאַרער וואָלאָטשײַעווער קער סאָפּקע און די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון די אײַנוווינער פֿון דער געגנט — וועטעראַנען פֿון דער שלאַכט פֿאַר וואָלאָטשײַעווקע, ווי אויך מוסטערן פֿונעם געווער, מיט וועלכן עס האָבן זיך באַנוצט די רויטאַרמייער.

עס האָבן אָפּגעדונערט די שלאַכטן פֿונעם בירגערקריג. אַף דער וואָלאָטשײַעווקער ערד האָבן זיך באַוויזן איבערוואַנדערער, וואָס האָבן אָנגעהויבן דאָ בויען א ייִדישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן, דערנאָך א געגנט. וועגן דעם ווערט דער־ציילט אין א צווייטן זאַל, ווו עס זײַנען פֿאַרגעשטעלט אוניקאַלע פֿאָטאָגראַפֿיעס און דאָקומענטן.

א ספּעציעלער זאַל פֿונעם מוזיי איז געווידמעט דער אַנטוויקלונג פֿון דער אינדוסטריע פֿון דער געגנט, ווי אויך פֿון דער קולטור, געזונט־פֿאַרהיטונג און פֿאָלקס־בילדונג.

גייסט איבער די זאַלן פֿונעם מוזיי, און פֿאַר די אויגן שטייען אויף עטאַפּן פֿונעם וווּקס און פֿון דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדי־שער אווטאָנאָמער געגנט.

יע. קאַרסונסקי

### א מאַטאָנע דער געגנטלעכער ביבליאָטעק

ווי עס טיילט מיט דער לייענער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" ייִצ־כאָק באַנק, האָט די פֿאַמיליע פֿור־נעם באַוווּסטן ייִדישן דראַמאַטורג און קריטיקער יעכעזקל דאָבּרו־שין, וועלכער האָט א שטיק צײַט געלעבט אין ביראָבידזשאַן, צו־געשיקט דער געגנטלעכער ביב־ליאָטעק א מאַטאָנע — 20 זעלטע־נע ביכער.

## נײַס פֿון אויסלאַנד

### ייִדישע פֿאָלקסלידער אין רעפּערטואַר פֿון א יאַפּאַנישער זינגערן

די יאַפּאַנישע זינגערן מיריאַם מיסאַקוזאָ האָט אײַנגעשלאָסן אין איר רעפּערטואַר א ריי לידער פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר. לעצטנס האָט די זינגערן דורכגעמאַכט א טורנע איבער די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, ווו זי האָט אויסגעפֿילט לידער אין ייִדיש און העברעיִש.

### אין פּאַריזשער ייִדישן טעאַטער־אַנסאַמבל

אין פּאַריזשער טעאַטער „אַנט־רעפּאַ" ווערט מיט דערפֿאָלג אופֿ־געפֿירט שאָלעם־אַלייכעמס „דער פֿאַרקישעפּטער שנײַדער". ווי עס טיילט מיט די צײַטונג „נײַע פּרע־סע", איז עס איינע פֿון די בעסטע שטעלונגען פֿונעם פּאַרי־זשער ייִדישן פּראָגרעסיוון טעאַ־טער־אַנסאַמבל.

### ערע זײַן אָנדענק

אין כאַרקאָוו איז געשטאָרבן דער ייִדישער אַרטיסט נעכעמיע טרייסטמאַן. געבוירן אין 1896 בא אָרעמע עלטערן, האָט ער פֿון קינדווײַז אָן ליב באַקומען טעאַ־טער און איז אַרומגעפֿאָרן מיט פּראָווינציעלע וואַנדער־טרופּעס. ענדלעך איז אים געלונגען אַרײַנ־טרעטן אין עסטער־ראַכל קאַ־מינסקעס טרופּע, ווו ער איז דער־צויגן געוואָרן אין די בעסטע טראַדיציעס פֿון דער טעאַטראַלער קונסט.

זײַן גאַנץ לעבן האָט טרייסטמאַן אָפּגעגעבן דעם ייִדישן טעאַטער. ער האָט געשפּילט אין דער טרופּע פֿון רודאָלף זאַסלאַווסקי, אין קיִעווער „קונסט־ווינקל" און אי־נעם ייִדישן מעלוכע־טעאַטער פֿון ווײַסרוסלאַנד.

עס איז אוועק א קרישטאָל־ריינער מענטש, וואָס האָט געדינט אַלס בײַשפּיל פֿון אָפּפֿערווייליק דינען דער קונסט.

י. ליובאָמירסקי

## כראָניק

### סידי טאַל און איר אַנסאַמבל

דער זאַל פֿון דער טשערנאָ־וויצער פֿילהאַרמאָניע איז אין יענעם אָוונט געווען פֿולגעפּאַקט. דער קאָנצערט פֿון דער פֿאַר־דינסטפֿולער אַרטיסטקע פֿון דער אוקראַאינישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק האָט צוגעצויגן א גרויסן עולם.

אויסער א ריי נײַע אינטערמע־דיעס, מוזיקאַלע פֿעליעטאָנען, זײַנען אינעם קאָנצערט אײַנגע־שלאָסן געוואָרן די בעסטע סצע־נעס פֿון די פֿאָרשטעלונגען „גליק־לעכע באַגעגענישן", „שטענדיק מיט אײַך" און אַנדערע, אין וועל־כע סידי טאַל האָט אַרויסגעוויזן איר פֿילפֿאַרביקן אַקטיאָרישן טאַ־לאַנט.

אין יעדער סצענע, אין יעדער נײַער ראָל, אין יעדער ליד האָט די אַקטריסע א גלאַנץ געטאָן מיט א נײַעם כיין, מיט יענעם יוגנט־לעכן אימפּעט און ברויז, וואָס אַנערקענט ניט קיין עלטער.

פֿיל פֿאַרגעניגן האָבן פֿאַרשאַפֿן דעם עולם די אַקטיאָרן יאַקאָוו גאַלמאַן און ראַיסע מאַסטאָס־לאַווסקע מיט זייערע פֿריילעכע אינטערמעדיעס.

יאַקאָוו גאַלמאַן האָט שוין לאַנג זיך קוינע־שעם געווען ווי א באַ־גאַבטער זינגער. אויך איצט האָט ער אויסגענומען באַם עולם מיט זײַנע פֿאָלקסלידער, פּונקט ווי מיט די פֿאַרלעזונגען פֿון שאָלעם־אַלייכעמס „מילכיקס". דאָס איז געווען א מײַסטערישע אַקטיאָרי־שע אויספֿילונג פֿון א מײַסטעריש ווערק.

דער קאָמפּאָזיטאָר לעאָניד זאַ־טולאָווסקי האָט פֿון ייִדישע פֿאָלקס־מעלאָדיעס אויסגעוועבט א פֿילפֿאַרביק מוזיקאַליש ווערק, וואָס האָט צוגעגעבן נאָך מער כיין דעם קאָנצערט.

אין דער פּראָגראַם זײַנען מיט דערפֿאָלג אַרויסגעטראָטן אויך די איבעריקע אָנטיילנעמער פֿונעם אַנסאַמבל — ט. פֿעלדמאַן, א. קרים, פּ. מאַניק, יע. קאַראַבאַט.

# פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו

ווייניק־באַוווּסטע פאָטאָגראַפיעס פונעם דיכטער מאָטל גרוביאַן

מאָטל גרוביאַן אין 1970.

א גרופּע יידישע סאָוועטישע דיכטער — געוועזענע פּראָנטאָוויקעס אין 1946. פון רעכטס אף לינקס. ערשטע ריי: אַרן קושניראָוו, איטשע באָרוכאָוויטש, עזרא פינינבערג; צווייטע ריי: מאָטל גרוביאַן, מאָטל גאָלבשטיין, אַרן ווערגעליס, מוישע טייף.



מיטן אייניקל נאטאשע.

דער דיכטער מיט זײַן פרוי,
דער שוישפּילערן כאַנע
בלושטשינסקע (1968).

אף אַפּרו.

מ. גרוביאַן שמועסט מיטן ווײַטמיזרעכדיקן
רוסישן דיכטער סמאָליאַקאָוו. בירֹאָבידזשאַן, 1967.

# שרײַבער און ווערק

## נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

מיט 90 יאָר צוריק איז אין קאָוונע געבוירן געוואָרן די קינדער־שרײַבערן און פעדאגאָג הע־לענע כאַצקעלס.

א טאָכטער פון אן אָרעמען בעקער, האָט זי שוין אין פרי־ען עלטער גענומען פארדינען אף אויסקומעניש, געבנדיק פריוואטע שאָען. צו 17 יאָר איז זי שוין א שול־לערערן. זי ווערט אקטיוו אין דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. פארפאָלגט דורך דער אָכראנקע, לאָזט זי זיך אוועק, זײַענדיק אלט קוים צוואנציק יאָר, קיין פאריזש. דאָרט באטייליקט זי זיך אין מארקסיסטישע קרײַזלעך, וווּ ס'איז איר ניט איין מאָל אויסגעקומען צו הערן וו. אי. לענינען.

דער אײַנגעבאָרענער דראנג צו בילדונג ברענגט זי קיין פעטראָגראד אף די העכערע פרויען־קורסן, וווּ זי פארענדיקט אין יאָר 1912 דעם היסטאָרישן פאקולטעט. עס הייבט זיך אָן איר פעדאגאָגישע טעטיקײַט אין ווילנע און נאָך דער ערשטער וועלט־מילכאָמע — אין קאָוונע. זי איז א לערערן אין די וועלטלעכע שולן פון דער יידישער אָרעמשאפט. אין דער זעלבער צײַט פארעפנטלעכט זי ארטיקלען וועגן דערציִונג און פאָלקס־בילדונג.

איר ליטערארישע טעטיקײַט איז ענג פארבונדן מיט דער פעדאגאָגישער. ניט געקוקט אפן פארבאָט פון דער פאשיסטישער מאכט אין ליטע, האָט זי צוויי מאָל באזוכט דעם סאָוועטנפארבאנד. דער רעזולטאט פון יעדער נעסיִע איז א ביכל רײַזע־באשרײַבונגען פאר קינדער.

אין בערלין זײַנען דערשינען אף יידיש העלענע כאצקעלס וויסנשאפטלעך־פאָפולערע ביכער „די נאטור ארום אונדז”, „די נאטור ארום אונדז און מיר אליין”, „די ערד און די וועלט”. צוויי טיילן פון איר בוך „גרויסע דערגרייכונגען און דערפינדונגען” זײַנען ארויסגעגעבן געוואָרן אין 1927 אין מאָסקווע. זי האָט אויך איבערגעזעצט אף יידיש א צאָל ביכער פון דער רוסישער, ענגלישער און פראנצויזישער קינדער־ליטעראטור. העכער צען יאָר האָט זי צונויפגעשטעלט און רעדאגירט דאָס „קינדער־בלאט” — בײַלאגע צו דער קאָוונער פראָגרעסיווער יידישער צײַטונג „פאָלקסבלאט”.

צוריקגעקערט זיך נאָך דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע אין איר באפרײַטער היימשטאָט קאָוונע, זעצט העלענע כאצקעלס פאָר איר פעדאגאָגישע און ליטערארישע טעטיקײַט.

פאר אירע גרויסע פארדינסטן אפן געביט פון פאָלקסבילדונג איז העלענע כאצקעלס באלוינט מיטן טיטל „פארדינסטפולע לערערן פון דער ליטווישער סאָוועטן־רעפובליק”. צום פופציקסטן יובילײ פון דער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר באקומט זי דעם אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פאָן.

מיט 90 יאָר צוריק איז אין א יישעוו לעבן ניו־יאָרק געבוירן געוואָרן דער מאָלער, שרײַבער, געזעלשאפטלעכער טוער ראָקוועל קענט.

זײַן ליטערארישע טעטיקײַט האָט ר. קענט אָנגעהויבן אין 1920, ווען עס איז דערשינען זײַן בוך „א ווילדער קאנט” (אײַנדרוקן פון א רײַזע איבער אליאסקע). דערנאָך זײַנען ארויס זײַנע ביכער „וואָגלענישן” (1924) — וועגן דער רײַזע אף דער „פײַערדיקער ערד”, „סאלאמינא” (1935). די דאָזיקע ביכער, פול מיט אָפטימיזם און הומאָר, שילדערן בוילעט די מי און די גײַסטיקע וועלט פון די עסקימאָסן. די ביכער „דאָס איז מײַנס” (1940), „דאָס בין איך, גאָט מײַנער” (1955) טראָגן אן אווטאָביאָגראפישן כאראקטער. אין 1959 איז דערשינען זײַן בוך „וועגן מענטשן און בערג”.



דער הויפט־טייל פון אָט דעם בוך איז געווידמעט זײַן רײַזע איבער פססר אין 1958. דאָס בוך איז געווען אן עמעסע „אָדע דעם מענטשן”, ווי די אמעריקאנער פראָגרעסיווע פרעסע האָט זיך אויסגעדריקט. אין 1962 איז פארעפנטלעכט געוואָרן קענטס ווערק „דאָס גרענלאנדישע טאָגבוך”, וואָס איז רײַך איליוסטרירט מיט זײַנע אייגענע צייכענונגען. ר. קענט האָט געשריבן: „איך האָב שטענדיק געהאט אידייען פאר בילדער און אידייען אף אויסדריקן זיי מיט ווערטער. איך בין פונקט אזא שרײַבער, ווי א קינסטלער”.

ר. קענט איז געווען א מוטיקער קעמפער פאר שאָלעם — פאָרזיצער פונעם נאציאָנאלן קאָמיטעט פון אמעריקאניש־סאָוועטישער פרײַנטשאפט.

ראָקוועל קענט איז געשטאָרבן אין 1971.

**СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)**

**Ежемесячный литературно-художественный журнал**

**Орган Союза писателей СССР**

*(На еврейском языке)*

**Издается с 1961 г.**

**Издательство «Советский писатель»**

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон, М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Мальтинский, Х. Меламуд, Б. Миллер, С. Фрай.**

Ответственный секретарь И. Чичельницкий.

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректор И. Гегерман

Подписано к печати 18/VII 1972 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1484.

Ордена Трудового Красного Знамени
Московская типография № 7 «Искра революции»
Главполиграфпрома Комитета по печати
при Совете Министров СССР
г. Москва, пер. Аксакова, 13

Цена 50 коп.

70821

# СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

# СОВЕТСКАЯ РОДИНА

## № 8

1972

**В НОМЕРЕ:**


М. Кобрянский. Глава семьи (пьеса).

**Из современной израильской литературы.** Обзорная статья Р. Левин; стихи А. Декер, И. Амихай, А. Халфи, М. Визилтир, Э. Айзикович, М. Барзилай, А. Гильбоа, Я. Ротблит, А. Нойф, А. Элдан, И. Гефен, Эйби, Х. Левин; рассказы М. Ави-Шаул, А. Оз, Е. Шпигель, И. Орпаз.

Ш. Гордон. Гололед (рассказ. Окончание).

**Стихи** А. Гонтаря, М. Грубиана, М. Альтмана.

**Трибуна жизни.** Х. Меламуд. Нарисуй портрет своего деда...

**Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства**

А. Вергелис. Еврейская литература не должна служить полем для холодной войны.

Ю. Герчук. Творческий путь художника Меера Аксельрода.

Краткие рецензии. Хроника. Разное. Из нашего фотоархива. Заметки на календаре.